боеприпа́сы *мн.* שי́סווארג ז, שי́סמאטעריאלן מצ.

боеспосо́бн‖ость *ж* שלא́כטפעי́קײַט װ; ~ый שלא́כטפעי́קער

бое́ц *м* 1. *(воин)* שלא́כטמאן מ (מצ. שלא́כטלײַט); 2. *(рядовой)* סאָלדא́ט מ ־ן

бо́же!: ~ мой! גאָ́טעניו!, גאָט מײַנער!

боже́ственный גע́טלעכער

божество́ *с* גאָ́טהײַט װ

бо́ж‖ий: я́сно как ~ий день קלאָר ווי דער טאָג; ка́ждый ~ий день טאָג־אוי́ס, טאָג־אײַן; ◇ ~ья коро́вка זו́ן־קי́עלע ז ־ך

божи́ться *несов.* שווערן* זיך (בא גאָט)

божо́к *м* אָ́פגאָטל ז ־עך, געצל ז ־עך

бой *м* 1. *(битва)* שלאכט װ ־ן; иду́т бой ס׳גייען (אָן) שלאכטן; возду́шный ~ די שלאכט אינדערלופטן, לופט־שלאכט װ ־ן; 2. *(состязание, борьба)* גע́פעכט ז; 3. *охот.* *(промысел)* געיע́ג ז (אף); 4. *собир.* *(разбитые предметы)* ברוך מ, ברו́כווארג ז; 5.: ~ часо́в דאָס שלאָגן פו́נעם זייגער; бараба́нный ~ געפויקערײַ ז, פו́יקן־קלאפערײַ װ; ◇ го́род был взят с бо́ю די שטאָט האָט מען פארנו́מען אין שלאכט [נאָך א שלאכט]; места́ брали́сь с бо́ю מ׳האָט זיך געשלאָגן פאר פארכא́פן אן אָרט; бить сме́ртным бо́ем שלאָגן* [מיימעסן] ביז צום [ביז אף] טויט

бо́й-ба́ба *ж разг.* א ווײַבל א קאָזאק [א ברען]

бо́йк‖ий 1. *(решительный, смелый)* בראווער, דרייסטער; 2. *(живой, быстрый)* לע́בעדיקער; זשוואווע(ר) *тж. неизм.*, פליי́נקער; 3. *(оживлённый)* באלע́בטער, לע́בהאפט(יק)ער; ~ое ме́сто א באלע́בט אָרט; ◇ ~ое перо́ א פליינקע פען; ~ий на язы́к א געשלי́פן צינגל

бойко́т *м* בויקאָט מ; ~и́ровать *несов.* בויקאָטי́רן

бойни́ца *ж* אמבראזו́ר װ ־ן, שי́סלאָך װ (מצ. שי́סלעכער)

бо́йня *ж* 1. בוי́נע װ ־ס, שע́כטהויז ז (מצ. ··הײַזער); 2. *перен.* שכי́טע װ, בלו́טבאָד װ

бок *м* זײַט װ ־ן; воро́чаться с ~у на́ ~ קע́רעווען

זיך פון איין זײַט אף דער אַנדערער, ניט קאָנען* אײַנליגן; ◇ пóд ~ом זייער נאָענט, אונטער דער נאָז; ~ ó ~ 1) (*рядом*) זײַט בא זײַט; 2) (*вместе*) האנט בא האנט

бокáл *м* באָקאַל מ ־ן, בעכער מ ־ס; קאָס מ (מצ. קויסעס)

боков||óй זײַטיקער, זײַט־; ~óй кармáн א זײַטיקע קעשענע, זײַט־קעשענע וו ־ס; ~áя аллéя א זײַטיקע אַליי(ע)

бóком *нареч.* מיט א זײַט; стоя́ть к *кому́-л.* ~ שטיין* מיט א זײַט צו עמעצן

бокс *м спорт.* באָקס מ

боксёр *м* באָקסער מ ־ן, באָקסיאָר מ ־ן; ~**ский** באָקסיאָרישער, באָקסיאָר(ן)־; ~ская перчáтка באָקסיאָר(ן)־הענטשקע וו ־ס

боксúт *м мин.* באָקסיט מ ־ן

болвáн *м бран.* באָלוואַן מ ־עס, באַמאַז מ ־ן

болвáнка *ж* באָלוואַנקע וו ־ס; (*деревянная тж.*) קלאָץ מ (מצ. קלעצער)

болгáр||ин *м* בולגאַר מ ־ן; ~**ка** *ж* בולגאַרקע וו ־ס; ~**ский** בולגאַרישער; ~ский язы́к די בולגאַרישע שפּראַך, בולגאַריש ז

бóлее *нареч.* מער; ◇ ~ или мéнее מער אָדער ווייניקער, מער־ווייניקער; не ~ (и) не мéнее как ... ניט מער און ניט ווייניקער, ווי...; ניט אַנדערש, ווי...; ~ тогó נאָך מער; тем ~, что... ביפראַט, נאָך, אַז...; ווער שמועסט, אַז...

болéзненн||ый 1. (*нездоровый*) קרענקלעכער; ~ый вид א קרענקלעך אויסזען, אן אויסזען פון א קראַנקן; 2. (*причиняющий боль*) שמערצלעכער, ווייטיקדיקער; 3. (*чрезмерный*) קרענקלעכער; ~ое самолю́бие קרענקלעכע אײגנליבע [זעלבסטליבע]

болéзнь *ж* קראַנק(ה)ײַט וו ־ן, קרענק וו =, שלאַפקײַט וו ־ן; ~ сéрдца האַרץ־קראַנקהײַט וו ־ן

болéльщик *м разг.* ספּאָרטפרײַנט מ =

болéть¹ *несов.* 1. (*быть больным*) קרענקען, זײַן* קראַנק [שלאַף]; ~ гри́ппом זײַן* שלאַף אף גריפּ; ~ кóрью מאָזלען; 2. (*сочувствовать, сопереживать*) שטאַרק נעמען* זיך צום האַרצן, איבערלעבן; 3. (за *вин.*, о *предл.*) ווייטיקן (פאַר); ~ за успéх óпыта ווייטיקן פאַרן דערפאָלג פונעם עקספּערימענט; 4. *разг.* (*за спортивную команду и т.п.*) זײַן* א (ספּאָרט)פרײַנט (פון); ◇ он за всё болéет душóй אַלצדינג קאָסט אים געזונט

болéть² *несов.* (*о части тела*) טאָן* וויי; что у вас боли́т? וואָס טוט אײַך וויי!; у меня́ боли́т головá ס'טוט מיר וויי דער קאָפּ; ◇ у меня́ душá боли́т ס'קאָסט מיך געזונט

болеутоля́ющий ווייטיק־שטילנדיקער

болóнья *ж* 1. *текст.* באַלאָניע וו, באַלאָניע־צײַג ז; 2. *разг.* (*плащ*) באַלאָניע־רעגנמאַנטל מ ־ען

болóт||истый זומפּיקער; ~истая мéстность א זומפּיקע געגנט; ~**ный** זומפּ־; ~ная пти́ца זומפּפויגל מ (מצ. ..פייגל, ..פויגלען); ◇ ~ный газ מעטאַן מ

болóто *с* זומפּ מ ־ן; *перен.* געמויזעכץ ז

болт *м тех.* באָלץ מ ־ן; *разг.* באָלט מ ־ן

болтáть¹ *несов.* 1. שאָקלען; ~ ногáми שאָקלען מיט די פיס; 2. *разг.* (*взбалтывать*) בויטען, קאַלויצען

болтáть² *несов. разг.* 1. גלאַט אזוי רעדן* [שמועסן]; ~ глу́пости רעדן* נאַרישקײַטן; 2. (*лепетать*) באַלאַבאָטשען, לעפּעטשען; 3. (*проговариваться*) אויספּלאַפּלען; 4. (*бегло говорить*) רעדן* געשליפן [גלאַט, פרײַ]; ~**ся** *разг. несов.* 1. באַמבלען זיך; (*о жидкости*) בויטען זיך; 2. (*о широкой одежде*) הענגען*; 3. (*слоняться*) אַרומגיין* ליידיק

болтли́вость *ж* באַריידעוודיקײַט וו

болтли́в||ый באַריידעוודיקער (צו); он стрáшно ~ ער איז א פּלוידערזאַק [א צעפּויקער]; ער האָט נײַן מאָס רייד

болтовня́ *ж разг.* פּלוידערײַ וו, פּלאַפּלערײַ וו

болту́н *м разг.* פּלאַפּלער מ =, פּלוידערזאַק מ (מצ. ...זעק); ~**ья** *ж* פּלאַפּלערקע וו ־ס, פּלאַפּלערן וו ־ס, פּלוידערזאַק מ (מצ. ...זעק)

боль *ж* ווייטיק מ; головнáя ~ קאָפּווייטיק מ; причини́ть ~ *кому́-л.* פאַרשאַפן* עמעצן ווייטיק; мне до бóли жáлко егó ס'רײַסט מיר אף אים אויס דאָס האַרץ

больни́ца *ж* שפּיטאָל מ ־ן, קראַנקן־הויז ז (מצ. ..הײַזער)

больни́чн||ый שפּיטאָל־; ~ая кóйка שפּיטאָל־בעטל ז ־עך; ◇ ~ый листóк קראַנקן־ביולעטען מ ־ען, קראַנקן־בויגן מ ־ס

бóльно¹ 1. *нареч.* ביז ווייטיק, שמערצלעך; ~ удáриться דערלאַנגען זיך (א קלאַפּ) ביז ווייטיק; 2. *в знач. сказ. безл.* (ס')טוט וויי; ~ ви́деть, как он страдáет ס'איז פײַנלעך [ס'טוט וויי דאָס האַרץ] צוצוזען, וויאַזוי ער לײַדט; ◇ сдéлать *кому́-л.* ~ פאַרשאַפן* עמעצן ווייטיק [יעסורים]

бóльно² *нареч. разг.* (*очень*) שטאַרק, צו; ~ мнóго צו פיל; ~ рáно צו [שטאַרק] פרי

больн||óй 1. קראַנקער, שלאַפער; он бóлен гри́ппом ער איז שלאַף אף גריפּ; ~áя рукá א קראַנקע האנט; ~óе воображéние א קראַנקע פאַנטאַזיע; 2. *в знач. сущ. м* קראַנקער מ ..קע, כוילע מ (מצ. כאַלאָים); ◇ ~óй вопрóс אן אָנגעווייטיקטע [א האַרבע] פראַגע; ~óе мéсто דאָס אָנגעווייטיקטע אָרט; (*уязвимое*) א שוואַך אָרט; свали́ть с ~óй головы́ на здорóвую אַרופוואַרפן* [אַרופלייגן] די באָד אף יענעמס קאָפּ

бóльше 1. *прил.* (*сравн. ст. от* большóй) גרעסער; 2. *нареч.* (*сравн. ст. от* мнóго) מער(ער); (*свыше*) מער (פון), העכער, אַריבער; ~ тóнны א [אַריבער, מער פון] טאָן; не ~ чем ניט מער ווי; как мóжно ~ וואָס מער; в три рáза ~, чем... דרײַ מאָל מער, ווי...; 3. *нареч.* (*с отрицанием*): я ~ не бу́ду! כ'וועל שוין מער ניט!; он там ~ не рабóтает ער אַרבעט שוין ניט דאָרט; ◇ ~ тогó נאָך מער

большев||и́к *м* באָלשעוויק מ ־עס; ~**и́стский** באָלשעוויסטישער; ~**и́чка** *ж* באָלשעוויטשקע וו ־ס

бóльш||ий (*сравн. ст. от* большóй) גרעסערער; с (ещё) ~им усéрдием מיט (נאָך) מער פלײַס; ◇ ~ей чáстью, по ~ей чáсти דערהויפּט, ס'ראָוו, אַמיי(נ)סטן, מיי(נ)סטנס; сáмое ~ее מערסטנס, העכסטנס; ей сáмое ~ее три́дцать лет זי איז אַלט מערסטנס דרײַסיק יאָר; сáмое ~ее, чем он риску́ет... ער ריזיקירט העכסטנס מיט...

большинств||ó *с* מערהײַט וו, דאָסראָוו, ס'ראָוו; в ~é слу́чаев אין דער מערהײַט פאַלן; ~óм голосóв מיט א מערהײַט שטימען; в ~é своём דאָסראָוו

больш||óй 1. גרויסער°; 2. (*значительный*) שטאַרקער; גרויסער° (*с предлогом часто неизм.*); ~óй морóз א גרויסער° [א שטאַרקער] פראָסט; ~óй успéх א גרויסער° דערפאָלג; с ~и́м успéхом מיט גרויס° דערפאָלג; с ~и́м удовóльствием מיט גרויס° פאַרגעניגן; ~óй вы́бор א

גרויסער° אויסוואל; ~ие деньги א סאך [אָן א שיר] געלט, גרויסע געלטער; ◇ ~ая буква א גרויסהאנטיקער אָס; ~ой палец דער גראָבער פי́נגער; Большой театр דער גרוי́סער טעאטער, דער «באָלשאָי»

болячка *ж* (יאָ́טרעדיקע) װונד װ ־ן; *(струп)* סטרופ מ ־עס, ראָץ מ ־ן

бомба *ж* באָמבע װ ־ס; зажигательная ~ צי́נדבאָמבע װ ־ס; фугасная ~ פוגאָ́ס־באָמבע װ ־ס, צעשטע́ר־באָמבע װ ־ס

бомбардировать *несов.* **1.** באָמבארדי́רן; *(с воздуха тж.)* באָמבי́רן; 2. *перен. разг.* פארשי́טן*; ~ *кого-л.* вопросами פארשי́טן* עמעצן מיט פרא́געס; ~ *кого-л.* телеграммами האלטן* אין איין שיקן עמעצן טעלעגרא́מען, ניט אופהערן צו שיקן עמעצן איין טעלעגרא́ם נאָך דער א́נדערער

бомбардиро́в||ка *ж* באָמבארדי́רונג װ, באָמבארדי́רן ז; **~очный** באָמבארדי́ר·; ~очная авиация באָמבארדי́ר־אוויאציע װ; **~щик** *м* באָמבארדי́ר־אעראָפלאן מ ־ען, באָמבארדי́רער מ ־ס

бомбёжка *ж разг.* באָמבי́רונג װ

бомбить *несов. разг.* באָמבי́רן, װארפן* באָמבעס (אף)

бомбоубежище *с* באָמבען־שוצפונקט מ ־ן

бондарь *м* באָנדער מ ־ס

бор¹ *м (лес)* סאָסנע־װאלד מ (מצ. ··װעלדער), יאָדלע־װאלד מ (מצ. ··װעלדער); ◇ с ~у да с сосенки װאָס ניט אי́בערקלײַבנדיק; און פונװאנען ס׳מאכט זיך

бор² *м хим.* באָר מ

бордо¹ *с нескл. (вино)* באָרדאָ́ מ

бордо² *прил. неизм.*: цвета ~ פון באָרדאָ́־קאָליר *после сущ.*, טו́נקל־רויטער

бордюр *м* באָרדיו́ר מ ־ן

борец *м* **1.** קע́מפער מ =; борцы за мир קע́מפער פאר שאָלעם; 2. *спорт.* ראנגלער מ =, רי́נג־קעמפער מ =

боржоми *м и с нескл. (минеральная вода)* באָרזשאָ́ם מ, באָרזשאָ́ם־װאסער װ

борзая *ж* װאָ́לפהונט מ (מצ. ··הינט), כאָרט מ ־ן

бормашина *ж* באָרמאשין װ ־ען

бормотать *несов.* מו́רמלען, מרו́קען, בו́רטשען

борн||ый *хим.* באָרנע *неизм.*, באָר·; ~ая кислота באָר־זויערס ז; באָרנע װ *разг.*

боров¹ *м (мн.* боровы*)* קאסטרי́רטער קאבאָ́ן

боров² *м (мн.* борова*) (печной)* לע́זשען מ ־ס

борода *ж* באָרד װ (מצ. בערד)

бородавка *ж* בראָ́דעווקע װ ־ס, װאָ́רצעלע ז ־ך

бородатый באבע́רדיקטער; מיט א (גרויסער°) באָרד *после сущ.*

бородач *м разг.* א באבע́רדיקטער פארשוי́ן, א מענטש מיט א גרויסער° באָרד

бородка *ж* **1.** בערדל ז ־עך, בע́רדעלע ז ־ך; 2. *(ключа)* צינגל ז ־עך

борозда *ж* **1.** *(на пашне)* א́קערשניט מ =; באָראָ́זדע װ ־ס, באָראָ́זנע װ ־ס *разг.*; 2. *(продольное углубление)* קארב מ ־ן; *(морщина)* קנייטש מ ־ן, רונצל מ ־ען

борозд||ить *несов.* **1.** *(плугом)* באָראָ́זנעווען; 2.: морщины ~или его лоб די קנייטשן [די רונצלען] האָבן צעקאָ́רבט זײַן שטערן; корабли ~ят океан די שיפן שנײַדן דורך דעם אָקעאָ́ן (אין דער לענג און אין דער ברייט)

борона *ж* בראָ́נע װ ־ס, באָראָ́נע װ ־ס

боронить, бороновать *несов.* בראָ́נעווען

бороться *несов.* **1.** באָרען זיך; *спорт.* ראַ́נגלען זיך; 2. *перен.* קעמפן; *(соревноваться тж.)* שלאָגן* זיך; ~ за мир קעמפן פאר שאָלעם

борт *м* **1.** *(судна, самолёта)* באָרט מ ־ן; 2. *(край чего-л.)* קאנט מ ־ן, ברעג מ ־עס, באָרט מ ־ן; 3. *(одежды)* באָרט מ ־ן; *(кузова тж.)* װענטל ז ־עך; ◇ человек за ~ом! ע́מעצער איז אין װאסער [אין יאַם]!; на ~у אף דער שיף; אפן אעראָפלאַ́ן; брать [взять] на ~ ארו́פנעמען* אף דער שיף

борт||журнал *м* באָרט־זשורנאַ́ל מ ־ן; **~инженер** *м* באָרט־אינזשעניע́ר מ ־ן; **~механик** *м* באָרט־מעכאַ́ניקער מ =

бортов||ой באָרט·; ~ая аппаратура באָרט־אפאראטור װ

борт||проводница *ж* באָ́רטווירטן װ ־ס, סטיוארדע́סע װ ־ס; **~радист** *м* באָרט־ראדי́סט מ ־ן

борщ *м* באָרשט(ש) מ

борьб||а *ж* **1.** קאמף מ; גערא́נגל ז *поэт.*; классовая ~а קלא́סן־קאמף מ; вести ~у פירן א קאמף, קעמפן; ~а за мир דער קאמף פאר שאָלעם; ~а за высокое качество продукции דער קאמף פאר הויכער° קוואליטע́ט פון דער פראָדוקציע; ~а с эпидемическими заболеваниями דער קאמף מיט עפידע́מישע קרענק; 2. *спорт.* רינג־קאמף מ, גערא́נגל ז

босиком *нареч. разг.* באָרוועס, באָרוועסהײ́ט

босой באָרוועסער; ◇ на босу ногу אָן זאָקן

босоногий באָרוועסער; מיט באָרוועסע פיס *после сущ.*

босоножки *мн. (ед.* босоножка *ж) (обувь)* באָסאָנאָ́זשקעס מצ., סאנדאלע́טן מצ.

бостон *м* באָסטאָ́ן מ

босяк *м* באָסיא́ק מ ־עס, לומפ מ ־ן

бот *м мор.* שיפל ז ־עך

ботан||ик *м* באָטא́ניקער מ =; **~ика** *ж* באָטא́ניק װ; **~ический** באָטא́נישער; ~ический сад באָטא́נישער גאָרטן

ботва *ж* הו́טשקע װ

ботвинья *ж кул.* באָטווינע װ, באָטש(וו)ענע װ

ботики *мн. (ед.* ботик *м)* באָטיקעס מצ.

ботинок *м* שוך מ (מצ. שיך), שטיבלע́ט מ ־ן

боты *мн. (ед.* бот *м)* באָטן מצ.

боцман *м* באָצמאן מ ־עס

бочка *ж* **1.** פאס װ (מצ. פע́סער); *(для горючего тж.)* טון װ ־ען; *(небольшая)* פעסל ז ־עך; 2. *ав.* פאס־פיגור װ

бочком *нареч.*: пробираться ~ דו́רכשלײַכן* זיך מיט א זײַטל

бочонок *м* פע́סעלע ז ־ך; בארי́לכל ז ־עך

боязлив||ость *ж* שרע́קע(וו)דיקײט װ, פאכדאָ́נעס ז; **~ый** פאכדאָ́נעסדיקער, פאכדאָ́נישער; *(о человеке тж.)* שרע́קע(וו)דיקער

боязн||ь *ж* מו́ירע װ, שרעק מ; из ~и ошибиться אויס מו́ירע פאר א טאָעס, מו́ירע האָבנדיק מאכן א פע́לער

боярин *м ист.* באָיא́ר מ ־ן

боярышник *м бот.* װײַסדאָרן מ, שפי́צדאָרן מ

бояться *несов.* **1.** מו́ירע האָבן*; *(род.)* שרעקן* זיך (פאר), מו́ירע האָבן* (פאר); боюсь тебе надоесть כ׳האָב מו́ירע, איך זאָל דיר ניט דערע́סן [ניט ני́מעס ווערן]; 2. *(не выносить)* ניט פארלײַ́דן*, מו́ירע האָבן*; эти растения боятся холода אָט די געווי́קסן פארלײַדן ניט קיין קעלט, אָט די געווי́קסן האָבן מו́ירע פאר קעלט

бра *с нескл.* וואנטלײַכטער מ ־ס, ברא מ ־ען

брава́да *ж* בראווירונג װ, בראוואדע װ

брави́ровать *несов.* בראווירן, ארויסשטעלן זיך (פאר א בראוון מאן); ~ опа́сностью מאכן צו נישט די געפאר, קאָקעטירן מיט דער געפאר

бра́в||о *межд.* בראוואָ!; ~у́рный האָפערדיקער, בראווּרי•; ~у́рная му́зыка האָפערדיקע מוזיק, בראווּר־מוזיק װ

бра́вый בראווער, ווויליונגערישער

бра́га *ж* בראהע װ

бразды́ *мн.*: ~ правле́ния די לײַצן פון דער מאכט, מאכטלײצן מצ.

брази́лец *м* = בראזיליער מ

брази́ль||ский בראזיליער *неизм.*; ~я́нка *ж* בראזיליערן װ ־ס

брак¹ *м* פארהײראטונג װ, הײראט מ; нера́вный ~ ניט קיין גלײַכער זיווג; они́ состоя́т в ~е זיי זײַנען מאן־און־ווײַב; вступи́ть в ~ כאסענע האָבן*; расто́ргнуть ~ געטן זיך

брак² *м* 1. (*недоброкачественные изделия*) בראק מ; פסוילעס ז; 2. (*изъян*) דעפעקט מ ־ן; כיסאָרן מ (מצ. כעסרוינעס)

брако́ванный מיט א כיסאָרן, מיט א דעפעקט *после сущ.*

бракова́ть *несов.* בראקירן, בראקעווען; (*отвергать*) אָפּווארפן*, ניט אָנעמען*

брако́вщик *м* = בראקירער מ

бракоде́л *м* = בראקמאכער מ

браконье́р *м* בראקאָניער מ ־ן; ~ство *с* בראקאָניערײַ װ

бракоразво́дн||ый געט•; ~ое де́ло *юр.* געט־איניען מ (מצ. ··איניאָנים)

бракосочета́ни||е *с* פארהײראטונג װ; ◇ дворе́ц ~й הײראטן־פאלאץ מ ־ן

брандспо́йт *м* בראנדספויט מ ־ן; (*насос*) פײַערלעשער־פאָמפע װ ־ס

брани́ть *несов.* זידלען, טאדלען; ~ся *несов.* 1. (*ссориться*) קריגן זיך; 2. (*ругаться*) זידלען זיך; ◇ ми́лые браня́тся — то́лько те́шатся זיי שפילן אין בארויגעזולעך

бра́нн||ый זידל•; ~ые слова́ זידל־ווערטער מצ.

брань¹ *ж* (*ругань*) זידלערײַ װ, זידלעניש ז

бран||ь² *ж*: по́ле ~и *высок.* שלאכטפעלד ז (מצ. ··פעלדער)

брасле́т *м* בראסלעט מ ־ן, אָרעמבאנד מ (מצ. ··בענדער)

брасс *м спорт.* בראס מ, בראס־סטיל מ; плыть ~ом שווימען* אין בראס־סטיל

брат *м* 1. ברודער מ (מצ. ברידער); 2. (*фамильярное обращение*) ברודערקע מ, ברודער־לעבן מ; ◇ ваш ~ писа́тель привы́к... איר, שרײַבער, זײַט געוווינט···; наш ~ стари́к מיר, זקיינים; свой ~ אן אונדזעריקער; по рублю́ на ~а צו איין רובל אף יעדן איינעם

брата́||ние *с* ברידערונג װ, דאָס ברידערן זיך; ~ться *несов.* ברידערן זיך

бра́т||ец *м* 1. *ласк.* ברודערוניו מ; 2. *см.* брат 2; ◇ ~цы! כאווײרים!

брати́шка *м* 1. *ласк. см.* бра́тец 1; 2. (*маленький брат*) ברודערל ז (מצ. ברידערלעך)

братоуби́йств||енный: ~енная война́ ברודערמערדערישער קריג; ~о *с* ברודער־מאָרד מ

бра́тск||ий ברידערלעכער, ברידער•; ~ое сотру́дничество ברידערלעכע מיטארבעט; ~ие коммунисти́ческие и рабо́чие па́ртии די ברידערלעכע קאָמוניסטישע און ארבעטער־פארטייען; ◇ ~ая моги́ла ברידער־קייווער מ (מצ. ··קוואָרים)

бра́тство *с* ברידערלעכקייט װ, ברודערשאפט װ; ~ наро́дов פעלקער־ברודערשאפט װ, ברידערלעכקייט פון [צווישן] פעלקער

брать *несов.* 1. נעמען*; ~ рука́ми נעמען* מיט די הענט; ~ дете́й с собо́й נעמען* די קינדער מיט זיך; ~ такси́ נעמען* א טאקסי; ~ биле́ты в теа́тр נעמען* בילעטן אין טעאטער; 2. (*взимать*) נעמען*; ~ нало́ги נעמען* [אופמאָנען] שטײַערן; ~ до́рого נעמען* טײַער; ~ сло́во с *кого-л.* נעמען* בא עמעצן דאָס וואָרט; 3. (*завладевать*) נעמען*; (*город и т. п. тж.*) אײַננעמען*; ~ шту́рмом נעמען* אין א שטורעם־אטאקע; ~ в плен נעמען* געפאנגען [אין געפאנגענשאפט]; 4. (*овладевать*) אָנכאפן, באהערשן; меня́ злость берёт ס׳כאפט מיך אָן א פארדראָס, ס׳ברענגט מיך ארײַן אין קאס; меня́ берёт сомне́ние כ׳פאל ארײַן אין א סאָפעק, כ׳הייב (שטארק) אָן צווייפלען; 5. (*добиваться чем-л.*) דערשלאָגן* זיך זײַנס (מיט), נעמען*; он берёт упо́рством ער דערשלאָגט זיך זײַנס [ער נעמט] מיט זײַן אײַנגעשפארטקייט; 6. (*отнимать*) אָפנעמען*; э́та рабо́та брала́ мно́го вре́мени אָט די ארבעט פלעגט אָפנעמען א סאך צײַט; 7. (*принимать направление*) *разг.* נעמען* זיך, פארקערעווען; бери́ леве́й פארקערעווע [נעם זיך] אף לינקס; 8. (*временно пользоваться*): ~ в долг בארגן*, נעמען* אף בארג; ~ взаймы́ у кого́-л. (אנט)לײַען* בא עמעצן; ~ напрока́т נעמען* אף פראָקאָט, נעמען* פאר [אף] ניצגעלט; 9.: ~ сло́во (*на собрании*) נעמען* א וואָרט; ~ под защи́ту נעמען* אונטערן שוץ; ◇ ~ нача́ло (*о реке*) אָנהייבן* זיך; *перен.* ציען* דעם שטאם; ~ приме́р с *кого-л.* אראָפנעמען* זיך א בײַשפיל פון עמעצן; ~ на себя́ отве́тственность за *что-л.* נעמען* אף זיך די פאראנטוואָרטלעכקייט [דאָס אכרײַעס] פאר עפעס; ~ себя́ в ру́ки נעמען* זיך אין די הענט; го́ды беру́т своё די יאָרן לאָזן זיך פילן

бра́ться *несов.* 1. (за *вин.*; *рукой*) אָנעמען* זיך (פאר); 2. (за *вин.*; *приниматься*) נעמען* זיך (פאר); ~ за де́ло נעמען* זיך פאר דער ארבעט; ~ за ору́жие נעמען* זיך צום וואָפן; ~ за составле́ние пла́на נעמען* זיך צונויפשטעלן דעם פלאן; 3. (*обязываться*) (אונטער)נעמען* זיך; он берётся вы́полнить э́ту рабо́ту в три дня ער נעמט זיך (אונטער) אויספילן אָט די ארבעט אין דרײַ טעג; 4.: отку́да у него́ беру́тся си́лы? פונוואנען נעמען זיך צו אים אזויפיל קויכעס?; ◇ ~ за ум נעמען* זיך [קומען*] צום סייכל

бра́чный הײראט•; ~ сою́з הײראט־בונד מ

бреве́нчатый באלקן•; פון באלקנס, פון בערוונעס *после сущ.*; ~ до́мик א שטיבעלע פון בערוונעס

бревно́ *с* 1. קלאָץ מ (מצ. קלעצער); בערוונע װ ־ס; (*обтёсанное*) באלקן מ ־ס; 2. (*гимнастический снаряд*) בום מ ־ען; 3. *разг.* (*о человеке*) קלאָץ מ, א שטיק האָלץ

бред *м* 1. דאָס רעדן פון היץ; у больно́го ~ דער קראנקער רעדט פון היץ; 2. *разг.* (*бессмыслица*) אומזין מ

бре́д||ить *несов.* 1. (*о больном*) רעדן* פון היץ; (*во сне*) רעדן* פונעם שלאָף; 2. (*тв.*) זײַן* פארכאפט (פון), טראכטן נאָר (וועגן); он ~ит теа́тром ס׳ליגט אים אין קאָפ נאָר טעאטער

бре́дни *мн.* (פוסטע) כאלוימעס; *(речи)* פלוידערײַ װ

бредов||о́й 1.: ~о́е состоя́ние פאַרטראָגנקייט װ; ~ые виде́ния קראַנקן־וויזיעס מצ., האַליוציִנאַציעס מצ.; 2. *(нелепый)* אומזיניקער; פאַנטאַסטישער, ווילדער; ~а́я мысль א ווילדער [א מעשוגענער] געדאַנק

бредо́вый *разг. см.* бредово́й

бре́зг||ать *несов.* 1. *(тв.)* מיִעסן זיך (פון); 2. *перен.:* он не ~ает никако́й рабо́той ער שעמט זיך ניט [ס'שטייט אים אָן] צו פאַרנעמען זיך מיט וואָסערער ס'זאָל ניט זײַן אַרבעט; он не ~ает никаки́ми сре́дствами ער קלײַבט ניט איבער קיין מיטלען, ס'זײַנען בא אים רעכט [גוט, קאָשער] אַלע מיטלען

брезгли́в||ость *ж* דאָס מיִעסן זיך; *(отвращение)* עקל מ, עקל־געפיל ז; **~ый:** ~ый челове́к א מעפונעק (מצ. מעפונאָקים); א מענטש, וואָס מיִעסט זיך; ~ое чу́вство עקל־געפיל ז; сде́лать ~ую ми́ну פאַרקרימען זיך

брезе́нт *м* ברעזענט מ; **~овый** ברעזענטענער

бре́зж||ить *несов.* 1. *(об огоньке, свете)* גלימערן; ~ит рассве́т ס'הייבט אָן שאַריִען אַף טאָג; 2. *безл.* *(светать):* чуть ~ило קוים וואָס ס'האָט אָנגעהויבן שאַריִען אַף טאָג

брело́к *м* ברעלאָק מ ־ן, באָמבערל ז ־עך

бре́м||я *с* לאַסט װ; ~я лет די לאַסט פון די יאָרן; ◇ разреши́ться от ~ени האָבן* (א קינד), געבוירן*; געלעגן ווערן*

бре́нн||ый פאַרגענגלעכער; ~ые оста́нки דאָס אירדישע געביין

бренча́ть *несов.* 1. קלימפערן, קלינגלען; 2. *(на струнном инструменте) разг.* (ג)רימפלען, ריפען

брести́ *несов.* שלעפן זיך

брете́льки *мн.* *(ед.* брете́лька *ж)* ארופציִערס מצ.; ברעטעלקעס מצ. *разг.*

брешь *ж* דורכברוך מ ־ן, ברעש װ ־ן; ◇ проби́ть ~ דורכברעכן*; מאכן א (היפשע) לאָך (אין)

бре́ющ||ий: ~ий полёт *ав.* נידערפלוג מ; на ~ем полёте אין נידערפלוג

брига́д||а *ж* בריגאַדע װ ־ס; ~а коммунисти́ческого труда́ בריגאַדע פון קאָמוניסטישער אַרבעט [מי]; ~и́р *м* בריגאַדיר מ ־ן

бриз *м (ветер)* בריז מ ־ן

брике́т *м* בריקעט מ ־ן

бриллиа́нт *м* בריליאַנט מ ־ן; **~овый 1.** בריליאַנטן־; ~овый блеск בריליאַנטן־גלאַנץ מ; 2. *(об изделиях)* בריליאַנטענער; מיט א בריליאַנט, מיט בריליאַנטן *после сущ.*; ~овый пе́рстень א פינגערל מיט א בריליאַנט [מיט בריליאַנטן]; ~овое ожере́лье א בריליאַנטענער האַלדזבאַנד

брилья́нт *см.* бриллиа́нт; **~овый** *см.* бриллиа́нтовый

брита́н||ец *м* בריטאַניער מ =; **~ский** בריטאַנישער

бри́тва *ж* גאָלמעסער ז ־ס, ראַזיר־מעסער ז ־ס; электри́ческая ~ אן עלעקטריש גאָלמעסער

бри́твенный גאָל־, ראַזיר־; ~ прибо́р גאָל־מאַכשירים מצ.

бри́тый געגאָלטער, ראַזירטער; *(о голове)* אָפגעגאָלטער

брить *несов.* גאָלן, ראַזירן

бритьё *с* דאָס גאָלן זיך, דאָס ראַזירן זיך; *(кого-л., чего-л.)* גאָלן ז, ראַזירן ז

бри́ться *несов.* גאָלן זיך, ראַזירן זיך

бров||ь *ж* ברעם װ ־ען; хму́рить ~и אָנכמורען די ברעמען; ◇ не в ~ь, а (пря́мо) в глаз אין סאַמע פינטל אַרײַן, אין קארב אַרײַן

брод *м* טײַך־דורכגאַנג מ; בראָד מ *разг.*; ◇ не зна́я ~у, не су́йся в во́ду ≅ פריִער וועגן און דערנאָך זיך דערוועגן

броди́||ть¹ *несов.* 1. אומשלעפן זיך, אומבלאָנקען; 2. *перен.* אומשוועבן; по лицу́ его́ ~ла улы́бка איבער זײַן געזיכט האָט אומגעשוועבט א שמייכל; ◇ ~ть в потёмках טאַפן אין דער פינצטער

броди́ть² *несов.* *(подвергаться брожению)* יוירן*

бродя́га *м* וואַגאַבונד מ ־ן, וואָגלער מ =; בראָדיאַגע מ ־ס *разг.*; *(нищий)* שלעפער מ =; *(любитель странствовать)* וואַנדערפויגל מ (מצ. ··פייגל)

бродя́жнич||ать *несов.* זײַן* א וואַגאַבונד, פירן א וואַגאַבונדיש לעבן; בראָדיאַגעווען *разг.*; *(не иметь постоянного местожительства)* זײַן* נאַווענאַד, אומוואָגלען; ~ество *с* א וואַגאַבונדיש לעבן, בראָדיאַגע־לעבן ז

бродя́ч||ий וואַנדער־, וואַנדערנדיקער; ~ая тру́ппа וואַנדער־טרופע װ ־ס; ~ий актёр וואַנדערנדיקער אַקטיאָר; ~ая соба́ка העפקער־הונט מ (מצ. ··הינט), א בלאָנקענדיקער הונט

броже́ние *с* 1. יוירונג װ; 2. *перен.* אופרעגונג װ, אופרודערונג װ; ~ умо́в די ברויזונג פון (די) מויכעס

бром *м хим., фарм.* בראָם מ

бронебо́йный פאַנצערברעכנדיקער

броневи́к *м* פאַנצער־אויטאָמאָביל מ ־ן, בראָנעוויק מ ־עס

бронево́й פאַנצער־; *(покрытый бронёй)* געפאַנצערטער

броне||но́сец *м* פאַנצערשיף װ ־ן; ~по́езд *м* פאַנצערצוג מ ־ן

бронета́нков||ый: ~ые войска́ פאַנצערטיילן מצ., פאַנצערטרופן מצ.

бронетранспортёр *м* פאַנצער־טראַנספּאָרטירער מ ־ס

бро́нз||а *ж* בראָנ(ד)ז װ; **~овый 1.** בראָנ(ד)זענער; פון בראָנ(ד)ז *после сущ.*; 2. *(о цвете)* פון בראָנ(ד)ז־קאָליר *после сущ.*; ◇ ~овый век בראָנ(ד)ז־טקופע װ

брониро́ванный געפאַנצערטער

брони́ровать *сов. и несов.* *(места́ и т. п.)* פאַרבראָנירן, רעזערווירן; *(жилплощадь)* פאַרבראָנירן, פאַרפעסטיקן

бронирова́ть *сов. и несов.* (פאַר)פאַנצערן

бро́нхи *мн.* *(ед.* бронх *м) анат.* בראָנכעס מצ., בראָנכן מצ.

бронхиа́льный בראָנכן־, בראָנכיאַלער

бронхи́т *м мед.* בראָנכיט מ

бро́ня *ж* בראָניע װ; *(документ)* בראָניר־שײַן מ ־ען

броня́ *ж* פאַנצערונג װ

броса́ть *несов.* 1. וואַרפן*; ~ грана́ту וואַרפן* א גראַנאַטע; ~ снежки́, снежка́ми וואַרפן* שנייבאַלן [שניי־גאָמלקעס]; ~ ре́плики וואַרפן* רעפליקעס; 2. *(сверху, с высоты)* אַראָפוואַרפן*; *(в глубину)* פאַרוואַרפן*; ~ не́вод פאַרוואַרפן* דעם וואָלעק [די נעץ]; ~ я́корь אַנקערן; *перен.* צושטיין* צו א ברעג; 3. *обычно безл.:* су́дно броса́ло из стороны́ в сто́рону ס'האָט געוואָרפן די שיף אַהין און אַהער; ס'האָט געוואָרפן די שיף פון איין זײַט אין דער אַנדערער; 4. *(быстро перемещать)* וואַרפן*, שיקן; ~ войска́ в бой וואַרפן* [שיקן] די מיליטער־טיילן אין שלאַכט; 5.: ~ свет на *что-л.* וואַרפן* א שײַן אַף עפעס; *перен. тж.* אופדעקן עפעס, קלאָר מאַכן עפעס; ~ тень на *кого-л.*, на *что-л. прям. и перен.* וואַרפן* א שאָטן אַף עמעצן, אַף עפעס; ~ лучи́ וואַרפן* [שיקן] שטראַלן; 6. *(выкидывать)* אַוועקוואַרפן*; 7. *(небрежно класть)* שלײַ-

דערן; 8. (*покидать*) פארלאָזן*; (*жену*) אווע́קווארפן*; ~ дрýга в бедé (איבער)לאָזן* אליין דעם פרײַנט אין נויט; 9. (*прекращать*) אווע́קווארפן*; + *инф.* אופהערן; ~ учёбу אווע́קווארפן* די לער [דאָס לע́רנען]; ~ курúть אופהערן רייכערן; 10. *безл.*: егó бросáло в жар и в хóлод ס'האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט; егó бросáет в дрожь ס'כאפט אים אָן א ציטער; ◇ ~ дéньги [деньгáми] טרע́נצלען מיט געלט; ~ орýжие (אווע́ק)ווארפן* דאָס געווע́ר; ~ся *несов.* 1. (*чем-л.*) ווארפן* זיך (מיט); ווארפן* איינער אפן אַנדערן; 2. (*устремляться*) לאָזן* זיך; ווארפן* זיך; ~ся на пóмощь, помогáть לאָזן* זיך [ווארפן* זיך] צו הילף, העלפן*; ~ся на колéни ווארפן* זיך צו [אף] די קני; ~ся в вóду ארײַנווארפן* זיך [ארײַנשפרינגען*] אין וואסער (ארײַן); 3. (*нападать*) ארו́פווארפן* זיך; ◇ ~ся деньгáми טרע́נצלען מיט געלט; ~ся в глазá ווארפן* זיך אין די אויגן

брóсить *сов.* 1. *см.* бросáть 2, 4, 6, 8, 9; 2. *см.* бросáть 1; *однокр. тж.* א וואָרף טאָן*; 3. *обычно безл.*: машúну рéзко брóсило в стóрону ס'האָט מיטאמאָל א וואָרף געטאָן די מאשי́ן אין א זײַט; 4.: ~ взор ווארפן* [א וואָרף טאָן] א בליק, כאפן א קוק; 5. *безл.*: егó брóсило в дрожь ער האָט אָנגעהויבן ציטערן; 6. *разг.*: брóсь(те)! הער(ט) אוף!; ~ся *сов.* 1. *см.* бросáться 2; *однокр. тж.* א וואָרף טאָן* זיך; א לאָז טאָן* זיך; в изнеможéнии ~ся на постéль צו́פאלן* אָן קוי́כעס צום געלע́גער; 2. *см.* бросáться 3; ◇ кровь брóсилась емý в лицó ס'איז אים ארײַן דאָס בלוט אין פּאָנעם

брóск||ий אָנזעעוודיקער (שטארק); וואָס ווארפט זיך אין די אויגן *после сущ.*; ~ая красотá א בלע́נדנדיקע [דאָס אויג פארכאַ́פנדיקע] שיינקייט

брóсов||ый *разг.* אָפּפאל־; ~ый товáр אָפּפאל־סכוירע װ; ◇ ~ые цéны פרײַזן אף צו דערלייגן; ~ый э́кспорт דע́מפינג מ

бросóк *м* 1. שלײַדער מ, וואָרף מ; 2. (*стремительное движение*) (איבער)שפרונג מ ־ען; *воен.* האַסטיקער מארש

брóшка *ж*, **брошь** *ж* בראָש װ ־ן, בראָשקע װ ־ס

брошю́р||а *ж* בראָשו́ר װ ־ן; ~овáть *несов.* בראָשי́רן; ~óвщик *м* בראָשי́רער מ =

брус *м* 1. ברוס מ ־ן; (*бревно*) באלקן מ ־ס; (*металлический*) צאנקן מ ־ס

брусни́ка *ж* 1. (*растение*) ברו́סניצע װ; 2. (*отдельная ягода*) ברי́סלענע װ ־ס; *собир.* ברי́סלענעס מצ.

брусни́чн||ый ברי́סלענעס־; פון ברי́סלענעס *после сущ.*; ~ое варéнье ברי́סלענעס־אײַנגעמאכטס ז

брусóк *м* 1. בריסל ז ־עך, פרענטל ז; ~ мы́ла א פאס זייף; 2. (*точильный*) שארפשטיין מ ־ער, שלײַפשטיין מ ־ער

брýтто *неизм. прил. и нареч.* ברו́טאָ; вес ~ די וואָג ברו́טאָ, די ברו́טאָ־וואָג

брызгать *несов.* 1. *прям. и перен.* שפריצן; ~ слюнóй שפריצן מיט סלי́נע; из-под крáна брызжет водá פון אונטערן קראַנ(ט) שפריצט דאָס וואסער; рáдость брызжет из её глаз ס'שפריצט מיט פרייד פון אי́רע אויגן; 2. (*опрыскивать*) באשפריצן, באשפרע́נקלען; (на *вин.*) אָפשפריצן, שפריצן (אף); ~ся *несов.* 1. (*чем-л.*) שפריצן (מיט); 2. (*друг на друга*) באשפריצן איינער דעם אַנדערן, שפריצן איינער אפן אַנדערן

брызги *мн.* 1. שפרי́צטראָפנס מצ.; 2. (*осколки*) שפליטער־ברעקלעך מצ.

брызн||уть *сов.* 1. א שפריץ טאָן*; 2. (*хлынуть*) זיך א גאָס טאָן* (מיטאמאָל); ~ул дождь ס'האָט (מיטאמאָל) א גאָס געטאָן א רעגן; слёзы ~ули у неё из глаз ס'האָבן א גאָס געטאָן טרערן פון אי́רע אויגן

брыкáть(ся) *несов.* (*о лошади*) ברי́קעווען; (*дрыгать ногами*) דרי́גען

брынза *ж* ברי́נ(ד)זע װ, שאָפנקעז מ

брысь *межд.* אקאָטא!

брюзг||á 1. *м* וואָרטשו́ן מ ־עס, בו́רטשער מ =; 2. *ж* וואָרטשערן װ ־ס, בו́רטשערן װ ־ס

брюзгли́вый וואָרטשענדיקער, בו́רטשענדיקער; ~ человéк וואָרטשו́ן מ ־עס, בו́רטשער מ =

брюзжáть *несов.* וואָרטשען, בו́רטשען

брю́ква *ж* ברו́קווע װ

брю́ки *мн.* הויזן מצ.; פלו́דערן מצ. *разг.*

брюнéт *м* ברונע́ט מ ־ן; ~ка *ж* ברונע́טקע װ ־ס

брю́хо *с* 1. (*животного*) בויך מ (מצ. בײַכער); 2. *груб.* טרע́לבויך מ

брюшúн||а *ж анат.* בויכהויט װ; воспалéние ~ы פערי־טאָני́ט מ, די אָנצינדונג פון דער בויכהויט

брюш||кó *с* 1. *разг.* בײַכל ז ־עך; отрастúть себé ~кó אָנקלײַבן* א בײַכל; 2. (*у насекомых*) בײַכעלע ז ־עך; ~нóй בויך־; ~нóй тиф בויך־טיפוס מ

брякать *несов. разг.* 1. טרא́סקען; (*чем-л.*) קלי́נגלען, קלא́פערן; 2. (*бросать с шумом*) טרא́סקען, ליא́סקען; 3. (*говорить необдуманно*) ארײַנבראָקן; ~ся *несов. разг.* פאלן* מיט א טראסק

брякнуть *сов. разг.* 1. *однокр.* א טרא́סקע טאָן*; (*чем-л.*) א קלינגל טאָן*, א קלאפער טאָן*; 2. (*бросить с шумом*) א טראסקע טאָן*, א ליא́סקע טאָן*; 3. (*сказать необдуманно*) ארײַנבראָקן; *однокр. тж.* געבן* א בראָק ארײַן; ~ся *сов. разг.* צו́פאלן* מיט א טראסק; *однокр. тж.* געבן* א פאל צו מיט א טראסק

бряцáние *с* בריא́זגען ז, געקלא́נג ז, געבריא́זג ז

бряцáть *несов.* בריא́זגען; ◇ ~ орýжием פאָכן מיט דער שווערד

бýбен *м* טאמבורי́ן מ ־ען, בו́בען מ ־ס

бубенцы́ *мн.* (פײַקל־)גלע́קעלעך מצ.

бýблик *м* בייגל מ =

бубни́ть *несов. разг.* האלטן* אין איין פאָנפען

бубнóвый *карт.* לע́קעך *после сущ.*; בובנאָווע *неизм.* ~ туз די טויז לע́קעך, די בובנאָווע טויז

бýбны *мн. карт.* לע́קעך מ, בו́בנע װ; туз бубён די טויז לע́קעך, די בובנאָווע טויז

бугóр *м* 1. בע́רגעלע ז ־ך, בע́רגל ז ־עך; 2. (*выпуклость*) בע́רגעלע ז ־ך

бугри́стый בע́רגלדיקער, געבע́רגלטער

будди́||зм *м* בודי́זם מ; ~ст *м* בודי́סט מ ־ן

бýдет! *разг.* גענו́ג!, האָדי!; ~ с меня́! גענו́ג פאר מיר!; ~ тебé плáкать! (ס'וועט זײַן) גענו́ג וויינען!, האָדי וויינען!

буди́льник *м* וועקזייגער מ ־ס, וועקער מ ־ס

буди́ть *несов.* וועקן; (*чувства тж.*) דערוועקן

бýдка *ж* בו́דקע װ ־ס

бýдн||и *мн.* 1. וואָכעדיקע טעג; в ~и אינדערוואָכן; 2. (*обыденная жизнь*) טאָגטע́גלעכקייט װ; 3. (*однообразная жизнь*) די גרויע טאָגטע́גלעכקייט; ~ий: ~ий день

א וואָכעדיקער טאָג; ~ичный 1. וואָכעדיקער; ~ичный день א וואָכעדיקער טאָג; ~ичное пла́тье א וואָכעדיקער מאלבעש; 2. *(обыденный)* טאָגטעגלעכער; 3. *(однообразный)* גרויער

будора́жить *несов.* אופרודערן, אופרעגן

бу́дто 1. *союз (словно)* גלײַך ווי; он останови́лся, ~ прислу́шиваясь к чему́-то ער האָט זיך אָפגעשטעלט, (גלײַך) ווי ער זאָל זיך (געווען) אײַנהערן אין עפעס; мне показа́лось, ~ кто́-то меня́ зовёт מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עמעצ(ער) זאָל מיך רופן; 2. *союз (с оттенком сомнения)* קלוימערשט; יאָקאָבי *разг.*; он уверя́ет, ~ сам ви́дел ער פארזיכערט, יאָקאָבי ער האָט אליין געזען; ער פארזיכערט, אז ער האָט קלוימערשט אליין געזען; 3. *частица разг. (кажется)* דוכט זיך; он ~ бы уе́хал ער איז, דוכט זיך, אוועקגעפאָרן; 4. *частица разг. (разве)* שוין זשע?, טאקע בעעמעס?

бу́дущее *с* צוקונפט װ; ~ пока́жет דאָס ווײַטערדיקע וועט באווײַזן; у э́того изобрете́ния большо́е ~ די דערפינדונג האָט גרויסע° פערספעקטיוון

бу́дущ||ий (צו)קינפטיקער, קומענדיקער; ~ие поколе́ния די קינפטיקע [די קומענדיקע] דורות; ◇ ~ее вре́мя *грам.* צוקונפט װ

бу́дущность *ж* 1. צוקונפט װ; 2. *(судьба, поприще)* דער קינפטיקער גורל

бу́ер *м* אײַז־זעגלשיפל ז ־עך, בויער מ ־ס; ~ный: ~ный спорт בויער־ספאָרט מ

бужени́на *ж кул.* בוזשענינע װ

бузина́ *ж* באָז מ, בוזינע װ

буй *м* בוי מ ־עס, בויע װ ־ס

бу́йвол *м* בופלאָקס מ ־ן, בופל(אקס) מ ־ען

бу́йн||ый 1. *(необузданный)* צעווילדעוועטער, צעיושעטער, ווילדער, אומגעצוימטער; *(разгульный)* רוישיקער, העפקערדיקער, צעלאָזענער; ~ый хара́ктер א ווילדער [אן אומגעצוימטער] כאראקטער; ~ое весе́лье א רוישיקע סימכע; 2. *(бурный, порывистый)* שטורמישער, האסטיקער, העפטיקער; ~ый ве́тер א האסטיקער ווינט; 3. *(о растительности)* ראש צעוואקסענער

бу́йств||о *с* בויאנערײַ װ, דעבאָשירונג װ; ~овать *несов.* בויאנעווען, דעבאָשירן

бук *м* בוקנבוים מ (מצ. ··ביימער)

бука́шка *ж* פליגעלע ז ־ך, זשוקל ז ־עך

бу́кв||а *ж* אָס מ (מצ. אויסיעס); בוכשטאב מ ־ן; прописна́я ~а א גרויסהאנטיקער אָס; строчна́я ~а א קליינהאנטיקער אָס; ◇ ~а в ~у אָס בעאָס, וואָרט בא וואָרט; ~а зако́на דער בוכשטעבלעכער באטײַט פונעם געזעץ

буква́льн||о *нареч.* 1. בוכשטעבלעך, ווערטערלעך; 2. *разг. (прямо-таки)* מאמעש; он ~о твори́л чудеса́ ער האָט מאמעש באווײַזן וואונדער; ~ый בוכשטעבלעכער, ווערט(ער)לעכער, וואָרט־בא־וואָרט·; ~ый перево́д א ווערט(ער)לעכע איבערזעצונג, א וואָרט־בא־וואָרט־איבערזעצונג; в ~ом смы́сле сло́ва אינעם בוכשטעבלעכן זינען פונעם וואָרט

буква́рь *м* אלעפבייסל ז ־עך, אלעפבייס־ביכל ז ־עך

бу́квенн||ый אויסיעסדיקער; ~ое обозначе́ние אויסיעסדיקע באצייכענונג;

буквое́д *м ирон.* בוכשטאב־פרעסער מ =, פעדאנט מ ־ן, פארמאליסט מ ־ן

буке́т *м* בוקעט מ ־ן; преподнести́ кому́-л. ~ цвето́в אונטערטראָגן* עמעצן א בוקעט בלומען; то́нкий ~ вина́ דער פײַנער בוקעט [טאם און רייעך] פונעם ווײַן

букини́ст *м* בוקיניסט מ ־ן; ~и́ческий בוקיניסטישער; ~и́ческий магази́н בוקיניסטישער מאגאזין

букси́р *м* 1. *(трос)* בוקסיר מ ־ן; 2. *(судно)* בוקסיר מ ־ן, בוקסירשיף מ ־ן; ◇ брать на ~ *кого-л.* נעמען* עמעצן אפן בוקסיר, קומען* עמעצן צו הילף; ~ный בוקסיר·; ~ный парохо́д בוקסיר־דאמפער מ ־ס; ~ова́ть *несов.* בוקסירן, פירן אפן בוקסיר

буксова́ть *несов.* בוקסעווען; колёса буксу́ют די רעדער בוקסעווען [דרייען זיך אף איין אָרט]

була́вка *ж* שפילקע װ ־ס; безопа́сная ~, англи́йская ~ זיכערנאָדל װ ־ען; סעקרעטקע װ ־ס *разг.*

була́вочн||ый שפילקע·; с ~ую голо́вку ווי א שפילקע־קעפל (די גרייס); ~ые уко́лы *перен.* שטעכווערטעלעך מצ.

була́ный 1. בולאנע(ר) *тж. неизм.*, העל־געלער; 2. *в знач. сущ. м* בולאנע מ =, דערעש מ ־עס

бу́лка *ж* בולקע װ ־ס

бу́лочка *ж* בולקעלע ז ־ך

бу́лочн||ая *ж* ברויט־מאגאזין מ ־ען; ~ый: ~ые изде́лия געבעקסן מצ., געבעקס ז, באקווארג ז

бултых *межд. разг.* פליוך!

бултыха́ться *несов. разг.* 1. *(в воде)* אומפליוסקען זיך; 2. *(о жидкости)* בויטען זיך

булы́жн||ик *м* פעלד־שטיין מ ־ער; *собир.* פעלד־שטיינער מצ.; ~ый: ~ая мостова́я א שטיינערנער ברוק

бульва́р *м* בולוואר מ ־ן; ~ный בולוואר·; *(пошлый тж.)* שונד·; ~ная литерату́ра שונד־ליטעראטור װ, שונד מ

бульдо́г *м* בולדאָג מ ־ן

бульдо́зер *м* בולדאָזער מ ־ס; ~и́ст *м* בולדאָזעריסט מ ־ן

бу́лькать *несов.* בולבען, בולקען

бульо́н *м* יויך װ ־ן, בוליאָן מ ־ען

бум[1] *м разг. (шумиха)* בום מ, אושיאָטאוש מ

бум[2] *м см.* бревно́ 2

бума́г||а *ж* 1. פאפיר ז; 2. *(документ)* דאָקומענט מ ־ן, פאפירל ז ־עך; *мн. разг. (личные документы)* פאפירן מצ.; 3. *мн. (рукописи)* פאפירן מצ., מאנוסקריפטן מצ., קסאוויאדן מצ.; ◇ остава́ться на ~е בלײַבן* אף פאפיר; це́нные ~и ווערטפאפירן מצ.

бума́жка *ж* 1. דאָס שטיקל פאפיר; 2. *разг. (документ)* פאפירל ז ־עך; 3. *уст. разг. (деньги)* אסיגנאציע װ ־ס

бума́жник *м* פאפירנטאש מ ־ן; בומאזשניק מ ־עס *разг.*

бума́жн||ый[1] 1. פאפיר·; ~ое произво́дство פאפיר־פראָדוקציע װ; 2.: ~ая волоки́та א קאנצעליאריש פארשלעפעניש; 3. *(существующий только на бумаге)* פאפירענער; פאָרמעלער; ◇ ~ые де́ньги פאפירגעלט ז, פאפירן געלט

бума́жный[2] *текст.* באוולנער

бумазе́я *ж* מולטע װ, בומאזיי(ע) װ

бунт *м* בונט מ ־ן, מערידע װ ־ס

бунта́рский בונטארישער

бунта́рь *м уст.* בונטאר מ ־ן

бунтовщи́к *м* בונטאָוושטשיק מ ־עס; *мн. тж.* מוירדים מצ.

бунтова́ть *несов.* בונטעווען זיך

бур *м тех.* (בערגער־)דריל מ ־ן

бура́ *ж хим.* באָראקס מ; פערעס מ *разг.*

бура́в *м тех.* עגבער מ ־ס, דריל מ ־ן; דרעל מ ־ן *разг.*; ~**ить** *несов.* בויערן, עגבערן; דרעליעווען *разг.*

бура́н *м* בוראָן מ ־ען, שניישטורעם מ ־ס

бурда́ *ж разг.* פאָמויעס מצ., פאָמוניצע־וואסער ז; ко́фе сего́дня ~ די קאווע איז היינט — א ביסל פאָמויעס

бурдю́к *м* לאָגל מ ־ען

буреве́стник *м* שטורעמפויגל מ (מצ. ··פייגל, ־ען)

бурело́м *м собир.* ווינטברוך מ

буржуази́я *ж* בורזשואזיע וו, בורזשואזיע וו

буржуа́зный בורזשואזער

бури́льный *тех.* בויער·; ~ стано́к בויערונג־ווערקשטעל מ ־ן

бури́льщик *м* בויערער מ =

бу́рка *ж* בורקע וו ־ס

бу́ркнуть *сов. разг.* א בורטשע טאָן*

бурла́к *м* בורלאק מ ־עס, טײַכשיפן־ציער מ =

бурли́ть *несов.* קאָכן, קלעקטשען, ברויזן; *перен.* ברויזן, בושעווען

бу́рн||ый 1. *(о погоде, о море)* שטורעמדיקער; *(о ветре тж.)* האסטיקער; 2. *(пылкий, неистовый)* שטורמישער; ~ые аплодисме́нты שטורמישע אפלאָדיסמענטן; ~ый восто́рг דאָס אומגעהײַערע היספּײַלעס; 3. *(стремительный)* ראשער; ~ый рост ראשער וווקס; 4. *(богатый событиями)* שטורעמפולער, שטורעמדיקער; ~ые дни שטורעמדיקע טעג

буров||о́й: ~а́я вы́шка *горн.* בויערונג־טורעם מ ־ס

бурт *м с.-х.* צוגעדעקטער הויפן, בורט מ ־ן

буру́н *м* (שוימיקע) כוואליע וו ־ס

бурч||а́ть *несов. разг.* 1. וואָרטשען, בורטשען; 2. *(урчать)* בורטשען; в живо́те ~и́т ס׳בורטשעט אינעם בויך

бу́рый גרוי־ברוינער; ◇ ~ у́голь ברוינע קוילן, ברוינקוילן מצ.; ~ медве́дь ברוינער בער

бурья́н *м* בוריאן מ, ווילדגראָז ז

бу́ря *ж* שטורעם מ ־ס; *перен. тж.* אופברויז מ, אויסברוך מ; ~ негодова́ния אן אופברויז פון צאָרן; ~ аплодисме́нтов א שטורעם פון אפלאָדיסמענטן, שטורמישע אפלאָדיסמענטן; ◇ ~ в стака́не воды́ א שטורעם אין א גלאָז וואסער

буря́т *м* בוריאט מ ־ן; ~**ка** *ж* בוריאטקע וו ־ס; ~**ский** בוריאטישער; ~ский язы́к די בוריאטישע שפראך, בוריאטיש ז

бу́син(к)а *ж* קרעלכל ז ־עך

бу́сы *мн.* ק(א)רעלן מצ.

бутафо́р||ия *ж* בוטאפאָריע וו; ~**ский** 1. בוטאפאָרישער; 2. *перен.* געמאכטער, פאלשער

бутербро́д *м* בוטערבראָד מ ־ן

буто́н *м* בוטאָן מ ־ען, בלומקנאָספ מ ־ן

бу́тсы *мн. (ед.* бу́тса *ж)* בוטסן מצ., פוטבאָל־שטיוועלעך מצ.

буту́з *м разг.* פעמפיקל ז ־עך

буты́лка *ж* פלאש וו (מצ. פלעשער); ~ молока́ א פלאש מילך

буты́лочн||ый 1. פלאש· ~ое стекло́ פלאשגלאָז ז; 2.: ~ого цве́та פלאשגרינער

буты́ль *ж* בוטל מ ־ען

бу́фер *м тех. и перен.* בופער מ; ~**ный**: ~ная зо́на בופער־זאָנע וו ־ס

буфе́т *м* בופעט מ ־ן; дубо́вый ~ א דעמבענער בופעט; станцио́нный ~ סטאנציע־בופעט מ ־ן; ~**чик** *м* בופעטשיק מ ־עס; ~**чица** *ж* בופעטשיצע וו ־ס

бух *межд.* בוך!, זעץ!, טראך!

буха́нк||а *ж* לאבן מ ־ס, לעבל ז ־עך; ~а хле́ба א לאבן [לעבל] ברויט, ברויט ז ־ן; две ~и צוויי ברויטן

бу́хать *несов. разг.* 1. זעצן, קנאקן; *(о выстрелах)* קנאלן; 2. *(бросать)* שלײַדערן; ~**ся** *несов. разг.* (ארײַנ)פאלן*; *(в воду)* ארײַנפליוכען זיך

бухга́лт||ер *м* בוכהאלטער מ ־ס; ~**е́рия** *ж* בוכהאלטעריע וו; ◇ двойна́я ~е́рия טאָפל־בוכהאלטעריע וו

бу́хнуть¹ *сов. однокр. разг.* 1. א בוך טאָן*, א קנאק טאָן*; *(о выстреле тж.)* א קנאל טאָן*; 2. *(бросить)* א שמיץ טאָן*

бу́хнуть² *несов. (разбухать)* אָנגעבראקניעט ווערן*

бу́хнуться *сов. разг.* געבן* א פאל (ארײַן); *(в воду)* ארײַנפליוכען זיך, זיך געבן* א פליוך ארײַן

бу́хта *ж (залив)* בוכטע וו ־ס

бу́ч||а *ж*: подня́ть ~у *разг.* אופהייבן* א טאראראם [א טומל], אָנמאכן א בעהאָלע

бушева́ть *несов.* בושעווען; *перен. разг. тж.* ווילדעווען

бушла́т *м* בושלאט מ ־ן, מאטראָסן־רעקל ז ־עך

буя́н *м* בויאן מ ־עס, סקאנדאליסט מ ־ן; ~**ить** *несов.* בויאנעווען, ווילדעווען, בושעווען

бы *частица* 1. *(при выражении желания)*: я бы вздремну́л כ׳וואָלט געכאפט א דרעמל; хорошо́ бы тепе́рь пое́сть ס׳וואָלט ניט שלעכט געווען איצט עפעס עסן; мне бы тако́й тала́нт! אף מיר געזאָגט געוואָרן אזא טאלאנט!; 2. *(при просьбе, совете и т. п.)*: вы бы съе́здили туда́, вам бы съе́здить туда́ איר וואָלט עפשער צוגעפאָרן אהין; 3. *(в условных предложениях и оборотах)*: е́сли бы ты прие́хал, мы бы могли́ рабо́тать вме́сте ווען דו זאָלסט קומען [ווען דו וואָלסט געקומען], וואָלטן מיר געקאָנט ארבעטן צוזאמען; мне бы не спра́виться без твое́й по́мощи איך וואָלט זיך ניט ספראוועט אָן דײַן הילף, איך וואָלט זיך ניט ספראוועט, ווען דו זאָלסט ניט געווען צוהעלפן; 4. *(при выражении возможности, желательности)*: пора́ бы им верну́ться ס׳וואָלט שוין צײַט געווען, זיי זאָלן זיך אומקערן; זיי וואָלטן שוין געמעגט אומקערן זיך; ему́ бы ещё рабо́тать да рабо́тать ער וואָלט נאָך געקענט ארבעטן און ארבעטן; 5. *(при выражении удивления)*: кто бы мог поду́мать... וועמען וואָלט געקומען [געקאָנט קומען] אפן געדאנק...; что бы э́то могло́ зна́чить? וואָס וואָלט דאָס געקאָנט הייסן [באטײַטן]?

быва́ло *вводн. сл. разг.*: ~, он уезжа́л на це́лый ме́сяц ס׳פלעגט (אָפט) זיך טרעפן [זיך מאכן], ער זאָל אוועקפאָרן אף א גאנצן כוידעש; мы ча́сто, ~, встреча́лись מיר פלעגן זיך אָפט באגעגענען

быва́лый *разг.* דערפארענער; מיט א גרויסער° לעבנס־דערפארונג *после сущ.*; ~ солда́т א געפרווטער סאָלדאט

быва́||ть *несов.* 1. *(происходить, иметь место)* פאָרקומען*; заседа́ния ~ют раз в ме́сяц די זיצונגען קומען פאָר איין מאָל אין א כוידעש; чуде́с не ~ет קיין ניסים זײַנען ניט פאראָן; קיין ניסים קומען ניט פאָר; 2. *(случаться)* טרעפן* זיך, מאכן זיך, פאָרקומען*; ~ет, что... ס׳מאכט זיך [ס׳טרעפט זיך], אז...; 3. *(находиться)* זײַן*; по вечера́м я ~ю до́ма אין די אפדערנאכטן בין איך אינדערהיים; 4. *(посещать)* באזוכן, ארײַנקומען* (אין); он часто ~ет в клу́бе ער באזוכט אָפט דעם קלוב; ער קומט אָפט ארײַן אין קלוב; ◇ бо́ли как не ~ло פונעם ווייטיק איז קיין סימן [קיין שפּור] ניט געבליבן; э́тому не ~ть! דאָס וועט קיינמאָל ניט זײַן [ניט געשען]!; как ни в чём не ~ло ווי ס׳זאָל גאָרנישט ניט געווען געשען

бы́вш||ий געוועזענער; ~ий чемпио́н א געוועזענער טשעמפּיאָן, אַן עקס־טשעמפּיאָן; ◇ ~ие лю́ди אויסגעשטעלטע [אויסגעשפּילטע] לײַט

бык^{1} *м* ביק מ ־עס; (*племенной*) בוהײַ מ ־עס; (*в мифологии*) אָקס מ, קאלב ז

бык^{2} *м* *стр.* ביק מ ־עס

были́на *ж* *лит.* בילינע וו ־ס, (אלטרוסישע) העלדן־זאגע וו ־ס

были́нка *ж* גרעזל ז ־עך

были́нный בילינען·; ~ э́пос בילינען־עפּאָס מ

бы́ло *частица:* дождь совсе́м ~ прекрати́лся, да вдруг сно́ва поли́л דער רעגן האָט שוין געהאט אויפגעהערט, נאָר מיטאמאָל האָט ווידער אָנגעהויבן גיסן [ווידער א גאָס געטאָן]; чуть ~ не... ...שיר ניט; я чуть ~ не забы́л כ׳האָב שיר ניט פארגעסן

был||о́й אמאָליקער, געוועזענער, פריערדיקער; ~а́я сла́ва דער פריערדיקער [אמאָליקער] רום; 2. *в знач. сущ.* *с* פארגאנגענהייט וו, אמאָל מ, אמאָליקע יאָרן [צײַטן]

быль *ж* וואָרגעשיכטע וו ־ס, אן עמעסע מעשה; א מעשה שעהאָיאָ *уст.*, сде́лать ска́зку ~ю פארווירקלעכן די פאנטאזיע [דעם טרוים]

быстрина́ *ж* ווירבל־שטראָם, שנעלשטראָם מ ־ען

быстроно́гий שנעלפיסיקער, לײַכטפיסיקער

быстрот||а́ *ж* שנעלקייט וו, געשווינדקייט וו, גיכקייט וו; с ~о́й мо́лнии בליצשנעל

быстрохо́дн||ый: ~ое су́дно שנעלשיף וו ־ן; ~ый комба́йн שנעל־קאָמבײַן מ ־ען

бы́стр||ый שנעלער, גיכער, געשווינדער; (*проворный*) גיכער, פלינקער; זשוואווע *неизм. разг.*; ~ый бег דער שנעלער [גיכער, געשווינדער] לויף; ~ая ло́шадь א שנעלפיסיק [א גיך] פערד; ~ыми те́мпами געשווינד, גיך, מיט שנעלע טעמפּן; ~ые ру́ки פלינקע [זשוואווע] הענט; ~ый рост промы́шленности דער ראשער וווּקס פון דער אינדוסטריע

быт *м* 1. (*уклад жизни*) (לעבנ)שטייגער מ; 2. (*повседневная жизнь*) טאָגטעגלעכקייט וו

бытие́ *с* זײַן ז; ~ определя́ет созна́ние דאָס זײַן באשטימט דאָס באוווסטזײַן

бы́тность: в ~ мою́ *уст.* בייס מײַן זײַן; ווען איך בין געווען

бытова́ть *несов.* שטייגערן, פאראנען זײַן*; (*о мнении и т.п.*) אײַנגעוואָרצלט זײַן*

бытов||о́й 1. שטייגער·; ~ы́е усло́вия שטייגער־באדינגונגען מצ.; ~о́е обслу́живание שטייגער־באדינונג וו, סערוויס מ; ~ы́е предприя́тия סערוויס־אונטערנעמונגען מצ.; 2. (*изображающий быт*): ~а́я жи́вопись לעבנשטייגער־מאָלערײַ וו; ◇ ~о́е явле́ние טאָגטעגלעכע דערשײַנונג

бытописа́тель *м* שטייגער־(בא)שרײַבער מ =

быть *несов.* 1. (*существовать*) (פאראן) זײַן*; геро́и бы́ли, есть и бу́дут העלדן זײַנען געווען, זײַנען פאראן און וועלן זײַן; 2. (*находиться*) זײַן*, געפינען* זיך; где вы бы́ли? ווו זײַט איר געווען?; 3. (*иметься*): у меня́ бы́ло нема́ло книг איך האָב געהאט ניט ווייניק ביכער; у меня́ не́ было вре́мени כ׳האָב ניט געהאט קיין צײַט; есть у меня́ оди́н знако́мый... בא מיר איז פאראן א באקאנטער...; 4. (*носить одежду и т.п.*) זײַן* אָנגעטאָן; он был в чёрном костю́ме ער איז געווען אָנגעטאָן אין א שווארצן אָנצוג [קאָסטיום]; на нём была́ мехова́я ша́пка ער האָט געטראָגן א פוטערן היטל; 5. (*происходить*) זײַן*, פאָרקומען*, געשען*; что с ним бы́ло? וואָס איז מיט אים געשען [געווען]?; что тут бы́ло? וואָס איז דאָ פאָרגעקומען [געשען]?; 6. *связка* זײַן*; он был худо́жником ער איז געווען א קינסטלער; будь гото́в! זײַ גרייט!; ему́ не́ было и двадцати́ ער איז נאָך ניט אלט געווען אפילע קיין צוואנציק יאָר; ◇ так и ~ מײלע, זאָל שוין זײַן אזוי; как тут ~? וואָס טוט מען דאָ?; была́ не была́! רויט אָדער טויט!, א גליק אָדער א שטריק!; будь что бу́дет! זאָל זײַן וואָס ס׳וועט זײַן!; и был тако́в! און ווי אויסגערונען!, און נעלעם געוואָרן!, און ניטאָ אים!; будь то *в знач. союза:* будь то взро́слые и́ли де́ти סײַ דערוואקסענע, סײַ קינדער; ס׳מעגן זײַן דערוואקסענע אָדער קינדער

быча́чий, бы́чий אָקסן·, אָקסענער

быч||о́к^{1} *м* ביקל ז ־עך; ◇ быть ~ку́ на верёвочке ס׳וועט קומען אף אים א צײַט, מ׳וועט נאָך אָנטאָן אף אים דאָס צײַמל

бычо́к^{2} *м* (*рыба*) ביטשאָק מ (מצ. ביטשקעס)

бюдже́т *м* בודזשעט מ; госуда́рственный ~ מלוכע־בודזשעט מ; ~ный בודזשעט·; ~ный год בודזשעט־יאָר ז ־ן

бюллете́нь *м* ביולעטען מ ־ען

бюро́^{1} *с нескл.* 1. (*орган*) ביוראָ ז, וו ־ען; ~ райко́ма па́ртии די ביוראָ פונעם ראיאָנישן פארטיי־קאָמיטעט; план был утверждён на ~ обко́ма דער פלאן איז באשטעטיקט געוואָרן אף א זיצונג פון דער ביוראָ אינעם געגנטלעכן פארטיי־קאָמיטעט; 2. (*учреждение*) ביוראָ ז, וו ־ען; ~ печа́ти פרעסע־ביוראָ ז, וו; ~ нахо́док געפינסן־ביוראָ ז, וו; спра́вочное ~ אינפאָרמיר־ביוראָ ז, וו; ~ до́брых услу́г סערוויס־ביוראָ ז, וו ־ען

бюро́^{2} *с нескл.* (*мебель*) ביוראָ מ ־ען

бюрокра́т *м* ביוראָקראט מ ־ן; ~и́зм *м* ביוראָקראטיזם מ; ~и́ческий ביוראָקראטישער

бюрокра́тия *ж* ביוראָקראטיע וו

бюст *м* ביוסט מ ־ן

бюстга́льтер *м* ביוסטהאלטער מ ־ס

бязь *ж* *текст.* ביאז מ

В

в *предлог* I. *с вин. п.* 1. (*куда, во что*) אין, אין···ארײַן; (*с названиями континентов, стран, населённых пунктов*) קיין; положи́ть *что-л.* в я́щик ארײַנלייגן עפעס אין קאסטן (ארײַן); идти́ в шко́лу גיין* אין שול ארײַן; войти́ в дом ארײַנקומען* אין שטוב (ארײַן); в Москву́ קיין מאָסקווע; в Болга́рию קיין בולגאריע; в Сове́тский Сою́з אין סאָוועטנפארבאנד; в А́фрику קיין אפריקע; 2. (*при указании организации, должности, деятельности*) אין; вступи́ть в па́ртию ארײַנטרעטן* אין דער פארטיי; поступи́ть в институ́т אָנקומען* אין אינסטיטוט; избра́ть в прези́диум אויסוויילן אין פרעזידיום; вовле́чь в рабóту ארײַנציִען* אין דער ארבעט; 3. (*при указании дня недели, времени суток*) *предлогом не переводится;* во втóрник דינסטיק; в пóлдень האלבן טאָג; в пóлночь האלבע נאכט; в пять часóв утрá פינף אזייגער אינדערפרי; 4. (*при указании частоты, скорости*) אין *или без предлога с неопределённым артиклем;* три рáза в день דרײַ מאָל א טאָג, דרײַ מאָל אין טאָג; сто оборóтов в минýту הונדערט אומדריי (אין) א מינוט; 50 километров в час פופציק קילאָמעטער (אין) א שאָ; 5. *разг.* (*во время*) בײַס; ещё в войнý נאָך בײַס דער מילכאָמע; 6. (*в течение, за*) אין (מעשעך פון), פאר; в одúн сезóн אין (מעשעך פון) איין סעזאָן; פאר איין סעזאָן; 7. (*при указании размера, кратности*) *предлогом не переводится;* длинóй в семь мéтров זיבן מעטער די לענג; в семь раз бóльше זיבן מאָל מער; 8. (*ради*) צוליב, פאר; в шýтку צוליב א שפאס; в насмéшку פאר א געלעכטער; в наказáние אלס באשטראָפונג; 9.: разорвáть *что-л.* в клочкú צערײַסן* עפעס אף שטיקער [אף שטיק־שטיקלעך]; водá превращáется в пар דאָס וואסער פארוואנדלט זיך אין דאמף; II. *с предл. п.* 1. (*где, в чём*) אין; в я́щике אין קאסטן; в шкóле אין שול; в Москвé אין מאָסקווע; в Болгáрии אין בולגאריע; в Совéтском Сою́зе אין סאָוועטנפארבאנד; 2. (*при указании века, года*) אין; (*при указании месяца*) *обыкн. предлогом не переводится;* в XX вéке אין XX יאָרהונדערט; в 1917 годý אין 1917 יאָר; в áвгусте אווגוסט כוידעש; אין אווגוסט *разг.*; 3. (*при указании на внешний вид, форму, состав*) אין; в бéлом плáтье אין א ווײַס קלייד; в фóрме шáра אין (דער) פאָרם פון א קײַלעך; витамúны в таблéтках וויטאמינען אין טאבלעטקעס; пьéса в трёх дéйствиях א פיעסע אין דרײַ אקטן; 4. (*при обозначении предметов и явлений, по отношению к которым что-л. происходит*) אין, פון; успéхи в учёбе דערפאָלגן אין [באם] לערנען; знатóк в *чём-л.* א קענער פון עפעס; 5. (*покрытый чем-л.*) מיט; весь в пя́тнах פול מיט פלעקן; рýки в чернúлах די הענט (אויסגעשמירט) מיט טינט

вавилóнск||ий: ~ое столпотворéние ווירוואר מ, טויהו־וואָוויהו מ

вагóн *м* 1. וואגאָן מ ־ען; спáльный ~ שלאָפוואגאָן מ ־ען; грузовóй [товáрный] ~ פראכטוואגאָן מ ־ען; ~-ресторáн וואגאָן־רעסטאָראן מ (מצ. וואגאָנען־רעסטאָראנען); ~ зернá א וואגאָן טוווּע; 2. *разг.* (*очень много*) אָן א שיר, א גאנצער וואגאָן

вагонéтка *ж* וואגאָנעטקע וו ־ס

вагóнн||ый וואגאָנ(ען)־; ~ая ось וואגאָן־אקס וו ־ן; ~ый парк וואגאָנען־פארק מ ־ן

вагоновожáтый *м* = וואגאָן־פירער מ, טראמווײַ־פירער מ =

вагоностроúтельный: ~ завóд וואגאָנבוי־זאוואָד מ ־ן

вагóнчик *м* 1. *уменьш.* א קליינער° וואגאָן; 2. (*жильё*) וואגאָן־שטיבל ז ־עך

вагрáнка *ж тех.* שמעלץ־אויוון מ ־ס, וואגראנקע וו ־ס

вáжничать *несов. разг.* האלטן* זיך גרויס, בלאָזן* פון זיך, פארײַסן* די נאָז

вáжн||о 1. *нареч.* גאדלעסדיק, גײַוועדיק, גרויסהאלטעריש; 2. *в знач. сказ. безл.* (ס׳)איז וויכטיק; ~о добúться хорóших результáтов ס׳איז וויכטיק דערשלאָגן זיך גוטע° רעזולטאטן; ~о, чтóбы... ס׳איז וויכטיק, אז...; ~**ость** *ж* 1. וויכטיקײַט וו; (*значение*) באדײַט מ; собы́тие большóй ~ости א געשעעניש פון גרויסן° באדײַט, גאָר א וויכטיקע געשעעניש; 2. (*надменность*) גאדלעס ז, גײַווע וו, גרויסהאלטערײַ וו; ◇ не великá ~ость ס׳איז א קליינע מעציע, ס׳האָט א פעטרעשקע די ווערט; געפונען וועגן וואָס צו רעדן; ~**ый** 1. וויכטיקער; (*значительный тж.*) באדײַטנדיקער; ~ое лицó, ~ая персóна א וויכטיקע [אן אנגעזעענע, א געהויבענע] פערזאָן; ~ые задáчи וויכטיקע אויפגאבעס; 2. (*надменный*) גאדלעסדיקער, גײַוועדיקער, גרויסהאלטערישער, פאריסענער; с ~ым вúдом גאדלעסדיק, גרויסהאלטעריש, מיט אן אויסזען פון א וויכטיקער פערזאָן

вáза *ж* וואזע וו; (*для фруктов тж.*) פרוכטאָוויניצע וו ־ס

вазелúн *м* וואזעלין מ

вакáнсия *ж* וואקאנסיע וו ־ס

вакáнтн||ый וואקאנטער, פרײַער; ~ое мéсто א וואקאנט אָרט, וואקאנסיע וו ־ס

вáкуум *м физ., тех.* וואקוום מ

вакханáлия *ж* וואקכאנאליע וו ־ס; *перен. тж.* אָרגיע וו ־ס

вакцúн||а *ж* וואקצינע וו ־ס; ~**áция** *ж* וואקצינאציע וו

вал¹ *м* 1. (*насыпь*) (ערד)וואל מ ־ן, אָנשיט מ ־ן; *воен.* שוצוואל מ ־ן; 2. (*волна*) הויך־כוואליע וו ־ס; ◇ огневóй ~ *воен.* פײַער־וואל מ ־ן; девя́тый ~ שטורעם־כוואליע וו ־ס

вал² *м тех.* וואלץ מ ־ן; приводнóй ~ טרײַבוואלץ מ

вал³ *м эк.* ברוטאָ־פראָדוקציע וו; план по ~у דער פלאן פאר דער ברוטאָ־פראָדוקציע

валéжник *м собир.* וואלדברוך מ

вáленки *мн.* (*ед.* вáленок *м*) וואָליקעס מצ., פישטן מצ.

валéнтность *ж хим., лингв.* וואלענטקײַט וו, וואלענץ וו

валерья́нов||ый: ~ые кáпли וואלעריאן־טראָפנ(ס) מצ.; וואלעריאנקע וו *разг.*

валéт *м карт.* וואלעט מ ־ן, ײנגל ז ־עך, אונטער מ ־ס; ◇ лечь ~ом לייגן זיך איינער מיטן קאָפּ אהער, דער אנדערער מיטן קאָפּ אהין

валидóл *м* וואלידאָל מ

вáлик *м* וואליק מ ־עס

валúть¹ *несов.* 1. (*опрокидывать*) אומוואלגערן, אומווארפן*; вéтер вáлит с ног דער ווינט ווארפט פון די פיס; ~ лес וואלגערן ביימער; 2. *разг.* (*небрежно класть*) צונויפוואלגערן, צונויפווארפן*; 3. *разг.:* ~ винý на *кого-л.* ארופלייגן די שולד [די באָד] אף עמעצן

валúть² *несов.* 1. *разг.* (*двигаться массой*) שטראָמען, שפארן; нарóд валúт דער אוילעם האלט אין איין שטראָמען; (*отовсюду*) דער אוילעם שפארט פון אלע זײַטן; 2. (*о дыме и т.п.*) זעצן, וואליען; снег валúт хлóпьями ס׳פאלט אויס א געדיכטער שניי

валúться *несов.* פאלן*, אומפאלן*; (*сверху*) אראָפפאלן*; ◇ ~ с ног פאלן* פון די פיס; у негó всё вáлится из рук ס׳פאלט בא אים אלצדינג פון די הענט

вáлк||ий וואקלדיקער, ניט־שטאנדהאפטיקער; ◇ ни шáтко, ни ~о ניט גוט און ניט צו שלעכט, ניט אײַ־אײַ־אײַ און ניט אוי־אוי־אוי

валов||óй ברוטאָ־; ~**áя** продýкция ברוטאָ־פראָדוקציע וו; ~óй дохóд ברוטאָ־האכנאָסע וו

валóм: ~ валить שטראָמען, פלייצן, שפארן (פון אלע זײַטן)

валýн *м* וואלגערשטיין מ ־ער

вáльдшнеп *м* וואלדשנעפ מ ־ן

вальс *м* וואלס מ ־ן; ~**и́ровать** *несов.* וואלסירן, טאנצן א וואלס

вальц||евáть *несов. тех.* וואלצעווען; ~**óвка** *ж тех.* וואלצעווען ז; ~**óвщик** *м тех.* וואלצער מ =; וואלצאָוושטשיק מ ־עס *разг.*; ~**ы́** *мн. тех.* וואלצן מצ.

валю́т||а *ж* וואליוטע װ; инострáнная ~а אויסלענדישע וואליוטע; ~**ный** וואליוטע·; ◇ ~ный курс וואליוטע־קורס מ

валя́ть *несов.* 1. *(в муке и т.п.)* איבערטונקען; 2. *(валенки)* וואלקן; *(войлок)* ציען*; ◇ ~ дуракá פראווען [מאכן] פוילע שטיק, מאכן זיך נאריש; ~**ся** *несов.* 1. *(переворачиваться)* וואלגערן זיך, וואליען זיך; 2. *разг.* ליגן*, וואליען זיך; ~ся в постéли וואליען זיך אין בעט; 3. *разг.* *(о вещах)* וואלגערן זיך

вам *дат. от* вы

вáми *тв. от* вы

вампи́р *м* וואמפיר מ ־ן

ванáдий *м хим.* וואנאדיום מ

вани́ль *ж* וואניל מ

вáнн||а *ж* וואנע װ ־ס; ביטל ז ־עך *уст.*; 2. *(купанье)* וואנע װ ־ס; приня́ть ~у נעמען* א וואנע; 3.: сóлнечная ~а זון־וואנע װ ־ס; ~**ая** *ж* וואנע־צימער מ ־ן; ~**очка** *ж (детская)* ביטעלע ז ־ך

вáнька-встáнька *м (игрушка) разг.* וואנקע־ווסטאנקע מ ־ס

вар *м (сапожный)* שוסטער־סמאָלע װ

вáрвар *м* בארבאר מ ־ן; ~**ский** בארבארישער, ווילדער; *(жестокий тж.)* אכזאָרישער; ~**ство** *с* בארבארײַ װ

вáрежки *мн.* (*ед.* вáрежка *ж*) האנטשן מצ.

варенéц *м* ווארענעץ מ, זויערע געבריטע מילך

варéники *мн.* (*ед.* варéник *м*) ווארעניקעס מצ.

варéнье *с* אײַנגעמאכטס ז

вариáнт *м* וואריאנט מ ־ן

вариáция *ж* וואריאציע װ ־ס

вари́ть *несов.* 1. קאָכן; ~ обéд קאָכן ווארמעס; ~ варéнье פרעגלען אײַנגעמאכטס; ~ пи́во קאָכן [ברויען] ביר; ~ сталь קאָכן שטאָל; 2. *тех.* *(сваривать)* שווייסן; ~**ся** *несов.* קאָכן זיך; ◇ ~ся в сóбственном сокý קאָכן זיך אין אייגענעם זאפט, פרעגלען זיך אין אייגענעם פעטס

вáрка *ж* 1. קאָכן ז; *(варенья)* פרעגלען ז; 2. *(стали и т.п.)* קאָכן ז, שמעלצן ז

варьетé *с нескл.* וואריעטע מ ־ען

варьи́ровать *несов.* וואריִירן; ~**ся** *несов.* וואריִירן זיך, פארשיידנארטיק ווערן*, וואריִירט ווערן*

варя́ги *мн.* 1. *ист.* וואריאגן מצ.; 2. *перен. разг.* זײַטיקע העלפער, זײַטיקע הילף

вас *род., вин. от* вы

васи||лёк *м* קאָרנבלום װ ־ען; ~**лькóвый** קאָרנבלום־קאָליריקער

вассáл *м ист.* וואסאל מ ־ן; *перен.* סאטעליט מ ־ן

вассáльн||ый וואסאל(יש)ער; ~ая зави́симость וואסאל(יש)ע אָפהענגיקייט

вáт||а *ж* וואטע װ; пальтó на ~е א מאנטל אף וואטע

ватáга *ж разг.* כאליאסטרע װ ־ס, כאָפטע װ ־ס

ватерли́ния *ж мор.* וואטער־ליניע װ

ватерпáс *м тех.* וואטערפאס מ ־ן, וואסערוואָג װ ־ן

ватерполи́ст *м* וואטערפאָליסט מ ־ן

вати́н *м* וואטין מ; пальтó на ~е א מאנטל אף וואטין

вáтник *м разг.* וואטניק מ ־עס, א וואטאָווע רעקל

вáтн||ый 1. וואטע·; ~ый тампóн וואטע־טאמפאָן מ ־ען; 2. *(на вате)* וואטאָווע(ר) *тж. неизм.*; אף וואטע *после сущ.*; ~ое одея́ло א וואטאָווע קאָלדרע

ватрýшка *ж кул.* ווערטוט מ ־ן, צוואָרעך־קיכל ז ־עך, טוואָרע־קיכל ז ־עך

ватт *м эл.* וואט מ ־ן (*с колич. словами мн.* וואט)

вáфля *ж* וואפליע װ ־ס

вáхт||а *ж мор. и перен.* וואכטע װ ־ס; стать на ~у в честь *чего-л.* שטעלן זיך אף דער וואכטע לעקאָוועד עפעס

вáхтенный 1. וואכטע·, דעזשור·; ~ офицéр דעזשור־אָפיצער מ; 2. *в знач. сущ. м* וואכטמאן מ (מצ. וואכטלײַט), וואכטמאטראָס מ ־ן

ваш (*ж* вáша, *с* вáше, *мн.* вáши) *притяж. мест.* 1. אײַער (מצ. אײַערע) *перед сущ. по родам и падежам не изменяется*; אײַערער (װ אײַערע, ז אײַערס, מצ. אײַערע) *после сущ. или перед неопред. артиклем*; ~ сосéд אײַער שאָכן, דער שאָכן אײַערער, אײַערער א שאָכן; ~а сосéдка אײַער שכיינע, די שכיינע אײַערע, אײַערע א שכיינע; ~е слóво אײַער וואָרט, דאָס וואָרט אײַערס, אײַערס א וואָרט; ~ прéданный друг אײַער איבערגעגעבענער פרײַנט; с ~им сосéдом מיט אײַער שאָכן, מיטן שאָכן אײַערן, מיט אײַערן א שאָכן; ~и брáтья אײַערע ברידער, די ברידער אײַערע; 2. *в составе сказ.* אײַערער (װ אײַערע, ז אײַערס, מצ. אײַערע); э́тот стол ~ אָט דער טיש איז אײַערער; э́та газéта ~а, а та моя́ אָט די צײַטונג איז אײַערע, און יענע איז מײַנע; э́та карти́на ~а? אָט דאָס בילד איז אײַערס?; кни́ги не ~и די ביכער זײַנען ניט אײַערע; 3. *в знач. сущ. мн. разг.* *(близкие)* די אײַעריקע מצ.; 4. *в знач. сущ. с*: мне ~его не нýжно איך דארף ניט האָבן אײַערס [אײַער גוטס]

вая́||ние *с* סקולפטור־קונסט װ, סקולפטור װ; ~**тель** *м уст.* סקולפטאָר מ (מצ. ..טאָרן, ־ס)

вая́ть *несов.* שאפן* (סקולפטור־ווערק), מאָדעלירן; *(из глины, гипса тж.)* קלעפן; *(из дерева тж.)* שניצן; *(из металла тж.)* ציזעלירן; *(из камня тж.)* אויסהאקן

вбегáть *несов.*, **вбежáть** *сов.* ארײַנלויפן*

вбивáть *несов. см.* вбить

вбирáть(ся) *несов. см.* вобрáть(ся)

вбить *сов.* ארײַנקלאפן, ארײַנשלאָגן*; ◇ ~ *кому-л.* в гóлову אײַנדויבען עמעצן אין קאָפ (ארײַן); ~ себé *что-л.* в гóлову ארײַנעמען* זיך עפעס אין קאָפ (ארײַן)

вблизи́ 1. *нареч.* °נאָענט, ניט ווײַט; ~ послы́шался шóрох ניט ווײַט האָט זיך דערהערט א שאָרכען; ~ лýчше ви́дно פונדערנאָענט זעט מען בעסער; 2. *предлог с род. п.* לעבן, ניט ווײַט פון; ~ дорóги לעבן דעם וועג, ניט ווײַט פונעם וועג

вбок *нареч. разг.* אין א זײַט

вброд *нареч.*: переходи́ть рéку ~ אריבערגיין* (איבער) דעם טײַך, וווּ ס׳איז פליטקע

ввáливаться *несов. см.* ввали́ться

ввали́вш||ийся: ~иеся щёки אײַנגעפאלענע באקן; ~иеся глаза́ אײַנגעגראָבענע אויגן

ввали́ться *сов.* **1.** *(о глазах)* אײַנגעגראָבן ווערן*; *(о щеках)* אײַנפאלן*; 2. *разг.* *(войти куда-л. с шумом)* ארײַנשטעלן זיך, ארײַנוואלגערן זיך

введе́ние *с* ארײַנפיר מ ־ן, אײַנלייטונג װ ־ען

ввезти́ *сов.* ארײַנפירן; *(товары из-за границы тж.)* אימפאָרטירן

ввек *нареч. разг.* אײביק, קײנמאָל; ~ не забу́ду כ׳וועל אײביק [קײנמאָל, וויפל איך וועל לעבן] ניט פארגעסן

вверга́ть *несов.*, **ввéргнуть** *сов.* ארײַנוואַרפן*, ארײַנברענגען*; ~ *кого-л.* в отча́яние עמעצן אין ייִאוש [פארצווייפלונג] ארײַנברענגען*

ввéрить *сов.* אָנגעטרויען, (אָנ)פארטרויען; ~ *кому-л.* свою́ судьбу́ עמעצן דעם גורל אָנגעטרויען; ~ *кому-л.* та́йну עמעצן (אָנ)פארטרויען א סאָד

вверну́ть *сов.* **1.** *(ввинтить)* ארײַנשרויפן, ארײַנדרייען; 2. *разг.*: ~ словéчко ארײַנשטעלן א וואָרט

вверх *нареч.* ארויף(־צו); доро́га ведёт ~ דער וועג פירט ארויף־צו; ~ по рекé טײַך־ארויף; ~ дном 1) מיטן דעק ארויף, איבערגעקערט; 2) *перен.* קאפויר, מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארויף; ◇ ~ нога́ми מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארויף

вверху́ *нареч.* אויבן; *(в верхней части)* פון אויבן

вверя́ть *несов. см.* ввéрить

ввести́ *сов.* **1.** ארײַנפירן; 2. *(ввергнуть)* ארײַנברענגען*; ~ *кого-л.* в расхо́д עמעצן אין הוצאָעס ארײַנברענגען*; ~ *кого-л.* в заблуждéние עמעצן אין א טעָות ארײַנברענגען*; 3.: ~ в дéйствие פּאָרפירן עמעצן; ~ в строй *(предприятие)* אָנהייבן* עקספּלואַטירן; ~ *что-л.* в употреблéние עפּעס אין געברויך ארײַנפירן; ~ *кого-л.* в курс собы́тий עמעצן אין קורס פון די געשעענישן ארײַנפירן; ~ войска́ в бой די מיליטער־טײלן אין שלאכט אײַנשליסן*; ~ *что-л.* в мо́ду עפּעס מאכן פאר א מאָדע

ввиду́ *предлог с род. п.* איבער, מאחמעס; ~ того́, что... איבער [מאחמעס] דעם, וואָס...; אַזוי ווי; העיוֹיס

ввинти́ть *сов.*, **вви́нчивать** *несов.* ארײַנשרויפן, ארײַנדרייען

ввод *м* **1.** ז ארײַנפירן; ~ в дéйствие דאָס לאָזן אין גאנג; 2. *тех.* װ ארײַנלייטונג

вводи́ть *несов. см.* ввести́

вво́дн||ый **1.** ארײַנפיר־; ~ая лéкция ארײַנפיר־לעקציע װ ־ס; 2. *грам.* באמערק־; ~ое предложéние באמערקזאץ מ ־ן; ~ое сло́во באמערקוואָרט (מצ. ־ווערטער)

ввоз *м* **1.** *(действие)* ז ארײַנפירן, ארײַנפיר מ; *(товаров из-за границы тж.)* ז אימפּאָרטירן; 2. *эк.* *(стоимость или количество ввезённых товаров)* ארײַנפיר מ, אימפּאָרט מ

ввози́ть *несов. см.* ввезти́

ввóлю *нареч. разг.* וויפל דאָס הארץ גלוסט, וויפל ס׳גלוסט זיך

ввысь *нареч.* אין דער הייך

ввяза́ться *сов.*, **ввя́зываться** *несов.* *(во что-л.)* *разг.* ארײַנמישן זיך

вглубь *нареч.* אין דער טיף

вгляде́ться *сов.*, **вгля́дываться** *несов.* אײַנקוקן זיך

вгоня́ть *несов. см.* вогна́ть

вдава́ться *несов.* *(во что-л.)* אײַנשנײַדן* זיך; зали́в далекó вдаётся в бéрег דער אײַנגוס שנײַדט זיך טיף ארײַן אין ברעג; ◇ ~ в кра́йности פארגיין* צו ווײַט, זײַן* עקסטרעם; ~ в подро́бности ארײַנלאָזן* זיך אין פּראָטים; ~ в то́нкости שטארק גריבלען זיך

вдави́ть *сов.* ארײַנקוועטשן; ארײַנשפארן; *(прогнуть)* אײַנקוועטשן

вда́вливать *несов. см.* вдави́ть

вда́лбливать *несов. см.* вдолби́ть

вдалекé, вдали́ **1.** *нареч.* אינדערווײַטנ(ס); вдали́ показа́лся вса́дник אינדערווײַטנ(ס) האָט זיך באוויזן א רײַטער; 2.: ~ от ווײַט פון; ~ от столи́цы ווײַט פון דער הויפּט־שטאָט

вдаль *нареч.* ווײַט פארויס, אין דער ווײַט (ארײַן)

вда́ться *сов. см.* вдава́ться

вдвига́ть *несов.*, **вдви́нуть** *сов.* ארײַנרוקן

вдвóе *нареч.* **1.** (אין) צוויי מאָל; ~ бо́льше טאָפּלט, צוויי מאָל אַזויפיל; 2. *разг.* *(согнув пополам)* אינצווייען

вдвоём *нареч.* אינצווייען, זאלבעצווייט, זאלבענאנד

вдвойнé *нареч.* טאָפּלט, צוויי מאָל אַזויפיל; заплати́ть ~ באצאָלן טאָפּלט [צוויי מאָל אַזויפיל]; я ~ рад כ׳בין טאָפּלט [באזונדערס שטארק] צופרידן

вдева́ть *несов.*, **вдеть** *сов.* ארײַנטאָן*; ~ ни́тку в иго́лку ארײַנסילען [ארײַנציִען*] א פאָדעם אין דער נאָדל

вдоба́вок *нареч. разг.* דערצו נאָך, אויסער [כוץ] דעם

вдов||а́ *ж* אלמאָנע װ ־ס; ~éц *м* אלמען מ ־ס

вдо́воль **1.** *нареч.* וויפל דאָס הארץ גלוסט, גענוג; 2. *в знач. сказ.* גאנץ גענוג, בעשעפע; у нас всегó ~ בא אונדז איז אלצדינג פאראַן בעשעפע

вдого́нку *нареч.* אָניאָגן (אף); пусти́ться за *кем-л.* ~ לאָזן* זיך אָניאָגן עמעצן; кри́кнуть *кому-л.* ~ נאָכשרײַען* עמעצן; посла́ть *кого-л.* ~ за *кем-л.* שיקן עמעצן אף אָנצויאָגן עמעצן

вдолби́ть *сов. разг.* אײַנדויבען; ~ в го́лову ארײַנקלאפּן] אין קאָפּ (ארײַן)]

вдоль **1.** *нареч.* אין [לויט] דער לענג; 2. *предлог с род. п.* פּאָזע, לענגויס; ~ бéрега לענגויס [פּאָזע] דעם ברעג; ◇ ~ и поперёк אין דער לענג און אין דער ברייט

вдох *м* אָטעמצוג מ ־ן, א(ר)ײַנאָטעמונג װ ־ען; сдéлать ~ אײַנאָטעמען, אײַנעטעמען

вдохновéн||ие *с* באגײַסטערונג װ, היסלײַוועס ז; ~но *нареч.* מיט היסלײַוועס, באגײַסטערט; ~ный באגײַסטערטער

вдохнов||и́тель *м* = באגײַסטערער מ; ~и́ть *сов.* **1.** באגײַסטערן; 2. (на *вин.*) אָנרעגן (אף), אויפמונטערן (צו); ~и́ть на по́двиг *кого-л.* אויפמונטערן עמעצן צו א העלדנטאט; ~и́ться *сов.* *(тв.)* באגײַסטערט ווערן* (פון), באגײַסטערן זיך (פון)

вдохновля́||ть *см.* вдохнови́ть; ~ющий примéр א באגײַסטערנדיקער [אן אויפמונטערנדיקער] בײַשפּיל; ~ться *несов. см.* вдохнови́ться

вдохну́ть *сов.* **1.** אײַנאָטעמען, אײַנעטעמען; 2. *перен.* ארײַנהויכן, ארײַנבלאָזן*; ~ но́вую жизнь во *что-л.* ארײַנבלאָזן* א נײַע נעשאָמע אין עפּעס; ~ му́жество в *кого-л.* ארײַנהויכן מוט אין עמעצן

вдрéбезги *нареч.* אף (פּיץ־)פּיצלעך; разби́ть ва́зу ~ צעברעכן* די וואַזע אף (פּיץ־)פּיצלעך

вдруг *нареч.* 1. פלוצעם, מיטאמאָל; ~ хлы́нул дождь פלוצעם [מיטאמאָל] האָט א גאָס געטאָן א רעגן; 2. *(одновременно)* מיטאמאָל; не все ~! ניט אלע מיטאמאָל!; 3. *разг.:* а е́сли ~ טאָמער, און אויב; а ~ он не прие́дет? טאָמער וועט ער ניט קומען צו פאָרן?!, און אויב ער וועט ניט קומען צו פאָרן?!

вду́маться *сов.* ארײַנטראכטן זיך

вду́мчив||о *нареч.* באקלערט, באדאכט, ארײַנגעטראכט; ~о отнести́сь к *чему-л.* צוגיין* צו עפעס באקלערט [באדאכט, ארײַנגעטראכט]; **~ый** באקלערטער, באדאכטער, ארײַנגעטראכטער; ~ое отноше́ние к *чему-л.* א באקלערטער [באדאכטער, ארײַנגעטראכטער] צוגאנג צו עפעס

вду́мываться *несов. см.* вду́маться

вдыха́||ние *с* א(ר)ײַנאָטעמען ז, א(ר)ײַנאָטעמונג װ; **~ть** *несов. см.* вдохну́ть 1

вегетариа́н||ец *м* וועגעטאריאנער ם =; **~ка** *ж* וועגעטאריאנערן װ ־ס, וועגעטאריאנקע װ ־ס; **~ский** וועגעטאריאנישער

вегетати́вн||ый וועגעטאטיווער; ◇ ~ое размноже́ние *бот.* וועגעטאטיווע פארמערונג; ~ая не́рвная систе́ма די וועגעטאטיווע נערוון־סיסטעם

вегетацио́нный *бот.* וועגעטאציע־; ~ пери́од וועגעטאציע־פעריאָד ם

ве́д||ать *несов.* 1. *(тв.; управлять)* אָנפירן (מיט), האָבן* צו שאפן (איבער); *(заведовать)* פארוואלטן (מיט); 2. *уст.* *(знать)* ווייסן*; не зна́ю, не ~аю איך הייב ניט אָן צו וויסן

ве́дени||е *с* קאָמפעטענץ װ, רעשוס ם; находи́ться в ~и *кого-л.* זײַן* [געפינען* זיך] אין עמעצנס קאָמפעטענץ

веде́ние *с* פירן ז, פירונג װ; ~ хозя́йства ווירטשאפט־פירונג װ; ~ бухга́лтерских книг בוכפירונג װ; ~ протоко́ла דאָס פירן דעם פראָטאָקאָל

ве́дома: с *чьего-л.* ~ מיט עמעצנס וויסן; без *чьего-л.* ~ אָן עמעצנס וויסן

ве́домость *ж* ליסטע װ ־ס; וועדאָמאָסט װ ־ן *разг.*; платёжная ~ *бухг.* אויסצאָל־ליסטע װ ־ס; וועדאָמאָסט װ ־ן *разг.*

ве́домственн||ый אמט־, אמטלעכער; ~ые барье́ры אמטלעכע [ביוראָקראטישע] באריערן

ве́домство *с* אמט ם ־ן, אמטשאפט װ ־ן

ведр||о́ *с* עמער ם ־ס; пять вёдер воды́ פינף עמער וואסער; ◇ льёт как из ~а́ ס׳גיסט ווי פון [מיט] עמערס

вёдро *с уст.* זוניקער וועטער

веду́щ||ий 1. פירנדיקער; ~ий цех דער פירנדיקער צעך; игра́ть ~ую роль שפילן א פירנדיקע ראָליע; занима́ть ~ее ме́сто פארנעמען* אן אָנפירנדיק [א פירנדיק] אָרט; 2. *тех.* טרײַב־; ~ее колесо́ טרײַבראָד װ (מצ. ־רעדער); 3. *в знач. сущ. м ав.* פירנדיקער [פאָדערשטער] אעראָפלאן; 4. *в знач. сущ. м (в пьесе, концерте и т. п.)* לײַטער ם =

ведь 1. *частица* דאָך; ~ я был прав איך בין דאָך געווען גערעכט; да ~ э́то наш това́рищ! ס׳איז דאָך אונדזער כאווער!; 2. *частица (при вопросе):* ~ вы придёте? איאָ איר וועט קומען?!; 3. *союз* דאָך; пойду́ в столо́вую, ~ я с утра́ ничего́ не ел איך וועל גיין אין גאָרקיך, איך האָב דאָך פון אינדערפרי אָן גאָרנישט ניט געגעסן

ве́дьма *ж* 1. קישעפמאכערן װ ־ס, מעכאשייפע װ ־ס; 2. *бран.* מעכאשייפע װ ־ס

ве́ер *м* 1. פאָכער ם ־ס, פעכער ם ־ס; ווײַער ם ־ס *разг.*; 2. *в знач. нареч.:* ~ом ווי א ווײַער

ве́жлив||ость *ж* העפלעכקייט װ, בעני׳מעסדיקייט װ; **~ый** העפלעכער, בעני׳מעסדיקער

везде́ *нареч.* אומעטום; ~ и всю́ду דאָ און דאָרט (און אומעטום)

вездесу́щий אלפאראָנענער, אומעטומיקער

вездехо́д *м (автомобиль)* אומעטום־גייער ם ־ס; **~ный** אומעטום־גייענדיקער

везти́ *несов.* 1. פירן; *(о лошади)* שלעפן; 2. *безл.*, *разг.:* ему́ везёт ס׳גליקט [ס׳גייט] אים, ס׳שפילט אים דאָס מאזל

век *м* 1. *(столетие)* יאָרהונדערט ם ־ער; освящённый ~а́ми פון דוירעס געהייליקטער; 2. *(эпоха)* עפאָכע װ ־ס, צײַט װ ־ן, טקופע װ ־ס; ка́менный ~ שטיין־טקופע װ; сре́дние ~а́ מיטלאלטער ם; а́томный ~ אטאָם־טקופע װ; 3. *(жизнь)* לעבן ז ־ס, לעבנסצײַט װ; он на своём ~у́ פאר זײַן לעבן, פאר אלע זײַנע יאָרן; дожива́ть свой ~ דערציִען* דאָס לעצטע ביסל יאָרן; на наш ~ хва́тит אף אונדזער דאָר וועט (נאָך) קלעקן; 4. *разг.* *(очень долгое время)* יאָרנלאנג, א שאָק מיט יאָרן; це́лый ~ не вида́лись יאָרנלאנג [א שאָק מיט יאָרן] זיך ניט געזען; ◇ во ~и веко́в אף אייביקע יאָרן, אף דאָר־דוירעס; до сконча́ния ~а ביזן סאָף פון אלע צײַטן; ביז צום עלעף האשישי *уст.*; в ко́и(-то) ~и טאָמער איין מאָל אין א יוויול; ווען ס׳קאָן נאָך אמאָל אויסקומען; на ~и ве́чные אף אייביק (און אייביק); לעוילעם וואָעד *уст.*; ~ живи́, ~ учи́сь אייביק לעבן, אייביק לערנען

ве́ко *с* אויגנלעפל ז ־עך; אויגנדעקל ז ־עך, אויגנלעדל ז ־עך

веков||о́й דוירעסדיקער; *(о деревьях и т.п.)* אלטער־אלטער; ~ы́е тради́ции דוירעסדיקע טראדיציעס

ве́ксель *м* וועקסל ם ־ען; переводно́й ~ טראסירטער וועקסל, טראטע װ ־ס

ве́ктор *м мат.* וועקטאָר ם ־ס

веле́ни||е *с* באפעל ם ־ן; פאָדערונג װ ־ען; по ~ю се́рдца לויט א רוף פונעם הארצן; ◇ по щу́чьему ~ю לויט א קישעף־שפרוך

веле́||ть *сов. и несов.* הייסן*; мне ~ли прийти́ за́втра מע האָט מיר געהייסן (כ׳זאָל) קומען מאָרגן; со́весть не вели́т мне молча́ть דאָס געוויסן דערלויבט מיר ניט שווײַגן; до́ктор не ~л мне купа́ться דער דאָקטער האָט מיר ניט דערלויבט באָדן זיך

велика́н *м* ריז ם ־ן, גיגאנט ם ־ן

вели́к||ий 1. גרויסער°; ~ий учёный א גרויסער° געלערנטער; Вели́кая Октя́брьская социалисти́ческая револю́ция די גרויסע סאָציאליסטישע אָקטיאבער־רעוואָליוציע; ~ие держа́вы די גרויסמאכטן; 2. *тк. кратк. ф. (слишком большой)* (צו) גרויסער; сапоги́ ему́ ~и́ די שטיוול זײַנען (צו) גרויס אף אים; ◇ от ма́ла до вели́ка פון קליין ביז גרויס

великовозра́стный: ~ учени́к גאנץ [היפש] דערוואקסענער שילער

великодержа́вный גרויסמאכטישער; ~ шовини́зм גרויסמאכטישער שאָוויניזם

великоду́ш||ие *с* גרויסמוטיקייט װ, גרויסמוט ם, גרויס-

האַרציקייט וו, הויכהאַרציקייט וו; ~ный גרויסמוטיקער, גרויסהאַרציקער, הויכהאַרציקער

великолéп||ие *с* פראכט וו; ~но *нареч. разг.* אויסגעצייכנט; он ~но рисýет ער מאָלט אויסגעצייכנט; ~но! אויסגעצייכנט!; **~ный 1.** *(роскошный)* פרעכטיקער, גרויסארטיקער; 2. *разг. (отличный)* אויסגעצייכנטער, גלענצנדיקער

величáвый דערהויבענער, מאיעסטעטישער

величá||ть *несов.* 1. *разг. (по отчеству)* רופן* באם נאָמען און פאָטערנאָמען; 2. *ирон.:* они́ его́ ~ли профéссором ער האָט בא זיי געהייסן «פראָפעסאָר», ער האָט בא זיי קיין אנדער נאָמען ניט געהאט, נאָר «פראָפעסאָר»

вели́чественн||о *нареч.* מאיעסטעטיש; **~ый** גראנדיעזער, מאיעסטעטישער; ~ое зрéлище א גראנדיעז [א הערלעך] בילד; ~ая осáнка א מאיעסטעטישער שטאלט

вели́чество *с* מאיעסטעט וו; его́ ~ זײַן מאיעסטעט

вели́чи||е *с* גרויסקייט וו, דערהויבנקייט וו; ~е пóдвига די גרויסקייט פון א העלדנטאט; ~е дýха גײַסטיקע דערהויבנקייט; ◇ во всём (своём) ~и אין דער [אין זײַן] פולער פראכט

величин||á *ж* 1. *(размер)* גרייס וו; стол срéдней ~ы א טיש פון מיטלער גרייס; ~óй с орéх גרויס ווי א נוס; 2. *мат.* גרייס וו ־ן; постоя́нная ~á א באשטענדיקע [א קאָנסטאנטע] גרייס; 3. *(выдающийся человек)* א יעש, א פיגור

велогóнка *ж* דאָס יאָג־געוועט אף וועלאָסיפעדן, וועלאָ־געוועט ז

велодрóм *м* וועלאָדראָם מ ־ען

велосипéд *м* וועלאָסיפעד מ ־ן; **~и́ст** *м* וועלאָסיפעדיסט מ ־ן; **~и́стка** *ж* וועלאָסיפעדיסטקע וו ־ס, וועלאָסיפעדיסטן וו ־ס; **~ный** וועלאָסיפעדן־; ~ный спорт וועלאָסיפעדן־ספאָרט מ

вельвéт *м текст.* וועלוועט מ; **~овый** וועלוועטענער

вельмóжа *м* 1. *уст.* סראָרע מ ־ס; א געהויבענע פערזאָן; 2. *ирон.* א גאנצער [א גרויסער] פאָרעץ

вéна *ж анат.* ווענע וו ־ס, טונקלבלוט־אָדער וו, מ ־ן

венгéрец *м см.* венгр

венгéрка¹ *ж* אונגערן וו ־ס, אונגארן וו ־ס, מאדיארקע וו ־ס

венгéрка² *ж (танец)* ווענגערקע וו

венгéрский אונגערשער, אונגארישער, מאדיארישער; ~ язы́к די אונגערשע שפראך, אונגער(י)ש ז

венгр *м* אונגער מ ־ן, אונגאר מ ־ן, מאדיאר מ ־ן

Венéра *ж миф., астр.* ווענוס וו, ווענערע וו

венери́ческ||ий ווענערישער; ~ие болéзни ווענערישע קראנקהײַטן; ~ий диспансéр ווענעראָלאָגישער דיספאנסער

венéц *м* 1. *уст. (венок)* קראנץ מ (מצ. קרענץ); терновый ~ דערנער־קראנץ מ (מצ. ־קרענץ); 2. *уст. (корона)* קרוין וו ־ען; 3. *астр.* קרוין וו; ◇ конéц дéлу ~ ≅ צום לעצטן דאָס בעסטע; אלץ איז גוט, אויב דער סאָף איז גוט

вéнзель *м* מאָנאָגראַם וו ־ען

вéник *м* בעזעם מ ־ער

венóзн||ый ווענאָזער; ~ая кровь טונקלבלוט ז

венóк *м* קראנץ מ (מצ. ־ן, קרענץ)

вентили́ровать *несов.* ווענטילירן, לופטערן

вéнтиль *м тех.* ווענטיל מ ־ן

вентиля́||тор *м* ווענטילאַטאָר מ ־ס; **~ци́онный** ווענטיליר־, ווענטילאציע־; **~ция** *ж* 1. *(действие)* ווענטילירונג וו; 2. *(установка)* ווענטילאציע וו

венчá||ние *с* דאָס מעזאָוועג זײַן (אין קירך); *(по еврейскому обряду)* דאָס געבן כופע־קידושן; **~ть** *несов.* 1. מעזאָוועג זײַן* (אין קירך); *(по еврейскому обряду)* געבן* כופע־קידושן; 2. *(короновать)* קרוינען; 3. *(заканчивать; тж. перен.)* באקרוינען; **~ться** *несов.* 1. פארהייראט ווערן* (אין קירך); *(по еврейскому обряду)* נעמען* כופע־קידושן; 2. *(короноваться)* געקרוינט ווערן*; 3. *(заканчиваться; тж. перен.)* באקרוינט ווערן*

вéнчик *м бот.* קריינדל ז ־עך

вéр||а *ж* 1. גלויבן מ, גלייבן ז; ~а в побéду דאָס גלייבן אין זיג; 2. *(религия)* גלויבן מ ־ס, עמונע וו ־ס, רעליגיע וו ־ס; 3. *разг. (доверие)* צוטרוי מ; ◇ приня́ть *что-л.* на ~у אָנעמען* עפעס פאר א רעכטן עמעס [פאר טוירעס לאָקש *уст.*]; ~ой и прáвдой מיט לײַב און לעבן

верáнда *ж* וועראנדע וו ־ס

вéрба *ж* ווערבע וו ־ס

вербáльн||ый: ~ая нóта *дип.* א ווערבאלע נאָטע

верблю́||д *м* קעמל מ ־ען; **~жий** קעמל־; ~жья шерсть קעמלוואָל וו

верб||овáть *несов.* ווערבירן; **~óвка** *ж* ווערבירונג וו; **~óвщик** *м* ווערבירער מ =

верди́кт *м юр.* ווערדיקט מ ־ן

верёв||ка *ж* שטריק מ =; **~очка** *ж* שטריקל ז ־עך, שטריקעלע ז ־ך; **~очный** שטריק־; ~очная лéстница שטריק־לייטער מ ־ס

верени́ц||а *ж* ריי וו ־ען; ~а автомоби́лей א ריי [א שורע] אווטאָמאָבילן; пролетéла ~а ди́ких гусéй ס׳איז דורכגעפלויגן א טשאטע ווילדע גענדז; бесконéчной ~ей אין אן אומענדלעכער ריי

вéреск *м бот.* ווערעסק מ

веретенó *с* שפינדל ז ־ען, ווערעטענע וו ־ס

верзи́ла *м разг.* ווערגעלעץ מ ־עס, לעפאק מ ־עס

вери́тельн||ый: ~ые грáмоты *дип.* אָנטרוי־גראמאָטעס מצ., קרעדענצן מצ.

вéри||ть *несов.* 1. גלייבן; ~ть в побéду גלייבן אין זיג; почемý ты мне не ~шь? פארוואָס גלייבסטו מיר ניט?; ~ть кáждому его́ слóву גלייבן (אז ס׳איז עמעס) אלץ, וואָס ער זאָגט; 2. *(доверять)* גלייבן, געטרויען; емý мóжно ~ть אים מעג מען גלייבן [געטרויען], אף אים מעג מען זיך פארלאָזן; **~ться** *несов. безл.:* не ~тся ס׳גלייבט זיך ניט; ~тся с трудóм ס׳איז שווער [קוים] צו גלייבן

вермишéль *ж* ווערמישעל וו

вéрмут *м (вино)* ווערמוט מ

вернée 1. *сравн. ст. от* вéрный *и* вéрно; 2. *в знач. ввод. сл.* ריכטיקער, פינקטלעכער; пóздней нóчью, ~, рáнним ýтром שפעט באנאכט, ריכטיקער געזאָגט, פרי (אין) קאיאָר

вернисáж *м* ווערניסאַזש מ ־ן

вéрно 1. *нареч. (правильно)* ריכטיק; задáча решенá ~ די אויפגאבע איז געלייזט ריכטיק; 2. *нареч. (преданно)* (גע)טרײַ, איבערגעגעבן; 3. *в знач. сказ.* ריכטיק, עמעס; э́то ~ דאָס איז ריכטיק [עמעס]; что ~, то ~ וואָס עמעס איז עמעס; 4. *в знач. вводн. сл.* מיסטאָמע,

מינ(ה)אסטאָם, זעט אויס, אפּאָנעם; он, ~, уж не придёт ער
וועט שוין מינאסטאָם [מיסטאָמע, זעט אויס, אפּאָנעם] ניט
קומען; ~сть ж 1. (преданность) װ טרײַהײַט, -(גע)טרײַ
שאפט, װ איבערגעגעבנקײַט װ; 2. (правильность) -ריכ
טיקײַט װ

верну́‖ть *сов.* 1. *(отдать обратно)* אומקערן; ~ть
долг אומקערן [אָפּגעבן*] דעם כויוו; 2. *(вновь обрести)*
אומקערן; про́шлого не вернёшь דאָס אמאָליקע וועסטו
ניט אומקערן; 3. *(заставить возвратиться)* אומקערן,
רופן* צוריק; ~ть курье́ра אומקערן [רופן* צוריק] דעם
קוריער; ~ться *сов.* 1. זיך אומקערן, צוריק קומען*,
צוריקומען*; 2.: к нему́ верну́лась пре́жняя уве́ренность
ער איז ווידער געוואָרן בא זיך זיכער [פעסט]

ве́рн‖ый 1. *(преданный)* (גע)טרײַער, איבערגעגעבענער;
~ые друзья́ (גע)טרײַע [איבערגעגעבענע] פרײַנט; оста́ться
~ым свои́м убежде́ниям בלײַבן* (גע)טרײַ די איבערצײַ-
גונגען; 2. *(надёжный)* זיכערער; ~ое сре́дство א זיכער
מיטל; 3. *(правильный, точный)* ריכטיקער, פינקטלעכער;
~ое вре́мя די ריכטיקע [פינקטלעכע] צײַט; ~ый глаз
א שארף אויג; 4. *(неизбежный)* זיכערער, אומפארמײַד-
לעכער; ~ая смерть א זיכערער [אן אומפארמײַדלעכער]
טויט

ве́рования *мн.* גלייבענישן מצ., גלויבונגען מצ.

ве́ровать *несов.* גלייבן

вероиспове́дание *с* גלויבן מ ־ס, עמונע װ ־ס

вероло́м‖но *нареч.* טרײַברעכעריש; *(предательски)*
פארעטעריש; ~но напа́сть на *кого-л.* פארעטעריש אָנ-
פאלן* אף עמעצן; ~ный טרײַברעכערישער; *(предатель-
ский)* פארעטערישער; ~ство *с* טרײַברעכערישקײַט װ

вероотсту́пник *м уст.* אָפּטריניקער מ ··קע; *(о еврее)*
מעשומעד מ (מצ. מעשומאָדים)

веро́ятн‖о *ввод. сл.* וואַרשײַנלעך, אפּאָנעם; ~ость *ж*
וואַרשײַנלעכקײַט װ; ◇ по всей ~ости גאנץ וואַרשײַנלעך,
לויט אַלע אויסזיכטן; тео́рия ~осте́й *мат.* -וואַרשײַנלעכ
קײַטן־טעאָריע װ; ~ый וואַרשײַנלעכער, מעגלעכער

ве́рсия *ж* ווערסיע װ ־ס

верст‖а́ *уст.* ווערסט װ ־ן, וויאָרסט װ ־ן *(с колич.
словами мн.* ווערסט, וויאָרסט); ◇ за́ ~у פאר א מײַל

верста́к *м* ווערקשטעל מ ־ן

верста́ть *несов. полигр.* ווערסטעווען, וויאָרסטעווען;
ברעכן* *уст.*

вёрстка *ж полигр.* 1. *(действие)* ווערסטעווען ז,
וויאָרסטעווען ז; ברוך מ *уст.*; 2. *(свёрстанный набор,
корректура)* וויאָרסטקע װ ־ס

ве́ртел *м* בראָט־שפּיז װ ־ן

верте́п *м (притон)* נעסט װ ־ן *неодобр.*

верте́ть *несов.* 1. דרייען; *(вращать)* אומדרייען; ~ в
рука́х *что-л. (играть чем-л.)* פאָרען זיך מיט עפעס, ניט
ארויסלאָזן* עפעס פון די הענט; 2. *разг. (кем-л.)* שאפן*
(מיט), הערשעווען (איבער); *(чем-л.)* האלטן* אין די הענט,
זײַן* דער גאנצער באלעבאָס (איבער); ~ся *несов.* 1. -דריי
ען זיך; *(вращаться тж.)* אומדרייען זיך; ~ся волчко́м
דרייען זיך ווי א ווערפל; разгово́р ве́ртится вокру́г
одного́ вопро́са דאָס געשפרעך דרייט זיך ארום איין
פראַגע; 2. *разг. (находиться)* דרייען זיך (ארום עמעצן),
זײַן* אָפט° אין א סוויווע פון עמעצן; он ве́ртится среди́
арти́стов ער דרייט זיך ארום ארטיסטן; 3. *разг. (увили-
вать)* דרייען זיד אפן קאָרעק; ◇ ~ся под нога́ми
פלאָנטע(ר)ן זיך פאר די פיס; сло́во ве́ртится на языке́
דאָס וואָרט ליגט אפן שפיץ צונג [אף דער צונג]; как ни
верти́сь ווי זאָלסט זיך ניט דרייען [זיך ניט בעריען]

вертика́ль *ж* ווערטיקאַל װ ־ן; ~ный ווערטיקאַלער

вертля́вый *разг.* צו א פלינקער, צו א רירעוודיקער

вертолёт *м* ווערטאָליאָט מ ־ן; העליקאָפטער מ ־ס
разг.

верту́шка *ж разг.* 1. *(дверь)* דריי־טיר װ ־ן; *(эта-
жерка)* דריי־עטאַזשערקע װ ־ס; *(телефонный диск)* -רעדל
בלאט מ (מצ. ··בלעטער); 2. *(легкомысленная женщина)*
דריידל ז ־עך, האָצעליכע װ ־ס

ве́рующий *м* גלויביקער מ ··קע

верфь *ж* שיפבויערײַ װ ־ען, ווערף װ ־ן

верх *м* 1. *(верхняя часть)* אויבערטייל מ, אויבן מ;
(заострённый) שפיץ מ ־ן; 2. *(верхний этаж)* דער
אייבערשטער שטאָק, אייבערשטאָק מ ־ן; 3. *(экипажа)*
בויד װ ־ן, דעק מ ־ן; 4. *(одежды)* אייבערשלאק מ,
ווערעך מ; 5. *(шапки)* דענעק מ ־עס; 6. *(высшая сте-
пень)* העכסטע מאדרייגע, העכסטער גראד [פונקט]; ~
совершéнства די גרעסטע פולקום־, די פולסטע שליימעס
קײַט; ~ на́глости די גרעסטע פרעכקײַט [כוצפע]; ◇
быть на ~у́ блаже́нства זײַן* אפן זיבעטן הימל, זײַן*
העכסט גליקלעך

верх‖и́ *мн. разг.* 1. *(общества)* אויבערשיכטן מצ.;
2. *(руководители)* פירערשאפט װ; совеща́ние в ~а́х
שפיצן־באראטונג װ ־ען; 3. *(высокие звуки)* אייבערטענער
מצ.; 4.: нахвата́ться ~о́в -אויפכאפן פון אומעטום אויבער
פלעכלעכע קענטענישן; скользи́ть по ~а́м גיין* אויבנאופיק,
ניט ארײַנדרינגען* אין דער טיף

ве́рхн‖ий אויבער־, אייבערשטער; ~яя по́лка -די איי
בערשטע פאָליצע; ~ий эта́ж דער אייבערשטער גאָרן
[שטאָק], אייבערשטאָק מ ־ן; ~яя че́люсть די אייבערשטע
קינבאק; ~ее пла́тье אייבערקלייד, אן אייבערשט קלייד
אייבערשט ז ־ן, ז ־ער; ~ее тече́ние реки́ -דער אויבער
פלוס פונעם טײַך; ~ий реги́стр *муз.* אייבער־רעגיסטער
מ; ◇ ~яя пала́та *(парламента)* אויבער־פאלאטע װ
־ס

верхо́вн‖ый אויבער־; *(высший)* העכסטער; ~ый о́рган
דער העכסטער אָרגאן; ~ая власть הויפטמאכט װ; Вер-
хо́вный Сове́т СССР דער אויבער־סאָוועט פון פססר

верхово́д *м разг.* = רעדלפירער מ, = קאָכלעפל מ;
~ить *несов. разг.* -זײַן* דער רעדלפירער, פירן דאָס רעדל
רער

верхов‖о́й[1] 1. רײַט־; ~а́я ло́шадь = רײַטפערד ז; ~а́я
езда́ רײַטנדיק פארן, דאָס רײַטן ז; 2. *в знач. сущ. м*
רײַטער מ =

верхово́й[2] *после сущ.*; אייבערשטער פון אויבערפלוס

верхо́вье *с* 1. *(часть реки)* אויבערפלוס מ ־ן; 2. *(ме-
стность)* אויבערגעגנט װ ־ן

верхогля́д *м разг.* -אן אויבנאופיקער [אן אויבערפלעכלע
כער] פארשוין; ~ство *с разг.* -אויבנאופיקײַט װ, אויבער
פלעכלעכקײַט װ

верхола́з *м* = הייך־ארבעטער מ

ве́рхом *нареч.* 1. *(по верху)* מיטן הויכוועג; 2. *разг.
(выше краёв)* מיט א ווערעך

верхо́м *нареч.* רײַטנדיק

верху́шка *ж* 1. אויבערטייל מ; אייבערשטע ז; *(дерева)*
שפיץ מ ־ן; ~ лёгкого לונגשפיץ מ ־ן; 2. *разг. (гла-*

вари) די רעדלפירער מצ.; _(высшие слои)_ אויבערשיכט מ

верши́н||а _ж_ 1. _(горы́, дерева)_ שפיץ מ ־ן; 2. _(высшая степень)_ די העכסטע מאדרייגע; ~а сла́вы די העכסטע מאדרייגע פון רום; ~ы тво́рчества די הייכן פון שאפונג, די שעפערישע הייכן; ◇ ~а угла́ _мат._ דער שפיץ פונעם ווינקל

верши́ть _несов._: ~ су́дьбы [су́дьбами] люде́й לייזן די גויראָלעס פון מענטשן; ~ дела́ми שאפן* (האָבן* צו) [האָבן* צו זאָגן] איבער די איניאָנים

вершо́к _м_ ווערשאָק מ (מצ. ווערשקעס)

вес¹ וואָג װ; _перен. тж._ כשיוועס ז; ~ом в два килогра́мма צוויי קילאָגראם די וואָג; его́ ~ 70 килогра́ммов ער וועגט 70 קילאָגראם; продава́ть _что-л._ на ~ פארקויפן עפעס אף דער וואָג; ◇ на ~ зо́лота מיט גאָלד גלײַך

вес² _м_: держа́ть _что-л._ на ~у́ האלטן* (אינדערלופטן) ווי א בעזמען

весели́ть _несов._ פריילעך מאכן; מעסאמייעך זײַן* _(забавля́ть)_ אמוזירן, פארווײַלן; ~ся _несов._ זיך לוסטיק [פריילעך] מאכן, מעסאמייעך זײַן* זיך

ве́село 1. _нареч._ פריילעך, לוסטיק; 2. _в знач. сказ. безл._ (ס׳)איז פריילעך; у нас ~ בא אונדז איז פריילעך; ~ смотре́ть на э́ту детвору́ ס׳איז א מעכײַע צו קוקן אף אָט דעם קינדווארג

весёлость _ж_ פריילעכקײַט װ, לוסטיקײַט װ

весёл||ый 1. פריילעכער, לוסטיקער; ~ая компа́ния א פריילעכע [א לוסטיקע] קאָמפאניע; ~ое настрое́ние א פריילעכע [א לוסטיקע] שטימונג; он ве́сел ער איז אויפגעראמט [פריילעך]; 2. _(доставляющий весе́лье)_ אמוזאנטער, פארווײַל־, פארווײַלנדיקער, פריילעכער; ~ые и́гры אמוזאנטע [פארווײַלנדיקע] שפילן, פארווײַל־שפילן מצ.; ~ый спекта́кль א פריילעכער [א פארווײַלנדיקער] ספעקטאקל; ~ая шу́тка א פריילעכער וויץ; 3. _(не мра́чный — о расцве́тке и т. п.)_ פריילעכער, לעבעדיקער

весе́лье _с_ 1. _(жизнера́достность)_ לוסטיקײַט װ, א פריילעכע [א הײַטערע] שטימונג; 2. _(развлече́ние)_ סימכע װ

весельча́к _м разг._ א פריילעכער [א לוסטיקער] פארשוין, א פריילעכע נעשאָמע

веселя́щий: ~ газ _хим._ לאכגאז מ

весе́нн||ий פרילינג־, פרילינגדיקער, וועסנע־; ~ее у́тро פרילינג־אינדערפרי מ; ~ий сев פרילינג־פארזיי מ

ве́сить _несов_ וועגן*

ве́ск||ий וואָגיקער; ~ий до́вод א וואָגיקער ארגומענט; ~ое сло́во א וואָגיק וואָרט

весло́ _с_ וועסלע װ ־ס; רודער מ ־ס

весн||а́ _ж_ פרילינג מ ־ען, וועסנע װ ־ס; ~о́й _нареч._ פרילינגצײַט, וועסנע־צײַט, (אום) פרילינג

весну́ш||ка _ж_ זומער־שפרענקל ז ־עך, זומער־שפרענקעלע ז ־ך; _мн. тж._ קלײַען מצ.; ~чатый מיט זומער־שפרענקלעך, מיט קלײַען _после сущ._, קלײַענדיקער

весов||о́й וואָג־; ~а́я едини́ца וואָגמאָס־איינס װ ־ן; ~а́я катего́рия _спорт._ די קאטעגאָריע לויט דער וואָג; ~о́й това́р סכוירע אף דער וואָג

весовщи́к _м_ = וועגער מ; וועסאָווטשיק מ ־עס _разг._

весо́мый וועגבארער; _перен._ וואָגיקער

вест _м мор._ וועסט מ; _(ветер тж.)_ וועסט־ווינט מ ־ן, מײַרעוו־ווינט מ ־ן

вести́ _несов._ 1. פירן; ~ ребёнка за́ руку פירן דאָס קינד פאר [בא] דער האנט; ~ за собо́й ма́ссы פירן נאָך זיך די מאסן; ~ авто́бус פירן דעם אווטאָבוס; 2. _(руководи́ть)_ פירן, אָנפירן (מיט); ~ семина́р פירן א סעמינאר; ~ кружо́к אָנפירן מיט א קרײַז(ל); ~ хозя́йство פירן די ווירטשאפט; 3. _(чем-л. по чему-л.)_ (אום)פירן (מיט עפעס איבער עפעס); ~ ука́зкой по ка́рте (אום)פירן מיטן טײַטל איבער דער מאפע; 4. _(куда-л.; о дороге, о двери и т.п.)_ פירן; 5. _(к чему-л.; иметь последствием)_ מיטברענגען*, גוירעם זײַן*; э́то ведёт к поте́ре вре́мени דאָס איז גוירעם צײַט־פארלוסט; 6. _разг._ _(к чему-л.; клонить)_ וועלן* אויסברײַען; не пойму́, к чему́ он ведёт כ׳הייב ניט אָן צו פארשטיין, וואָס וויל ער אויסברײַען; 7.: ~ протоко́л פירן דעם פראָטאָקאָל; ~ дневни́к פירן א טאָגבוך; ~ войну́ פירן א מילכאָמע, מילכאָמע האלטן*; ~ ого́нь _воен._ שיסן*, ריכטן דאָס פײַער; ◇ ~ себя́ זיך אויפירן; веди́ себя́ прили́чно! פיר זיך [האלט זיך] ווי א מענטש!, פיר זיך אָנשטענדיק!

вестибуля́рный: ~ аппара́т _анат._ וועסטיבולאר־אפאראט מ

вестибю́ль _м_ וועסטיביול מ ־ן

вести́сь _несов._ 1. _(производиться)_ געפירט ווערן*, גיין*; ведётся контро́ль ס׳ווערט קאָנטראָלירט [געפירט א קאָנטראָל]; веду́тся перегово́ры ס׳ווערן געפירט [ס׳גייען] אונטערהאנדלונגען; летосчисле́ние ведётся с... די צײַט־רעכענונג ווערט געפירט (אָנהייבנדיק) פון...; 2.: так уж ведётся אזוי איז אזוי אײַנגעפירט, אזוי פירט זיך דער שטייגער

ве́стник _м_ 1. = אָנזאָגער מ; 2. _(в названиях журналов)_ אינפאָרמיר־ביולעטען מ ־ען, וועסטניק מ ־עס

вестово́й _м воен._ וועסטאָוואָי מ ־ען

ве́сточк||а _ж разг._ א שטיקל יעדיע, עפעס א יעדיע, א גרוס; да́йте о себе́ ~у לאָזט זיך (אמאָל) הערן

вест||ь¹ _ж_ יעדיע װ ־ס; до́брая ~ь א גוטע° יעדיע; ◇ пропа́сть бе́з ~и פארפאלן ווערן* שפורלאָז

весть²: бог ~ גאָט ווייסט; не бог ~ како́й ניט אײַ־אײַ־אײַ

весы́ _мн._ וואָג װ; десяти́чные ~ א דעצימאלע וואָג

весь _мест._ (_ж_ вся, _с_ всё, _мн._ все) 1. _(целый)_ גאנצער; _мн._ אלע; ~ день דער גאנצער טאָג; א גאנצן טאָג; всю жизнь דאָס גאנצע לעבן; ~ наро́д דאָס גאנצע פאָלק; всё челове́чество די גאנצע מענטשהײַט; всё вре́мя די גאנצע צײַט; все стра́ны אלע לענדער; со всех сторо́н פון אלע זײַטן; все де́ньги דאָס גאנצע געלט; 2. _(целиком, совершенно)_ אינגאנצן; ~ промо́кший אינגאנצן א נאסער [א דורכגענעצטער], פיטש־נאס; ~ в цвета́х באשאָטן מיט בלומען; вся в бе́лом אין ווײַסן פון אויבן ביז אראָפ, אינגאנצן ווײַס געקליידט; вся в слеза́х אין איינע טרערן; ~ в отца́ דער טאטע מיט די ביינער, פונקט דער טאטע (ס׳זאָל פעלן א האָר); 3. _в знач. сущ. с_ אלץ, אלצדינג; всё его́ интересова́ло אלץ [אלצדינג] האָט אים אינטערעסירט; для него́ рабо́та всё די ארבעט איז בא אים אלץ [דער איקער אין לעבן]; бо́льше всего́ מער פון אלץ; пре́жде всего́ פאר אלץ, פאר אלעם, קוידעמקאָל; 4. _в знач. сущ. мн._ אלע; все его́ люби́ли

אלע האָבן אים ליב געהאט; он попроща́лся со все́ми ער האָט זיך אָפגעזעגנט מיט אלעמען; э́то всем поня́тно דאָס איז אלעמען פארשטענדלעך

весьма́ *нареч.* זייער, העכסט, ביז גאָר

ветви́стый צווײַג(האפט)יקער

ветвь *ж* צווײַג װ ־ן; (*отрасль тж.*) אָפצווײַג מ ־ן

ве́тер *м* ווינט מ ־ן; попу́тный ~ א גינסטיקער ווינט; ◇ броса́ть слова́ на ~ רעדן* אפן ווינט, רעדן* גלאט אין דער וועלט ארײַן; держа́ть нос по ве́тру קוקן וווהין דער ווינט בלאָזט

ветера́н *м* וועטעראן מ ־ען

ветерина́р *м* וועטערינאר מ ־ן; ~ия *ж* וועטערינאריע װ; ~ный וועטערינארער

ветеро́к *м* ווינטל ז ־עך, ווינטעלע ז ־ך

ве́тка *ж* 1. צווײַגל ז ־עך; 2. *ж.-д.* צווײַג־ליניע װ ־ס

ветла́ *ж* ווײדע װ ־ס, ווײדנבוים מ (מצ. ··ביימער)

ве́то *с нескл.* וועטאָ מ ־ס; пра́во ~ וועטאָ־רעכט ז; наложи́ть ~ ארופלייגן א וועטאָ

ве́тошь *ж собир.* אלטווארג ז, שמאטעס מצ., טראנטעס מצ.

ве́трен||о 1. *нареч.* לײַכטזיניק, אומבאטראכט; 2. *в знач. сказ. безл.* (ס׳)איז א ווינט, (ס׳)איז ווינטיק; ~ый 1. ווינטיקער; ~ая пого́да א ווינטיקער וועטער; 2. *разг.* (*легкомы́сленный*) לופטיקער, לײַכטזיניקער; ~ый челове́к א לופטיקער פארשוין; ~ое поведе́ние א לײַכטזיניקע אופירונג

ветроме́р *м* ווינטמעסטער מ ־ס

ветря́нка *ж разг.* ווינטפאָקן מצ.

ветрян||о́й ווינט־; ~а́я ме́льница ווינטמיל װ ־ן; ~о́й дви́гатель ווינטבאוועגער מ ־ס

ве́трян||ый: ~ая о́спа ווינטפאָקן מצ.

ве́тх||ий אלטער° (זייער); (*о здании тж.*) כאָרעוודיקער, כאָרעווער; (*об одежде*) אָפגעניצטער; ◇ Ве́тхий заве́т דער אלטער טעסטאמענט, טאנאך מ; ~ость *ж* אלטקײַט װ; (*здания тж.*) כאָרעוודיקײַט װ; прийти́ в ~ость (*о здании*) כאָרעוו ווערן*; (*об одежде и т. п.*) אָפגעטראָגן ווערן*

ветчина́ *ж* שינקע װ, וועטשינא װ

ветша́ть *несов.* אלט° ווערן*; (*о здании тж.*) כאָרעוו ווערן*; (*об одежде тж.*) אָפגעניצט ווערן*

ве́ха *ж* 1. ריכטצייכן מ ־ס; 2. *обыкн. мн. перен.* מײַלשטיינער מצ.

ве́чер *м* 1. אָוונט מ ־ן; (*поздний*) אפדערנאכט מ ־ן; (*ранний*) פארנאכט מ ־ן; в во́семь часо́в ~а אכט אזייגער אין אָוונט [אפדערנאכט]; к ~у פארנאכט־צו; 2. (*семе́йный пра́здник и т. п.*) פארווײַל־אָוונט מ ־ן; (*торже́ственное собра́ние*) אָוונט מ ־ן; литерату́рный ~ א ליטערארישער אָוונט

вечер||е́ть *несов. безл.*: ~е́ет ס׳פאלט צו די נאכט, ס׳אָוונט

вечери́нка *ж* וועטשערינקע װ ־ס, (פאר)ווײַל־אָוונט מ ־ן

вече́рн||ий אָוונטיקער, אפדערנאכטיקער; в ~ий час אין אן אפדערנאכטיקער שאָ; ~яя шко́ла אָוונט־שול װ ־ן; ~яя газе́та אָוונטבלאט װ (מצ. ··בלעטער); ~ее пла́тье אָוונטקלייד ז ־ער

ве́чером *нареч.* אין אָוונט, אפדערנאכט; в суббо́ту ~ שאבעס אפדערנאכט, שאבעסצונאכטס; שאבײסענאכטס *разг.*

ве́чно *нареч.* 1. אייביק; 2. *разг.* (*постоя́нно*) שטענדיק; ~ они́ ссо́рятся שטענדיק קריגן זיי זיך, זיי האלטן* אין איין קריגן זיך

вечнозелёный שטענדיק־גרינער, אייביק־גרינער

ве́чн||ость *ж* אייביקײַט װ; ◇ ка́нуть в ~ость פארשווינדן* אף אייביק; мы не вида́лись це́лую ~ость! מיר האָבן זיך (שוין) ניט געזען א שאָק מיט יאָרן!; ждать це́лую ~ость ווארטן אָן א שיר; ~ый 1. אייביקער; акт на ~ое по́льзование землёй דער אקט אף אייביקן ערדבאנוץ; 2. *разг.* שטענדיקער; ~ые ссо́ры שטענדיקע קריגערײַען; ◇ ~ое перо́ אייביקע פעדער, קוואלפעדער װ ־ס

ве́шалка *ж* 1. (*для одежды*) הענגער מ ־ס; שראגע װ ־ס; 2. (*у платья*) הענגער מ ־ס; 3. (*помещение*) גארדעראָב מ ־ן

ве́шать^1 *нессв.* 1. אופהענגען*, הענגען*; ~ бельё (אופ)הענגען* דאָס גרעט; ~ карти́ну אופהענגען* דאָס בילד; ~ тру́бку (*телефонную*) אופהענגען* דאָס טרײַבל; 2. (*казнить*) הענגען*; ◇ ~ го́лову אראָפלאָזן* דעם קאָפ; ~ нос אראָפלאָזן* די נאָז

ве́шать^2 (*на весах*) *несов.* וועגן*

ве́шаться *несов.* הענגען* זיך; ◇ ~ *кому-л.* на ше́ю הענגען* זיך עמעצן אפן האלדז

ве́шн||ий פרילינגדיקער, וועסנע־; ~ее не́бо פרילינגדיקער הימל

веща́ть *несов. радио* איבערגעבן*, טראנסלירן

вещево́й: ~ мешо́к רוקזאק מ ־ן

веще́ственн||ый מאטעריעלער, שטאָפלעכער; ~ые доказа́тельства *юр.* דערווײַז־זאכן מצ.

вещество́ *с* שטאָף מ ־ן

ве́щий *уст.* וואָרזאָגערישער, נעווייִשער

вещи́ца *ж* (*безделушка*) שמאָכטעלע ז ־ך; (*драгоценность*) (א טײַער) כײפעצל (מצ. כפײצימלעך)

вещ||ь *ж* 1. זאך װ ־ן, כײפעץ מ (מצ. כפײצים); 2. *мн.* זאכן; сдава́ть ~и в бага́ж אָפגעבן* די זאכן אין באגאזש; в ко́мнате те́сно от мно́жества ~е́й ס׳איז ענג אין צימער פון די אָנגעשטעלטע זאכן; тёплые ~и ווארעם אָנטאָן; 3. (*произведение*) זאך װ ־ן, ווערק ז =; э́то его́ лу́чшая ~ь דאָס איז זײַן בעסטע זאך [בעסט ווערק]; 4. (*факт, дело*): хочу́ рассказа́ть вам одну́ ~ь איך וויל אײַך עפעס דערציילן; он и́наче смо́трит на ~и בא אים איז אן אנדער צוגאנג צו א סאך זאכן; ◇ э́то в поря́дке ~е́й ס׳איז א געוויינלעכע זאך

ве́ялка *ж с.-х.* ווײעלקע װ ־ס

ве́яни||е *с* 1. (*ветра*) ווײען ז; 2. (*тенденция*) טענדענץ װ ־ן; ~е вре́мени דער גײַסט [דער צייכן] פון דער צײַט; но́вые ~я נײַע [פרישע] ווינטן [ווינטעלעך]; 3. *с.-х.* (דורכ)ווײען ז

ве́ять *несов.* 1. (*о ветре*) ווײען; 2. *безл.*: ве́ет прохла́дой ס׳לאָזט זיך פילן א קילבלעכע פרישקײַט; ве́ет весно́й ס׳שמעקט שוין מיט פרילינג, ס׳פילט זיך שוין דער אָנקום פון פרילינג; 3. (*развеваться*) פלאטערן; 4. *с.-х.* (דורכ)ווײען

вжива́ться *несов.*, **вжи́ться** *сов.* אײַנלעבן זיך

взад *нареч. разг.*: ~ и вперёд הין און צוריק, אהין און אהער; ни ~, ни вперёд ניט אהין, ניט אהער

взаи́мност||ь *ж* ‖ קעגנזײַטיקײַט; при́нцип ~и דער פרינציפ פון קעגנזײַטיקײַט; любо́вь без ~и ענטפערלאָז(יק)ע ליבע; по́льзоваться ~ью גענוסן* פון ענטפער־געפיל; (*в любви*) גענוסן* פון ענטפער־ליבע; отвеча́ть ~ью ענטפערן מיטן זעלבן געפיל; (*в любви*) ענטפערן מיט ליבע אף ליבע

взаи́мн||ый קעגנזײַטיקער; ~ое дове́рие קעגנזײַטיקער צוטרוי; ~ая подде́ржка קעגנזײַטיקע שטיצע

взаимовы́годн||ый קעגנזײַטיק־לוינעוודיקער; ~ая торго́вля א האנדל, וואָס ברענגט נוצן ביידע צדאָדים

взаимоде́йств||ие *с* 1. קעגנזײַטיקע ווירקונג; 2. (*согласо́ванность де́йствий*) געמיינזאמע ווירקונג; ~ие родо́в во́йск קאָאָרדינירטע אָפערירונג פון פארשיידענע מינים מיליטער; ~овать *несов.* 1. ווירקן קעגנזײַטיק; 2. (*де́йствовать согласо́ванно*) ווירקן געמיינזאם

взаимозави́симость *ж* קעגנזײַטיקע אָפּהענגיקײַט

взаимозаменя́ем||ость *ж* קעגנזײַטיקע פארבײַטלעכקײַט; ~ый קעגנזײַטיק פארבײַטלעכער

взаимоотноше́ния *мн.* צווישנבאציונגען, קעגנזײַטיקע באציונגען

взаимопо́мощ||ь *ж* קעגנזײַטיקע הילף; ка́сса ~и קאסע פאר קעגנזײַטיקער הילף; Сове́т Экономи́ческой Взаимопо́мощи (СЭВ) ראט פאר קעגנזײַטיקער ווירטשאפטלעכער הילף (סעוו), (רקווה)

взаимопонима́ние *с* דאָס קעגנזײַטיקע פארשטענדעניש

взаимосвя́зь *ж* די קעגנזײַטיקע פארבינדונג

взаймы́ *нареч.* ווי א [אלס] האלוואָע; взять у кого́-л. ~ נעמען* ווי א [אלס] האלוואָע, (אנט)לײַען* בא עמעצן; дать кому́-л. ~ געבן* ווי א [אלס] האלוואָע, (אנט)לײַען* (דאט.)

взаме́н 1. *нареч.* ווי א [אלס] פארבײַט דערפאר; ничего́ не тре́бую ~ איך פאָדער גאָרנישט ניט דערפאר; 2. *предлог с род. п.* אָנשטאָט

взаперти́ *нареч.* 1. (*под замко́м*) פארשלאָסן, פארשפארט; 2. (*в уедине́нии*) איינזאם, אָפּגעזונדערט (פון מענטשן)

вза́пуски *нареч. разг.*: бе́гать ~ לויפן* אף איבעריאָגן [אף וויפערדקעס]

взба́лмошный *разг.* ניט־געשטעלטער; טראָנצעוואָטע *неизм.*

взба́лтывать *несов. см.* взболта́ть

взбега́ть *несов.*, **взбежа́ть** *сов.* ארופלויפן*

взбеси́ть *сов.* ארײַנברענגען* אין דער רעציכע, ארויסברענגען* פון די כיילים; ~ся *сов.* 1. (*о живо́тных*) מעשוגע ווערן*; 2. (*прийти́ в я́рость*) ארײַנ|פאלן* אין דער רעציכע [אין דער פאסיע], ארויס|גיין* פון די כיילים

взбива́ть *несов. см.* взбить

взбира́ться *несов. см.* взобра́ться

взбить *сов.* אופשלאָגן*; ~ поду́шки אופשלאָגן* די קישנס; ~ белки́ *кул.* אופשלאָגן* די ווײַסלעך

взболта́ть *сов.* אופבויטען, אופקאלויצען

взбрести́ *сов. разг.*: ~ в го́лову [на ум] אײַנפאלן*, קומען* אפן געדאנק, קומען* אין קאָפּ (ארײַן)

взбудора́живать *несов.*, **взбудора́жить** *сов.* אופרודערן, אופרעגן

взбунтова́ться *сов.* אופהייבן* א בונט, צעבונטעווען זיך

взбу́чк||а *ж разг.* פסאק מ; бу́дет тебе́ ~а וועסט האָבן דעם רעכטן פסאק, מע וועט דיר ארײַנלייגן אין די ביינער; зада́ть кому́-л. ~у אָנרײַבן* [אָנזייפן] עמעצן א מאָרדע

взва́ливать *несов.*, **взвали́ть** *сов.* 1. (*тя́жесть*) ארופוואלגערן; 2. *перен. разг.* ארופוואלגערן, ארופווארפן*; ~ всю рабо́ту на кого́-л. ארופווארפן* די גאנצע ארבעט אף עמעצן; ~ вину́ на кого́-л. ארופווארפן* [ארופלייגן] די שולד [די באָד] אף עמעצן

взве́сить *сов.* אָפּוועגן*, איבערוועגן*; *перен.* איבערוועגן*; ~ все за́ и про́тив איבערוועגן* [אָפּשאצן] אלע מאָטיוון פאר און קעגן; ~ся *сов.* אָפּוועגן* זיך

взвести́ *сов.*: ~ на кого́-л. клевету́ אויסטראכטן [מאכן] א בילבל אף עמעצן; ~ обвине́ние на кого́-л. אומזיסט און אומנישט באשולדיקן עמעצן; ◇ ~ куро́к אָנציִען* [אָנשטעלן] דאָס צינגל

взве́шивать(ся) *несов. см.* взве́сить(ся)

взвива́ться *несов. см.* взви́ться

взви́зг||ивать *несов.* (אונטער)קוויטשען; ~нуть *сов. однокр.* געבן* א קוויטש, א קוויטשע טאָן*

взвинти́ть *сов.*, **взви́нчивать** *несов.* אופשרויפן, אופרודערן; ~ себе́ не́рвы אופשרויפן זיך די נערוון; ◇ ~ це́ны אופשרויפן די פרײַזן

взви́ться *сов.* 1. (*о пти́це*) אופשוועבן, אופליִען*; 2. (*о фла́ге*) אופלאטערן

взвод^1 *м воен.* (*подразделе́ние*) וזוואָד מ ־ן

взвод^2 *м*: на боево́м ~е שלאכטגרייט, גרייט שיסן; на предохрани́тельном ~е געזיכערט

взводи́ть *несов. см.* взвести́

взволно́ванн||о *нареч.* אופגערעגט; ~ый אופגערעגטער, אופגערודערטער; (*встрево́женный тж.*) אומרויִקער; (*растро́ганный*) גערירטער; ~ым го́лосом מיט אן אופגערעגטער שטים; у него́ ~ый вид ער זעט אויס צו זײַן אופגערעגט

взволнова́ть *сов.* 1. (*во́дную пове́рхность*) אופכוואליען, אופהייבן* כוואליעס (אף); 2. (*встрево́жить*) אופרעגן, אופרודערן; ~ся 1. (*покры́ться волна́ми*) אופכוואליען זיך; 2. (*встрево́житься*) אופגערעגט [אופגערודערט] ווערן*, באומרויִקט ווערן*, באומרויִקן זיך

взгляд *м* 1. בליק מ ־ן; бро́сить ~ ווארפן* א בליק; 2. (*выраже́ние глаз*) קוק מ; стро́гий ~ א שטרענגער קוק; 3. (*то́чка зре́ния*) אָנשויונג ‖ ־ען, קוק מ; его́ полити́ческие ~ы זײַנע פאָליטישע אָנשויונגען; пра́вильный ~ א ריכטיקער קוק; ◇ на мой ~ לויט מײַן מיינונג, וועדליק איך פארשטיי; на пе́рвый ~ אפן ערשטן קוק; любо́вь с пе́рвого ~а א ליבע פונעם ערשטן קוק

взгля́дывать *несов.* ווארפן* בליקן

взгляну́ть *сов.* א קוק טאָן*, א קוק געבן*; ~ ме́льком כאפן א קוק; ~ в окно́ א קוק געבן* אין פענצטער; ~ на де́ло ина́че א קוק טאָן* אף דער זאך [אף דעם איניען] אנדערש, אָנעמען* אן אנדער צוגאנג צו דער זאך [צו דעם איניען]

взгроможда́ть(ся) *несов. см.* взгромозди́ть(ся)

взгромозди́ть *сов. разг.* ארופשלעפן, ארופפערען; ~ся *сов. разг.* ארופקלײַבן* זיך

взгрустну́||ться *сов. безл. разг.*: мне ~лось ס׳איז מיר געוואָרן אומעטיק [טרויעריק] אפן הארצן

вздёрнутый: ~ нос א פאריסענע נאָז

вздор *м разг.* פוסטע רייד; שטוסערײַען מצ.; чисте́йший ~ הוילע נארישקײַטן, פיזמוינעס מצ.; ~ный *разг.* 1. פו־

סטער, נאַרישער; 2. (*сварливый*) בייזערדיקער, רוגזעדיקער

вздорожá||ние *с* דאָס שטייַגן אין פרייַז; ~ть *сов.* טייַער ווערן*, שטייַגן* אין פרייַז

вздох *м* זיפץ מ ־ן; ~ облегчéния פארלייַכטערונג־זיפץ מ ־ן; ◇ испусти́ть послéдний ~ אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם, אויסהויכן די נעשאָמע

вздохнýть *сов.* 1. *однокр.* א זיפץ טאָן*; ~ пóлной грýдью אָפּאָטעמען מיט דער פולער ברוסט; 2. *разг.* (*отдохнуть*) אָפּאָטעמען, אָפּעטעמען; ◇ ~ свобóдно פרייַ אָפּאָטעמען [אָפּעטעמען]

вздрáгивать *несов.* (פון צייַט צו צייַט) אופציטערן, ציטערן

вздремнýть *сов.* א דרעמל טאָן*, כאפן א דרעמל

вздрóгнуть *сов. однокр.* א ציטער טאָן*, אופציטערן; (*содрогнуться*) אופשוידערן

вздувáть(ся) *несов. см.* вздýть(ся)

вздýма||ть *сов. разг.* (פלוצעם) פארטראכטן; он ~л путешéствовать ער האָט פלוצעם פארטראכט רייַזן, ס'איז אים אייַנגעפאלן [ס'איז אים ארייַן א געדאנק] רייַזן; ◇ и не ~йте! איר זאָלט אפילע ניט אָנהייבן [ניט דערוועגן זיך] טראכטן!; ~ться *сов. безл. разг.*: что э́то тебé ~лось? וואָס איז דיר אייַנגעפאלן [געקומען אין קאָפּ (ארייַן)]?; как ~ется ווי ס'פאלט אייַן, ווי ס'קומט אין קאָפּ ארייַן

вздýтый 1. אופגעשוואָלענער, אופגעלאָפענער; 2. *перен.* אופגעבלאָזענער; (*о ценах*) אופגעשרויפטער

вздуть^1 *сов.* 1. (*о ветре*) אופווירבלען, אופהייבן*; 2. *разг.* (*цéны*) אופשרויפן; 3. *разг.* (*огонь и т. п.*) צעבלאָזן*

вздуть^2 *сов. разг.* (*избить*) אָנערעקן, אָנבייקערן

вздýться *сов.* אָנשוועלן*, אופגעבלאָזן ווערן*

вздымáться *несов.* אופהייבן* זיך; (*о груди, о волнах*) הייבן* זיך

вздыхá||ть *несов.* 1. זיפצן; 2. (по, о *предл.*) בענקען (נאָך); (*стремиться*) לעכצן (נאָך); онá ~ла о прошéдшей мóлодости ס'האָט איר באנג געטאָן די פארגאנגענע יוגנט

взимáть *несов.* (*налоги и т. п.*) נעמען*, אופמאָנען, צונויפנעמען*

взирáть *несов. уст.* קוקן

взлáмывать *несов. см.* взломáть

взлёт *м* 1. (*птицы*) אופלי מ; (*самолёта тж.*) סטארט מ; 2. *перен.* אופשוונג מ; ~ фантáзии דער אופשוונג פון דער פאנטאזיע

взлетáть *несов.*, **взлетéть** *сов.* 1. (*о птице*) אופליען*; (*о самолёте тж.*) סטארטירן; 2. *разг.* (*стремительно подниматься*) ארופליען*, א פלי געבן* ארוף; ◇ ~ на вóздух 1) אופרייַסן* זיך, אופגעריסן ווערן*; 2) (*о планах и т. п.*) אויסרינען*, אויסגערונען ווערן*, אוועק|גיין* מיטן שטויב [מיטן ווינט, מיטן רויך]

взлётно-посáдочн||ый: ~ая площáдка סטארטיר־ און לאנדונגס־פלאץ מ (מצ. ··פלעצער)

взлётн||ый סטארטיר־; ~ая дорóжка סטארטיר־שטעג מ ־ן

взлом *м* אופברעכן ז, אופבראָך מ ־ן; (*замкá тж.*) אופרייַסן ז; крáжа со ~ом א ג(ע)נייווע מיט אופבראָך; ~áть *сов.* אופברעכן*; (*замóк тж.*) אופרייַסן*

взлóмщик *м* = אופברעכער מ

взлохмáтить *сов.*, **взлохмáчивать** *несов.* אופשויבערן, צעשויבערן, צעפאטלען

взмах *м* (*руки́*) מאך מ; (*крыльев*) פאָכ(ע) מ; (*косы́*) שווונג מ ־ען, מאך מ, הייב מ; (*вёсел*) שווונג מ ־ען; ~и крыльев דאָס פאָכ(ע)ן מיט די פליגל

взмáхивать *несов.* (*рукой*) מאכן; (*платком, крыльями*) פאָכ(ע)ן; (*косой*) שווינגען*, מאכן; (*вёслами*) שווינגען*

взмахнýть *сов. однокр.* (*рукой*) א מאך טאָן*; (*платком, крыльями*) א פאָכ(ע) טאָן*; (*косой*) א שווונג טאָן*, א מאך טאָן*; (*вёслами*) א שווונג טאָן*

взмоли́ться *сов.* צופאלן* מיט א געבעט, אָנהייבן* בעטן זיך (ראכמים)

взмóрье *с* (בייַברעגיקער) יאם־פאס; (*суша*) שטראנד מ; на Ри́жском ~ אפן ריגער שטראנד

взмывáть *сов. см.* взмыть

взмы́ленный (*о лошади*) צעפארעטער; אין מולינעס *после сущ.*

взмыть *сов.* אופשוועבן

взнос *м* 1. (*платёж*) אייַנצאָלונג װ; 2. (*внесённая сумма*) אָפּצאָל מ ־ן; члéнские ~ы מיטגליד־אָפּצאָלן מצ.

взнуздáть *сов.*, **взнýздывать** *несов.* פארצייַמלען

взобрáться *сов.* ארופקלעטערן; (*на гору*) ארופשטייַגן*

взойти́ *сов.* 1. (на *вин.*; *подняться*) אופהייבן* זיך (אף), ארופגיין* (אף); 2. (*о светилах*) אופגיין*; 3. (*о семенах*) אופשפּראָצן, אופגיין*

взор *м* בליק מ ־ן

взорвáть *сов.* 1. אופרייַסן*; 2. *разг.* (*возмутить*) אופטראָגן*, אופברענגען*; и́менно э́то егó взорвáло און גראָד אָט דאָס האָט אים אופגעבראכט; ~ся *сов.* 1. (*о зарядах, о взрывчатых веществах*) אופרייַסן* זיך; (*о зданиях, о сооружениях*) אופגעריסן ווערן*; 2. *разг.* (*возмутиться*) ארויס|גיין* פון די קיילים

взрóслый 1. דערוואקסענער; 2. *в знач. сущ. м* דערוואקסענער מ ··נע

взрыв *м* 1. אופרייַס מ ־ן; 2. (*разрушение*) אופרייַסן ז; 3. (*внезапное проявление чего-л.*) אויסברוך מ ־ן; אופברויז מ; ~ аплодисмéнтов א שטורעם פון אפלאָדיסמענטן; ~ хóхота אן אופברויז פון געלעכטער; ◇ демографи́ческий ~ דעמאָגראפישער אופרייַס

взрывáть^1 *несов. см.* взорвáть

взрывáть^2 *несов. см.* взрыть

взрывáться *несов. см.* взорвáться

взрывн||óй 1. אופרייַס־; ~áя волнá אופרייַס־כוואליע װ ־ס; 2.: ~óй звук *лингв.* אופרייַסיקער [עקספּלאָזיווער] קלאנג

взрывоопáсн||ый *прям. и перен.* אופרייַסגעפערלעכער; ~ая ситуáция אן אופרייַסגעפערלעכע לאגע

взрывчáтка *ж разг.* אופרייַס־מאטעריאל מ, אופרייַס־שטאָף מ

взры́вчат||ый אופרייַס־; ~ое веществó אופרייַס־שטאָף מ ־ן

взрыть *сов.* אופגראָבן*

взрыхли́ть *сов.*, **взрыхля́ть** *несов.* ווייך מאכן, צעווייכן; ~ гря́дки אופסאפּעווען די בייטן

взъерóшенный צעשויבערטער, צעפאטלטער

взъерóшить *сов.* צעשויבערן, צעפאטלען

взывáть *несов.* (к *дат.*) אפעלירן (צו); (о *предл.*) בעטן* (וועגן); ~ к *чьей-л.* сóвести אפעלירן צו עמעצנס געוויסן

[יוישער]; ~ о по́мощи רופן* צו הילף; ~ к справедли́вости פאָדערן גערעכטיקייט

взыска́ние *с* 1. (*налогов и т. п.*) אופמאָנונג ||, אופמאָנען I; принуди́тельное ~ צוואנג־אופמאָנונג ||; 2. (*наказание*) באשטראָפונג || ־ען; наложи́ть ~ на *кого-л.* באשטראָפן עמעצן, ארופלייגן אף עמעצן א שטראָף [א באשטראָפונג]

взыска́тельн||ый (*требовательный*) פאָדערעוודיקער; (*строгий*) שטרענגער; быть ~ым к себе́ זײַן* פאָדערעוודיק צו זיך אליין

взыска́ть *сов.*, **взы́скивать** *несов.* 1. (*что-л. с кого-л.*) אופפאָדערן; (*налоги и т. п.*) אופמאָנען; 2. (*с кого-л.*; *наказать*) באשטראָפן; ◇ не взыщи́те! האָט קיין פאריבל ניט!, נעמט ניט פאר אומגוט!

взя́тие *с* נעמען I; (*крепости, города*) אײַנעמען I

взя́тк||а *ж* 1. (*подкуп*) כאבאר מ; дава́ть ~у געבן* כאבאר; געבן* אין האנט ארײַן *разг.*; брать ~и נעמען* כאבאר; 2. *карт.* לייז מ ־ן; וויאטקע || ־ס *разг.*; ◇ с него́ ~и гла́дки מיט אים וועסטו גאָרנישט ניט מאכן

взя́точни||к *м* כאבארניק מ ־עס; ~чество *с* דאָס נעמען כאבאר, כאבאר מ

взять *сов.* 1. *см.* брать; 2.: ~ и уе́хать (אינמיטן) פלוצעם נעמען* און אוועקפאָרן*; а он возьми́ и сбеги́ און ער נעמט און מאכט פלייטע; ◇ с чего́ [отку́да] он взял, что… פונוואנען האָט ער גענומען, אז…; чёрт возьми́! דער רועך זאָל עס נעמען!; на́ша взяла́! מיר זײַנען אויבנוף!

взя́ться *сов. см.* бра́ться; ◇ отку́да ни возьми́сь האָסטו ניט ווייסטו ניט

виаду́к *м* וויאדוק מ ־ן

вибра́тор *м тех.* וויבראטאָר מ ־ס

вибра́ция *ж* וויבראציע || ־ס

вибри́ровать *несов.* וויברירן

виго́нь *ж текст.* וויגאָן מ

вид¹ *м* 1. (*наружность*) אויסזען I, מ; у него́ больно́й ~ בא אים איז אן אויסזען פון א קראנקן [א שלאפן], ער זעט אויס ווי א קראנקער [א שלאפער]; 2. (*состояние*) צושטאנד מ; (*форма*) פאָרם ||; в нетре́звом ~е שיקערערהייט; в сокращённом ~е געקירצט, אין א געקירצטער פאָרם; 3. (*пейзаж, перспектива*) פייזאזש מ ־ן, בילד I ־ער; ~ы Кры́ма קרימער בילדער [פייזאזשן]; о́бщий ~ דאָס אלגעמיינע בילד [אויסזען]; с ~ом на мо́ре מיט די פענצטער צום יאם; 4. (*поле зрения*): на ~у́ у всех פאר אלעמענס [פאר אלעמען אין די] אויגן; скры́ться из ~у פארשווונדן ווערן* פון די אויגן, נעלעם ווערן*; 5. *мн.* (*предположения, расчёты на что-л.*) אויסזיכטן מצ., פערספעקטיוון מצ.; ~ на урожа́й די אויסזיכטן [די פערספעקטיוון] אף א גערעטעניש; ◇ для ~а לעפאָנעם; на ~ ему́ (мо́жно дать) лет 40, ему́ с ~у 40 лет ער זעט אויס (צו זײַן) פון א יאָר פערציק, לויטן אויסזען דארף ער אלט זײַן א יאָר פערציק; под ~ом *чего-л.* קלוימערשט ווי; вида́ть ~ы אויסזען* א וועלט, זיך אָנזען* גענוג; де́лать ~ מאכן דעם אָנשטעל, מאכן זיך; име́ть ~ы на *кого-л.*, на *что-л.* אויסשטעלן [אויסרעכענען] אף עמעצן, אף עפעס; быть на ~у́ פארנעמען* אן (אָנגעזען) אָרט, זײַן* אין אויבנאָן; име́ть в ~у́ 1) (*подразумевать*) מיינען (מיט עפעס); 2) (*принимать во внимание*) אין זינען האָבן*, נעמען* אין אכט; ни под каки́м ~ом בעשום־אופן (־וועופן) ניט, אין קיין פאל ניט; поста́вить на ~ *кому-л.* פירהאלטן* [אָנווײַזן*] עמעצן; потеря́ть и́з ~у *кого-л.* ניט וויסן* ווו עמעצער איז אהינגעקומען; упусти́ть и́з ~у ארויסלאָזן* פונעם אויג

вид² *м* 1. (*разновидность*) טיפ מ ־ן, פאָרם || ־ען; ~ тра́нспорта דער טיפ טראנספאָרט; 2. *биол.* ארט מ ־ן; 3. *грам.* אספעקט מ ־ן; ~ы глаго́ла ווערב־אספעקטן מצ.

ви́данн||ый: ~ое ли э́то де́ло? ווו האָט מען געזען אזעלכס [אזוינס]?

ви́дение *с* זען I; своё ~ ми́ра דער אייגענער וועלט־באנעם

виде́ние *с* וויזיע || ־ס, זעונג || ־ען; (*привидение тж.*) געשפענסט I ־ער

видеотелефо́н *м* ווידעאָטעלעפאָן מ

ви́деть *несов.* 1. זען*; я сам ви́дел איך האָב אליין געזען; он пло́хо ви́дит ער זעט שלעכט, ס׳איז בא אים קאליע די ריע; я ви́жу, тебе́ нелегко́ уе́хать отсю́да איך זע, דיר איז ניט גרינג אוועקפאָרן פונדאנען; ~ сон זען* א כאָלעם; я ви́дел его́ во сне איך האָב אים געזען אין כאָלעם, ער האָט זיך מיר געכאָלעמט; 2. (в *предл.*; *усматривать*) (אײַנ)זען* (אין); я в э́том не ви́жу ничего́ плохо́го איך זע אין דעם ניט (אײַן) קיין שום שלעכטס; ◇ ~ *кого-л.* наскво́зь זען* עמעצן אף דורך און דורך, קענען* עמעצן אויסגעבונדן; ~ его́ не могу́ אָנקוקן קען איך אים ניט; как ви́дите *в знач. вводн. слова* ווי איר זעט (אליין שוין); рад вас ~ גוט, וואָס מע זעט זיך; то́лько его́ и ви́дели ער איז נעלעם, (ער איז) אויסגערונען, (און) ניטאָ אים געוואָרן; ~ся *несов.* (*встречаться*) זען* זיך; мы уже́ давно́ не ви́делись מיר האָבן זיך שוין לאנג ניט געזען

войска́ *мн.* (*ед.* во́йско *с*) מיליטער I, מיליטער־טיילן מצ.; ~ свя́зи פארבינדונגס־מיליטער I; инжене́рные ~ אינזשענירישע מיליטער־טיילן

войсков||о́й מיליטער·, מיליטערישער; ~а́я часть מיליטער־טייל מ ־ן; ~ы́е соедине́ния מיליטערישע פאַרייניקונגען, מיליטער־פאַרייניקונגען מצ.

войти́ *сов.* 1. ארײַנ|קומען*, ארײַנ|גיין*; ~ в ко́мнату ארײַנקומען* [ארײַנגיין*, ארײַן] אין צימער; войди́те! קומט ארײַן!; кора́бль вошёл в га́вань די שיף איז ארײַן אין האפן; 2. *(включи́ться)* ארײַנ|גיין*; ~ в соста́в прави́тельства ארײַנ|גיין* אין באשטאַנד פון דער רעגירונג; э́ти расска́зы вошли́ в тре́тий том אָט די דערציילונגען זײַנען ארײַן אין דריטן באנד; 3. *(вмести́ться)* ארײַנ|גיין*; все ве́щи в чемода́н не войду́т אלע זאכן וועלן אין טשעמאָדאן ניט ארײַנ(גיין); 4. *(вни́кнуть)* ארײַנדרינגען*; ~ в суть де́ла ארײַנדרינגען* אין טאָך פונעם איניען [פון דער זאך]; 5.: ~ с предложе́нием אָנגעבן* א פאָרשלאָג; ◇ ~ в мо́ду ארײַן אין דער מאָדע, ווערן* א מאָדע; ~ в *чьё-л.* положе́ние ארײַנגיין* אין עמעצנס לאגע, נעמען* אין באטראכט עמעצנס לאגע; ~ в погово́рку [в посло́вицу] ווערן* א גלײַכווערטל; ~ в привы́чку ווערן* א געוווינהייט; ~ в си́лу 1) שטארק [קרעפטיק] ווערן*; 2) *(о зако́не и т. п.)* גילטיק ווערן*

вока́льный וואָקאלער

вокза́л *м* וואָקזאל מ ־ן; речно́й ~ טײַך־וואָקזאל מ ־ן

вокру́г 1. *нареч.* ארום (און ארום); всё ~ цветёт ארום (און ארום) בליט אלץ; 2. *предлог с род. п.* ארום; Земля́ враща́ется ~ Со́лнца די ערד דרייט זיך [באוועגט זיך] ארום דער זון; ◇ ходи́ть ~ да о́коло גיין* ארום און ארום, דרייען זיך אפן קאָרעק

вол *м* אָקס מ ־ן; ◇ рабо́тать как ~ האָרעווען* ווי אן אייזל

вола́н *м* וואָלאן מ ־ען, שליארע װ ־ס

волды́рь *м (пузы́рь)* פוכיר מ ־ן; *(ши́шка)* בײַל מ, װ ־ן, גוליע װ ־ס

волев||о́й 1. ווילנס·; פונעם ווילן *по́сле сущ.*; ~о́е напряже́ние ווילנס־אָנשטרענג מ, דער אָנשטרענג פונעם ווילן; 2. *(с твёрдой во́лей)* ווילנהאפטיקער, אנטשלאָסענער; מיט א שטארקן ווילן *по́сле сущ.*; ~о́й команди́р א ווילנהאפטיקער קאָמאנדיר; ~о́е лицо́ אן ענערגיש געזיכט; 3. *неодобр.* ווילקירלעכער, וואָליונטאריסטישער

волейбо́л *м* וואָלייבאָל מ; ~и́ст *м* וואָלייבאָליסט מ ־ן; ~и́стка *ж* וואָלייבאָליסטקע װ ־ס

во́лей-нево́лей *нареч.* ווילנדיק ניט־ווילנדיק

волк *м* וואָלף מ (מצ. וועלף); ◇ морско́й ~ יאם־בער מ ־ן, א געניטער יאם־מאן; ~ в ове́чьей шку́ре א וואָלף אין א שעפסענעם פעלץ; ~о́в боя́ться — в лес не ходи́ть ווער עס וואגט ניט, דער האָט ניט; с ~а́ми жить — по-во́лчьи выть אז מע לעבט צווישן וועלף, מוז מען הוילן ווי א וואָלף

волкода́в *м* וואָלפהונט מ (מצ. ...הינט)

волна́ *ж* 1. *прям. и перен.* כוואליע װ ־ס; וועל װ ־ן *поэт.*; морски́е во́лны יאם־כוואליעס מצ.; ~ проте́ста פראָטעסט־כוואליע װ; 2. *физ.* כוואליע װ ־ס, וועל װ ־ן

волне́ни||е *с* 1. *(движе́ние волн)* דאָס כוואליען זיך; на мо́ре си́льное ~е דער יאם כוואליעט זיך שטארק; 2. *(не́рвное возбужде́ние)* אופרעגונג װ; от ~я у него́ дрожа́л го́лос מאכמעס אופרעגונג האָט בא אים געציטערט די שטים; мы не могли́ слу́шать его́ без ~я מיר האָבן אים ניט געקענט אויסהערן אָן רעגונג; 3. *мн. (недово́льство)* אומרוען מצ.; אופרעגונג װ, אופרודערונג װ

волни́стый כוואליענארטיקער; כוואלי(עדי)קער; *(о релье́фе)* געכוואליעטער; *(о ли́нии)* געשלענגלטער; *(о волоса́х)* געקרײַזלטער

волнова́ть *несов.* 1. *(вызыва́ть во́лны)* כוואליען, אופהייבן* כוואליעס; 2. *(беспоко́ить)* אופרעגן, באומרויקן; ~ся *несов.* 1. *(о мо́ре и т. п.)* כוואליען זיך; 2. *(беспоко́иться)* באומרויקן זיך, אופרעגן זיך, זײַן* אופגערעגט; не волну́йтесь האָט ניט קיין יעסורים, זײַט רויק; она́ о́чень волну́ется זי איז שטארק אומרויק

волноло́м *м* כוואליען־ברעכער מ ־ס

волнообра́зный כוואליענארטיקער

волноре́з *м* כוואליען־שפאלטער מ ־ס

волну́ющий רעגנדיקער; *(тро́гательный)* רירנדיקער

воло́в||ий אָקסן·; ~ья шку́ра אָקסנפעל װ

волоки́та¹ *ж (канцеля́рская)* פארשלעפעניש ז, אָפשלעפעניש ז

волоки́та² *м уст. разг.* פרויען־יעגער מ =, ווײַבערניק מ ־עס, לאָוועלאס מ ־ן

волокни́стый פאזערדיקער

волокно́ *с* פאָדעם מ (מצ. פעדעם), פיברע װ ־ס; шта́пельное ~ *собир.* שטאפעל־פעדעם מצ., שטאפעל־פיברעס מצ.; не́рвные воло́кна נערוון־פעדעם מצ., נערוון־פיברעס מצ.

во́лос *м* האָר װ =; ко́нский ~ *собир.* פערדהאָר מצ., פערד־סטרונעס מצ.; ◇ ни на́ ~ אף קיין האָר ניט; ~а́тый האָריקער, באוואקסענער, באהאָרטער; *(косма́тый)* פאטלאטע(ר) *тж. неизм.*; ~о́к *м* 1. האָרעלע ז ־עך, הערעלע ז ־עך; 2. *(пружи́на часо́в)* שפרינגפעדער װ ־ן; פרוזשינע װ ־ס, האָר װ *разг.*; *(в электри́ческой ла́мпочке)* גליפאָדעם מ (מצ. ...פעדעם); ◇ он был на ~о́к от сме́рти ס'האָט געפעלט א האָר, ס'זאָל זײַן נאָך אים; висе́ть [держа́ться] на ~ке́ הענגען* אף א האָר; ~яно́й האָר·; ~яно́й покро́в האָרבאדעק מ ־ן; ~яно́й матра́ц האָר־מאטראץ מ ־ן

волочи́ть *несов.* 1. *(тащи́ть)* שלעפן; 2. *тех. (прово́локу)* ציען*; ◇ он е́ле [едва́] воло́чит но́ги 1) *(идёт ме́дленно)* קוים וואָס ער שלעפט זיך [רירט זיך]; 2) *(слаб)* קוים וואָס ער האלט זיך אף די פיס; ~ся *несов.* 1. שלעפן זיך; 2. *(ме́дленно идти́)* קריכן*; 3. *уст. разг. (за же́нщиной)* נאָכשלעפן, ארומפאדקעווען [ארומטאנצן] (ארום) זיך (נאָך)

волча́нка *ж мед.* לופוס מ, הויט־טובערקוליאָז מ

во́лч||ий וואָלפישער, וועלפישער; *(из ме́ха во́лка)* וועלפענער; ~ья ста́я א סטײַע [א טיטשקע] וועלף; ◇ ~ий аппети́т א וואָלפישער אפעטיט, אן אפעטיט פון א וואָלף; ~ьи я́годы וואָלפישע יאגעדעס

волчи́ца *ж* וואָלפיכע װ ־ס

волч||о́к *м* 1. *(игру́шка)* ברומדריידל ז ־עך; 2. *физ.* גיראָסקאָפ מ ־ן; при́нцип ~ка́ דריידל־פרינציפ מ

волчо́нок *м* וועלפעלע ז ־ך

волше́бн||ик *м* קישעפמאכער מ =; מעכאשעף מ (מצ. מעכאשפים) *уст.*; ~ица *ж* קישעפמאכערן װ ־ס, מעכאשייפע װ ־ס; ~ый 1. קישעף·, צויבער·; ~ая па́лочка קישעף־שטעקעלע ז ־ך, ווינטש־שטעקעלע ז ־ך; ~ая ска́зка ווונדער־מײַסעלע ז ־ך; ~ое ца́рство צויבערלאנד ז (מצ. ...לענדער); 2. *(чару́ющий)* (בא)-

צויבערלעכער, צויבערנדיקער; ◇ ~ый фона́рь צויבערלאָמפ מ ־ן, צויבער־לאמטערן מ ־ס

волшебств||о́ *с* 1. קישעף מ; как по ~у́ ווי דורך [מיט] א קישעף; 2. (*очарование*) צויבער מ, צויבער־קראפט וו

волы́нк||а *ж* 1. זאקפײַפל ן ־עך; 2. *разг.* פארשלעפעניש ן; тяну́ть ~у פארציִען* (אין דער לאנגער באנק ארײַן), אָפשלעפן, ציִען*

вольéр *м* וואָליער מ ־ן

во́льничать *несов. разг.* פירן זיך העפקערדיק [אײגנוויליק], פראווען העפקײרעס

во́льно 1. *нареч.* פרײַ; ווי ס׳געפעלט; 2. (*команда*): ~! פרײַ!, וואָלנע!

вольноду́м||ец *м уст.* = פרײַדענקער מ

вольнолюби́вый פרײַהײַט־ליבנדיקער, פרײַהײַט־דורשטיקער

вольномы́слие *с* פרײַדענקערײַ וו

вольнонаёмный פרײַגעדונגענער

вольнослу́шатель *м* פרײַער צוהערער

во́льност||ь *ж* 1. *уст.* (*свобода*) פרײַהײַט וו; 2. (*фамильярность*) פרײַשאפט וו; позволя́ть себе́ ~и פילן זיך צו פרײַ, צופיל דערלויבן זיך; 3. (*отступление от общих правил*) פרײַקײַט וו; поэти́ческая ~ь פאָעטישע פרײַקײַט

во́льн||ый 1. פרײַער, זעלבשטענדיקער; 2. *тк. кратк. ф.*: он во́лен уе́хать, когда́ захо́чет ער קאָן אוועקפאָרן, ווען ער וועט וועלן; 3. (*фамильярный*) צו פרײַער; ~ое поведе́ние א צו פרײַע אויפירונג; ◇ ~ые движе́ния *спорт.* פרײַע באוועגונגען; ~ый перево́д א פרײַע איבערזעצונג; ~ая пти́ца א פרײַער פויגל

вольт *м эл.* וואָלט מ ־ן (*с колич. словами мн.* וואָלט)

вольтме́тр *м эл.* וואָלטמעטער מ ־ס

во́льтов: ~а дуга́ *эл.* וואָלטאס בויגן

вольфрам *м* וואָלפראם מ

волюнтари́зм *м* וואָליונטאריזם מ

во́л||я *ж* 1. ווילן מ; си́ла ~и ווילנסקראפט וו; испо́лнить *чью-л.* ~ю אויספילן עמעצנס ווילן; по свое́й до́брой ~е מיטן גוטן (אײגענעם) ווילן; не по свое́й ~е ניט מיטן אײגענעם ווילן, באלקאָרכע; 2. (*власть, право*): в ва́шей ~е подписа́ть или не подписа́ть э́тот докуме́нт די ברירה איז בא אײַך — יאָ אונטערשרײַבן צי ניט אונטערשרײַבן אָט דעם דאָקומענט; 3. (*свобода*) פרײַ וו; вы́пустить *кого-л.* на ~ю ארויסלאָזן* עמעצן אף דער פרײַ; ◇ дава́ть ~ю *кому-л.* געבן* עמעצן די פרײַ, לאָזן* עמעצן טאָן וואָס ער וויל; дава́ть ~ю воображе́нию אָפלאָזן* [לאָזן* פרײַ] די פאנטאזיע; дава́ть ~ю рука́м אָנהייבן* שלאָגן (זיך), לאָזן* אין גאנג די הענט; рука́м ~и не дава́й! נאָר ניט מיט די הענט!, אָן הענט!; дава́ть ~ю слеза́м צעוויינען זיך מיט ביטערע טרערן; ~я ва́ша ווי איר ווילט אײַך; после́дняя ~я דער לעצטער ווילן, צוואָע וו

вон¹ *нареч. разг.* 1. (*прочь*) *отдельным словом не переводится*: вы́гнать *кого-л.* ~ ארויסיאָגן* עמעצן; вы́йти ~ נעמען* דעם וועג, אָפטראָגן* זיך; 2. *в знач. межд.*: ~ (отсю́да)! ארויס פונדאנעט!; פארנעם זיך!, טראָג זיך אָפ!; ◇ из рук ~ пло́хо ביז גאָר שלעכט; (совсе́м) из ума́ ~ (אזוי אז) ערגער קען שוין ניט זײַן; אינגאנצן פארגעסן, אינגאנצן ארויס פונעם קאָפ

вон² *частица разг.* אָט; ~ там אָט דאָרט; ~ он идёт אָט גייט ער; ~ како́й אָט א וועלכער; ◇ ~ (оно́) что! אזא מײַסע!, אזוי גאָר!

вонза́ть(ся) *несов. см.* вонзи́ть(ся)

вонзи́ть *сов.* ארײַנשטעכן*, ארײַנזעצן; ~ся *сов.* ארײַנשטעכן* זיך, אײַנשטעכן* זיך

вон||ь *ж разг.* געשטאנק ן, איפעש מ, אווער מ; ~ю́чий *разг.* שטינקענדיקער, איפעשדיקער, אווערדיקער

воня́ть *несов. разг.* שטינקען*, שלעכט הערן זיך

вообража́ем||ый געדאכטער, אויסגעטראכטער, קלומערשטער; ~ая ли́ния א געדאכטע [אימאזשינערע] ליניע

вообража́ть *несов. см.* вообрази́ть; ◇ ~ о себе́ שטארק [צופיל] האלטן* פון זיך

воображе́ни||е *с* 1. פאָרשטעלונג וו, דאכטונג וו; פאנטאזיע וו; си́ла ~я פאָרשטעלונגס־קראפט וו, קויעך־האדימיען מ; 2. *разг.* (*домысел*) פאנטאזיע וו, אײַנריידעניש ן; э́то одно́ ~е! דאָס איז הוילע פאנטאזיע!

вообрази́||ть *сов.* 1. פאָרשטעלן זיך; 2. (*ошибочно предположить*) אויספאנטאזירן; он ~л, что умне́е всех ער מיינט, אז ער איז קליגער פאר אלעמען; ◇ ~те! ווי געפעלט עס אײַך?!, שטעלט אײַך [זיך] פאָר!

вообще́ *нареч.* 1. ביכלאל; (*в общем тж.*) אין אלגעמיין; он ~ не люби́л болтуно́в ער האָט ביכלאל ניט ליב געהאט קיין פלאפלער; мы говори́ли о литерату́ре ~ и о драматурги́и в ча́стности מיר האָבן געשמועסט וועגן ליטעראטור ביכלאל און וועגן דראמאטורגיע ביפראט; 2. (*совсем*) ביכלאל, אינגאנצן; э́тих книг он ~ не чита́л אָט די ביכער האָט ער אינגאנצן [ביכלאל] ניט געלייענט; ◇ ~ говоря́ אין אלגעמיין, אין אלגעמיין גענומען [גערעדט]

воодушев||и́ть *сов.* באגײַסטערן; דערמוטיקן; ~и́ть на по́двиги דערמוטיקן [צוגעבן* מוט] צו [אף] העלדנטאטן; успе́х ~и́л их דער דערפאָלג האָט זיי באגײַסטערט; ~и́ться *сов.* באגײַסטערט ווערן*, אויפגעמונטערט ווערן*; ~и́ться *чьим-л.* приме́ром אויפגעמונטערט ווערן* פון עמעצנס בײַשפיל; он насто́лько ~и́лся, что... ער איז אזוי ארײַן אין היספײַלעס, אז...; ~ле́ние *с* באגײַסטערונג וו, ענטוזיאזם מ; (*душевный подъём*) היסלײַוועס ן; говори́ть с ~ле́нием רעדן* מיט באגײַסטערונג

воодушевля́ть(ся) *несов. см.* воодушеви́ть(ся)

вооружа́ть(ся) *несов. см.* вооружи́ть(ся)

вооруже́ни||е *с* 1. (*действие*) באוואָפנונג וו, באוואָפענען ן; 2. (*оружие*) באוואָפנונג וו, וואָפן מ, ן; сокраще́ние ~й פארקירצונג פון באוואָפנונגס־מיטלען; принима́ть *что-л.* на ~е *прям. и перен.* ארײַננעמען* אין (אײגענעם) ארסענאל

вооружённ||ый באוואָפנטער; ~ое восста́ние באוואָפנטער אופשטאנד; ◇ ~ые си́лы די באוואָפנטע קרעפטן (פון א לאנד)

вооружи́ть *сов.* 1. *прям. и перен.* באוואָפענען; ~ а́рмию באוואָפענען די ארמײ; ~ зна́ниями *кого-л.* באוואָפענען עמעצן מיט קענטענישן; ~ промы́шленность нове́йшей те́хникой באוואָפענען [באשטאטן] די אינדוסטריע מיט דער נײַסטער טעכניק; 2. (про́тив *род.*; *восстановить*) אופהעצן (קעגן); ~ся *прям. и перен.* באוואָפענען זיך; ◇ ~ся терпе́нием אָננעמען* זיך מיט געדולד

вооч́ию *нареч.* מיט די אייגענע אויגן, באשײַמפערלעך

во-пе́рвых *вводн. сл.* ערשטנס; רײשיס *уст.*

вопи́ть *несов. разг.* מאכן קוילעס, גוואלדעווען, ליארעמען; *(плакать)* יאָמערן

вопиющ||ий (הימל)שרײַענדיקער; ~ая несправедли́вость א (הימל)שרײַענדיק אומרעכט

воплоти́ть *сов.* פארקערפערן; ◇ ~ в жизнь פארווירקלעכן, רעאליזירן; ~ в себе́ פארקערפערן אין זיך, זײַן* די פארקערפערונג (פון); ~ся *сов.* פארקערפערט ווערן*; ◇ ~ся в жизнь פארווירקלעכט [רעאליזירט] ווערן*

воплоща́ть(ся) *см.* воплоти́ть(ся)

воплоще́ние *с* װ פארקערפערונג; она́ ~ красоты́ זי איז די פארקערפערטע שײנקײַט, זי איז די שײנקײַט אלײן; найти́ своё ~ в *чём-л.* פארקערפערט ווערן* אין עפעס

воплощённ||ый פארקערפערטער; э́та де́вушка — ~ая скро́мность דאָס (דאָזיקע) מײדל איז די פארקערפערטע באשײדנקײַט [די באשײדנקײַט אלײן]

вопль *м* ז גוואלדגעשרײ; ז ווײגעשרײ; *(плач)* מ יאָמער

вопреки́ *предлог с дат. п.* קעגן, טראָץ; ניט געקוקט אף; ~ реше́нию ניט געקוקט אפן באשלוס, טראָץ דעם באשלוס; ~ ожида́ниям טראָץ [קעגן] די דערווארטונגען; ~ здра́вому смы́слу קעגן (געזונטן) פארשטאנד, קעגן סײכל־האיאָשער

вопро́с *м* 1. ־ס װ פראגע; задава́ть ~ы פארגעבן* פראגעס; פרעגן קאשעס *шутл.*; отвеча́ю на ваш ~ איך ענטפער אף אײַער פראגע; 2. *(проблема)* ··גן װ פראגע; *(дело тж.)* (מצ. איניאָנים) איניען; ~ы исто́рии פראגן פון געשיכטע; ~ы госуда́рственной ва́жности איניאָנים פון מעלוכישן באדײַט; э́то для меня́ ~ че́сти דאָס איז פאר מיר א פראגע [א זאך] פון ערע, ס׳גײט(מיר) דאָ אין מײַן ערע; э́то ~ вре́мени ס׳איז א פראגע פון צײַט; ◇ под (больши́м) ~ом אין א (גרויסן) סאָפעק, אונטער א (גרויסן) פרעגצײכן; ста́вить *что-л.* под ~ שטעלן עפעס אונטער א סאָפעק [אונטער א פרעגצײכן]; ~ жи́зни и́ли сме́рти א לעבנספראגע, א פראגע פון לעבן אָדער טויט

вопроси́тельн||ый פרעגנדיקער, פרעג־; ~ый взгляд א פרעגנדיקער בליק; ~ая интона́ция װ פרעג־אינטאָנאציע; ◇ ~ый знак ־ס מ פרעגצײכן; ~ое предложе́ние *грам.* ־ן מ פרעגזאץ; ~ое местоиме́ние *грам.* ־ען מ פרעגפראָנאָם

вопро́сник *м* ־ס װ פראגן־ליסטע; *(анкета)* פרעגבויגן ־ס מ

вор *м* (מצ. גאנאָווים) מ גאנעוו; карма́нный ~ קעשענע־גאנעוו (מצ. ··גאנאָווים) מ; ־עס מ קעשעניק *разг.*

ворва́ться *сов.* ארײַנרײַסן* זיך

вори́шка *м* ־ן מ גאנעפעץ

воркова́||нье *с* ז וואָרקען; ~ть *несов.* 1. וואָרקען; 2. *перен.* האָלובען זיך

воркотня́ *ж разг.* ז בורטשעניש; *(брюзжание тж.)* ז וואָרטשעניש

воробе́й *м* ־ען מ שפערלינג, ־עך ז שפערל; וואראָבײ ־ען מ *разг.*; ◇ стре́ляный ~ ≅ א געשלאָגענער הונט, א גערויכערטע ליולקע

воробьи́н||ый שפערל־, שפערלעך־; ~ое чири́канье א צוויטשערן פון שפערלעך, װ שפערלעך־צוויטשערײַ

воро́ванный געגאנוועטער

ворова́т||ый 1. ליכטפינגערדיקער; וואָס האָט לעפקע פינגער *после сущ.*; ~ый взгляд שעלמישער בליק; 2. *(опасливый)* גנײווישער; ~ой похо́дкой שטיל ווי א גאנעוו, מיט גנײווישע טריט

ворова́ть *несов.* גאנווענען*

воро́в||ка *ж* ־ס װ גאנעווטע; ~ски́ *нареч. разг.* גנײוויש; ווי א גאנעוו; ~ско́й גאנאָווים־; ~ска́я ша́йка גאנאָווים־כאָפטע, א כאָפטע גאנאָווים ־ס װ; ◇ ~ско́й язы́к, жарго́н װ גאנאָווים־שפראך, ז הענטשקע־לאָשן; ~ство́ *с* װ ג(ע)נײווע; ◇ литерату́рное ~ство́ מ פלאגיאט

вороже́я *ж* ־ס װ טרעפערן

ворожи́ть *несов.* טרעפן*

во́рон *м* ־ן מ ראָב

воро́н||а *ж* 1. ־ען װ קראָ; ־ס װ וואראָנע *разг.*; 2. *разг. (рассеянный человек)* ־ס מ גאפע, א צעטראָגענער מאלעך; ◇ счита́ть ~ כאפן פליגן; ~а в павли́ньих пе́рьях א קראָ אין פאווע־פעדערן

воронён||ый: ~ая сталь *тех.* ברונירטער [אָקסידירטער] שטאָל

воро́н||ий קראָען־; ~ье гнездо́ ־ן װ קראָען־נעסט

воро́нка *ж* 1. *(для наливания)* ־ס װ לײקע; 2. *(от взрыва)* (מצ. גריבער) װ גרוב

вороно́й *(о лошади)* 1. שווארצער; קארע(ר) *тж. неизм.*; 2. *в знач. сущ. м* = מ קארע, דאָס קארע פערד

во́рот¹ *м (воротник)* (מצ. ־ס, קעלנער) מ קאָלנער

во́рот² *м тех.* (מצ. ··רעדער) װ הייבראָד, ־ס װ ווינדע

воро́т||а *мн.* 1. ־ן מ טויער; у ~ לעבן דעם טויער; *перен.* בא די טויערן; в ~ах אונטערן טויער, אין טויער־דורכגאנג; 2. *спорт.* ־ן מ טויער; заби́ть мяч в ~а פארשלאָגן* דעם באָל אינעם טויער ארײַן

вороти́ла *м разг.* = מ דרײער; = מ מאכער

вороти́ть *сов. разг.* (צוריק) אומקערן; сде́ланного не воро́тишь *погов.* אָפגעטאָן — איז פארפאלן: צוריק וועסטו ניט כאפן; ~ся *сов. разг.* אומקערן זיך, צוריקקערן (זיך)

воротни́к *м* (מצ. ־ס, קעלנער) מ קאָלנער; ־ס מ קראגן *уст.*

воротничо́к *м* ־עך ז קעלנערל

во́рох *м* װ קופע, מ הויפן; це́лый ~ новосте́й א פולער פאק מיט נײַסן

воро́чать *несов.* 1. *(вин.; сдвигать)* רוקן, איבערוקן; 2. *(вин., тв.; перевёртывать)* איבערווארפן*, איבערקערן; 3. *перен. (тв.; управлять)* אָנפירן (מיט), זײַן* דער גאנצער [דער אײנציקער] באלעבאָס (איבער); ~ дела́ми פירן די (גרויסע) געשעפטן; ~ся *несов. разг.* דרײען זיך, ניט אײַנרוען; *(в постели)* קערן זיך פון אײן זײַט אף דער אנדערער, ניט קענען* אײַנליגן

вороши́ть *несов.* איבערשארן; ~ се́но איבערשארן דאָס היי

ворс *м* װ וואָרסע, װ בארווע; האָר מצ.

ворси́нка *ж* ־ך ז הערעלע, ־ך ז האָרעלע

ворси́стый האָריקער

ворча́ние *с* ז בורטשעניש, ז בורטשען; *(брюзжание тж.)* ז וואָרטשעניש

ворча́ть *несов.* 1. בורטשען; *(брюзжать тж.)* וואָרטשען; 2. *(о собаке)* קנורען

ворчли́вый וואָרטשענדיקער; ~ стари́к אן אלטער וואָרטשון

ворчу́н *м. разг.* ־עס מ וואָרטשון; ~ья *ж разг.* ־ס װ וואָרטשערן

восвоя́си *нареч. разг.*: он пошёл ~ ער איז אוועק פון וואנען ער איז געקומען

восемнадцатиле́тний אכצניאָריקער, אכצניעריקער; *(о возрасте тж.)* פון אכצן יאָר *после сущ.*

восемна́дца||тый אַכצנטער, אַכצעטער; ~ть אכצן

во́семь אכט; ~ с полови́ной נײַנטהאלבן, אכט מיט א האלבן; в ~ часо́в אכט אזייגער

во́семьдесят אכציק

восемьсо́т אכט הונדערט

во́семью *нареч.* אכט מאָל

воск *м* וואקס מ; ◇ го́рный ~ בארגוואקס מ, ערד־וואקס מ

воскли́кнуть *сов.* אויסרופן*, אויסשרײַען*

восклица́ние *с* אויסרוף מ ־ן, אויסגעשריי מ ־ען

восклица́тельн||ый אויסרוף־; ◇ ~ый знак אויסרוף־צייכן מ ־ס; ~ое предложе́ние *грам.* אויסרופזאץ מ ־ן

восклица́ть *несов. см.* воскли́кнуть

воско́вка *ж* וואקספאפיר ז

воско́в||ой וועקסענער, וואקס־; *перен.* וואקסקאָליריקער, וואקסבלייכער; ~а́я свеча́ א ליכט פון וואקס; ~о́е лицо́ א וואקסבלייך געזיכט; ◇ ~а́я спе́лость [зре́лость] וואקס־רײַפקײַט וו

воскреса́ть *несов. см.* воскре́снуть

воскресе́ние *с* ווידערופלעבן ז; (*из мёртвых*) טכיעס־האמייסים מ

воскресе́нь||е *с* זונטיק מ ־ן; в про́шлое ~е פאראכטאָגן זונטיק, (דעם) פאָריקן זונטיק; в бу́дущее ~е איבעראכטאָג זונטיק, (דעם) קומענדיקן זונטיק; в ~е ве́чером זונטיק אפדערנאכט; по ~ям אלע זונטיק, יעדן זונטיק

воскреси́ть *сов.* 1. אופלעבן, אומקערן צום לעבן; ~ из мёртвых מעכײַע־מייסים זײַן*, מאכן פון טויט לעבעדיק; 2.: ~ в па́мяти אופלעבן [אופשטעלן] אין זיקאָרן

воскре́сник *м* זונטיקניק מ ־עס

воскре́снуть *сов.* 1. טכיעס־האמייסים אופשטיין*, ווערן* פון טויט לעבעדיק; 2. (*о чувствах и т. п.*) ווידער אופלעבן [אופקומען*, אופשווימען*]

воскре́сн||ый זונטיקדיקער; ~ый день זונטיק מ ־ן; ~ый о́тдых זונטיקדיקער אָפרו(־טאָג) מ; по ~ым дням אין די זונטיקדיקע טעג

воскреша́ть *несов. см.* воскреси́ть

воспале́ние *с мед.* אָנצינדונג וו ־ען; ~ лёгких לונגען־אָנצינדונג וו; ~ по́чек נירן־אָנצינדונג וו, נעפריט מ

воспалённый 1. (*покрасневший*) רויט געוואָרענער; 2. (*разгорячённый*) צעהיצטער, פײַערדיקער

воспали́тельный: ~ проце́сс *мед.* אָנצינדונגס־פראָצעס מ

воспали́ться *сов.*, **воспаля́ться** *несов.* רויט ווערן*; (*припухнуть*) צוגעשוואָלן ווערן*

воспева́ть *несов.*, **воспе́ть** *сов. высок.* באזינגען*

воспита́ние *с* 1. (*действие*) דערציונג וו, דערציען ז; коммунисти́ческое ~ קאָמוניסטישע דערציונג; ~ патриоти́зма דאָס אײַנפלאנצן פאטריאָטיזם; 2. (*воспитанность*) דערציונג וו; хоро́шее ~ א גוטע° דערציונג

воспи́танн||ик *м* דערצויגלינג מ ־ען; (*в семье тж.*) וויכאָוואנעק מ ־עס *разг.*; ~ица *ж* דערצויגלינג מ ־ען; (*в семье тж.*) וויכאָוואנקע וו ־ס *разг.*

воспи́танн||ость *ж* (וויל)דערצויגנקײַט וו; ~ый (וויל)־דערצויגענער

воспита́тель *м* דערציער מ =; ~ница *ж* דערציערן וו ־ס; ~ный דערציונגס־, דערציערישער; ~ная рабо́та דערציונגס־ארבעט וו; ~ное значе́ние די דערציערישע ווערט

воспита́ть *сов.* 1. דערציען*; 2. (*привить*) אײַנפלאנצן; ~ чу́вство патриоти́зма אײַנפלאנצן פאטריאָטיזם; ~ся *сов.* דערצויגן ווערן*

воспи́тывать(ся) *несов. см.* воспита́ть(ся)

воспламен||е́ние *с* 1. אופלאמונג וו, אופלאקערונג וו; 2. (*зажигание*) אָנצינדן ז; ~и́ть *сов. прям. и перен.* אָנצינדן*; ~и́ться *сов.* 1. אופלאמען, אופלאקערן; 2. (*тв.; увлечься*): он ~и́лся мы́слью... ס׳האָט אין אים אופגעפלאמט א געדאנק...; ~я́емый אופלאמעוודיקער, אופלאמיקער; ~я́ть(ся) *несов. см.* воспламени́ть(ся)

воспо́лнить *сов.*, **восполня́ть** *несов.* (*пробелы*) פארפילן; (*урон*) קאָמפענסירן; מעמאלע זײַן* *уст.*

воспо́льзоваться *сов.* (*тв.*) 1. (*употребить в свою пользу*) אויסניצן; ~ слу́чаем אויסניצן די געלעגנהײַט; 2. (*употребить для какой-л. цели*) באניצן זיך (מיט); ~ велосипе́дом באניצן זיך מיטן וועלאָסיפעד

воспомина́ние *с* 1. דערמאָנונג וו ־ען, דערינערונג וו ־ען; 2. *мн.* (*мемуары*) זיכרוינעס מצ., דערינערונגען מצ.

воспрепя́тствовать *сов.* (*дат.*) שטערן, ניט דערלאָזן*

воспрети́ть *сов.*, **воспреща́ть** *несов.* פארווערן, פארבאָטן*

воспреща́||ться *несов.* פארבאָטן זײַן*; кури́ть ~ется! רייכערן איז פארבאָטן!

восприи́мчив||ость *ж* (*способность легко усваивать*) אופנעמפעיקײַט וו, טפיסע וו; (*к болезням*) גענייגטקײַט וו; (*к впечатлениям*) שפירעוודיקײַט וו, פילעוודיקײַט וו; ~ый (*способный легко усваивать*) אופנעמפעיקער; (*к болезням*) גענייגטער; (*к впечатлениям*) שפירעוודיקער, פילעוודיקער; у него́ ~ый ум ער האָט א גוטע° טפיסע, ער איז א באל־טפיסע

воспринима́ть *несов.*, **восприня́ть** *сов.* אופנעמען*; (*относиться тж.*) באטראכטן; ~ *что-л.* как оскорбле́ние אופנעמען* [באטראכטן] עפעס ווי א באלײַדיקונג

восприя́тие *с* באנעם מ, אופאסונג וו

воспроизвести́ *сов.*, **воспроизводи́ть** *несов.* 1. (*воссоздать, повторить*) ווידערופשטעלן; פינקטלעך איבערגעבן*; ~ карти́ну ווידערופשטעלן דאָס בילד; 2. *эк.* רעפראָדוצירן

воспроизво́дство *с эк.* רעפראָדוצירונג וו; расши́ренное ~ פארברייטערטע רעפראָדוצירונג

воспроти́виться *сов.* זיך קעגנשטעלן, ארויסטרעטן* קעגן

воспря́ну||ть *сов.*: он ~л ду́хом ער האָט אופגעלעבט; ווי מ׳האָט אין אים ארײַנגעזעצט א נײַע נעשאָמע

воссоедин||е́ние *с* ווידערפאראייניקונג וו; ~и́ть *сов.* ווידער פארייניקן; ~и́ться *сов.* ווידער פארייניקן זיך; ~я́ть(ся) *несов. см.* воссоедини́ть(ся)

воссоздава́ть *несов.*, **воссозда́ть** *сов.* ווידערופשטעלן; ~ в па́мяти אופשטעלן אין זיקאָרן

восстава́ть *несов. см.* восста́ть

восстана́вливать(ся) *несов. см.* восстанови́ть(ся)

восста́ние *с* אופשטאנד מ ־ן

восстанови́тельн||ый: ~ый пери́од אופשטעל־פעריאָד מ; ~ые рабо́ты אופשטעל־ארבעטן מצ.

восстанови́ть *сов.* 1. ווידערופשטעלן; ~ промы́шленность ווידערופשטעלן [ווידער אופבויען] די אינדוסטריע; ~ здоро́вье אומקערן [אופשטעלן] דאָס געזונט; ~ *что-л.* в па́мяти אָפפרישן [אופשטעלן] עפעס אין זיקאָרן; ~ *кого-л.* в права́х אומקערן עמעצן [אופשטעלן עמעצן אין

זײַנע רעכט; ~ *кого-л.* в до́лжности אומקערן [אופשטעלן] עמעצן אף זײַן* שטעלע [אין אמט]; ~ дипломати́ческие отноше́ния באנײַען [אופשטעלן] די דיפלאָמאטישע באציונגען; 2. (про́тив *род.; враждебно настроить*) אופרייצן [אופברענגען*] (קעגן); он всех восстанови́л про́тив себя́ ער האָט אלעמען אופגעבראכט קעגן זיך; ~ся *сов.* ווידערופגעשטעלט ווערן*; (*об отношениях тж.*) באנײַט ווערן*

восстановле́ние *с* ווידערופשטעלונג װ; (*отношений*) באנײַונג װ

восста́ть *сов.* 1. אופשטיין*; ~ с ору́жием в рука́х אופשטיין* מיט געווער אין האנט, אופהייבן* א באוואָפנטן אופשטאנד; 2. (про́тив *род.; воспротивиться*) ארויסטרעטן* [קעגנשטעלן זיך] (קעגן)

восто́к *м* 1. (*страна света*) מיזרעך ם, מיזרעך־זײַט װ; к ~у מיזרעך־צו; на ~ אף מיזרעך; на ~е (אף) מיזרעך־זײַט; 2. (В.) (*восточные страны*) מיזרעך ם; Да́льний ~ דער ווײַטער מיזרעך; Бли́жний ~ דער נאָענטער מיזרעך; Сре́дний ~ דער מיטעלער מיזרעך

востокове́д *м* מיזרעך־קענער ם =, אָריענטאליסט ם ־ן; ~ение *с* מיזרעך־קענטעניש װ, אָריענטאליסטיק װ

восто́рг *м* אנציקונג װ, היספּילעס ז; приводи́ть в ~ אנציקן, ארײַנברענגען* אין אנציקונג [היספּילעס]; быть в ~е от *чего-л.* זײַן* אנציקט פון עפּעס; приходи́ть в ~ אנציקט ווערן*, ארײַנ|פאלן* אין אנציקונג [אין היספּילעס]; с ~ом מיט אנציקונג

восторга́ть *несов.* (*вин.*) אנציקן, ארויסרופן* אנציקונג (בא), ארײַנברענגען* אין אנציקונג [אין היספּילעס]; ~ся *несов.* (*тв.*) זײַן* אנציקט (פון)

восто́рженн||ость *ж* 1. (*состояние*) אנציקטקײַט װ, אנציקונג װ; 2. (*склонность восторгаться*) באגײַסטערטקײַט װ, עקזאלטירטקײַט װ; ~ый באגײַסטיירטער; (*склонный восторгаться тж.*) עקזאלטירטער, (*исполненный восторга*) היספּילעסדיקער; ~ый приём א היספּילעסדיקער אופנאם [קאבאָלעס־פּאָנעם]; ~ая нату́ра אן עקזאלטירטע [א באגײַסטערטע] נאטור; ~ый взгляд אן אנציקטער בליק

восторжествова́||ть *сов.* זיגן; (над *тв.*) נעמען* די אויבערהאנט (איבער); справедли́вость ~ла די גערעכטיקײַט האָט געזיגט [האָט גענומען די אויבערהאנט]

восто́чнее ווײַטער מיזרעך־צו

восто́чн||ый 1. מיזרעך־, מיזרעכדיקער; ~ый ве́тер מיזרעך־ווינט ם ־ן, א מיזרעכדיקער ווינט; ~ые обы́чаи מינהאָגים פון די מיזרעכדיקע פעלקער [פון די מיזרעך־פעלקער]; Восто́чная Евро́па מיזרעך־אייראָפּע װ; 2. (*обращённый к востоку*) מיזרעך־זײַטיקער; ~ый склон מיזרעך־זײַטיקער בארגנייג

востре́бовани||е *с*: до ~я צום ארויספאָדערן, פּאָסט רעסטאנט

востро́ *нареч.*: держа́ть у́хо ~ זײַן* געהיט, זײַן* אָנגעשפּיצט, זײַן* אף דער וואך

восхваля́ть *несов.* לויבן און רימען

восхити́тельный אנציקנדיקער, ווונדערשיינער; (*о вкусе, запахе*) מעכײַעדיקער

восхити́ть *сов.* אנציקן, ארײַנברענגען* אין אנציקונג; ~ся *сов.* (*тв.*) אנציקט ווערן* (פון)

восхища́ть *несов. см.* восхити́ть; ~ся *несов.* (*тв.*) זײַן* אנציקט (פון)

восхище́н||ие *с* אנציקונג װ; в ~ии от *чего-л.* אנציקט פון עפּעס

восхо́д *м* 1. אופגאנג ם; ~ со́лнца זון־אופגאנג ם; 2. (*восхождение на гору*) ארופשטײַג ם

восходи́ть *несов.* 1. *см.* взойти́; 2. (к *дат.; иметь своим началом*) שטאמען (נאָך) (פון); э́ти обы́чаи восхо́дят к глубо́кой дре́вности אָט די מינהאָגים שטאמען נאָך פון טיפן אוראלט

восходя́щ||ий (אופ)שטײַגנדיקער; ◇ ~ая звезда́ אן אופגייענדיקער שטערן

восхожде́ние *с* (*на гору и т. п.*) ארופשטײַג ם, ארופשטײַגן ז

восьмёрка *ж* 1. (*цифра*) אכט װ; 2. (*карта*) אכטל ז ־עך; 3. (*фигура в виде цифры «8»*) אכט װ ־ן, אכט־פיגור װ ־ן

во́сьмеро אכט, אכט אירע [פארשוין]; нас бы́ло ~ מיר זײַנען געווען אכט אירע [אכט פארשוין]

восьмигра́нн||ик *м* אכטווענטלער ם ־ס, אָקטאעדער ם ־ס; ~ый אכטווענטלדיקער

восьмидесятиле́тний אכציקיאָריקער, אכציקיעריקער; (*о возрасте тж.*) **פון** אכציק יאָר *после сущ.*; ~ стари́к אן אכציקיאָריקער זאָקן, א זאָקן א בען־שמוינים

восьмидеся́т||ый אכציקסטער; ~ая страни́ца דאָס אכציקסטע זײַטל; ~ые го́ды די אכציקער יאָרן

восьмикла́ссн||ик *м* אכטקלאסניק ם ־עס, א שילער פונעם אכטן קלאס; ~ица *ж* אכטקלאסניצע װ ־ס, א שילערן פונעם אכטן קלאס

восьмиле́тний אכטיאָריקער, אכטיעריקער; (*о возрасте тж.*) **פון** אכט יאָר *после сущ.*

восьмисо́тый אכטהונדערטסטער

восьмиуго́льн||ик *м* אכטעק ם; ~ый אכטעקיקער

восьмичасово́й 1. אכטשאָעיקער; ~ рабо́чий день אכטשאָעיקער ארבעטסטאָג; 2. *разг.*: ~ по́езд דער אכטאזייגערדיקער צוג

восьм||о́й אכטער; на ~о́й день אפן אכטן טאָג; ~о́го января́ דעם אכטן יאנוואר; на ~о́й страни́це אפן זײַטל אכט; ~о́й но́мер נומער אכט; ~а́я часть אן אכטכײלעק אן אכטל; полови́на ~о́го האלב אכט; три че́тверти ~о́го דרײַ פערטל אף אכט; ~о́й час, в ~о́м часу́ נאָך זיבן, צווישן זיבן און אכט (אזייגער)

вот *частица* אָט; ~ наш дом אָט איז אונדזער שטוב; ~ вам каранда́ш נאָט אײַך א בלײַער; а ~ и я! און אָט בין איך (אויך דאָ)!; ~ как мы рабо́таем! אָט וויאזוי מיר ארבעטן!; ◇ ~ и всё! און גאָר!; ~ (оно́) как! אזוי גאָר!; ~ вам! אָט האָט איר אײַך!; ~ ещё! ווער דארף עס?, וואָס נאָך וועסטו [וועט איר] זאָגן?; ~ так ма́стер! אָט דאָס הייסט א מײַסטער!; ~ я тебя́! אָט וועסטו באלד בא מיר אָפּלייזן!

во́т-во́т *нареч. разг.* אָט־אָט, אָט די מינוט, אָט באלד

воткну́ть *сов.* ארײַנשטעקן; (*иголку и т. п. тж.*) ארײַנשטעכן*

во́тум *м* וואָטום ם; ~ дове́рия צוטרוי־וואָטום ם; ~ недове́рия א וואָטום פון אומצוטרוי

во́тчина *ж* נאכלע װ

воцари́ться *сов.*, **воцаря́ться** *несов.* 1. (*наступить*) אײַנשטעלן זיך; воцари́лась тишина́ ס׳האָט זיך אײַנגעשטעלט א שטילקײַט, ס׳איז געוואָרן שטיל; 2. *уст.* (*вступить на престол*) פארנעמען* דעם טראָן, אָנהייבן* קיניגן

вошь *ж* לויז װ (מצ. לײַז)

вою́ющ||ий קריגספירנדיקער, מילכאָמע־האלטנדיקער;

~ие сто́роны די קרי́גספירנדיקע [מילכאָמע־האלטנדיקע] צדאָדים

во́йка *м разг.* וואָיאקע מ ־ס, כאי́ל־מאן מ (מצ. ··־לײַט)

впада́ть *несов.* 1. *см.* впасть; 2. *(о реке)* ארײַנפאלן*, ארײַנגיסן* זיך

впа́дина *ж* 1. פארטי́פונג ‖; 2. *геогр.* טי́פלאנד ז (מצ. ··לענדער); 3.: ~ волны́ *физ.* כוואליע־טאָל מ ־ן; ◇ глазна́я ~ אויגלאָך ‖ (מצ. ··לעכער)

впа́ивать *несов. см.* впая́ть

впа́л‖ый אײַנגעפאלענער; ~ые щёки אײַנגעפאלענע באקן

впасть *сов.* 1. אײַנפאלן*, אײַנגעפאלן ווערן*; *(о глазах)* אײַנגעגראָבן ווערן*; 2. (в *вин.*; *дойти до какого-л. состояния*) ארײַנפאלן*; ~ в отча́яние ארײַנפאלן* אין פארצווייפלונג [אין יי́עש]; ~ в нищету́ ווערן* אן אָרעמא́ן; ◇ ~ в противоре́чие קומען* אין א סטי́רע [אין א ווי́דערשפרוך]

впая́ть *сов.* אײַנלייטן, אי́נווייניק צו́לייטן

впервы́е *нареч.* צום ערשטן מאָל, דאָס ע́רשטע מאָל

вперева́лку *нареч.*: ходи́ть ~ *разг.* גיין* קאטשקעווא́טע

вперегонки́ *нареч.* אף איבעריאָגן; אף ווי́פערעדקעס *разг.*

вперёд *нареч.* 1. פאָרו́יס; פאָרווערטס *уст.*; шаг ~ א טראָט פאָרו́יס; 2. *разг.* *(впредь)* (אף) ווײַטער; ~ бу́дьте внимательнее (אף) ווײַטער זײַט אופמערקזאמער; 3. *разг.* *(заранее)* פארפרי́ער; я вам скажу́ ~ איך וועל אײַך זאָגן פארפרי́ער; 4. *(авансом)* אין פאָרו́יס; уплати́ть ~ אָפצאָלן אין פאָרו́יס; 5. *в знач. межд.*: ~, к побе́де! פאָרו́יס צום זיג!

впереди́ 1. *нареч.* פאָרו́יס; ~ шёл знамено́сец פאָרו́יס איז געגאנגען דער פאָנענטרעגער; 2. *нареч.* *(в будущем)*: у нас ещё мно́го вре́мени ~ ס'בלײַבט אונדז נאָך היפש [גענו́ג] צײַט; у тебя́ ещё вся жизнь ~ האָסט נאָך אָפצולעבן א גאנץ לעבן; 3. *предлог с род. п.* פאָרו́יס פאר; *(во главе)* אין שפיץ פון; בעראָש; ~ коло́нны פאָרו́יס פאר [אין שפיץ פון] דער קאָלאָנע

вперемéжку *нареч. разг.* איינס אי́בער איינס, איבעראנא́נדיק

впереме́шку *нареч. разг.* אי́בערגעמישט

впери́ть *сов.*, **вперя́ть** *несов.*: ~ взгляд אײַנגראָבן* זיך מיט די אויגן

впечатле́ние *с* אײַנדרוק מ ־ן; *(сильное)* רו́שעם מ; производи́ть ~ на *кого-л.* מאכן אן אײַנדרוק אף עמעצן; быть под ~м *чего-л.* זײַן* אונטערן אײַנדרוק פון עפעס

впечатли́тельн‖ость *ж* פי́לעוודיקײַט ‖, שפי́רעוודיקײַט ‖; ~ый פי́לעוודיקער, שפי́רעוודיקער

впива́ться *несов. см.* впи́ться

впи́санный *мат.* ארײַנגעשריבענער; ~ треуго́льник אן ארײַנגעשריבענער דרײַעק

вписа́ть *сов.*, **впи́сывать** *несов.* ארײַנשרײַבן*; ~ сло́во ארײַנשרײַבן* א וואָרט; ~ сла́вную страни́цу в исто́рию нау́ки ארײַנשרײַבן* א רו́מפול זײַטל אין דער געשי́כטע פון דער ווי́סנשאפט; ~ треуго́льник в окру́жность *мат.* ארײַנשרײַבן* א דרײַעק אין א קרײַ́זליניע

вписа́ться *несов.* (в *вин.*) הארמאָני́רן (מיט), (גוט°) פאסן (צו)

впи́сывать(ся) *несов. см.* вписа́ть(ся)

впита́ть *сов. прям. и перен.* אײַנזאפן, אײַנזויגן*; ~ся *сов.* אײַנזאפן זיך

впи́тывать(ся) *несов. см.* впита́ть(ся)

впи́ться *сов.* 1. *(присосаться)* אײַנזויגן* זיך; *(вцепиться)* אײַנקלאמערן זיך; 2. *(остриём; воткнуться)* אײַנשטעכן* זיך; *(зубами)* אײַנבײַסן* זיך; 3. *перен.*: ~ в *кого-л.* глаза́ми שיר ניט אופעסן* עמעצן מיט די אויגן

впи́хивать *несов.*, **впихну́ть** *сов. разг.* ארײַנשטופן, ארײַנשפארן

вплавь *нареч.*: перепра́виться ~ че́рез ре́ку אריבערשווי́מען* דעם טײַך; пусти́ться ~ לאָזן* זיך שווי́מען

вплести́ *сов.*, **вплета́ть** *несов.* ארײַנפלעכטן*

вплотну́ю *нареч.* 1. הארט; подойти́ ~ к окну́ צוגיין* הארט צום פע́נצטער, צוגיין* צום סאמע פע́נצטער; подойти́ ~ к проти́внику דערנע́נטערן זיך הארט צום סו́ינע; 2. *разг.*: ~ заня́ться вопро́сом פארנע́מען* זיך ווי ס'דארף צו זײַן* מיט דער פראגע

вплоть: ~ до ביז סאמע, אוש ביז, אפי́לע; ~ до ве́чера ביזן סאמע אפדערנאכט, אוש ביז אפדערנאכט; закупи́ли всё необходи́мое, ~ до зубно́го порошка́ מ'האָט אײַנגעקויפט אלץ וואָס ני́יטיק איז· אפי́לע צי́ינפודער

вповáлку *нареч. разг.*: лежа́ть ~ ליגן* זײַט בא זײַט, ליגן* אי́ינער לעבן אנדערן

вполго́лоса *нареч.* שטי́לערהייט, מיט אן אונטערגעדריקטער שטים

вполза́ть *несов.*, **вползти́** *сов.* 1. *(внутрь)* ארײַנקריכן*, ארײַנפויזען; 2. *(вверх)* ארופקריכן*

вполне́ *нареч.* פולשטענדיק, פו́לקום, גאנץ, אינגאנצן; ~ согла́сен פו́לשטענדיק [אינגא́נצן] מאסקים; ~ доста́точно גאנץ גענו́ג

впопыха́х *нареч.* *(наскоро)* אײַלנדיק, כא́פנדיק, בעכיפאָזן(דיק); *(в спешке)* אין אײַלעניש, אײַלנדיק זיך

впо́ру *нареч. разг.* 1. *(подходящего размера)* צו דער מאָס; ווי אָנגעמאָסטן; 2. *в знач. сказ.*, + *инф.* מע קאָן; כאָטש נעם און···; ~ всё бро́сить и уе́хать כאָטש נעם ווארף אלצדי́נג און פאָר אוועק

впосле́дствии *нареч.* שפע́טער, אין א צײַט ארום

впотьма́х *нареч.* אין דער פי́נצטער

впра́вду *нареч. разг.* אינדערע́מעסן, בעע́מעס

впра́ве: быть ~ האָבן* (דאָס) רעכט; я ~ тре́бовать э́то איך האָב (דאָס) רעכט צו פאָדערן דאָס; мы не ~ отказа́ть ему́ מיר האָבן ניט קיין רעכט אים אָפצוזאָגן

впра́вить *сов.*, **вправля́ть** *несов.* ארײַנפראווען, ארײַנפאסן

впра́во *нареч.* *(в правую сторону)* (אף) רעכטס; *(справа)* אין דער רע́כטער זײַט, רעכטס

впредь *нареч.* (אף) ווײַטער; אין דער צו́קונפט; ~ будь осторо́жнее (אף) ווײַטער זײַ מער פאָרזיכטיק; ◇ ~ до *чего-л.* ביז עפעס; ~ до осо́бого распоряже́ния ביז א ספעצי́עלער פאראָרדענונג

вприку́ску *нареч. разг.*: пить чай ~ טרי́נקען* טיי צו́בײַסנדיק צו́קער

вприпры́жку *нареч.* או́נטערשפרינגענדיק

вприся́дку *нареч.* מיט א צו́זיץ; מיט פרי́סיאדקעס *разг.*

впрыты́к *нареч. разг.* הארט צו́געטוליעט

впро́голодь: жить ~ צו́הונגערן, ניט עסן* צו דער זאט

впрок 1. *нареч.* *(про запас)* אף שפע́טער, אין רעזע́רוו; אין זאפאס *разг.*; заготовля́ть *что-л.* ~ פארגרייטן עפעס אף שפע́טער; 2. *в знач. сказ.* *(быть в пользу)*: ему́ всё ~ ער דערלייגט צו גאָרנישט ניט; פון אלץ וועט ער געני́סן,

ער האָט דערפון א טויווע; ◇ идти́, пойти́ ~ *кому-л.* זײַן* צום נוצן עמעצן; тебе́ э́то ~ пойдёт דו וועסט האָבן דערפון א פולע

впроса́к *нареч. разг.*: попа́сть ~ ≅ ארײַנפאלן* איבער די אויערן, גוט ארײַנפאלן*

впро́чем 1. *союз* איבעריקנס, צוריק גערעדט; 2. *в знач. вводн. сл.* אגעוו

впры́скивание *с мед.* אײַנשפריצונג ‖ ־ען, איניעקציע ‖ ־ס

впры́скивать *несов.*, **впры́снуть** *сов. мед.* אײַנשפריצן

впряга́ть(ся) *несов. см.* впря́чь(ся)

впрямь *частица разг.* בעעמעס, ווירקלעך

впрячь *сов.* אײַנשפאנען; ~ лошаде́й в пово́зку אײַנשפאנען די פערד אינעם וואָגן; ~ *кого-л.* в рабо́ту אײַנשפאנען עמעצן אין דער ארבעט; ~ся *сов.* אײַנשפאנען זיך

впуска́ть *несоз.*, **впусти́ть** *сов.* ארײַנלאָזן*

впусту́ю *нареч. разг.* אומזיסט, נוצלאָז

впу́тать *сов. разг. (вмешать)* ארײַנפלאָנטען, ארײַנשלעפן; ~ся *сов. разг. (вмешаться)* ארײַנפלאָנטען זיך, ארײַנקריכן*

впу́тывать(ся) *несов. см.* впу́тать(ся)

впя́теро *нареч.* (אין) פינף מאָל; ~ бо́льше פינף מאָל אזויפיל

впятеро́м *нареч.* זאלבעפינפט, אינפינפן

в-пя́тых *вводн. сл.* פינפטנס

враг *м* סוינע מ (מצ. סאָנים), פײַנט מ =; кла́ссовый ~ קלאסן־סוינע מ (מצ. ..סאָנים)

вражд‖а́ *ж* פײַנטשאפט ‖, סינע ‖; пита́ть ~у́ к *кому-л.* פילן א סינע צו עמעצן, זײַן* עמעצן א סוינע; пита́ть ~у́ друг к дру́гу זײַן* סאָנים צווישן זיך

вражде́бн‖ость *ж* פײַנטלעכקײַט ‖, פײַנטשאפטלעכקײַט ‖; ~ый פײַנטלעכער, פײַנטשאפטלעכער; ~ый взгляд א בליק פול מיט סינע; ~ые сто́роны די סאָנים

враждова́ть *несов.* זײַן* (צווישן זיך) פײַנט [סאָנים]

вра́жеск‖ий פײַנטלעכער; דעם פײַנטס, דעם סוינעס; ~ий стан דער פײַנטלעכער לאגער; ~ие ко́зни דעם סוינעס אינטריגעס

вразби́вку *нареч. разг.* צעוואָרפן, אָן א סיידער

вразбро́д *нареч. разг.* צעוואָרפן, איינציקווײַז; (*несогласованно*) אומיינהײַטלעך

вразва́лку *нареч. разг.*: ходи́ть ~ גיין* קאטשקעוואטע

вразно́с *нареч.*: торгова́ть ~ הויזירן

вразре́з: идти́ ~ с *чем-л.* זײַן* אין אײַנריס מיט עפעס, זײַן* קעגן עפעס; э́то идёт ~ с мои́ми при́нципами דאָס איז קעגן מײַנע פרינציפן

вразуми́тельный (*ясный*) קלאָרער°; (*убедительный*) איבערצײַגנדיקער, איבערצײַגעוודיקער

вразуми́ть *сов.*, **вразумля́ть** *несов.* אײַנגעבן* סייכל

вра́ки *мн. разг.* (*ложь*) שעקער־וועקעזעוו מ; (*вздор*) פוסטע מײַסעס, פיזמוינעס מצ.

враньё *с разг.* ליגונים מצ., שקאָרים מצ.; э́то ~ דאָס איז שעקער־וועקעזעוו, ס׳הייבט זיך (אפילע) ניט אָן

врасплóх *нареч.* אומדערווארט, אומגעריכט, פלוצעם; напа́сть на *кого-л.* ~ אָנפאלן* אף עמעצן אומגעריכט [אומדערווארט]

врассыпну́ю *нареч.* אין אלע זײַטן, ווער ווהין; бро́ситься ~ לאָזן* זיך אין אלע זײַטן [ווער ווהין]

враста́ть *несов.*, **врасти́** *сов.* ארײַנוואקסן*

врастя́жку *нареч. разг.* 1. אויסגעצויגן; 2.: говори́ть ~ ריידן* צעצויגן

врать *несов. разг.* 1. זאָגן (א) ליגן, ליגנערן, לײַגן; 2. (*быть неточным*): мой часы́ врут מײַן זייגער נארט אָפ; 3. (*фальшивить, ошибаться*) אונטערפאלשעווען

врач *м* דאָקטער מ (מצ. דאָקטוירים)

враче́бн‖ый דאָקטוירים־, מעדיצינישער; ~ая по́мощь מעדיצינישע הילף; ~ая коми́ссия דאָקטוירים־קאָמיסיע ‖ ־ס

враща́тельн‖ый דריי־, אומדריי־; ~ое движе́ние (אום)דריי־באוועגונג ‖ ־ען

враща́‖ть *несов.* (אום)דרייען; ~ться *несов.* 1. (אום)דרייען זיך; Земля́ ~ется вокру́г Со́лнца די ערד דרייט זיך [באוועגט זיך] ארום דער זון; 2. *перен.* האָבן* א פארקער (מיט); דרייען זיך (צווישן) *разг.*; он ~ется среди́ арти́стов ער האָט א פארקער מיט ארטיסטן

враще́ние *с* קרײַז־באוועגונג ‖, דרייונג ‖, דאָס (אום)דרייען זיך

вред *м* שאָדן מ; причини́ть ~ ברענגען* [אָנטאָן*] שאָדן; э́то не во ~ здоро́вью דאָס שאט ניט צום [דאָס איז ניט שעדלעך פארן] געזונט

вреди́тель *м с.-х. и перен.* שעדיקער מ =; ~ский שעדיקערישער, שעדיקער־; ~ская де́ятельность שעדיקערישע טעטיקײַט; ~ская гру́ппа שעדיקער־גרופע ‖ ־ס, א גרופע שעדיקער; ~ство *с* שעדיקערײַ ‖

вреди́ть *несов.* (*дат.*) שאטן (דאט.); (*о саботажнике*) שעדיקן; ~ де́лу קאליע מאכן; ~ здоро́вью שאטן צום [דעם] געזונט

вре́дн‖о 1. *нареч.* שעדלעך; ~о отража́ться на *чём-л.* שעדלעך אָפרופן* זיך אף עפעס; 2. *в знач. сказ.* אומגעזונט; кури́ть ~о רייכערן איז אומגעזונט; ~ость *ж* שעדלעכקײַט ‖; (*для здоровья тж.*) אומגעזונטקײַט ‖; ~ый שעדלעכער; (*для здоровья тж.*) אומגעזונטער; ~ый кли́мат א שלעכטער° [אן אומגעזונטער] קלימאט; ~ая привы́чка א שלעכטע° [שעדלעכע] געוווינהײַט; ~ое произво́дство אומגעזונטע פראָדוקציע

вре́зать *сов.*, **вреза́ть** *несов.* (*вделать*) ארײַנשנײַדן*, ארײַנפראווען, אײַנפאסן

вре́заться *сов.*, **вреза́ться** *несов.* 1. *прям. и перен.* ארײַנשנײַדן* זיך; ло́дка вре́залась в прибре́жный песо́к דאָס שיפל האָט זיך ארײַנגעשניטן אינעם בײַברעגיקן זאמד; вса́дник вре́зался в толпу́ דער רײַטער האָט זיך ארײַנגעשניטן אינעם האמוין; 2. (*запечатлеться*) אײַנקריצן זיך

времена́ми *нареч.* צײַטנווײַז, צומאָל

вре́менн‖о *нареч.* צײַטווײַליק; ~о́й צײַטלעכער; ~а́я связь א צײַטלעכע פארבינדונג; ~ый צײַטווײַליקער; (*преходящий тж.*) דערווײַליקער, איבערגענגלעכער; ~ое прави́тельство די צײַטווײַליקע רעגירונג; ~ые тру́дности צײַטווײַליקע [איבערגענגלעכע] שוועריקײַטן

вре́м‖я *с* 1. צײַט ו ‖; по моско́вскому ~ени לויט דער מאָסקווער צײַט; ~я лети́т די צײַט פליט; промежу́ток ~ени (צײַט־)אינטערוואל מ ־ן; до настоя́щего ~ени ביז איצט, ביז הײַנטיקן טאָג; на бу́дущее ~я אף א שפעטער(דיק)ער צײַט, אף שפעטער; во ~я (*чего-л.*) בײַם, בעשאָס, אין דער צײַט פון; с того́ ~ени זינט דעמלט, פון דעמלט אָן, פון יענער צײַט; у меня́ есть ~я чита́ть כ׳האָב צײַט אף לייענען, כ׳האָב ווען צו לייענען; 2. (*эпоха*) צײַט ‖, צײַטן מצ., יאָרן מצ.; дух ~ени דער גײַסט

פון דער צײַט; в на́ше ~я [יאָרן] הײַנטיקע צײַטן; (*о прош-
лом*) פאַר אונדזערע יאָרן; во ~ена́ Петра́ I פאַר פּעטער
פאַר פּעטער דעם ערשטן, דעם ערשטנס צײַטן; вое́нное ~я
|| מילכאָמע־צײַט, || קריגסצײַט; 3. (*пора́*) || ־ן || צײַט; у́трен-
нее ~я || פרימאָרגן־צײַט, אינדערפרי ־ ; четы́ре ~ени
го́да די פיר (יאָר־)סעזאָנען, די פיר צײַטן פונעם יאָר; ~я
е́хать צײַט צו פאָרן (ס'איז); 4. *грам.* || צײַט; настоя́щее
~я || קעגנוואַרט; проше́дшее ~я || פאַרגאַנגענהײט; бу́-
дущее ~я || צוקונפט; ◇ всё ~я די גאַנצע צײַט; (в) пе́р-
вое ~я טכילעס, די ערשטע צײַט; в после́днее ~я די לעצ-
טע צײַט; в своё ~я 1) (*в прошлом*) בעשײַטע; זײַנערצײַט
2) (*своевременно*) צו דער רעכטער צײַט; רעכטצײַטיק; в
ско́ром ~ени באַלד אינגיכן; до сего́ ~ени ביז הײַנטיקן
טאָג, אַדײנע, אַד(ה)אַיאָם, אַד(ה)ײַעם; на ~я אויף א צײַט, ביז
א געוויסער צײַט; со ~енем מיט דער צײַט; тем ~енем
דערווײַל, ביז לעבינע; ~я от ~ени פון צײַט צו צײַט;
в то ~я как *союз* דאַן ווען

времяпрепровожде́ние *с* צײַטפאַרטרײַב ־

вро́вень *нареч.* (с *тв.*) (מיט) אויף איין הייך

вро́де 1. *предлог с род. п.* ווי א מין; что́-то ~ сара́я
עפּעס ווי א מין שטאַל; 2. *частица разг.* ווי; דאַכט זיך;
~ похолода́ло ס'איז, דאַכט זיך, [ס'איז ווי] קעלטער
געוואָרן; 3. *частица разг.* (*перед перечислением*) אַזעל-
כע...ווי; слова́ ~ „я́сно“, „поня́тно“ и т. п. אַזעלכע
ווערטער, ווי «קלאָר», «פאַרשטענדלעך» אאַז.

врождённый אײַנגעבוירענער; ~ недоста́ток אײַנגע-
בוירענער פעלער [חיסאָרן]; ~ тала́нт א געבוירענער טא-
לאַנט, נאַטור־טאַלאַנט ־ ־ן

врозь *нареч.* באַזונדער, אָפּגעזונדערט

вру́бов||ый: ~ая маши́на *горн.* האַקמאַשין ־ ־ען ||
וורובאָווקע ־ ־ס *разг.*

врукопа́шную *нареч.*: би́ться ~ שלאָגן* זיך האַנט צו
האַנט

врун *м разг.* שאַקרען ־ (מצ. שאַקראָנים), ליגנער ־ ־ס;
~ья *ж разг.* שאַקרענטע ־ ־ס, ליגנערטע ־ ־ס

вруча́ть *несов. см.* вручи́ть

вруче́ние *с* אײַנהענטיקן ו, אײַנהענטיקונג ־

вручи́ть *сов.* אָפּגעבן* אין די הענט אַרײַן, דערלאַנגען;
(*официально*) אײַנהענטיקן; ~ *кому-л.* пове́стку אײַנהענ-
טיקן עמעצן א רופצעטל; ~ прави́тельственную награ́-
ду אײַנהענטיקן די [א] מעלוכע־באַלוינונג; ~ *кому-л.* свою́
судьбу́ איבערגעבן* אין עמעצנס הענט דעם (אייגענעם)
גוירל

вручну́ю *нареч.* פון דער האַנט; обрабо́тка ~ באַאַר-
בעטונג פון דער האַנט

врыва́ть *несов. см.* врыть

врыва́ться *несов. см.* ворва́ться

врыть *сов.* אַרײַנגראָבן*

вряд ли *частица* ס'איז א גרויסער סאָפעק, צי...; ~
он придёт ס'איז א גרויסער סאָפעק, צי ער וועט קומען

всади́ть *сов.* אַרײַנזעצן; (*нож тж.*) אַרײַנשטעכן*

вса́дник *м* = רײַטער ־

вса́живать *несов. см.* всади́ть

вса́сывать(ся) *несов. см.* всоса́ть(ся)

все *мест. см.* весь 1, 2, 4

всё[1] *мест. см.* весь 1, 2, 3

всё[2] *нареч. разг.* 1. (*всё время*) די גאַנצע צײַט; а он
~ пи́шет и пи́шет און ער שרײַבט די גאַנצע צײַט,
און ער הערט ניט אויף צו, ער האַלט אין איין שרײַבן
שרײַבן; 2. (*до сих пор*) אַלץ נאָך; ты ~ ещё здесь?
דו ביסט נאָך אַלץ דאָ?; 3. (*только, исключительно*)
אַליין; э́то ~ вы винова́ты דאָס זײַט איר אַליין שולדיק;
4. *в знач. усил. частицы* אַלץ; рабо́та идёт ~ лу́чше
די אַרבעט גייט אַלץ בעסער; ◇ ~ ж, ~ же דאָך,
פונדעסטוועגן

всевозмо́жный אַלערלייִיקער, פאַרשיידנאַרטיקסטער;
אַלערליי *неизм.*

всегда́ *нареч.* שטענדיק, טאָמיד, אַלעמאָל; ~ гото́в!
ווי שטענדיק גרייט!; как ~ ווי שטענדיק [ווי טאָמיד] (אין
דער צײַט); ~шний שטענדיקער, געוויינלעכער

всего́ *нареч.* סאַכאַקל, אַרום און אַרום; (*лишь*) אינגאַנצן;
~ я прослужи́л в а́рмии семна́дцать лет סאַכאַקל האָב
איך אָפּגעדינט אין דער אַרמיי זיבעצן יאָר; он ~ на
четы́ре ме́сяца ста́рше меня́ [סאַכאַקל] ער איז אינגאַנצן
מיט פיר כאַדאָשים עלטער פון מיר; ◇ ~-на́всего
אינגאַנצן, סאַכאַקל; то́лько и ~ נאָר דאָס, און דאָס
אינגאַנצן

всезна́йка *разг. ирон. м* = אַלצוויסער ־; *ж* אַלצוויי-
סערן ־ ־ס

вселе́нная *ж* || אַלוועלט, || וועלט, וועלטאַל ־; (*кос-
мос*) קאָסמאָס ־

всели́||ть *сов.* 1. (*поселить*) אַרײַנזעצן; 2. *перен.*:
~ть наде́жду אײַנגעבן* [דערוועקן] (א) האָפענונג; ~ть
подозре́ние אַרויסרופן* [דערוועקן] א כשאַד; ~ть трево́гу
אַרויסרופן* [דערוועקן] אַן אומרו; ~ть уве́ренность
געבן* די זיכערקײַט; ~ться *сов.* 1. (*поселиться*) אַרײַנ-
קלײַבן* זיך; 2. *перен.*: ~лось подозре́ние ס'האָט זיך
פאַרקליבן א כשאַד; ~лась наде́жда ס'האָט זיך דערוועקט
א האָפענונג; ~лась уве́ренность ס'איז אויפגעקומען א זי-
כערקײַט

вселя́ть(ся) *несов. см.* всели́ть(ся)

всеме́рн||о *нареч.* מיט אַלע מיטלען [מעגלעכקײַטן], מיט
וואָס נאָר ס'איז מעגלעך; ~ый דער מעגלעכסטער; ока́-
зывать ~ую по́мощь געבן* די מעגלעכסטע הילף,
העלפן* מיט וואָס נאָר ס'איז מעגלעך

всеми́рно-истори́ческий אַלוועלטלעך־היסטאָרישער

всеми́рный אַלוועלטלעכער; Всеми́рный Конгре́сс сто-
ро́нников ми́ра דער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון שאָלעם־
־אָנהענגער

всемогу́щ||ество *с* || אַלמעכטיקײַט; ~ий אַלמעכטיקער

всенаро́дн||ый אַלפאָלקישער; ~ый пра́здник אַן אַלפאָל-
קישער יאָמטעוו; ~ое одобре́ние די באַוויליקונג פונעם
גאַנצן פאָלק

всео́бщий אַלגעמיינער

всеобъе́млющий אַלץ־אַרומנעמ(ענד)יקער, ברייטסטער,
אַלץ־אַרומכאַפּנדיקער; ~ план אַ ברייטסטער [אַן אַלץ־
־אַרומכאַפּנדיקער] פּלאַן; ~ ум פאַר-
אַלץ־באַגרײַפנדיקער
שטאַנד

всеору́жи||е *с*: во ~и אין פולשטענדיקן באַוואָפנט,
פולשטענדיק באַוואָפנט; во ~и зна́ний פולער באַוואָפנונג
מיט וויסן

всепобежда́ющий אַלצבאַזיגנדיקער

всеросси́йский אַלרוסלענדישער

всерьёз *нареч. разг.* ערנסט (גאַנץ); не принима́ть *че-
го-л.* ~ ניט מאַכן קיין ערנסט, ניט אָנעמען* עפּעס פאַר ערנסט
וועגן פון עפּעס

всеси́льный אלמעכטיקער

всесою́зный אלפארבאנדישער

всесторо́нн||е *нареч.* אלזײַטיק; ~е образо́ванный אלזײַטיק געבילדעטער; ~ий אלזײַטיקער

всё-таки 1. *союз* דאָך, פונדעסטוועגן; говори́л он негро́мко, но мы ~ слы́шали ка́ждое сло́во ער האָט גערעדט שטיל, און דאָך [פונדעסטוועגן] האָבן מיר געהערט יעדער וואָרט; 2. *частица* פאָרט; куда́ он ~ де́лся? וווּהין פאָרט איז ער אהינגעקומען [איז ער נעלעם געוואָרן]?

всеуслы́шание *с*: во ~ בעפומבי, אלע זאָלן הערן

всецéло *нареч.* אינגאנצן, פולשטענדיק; он ~ поглощён рабо́той ער איז אינגאנצן ארײַנגעטאָן אין זײַן ארבעט [פארטאָן מיט זײַן ארבעט]; я ~ на его́ стороне́ איך בין פולשטענדיק [אינגאנצן] אף זײַן זײַט

всея́дный אלצפרעסנדיקער

вска́кивать *несов. см.* вскочи́ть

вска́пывать *несов. см.* вскопа́ть

вскара́бкаться *сов. разг.* ארופדראפען, ארופקלעטערן זיך

вска́рмливать *несов. см.* вскорми́ть

вскачь *нареч.* אין גאלאָפ, (ט)שוואליאָם; нести́сь ~ גאלאָפירן, יאָגן (ט)שוואליאָם

вски́дывать 1. *см.* вски́нуть; 2. *(быстро поднимать)* מיטאמאָל אופהייבן*

вски́нуть 1. (на *вин.*) (אף) ארופווארפן*; ~ мешо́к на плечо́ ארופווארפן* דעם זאק אף דער פלייצע; 2. *(быстро поднять)* געבן* א הייב אוף; ~ ружьё געבן* א הייב אוף די ביקס

вскипа́ть *несов.*, **вскипе́ть** *сов.* 1. אופזידן*; молоко́ вскипе́ло די מילך איז אופגעזאָטן; 2. *перен.* *(о гневе и т. п.)* אופקאָכן, אָנצינדן* זיך, אופברענען; *(о человеке)* אופגעקאָכט [אופגעזאָטן] ווערן*; он вскипе́л гне́вом ער איז געוואָרן מאָלע־כיימע; ס׳האָט אין אים אופגעברענט דער קאס

вскипяти́ть *сов.* אופזידן*; ~ся *сов. разг.* אופגעזאָטן [אופגעקאָכט] ווערן*

всклоко́ченный צעשויבערטער, צעפאטלטער, צעקודלעטער

всколыхну́ть *сов.* 1. צעוויגן, אופרירן; 2. *перен.* אופרודערן, צערודערן; ~ся *сов.* צעוויגן זיך, אופרירן זיך; *перен.* אופרודערן זיך, אופגערודערט ווערן*

вскользь *нареч.* פארבײַלויפיק; ~ упомяну́ть דערמאָנען קוים; ~ заме́тить באמערקן פארבײַלויפיק

вскопа́ть *сов.* אופגראָבן*

вско́ре *нареч.* באלד, אינגיכן; ~ по́сле э́того באלד דערויף

вскорми́ть *сов.* *(животных)* אויסהאָדעווען; *(детей)* אויסכאָוען, אופציִען*

вскочи́ть *сов.* 1. (на *вин.*) (אף) ארופשפרינגען*; (в *вин.*) (אין) ארײַנשפרינגען*; 2. *(с места)* אופשפרינגען*; ~ на́ ноги אופשפרינגען* פונעם אָרט; 3. *разг.* *(о прыще, шишке)* אופלויפן*, זעצן זיך

вскри́кивать *несов.*, **вскри́кнуть** *сов.* א געשריי געבן*

вскруж||и́ть *сов.*: ~и́ть *кому-л.* го́лову פארדרייען עמעצן דעם קאָפ; успе́х ~и́л ему́ го́лову פון דערפאָלג האָט ער באקומען קאָפשווינדל

вскрыва́ть(ся) *несов. см.* вскры́ть(ся)

вскры́тие *с* 1. ז עפענען; *(письма тж.)* ז אופכאסמענען; 2. *(выявление)* ז אופדעקן; 3. *(реки)* דאָס עפענען זיך, 4. *(трупа)* ז פאלמעסן; 5. *(нарыва и т. п.)* ז עפענען; ז אופשנײַדן

вскры́ть *сов.* 1. עפענען*; *(письмо тж.)* אופכאסמענען*; 2. *(выявить)* אופדעקן; 3. *(анатомировать)* פאלמעסן; 4. *(нарыв и т. п.)* עפענען, אופשנײַדן*; ~ся *сов.* 1. *(обнаружиться)* אופגעדעקט ווערן*; 2. *(о реке)* עפענען זיך

всласть *нареч. разг.* וויפל דאָס הארץ גלוסט

вслед *нареч.* 1.: крича́ть ~ נאָכשרײַען*; посла́ть ~ נאָכשיקן; ~ за גלײַך נאָך; 2. *в знач. предлога с дат. п.* נאָך; смотре́ть ~ *кому-л.* נאָכקוקן עמעצן, באגלייטן מיט די אויגן עמעצן; ◇ ~ за тем באלד [גלײַך] נאָכדעם

вслéдствие *предлог с род. п.* מאכמעס, איבער

вслепу́ю *нареч. разг.* בלינדערהייט; ניט קוקנדיק; де́йствовать ~ טאפן אין דער פינצטער

вслух *нареч.* הויך(אינדער), אפן קאָל

вслу́шаться *сов.*, **вслу́шиваться** *несов.* אײַנהערן זיך

всма́триваться *несов.*, **всмотре́ться** *сов.* אײַנקוקן זיך; при́стально ~ שארף [גוט°] אײַנקוקן זיך

всмя́тку: яйцо́ ~ א לויז איי; свари́ть яйцо́ ~ פארפארען אן איי לויז

всо́вывать *несов. см.* всу́нуть

всоса́ть *сов.* אײַנזויגן*; אײַנזאפן; ◇ ~ с молоко́м ма́тери אײַנזויגן* מיט דער מאַמעס מילך

вспа́ивать *несов. см.* вспои́ть

вспа́рывать *несов. разг. см.* вспоро́ть

вспаха́ть *сов.*, **вспа́хивать** *несов.* אופאקערן

вспа́шка *ж* ון אופאקערונג

вспе́нивать(ся) *несов. см.* вспе́нить(ся)

вспе́нить *сов.* אופשוימען; ~ся *сов.* אופגעשוימט ווערן*

всплакну́ть *сов. разг.* א וויין טאָן*, לאָזן* א טרער

всплеск *м* ען ־ מ אופפליעסק

всплёскивать *несов.*, **всплесну́ть** *сов.* אופפליעסקען; ◇ всплесну́ть рука́ми א פליעסקע טאָן* [א פאטש טאָן*] מיט די הענט

всплыва́ть *несов.*, **всплыть** *сов.* 1. אופשווימען*, אופטויכן; 2. *перен.* *(обнаружиться)* ארופשווימען*

вспои́ть *сов.* *(животных)* אופהאָדעווען; ~-вскорми́ть *(воспитать)* אויסכאָוען, אופציִען*

всполоши́ть *сов. разг.* אופרודערן, אָנמאכן א מעהומע (צווישן); ~ся *сов. разг.* אופגערודערט [צעטומלט] ווערן*

вспомина́ть(ся) *несов. см.* вспо́мнить(ся)

вспо́мнить *сов.* *(вин., о предл.)* (אין) דערמאָנען זיך; ~ся *сов.* *(дат.)* (.דאט) דערמאָנען זיך; мне вспо́мнилось де́тство מיר האָט זיך דערמאָנט מײַן קינדהײַט

вспомога́тельн||ый באהילפיקער, הילף־; ~ые сре́дства באהילפיקע מיטלען; ◇ ~ый глаго́л *грам.* הילפווערב ען ־ מ

вспоро́ть *сов. разг.* אופטרענען

вспорхну́ть *сов.* אופליען*, אופלאטערן

вспоте́ть *сов.* פארשוויצט ווערן*, דערשוויצט ווערן*

вспры́скивать *несов.*, **вспры́снуть** *сов.* 1. באשפריצן, באשפרענקלען; 2. *разг.* *(лекарство)* אײַנשפריצן; 3. *разг. шутл.* *(ознаменовать выпивкой)* באנעצן

вспу́гивать *несов.*, **вспугну́ть** *сов.* אופשרעקן*

вспыли́ть *сов. разг.* אופגעקאָכט ווערן*, אָנגעצונדן ווערן*

вспы́льчив||ость *ж* היציקײַט װ; ספּילשליוועקײַט װ *разг.*; **~ый** היציקער; ספּילשליווע(ר) *тж. неизм. разг.*; ~ый челове́к קײַסן מ (מצ. קײַסאָנים); *(о женщине)* קײַסנטע װ ־ס

вспы́хивать *несов.*, **вспы́хнуть** *сов.* 1. *(загораться)* אופלאמען; *(об огне)* אופלאקערן; *(о свете)* אופבליצן; 2. *(краснеть)* מיטאמאָל רויט ווערן*, צעפלאמען זיך; лицо́ его́ вспы́хнуло румя́нцем ס׳האָט זיך אים געשטעלט די פארב אין פּאָנעם; 3. *(внезапно возникать)* אויסברעכן*; вспы́хнула эпиде́мия ס׳האָט אויסגעבראָכן אן עפּידעמיע; вспы́хнуло восста́ние ס׳האָט אויסגעבראָכן אן אופשטאנד; вспы́хнула война́ ס׳האָט אופגעפלאקערט [ס׳האָט אויסגעבראָכן] א מילכאָמע; 4. *(раздражаться)* ווערן* אָנגעצונדן, אָנצינדן* זיך

вспы́шка *ж* 1. אופלאם מ, אופלאקער מ; *(света)* אופבליץ מ; 2. *(эпидемии)* אויסברוך מ; *(гнева и т. п. тж.)* אופברויז מ

вспять *нареч.* אף צוריק; поверну́ть ~ פארקערעווען אף צוריק

встава́ние *с* אופשטיין ז; почти́ть па́мять ~м באערן דעם אָנדענק דורך אופשטיין

встава́||ть *несов. см.* встать; ◇ не ~я אָן איבערײַס; ניט אופשטייענדיק פונעם אָרט

вста́вить *сов.* ארײַנשטעלן; *(вделать)* אײַנפאסן; ~ сло́во ארײַנשטעלן א וואָרט

вста́вка *ж* 1. *(действие)* ארײַנשטעלונג װ; אײַנפאסונג װ; 2. *(у платья)* אײַנזאץ מ ־ן

вставля́ть *несов. см.* вста́вить

вставн||о́й ארײַנגעשטעלטער; *(о зубах тж.)* פאלשער; ~ы́е ра́мы טאָפּלפענצטער מצ.

встать *сов.* 1. *(подняться; тж. перен.)* אופשטיין*, אופהייבן* זיך; ~ с ме́ста אופשטיין* [אופהייבן* זיך] פונעם אָרט; ~ с посте́ли אופשטיין*, אראָפּגיין* פונעם געלעגער; *(о выздоровевшем)* אראָפּגיין* פונעם בעט; ~ на борьбу́ אופהייבן* זיך [אופשטיין*] צום קאמף; ~ на защи́ту אופהייבן* זיך [אופשטיין*] צו באשיצן; 2. *(на вин.; ногами)* (אוועק)שטעלן זיך; 3. *(о светилах)* אופגיין*; 4. *(возникнуть)* אופקומען*, אנטשטיין*; ~ пе́ред глаза́ми אופשווימען* פאר די אויגן; 5. *(приступить)* שטעלן זיך; ~ на трудову́ю ва́хту שטעלן זיך אף דער ארבעטס־וואכטע; 6. *разг.* *(остановиться)* בלײַבן* שטיין, אָפּשטעלן זיך; ◇ ~ на путь *чего́-л.* לאָזן* זיך מיטן וועג פון עפעס; ~ на *чью́-л.* сто́рону שטעלן זיך אף [אָנעמען*] עמעצנס צאד; ~ поперёк доро́ги *кому́-л.* פארשטעלן עמעצן דעם וועג, שטעלן זיך אין עמעצנס וועג

вы́плакать *сов.* אויסוויינען; ~ го́ре אויסוויינען די צאָרעס; ◇ ~ (все) глаза́ אויסוויינען זיך די אויגן; ~**ся** *сов.* אויסוויינען זיך

вы́плата *ж* אויסצאָל מ, אויסצאָלונג וו, אויסצאָלן ז

вы́платить *сов.*, **выпла́чивать** *несов.* אויסצאָלן; ~ зарпла́ту אויסצאָלן ארבעטלוין; ~ долг אויסצאָלן דעם כויוו

выплёвывать *несов. см.* вы́плюнуть

выплёскивать *несов.*, **вы́плеснуть** *сов.* אויספּליוסקען, ארויספּליוסקען

выплыва́ть *несов.*, **вы́плыть** *сов.* 1. *(на поверхность)* ארופשווימען*; *(добраться до берега)* ארויסשווימען*; 2. *перен.* *(возникать, обнаруживаться)* אופשווימען*; вы́плыл ещё оди́н вопро́с ס'איז אופגעשוווּמען נאָך איין פראגע; 3. *(плывя, появляться, тж. перен.)* ארויסשווימען*; из-за о́строва вы́плыла ло́дка פון הינטערן אינדזל איז ארויסגעשוווּמען א שיפל; из-за туч вы́плыла луна́ פון הינטער די וואָלקנס איז ארויסגעשוווּמען [האָט זיך באוויזן] די לעוואָנע

вы́плюнуть *сов.* אויסשפּײַען*

выпола́скивать *несов. см.* вы́полоскать

выполза́ть *несов.*, **вы́ползти** *сов.* ארויסקריכן*, ארויספּויזען

выполне́ние *с* אויספילונג וו, אויספילן ז

выполни́мый אויספילבארער

вы́полнить *сов.*, **выполня́ть** *несов.* 1. אויספילן; *(желание тж.)* מקײַם זײַן*; ~ долг אויספילן דעם כויוו; ~ план אויספילן דעם פּלאן; ~ прика́з אויספילן דעם באפעל; 2. *(создать, сделать)* אויספילן, מאכן; статуэ́тка вы́полнена со вку́сом די סטאטועטקע איז אויסגעפילט [געמאכט] געשמאקפול [מיט געשמאק]

вы́полоскать *сов.* אויסשווענקען*

вы́полоть *сов.* אויסיעטן

вы́пороть¹ *(распороть, вынуть)* אויסטרענען, אָפּטרענען

вы́пороть² *(высечь)* אויסשמײַסן*, אָנשמײַסן*

вы́порхнуть *сов.* ארויספלאטערן, ארויספליִען*

вы́потрошить *сов.* אויסטרייבערן

вы́править *сов.* 1. *(выпрямить)* אויסגלײַכן*, אויסגראָדן; 2. *(исправить)* אויספאריכטן; *(улучшить)* אויסבעסערן; ~**ся** *сов.* 1. *(выпрямиться)* אויסגלײַכן* זיך, אויסגראָדן זיך; 2. *разг.* *(исправиться)* אויסבעסערן זיך

вы́правка *ж* *(осанка)* האלטונג וו, שטעל מ

выправля́ть(ся) *несов. см.* вы́править(ся)

выпра́шивать *несов. см.* вы́просить

выпрова́живать *несов.*, **вы́проводить** *сов. разг.* ארויסמעשאלייעכן, ארויספּראָוואדיען

вы́просить *сов.* אויסבעטן*

выпры́гивать *несов.*, **вы́прыгнуть** *сов.* ארויסשפּרינגען*

выпряга́ть *несов. см.* вы́прячь

выпрями́тель *м эл.* אויסגלײַכער מ ־ס

вы́прямить *сов.* אויסגלײַכן*, אויסגראָדן; ~**ся** *сов.* אויסגלײַכן* זיך; ~**ся** во весь рост אופשטעלן זיך [אויסציִען* זיך] אין דער גאנצער הייך

выпрямля́ть(ся) *несов. см.* вы́прямить(ся)

вы́прячь *сов.* אויסשפּאנען

вы́пукло *нареч. прям. и перен.* בוילעט, רעליעף

вы́пукло-во́гнутый *опт.* קאָנוועקס־קאָנקאווער

вы́пукл||ость *ж* 1. *(свойство)* בוילעטקייט וו, רעליעפקייט וו; 2. *(выпуклое место)* בערגעלע ז ־ך; *(желвак)* אויסוווּקס מ ־ן; ~**ый** *прям. и перен.* רעליעפער, בוילעטער; *опт.* קאָנוועקסער

вы́пуск *м* 1. *(действие)* ארויסלאָז מ, ארויסלאָזן ז; увели́чить ~ проду́кции פארגרעסערן דעם ארויסלאָז פון פראָדוקציע; 2. *(часть издания)* העפט מ ־ן; 3. *(одновременно окончившие учебное заведение)* ארויסלאָז מ ־ן

выпуска́ть *несов. см.* вы́пустить

выпускн||и́к *м* ארויסלאָזניק מ ־עס; ~**о́й** ארויסלאָז־; ~ы́е экза́мены ארויסלאָז־עקזאמענ(ע)ס מצ.; ~о́й ве́чер ארויסלאָז־אָוונט מ ־ן; ~о́й класс ארויסלאָז־קלאס מ ־ן

вы́пустить *сов.* 1. ארויסלאָזן*; я его́ не вы́пущу איך וועל אים ניט ארויסלאָזן; ~ во́ду из ва́нны ארויסלאָזן* די וואסער פון דער וואנע; ~ из рук ארויסלאָזן* פון די הענט; ~ заём ארויסלאָזן* א האלוואָע; ~ специали́стов по кибернéтике ארויסלאָזן* ספעציאליסטן אין (געביט פון) קיבערנעטיק; 2. *(освободить)* ארויסלאָזן*, באפרײַען; 3. *(продукцию)* ארויסלאָזן*, ארויסגעבן*, אויסארבעטן; 4. *(издать)* ארויסלאָזן*, ארויסגעבן*; 5. *(исключить, выкинуть)* דורכלאָזן*; ~ два абзáца דורכלאָזן* [אויסשליסן*] צוויי אבזאצן; 6. *(выставить наружу)* ארויסלאָזן*, ארויסשטעלן; ~ ко́гти ארויסלאָזן* [ארויסשטעלן] די כײַע־נעגל [די קרעלן]; ◇ ~ снаря́д ארויסלאָזן* א הארמאטן־קויל; ~ в свет ארויסגעבן*, ארויסלאָזן*, פארעפנטלעכן

вы́путаться *сов.*, **выпу́тываться** *несов.* ארויספלאָנטע(ר)ן זיך; *перен. тж.* ארויסקריכן*; он вы́путался из беды́ ער איז ארויס פונעם אומגליק

вы́пучить *сов.*: ~ глаза́ *разг.* אויסגלאָצן [אויסטארא(ש)טשען] א פאָר אויגן

вы́пытать *сов. разг.* דערגיין* (זיך), דערפרעגן זיך, אויסטאפן

выпы́тывать *несов.* (פרוּוון) דערגיין* (זיך), (פרוּוון) דערפרעגן זיך

вы́пятить *сов. разг.* ארויסשטעלן, אויספוקלען פאָרויס; *перен.* *(подчёркивать)* ארויסהייבן*, אויסטיילן; ~ся *сов. разг.* אויספוקלען זיך, ארויסרוקן זיך (פאָרויס); *перен.* ארויסגעהויבן ווערן*

выпя́чивать(ся) *несов. см.* вы́пятить(ся)

выраба́тывать(ся) *несов. см.* вы́работать(ся)

вы́работать *сов.* 1. *(продукцию)* אויסארבעטן, ארויסגעבן*; 2. *(план и т. п.)* צונויפשטעלן, פאנאנדערארבעטן; 3. *(воспитать, развить)* אנטוויקלען אין זיך; ~ вы́держку אנטוויקלען אין זיך אויסדויער; 4. *(заработать)* אויסארבעטן, פארדינען; ~ся *сов.* אויסארבעטן זיך; у него́ вы́работалась привы́чка ס׳האָט זיך בא אים אויסגעארבעט א געוווינהייט

вы́работк||а *ж* 1. *(производство)* אויסארבעטונג וו, אויסארבעטן ז; 2. *(количество выработанного)* אויסארבעטונג וו, פראָדוקציע וו; 3. *разг.* *(качество)* קוואליטעט וו; мате́рия хоро́шей ~и שטאָף פון גוטער° קוואליטעט [אויסארבעטונג]; 4. *обыкн. мн. горн.* גרובן מצ.

выра́внивать(ся) *несов. см.* вы́ровнять(ся)

выража́||ть *несов.* 1. *см.* вы́разить; 2. *(обозначать)* באטײַטן; ~**ться** *несов. см.* вы́разиться; ◇ мя́гко ~ясь ווייך [אײדל] גערעדט

выраже́ни||е *с* אויסדרוק מ ־ן; находи́ть своё ~е אויסדריקן זיך, אויסגעדריקט ווערן*; ~е лица́ דער אויסדרוק פון געזיכט, געזיכטס־אויסדרוק מ, אָנבליק מ; си́льные ~я יאָדערדיקע [פעפערדיקע] ווערטער; алгебраи́ческое ~е אן אלגעברישער אויסדרוק; ◇ чита́ть без ~я לייענען אומאויסדריקלעך; чита́ть с ~ем לייענען אויסדריקלעך

вы́раженный אויסגעדריקטער; я́рко ~ בולעט אויסגעדריקטער

вырази́тель *м* = אויסדריקער מ; ~**ность** *ж* אויסדריקלעכקייט וו, אויסדרוקפולקייט וו; ~**ный** אויסדריקלעכער, אויסדרוקפולער; *(многозначительный)* באטײַטפולער, פילזאָגנדיקער; ~ное чте́ние דאָס אויסדריקלעכע לייענען; ~ный взгляд אן אויסדריקלעכער בליק

вы́рази||ть *сов.* אויסדריקן; лицо́ его́ ~ло ра́дость זײַן געזיכט האָט אויסגעדריקט פרייד; ~ть благода́рность אויסדריקן א דאנק, באדאנקען; ~ть о́бщее мне́ние אויסדריקן אלעמענס מיינונג; ~ть в сантиме́трах אויסדריקן [געבן*] אין סאנטימעטערס; ~**ться** *сов.* אויסדריקן זיך; сове́тский патриоти́зм ~лся в ма́ссовом герои́зме דער סאָוועטישער פאטריאָטיזם האָט זיך אויסגעדריקט [איז ארויסגעוויזן געוואָרן] אין מאסנהאפט(יק)ער העלדישקייט; я ~лся не совсе́м то́чно כ׳האָב זיך אויסגעדריקט ניט גאָר [ניט אינגאנצן] פינקטלעך; в чём ~лись его́ успе́хи? אין וואָס איז צו זען זײַנע דערפאָלגן?; расхо́ды ~лись в су́мме 1000 рубле́й די הויצאָעס האָבן זיך אויסגעדריקט אין א סומע פון [האָבן באטראָפן] טויזנט רובל

выраста́ть *несов.*, **вы́расти** *сов.* 1. *(стать больше ростом)* אויסוואקסן*; אונטערוואקסן*; за ле́то ма́льчик окре́п и вы́рос פארן זומער איז דאָס ייִנגל געוואָרן קרעפטיקער און איז אויסגעוואקסן [איז אונטערגעוואקסן]; ~ на два сантиме́тра אונטערוואקסן* אף צוויי סאנטימעטער; 2. *(стать взрослым)* אויסוואקסן*, ווערן* א גרויסער; 3. *(появиться)* אויסוואקסן*; на клу́мбах вы́росли цветы́ אף די בייטן זײַנען אויסגעוואקסן בלומען; выраста́ют но́вые дома́ עס וואקסן אויס נײַע הײַזער; 4. *(увеличиться)* גרעסער ווערן*, פארגרעסערן זיך, אויסוואקסן*; вы́росла покупа́тельная спосо́бность населе́ния ס׳איז אויסגעוואקסן [געשטיגן] די קויף־פעיִקייט פון דער באפעלקערונג; вы́росла посевна́я пло́щадь ס׳איז גרעסער געוואָרן [ס׳האָט זיך פארגרעסערט] דער פארזיי־שעטעך; 5. *разг.* *(предстать)* אויסוואקסן*, (מיטאמאָל) באווײַזן* זיך; 6. *разг.*: ~ из свое́й оде́жды ארויסוואקסן* פון די קליידער; 7. *(стать кем-л.)*: он вы́рос в кру́пного учёного ס׳איז פון אים אויסגעוואקסן א גרויסער געלערנטער; ◇ вы́расти в *чьих-л.* глаза́х אויסוואקסן* אין עמעצנס אויגן

вы́растить *сов.*, **выра́щивать** *несов.* אופציִען*; *(детей тж.)* אויסכאָוען; ~ ка́дры דערציִען* קאדרען

вы́рвать¹ *сов. прям. и перен.* אויסרײַסן*, ארויסרײַסן*; ~ из рук *что-л.* ארויסרײַסן* עפעס פון די הענט; ~ зуб אויסרײַסן* [ארויסרײַסן*] א צאָן; ~ страни́цу ארויסרײַסן* [אויסרײַסן*] א זײַטל; ~ согла́сие у *кого-л.* ארויסרײַסן* בא עמעצן די האסקאָמע, צווינגען* עמעצן מאָסקים זײַן; ◇ ~ *что-л.* с ко́рнем אויסוואָרצלען, ארויסרײַסן* מיטן וואָרצל; אויקער־מין־האשוירעש זײַן* *уст.*

вы́рва||ть² *сов. безл. разг.*: его́ ~ло ער האָט אָפגעבראָכן

вы́рваться *сов.* 1. *прям. и перен.* ארויסרײַסן* זיך; ~ из рук ארויסרײַסן* זיך פון די הענט; ~ из окруже́ния ארויסרײַסן* זיך פון ארומרינגלונג; ~ на свобо́ду ארויסרײַסן* זיך אף דער פרײַ; 2. *(прозвучать)* ארויסרײַסן* זיך; *(о словах тж.)* ארויסכאפן זיך; из его́ груди́ вы́рвался стон פון זײַן ברוסט האָט זיך ארויסגעריסן א קרעכץ; у него́ вы́рвалось неосторо́жное сло́во ס׳האָט זיך בא אים ארויסגעכאפט אן אומבאטראַכט וואָרט; 3.: из книги вы́рвалась страни́ца פונעם בוך האָט זיך אויסגעריסן א זײַטל

вы́рез *м* אויסשניט מ ־ן

вы́резать *сов.*, **выреза́ть** *несов.* 1. אויסשנײַדן*; 2. *(на дереве)* אויסשניצן; *(на камне)* אויסקריצן; *(на металле)* אויסגראווירן; 3. *(убить)* אויסשנײַדן*, אויסקוילען

вы́резка *ж* 1. *(действие)* אויסשנײַדן I; 2. *(вырезанное место)* אויסשניט מ ־ן; газе́тная ~ (צײַטונגס־)אויסשניט מ ־ן; 3. *(часть туши)* פילײ מ

вы́рисовать *сов.* אויסמאָלן; *(тщательно написать)* אויסצוקן; **~ся** *сов.* אנטפלעקן זיך, בוילעט אָנזיכטיק ווערן*

вырисо́вывать(ся) *несов. см.* вы́рисовать(ся)

вы́ровнять *сов.* 1. *(сделать ровным)* אויסגלײַכן*; ~ доро́гу דעם וועג אויסגלײַכן*; 2. *(выпрямить)* אויסגראָדן, אויסגלײַכן*; ~ ли́нию די ליניע אויסגראָדן; ~ самолёт דעם אעראָפלאַן אויסגלײַכן*; ◇ ~ шаг דעם טראָט אויסגלײַכן*; **~ся** *сов.* 1. *(стать ровным)* אויסגעגליכן [אויסגעגלײַכט] ווערן*; 2. *(выпрямиться)* אויסגעגראָדט [אויסגעגליכן, אויסגעגלײַכט] ווערן*; 3. *(выправиться)* אויסבעסערן זיך; *(о характере тж.)* געשטעלט ווערן*

вы́родиться *сов.* דעגענערירן

вы́родок *м разг.* אויסוואָרף מ ־ן, אויסוורף מ ־ן; ווי־ראָדעק מ ··דקעס *разг.*

вырожда́ться *несов. см.* вы́родиться

вырожде́ние *с* דעגענעראַציע II, דעגענערירונג II

вы́рони||ть *сов.*: он ~л кошелёк ס'איז בא אים ארויסגעפאלן דאָס בײַטעלע

выруба́ть *несов.*, **вы́рубить** *сов.* אויסהאַקן; *(рубя, извлечь)* ארויסהאַקן

вы́рубка *ж* 1. *(действие)* אויסהאַקן I; 2. *(участок)* אויסהאַקפלאַץ מ (מצ. ··פלעצער)

вы́ругать *сов. разг.* אויסזידלען; **~ся** *сов. разг.* אויסזידלען זיך

выруча́ть *есов.*, **вы́ручить** *сов.* 1. *(помочь)* ארויסהעלפן*, צו הילף קומען*; ארויסראַטעווען; 2. *(получить деньги от продажи)* אָפלייזן, באקומען*

вы́ручк||а *ж* 1. *разг.* *(помощь)* הילף II; на ~у צו הילף; 2. *(деньги)* לייזונג II; פידיען מ

вырыва́ть¹ *несов. см.* вы́рвать

вырыва́ть² *несов. см.* вы́рыть

вырыва́ться *несов.* 1. *см.* вы́рваться; 2. *(пытаться освободиться)* פרוּוון זיך ארויסרײַסן; ~ из рук פרוּוון זיך ארויסרײַסן פון די הענט, רײַסן* זיך פון די הענט

вы́рыть *сов.* אויסגראָבן*

вы́рядиться *сов. разг.* אויסטראָצלען זיך, אויספוצן זיך

вы́садить *сов.* 1. ארויסזעצן; *(помочь выйти или сойти)* העלפן* ארויסגיין [אראָפגיין]; ~ деса́нт ארויסזעצן א דעסאַנט; 2. *(растения)* אויספלאַנצן; **~ся** *сов.* *(из вагона и т.п.)* ארויסזעצן זיך, אויסשטײַגן*; *(из судна тж.)* אויסשיפן זיך

вы́садка *ж* 1. *(с поезда, судна и т. п.)* אויסשטײַגן I, דאָס ארויסזעצן זיך; *(с судна тж.)* אויסשיפונג II; ~ деса́нта דאָס ארויסזעצן א דעסאַנט; 2. *(растений)* אויספלאַנצן I

выса́живать(ся) *несов. см.* вы́садить(ся)

выса́сывать *несов. см.* вы́сосать

вы́свободить *сов.* ארויסבאפרײַען; ~ ру́ку ארויסבאפרײַען די האנט; ~ сре́дства ארויסבאפרײַען מיטלען; **~ся** *сов.* ארויסבאפרײַען זיך; вы́свободились сре́дства ס'האָבן זיך ארויסבאפרײַט מיטלען, ס'האָבן זיך באקומען פרײַע מיטלען

высева́ть *несов. см.* вы́сеять

высека́ть *несов. см.* вы́сечь¹

вы́селить *сов.* ארויסזעצן

выселя́ть *несов. см.* вы́селить

вы́сечь¹ *сов.* *(на камне)* אויסקריצן; *(из камня)* אויסהאַקן; ◇ ~ ого́нь פײַער אויסשלאָגן*

вы́сечь² *сов.* *(розгами и т. п.)* אָפשמײַסן*

вы́сеять *сов. с.-х.* אויספארזייען

вы́сидеть *сов.*, **выси́живать** *несов.* 1. *разг.* *(остаться, просидеть)* אָפזיצן*; 2. *(птенцов)* אויסזיצן*, אויסבריִען

вы́ситься *несов.* הייכן זיך

выска́бливать *несов. см.* вы́скоблить

вы́сказать *сов.* ארויסזאָגן; *(выразить)* אויסדריקן; ~ предположе́ние ארויסזאָגן א האשאָרע; ~ *кому-л.* всю пра́вду в глаза́ (ארויס)זאָגן עמעצן אין די אויגן דעם גאנצן עמעס; **~ся** *сов.* ארויסזאָגן זיך, ארויסזאָגן די (אייגענע) מיינונג; ~ся за *что-л.*, про́тив *чего-л.* ארויסזאָגן זיך פאר, קעגן עפעס

выска́зывание *с* ארויסזאָגונג II ־ען

выска́зывать(ся) *несов. см.* вы́сказать(ся)

выска́кивать *несов. см.* вы́скочить

выска́льзывать *несов. см.* вы́скользнуть

вы́скоблить *сов.* אויסשאָבן*, אויסקראַצן, אויסשקראָבען

выскольза́ть *несов.*, **вы́скользнуть** *сов.* 1. ארויסגליטשן זיך; ~ из рук ארויסגליטשן זיך פון די הענט; 2. *(тихо уйти)* ארויסשארן זיך, ארויסגליטשן זיך

вы́скочить *сов.* 1. ארויסשפרינגען*; 2. *разг.* *(быстро выбежать)* ארויסשפרינגען*, ארויסלויפן*; 3.: ~ за́муж *разг.* כאפן זיך כאסענע האָבן; 4. *разг.* (с *тв.*) אפירשפרינגען*; ~ с замеча́нием אפירשפרינגען* מיט א באמערקונג; 5. *разг.* *(выпасть откуда-л.)* ארויספאלן*; ◇ ~ из головы́, ~ из па́мяти ארויס¦פליען* פונעם זיקאָרן [פון די געדאַנקען]

вы́скочка *разг.* 1. *м* = מ אפירשפרינגער; *ж* אפירשפרינגערן II ־ס; 2. *(по общественному положению)* *м* = מ דורכקריכער; אן אופגעקומענער קנאַקער; *ж* דורכקריכערן II ־ס

вы́слать *сов.* 1. *(послать)* ארויסשיקן; 2. *(сослать)* ארויסשיקן; *(куда-л. тж.)* פארשיקן

вы́следить *сов.* אויסשפירן, אויסלאָקערן, אויסשטאַטעווען

высле́живать *несов.* לאָקערן, נאָכשפירן, טשאַטעווען

вы́слуг||а *ж*: за ~у лет פאר פיליאָריקער אַרבעט

выслу́живаться *несов.* (перед *тв.*) צודינען זיך (צו), סטאַרען זיך נויסע־כײן זײַן (בא)

вы́служиться *сов.* (пе́ред *тв.*) צודינען זיך (צו), (דורך כניפע) נויסע־כײן זײַן* (בא)

вы́слушать *сов.*, **выслу́шивать** *несов.* אויסהערן; ~ до конца́ אויסהערן ביזן סאָף; ~ це́лую ле́кцию אויסהערן א גאנצע לעקציע; ~ *кого-л.* внима́тельно אויסהערן עמעצן אופמערקזאם, אויסהערן וואָס עמעצער זאָגט; ~ се́рдце אויסהערן דאָס הארץ

высма́тривать *несов.* 1. *см.* вы́смотреть; 2. *(выглядывать откуда-л.)* ארויסקוקן, ארויסבליקן

высме́нивать *несов.*, **вы́смеять** *сов.* (*кого-л.*) אויסלאכן; (*что-л.*) אויסלאכן זיך (פון)

вы́сморкаться *сов. разг.* אויסשנײַצן (זיך) די נאָז

вы́смотреть *сов.* **1.** (*найти, заметить*) אויסקוקן, צוזוכן זיך; **2.** (*разглядеть*) אויס(בא)קוקן, אויס(דער)זען*; ◇ ~ глаза́ *разг.* אויסקוקן (זיך) די אויגן

высо́вывать(ся) *несов. см.* вы́сунуть(ся)

высо́к||ий 1. *прям. и перен.* הויכער°; ~ая гора́ א הויכער° בארג; ~ий потоло́к א הויכע° סטעליע; ~ий урожа́й א הויכע° גערעטעניש; ~ая температу́ра א הויכע° טעמפעראטור; ~ое давле́ние (*крови*) הויכער° בלוטדרוק; ~ое мастерство́ הויכע° מײַסטערשאפט; ~ая но́та א הויכע° נאָטע; ~ий стиль הויכער סטיל; ~ая честь גרויסער° קאָוועד; **2.** (*высокого роста*) הויכער°, הויכוווקסיקער; ~ая де́вушка א הויך° [א הויכוווקסיק] מיידל; **3.** (*расположенный высоко*) הויכליגנדיקער; ~ая ме́стность א הויכליגנדיקע געגנט; **4.** (*благородный*) דערהויבענער; ~ие чу́вства דערהויבענע געפילן; **5.** (*почётный*) הויכער; ~ие го́сти די הויכע [הויכגעשטעלטע] געסט; ~ое зва́ние א הויכער° ראנג; ◇ Высо́кие Догова́ривающиеся Сто́роны *дип.* די הויכע זיך־צונויפרעדנדיקע צדאָדים; ~ая грудь א הויכע ברוסט; быть ~ого мне́ния о *ком-л.* האָבן* א הויכע° מיינונג וועגן עמעצן

высоко́ *нареч.* **1.** *прям. и перен.* הויך°; ~ над голово́й אין דער הייך; ~ в не́бе הויך אין הימל; ~ держа́ть зна́мя коммуни́зма האלטן* הויך די פאָן פון קאָמוניזם; ~ цени́ть הויך° שאצן; **2.** *в знач. сказ.* (ס׳)איז הויך; тут о́чень ~ דאָ איז זייער הויך, ס׳איז דאָ זייער הויך

высоково́льтн||ый *эл.* הויכוואָלטאזשיקער; פון [מיט] א הויכער° שפאנונג, מיט א הויכן° וואָלטאזש *после сущ.*; ~ая ли́ния הויכוואָלטאזשיקע ליניע

высокого́рный הויכבארגיקער

высокоиде́йный הויך־אידייִשער

высокока́чественный הויכקוואליטאטיווער; פון הויכער° קוואליטעט *после сущ.*

высококвалифици́рованный הויכקוואליפיצירטער

высокоме́р||ие *с* פאריסנקייט ||, גרויסהאלטערישקייט ||, גײַווע ||; **~ный** פאריסענער, גרויסהאלטערישער, גײַוועדיקער

высокоодарённый הויכבאגאבטער, הויכטאלאנטירטער

высокоопла́чиваемый הויכבאצאָלטער; מיט א גרויס° געהאלט *после сущ.*

высокопа́рный הויכקלינגענדיקער, באָמבאסטישער

высокопоста́вленный הויכגעשטעלטער

высокопродукти́вн||ый הויכפראָדוקטיווער; ~ая поро́да скота́ א הויכפראָדוקטיווע ראסע פון פי

высокопроизводи́тельный הויכפראָדוקטיווער; ~ стано́к א הויכפראָדוקטיווער ווערקשטעל

высокора́звитый הויכאנטוויקלטער

высокосо́ртный הויכסאָרטיקער; פון א הויכן° סאָרט *после сущ.*

высокоурожа́йн||ый הויכגערעטענישדיקער; ~ые сорта́ пшени́цы הויכגערעטענישדיקע סאָרטן ווייץ

вы́сосать *сов.* אויסזויגן*; אויסמאָקען *разг.*; ◇ ~ из па́льца אויסזויגן* פונעם פינגער [פונעם ארבל]; ~ все со́ки אויסזויגן* [ארויסציִען*] דעם קליאָק פון די ביינער

высот||а́ *ж* **1.** הייך ||, הויכקייט ||; кака́я ~а́! סאראַ הייך [הויכקייט]!; ~а́ ба́шни די הייך פונעם טורעם; на ~е́ пяти́ киломе́тров אף א הייך פון פינף קילאָמעטער; **2.** *мат.* הייך || ־ן; ~а́ треуго́льника די הייך פונעם דרײַעק; **3.**: ~а́ зву́ка די הייך פונעם קלאנג; **4.** (*холм*) הייכעניש || ־ן, בערגל ז ־עך; ◇ быть на ~е́ положе́ния שטיין* אף דער געהעריקער הייך

высо́тник *м* (*строитель*) = הייך־ארבעטער ם; монта́жник-~ = הייך־מאָנטירער ם, הייך־מאָנטאזשניק ם ־עס

высо́тн||ый: ~ое зда́ние הייך־געבײַדע || ־ס

высотоме́р *м* הייכמעסטער ם ־ס, אלטימעטער ם ־ס

вы́сохнуть *сов.* **1.** אויסטריקענען; **2.** (*завянуть*) פארטריקנט ווערן*, פארוועלקט ווערן*; פאָוויאלעט ווערן* *разг.*; **3.** (*исхудать*) אויסגעטריקנט ווערן*, אויסדארן, דאר און קוואר ווערן*

вы́спаться *сов.* אויסשלאָפן* זיך

выспра́шивать *несов. разг. см.* вы́спросить

вы́спросить *сов.* (*вин.* у *род.*) אויספרעגן; דערפרעגן זיך (בא)

вы́ставить *сов.* **1.** (*вынуть*) ארויסנעמען*; ~ ра́мы ארויסנעמען* די טאָפלפענצטער; **2.** (*наружу*) ארויסשטעלן, ארויסטראָגן*; ~ ве́щи в коридо́р ארויסשטעלן [ארויסטראָגן*] די זאכן אין קאָרידאָר; **3.** *разг.* (*выгнать*) ארויסשטעלן, ארויסמעשאלייעכן; ~ *кого-л.* за дверь ווײַזן* עמעצן די טיר; **4.** (*выдвинуть вперёд*) ארויסרוקן; ~ но́гу ארויסרוקן דעם פוס פאָרויס; **5.** (*кандидатуру и т. п.*) ארויסרוקן, ארויסשטעלן; **6.** (*охрану и т. п.*) ארויסשטעלן; **7.** (*для обозрения*) אויסשטעלן; **8.** *разг.* (*изобразить*) באווײַזן*, ארויסשטעלן; ~ *что-л.* в смешно́м ви́де אויסשטעלן עפעס אף כויזעק; **9.** (*дату, отметку*) שטעלן

вы́ставка *ж* אויסשטעלונג || ־ען; ~ карти́н בילדער־אויסשטעלונג || ־ען; Вы́ставка достиже́ний наро́дного хозя́йства אויסשטעלונג פון די דערגרייכונגען פון דער פאָלקסווירטשאפט

выставля́ть *несов. см.* вы́ставить

вы́ставочный אויסשטעלונג(ס)־; ~ зал אויסשטעלונג־זאל ם ־ן

выста́ивать *несов. см.* вы́стоять 1; **~ся** *несов. см.* вы́стояться

выстила́ть *несов.*, **вы́стлать** *сов.* (*пол, землю*) פארשפרייטן, באדעקן; (*изнутри*) אויסבעטן; (*мостить*) אויסלייגן*, אויספלאסטערן

вы́стоять *сов.* **1.** (*простоять*) אָפשטיין*; (*не упасть*) האלטן* זיך; пришло́сь ~ це́лый час ס׳איז אויסגעקומען אָפצושטיין א גאנצע שאָ; э́то зда́ние вы́стоит ещё мно́го лет אָט די געבײַדע וועט זיך נאָך האלטן [וועט נאָך אָפשטיין] א סאך יאָרן; **2.** *перен.* (*выдержать*) האלטן* זיך [שטיין* פעסט] ביזן סאָף; **~ся** *сов.* **1.** (*о вине и т. п.*) אויסשטיין* זיך; **2.** (*о лошади*) אויסרוען זיך (גוט°)

вы́страда||ть *сов.* **1.** אָנלײַדן* זיך; אָנבידעווען זיך; **2.**: он ~л своё сча́стье ס׳איז אים שווער און ביטער אָנגעקומען דאָס גליק

выстра́ивать(ся) *несов. см.* вы́строить(ся)

вы́стрел *м* שאָס ם ־ן; (*звук*) קנאל ם ־ן; произвести́ ~ אויסשיסן*; ◇ без еди́ного ~а אָן איין שאָס אפילע; не подпуска́ть на пу́шечный ~ ניט צולאָזן* אף א מעהאלעך פון א הארמאטן־שאָס

вы́стрелить *сов.* אויסשיסן*

вы́строить *сов.* **1.** אויסבויען; 2. *(расположить строем)* אויסשטעלן (אין רייען), אויסשערענגעווען; ~**ся** *сов.* *(стать строем)* אויסשטעלן זיך (אין רייען), אויסשערענגעווען זיך

вы́стукать *сов.*, **высту́кивать** *несов.* אויסקלאפן; *мед. тж.* פערקוטירן

вы́ступ *м* ארויסשטארץ מ ־ן

выступа́ть *несов.* 1. *см.* вы́ступить; 2. *(выдаваться вперед)* (ארויס)שטארצן, ארויסגערוקט זײַן*; 3. *(важно шагать)* שפרײַזן

вы́ступить *сов.* 1. *(выйти вперёд)* ארויסטרעטן*; 2. *(отправиться)* ארויסטרעטן*; לאָזן* זיך אין וועג; ~ в похо́д ארויסטרעטן* אין מארש, ארויסמארשירן; 3.: ~ из берего́в ארויס|גיין* פון די ברעגעס; 4. *(проступить — о поте, слезах и т. п.)* ארויסטרעטן*, באווײַזן* זיך; 5. *(публично)* ארויסטרעטן*; ~ на сце́не ארויסטרעטן* [אויפטרעטן*] אף דער בינע; ~ с докла́дом ארויסטרעטן* מיט א פאָרטראָג; ~ в защи́ту *кого-л., чего-л.* ארויסטרעטן* צו פארטיידיקן עמעצן, עפעס

выступле́ние *с* 1. *(действие)* ארויסטרעטן ז, ארויסטרעטונג וו; *воен. тж.* ארויסמארש מ; 2. *(в печати)* ארויסטרעטונג וו ־ען; *(на сцене тж.)* אויפטריט מ; *(речь тж.)* רעדע וו ־ס

вы́сун||уть *сов.* ארויסשטעקן; ◇ ~в язы́к מיט אן ארויסגעשטעקטער צונג; ~**ться** *сов.* ארויסשטעקן זיך

высу́шивать(ся) *несов. см.* вы́сушить(ся)

вы́сушить *сов.* **1.** אויסטריקענען; *(иссушить тж.)* פארטריקענען; 2. *перен. разг.* *(кого-л.)* אויסצערן, מאכן דאר און קוואר; ~**ся** *сов.* אויסטריקענען זיך

вы́считать *сов.*, **высчи́тывать** *несов.* 1. אויסרעכענען, בארעכענען; 2. *(удержать)* אָפרעכענען, אראָפרעכענען

вы́сш||ий 1. *(более высокий)* העכערער; 2. *(самый высокий)* העכסטער; *(о качестве тж.)* בעסטער; ~ий долг העכסטער כויוו; 3.: ~ее образова́ние הויכע [העכערע] בילדונג; ~ее учёбное заведе́ние העכערער לערן־אנשטאלט, הויכשול וו ־ן; 4. *(более развитой)* העכערער; ~ая фо́рма организа́ции א העכערע אָרגאניזאציע־פאָרם; фигу́ры ~его пилота́жа פיגורן פון העכערן פילאָטאזש; ◇ в ~ей сте́пени העכסט; в ~ей сте́пени сло́жный העכסט קאָמפליצירטער

высыла́ть *несов. см.* вы́слать

вы́сылка *ж* 1. *(отправка)* ארויסשיקונג וו, ארויסשיקן ז; 2. *(административная)* ארויסשיקונג וו; *(куда-л. тж.)* פארשיקונג וו

вы́сыпать *сов.*, **высыпа́ть** *несов.* 1. אויסשיטן*; ~ муку́ из мешка́ אויסשיטן* די מעל פונעם זאק; 2. *разг.* *(выбежать, выйти)* ארויסשיטן* זיך; гурьбо́й ~ на у́лицу ארויסשיטן* זיך אהולעם אף דער גאס; 3. *(о сыпи)* אויסשיטן* (זיך)

вы́сыпаться *сов.* **1.** אויסשיטן* זיך; 2. *разг. см.* вы́сыпать 2

высыпа́ться^1 *несов. см.* вы́сыпаться

высыпа́ться^2 *несов. см.* вы́спаться

высыха́ть *несов. см.* вы́сохнуть

высь *ж* הייך וו

выта́лкивать *несов. см.* вы́толкнуть

выта́птывать *несов. см.* вы́топтать

вы́таращить *сов.*: ~ глаза́ *разг.* אויסגלאָצן [אויסטארא(ש)טשען] א פאָר אויגן

выта́скивать *несов. см.* вы́тащить

вы́тачка *ж* *(на одежде)* (הינטערשטער) אײַנלאָז מ ־ן

вы́тащить *сов.* **1.** ארויסשלעפן; ארויסטאסקען *разг.*; *(выдернуть)* ארויסציען*, ארויסרײַסן*; *перен. разг.* *(кого-л.)* ארויסשלעפן; ~ *кого-л.* в теа́тр ארויסשלעפן עמעצן אין טעאַטער; 2. *(выкрасть)* צושלעפן, ארויסגאנווענען*

вытворя́ть *несов. разг.* דעראַרבעטן

вытека́||ть *несов.* 1. *см.* вы́течь; 2. *(брать начало — о реке)* אויספליסן*, ארויספליסן*; 3. *(следовать)* ארויסדרינגען*; отсю́да ~ет, что... פונדאַנען איז געדרונגען, אז...; פונדאַנען דרינגט ארויס, אז...

вы́тереть *сов.* אויסווישן, אָפווישן; ~ ру́ки, лицо́ אויסווישן [אָפווישן] די הענט, דאָס פאָנעם; ~ пыль אָפווישן דעם שטויב; ~**ся** *сов.* **1.** אָפווישן זיך; 2. *разг.* *(износиться)* אויסרײַבן* זיך

вы́терпе||ть *сов.* **1.** אויסליידן*, אויסשטיין*, אָנליידן* זיך; 2. *разг.* *(сдержаться)* אויסהאלטן*; он не ~л и вскри́кнул ער האָט ניט אויסגעהאלטן און א געשריי געטאָן

вы́тертый *разг.* *(поношенный)* אויסגעריבענער

вы́тесни||ть *сов.*, **вытесня́ть** *несов.* 1. *(заставить уйти)* ארויסשפארן; *воен.* ארויסשטויסן*; 2. *(заменить собой)* ארויסשטויסן*; объём вы́тесненной жи́дкости דער פארנעם פון דער ארויסגעשטויסענער פליסיקייט; теплово́з ~л паровоз דער דיזעל־לאָקאָמאָטיוו האָט ארויסגעשטויסן דעם דאמף־לאָקאָמאָטיוו

вы́течь *сов.* אויסרינען*, ארויסרינען*

вытира́ть(ся) *несов. см.* вы́тереть(ся)

вы́ткать *сов.* אויסוועבן

вы́толкнуть *сов.* ארויסשטויסן*, ארויסשטופן

вы́топить^1 *сов.* *(печь и т. п.)* אויסהייצן

вы́топить^2 *сов.* *(жир и т. п.)* אויסשמעלצן*

вы́топтать *сов.* אויסטאָפטשען, אויסטרעטן*

вы́травить *сов.* 1. *(узор и т. п.)* אויסעצן; 2. *(уничтожить — пятно)* ארויסנעמען*

вы́требовать *сов.* ארויספאָדערן; *(кого-л.; заставить явиться тж.)* באפעלן* (צו) קומען

вытрезви́тель *м* אויסניכטער־פונקט מ ־ן

вытряса́ть *несов.*, **вы́трясти** *сов.* *(платье и т. п.)* אויסטרייסלען, אויסטרעסען; *(пыль и т. п. тж.)* ארויסטרייסלען, ארויסטרעסען

вытря́хивать *несов.*, **вы́тряхнуть** *сов.* *(пыль и т. п.)* אויסטרייסלען, אויסטרעסען, ארויסטרייסלען, ארויסטרעסען

выть *несов.* הײַלן, הוילן; *(о волках тж.)* וואָיען; *(о ветре, сирене)* וואָיען

вытьё *с* געהויל ז; וואָיען ז

вытя́гивать(ся) *несов. см.* вы́тянуть(ся)

вы́тяжка *ж* *фарм.* עקסטראַקט מ ־ן

вытяжн||о́й: ~о́й вентиля́тор אָפצי־ווענטיליאַטאָר מ ־ס; ~о́е кольцо́ *(парашюта)* צי־רינג מ ־ען

вы́тянуть *сов.* 1. אויסציען*, צעציען; ~ про́волоку אויסציען* דעם דראָט; ~ но́ги אויסציען* [אויסגלײַכן*] די פיס; ~ ше́ю אויסציען* [אויסשטרעקן] דעם האלדז; 2. *разг.* *(извлечь)* ארויסציען*, ארויסשלעפן; из него́ сло́ва не вы́тянешь בא אים איז ניט ארויסצורײַסן קיין וואָרט; 3. *(удалить тягой)* אָפציען*; 4. *разг.* *(вытерпеть)* אויסהאלטן*; ◇ ~ (всю) ду́шу, ~ все жи́лы ארויסציען* דעם קליאָק [דעם מארך] פון די ביינער; ~**ся** *сов.*

1. (*растянуться*) או́יסצי́ען* זיך, צעצי́ען* זיך; 2. *разг.* (*вырасти*) געבן* זיך א הייב, טאָן* זיך א רוק, (מיטאמאָ́ל) או́יסוואקסן*; 3. (*выпрямиться*) או́יסצי́ען* זיך, או́יסגלײַכן* זיך; ◇ лицо́ его́ вы́тянулось (*от досады*) ער האָט געמא́כט א זו́יער פּאָ́נעם; (*от удивления*) ער איז געבלי́בן (ווי) געפּלע́פּט

вы́удить *сов.*, **выу́живать** *несов. разг.* או́יספישן; *перен.* (*добыть, узнать у кого-л.*) ארו́יסבאקומען*; או́יסמאָנטאטשען

выу́чивать(ся) *несов. см.* вы́учить(ся)

вы́учить *сов.* 1. (*что-л.*) או́יסלערנען; (*наизусть*) או́יסכאזערן, או́יסלערנען אף או́יסווייניק; 2. (*кого-л.*) או́יסלערנען; **~ся** *сов.* 1. (*дат.*, + *инф.*) או́יסלערנען זיך; ~ся английскому языку́ או́יסלערנען זיך ע́נגליש; ~ся пла́вать או́יסלערנען זיך שווי́מען; 2. (*закончить учёбу*) או́יסלערנען זיך; פארע́נדיקן דאָס לע́רנען [דעם שטודי́ום]

вы́учка *ж* 1. *разг.* (*ученье*) לער װ, טוי́רע װ; 2. (*умение, навыки*) או́יסשולונג װ, דערפא́רונג װ; боева́я ~ מיליטע́רישע או́יסשולונג, שלא́כט־דערפארונג װ

выха́живать *несов. см.* вы́ходить

вы́хватить *сов.*, **выхва́тывать** *несов.* ארו́יסכאפּן; (*у кого-л. тж.*) ארו́יסרײַסן*; ~ *что-л.* из рук ארו́יסרײַסן* [ארו́יסכאפּן] עפּעס (בא עמעצן) פון די הענט; ~ нож ארו́יסכאפּן א מע́סער

выхлопа́тывать *несов. см.* вы́хлопотать

выхлопн||о́й *тех.* או́יסקנאל־, ~ы́е га́зы או́יסקנאל־גאזן מצ.

вы́хлопотать *сов. разг.* או́יסקלאָפּאָטשען; (*для кого-л. тж.*) או́יסשטאדלענען

вы́ход *м* 1. (*действие*) ארו́יסגיין ו, ארו́יסגאנג מ; (*из организации*) ארו́יסטרעטן ו, ארו́יסטריט מ; (*актёра*) או́פטריט מ ־ן; ~ спу́тника на орби́ту דאָס ארו́יסגיין [דאָס ארו́פקומען] פו́נעם ספּו́טניק אף דער אָרבי́טע; 2. (*место выхода*) א(ר)ו́יסגאנג מ (מצ. ··גענג); запа́сный ~ רעזע́רוו־ארויסגאנג מ (מצ. ··גענג); 3. (*из затруднения*) או́יסוועג מ; 4. (*продукции*) באקו́ם מ; ~ зерна́ с гекта́ра דער באקום פון טוו́ע פון (יעדן) העקטא́ר; ◇ дать ~ чу́вствам לאָזן* אנטפלע́קן זיך [לאָזן* רעדן] די געפי́לן; знать все ходы́ и ~ы וויסן* ווּ א טיר עפנט זיך

вы́ходец *м* 1. אָפּשטאמלינג מ ־ען; он ~ из рабо́чей семьи́ ער שטאמט [ער קומט ארו́יס] פון אן א́רבעטער־פאמיליע; 2. (*из страны*) או́יסוואנדערער מ =, אָנגעקומענער מ ··נע

выхо́дит *в знач. ввод. сл. разг.* קומט אויס, הייסט עס; ~, он прав קומט אויס [הייסט עס], (אז) ער איז גערע́כט

вы́ходить *сов.* (*больного*) שטעלן אף די פיס

выходи́ть *несов.* 1. *см.* вы́йти; 2. (*быть обращённым*) ארו́יסגיין*; о́кна выхо́дят в сад די פע́נצטער גייען ארו́יס אין סאָד

вы́ходка *ж* או́יספאל מ ־ן, או́יספראל מ ־ן

выходн||о́й 1.: ~о́й день ארו́יסגאנג־טאָג מ (מצ. ··טעג), א פרײַער טאָג; ~о́е пла́тье ארו́יסגאנג־קלייד ו ־ער; ~о́е посо́бие אָ́פּזאָג־שטיצע װ; געהא́לט־שטיצע װ; ~ы́е да́нные (*книги*) פארלא́ג־אָנגאבן מצ.; 2. *в знач. сущ. м разг.* ארו́יסגאנג־טאָג מ

выхола́щивать *несов. см.* вы́холостить

вы́холенный או́יסגעקעכלטער, או́יסגעפּעסטעטער; (*о волосах и т. п.*) או́יסגעצערטלטער

вы́холостить *сов.* קאסטרי́רן; *перен.* או́יסהוילן, או́יסליידיקן, ארו́יסנעמען* דעם טא́מציס (פון)

вы́хухоль *м* 1. (*животное*) פּי́זעמקאץ װ (מצ. ··קעץ); 2. (*мех*) פּיזעם מ

вы́царапать *сов.*, **выцара́пывать** *несов.* 1. או́יסדראפּען, או́יסגראבלען; 2. *разг.* (*получить с трудом*) ארו́יסרײַסן*

вы́цвести *сов.*, **выцвета́ть** *несов.* אָ́פּבליאקעווען, אָ́פּקריצן*

вычёркивать *несов.*, **вы́черкнуть** *сов.* או́יסשטרײַכן*, או́יסמעקן; ◇ ~ из па́мяти אָפּמעקן [אָפּווישן] פו́נעם זי́קאָרן

вы́черпать *сов.*, **вычёрпывать** *несов.* או́יסשעפּן

вы́чесать *сов.* או́יסקעמען

вы́честь 1. *мат.* אראָ́פּנעמען*; 2. (*удержать*) (אר)אָפּרעכענען

вычёсывать *несов. см.* вы́чесать

вы́чет *м* אראָ́פּרעכענען ו, אראָ́פּרעכענונג װ; ◇ за ~ом ניט רע́כענענדיק, כוץ

вычисле́ние *с* (*действие*) או́יסרעכענען ו; (*результат*) או́יסרעכענונג װ; произвести́ ~ או́יסרעכענען

вычисли́тель *м* 1. (*о человеке*) רע́כנער מ =; 2. (*прибор*) רע́כן־אפּאראט מ ־ן; **~ный** רעכן־; ~ный центр רע́כנצענטער מ ־ס

вы́числить *сов.*, **вычисля́ть** *несов.* או́יסרעכענען

вы́чистить *сов.* או́יסרייניקן; ~ *что-л.* щёткой או́יסבערשטלען עפּעס

вычита́емое *с мат.* מי́נערער מ ־ס

вычита́ние *с* אראָ́פּנעמען ו; *мат.* כי́סער מ

вы́читать *сов.* 1. *разг.* (*читая, узнать*) ארו́יסלייענען, או́יסלייענען; 2. (*рукопись*) או́יסלייענען

вычита́ть *несов. см.* вы́честь

вычи́тывать *несов. см.* вы́читать

вычища́ть *несов. см.* вы́чистить

вы́чурный געצא́צקעטער; (*о почерке*) געדרײ́דלטער, געצו́קטער

вышвы́ривать *несов.*, **вы́швырнуть** *сов. разг.* ארו́יסשלײַדערן, ארו́יסשמיצן

вы́ше (*сравн. ст. от* высо́кий *и* высоко́) 1. העכער; (*ростом тж.*) גרע́סער; 2. *нареч.* מער, הע́כער; де́ти от семи́ лет и ~ קי́נדער פון זיבן יאָר און מער; этажо́м ~ (מיט) א שטאָק הע́כער; 3. *нареч.* (*в тексте*) פרי́ער, אויבן; ~ бы́ло ска́зано פרי́ער [אויבן] איז געווע́זן געזאָגט; 4. *предлог с род. п.* (*вне чего-л.*) או́יסער; (*сверх чего-л.*) אי́בער; ~ подозре́ния או́יסער פארדא́כט; э́то ~ мои́х сил דאָס איז איבער מײַנע קו́יכעס; э́то ~ моего́ понима́ния דאָס קאָן איך ניט פארשטײ́ן [באנע́מען], דאָס פּאָטו́יפעט זיך ניט אין מײַן מו́יעך; быть ~ предрассу́дков שטיין* הע́כער פון פאָ́רורטיילן; 5. *предлог с род. п.* (*вверх по реке*) ארו́יף־צו (נאָך); ~ Астрахани ארו́יף־צו נאָך א́סטראכאן

вышеизло́женн||ый: всё ~ое דאָס או́יבנגעזאָגטע; אלץ, וואָס ס'איז אויבן געזאָגט

вышеприведённый או́יבנגעבראכטער

вышестоя́щий הע́כערשטייענדיקער

вышеука́занный או́יבנאָנגעוויזענער

вышеупомя́нутый או́יבנדערמאָנטער

вышива́льщица *ж* או́יסנייערין װ ־ס; או́יסנייערקע װ ־ס

вышива́ние *с* אויסנייען ז, שטיקן ז, (אויס)העפטן ז

вышива́ть *несов. см.* вы́шить

вы́шивка *ж* אויסגענייי מ, שטיקערײַ װ ־ען, אויסהעפטונג װ ־ען

вышин||а́ *ж* הייך װ; ~о́й в 50 ме́тров פופציק מעטער די הייך; в ~е́ אין דער הייך

вы́шить *сов.* אויסנייען, אויסהעפטן*

вы́шка *ж* 1. טורעם מ ־ס; *(для прыжков в воду)* טוקער־טורעם מ ־ס; наблюда́тельная ~ וואַכטורעם מ ־ס; парашю́тная ~ פאַראשוטיסטן־טורעם מ ־ס; бурова́я ~ בויערונג־טורעם מ ־ס; 2. *(здания)* אייבערשטיבל ז

вы́школить *сов. разг.* אויסשולן, אויסמושטרירן

вы́щипать *сов.*, **выщи́пывать** *несов.* 1. *(изнутри)* אויסקנײַפן*; 2. *(траву и т. п.)* אויסצופן; *(волосы тж.)* אויספליקן; *(перья)*אויספליקן

вы́явить *сов.* 1. *(прояви́ть)* אַרויסווײַזן*; 2. *(обнаружить)* אַנטפלעקן; *(разоблачить)* אופדעקן; **~ся** *сов.* אַרויסווײַזן* זיך, אויסקלאָרן זיך, קלאָר° ווערן*

выявля́ть(ся) *несов. см.* вы́явить(ся)

выясне́ние *с* אויסקלאָרן ז, אויסקלאָרונג װ

вы́яснить *сов.* אויסקלאָרן, קלאָר° מאַכן; **~ся** *сов.* אויסקלאָרן זיך, אַרויסקלערן זיך, קלאָר° ווערן*

выясня́ть(ся) *несов. см.* вы́яснить(ся)

вьетна́м||ец *м* וויעטנאַמער מ =; **~ка** *ж* וויעטנאַמערן װ ־ס; **~ский** וויעטנאַמישער; **~ский** язы́к די וויעטנאַמישע שפראַך, וויעטנאַמיש ז

вью́га *ж* זאַווערוכע װ ־ס; וויוגע װ *разг.*

вьюк *м* לאַסטפאַק מ (מצ. ··פעק)

вьюн *м* 1. *(ры́ба)* שמערל ז ־עך, שמערלינג מ ־ען; 2. *(о челове́ке)* אומרו מ, קוועקזילבער מ; ◇ ви́ться [верте́ться] ~о́м דרייען זיך ווי אַ וויון, ניט קאָנען* אײַנשטיין אף קיין אָרט; ви́ться о́коло *кого́-л.* ~о́м אַרומטאַנצן אַרום עמעצן

вьюно́к *м бот.* שלענדערל ז ־עך

вью́чить *несов.* אָנלאָדן*, באַלאָדן*

вью́чн||ый לאַסט·; ~ое живо́тное לאַסט־באַלכײַ מ (מצ. ··באַלעכאַים)

вью́шка *ж* *(печная)* קוימען־דעקל ז ־עך, פאָקרישקע װ ־ס

вью́щи||йся 1. *(о волосах)* געלאָקטער, געקרײַזלטער; 2. *бот.* קלעטער·; ~еся расте́ния קלעטער־געוויקסן מצ.

вя́жущ||ий 1. *(о вкусе)* טערפקע(ר) *тж. неизм.*; 2. *тех.* צעמענטירנדיקער, בינדנדיקער; ◇ ~ие сре́дства *мед.* אײַנציִענדיקע מיטלען

вяз *м бот.* אולמע װ ־ס

вяза́льн||ый שטריק·; ~ая спи́ца שפיזל ז ־עך; ~ый крючо́к העקל ז ־עך

вяза́льщ||ик *м* שטריקער מ =; *(снопов)* (גאַרבן־)בינדער מ =; **~ица** *ж* שטריקערן װ ־ס; *(снопов)* (גאַרבן־)בינדערן װ ־ס

вяза́ние *с* 1. *(связывание)* בינדן ז; 2. *(спицами)* שטריקן ז, אויסאַרבעטן ז; *(крючком)* העקלען ז

вяза́нка *ж* בינטל ז ־עך; ~ дров אַ בינטל האָלץ; ~ соло́мы אַ קול שטרוי

вя́заный אויסגעאַרבעטער; *(на спицах тж.)* געשטריקטער

вяза́нье *с* שטריקערײַ װ, שטריקעכץ ז

вяза́ть *несов.* 1. *(связывать)* בינדן*; 2. *(спицами)* שטריקן, אויסאַרבעטן; *(крючком)* העקלען; 3. *(быть вяжущим)* זײַן* טערפקע

вяза́ться *несов.* (с *тв.*; *соответствовать*) בינדן* זיך (מיט), שטימען (מיט); с ним э́то ка́к-то не вя́жется דאָס בינדט זיך ניט מיט זײַן כאַראַקטער

вя́зк||а *ж* 1. *(снопов и т. п.)* בינדן ז; 2. *(способ вязанья)* אויסאַרבעטן ז; перча́тки ручно́й ~и האַנטגעאַרבעטע הענטשקעס; 3. *разг.* *(связка чего-л.)* בינטל ז ־עך

вя́зкий 1. *(липкий)* קלייִקער, קלעפיקער; 2. *(топкий)* קנעטיקער, זומפיקער

вя́знуть *несов.* פאַרהרוזנעט ווערן*, זינקען*

вя́леный געדערטער

вя́лить *несов.* דערן

вя́лый 1. *(о листьях и т. п.)* צוגעוועלקטער; *(о фруктах и т. п.)* צוגעפוילטער, צוגעוועלגערטער; 2. *(о мускулах)* שלאַבעריקער; *(о коже)* וועלקנדיקער; 3. *(о движениях человека)* פוילבלעכער; *(о настроении)* גלײַכגילטיקער; *(о человеке)* צעקראָכענער, פאַרשלאָפענער; 4. *(о торговле)* שוואַכער

вя́н||уть *несов.* 1. וועלקן, פאַרוויאַנעט ווערן*; цветы́ ~ут די בלומען וועלקן [ווערן פאַרוויאַנעט]; ◇ у́ши ~ут ס'ווערט ניט־גוט הערנדיק אַזעלכס

Г

га *м* (гекта́р) הא מ (העקטאַר)

габарди́н *м* גאַבאַרדין מ; **~овый** גאַבאַרדינענער

габари́ты *мн.* (*ед.* габари́т *м*) גאַבאַריטן מצ.

га́вань *ж* האַפן מ ־ס

га́га *ж* אײדערגאַנדז װ (מצ. ··גענדז); גאַגע װ ־ס *разг.*

гага́ра *ж* טוקער מ ־ס

гага́чий: ~ пух אײדערפוך מ; גאַגע־פוך מ *разг.*

гад *м* 1. *обычно мн.* רעפטיליעס מצ., שראָצים מצ.; 2. *бран.* שערעץ מ (מצ. שראָצים), מנוול מ (מצ. מענוואָלים)

гада́||лка *ж* טרעפערן װ ־ס, טרעפערקע װ ־ס; *(на картах тж.)* קאָרטנוואַרפערן װ ־ס, קאָרטנוואַרפערקע װ ־ס; **~ние** *с* 1. טרעפן ז; *(на картах тж.)* דאָס וואַרפן קאָרטן; 2. *(предположение)* האַשאָרע װ ־ס; **~тельный** *(предположительный)* האַשאָרעדיקער; *(сомнительный)* מעסופעקדיקער

гада́||ть *несов.* 1. טרעפן*; ~ть *кому-л.* на ка́ртах וואַרפן* קאָרטן עמעצן; 2. *(предполагать)* פרוון טרעפן; ◇ я не ду́мал, не ~л איך האָב זיך גאָר ניט געקאָנט מעשאַער זײַן; ~ть на кофе́йной гу́ще אַרויסזאָגן בויך־סוואָרעס, פאַרנעמען* זיך מיט טרעפענישן

га́дина *ж* 1. *разг.* מיעסקײַט װ ־ן; 2. *бран.* מנוול מ (מצ. מענוואָלים); *(о женщине)* מנווילעס(טע) װ ··סטעס

га́дк||ий פאַסקודנע(ר) *тж. неизм.*, מיעסער, עקלהאַפט(יק)ער; ~ая пого́да אַ פאַסקודנע(ר) וועטער; он мне га́док ס'עקלט מיך פון אים; ◇ ~ий утёнок דאָס שפעטנע ענטל [קאַטשקעלע]

гадли́в||ый: ~ое чу́вство עקל־געפיל ז

га́дост||ь *ж* 1. מיעסקײַט װ ־ן, פאַסקודסטווע װ ־ס; 2.: говори́ть ~и רעדן* מיעסע רייד, רעדן* ניבלפע; де́лать

~н [פּאסקודנע] טאָן* א מיעסע זאך, באגיין* זיך מיעס [מיעסע מעשׂים]

гадю́ка *ж* 1. *зоол.* וויפּער מ ־ס, וויפּערשלאנג וו (מצ. ־ען, ··שלענג) 2. *бран.* א (גיפטיקע) שלאנג

га́ечный: ~ ключ מוטערשליסל מ ־ען, שרויפשליסל מ ־ען

газ¹ *м* 1. גאז מ ־ן; приро́дный ~ נאטוראלער גאז; слезоточи́вый ~ טרער־גאז מ; уду́шливый ~ שטיקגאז מ; углеки́слый ~ קוילנזויער־גאז מ; вы́ключить ~ אויסשליסן* דעם גאז; 2. *мн.* *(кише́чника)* בויכ־גאזן מצ., ווינט מ

газ² *м* *текст.* (זײד)גאזע וו

газе́т||а *ж* צײַטונג וו ־ען; בלאט וו (מצ. בלעטער); ◇ стенна́я ~а וואנטצײַטונג וו ־ען; ~ный צײַטונג(ען)־; ~ная бума́га צײַטונגפּאפּיר ז; ~ный кио́ск צײַטונגען־קיאָסק מ ־ן; ~ный стиль צײַטונגסטיל מ; ~чик *м* 1. *(продаве́ц)* צײַטונגען־פּארקויפער מ =; 2. *разг.* *(сотру́дник газе́ты)* צײַטונג־טוער מ =

газиро́ванн||ый גאזירטער; ~ая вода́ גאזירטע וואסער; סאָדע־וואסער וו

газифи||ка́ция *ж* גאזיפיצירונג וו; **~ци́ровать** *сов. и несов.* גאזיפיצירן

газоаппарату́ра *ж* גאז־אפּאראטור וו

га́зов||ый¹ גאז־; ~ый фонта́н *горн.* גאזפאָנטאן מ ־ען; ~ая плита́ גאזפּליטע וו ־ס; ~ая ка́мера גאזקאמער וו ־ן; ◇ ~ая гангре́на *мед.* גאז־גאנגרענע וו ־ס; ~ая сва́рка *тех.* גאז־שווייסונג וו

га́зовый² *текст.* גאזע־; ~ шарф גאזע־שארף מ ־ן

газогенера́тор *м* *тех.* גאז־גענעראטאָר מ ־ס

газоли́н *м* *тех.* גאזאָלין מ

газо́н *м* גאזאָן מ ־ען

газонепроница́емый גאזפעסטער

газоно́сный *геол.* גאזהאלטיקער, גאזטראָגיקער

газообра́зный *физ.* גאזארטיקער

газопрово́д *м* *тех.* גאזלייטונג וו ־ען

газоубе́жище *с* *воен.* גאז־שוצפּונקט מ ־ן

га́йка *ж* מוטערקע וו ־ס

гаймори́т *м* *мед.* הײמאָריט מ

гала́кт||ика *ж* *астр.* גאלאקטיק וו ־עס; **~и́ческий** גאלאקטישער

галантере́||йный: ~йный магази́н גאלאנטערײ־מאגאזין מ ־ען, גאלאנטערײ־קראָם וו ־ען; צעלניק־קראָם וו ־ען *уст.*; ~я *ж* גאלאנטערײ וו; צעלניק מ *уст.*

гала́нтн||ость *ж* גאלאנטקייט וו; ~ый גאלאנטער; *(о мужчи́не тж.)* דזשענטלמענישער

галдёж *м* *разг.* געפּילדער ז, הארמידער מ

галде́ть *несов.* *разг.* ליארעמען, פּילדערן

галере́я *ж* גאלערײ וו ־ען, גאלעריע וו ־ס; ~ я́рких о́бразов א (גאנצע) גאלערײ פון בולטע געשטאלטן; ◇ карти́нная ~ בילדער־גאלערײ וו ־ען

галёрка *ж* *разг.* גאליאָרקע וו

гале́та *ж* גאלעט וו ־ן

галимать||я́ *ж* *разг.* קוואטש מ, אומזין מ; нести́ ~ю פלוידערן סטאם אין דער וועלט ארײַן

галифе́ *мн.* *нескл.* גאליפע(־הויזן) מצ.

га́лка *ж* דולע וו ־ס, גאלקע וו ־ס

галл *м* *ист.* גאליער מ ־ס; **~ици́зм** *м* *лингв.* גאליציזם מ ־ען

галлюцин||а́ция *ж* האליוצינאציע וו ־ס; **~и́ровать** *несов.* האליוצינירן

галоге́н *м* *хим.* האלאָגען מ ־ען

гало́ид *м* *хим.* האלאָיד מ ־ן

гало́п *м* 1. גאלאָפּ מ, גאלאָפּירונג וו; 2. *(та́нец)* גאלאָפּ(טאנץ) מ, שפּרינגטאנץ מ (מצ. ··טענץ); **~и́ровать** *несов.* גאלאָפּירן; **~ом** *нареч.* אין גאלאָפּ, (ט)שוואליאָם

га́лоч||ка *ж* *разг.* *(поме́тка)* פייגעלע ז ־ך; поста́вить ~у שטעלן א פייגעלע

гало́ши *мн* *(ед.* гало́ша *ж)* קאלאָשן מצ., גאלאָשן מצ.

га́лстук *м* שניפּס מ ־ן; האלדזטוך מ (מצ. ··טיכער); ◇ пионе́рский ~ פּיאָנערישער האלדזטוך

галу́н *м* גאלאָן מ, פּאָזומענט מ

гальваниз||а́ция *ж* *физ.* גאלוואניזירונג וו; **~и́ровать** *несов. и сов.* *физ.* גאלוואניזירן; ◇ ~и́ровать труп גאלוואניזירן [פּרוּוון אופלעבן] דעם מעס

гальвани́ческий *физ.* גאלוואנישער; ~ ток גאלוואנישער שטראָם; ~ элеме́нт גאלוואנישער עלעמענט

гальвано́метр *м* *физ.* גאלוואנאָמעטער מ ־ס

гальванопла́стика *ж* *тех.* גאלוואנאָפּלאסטיק וו

гальваноско́п *м* *физ.* גאלוואנאָסקאָפּ מ ־ן

гальваносте́гия *ж* *тех.* גאלוואנאָסטעגיע וו

га́лька *ж* *собир.* קיזלשטיין מ, קיזלשטיינדלעך מצ.; *(отде́льный ка́мешек)* גלאטשטיינדל ז ־עך; פּוטערשטיינדל ז ־עך *разг.*

гам *м* *разг.* טומל מ, געפּילדער ז

гама́к *м* האמאק מ ־עס

гама́ши *мн.* *(ед.* гама́ша *ж)* קאמאשן מצ.

гамби́т *м* *шахм.* גאמביט מ ־ן

га́мма¹ *ж* *муз. и перен.* גאמע וו ־ס; ~ цвето́в קאָלירן־גאמע וו, פארבן־גאמע וו

га́мма² *ж* *(гре́ческая бу́ква)* גאמא וו; ~-лучи́ *мн.* *физ.* גאמא־שטראלן מצ.

гангре́н||а *ж* *мед.* גאנגרענע וו ־ס; **~о́зный** *мед.* גאנגרענעזער

га́нгстер *м* גאנגסטער מ ־ס

гандбо́л *м* *спорт.* האנטבאָל מ; **~и́ст** *м* האנטבאָליסט מ ־ן; **~и́стка** *ж* האנטבאָליסטקע וו ־ס

ганте́ль *ж* *спорт.* האנטעל וו ־ן

гара́ж *м* גאראזש מ ־ן

гара́нт *м* *юр.* גאראנט מ ־ן, אָרעוו מ (מצ. אָרווים), אָרוועס־מאן מ (מצ. אָרוועס־לײט)

гаранти́йн||ый: ~ый срок גאראנטיע־טערמין מ; ~ое письмо́ גאראנטיע־בריוו מ =

гаранти́рованный גאראנטירטער

гаранти́р||овать *сов. и несов.* 1. גאראנטירן; заво́д ~ует высо́кое ка́чество изде́лий דער זאוואָד גאראנטירט די הויכע° קוואליטעט פון די אויסארבעטונגען; я вам ~ую успе́х איך גאראנטיר אײַך דערפאָלג; 2. *(от род.)* באוואָרענען (פאר); никто́ не ~ован от случа́йностей קיינער איז ניט באוואָרנט פון צופעליקײטן

гара́нти||я *ж* גאראנטיע וו ־ס; ~я безопа́сности грани́ц א גאראנטיע פאר דער זיכערהײט פון די גרענעצן; часы́ продаю́тся с ~ей זייגערס ווערן פארקויפט מיט א גאראנטיע

гардеро́б *м* 1. *(шкаф)* גארדעראָב מ ־ן, קליידער־שאַנק מ ־ען, קליידער־שראנק מ ־ען; 2. *(оде́жда)* קליידער פּע, ס ־ס וו; מאלבושים מצ., גארדעראָב מ; 3. *(помеще́ние)* גאר־

דעראָב־קאמער װ ־ן; **~щик** *м* = גארדעראָב־היטער מ =, גארדעראָבשטשיק מ ־עס; **~щица** *ж* גארדעראָב־היטערן װ ־ס, גארדעראָבשטשיצע װ ־ס

гарди́на *ж* גארדין װ ־ען, פענצטער־פאָרהאנג מ ־ען

гаре́м *м* הארעם מ ־ען

га́рк||ать *несов. разг.* אויסשרײען*, אויסהילכן; *(на кого-л.)* הוקען; **~нуть** *сов. однокр.* א הילך טאָן*; *(на кого-л.)* א הוקע טאָן*

гармо́ника *ж* הארמאָניק װ ־עס; ◇ губна́я ~ ליפּן־הארמאָניק װ ־עס

гармони́ровать *несов.* (с *тв.*) הארמאָנירן (מיט); זײַן* אין אײנקלאנג (מיט)

гармони́ст *м* הארמאָניסט מ ־ן

гармони́ческий, гармони́чный הארמאָנישער; гармони́чные зву́ки הארמאָנישע קלאנגען; гармони́ческие колеба́ния *физ.* הארמאָנישע װאקלונגען

гармо́ния *ж муз.* הארמאָניע װ; *перен. тж.* הארמאָנישקײט װ

гармо́нь *ж см.* гармо́ника

гарнизо́н *м* גארניזאָן מ ־ען; **~ный** גארניזאָן·; **~ная** слу́жба גארניזאָן־דינסט װ

гарни́р *м* גארניר מ ־ן

гарниту́р *м* גארניטור מ ־ן

гарпу́н *м* הארפּון מ ־ען; бить **~о́м** הארפּונירן; **~ёр** *м* הארפּוניאָר מ ־ן

гарт *м полигр.* הארטבלײ ז, דרוקבלײ ז

га́рус *м (пряжа)* גארוס מ ־ן, בלוטשקע װ ־ס; **~ный** בלוטשקענער, גארוסענער

гарцева́ть *несов.* הארצירן, רײטער־בעריעשאפט װײַזן*

гарь *ж* סמאלענע װ; па́хнет **~ю** ס׳שמעקט מיט סמאלענע

гаси́ть *несов.* 1. (פאר)לעשן*; *(электричество, газ)* אויסשליסן*; 2.: ~ долги́ דעקן די כויװעס; ~ почто́вую ма́рку אָפּשטעמפּלען די פּאָסט־מארקע; 3. *тех.* דעמפּן; 4. *спорт.*: ~ мяч אָפּטײטן [לעשן*] די פּילקע; ◇ ~ и́звесть אָפּלעשן* קאלך

га́сну||ть *несов.* 1. פארלאָשן װערן*, אויסלעשן* זיך; *(о свече)* צאנקען; 2. *перен.* אויסגעלאָשן װערן*; *(ча́хнуть)* אויסגײן* װי א ליכט, צאנקען; наде́жды **~т** ס׳רינען אויס די האָפענונגען

гастри́т *м мед.* גאסטריט מ

гастрол||ёр *м* גאסטראָליאָר מ ־ן; **~и́ровать** *несов.* גאסטראָלירן

гастро́л||ь *ж* גאסטראָל װ ־ן; выезжа́ть на **~и** ארויספאָרן* אף גאסטראָלן; **~ьный**: **~ьная** пое́здка גאסטראָל־טורנע מ ־ען; **~ьный** спекта́кль גאסטראָל־ספּעקטאקל מ ־ען

гастроно́м *м* גאסטראָנאָם מ ־ען; **~и́ческий** גאסטראָנאָמישער; **~ия** *ж* גאסטראָנאָמיע װ

гати́ть *несов.* האטיע(װע)ן

гать *ж* האטקע װ ־ס

га́убица *ж воен.* הויביצע װ ־ס, האוביצע װ ־ס

гауптва́хта *ж воен.* הויפּטװאכטע װ ־ס; האופּטװאכטע װ ־ס *разг.*

гашён||ый: **~ая** и́звесть (אָפּ)געלאָשענער קאלך

гвалт *м разг.* ליארעם מ, געפילדער ז

гвард||е́ец *м* גװארדײער מ =; **~е́йский** גװארדיע·; **~е́йская** диви́зия גװארדיע־דיװיזיע װ ־ס

гва́рди||я *ж* גװארדיע װ ־ס; **~и** капита́н גװארדיע־קאפּיטאן מ ־ען; ◇ Кра́сная Гва́рдия *ист.* די רויטע גװארדיע; ста́рая **~я** די אלטע גװארדיע

гвозди́ка¹ *ж (цветок)* נעגעלע ז ־ך, נעגלבלום װ ־ען

гвозди́ка² *ж собир. (пряность)* נעגעלעך מצ.

гвоздь *м* 1. צװאָק מ, טשװאָק מ (מצ. טשװעקעס) (מצ. צװעקעס); сапо́жные гво́зди *(деревянные)* פלעקלעך מצ.; заби́ть ~ פארשלאָגן* א טשװאָק; 2. *перен. разг.*: ~ програ́ммы דער גאלא־נומער פון דער פּראָגראם; ~ сезо́на דער הויכפּונקט [דער צימעס] פונעם סעזאָן; *(о пьесе тж.)* די שלאָג־פּיעסע אינעם סעזאָן

где *нареч.* װוּ; ~ вы живёте? װוּ װוינט איר?; ~ бы то ни́ было װוּ ס׳זאָל ניט זײן; ~ бы он ни́ был װוּ ער זאָל ניט זײן; ◇ ~ ему́..! װי קען ער..!; ניט פאר זײנע קויכעס איז עס..!; ~ уж нам! װי קאָנען מיר גאָר האָבן אזא האסאָגע!

где́-либо *нареч.*, **где́-нибудь** *нареч.* װוּ־ניט־איז, װוּ־עס־איז; мы ~ переночу́ем מיר װעלן װוּ־ניט־איז איבערנעכטיקן

где́-то *нареч.* ערגעץ־װוּ; мы, ка́жется, ~ встреча́лись מיר האָבן זיך, דאכט זיך, ערגעץ באגעגנט

гебраи́||зм *м лингв.* העברעיִזם מ ־ען; **~ст** *м* העברעיִסט מ ־ן, העברעיִש־קענער מ =; **~стика** *ж* העברעיִסטיק װ

гегемо́н *м* העגעמאָן מ ־ען; **~и́зм** *м* העגעמאָניזם מ; **~ия** *ж* העגעמאָניע װ; **~ия** пролетариа́та די העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאריאט

ге́йзер *м* גײזער מ ־ס

гекта́р *м* העקטאר מ ־ן

гекто́граф *м* העקטאָגראף מ ־ן

ге́лий *м* העליום מ

гелиотро́п *м (цветок)* העליאָטראָפּ מ ־ן

гелиоцентри́ческ||ий: **~ая** систе́ма *астр.* די העליאָצענטרישע סיסטעם

гемоглоби́н *м физиол.* העמאָגלאָבין מ

геморро́й *м* העמאָרױ מ; מערידן מצ. *разг.*

ген *м биол.* גען מ ־ען

генеало́гия *ж* גענעאלאָגיע װ

ге́незис *м* גענעזיס מ; *(возникновение тж.)* אנטשטײונג װ

генера́л *м* גענעראל מ ־ן; ~ а́рмии ארמײ־גענעראל מ ־ן; ◇ сва́дебный ~ *шутл.* יכעס־גאסט מ

генера́л-губерна́тор *м* גענעראל־גובערנאטאָר מ ־ס

генерали́ссимус *м* גענעראליסימוס מ ־ן

генералите́т *м собир.* גענעראליטעט מ ־ן; גענעראלן מצ.

генера́л-||лейтена́нт *м* גענעראל־לײטענאנט מ ־ן; **~-майо́р** *м* גענעראל־מאיאָר מ ־ן; **~полко́вник** *м* גענעראל־פּאָלקאָװניק מ ־עס

генера́льн||ый גענעראלער, גענעראל·; **~ый** план גענעראלער פּלאן; **~ая** ли́ния па́ртии די גענעראלע פּארטײ־ליניע; **~ый** секрета́рь גענעראל־סעקרעטאר מ ־ן; ◇ **~ый** штаб גענעראל־שטאב מ ־ן; Генера́льная Ассамбле́я די גענעראלע אסאמבלײ; **~ая** репети́ция די גענעראלע רעפּעטיציע

генера́льск||ий גענעראל·; פון א גענעראל *после сущ.*; **~ие** пого́ны גענעראל־פּאָגאָנעס מצ.; **~ое** зва́ние גענע-

ראַל־טיטל מ, גענעראַל־ראַנג מ, דער טיטל [דער ראַנג] פון א גענעראַל

генера́льша *ж разг.* גענעראַלשע, א גענעראַלס (א) פרוי ‖ ־ס

генера́тор *м* גענעראַטאָר מ ־ס; ~ переме́нного то́ка וועקסלשטראָם־גענעראַטאָר מ ־ס; **~ный** גענעראַטאָר־; ~ный газ גענעראַטאָר־גאַז מ

гене́тик *м* גענעטיקער מ =; **~а** *ж* גענעטיק ‖

генети́ческий גענעטישער

гениа́льн‖ость *ж* געניאַלקייט ‖; געוינישקייט ‖ *уст.* **~ый** געניאַלער; געוינישער *уст.*; ~ый худо́жник א געניאַלער קינסטלער; ~ое произведе́ние א געניאַל ווערק

ге́ний *м* 1. *(о человеке)* געניוס מ ־ן, געני מ ־יעס; גאָען מ (מצ. געוינים) *уст.*; 2. *(гениальность)* זשעני מ *уст.*; ◇ до́брый ~ גוטער מאַלעך; злой ~ בייזער מאַלעך

геноци́д *м* גענאָציד מ ־ן, פעלקער־מאָרד מ ־ן

генштаб *м* (генера́льный штаб) גענעראַל־שטאַב מ ־ן

гео́граф *м* געאָגראַף מ ־ן; **~и́ческий** געאָגראַפישער; ~и́ческая ка́рта א געאָגראַפישע מאַפּע; ~и́ческое положе́ние געאָגראַפישע לאַגע

геогра́фия *ж* געאָגראַפיע ‖ ־ס

геодези́‖ст *м* געאָדעזיסט מ ־ן; **~ческий** געאָדעזישער; ~ческие измере́ния געאָדעזישע מעסטונגען

геоде́зия *ж* געאָדעזיע ‖

гео́лог *м* געאָלאָג מ ־ן; **~и́ческий** געאָלאָגישער

геоло́гия *ж* געאָלאָגיע ‖

геологоразве́д‖ка *ж* געאָלאָגישע אויסשפּירונג [אויספאָרשונג]; **~очный** געאָלאָגיש־אויספאָרשערישער

геометри́ческий געאָמעטרישער

геоме́трия *ж* געאָמעטריע ‖

георги́н *м бот.* געאָרגין ‖ ־ען, געאָרגינע ‖ ־ס

геофи́з‖ика *ж* געאָפיזיק ‖; **~и́ческий** געאָפיזישער; ◇ Междунаро́дный ~и́ческий год דאָס צווישנפעלקערלעכע געאָפיזישע יאָר

геохи́мия *ж* געאָכעמיע ‖, געאָכימיע ‖

гера́нь *ж бот.* געראַניום מ, בושל־שנאַבל מ

герб *м* הערב מ ־ן; госуда́рственный ~ מלוכע־הערב מ ־ן

герба́рий *м* הערבאַריום מ ־ס

гербици́ды *мн.* (*ед.* гербици́д *м*) הערביצידן מצ.

ге́рбов‖ый: ~ая ма́рка א הערבאָווע מאַרקע; ◇ ~ый сбор דער הערבאָווע שטייער

геркуле́с *м* 1. *(силач)* הערקולעס מ ־ן, גוואַר מ ־ן; שמשון־הגיבור מ ־ס; 2. *(крупа)* הערקולעס מ, האָבער־פאַרפל מצ.; **~ов:** ~овы столпы́ די הערקולעס־זיילן

германи́зм *м лингв.* גערמאַניזם מ ־ען

герма́ний *м хим.* גערמאַניום מ

германи́стика *ж* גערמאַניסטיק ‖

герма́нск‖ий 1. *ист., лингв.* גערמאַנישער; ~ие языки́ גערמאַנישע שפּראַכן; 2. *(немецкий)* דייטשישער, דייטשער

гермафроди́т *м* הערמאַפראָדיט מ ־ן; אַנדרויגענעס מ ־ן *уст.*

гермети́ческ‖и *нареч.* הערמעטיש; שטייף; ~и закры́тый הערמעטיש פאַרמאַכטער; **~ий** הערמעטישער; ~ая каби́на *ав.* הערמעטישע קאַבינע

геро́изм *м* העראָיזם מ, העלדישקייט ‖

геро́ика *ж* העראָיק ‖; ~ на́ших дней די העראָיק פון אונדזער צייט

геро́й‖ня *ж* העלדין ‖ ־ס; **~ческий** העראָישער, העלדישער; ~ческий посту́пок העלדנטאַט מ ־ן

геро́й *м* 1. העלד מ ־ן, העראָי מ ־ען; 2. *(действующее лицо)* העלד מ ־ן; ~ рома́на דער העלד פונעם ראָמאַן; ◇ Геро́й Сове́тского Сою́за העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד; Геро́й Социалисти́ческого Труда́ העלד פון סאָציאַליסטישער מי; **~ский** העלדישער, העלדן־; ~ский посту́пок העלדנטאַט מ ־ן; העלדישער טאַט; **~ство** *с* העלדישקייט ‖; *(подвиг тж.)* העלדנטאַט מ ־ן

герц *м физ.* הערץ מ ־ן (*с колич. словами мн.* הערץ)

ге́рцог *м* הערצאָג מ ־ן, ־ס; דוקס מ ־ן; **~и́ня** *ж* הערצאָגין ‖ ־ס

геста́по *с* געסטאַפּאָ ‖; **~вец** *м* געסטאַפּאָוועץ מ (מצ. ־ווצעס)

ге́тман *м ист.* העטמאַן מ ־עס

ге́тры *мн.* (*ед.* ге́тра *ж*) געטרעס מצ.; *(короткие)* קאַמאַשן מצ.

ге́тто *с нескл.* געטאָ ‖ ־ס

гиаци́нт *м бот.* היאַצינט מ ־ן

ги́бель *ж* 1. אונטערגאַנג מ ־ען; *(смерть)* אומקום מ, טויט מ ־ן; э́то грози́т ему́ ~ю דאָס דראָט אים מיט אומקום, דאָס איז פאַר אים טויטגעפערלעך; 2. *разг. (множество)* א יאַם, אַן א שיר, א מענגע, א שלאַל (מיט); грибо́в в лесу́ бы́ло ~! אין וואַלד איז געווען א שלאַל מיט שוואָמען; **~ный** טויטגעפערלעכער; ~ные после́дствия פאַטאַלע פאָלגן

ги́бк‖ий 1. בייג(עווד)יקער; *(о движениях)* עלאַסטישער; *(о теле, фигуре)* בייג(עווד)יקער, עלאַסטישער; 2. *перен.* צופּאַסעוודיקער, עלאַסטישער; *(уступчивый)* נאָכגיביקער; ~ая поли́тика אַן עלאַסטישע פּאָליטיק

ги́бл‖ый *разг.:* ~ое де́ло א האָפענונגסלאָזע זאַך; ~ое ме́сто אַן אָרט אַף אומצוקומען, א (טויט)געפערלעך אָרט

ги́бнуть *несов. (о людях, о животных)* אומקומען*; *(о государствах, о цивилизациях)* אונטערגיין*; *(о ценностях и т. п.)* פאַרפאַלן ווערן*, פאַרניכטעט ווערן*; *(о судне)* אונטערגיין*, גיין* צו גרונט; *(портиться)* גיין* לעיבעד; ~ от болéзней אומקומען* פון שלאַפקייטן

гибри́д *м* היבריד מ ־ן; **~иза́ция** *ж* היברידיזירונג ‖; **~ный** היבריד־; ~ные семена́ היבריד־זוימען מצ.

гига́нт *м* גיגאַנט מ ־ן, ריז מ ־ן; ~ы индустри́и אינדוסטריע־גיגאַנטן מצ., ריזיקע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען; **~ский** ריזיקער, ריזן־; ~ские уси́лия ריזיקע אָנשטרענגונגען; ◇ ~ские шаги́ *спорт.* ריזנטריט מצ.; дви́гаться вперёд ~скими шага́ми באַוועגן זיך פאָרויס מיט ריזנטריט [מיט ריזיקע טריט]

гигие́н‖а *ж* היגיענע ‖; ~а труда́ אַרבעט־היגיענע ‖, היגיענע פון אַרבעט; **~и́ческий** היגיענישער; ~и́ческие пра́вила היגיענישע קלאָלים, די קלאָלים פון היגיענע; **~и́чный** היגיענישער; в ~и́чной упако́вке אין א היגיענישער איינפּאַקונג

гигро́метр *м физ.* היגראָמעטער מ ־ס

гигроско́п *м физ.* היגראָסקאָפּ מ ־ן; **~и́ческий ~и́чный** היגראָסקאָפּישער

гид *м* גיד מ ־ן, עקסקורסאַנטן־פירער מ =

ги́дра *ж* הידרע ‖ ־ס

гидра́вл‖ика *ж* הידרא́ווליק װ; **~и́ческий** הידרא́וולישער; ~и́ческий пресс הידרא́וולישער פּרעס

гидра́т *м хим.* הידרא́ט מ ־ן

затека́ть *несов. см.* зате́чь

зате́м *нареч.* 1. (*потом*) דערנאָ́ך, נאָ́כדעם; ווײַ́טער; 2. (*для того*) צולי́ב דעם; ~ я и прие́хал сюда́ צולי́ב דעם טא́קע בין איך געקו́מען צו פאָרן אהע́ר; ~, чтобы קעדיי צו

затемне́ние *с* 1. פארטו́נקלונג װ; 2. (*маскировка света*) פארטו́נקלונג װ; פארפי́נצטערונג װ; 3. (*затемнённое место*) פארטו́נקלונג װ ־ען, א טו́נקלער פלעק

затемни́ть *сов.* 1. *прям. и перен.* פארטו́נקלען; 2. (*маскировать свет*) פי́נצטער מאכן (אין), פארטו́נקלען; го́род был затемнён די שטאָט איז געווע́ן פארטו́נקלט

за́темно *нареч. разг.* 1. (*до рассвета*) ווען ס'איז נאָך פי́נצטער; 2. (*когда стемнеет*) אין דער נא́כט ארײַן

затемня́ть *несов. см.* затемни́ть

затере́ть *сов.* 1. (*стереть*) אָפּרײַבן*, פארײַבן*; 2. (*сдавить*) פארקווע́טשן, פארדרי́קן; су́дно затёрто льда́ми דאָס אײַז האָט פארדרי́קט [פארקווע́טשט] די שיף; 3. *разг.* (*не дать выдвинуться*) פארײַבן*, לאָזן* הי́נטער זיך

зате́рянный פארלאָ́זענער, פארוואָ́רפענער

затеря́ть *сов. разг.* פארלי́רן*, פארטא́כליעווען; ~ся *сов.* 1. (*потеряться*) פארפא́לן ווערן*, ניט סטײַ́ען; 2. (*пропасть из виду*) פארשווו́נדן [נע́לעם] ווערן*; 3. (*оказаться незаметным среди чего-л.*) פארלי́רן* זיך; в степи́ затеря́лась дереву́шка אין סטעפּ האָט זיך פארלוי́רן א דע́רפעלע

затеса́ться *сов. разг.* פארקרי́כן*, פארקלײַ́בן* זיך

зате́чь *сов.* 1. (*попасть внутрь*) ארײַ́נרינען*; 2. (*распухнуть*) או́פלויפן*, או́פגעשוואָלן ווערן*; 3. (*онеметь*) פארשלאָ́פן ווערן*; нога́ затекла́ ס'איז פארשלאָ́פן געוואָ́רן דער פוס

зате́||я *ж* 1. (*замысел*) אײַ́נפאל מ ־ן, אי́דיי װ ־ען; פלאן מ (מצ. פלע́נער); 2. (*забава*) א קו́נציקער או́פטו; פאָ́קוס מ ־ן; ◇ без ~й אָן צערעמאָ́ניעס, אָן קו́נצן, אָן כאָ́כמעס

зате́ять *сов.* פארפי́רן; ~ спор פארפי́רן א וויקו́עך; ~ игру́ в пря́тки פארטרא́כטן א שפּילן זיך אין באהע́לטערלעך

затирáть *несов. см.* затерéть

затихáть *несов.*, **затíхнуть** *сов.* 1. אנשטי́לט ווערן*, אנשווי́גן ווערן*; (*перестать слышаться*) אופהערן, פארשטי́לט ווערן*; 2. (*прекращаться*) זיך אײַנשטילן, אײַנגעשטילט ווערן*

затíшье *с* 1. (*безветрие*) שטי́לער וועטער, ווי́נט־שטיל װ; 2. (*тишина*) שטי́לקײַט װ; наступи́ло ~ ס׳איז געוואָרן שטיל; 3. (*тихое место*) א שטיל ווי́נקעלע; 4. (*приостановка*) שטי́לשטאנד ם; пóсле бóя наступи́ло ~ נאָך דער שלאכט האָט זיך אײַנגעשטעלט א שטי́לשטאנד

заткнýть *сов.* 1. פארשטע́קן, פארשטאָ́פן; (*пробкой*) פארקאָ́רקעווען; 2. *разг.* (*засунуть*) פארו́קן; ◇ ~ за пóяс *кого-л.* פארשטע́קן עמעצן אין גארטל; ~ рот *кому-л.* עמעצן דאָס מויל [דעם פּיסק] פארשטאָ́פן

затмевáть *несов. см.* затми́ть

затмéние *с* פארטו́נקלונג װ; сóлнечное ~ ליקע־כא́מע װ; лýнное ~ ליקע־לעוואָ́נע װ

затми́ть *сов.* 1. (*заслонить*) פארהוילן, פארטו́נקלען; 2. (*превзойти*) פארשטע́לן, שטעלן אין שאָטן

затó *союз* דערפא́ר (אָבער), אָבער דערי́בער; в э́той кóмнате тéсно, ~ тепло́ אין אָט דעם צי́מער איז ענג, נאָר [אָבער] ווא́רעם

затовáривать *несов.*, **затовáрить** *сов.* פארסכו́ירעווען, לאָזן* פארלע́גן זיך

затолкáть *сов.* 1. (*толкая, поместить*) פארשטו́פן; 2. (*толчками причинить боль*) פארשטו́יסן*

затолкнýть *сов. разг.* פארשטו́פן, פארו́קן

затóн *м* טײַך־אײַנגוס ם ־ן

затонýть *сов.* פארזו́נקען ווערן*, דערטרו́נקען ווערן*

затопи́ть¹ *сов.* (*печь*) אײַנהייצן (אין אויוון, אין הרו́בע)

затопи́ть² *сов.* 1. (*залить*) פארפלייצן, פארטרע́נקען*; 2. (*пустить ко дну*) דערטרי́נקען*

затоптáть *сов.* 1. (*растоптать*) פארטאָ́פטשען, צעטרע́טן* (מיט די פיס); ~ окýрок צעטרע́טן* (מיט די פיס) דאָס ציגא́ר־רעשטל; 2. (*вдавить*) אײַנטאָ́פטשען; ◇ ~ в грязь מאכן מיט דער בלאָ́טע גלײַך

затóр *м* פארשטאָ́פונג װ ־ען; פראָ́בקע װ ־ס *разг.*; (*при сплаве леса*) זאווא́לע װ ־ס; (*при ледоходе*) אײַזוואנט װ (מצ. ··ווענט)

затормози́ть *сов.* 1. פארטאָרמאָזי́רן; 2. *разг.* (*задерживать развитие*) פארהא́לטן*, פארהא́מעווען, פארטאָרמאָזי́רן

затoропи́ться *сов.* אָנהייבן* זיך אײַלן

заточáть *несов. см.* заточи́ть¹

заточéние *с уст.* געפע́נקעניש ז, טפי́סע װ ־ס

заточи́ть¹ *сов. уст.* (*в тюрьму*) אײַנזעצן; (*в монастырь*) פארשפא́רן

заточи́ть² *сов.* (*сделать острым*) אָנשלײַפן*, אָנשארפן; ~ карандáш פארשני́צן דעם בלײַער

затошни́||ть *сов. безл. разг.*: егó ~ло ס׳האָט אים אָנגעהויבן איבלען, ס׳איז אים געוואָ́רן ניט־גו́ט [מלאָ́סנע]

затрави́ть *сов.* פארהע́צן; *перен. разг.* (*человека тж.*) פארוי́דעפן

затрáгивать *несов. см.* затрóнуть

затрáт||а *ж* 1.: ~а средств דאָס אויסגעבן מי́טלען; ~а трудá דאָס אווע́קלייגן מי; 2. *мн.* (*денежные расходы*) הויצאָ́עס מצ.; не жалéть ~ ניט זשא́לעווען קיין געלט, זיך לאָזן* קאָסטן וויפל מע דארף

затрáтить *сов.*, **затрáчивать** *несов.* פא́טערן; ~ труд פא́טערן [אווע́קלייגן] מי; ~ врéмя פא́טערן צײַט; ~ дéньги אויסגעבן* געלט

затрéбовать *сов.* ארו́יספאָדערן; ~ докумéнты ארו́יספאָדערן די דאָקומע́נטן

затрóну||ть *сов.* 1. (*коснуться*) אָנרירן, פארטשע́פען (עטוואָס); *перен.* אָנרירן; пýля ~ла плечó די קויל האָט (עטוואָס) פארטשע́פעט דעם אקסל; ~ть *чьи-л.* интерéсы אָנרירן עמעצנס אינטערע́סן; ~ть *чьё-л.* самолю́бие אָנרירן עמעצנס אייגנליבע; 2. (*вопрос и т. п.*) בארי́רן

затруднéни||е *с* שווע́ריקײַט װ ־ן; (*препятствие*) פארשווע́ריקונג װ ־ען; дéнежные ~я גע́לט־שוועריקײַטן מצ.; быть в ~и זײַן אין א פארלע́גנהײַט, ניט (אָנהייבן* צו) וויסן* וואָס צו טאָן

затрудн||ённый פארשווע́ריקטער; **~и́тельный** שווע́רער; ~и́тельное положéние געע́נגטע לאגע

затрудни́||ть *сов.* 1. (*кого-л.*): вопрóс ~л егó די פרא́גע האָט אים געבראכט אין פארלע́גנהײַט; бою́сь ~ть вас כ׳וויל אײַך ניט מאטרי́עך זײַן; 2. (*что-л.*) שווער מאכן, פארשווע́ריקן; ◇ éсли вас не ~т אויב ס׳וועט אײַך ניט זײַן שווער; **~ться** *сов.* 1. (*испытать затруднение*): он ~лся отвéтить ס׳איז אים שווער געווען [ער האָט ניט געוווּסט ווי] צו ע́נטפערן; 2. (*стать более трудным*) שווע́רער [פארשווע́ריקט] ווערן*

затрудня́ть(ся) *несов. см.* затрудни́ть(ся)

затумáнивать(ся) *несов. см.* затумáнить(ся)

затумáнить *сов.* 1. פארנע́פלען, באצי́ען* ווי מיט א נעפל; (*о слезах тж.*) פארטו́נקלען; 2. (*лишить ясности*) פארנע́פלען, פארטו́נקלען; (*мысль и т. п. тж.*) מאכן מעטו́שטעש; **~ся** *сов.* 1. פארנע́פלט ווערן*, באצו́יגן ווערן* ווי מיט א נעפל; (*о глазах тж.*) פארטו́נקלט ווערן*; 2. (*утратить ясность*) פארנע́פלט, פארטו́נקלט ווערן*

затупи́ть *сов.* שטו́מפיק מאכן, פארשטו́מפיקן; **~ся** *сов.* פארשטו́מפיקט [שטו́מפיק] ווערן*, פארשטו́מפיקן זיך

затухáние *с* 1. (*ослабление*) אָפּשוואכונג װ, פאלן ז; 2. *физ.*, *радио* או́יסלעשונג װ

затухáть *несов.*, **затýхнуть** *сов.* 1. *разг.* (*гаснуть*) או́יסלעשן* זיך; (*идти на убыль*) אָפּגעשוואכט ווערן*, פאלן*; 2. *физ.*, *радио* או́יסלעשן* זיך

затушевáть *сов.*, **затушёвывать** *несов.* פארטושי́רן; *перен. тж.* פארווי́שן, פארשמי́רן

затуши́ть *сов. разг.* פארלע́שן*; *перен. тж.* פארשטי́קן

зáтхлый (*о воздухе и т. п.*) פארדו́מפענער; *перен. тж.* פארשי́מלטער

затыкáть *несов. см.* заткнýть

заты́лок *м* נאקן ם ־ס, געני́ק ם; почесáть ~ א קראַץ טאָן* זיך הי́נטערן אויער; сдви́нуть шáпку на ~ פארו́קן דאָס היטל אהי́נטער־צו

заты́чка *ж разг.* פארשטע́קל ז ־עך, שפונט ם ־ן, פארשטע́קער ם ־ס; (*у бочки*) צאפן ם ־ס; ◇ он ко вся́кой бóчке ~ 1) מע פארשטו́פט מיט אים אלע לע́כער; 2) (*стремится во всём участвовать*) ער איז או́מעטום פול

затя́гивать¹ *несов. см.* затянýть¹

затя́гивать² *несов. см.* затянýть²

затя́гиваться *несов. см.* затянýться

затя́жк||а *ж* 1. (*промедление*) אָפּהאַלט ם; 2. (*при ку-*

рении) צי מ ־ען; папиро́са ему́ на три-четы́ре ~и א פּאפּיראָס קלעקט אים בלויז אף דרײַ־פיר מאָל פארציען זיך

затяжно́й דויערנדיקער, דויערהאפטיקער; ◇ ~ прыжо́к *(с парашю́том)* א פארצויגענער שפּרונג

затяну́||ть¹ *сов.* **1.** *(туго стянуть)* פארציען*, אײַנציען*; ~ть реме́нь פארציען* דעם רימען; ~ть пово́дья צו שטארק אָנציען* די לײצעס; **2.** *(покрыть)* באציען*, באדעקן; не́бо ~ло ту́чами דער הימל איז פארוואָלקנט געוואָרן; **3.** *безл.*: ра́ну ~ло די וווּנד איז פארצויגן געוואָרן; **4.** *(засосать)* פארציען*, פארזויגן*; **5.** *(задержать)* פארציען*; ~ть рабо́ту פארציען* די ארבעט

затяну́ть² *сов.* *(песню)* אָנהײבן* זינגען

затяну́ться *сов.* **1.** *(стянуться)* אײַנציען* זיך; **2.** *(чем-л.; покрыться)* באצויגן ווערן*, באדעקן זיך, באדעקט ווערן*; **3.** *(о ране)* פארצויגן ווערן*; **4.** *(занять больше времени)* פארציען* זיך; **5.** *(при курении)* געבן* א צי

зау́мный איבערגעשפּיצטער, פארשפּיצטער

зауны́вный אומעטיקער, טרויעריקער

зaупря́миться *разг.* אײַנאקשענען זיך, אײַנשפּארן זיך

зауря́дный געווײנלעכער, מיטלמעסיקער, באנאלער

заусе́ница *ж* **1.** *(на пальцах)* זאניטעצע ו ־ס; **2.** *(на металле)* אויסשטארץ מ ־ן; *мн.* שאָרסטקעקײַט ו

зау́ченный אײַנגעכאזערטער; *(о движениях)* צוגעווינטער

зау́чивать *несов.*, **заучи́ть** *сов.* פארלערנען, פארכאזערן; ~ наизу́сть אויסכאזערן (אף אויסווײניק)

зауша́тельск||ий: ~ая кри́тика געמײנע [באלײדיקנדיקע] קריטיק

зафикси́ровать *сов.* פארפיקסירן

заха́живать *несов.* *разг.* אָפט° ארײַנקומען* [ארײַנגײן*]; זײַן* אן אָפטער° ארײַנגײער [גאסט]

захва́ливать *несов.*, **захвали́ть** *сов.* *разг.* איבערלויבן

захва́т *м* פארכאפּן ז

захва́танный אויסגעפּאטשקעטער (פון פיל הענט)

захвата́ть *сов.* *разг.* אויספּאטשקען (מיט פיל הענט)

захвати́||ть *сов.* **1.** *(взять какое-л. количество чего-л.)* פארנעמען*, אָנעמען*; *(крепко зажать)* פארדריקן; **2.** *(взять с собой)* פארכאפּן מיט זיך; ~ть с собо́й *кого-л.*, *что-л.* פארכאפּן מיט זיך עמעצן, עפּעס; **3.** *(завладеть)* פארכאפּן; ~ть власть פארכאפּן די מאכט; **4.** *(увлечь)* פארכאפּן; спекта́кль его́ ~л דער ספּעקטאקל האָט אים פארכאפּט; **5.** *разг.* *(вовремя принять меры)* פארכאפּן; ◇ ~ть *кого-л.* враспло́х פארכאפּן עמעצן אומגעריכט (פאר אים)

захва́тнический פארכאפּערישער

захва́тчик *м* = פארכאפּער מ

захва́тывать¹ *несов.* *см.* захвата́ть

захва́тывать² *несов.* *см.* захвати́ть

захва́тывающ||ий פארכאפּנדיקער, שפּאנענדיקער; ~ее зре́лище א פארכאפּנדיק(שוי)בילד; ~ий рома́н א פארכאפּנדיקער [א שפּאנענדיקער] ראָמאן; с ~им интере́сом מיט געשפּאנטער אויפמערקזאמקײַט

захвора́ть *сов.* *разг.* פארשלאפט ווערן*, קראנק ווערן*

захире́||ть *сов.* **1.** *(о человеке)* אָפּגעשוואכט ווערן*, פארלירן* דאָס געזונט; **2.** *(прийти в упадок)* גײן* צו גרונט; э́тот сад ~л אָט דער סאָד גײט צו גרונט, דער סאָד איז וויסט געוואָרן

захлебну́||ться *сов.* **1.** פארשלוקן זיך, פארכלינען זיך; ~ться кро́вью דערשטיקט ווערן* פון בלוט, פארשלוקן זיך מיט בלוט; **2.** (от *род.*) פארגײן* זיך (פאר); *(от радости)* פארכלינען זיך (פאר); **3.**: ата́ка ~лась די אטאקע האָט זיך אויסגעוועפּט; **4.** *(о моторе и т. п.)* פארהאקן זיך, בלײַבן* שטײן

захлёбываться *несов.* *см.* захлебну́ться

захлестну́ть *сов.*, **захлёстывать** *несов.* **1.** *(веревкой и т. п.)* פארציען*; *(конец веревки)* אריבערווארפן* (און פארציען*); **2.** *(окатить — о воде)* פארשווענקען*; *(залить)* פארגיסן*; *перен.* פארפלײצן

захло́пнуть *сов.* ראש פארמאכן, פארהאקן; ~ дверь ראש פארמאכן די טיר, צוקלאפּן מיט דער טיר; ~ся *сов.* ראש פארמאכן זיך, א קלאפּ טאָן*

захло́пывать(ся) *несов.* *см.* захло́пнуть(ся)

захо́д *м* **1.**: ~ со́лнца זון־פארגאנג מ, זון־אונטערגאנג מ; שקיעה ו *поэт.*; **2.** *(действие)* פארגײן ז, ארײַנגײן ז; ~ в тыл неприя́телю דאָס פארגײן דעם סוינע פון הינטן־ארום; без ~а в га́вань ניט ארײַנגײענדיק אין האפן

заходи́ть *несов.* *см.* зайти́

захолу́ст||ный *(о городке и т. п.)* פארוואָרפענער, אָפּגעלעגענער; ~ье *с* א פארוואָרפן [אן אָפּגעלעגן] ווינקל; העק מ

захоте́||ть *сов.* פארוועלן*; он ~л путеше́ствовать ער האָט פארוואָלט רײַזן; ס'האָט זיך אים פארוואָלט אומרײַזן; ~ться *сов.* *безл.* פארוועלן* זיך

захрома́ть *сов.* *разг.* אָנהײבן* הינקען

захуда́лый **1.** *(незначительный)* נישטיקער; **2.** *уст.* *(разорившийся)* פאראָרעמטער, יאָרדישער

зацвести́¹ *сов.* *(о растениях)* אָנהײבן* בליען, צעבליען זיך

зацвести́² *сов.* **1.** *(о стоячей воде)* פארצוויטעט ווערן*; **2.** *разг.* *(покрыться плесенью)* צוגעשימלט ווערן*

зацвета́ть *несов.* *см.* зацвести́²

зацелова́ть *сов.* *разг.* פארקושן

зацепи́ть *сов.* פארטשעפּען; *(крюком и т. п. тж.)* פארהאָקן; ~ ного́й за ковёр פארטשעפּען מיטן פוס דעם טעפּעך; ~ся *сов.* **1.** פארטשעפּען זיך; **2.** *разг.* *(ухватиться)* אָנכאפּן זיך

заце́пка *ж* *разг.* **1.** *(крючок)* האטשעק מ ־עס, האטשעקל ז ־עך; **2.** *(предлог)* אָנכאפּעניש ז, געלעגנהײַט ו ־ן

зацепля́ть(ся) *несов.* *см.* зацепи́ться

зачасти́||ть *сов.* *разг.* **1.** פאראָפטעט ווערן*; дождь ~л דער רעגן האָט א גאָס געטאָן שטארקער; **2.** *(заговорить быстро)* א שאָט טאָן* מיט רײד; **3.** *(куда-л.)* אָנהײבן* אָפט° ארײַנקומען, ווערן* אן אָפטער° ארײַנגײער [גאסט]

зачасту́ю *нареч.* *разг.* אָפטלעך, גאנץ אָפט

зача́тие *с* פארשוואנגערונג ו

зача́т||ок *м* **1.** *(зародыш)* עמבריאָן מ ־ען; **2.** *обыкн.* *мн.* *перен.* עמבריאָנען מצ., שפּראָצלינגען מצ.; ◇ быть в ~тке זײַן* אין די וויקעלעך, זײַן* אין עמבריאָנעלן צושטאנד

зача́точ||ный עמבריאָנעלער; в ~ом состоя́нии אין עמבריאָנעלן צושטאנד

зача́хнуть *сов.* **1.** *(о человеке)* אײַנגײן*, אײַנגעקווארט ווערן*; **2.** *(о растениях)* פארוועלקט ווערן*, פארוויאנעט ווערן*

заче́м *нареч.* צו וואָס, צוליב וואָס, נאָך וואָס

зачéм-то *нареч.* צוליב עפעס

зачёркивать *несов.*, **зачеркнýть** *сов.* פארשטרײַכן*, פארמעקן

зачерпнýть *сов.*, **зачéрпывать** *несов.* אָנשעפּן, אָנעמען*

зачерствéлый אלטגעבאקענער, פארדארט געוואָרענער

зачерствéть *сов.* 1. *(о хлебе)* אלטגעבאקן [פארדארט] ווערן*; 2. *перен.* פארגרעבט ווערן*, פארשטאָקט ווערן*

зачесáть *сов.* *(волосы)* ארופקעמען, פארקעמען ארוף־ צו־

зачесáться *сов.* *(начать чесаться)* אָנהייבן* קראצן זיך; *(начать зудеть)* אָנהייבן* בײַסן

зачéсть *сов.* פארעכענען; ~ дéсять рублéй в уплáту дóлга פארעכענען די צען רובל אפן כעזשבן פונעם כויוו; ~ студéнту рабóту פארעכענען דעם סטודענט די ארבעט, געבן* דעם סטודענט א זאטשאָט פאר דער ארבעט; ~ся *сов.* פארעכנט ווערן*

зачёсывать *несов. см.* зачесáть

зачёт *м* פארעכענונג װ ־ען; זאטשאָט מ ־ן; готóвиться к ~ам גרייטן זיך צו די פארעכענונגען; получи́ть ~ באקומען* א זאטשאָט; ~**ный:** ~ная кни́жка זאטשאָטן־ביכל ן ־עך; מאטריקול מ ־ן; ~ная рабóта סטודענטישע זאטשאָט־ארבעט װ ־ן

зачинáтель *м* אָנהייבער מ =, איניציאטאָר מ ..טאָרן

зачи́нщик *м* אָנהייבער מ =; *(беспорядков и т. п.)* אופהעצער מ =

зачи́слить *сов.*, **зачисля́ть** *несов.* פארעכענען, צונעמען*; ~ в штат פארעכענען אין שטאט; ~ вне кóнкурса в институ́т פארעכענען [צונעמען*] אין אינסטיטוט אויסערן קאָנקורס

зачитáть *сов.* 1. *(огласить)* פאָרלייענען; 2. *разг.*: ~ кни́гу до дыр צעפּליקן דאָס ביכל (לייענענדיק), מאכן פונעם ביכל טיל־טעל; 3. *разг.* *(не вернуть книгу)* נעמען* אף (איבער)לייענען און ניט אָפּגעבן* צוריק; ~ся *сов.* *разг.* פארלייענען זיך, זײַן* (אינגאנצן) ארײַנגעטאָן אינעם לייענען

зачи́тывать^1 *несов. см.* зачéсть

зачи́тывать^2 *несов. см.* зачитáть

зачи́тываться^1 *несов. см.* зачéсться

зачи́тыва||ться^2 *несов.* 1. *см.* зачитáться; 2.: он ~ется Гóрьким ס׳פארכאפּן אים גאָרקיס ווערק

зашагáть *сов.* א שפּאן טאָן*, לאָזן* זיך שפּאנען

зашевели́ть *сов.* א ריר טאָן*, אָנהייבן* רירן; ~ся *сов.* א ריר טאָן* זיך, אָנהייבן* רירן זיך

зашивáть *несов.*, **заши́ть** *сов.* פארנייען; ~ дырý פארנייען דעם ריס; ~ *что-л.* в мешóк פארנייען עפּעס אין א זאק

зашифровáть *сов.*, **зашифрóвывать** *несов.* פארשיפרירן

зашнуровáть *сов.*, **зашнурóвывать** *несов.* פארשנורעווען

зашпи́ливать *несов.*, **зашпи́лить** *сов.* *разг.* צושפּיליען, פארטשעפּען

заштóпать *сов.* פארצירעווען, פארמערעזשען

защёлка *ж* *разг.* *(задвижка)* ריגל מ ־ען, פארוקער מ ־ס

защёлкивать *несов.*, **защёлкнуть** *сов.* פארמאכן מיט א קנאק; ~ замóк פארשליסן* מיט א קנאק

защеми́ть *сов.*, **защемля́ть** *несов.* פארקלעמען

защи́т||а *ж* 1. *(действие)* פארטיידיקונג װ, באשיצונג װ; ~а отéчества די באשיצונג [די פארטיידיקונג] פונעם פאָטערלאנד; встать на ~у שטעלן זיך צו שוץ; 2. *(защищающее средство)* שוץ װ, באשיצונג װ; ~а от вéтра די באשיצונג [שוץ] קעגן ווינט; 3. *юр.* פארטיידיקונג װ; 4. *спорт.* שוץ װ; 5. *шахм.* פארטיידיקונג װ; ◇ брать *когó-л.* под ~у נעמען* עמעצן אונטער דער שוץ; ~а диссертáции דאָס פארטיידיקן [די פארטיידיקונג פון] א דיסערטאציע

защити́тельн||ый: ~ая речь פארטיידיקונגס־רעדע װ ־ס

защити́ть *сов.* 1. *(от нападения и т. п.)* פארטיידיקן, באשיצן; ~ Рóдину פארטיידיקן דאָס היימלאנד; ~ свои правá פארטיידיקן די (אייגענע) רעכט; 2. *(оберегать)* באשיצן; ~ от хóлода באשיצן פון קעלט; ◇ ~ диссертáцию, диплóм פארטיידיקן די דיסערטאציע, דעם דיפּלאָם; ~ся *сов.* 1. *(от нападения и т, п.)* פארטיידיקן זיך; ~ся от обвинéний פארטיידיקן זיך קעגן באשולדיקונגען; 2. *(предохранять себя)* באשיצן זיך; ~ся от дождя́ באשיצן זיך פונעם רעגן

защищáть *несов.* 1. *см.* защити́ть; 2. *юр.* פארטיידיקן; ~ся *несов. см.* защити́ться

заяви́ть *сов.* מעלדן*, דערקלערן; ~ во всеуслы́шание מעלדן* [דערקלערן] עפנטלעך; он заяви́л, что всё э́то клеветá ער האָט דערקלערט, אז דאָס אלץ איז א בילבל; ~ о соглáсии מעלדן* וועגן האסקאָמע; ~ протéст *(устно)* אויסדריקן א פּראָטעסט; *(письменно)* דערלאנגען א פּראָטעסט; ~ в мили́цию מעלדן* אין מיליציע

зая́вк||а *ж* 1. *(на изобретение и т. п.)* אָנמעלדונג װ ־ען; 2. *(требование)* פאָדערונג װ ־ען; по ~ам радиослýшателей לויט די באקאָשעס פון די ראדיאָ־צוהערער

заявлéние *с* 1. *(высказывание)* דערקלערונג װ ־ען; сдéлать ~ מאכן א דערקלערונג, דערקלערן; 2. *(письменная просьба)* מעלדונג װ ־ען; подáть ~ דערלאנגען א מעלדונג

заявля́ть *несов. см.* заяви́ть

зая́длый *разг.* פארברענטער, הייסער, לײַדנשאפטלעכער; ~ картёжник א פארברענטער קאָרטנשפּילער; ~ спóрщик א הייסער [לײַדנשאפטלעכער] דיספּוטאנט [באל־וויקועך]

зáяц *м* 1. האָז מ ־ן; 2. *разг.* *(безбилетный пассажир)* בלינדער פּאסאזשיר, האָז מ ־ן

зáяч||ий האָזן־, האָזענער; ~ий мех האָזנפוטער מ; ~ьи ýши האָזנע אויערן; ~ья душá א נעשאָמע פון א פּאכדן; ◇ ~ья губá האָזנליפּ װ; א געשפּאָלטענע ליפּ *разг.*; ~ья капýста *бот.* האָזנקרויט ן

звáние *с* טיטל מ ־ען; *(воинское)* ראנג מ ־ען; почётное ~ ערנטיטל מ; учёное ~ וויסנשאפטלעכער טיטל; оправдáть высóкое ~ коммуни́ста בארעכטיקן דעם הויכן נאָמען קאָמוניסט

звáный 1. אײַנגעלאדענער, פארבעטענער, גערופענער; 2.: ~ обéд (א פײַערלעכער) מאָלצײַט, באנקעט מ ־ן

звáтельный: ~ падéж *грам.* וואָקאטיוו מ

звать *несов.* 1. רופן*; ~ на пóмощь רופן* צו הילף; 2. *(приглашать)* אײַנלאדן*, פארבעטן*, רופן*; 3. *(называть)*: её звáли Ни́ной מע האָט זי גערופן נינע, זי האָט געהייסן נינע; как тебя́ зовýт? וויאזוי הייסטו?, ווי(אזוי) רופט מען דיך?; ~ся *несов.* הייסן*; онá звалáсь Ни́ной זי האָט געהייסן נינע, מע האָט זי גערופן נינע

звездá *ж* 1. שטערן מ =; Поля́рная ~ פּאָליאר־שטערן מ; óрден Крáсной Звезды́ דער אָרדן פון רויטן שטערן;

2.: ~ экра́на = קינאָ־סטאר מ, וו קינאָ־שטערן מ; ◇ он звёзд с не́ба не хвата́ет קיין גאָען [גרויסער כאָכעם] איז ער ניט

звёздн||ый 1. ‑שטערן; ~ая ка́рта שטערן־מאפּע וו ־ס; 2. (*покры́тый звёздами*) אויסגעשטערנטער; ~ое не́бо אן אויסגעשטערנטער הימל; ~ая ночь אן אויסגעשטערנטע נאכט; 3. *спорт.*: ~ый пробе́г שטערן־וועטלויף מ; ◇ ~ый час די שטערן־שאָ, דער גרויסער מאָמענט

звёздочка *ж* שטערנדל ז ־עך

звене́ть *несов.* קלינגען*; (*тв.; монетами и т. п.*) קלינגלען; (*о стеклах*) בראזגען

звено́ *с* 1. *прям. и перен.* רינג מ ־ען; ~ в цепи́ א רינג אין דער קייט; низовы́е зве́нья госуда́рственного аппара́та די אונטערשטע רינגען פונעם מלוכע־אפּאראט; 2. (*группа*) גרופּע וו ־ס, רינג מ ־ען; пионе́рское ~ פּיאָנערישער רינג; ~ самолётов א גרופּע פון דרײַ אעראָפּלאנען

звеньев||а́я *ж* רינג־אָנפירערן וו ־ס, רינגלערן וו ־ס; ~о́й *м* = רינג־אָנפירער מ, = רינגלער מ

звере́ть *несов.* ווערן* ווי א ווילדע כײַע; (*приходить в ярость*) ווערן* מאָלע־רעציכע

звери́н||ец *м уст.* מענאזשעריע וו ־ס; זאָאָלאָגישער גאָרטן; ~ый 1. פון א כײַע, פון כײַעס *после сущ.*; ~ая шку́ра א פעל פון א כײַע; 2. *перен.* כײַישער, בעסטיאלישער; ~ая не́нависть א כײַישע [א בעסטיאלע] סינע

зверобо́й *м* (*охотник*) = יאם־יעגער מ

зверoло́в *м* = כײַעס־פאנגער מ

звероподо́бный כײַע־ענלעכער, ענלעכער אף א כײַע

зве́рск||ий כײַישער, בעסטיאלישער; ~ая жесто́кость ווילדע [בעסטיאל(יש)ע] רעציכע; ~ое уби́йство א ראָצכישער מאָרד; ~ий посту́пок א ברוטאלער [א ראָצכישער] טאט

зве́рство *с* 1. (*жестокость*) ראָצכישקייט וו, מערדערישקייט וו, ברוטאלקייט וו, בעסטיאלישקייט וו; 2. *обыкн. мн.* ווילדע רעציכעס, ראָצכישע מעסים

зверь *м* 1. כײַע וו ־ס; хи́щный ~ רויב־כײַע וו ־ס; пушно́й ~ *собир.* פוטער־כײַעס מצ.; 2. (*жестокий человек*) רעצייעך מ (מצ. ראָצכים); א ווילדע כײַע; ◇ смотре́ть зве́рем קוקן בייז [ווילד]

зверьё *с собир. разг.* כײַעס מצ.

звон *м* געקלאנג ז, קלינגערײַ וו; (*монет и т. п.*) קלינגלען ז; (*стекла*) בראזגען ז

звони́ть *несов.* קלינגען*; ~ по телефо́ну קלינגען* אין טעלעפאָן

зво́нк||ий קלינגעוודיקער, קלינגענדיקער; ◇ ~ие согла́сные *лингв.* הילכיקע [שטימיקע] קאָנסאָנאנטן; ~ая моне́та מעטאל־געלט ז, מאטבייעס מצ.; ~ая фра́за הויכקלינגענדיקע ווערטער

звоно́к *м* 1. (*колокольчик*) גלעקל ז ־עך; электри́ческий ~ אן עלעקטריש גלעקל; 2. (*звук*) קלונג מ (מצ. קלינג); разда́лся ~ ס'האָט זיך דערהערט א קלונג, ס'האָט א קלונג געטאָן

звук *м* 1. קלאנג מ ־ען; послы́шался ~ шаго́в ס'האָבן זיך דערהערט טריט; ско́рость ~а די גיכקייט [שנעלקייט] פון קלאנג; 2. *муз.* קלאנג מ, טאָן מ (מצ. טענער); ~и ва́льса וואלס־טענער מצ.; 3. *лингв.*: гла́сный ~ וואָקאל מ ־ן; согла́сный ~ קאָנסאָנאנט מ ־ן; ◇ ~ пусто́й א פּוסטער קלאנג; פּוסטע דיבורים; ни ~а טויט־שטיל, טויבשטיל; (*в ответ*) קיין ענטפער; איין קויל וועיין אוינע *уст.*; без ~а *фам.* אָן שום טײַנעס אומטײַנעס

звуков||о́й ‑קלאנגען, קלאנגלעכער; ~а́я волна́ *физ.* קלאנגען־כוואליע וו ־ס; ~о́й фильм קלאנגענפילם מ ־ען, טאָנפילם מ ־ען; ~ы́е зако́ны *лингв.* פאָנעטישע געזעצן

звукоза́пись *ж* קלאנג־פיקסירונג וו, פאנאָגראפיע וו

звуконепроница́ем||ый קלאנגפעסטער; ~ая ка́мера *косм.* סורדאָקאמער וו ־ן

звукоподража́ние *с* קלאנג־נאָכמאכונג וו, קלאנג־קאָפּירונג וו; *лингв.* אָנאָמאטאָפּייע וו

звукопрово́д||ность *ж физ.* קלאנגדורכפיריקייט וו; ~я́щий קלאנגדורכפיריקער

звукоснима́тель *м* קלאנג־אראָפּנעמער מ ־ס, אדאפּטער מ ־ס

звукоула́вливатель *м* קלאנגפאנגער מ ־ס

звуча́ние *с* 1. קלינגען ז; 2. (*значение, смысл*) באטאָנונג וו; революцио́нное ~ (*художественного произведения*) א רעוואָליוציאָנערע באטאָנונג

звуч||а́ть *несов.* 1. קלינגען*; *перен. тж.* הערן זיך, לאָזן* זיך פילן; её го́лос прия́тно ~и́т איר שטים קלינגט אָנגענעם; в его́ слова́х ~а́ла трево́га אין זײַנע ווערטער האָט זיך געהערט [געלאָזט פילן] אומרו; 2. (*раздаваться, быть слышным*) שאלן, הילכן, לאָזן* זיך הערן; ~а́л смех ס'האָט זיך געלאָזט הערן [ס'האָט געהילכט] א געלעכטער; ~а́т пе́сни ס'שאלן לידער

зву́чн||ость *ж* קלינגעוודיקייט וו; (*оркестра и т. п.*) קלאנגענרײַכקייט וו; ~ый קלינגעוודיקער, קלינגענדיקער; (*о музыкальном инструменте*) ווילקלינגענדיקער, קלאנגענרײַכער

звя́к||ать *несов.* קלינגלען, קלימפּערן; ~нуть *сов. однокр.* א קלינגל טאָן*

зги: не ви́дно ни ~ ס'איז שטאָקפינצטער, א פינצטערניש — כאָטש די אויגן זיך ארויסצונעמען; ס'איז מאמעש וועיאָמעש כוישעך *уст.*

зда́ние *с* געבײַדע וו ־ס; (*каменное тж.*) געמויער ז

здесь *нареч.* דאָ; (*в этом городе*) הי (דאָ); он ~ ער איז דאָ (אפן אָרט); ~ на́до заме́тить דאָ איז קעדײַ צו באמערקן

зде́шн||ий היגער, אָרטיקער; ~ие жи́тели די אָרטיקע [היגע] אײַנוווינער; он не ~ий ער איז ניט קיין היגער, ער איז ניט פון הי

здоро́ваться *несов.* (с *тв.*) גריסן זיך (מיט); (*взаимно*) גריסן זיך (איינער מיטן אנדערן); ~ за́ руку געבן* זיך די הענט

здорове́нный *разг.* 1.: ~ па́рень א יונג מיט ביינער; 2. (*огромный*) גוואלדאָווע(ר) *тж. неизм.*; (*сильный*) דער עמעסער

здорове́ть *несов.* ווערן* געזונט° (און שטארק)

здо́рово *нареч. разг.* 1. (*сильно*) היפּש, גאנץ נישקאָשעדיק; мы ~ проголода́лись מיר האָבן זיך היפּש [גאנץ נישקאָשעדיק] אויסגעהונגערט; 2. (*ловко, хорошо*) גאנץ פײַן; ~ сде́лано! גאנץ פײַן געמאכט!; 3: (вот э́то) ~! אָט דאָס איז א זאך!, אזוי האָב איך ליב!

здоро́во¹ *в знач. сказ. безл.* געזונט°; де́тям ~ спать на све́жем во́здухе פאר קינדער איז געזונט° צו שלאָפן אף דער פרישער לופט

здоро́во² *межд. разг.* (*приветствие*) הא, וואָס מאכט מען?

здоро́в||ый 1. *прям. и перен.* געזונטער°; ~ое се́рдце א געזונט° האַרץ; ~ая кри́тика א געזונטע קריטיק; 2. (*полезный*) געזונטער°, געזונט־נוציקער, נוצלעכער פאַרן געזונט; ~ая пи́ща א געזונטע שפּײַז; 3. *разг.* (*сильный, рослый*) קרעפּטיקער, געזונטער°, היפּשער; ◇ бу́дьте здоро́вы! זײַט געזונט!

здоро́вь||е *с* I געזונט; у него́ несокруши́мое ~е ער איז געזונט אן אײַזן; ходи́ть пешко́м поле́зно для ~я גיין* צופוס איז געזונט; ◇ на ~е! צו געזונט!; זאָל אײַך [דיר] ווויל באַקומען!; как ва́ше ~е? ווי פילט איר זיך (אין געזונט)?

здоровя́к *м разг.* גוואַר מ =, א יונג מיט ביינער

здра́виц||а *ж* וויוואַט מ; (*тост тж.*) לעכאַיים מ; провозгласи́ть ~у в честь *кого-л.* אויסרופן* א וויוואַט [א לעכאַיים] לעקאָוועד עמעצן

здра́вница *ж* קוריר־אַנשטאַלט מ ־ן; *перен.* קוראָרט מ ־ן

здра́во *нареч.* מיט געדאַנק, מיט קלאָרן [געזונטן] פאַרשטאַנד; ~ рассужда́ть דענקען גאַנץ לאָגיש; поступа́ть ~ האַנדלען קלוג°

здравомы́слящий מיט קלאָרן פאַרשטאַנד, מיט גראָדן סייכל *после сущ.*

здравоохране́ни||е *с* געזונט־פאַרהיטונג II; министе́рство ~я דער מיניסטעריום פאַר געזונט־פאַרהיטונג

здра́вств||овать *несов.* לעבן; זײַן* געזונט° און שטאַרק; ◇ да ~ует! זאָל לעבן!; ~ствуй(те)! 1) שאָלעם־אַליכעם!; (*утреннее приветствие*) גוט־מאָרגן!; (*вечернее*) גוטן־אָוונט!; 2) *ирон.* א גוט־מאָרגן אײַך!

здра́в||ый געזונטער°, קלאָרער°; ~ый смысл דער קלאָרער פאַרשטאַנד, סייכל־האַיאָשער מ; он в ~ом уме́ ער איז באַם פולן סייכל [באַם קלאָרן פאַרשטאַנד], בא אַלע געדאַנקען

зе́бра ж זעברע II ־ס

зев *м анат.* שלונג מ

зева́ка *м и ж разг.* גאַפער מ =; ליידיקגייער מ =

зева́||ть *несов.* 1. גענעצן; ~ть от ску́ки גענעצן פאַר נודנעקייט; 2. *разг.* (*глазеть*) גאַפן, גלאָצן; ~ть по сторона́м שטשיר(ענ)ען די אויגן (אין אַלע זײַטן); 3. *разг.*: не ~й! ווייס וואָס דו האָסט צו טאָן!, זײַ ניט קיין פאַרשלאָפענער!

зевну́ть *сов. однокр.* 1. א גענעץ טאָן*; сла́дко ~ א געשמאַקן גענעץ געבן*; 2. *разг. шахм.* אונטערשטעלן

зево́||к *м* גענעץ מ ־ן; ~та *ж* גענעצן I, גענעצערײַ II

зелене́||ть *несов.* 1. (*становиться зелёным*) גרין ווערן*; 2. (*покрываться зеленью*) גרינען; 3. (*виднеться*): вдали́ ~ла ро́ща אינדערווײַטנס האָט זיך געזען א גרין וועלדל; ~ющий גרינענדיקער

зеленщи́к *м* גרינס־הענדלער מ =, גרינס־פאַרקויפער מ =

зелён||ый גרינער; (*изобилующий зеленью*) באַגרינטער; ~ые насажде́ния גרינע פלאַנצונגען מצ., וואַלד־פלאַנצונגען; 2. (*состоящий из зелени*): ~ый корм גראָזפיטער I; ~ые щи גרינס־סופּ מ ־ן; (*из щавеля*) שטשאַוועל־באָרשטש מ; 3. (*неспелый*) גרינער, ניט־צײַטיקער; 4. *разг.* (*неопытный*) גרינער; ~ый юне́ц א יונגער שנעק; ◇ ~ая у́лица *ж.-д.* א גרינע גאַס; дать *чему-л.* ~ую у́лицу געבן* א גרינע גאַס פאַר עפּעס

зе́лень *ж собир.* 1. (*растительность*) גרין־געוועקס I; 2. (*овощи*) גרינסן מצ., גרינוואַרג I

земе́льн||ый 1. ערד·; ~ый уча́сток ערד־כײלעק מ (מצ. ··כאַלאָקים); 2. (*относящийся к землепользованию*) אַגראַרער, ערד·; ~ая рефо́рма אַגראַרע רעפאָרם; ~ая со́бственность ערד־אייגנטום

землевладе́||лец *м* ערדבאַזיצער מ =; ~ние *с* ערדבאַזיץ מ

земледе́||лец *м* ערדאַרבעטער מ =; ~лие *с* ערדאַרבעט II; ~льческий ערדאַרבעטערישער; ~льческие ору́дия ערדאַרבעט־מאַכשירים מצ.

землеко́п *м* ערדגרעבער מ =

землеме́р *м* ערדמעסטער מ =

землепо́льзование *с* ערדבאַנוץ מ

землепрохо́дец *м* לאַנדרײַזנדער מ =, לאַנד־אַנטדעקער מ =

землеро́йн||ый: ~ая маши́на ערד־גראָבמאַשין II ־ען

землесо́с *м* אָפּשלאַמער מ ־ס, אָפּשלאַם־מאַשין II ־ען

землетрясе́ние ערדציטערניש II ־ן

земле||устро́йство *с* ערד־אײַנאָרדענונג II; ~черпа́лка *ж* ערדשעפּער מ ־ס, ערד־שעפּמאַשין II ־ען

земли́стый: у него́ ~ цвет лица́ דאָס פּאָנעם זײַנס איז שוואַרץ ווי די ערד

земл||я́ 1. (З.) (*планета*) ערד II; Луна́ — спу́тник Земли́ די לעוואָנע איז א סאַטעליט פון דער ערד; 2. (*место жизни людей*) ערד II, וועלט II; мир на ~е́ שאָלעם אַף דער וועלט; 3. (*суша*) לאַנד I, יאַבאָשע II; всё говори́ло о бли́зости бе́рега, ~и́ אַלץ האָט געוויזן, אַז ס'איז נאָענט דער ברעג, יאַבאָשע [לאַנד]; 4. (*почва*) באָדן מ, ערד II; плодоро́дная ~я́ פרוכטבאַרער באָדן, פרוכטבאַרע ערד; цели́нные зе́мли רויערדן מצ.; 5. (*поверхность земли*) ערד II; не сиди́ на ~е́! זיץ ניט אַף דער הוילער ערד!; 6. (*страна*) לאַנד I (מצ. לענדער); родна́я ~я́ היימלאַנד I; 7. (*владения*) ערד II ־ן; (*поместье тж.*) נאַכלע II (מצ. נאַכלאָעס); колхо́зная ~я́ קאָלווירטישע ערד

земля́к *м* זעמליאַק מ ־עס, לאַנדסמאַן מ (מצ. לאַנדסלײַט); (*из одного города тж.*) בען־איר מ (מצ. בנײ־איר); мы с ним ~и́ ער איז מיט מיר פון איין געגנט [פון איין שטאָט]

земля́не *мн.* ערד־אײַנוווינער מצ.

земляни́||ка *ж* 1. *собир.* רויטע יאַגעדעס; פּילעניצעס מצ., פּאָזעמקעס מצ.; 2. (*отдельная ягода*) פּילעניצע II ־ס, פּאָזעמקע II ־ס; 3. (*растение*) פּילעניצע־קוסט מ ־ן, פּאָזעמקע־קוסט מ ־ן; ~чный פּילעניצעס·, פּאָזעמקעס·; פון פּילעניצעס, פון פּאָזעמקעס *после сущ.*

земля́нка *ж* ערדשטיבל I ־עך, זעמליאַנקע II ־ס

землян||о́й ערד·; (*сделанный из земли тж.*) ערדענער; ~о́й пол אַן ערדענער דיל; ~ы́е рабо́ты ערד־אַרבעטן מצ.; ◇ ~ы́е оре́хи ערדניס מצ.

земля́чество *с* לאַנדסמאַנשאַפט II ־ן

земля́чка *ж* לאַנדסמאַנקע II ־ס, זעמליאַטשקע II ־ס

земново́дн||ые *мн. зоол.* אַמפיביעס מצ.; ~ый וואַסער־ערדישער; ~ые живо́тные וואַסערערדישע באַלעכאַיים, אַמפיביעס מצ.

земн||о́й 1. ערד·; ~о́й шар ערדקײַלעך מ; ~а́я ось ערד־אַקס II; ~а́я кора́ ערד־קאָרע II, ערד־הײַטל I; 2. (*материальный*) ערדישער; אוילעמהאַזעדיקער; (*чуждый духовных устремлений тж.*) גאַשמיעסדיקער; ~ы́е бла́га ערדישע [אוילעמהאַזעדיקע] טײַנוגים

земснаря́д *м* גרונטזויגשיפל I ־עך

зени́т *м* 1. *астр.* זעניט מ; 2. *перен.*: в ~е сла́вы אין אַפּאָגײ [אין זעניט, אַפן העכסטן שטאַפּל] פון רום

зени́т||ка *ж разг.* זעניטקע II ־ס, זעניט־האַרמאַט מ ־ן;

~ный 1. זעניט־; ~ное расстоя́ние *астр.* זעניט־דיסטאנץ װ; 2.: ~ная артилле́рия זעניט־ארטילעריע װ; **~чик** *м воен.* = זעניטלער מ, זעניטשיק מ ־עס

зени́ц||а *ж:* бере́чь как ~у о́ка היטן* ווי דאָס שווארצאפל פונעם אויג [ווי דאָס אויג אין קאָפ]

зе́ркало *с* 1. שפיגל מ ־ען; *перен.* (*во́дная гладь*) שפיגל־גלאטע אויבערפלאך; 2. (*отображе́ние*) אָפשפיגלונג װ, שפיגל מ; литерату́ра как ~ жи́зни ליטעראטור אלס אן אָפשפיגלונג [א שפיגל] פונעם לעבן

зерка́льн||ый 1. שפיגל־; ~ая мастерска́я שפיגל־ווארשטאט מ ־ן; ~ый шкаф שפיגל־שאפע װ ־ס; 2. (*гла́дкий*) שפיגל־גלאטער; (*блестя́щий*) גלאנציקער; ◇ ~ый карп קיניגקארפ מ ־ן, שפיגלקארפ מ ־ן

зе́ркальце *с* שפיגעלע ז ־ך

зерни́ст||ый קערנערדיקער; גראנולירטער; ◇ ~ая икра́ קערנערדיקער רויג [קאוויאר]

зерн||о́ *с* 1. קערן מ ־ער; ко́фе в зёрнах קערנער־קאָפע װ; 2. *собир.* טוווע װ; ваго́ны ~а́ וואגאָנען (מיט) טוווע; произво́дство ~а́ טוווע־פראָדוקציע װ; 3. (*крупи́нка*) גרײַפעלע ז ־ך; хлорофи́лловые зёрна כלאָראָפיל־גרײַפעלעך מצ.; жемчу́жное ~о́ פערעלע ז ־ך; 4. *перен.* קערן מ, יאָדער מ; рациона́льное ~о́ דער ראציאָנעלער קערן [יאָדער]

зернобобо́в||ый: ~ые культу́ры שויטקולטורן מצ.

зернов||о́й 1. טוווע־; ~ы́е культу́ры טוווע־קולטורן מצ.; ~о́й совхо́з טוווע־ראטווירט מ ־ן; 2. *в знач. сущ. мн.* טוווּעס מצ.; убо́рка ~ы́х דער אראָפנעם פון די טוווּעס

зерно||дроби́лка *ж* קערנער־דרויבלער מ ־ס; **~совхо́з** *м* טוווע־ראטווירט מ ־ן; **~суши́лка** *ж* טוווע־טריקענער מ ־ס; **~убо́рочный** (טוווע־)שניט־; ~убо́рочный комба́йн (טוווע־)שניט־קאָמבײַן מ ־ען; **~храни́лище** *с* טוווע־שפײַכלער מ ־ס

зёрнышко *с* קערנדל ז ־עך; (*я́блока и т. п.*) קערעלע ז ־ך

зефи́р *м* זעפיר מ

зигза́г *м* זיגזאג מ ־ן; הינהערל ז ־עך *разг.*

зигзагообра́зный זיגזאגארטיקער

зи́ждиться *несов.* (на *предл.*) *высок.* זײַן* געבויט (אף), האלטן* זיך (אף), האָבן* אלס יעסאָד

зим||а́ *ж* ווינטער מ ־ס; суро́вая ~а́ א הארבער [בייזער] ווינטער; про́шлой ~о́й פאראיאָרן ווינטער; бу́дущей ~о́й איבעראיאָר ווינטער; к ~е́ ווינטער־צו; (*для зимы*) אף ווינטער

зи́мн||ий ווינטער־, ווינטערדיקער; ~яя оде́жда ווינטערדיקע קליידער [מאלבושים]; ~ий ве́чер ווינטער־אפדערנאכט מ ־ן

зимова́ть *несов.* (איבער)ווינטערן

зимо́вк||а *ж* 1. (*действие*) (איבער)ווינטערונג װ, (איבער)ווינטערן ז; оста́ться на ~у (איבער)ווינטערן בלײַבן*; 2. (*помещение*) ווינטער־שטיבל ז ־עך; (*для поля́рников*) ווינטער־סטאנציע װ ־ס

зимо́вщик *м* = (איבער)ווינטערער מ

зимо́й *нареч.* ווינטערצײַט, (אום) ווינטער

зимосто́йкий קעלטפעסטער

зия́ть *несов.* זײַן* (ברייט) צעעפנט; зия́ла ра́на ס'האָט ארויסגעקוקט א ברייט צעעפנטע ווונד

зия́ющ||ий: ~ая про́пасть אָפענער [צעעפנטער] אָפגרונט; ~ая ра́на אָפענע [ברייט צעעפנטע] ווונד

зла́к||и *мн. бот.* קערנער־געוויקסן מצ.; хле́бные ~и טוווע־געוויקסן מצ.; **~овый:** ~овые расте́ния קערנער־געוויקסן מצ.

зле́йший: ~ враг דער ערגסטער סוינע

злить *несов.* בייזערן, ארײַנברענגען* אין קאס; (*собаку*) רייצן, צעבייזערן; **~ся** *несов.* בייזערן זיך, זײַן* אין קאס

зло^1 *с* 1. (*всё дурное*) שלעכטס ז; плати́ть добро́м за ~ צאָלן (מיט) גוטס פאר שלעכטס; 2. (*беда, неприятность*) בייז ז, שלעכטס ז; ראָע װ; ме́ньшее из зол דאָס מינדסטע בייז; я тебе́ зла не жела́ю איך ווינטש דיר ניט קיין שלעכטס, איך וויל ניט דײַן ראָע; причини́ть *кому-л.* ~ טאָן* עמעצן שלעכטס; 3. (*досада*): ~ берёт ס'נעמט אָן א פארדראָס; со зла פאר פארדראָס, פאר קאס

зло^2 *нареч.* בייז; ~ улыбну́ться בייז א שמייכל טאָן*, געבן* א בייזן שמייכל; судьба́ ~ подшути́ла над ним דער גוירל האָט געטריבן מיט אים א ביטערן שפאס

зло́б||а *ж* קאס מ, סינע װ; пита́ть к *кому-л.* ~у טראָגן* [האָבן*] אף עמעצן א הארץ, זײַן* בייז אף עמעצן; в бесси́льной ~е אין אָנמעכטיקן קאס; ◇ ~а дня טאָג־טעמע װ; на ~у дня אף א ברענענדיקער [צאפלדיקער] טעמע; **~ный** בייזער, רישעסדיקער; ~ный взгляд א בייזער [רישעסדיקער] בליק; ~ный враг א פארביסענער סוינע

злободне́вный ברענענדיקער, אקטועלער, צאפלדיקער

злове́щий שלעכט־סימענדיקער, פכאָדימדיקער

злово́н||ие *с* געשטאנק ז, איפעש מ; **~ный** איפעשדיקער

зловре́дный שעדלעכער; (*о человеке*) בייזוויליקער, רישעסדיקער

злоде́й *м* רעצייעך מ (מצ. ראָצכים), גאזלען מ (מצ. גאזלאָנים); **~ка** *ж* רעצייעכטע װ ־ס, גאזלענטע װ ־ס; **~ский** ראָצכישער, אכזאָרישער; ~ское уби́йство א ראָצכישער [אן אכזאָרישער] מאָרד; **~ство** *с* 1. אכזאָרישקייט װ; 2. (*злодеяние*) רעציכע װ; גאזלעוואָיע װ *разг.*

злодея́ние *с см.* злоде́йство 2

злой 1. שלעכטער°, בייזער; ~ челове́к א שלעכטער° מענטש; зла́я усме́шка א בייזער שמייכל; 2. (*вызванный злобой*) רישעסדיקער, בייזער; ~ у́мысел א רישעסדיקע [בייזע] קאוואָנע; 3. *только кратк. ф. в знач. сказ.* אין קאס, בייז; он зол на меня́ ער איז אין קאס אף מיר; как вы сего́дня злы! א מין בייזער איר זײַט הײַנט!; 4. (*свирепый — о животных*) בייזער; 5. (*приносящий беду*) שלעכטער°, ביטערער; зло́е вре́мя א שלעכטע° [א ביטערע] צײַט; зла́я судьба́ דער ביטערער גוירל; 6. (*причиняющий боль*) שווערער, גרויזאמער, ביטערער; ~ неду́г א שווערע [א ביטערע] קרענק; зла́я казнь א גרויזאמע שטראָף; 7. *разг.* (*очень сильный*) מוירעדיקער, ביטערער; (*едкий*) שארפער; *перен.* (*язвительный*) גאליקער; ~ моро́з א מוירעדיקער [א ביטערער] פראָסט; зла́я горчи́ца שארפער זענעפט; зла́я шу́тка א גאליקער וויץ; ◇ злы́е языки́ בייזע צינגער; злой дух א בייזער גײַסט

злока́чественн||ый *мед.* בייזוואוקסיקער, בייזמיניקער; ~ая о́пухоль קאנצער־געשווילעכץ ז

злоключе́ние *с* א שווערערע פאסירונג

злонаме́ренный בייזוויליקער; (*о человеке тж.*) מיט בייזע [שלעכטע] קאוואָנעס *после сущ.*

злопа́мятный אומפארגיביקער, ~ челове́к אן אומפארגיביקער מענטש, א מענטש, וואָס פארגעסט ניט קיין שלעכטס

злополу́чный אומגליקלעכער, שלימאזלדיקער

злопыха́тель *м* א בייזהאפטיקער [פארביסענער] פאר-

שוין; רעכילעסניק מ ־עס; **~ский** בייזהאפטיקער, רישעסדיקער; **~ство** *с* בייזהאפטיקייט װ, רישעס ז

злора́д||ный שאָדנפריידיקער; **~ство** *с* שאָדנפרייד װ; **~ствовать** *несов.* האָבן* שאָדנפרייד

злосло́ви||е *с* לאָשנהאָרע װ, רעכילעס ז; **~ть** *несов.* רײדן* לאָשנהאָרע, טרײַבן* רעכילעס

зло́стн||ый 1. (*сознательно недобросовестный*) בייזוויליקער; ~ый неплате́льщик א בייזוויליקער ניט־צאָלער; 2. (*исполненный злобы*) רישעסדיקער, בייזוויליקער; ~ые наме́рения בייזוויליקע [רישעסדיקע] קאוואָנעס

злость *ж* קאס מ, רעציכע װ; (*свойство*) בייזקייט װ; его́ ~ берёт ס׳נעמט אים אָן א פארדראָס, ער ווערט שטארק אין קאס

злосча́стный *см.* злополу́чный

злоупотреб||и́ть *сов.* מיסברויכן; ~и́ть дове́рием מיסברויכן מיטן צוטרוי; ~и́ть вла́стью מיסברויכן מיט מאכט; ~и́ть пи́щей איבערכאפּן די מאָס מיטן עסן; **~ле́ние** *с* 1. (*действие*) מיסברויכן ז; 2. (*поступок*) מיסברויך מ ־ן; **~ля́ть** *несов. см.* злоупотреби́ть

злю́ка, злю́чка *разг. м* א בייזער [א פארביסענער] פארשוין; *ж* בייזע װ, מארשאָס װ

змееви́дный שלענגלדיקער

змееви́к *м* 1. (*труба*) שלאַנגענרער װ ־ן; 2. *мин.* שלאַנגענשטיין מ, סערפּענטין מ

змеи́н||ый 1. שלאַנגען; ~ый яд שלאַנגענגיפט מ; 2. *перен.* גיפטיקער; ~ая улы́бка א גיפטיקער שמייכל

змей||ться *несов.* שלענגלען זיך; на его́ губа́х ~лась презри́тельная улы́бка אף זײַנע ליפּן האָט זיך געקרימט א ביטל־שמייכל

змей *м* 1. *фольк.* דראַקאָן מ ־ען, פּיפּערנאָטער מ ־ס; 2. (*бумажный*) פלי־שלאַנג װ ־ען

змея́ *ж* שלאַנג װ (מצ. ־ען, שלענג); ◇ ~ подколо́дная א גיפטיקע שלאַנג

знава́||ть *несов.*: я ~л... איך פלעג קענען..., איך האָב געקענט אמאָל...

знак *м* 1. צייכן מ ־ס, סימען מ (מצ. סימאָנים); (*условное обозначение тж.*) סימוואָל מ ־ן; фабри́чный ~ מארקע װ ־ס; ~ ра́венства *мат.* גלײַכצייכן מ ־ס; ~и внима́ния צייכנס [ארויסווײַזן] פון אויפמערקזאמקייט; дурно́й ~ א שלעכטער° סימען; опознава́тельный ~ דערקען־סימען (מצ. ..סימאָנים); 2. (*сигнал*) סיגנאַל־צייכן מ ־ס; подава́ть ~и געבן* סיגנאַל־צייכנס; ◇ ~и препина́ния אָפּשטעל־צייכנס מצ.; в ~ дру́жбы ווי א סימען [א באַווײַז] פון פרײַנטשאַפט; молча́ние — ~ согла́сия שווײַגן הייסט מאָסקים זײַן

знако́мить *несов.* (с *тв.*) באַקענען (מיט); **~ся** *несов.* (с *тв.*) באַקענען זיך (מיט)

знако́мство *с* 1. באַקאַנטשאַפט װ; ста́рое ~ אן אַלטע° באַקאַנטשאַפט; 2. (*круг знакомых*) באַקענטע מצ., באַקאַנטשאַפט װ; 3. (*наличие знаний*) קענטשאַפט װ, קענטעניש מצ.; ~ с матема́тикой קענטשאַפט [קענטעניש] אין מאטעמאַטיק

знако́м||ый 1. באַקאַנטער; ~ая пе́сня א באַקאַנטע ליד; 2. *обыкн. кратк. ф.* (*дат.*, с *тв.*): ему́ хорошо́ ~а фронтова́я жизнь אים איז גוט° באַקאַנט דאָס פראָנט־לעבן, ער ווייסט גוט° דעם טאַם פונעם פראָנט־לעבן; он хорошо́ ~ с э́той рабо́той ער איז גוט° באַקאַנט מיט דער דאָזיקער אַרבעט, ער איז גוט° באַהאַוונט אין דער דאָזיקער אַרבעט; я с ним давно́ ~ איך בין מיט אים פון לאַנג באַקאַנט; 3. *в знач. сущ. м* באַקאַנטער מ ..טע, באַקענטער מ ..טע

знамена́тел||ь *м мат.* דײַטער מ ־ס; привести́ к о́бщему ~ю אויסגלײַכן* די דײַטערס, רעדוצירן צו איין דײַטער

знамена́тельный 1. מערקווירדיקער, געדענקווירדיקער; 2. *грам.* באַטײַטיקער

зна́мение *с*: ~ вре́мени א צייכן פון דער צײַט

знамени́т||ость *ж* באַרימטקייט װ ־ן; א באַרימטע פּערזענלעכקייט; **~ый** באַרימטער

знаменова́ть *несов.* באַצייכענען

знамено́сец = פאָנענטרעגער מ

зна́м||я *с прям. и перен.* פאָן װ ־ען; кра́сное ~я די רויטע פאָן; ◇ высоко́ держа́ть ~я *чего-л.* הויך האַלטן* די פאָן פון עפּעס; под ~енем *чего-л.* אונטער דער פאָן פון עפּעס

зна́ни||е *с* 1. וויסן ז, קענען ז; ~е зако́нов разви́тия דאָס וויסן די אַנטוויקלונגס־געזעצן; ~е языка́ דאָס קענען די שפּראַך; со ~ем де́ла פאַכמענעריש, מיט בקיעס; 2. *мн. ч.* קענטענישן מצ.; приобрести́ ~я דעראָבערן קענטענישן

зна́тн||ый 1. (*выдающийся*) אָנגעזעענער; ~ые лю́ди на́шей страны́ די כאָשעווע [אָנגעזעענע] מענטשן פון אונדזער לאַנד; ~ый шахтёр אן אָנגעזעענער שאַכטיאָר; 2. *уст.* אַדלשטאַמיקער; (*о роде*) אַדעליקער

знато́к *м* = קענער מ, באָקי מ (מצ. בקיים); ~ своего́ де́ла א באָקי אין זײַן פאַך

знать^1 *несов.* 1. (*иметь сведения*) וויסן*; он зна́ет всё ער ווייס(ט) אַלץ(דינג); он знал о моём прие́зде ער האָט געוווּסט, אַז איך בין געקומען צו פאָרן; не зна́ю, где́ он איך ווייס ניט, וווּ ער איז; 2. (*обладать знаниями*) וויסן*, קענען*; ~ иностра́нные языки́ קענען אויסלענדישע שפּראַכן; 3. (*быть знакомым с кем-л.*) קענען*, זײַן* באַקאַנט (מיט); я хорошо́ его́ знал איך האָב אים גוט° געקענט; 4. (*испытывать что-л.*) וויסן* (פון), פּאַרזוכן [פּילן] דעם טעם (פון); она́ не зна́ла го́ря זי האָט ניט געוווּסט [ניט פּאַרזוכט דעם טעם׳ ניט געפילט דעם טעם] פון (קיין) צאָרעס; 5. (*признавать*): ~ ничего́ не хочу́ איך וויל פון גאָרניט וויסן; ◇ ~ ме́ру וויסן* א מאָס; кто его́ зна́ет! ווער קען עס וויסן!; ~ толк в *чём-л.* זײַן* א מיווין אף עפּעס, זײַן* באַהאַוונט אין עפּעס, פאַרשטיין* זיך אף עפּעס; ~ це́ну *чему-л.* וויסן* די ווערט פון עפּעס

знать^2 *ж* אַריסטאָקראַטיע װ

знать^3 *вводн. сл. разг.* זעט אויס; מאַשמאָעס

зна́ться *несов.* (с *тв.*) *разг.* קענען* זיך (מיט), פירן באַקאַנטשאַפט (מיט), האָבן* א מאַגע־אומאָסע (מיט)

зна́хар||ь *м* זנאַכער מ ־ס, = טרעפער מ; **~ка** *ж* זנאַכערן װ ־ס, זנאַכערקע װ ־ס, טרעפערן װ ־ס

значе́ни||е *с* 1. (*смысл*) באַטײַט מ ־ן; 2. (*важность*) באַדײַט מ, באַדײַטונג װ, באַטרעף מ; э́то име́ет большо́е ~е דאָס איז פון [דאָס האָט א] גרויסן° באַדײַט; я не придаю́ э́тому ~я איך גיב דעם ניט צו קיין באַדײַט, איך האַלט עס ניט פאַר וויכטיק; э́то не име́ет ~я דאָס איז ניט וויכטיק, דאָס האָט קיין באַטרעף ניט; ~е воспита́ния דער באַדײַט פון דערציִונג

зна́чим||ость *ж* 1. (*слова и т. п.*) באַטײַטלעכקייט װ; 2. (*важность, значительность*) באַדײַטיקייט װ, וויכטיקייט װ; **~ый** 1. (*о словах и т. п.*) באַטײַטלעכער; 2. (*важный*) באַדײַטנדיקער, וויכטיקער

зна́чит *вводн. сл. разг.* הייסט עס, מאשמאָעס; ~, вы уже́ слыха́ли? איר האָט, הייסט עס, שוין געהערט!; מאשמאָעס, איר האָט שוין געהערט!; ~, не пойдёшь? וועסט ניט גיין, הייסט עס!

значи́тельн||ость *ж* 1. (*важность*) באדײַטפולקײַט װ; 2. (*величина*) היפשקײַט װ; **~ый** 1. (*большой*) גרויסער°, היפשער; в ~ой ме́ре אין א באדײַטנדיקער [היפשער, גרויסער°] מאָס; 2. (*важный*) וויכטיקער, באדײַטנדיקער; ~ое собы́тие א גאָר וויכטיקע [א באדײַטנדיקע] געשעעניש; 3. (*выразительный*) באדײַטפולער

зна́ч||ить *несов.* 1. (*означать*) באטײַטן, הייסן*, מיינען; что э́то ~ит? וואָס הייסט עס?, וואָס זאָל עס באטײַטן?; э́то ещё не ~ит, что... דאָס הייסט [מיינט] נאָך ניט, אז…; э́то что́-нибудь да ~ит! דאָס האָט דאָך עפעס א ווערט!; э́то ещё ничего́ не ~ит דאָס איז נאָך א קלײנער באווײַז, דאָס איז נאָך קיין רײַע ניט; 2. (*быть существенным, иметь значе́ние*) האָבן* א ווערט [א באדײַט]; мно́го ~ить האָבן* א גרויסע° ווערט, זײַן* וויכטיק, באדײַטן פיל; **~иться** *несов.* רעכענען זיך, פארעכנט זײַן*; он ~ится в о́тпуске ער רעכנט זיך אין אורלויב; он ~ится в спи́ске ער איז פארעכנט [ער שטייט, ער פיגורירט] אין צעטל

значо́к *м* 1. (*нагрудный и т. п.*) צייכן מ ־ס, זשעטאָן מ ־ען; עמבלעם װ ־ען; комсомо́льский ~ קאָמיוגישער צייכן; 2. (*пометка*) צייכנדל ז ־עך

зна́ющий קאָמפעטענטער; ~ челове́к א מענטש מיט וויסן [מיט (גרויסע°) קענטענישן]

зноб||и́ть *несов. безл.*: его́ ~и́т ער פיבערט, עס ווארפט אים אין היץ און אין קעלט

зной *м* א ברענענדיקע היץ, כמימע װ; **~ный** שטארק [זייער] הייסער; (*о солнце*) ברענענדיקער, סאָרפעדיקער

зоб *м* 1. (*у птицы*) וואָליע װ; 2. (*болезнь*) גוידער מ, קראָפ מ; זאָב מ *разг.*

зов *м* רוף מ

зодиа́к *м астр.* זאָדיאק מ; ◇ зна́ки ~а זאָדיאק־צייכנס מצ.; מאזאָלעס *уст.*

зо́дч||ество *с* ארכיטעקטור װ, בויקונסט װ; **~ий** *м* ארכיטעקטאָר מ ..טאָרן, בוימײַסטער מ ־ס

зола́ *ж* אש ז

золо́вка *ж* שוועגערן װ ־ס (דעם מאנס שוועסטער)

золоти́ст||ый גאָלדיקער, גאָלדפארביקער, גאָלדקאָליריקער; ~ая рожь דאָס גאָלדזאנגיקע קאָרן

золоти́ть *несов.* אָפגילטן, באגילטן; *перен.* (*о солнце и т. п.*) באגילדן

золотни́к *м тех.* זאָלאָטניק מ ־עס, שיבער מ ־ס

зо́лото *с* גאָלד ז; листово́е ~ בלאטגאָלד ז; ◇ не всё то ~, что блести́т ניט אלץ, וואָס גלאנצט, איז גאָלד (אשטײגער, א פליך) *шутл.*

золотоиска́тель *м* = גאָלדזוכער מ

золот||о́й 1. גאָלד־; (*сделанный из золота*) גאָלדענער, גילדענער; ~а́я валю́та גאָלד־וואליוטע װ; ~ы́е часы́ א גאָלדענער [א גילדענער] זייגער; 2. (*о цвете*) גינגאָלדענער, גאָלדענער; ~ы́е ку́дри גאָלדענע לאָקן; ~о́й луч א גינגאָלדענער שטראל; 3. (*прекрасный*) גאָלדענער; ~о́е се́рдце א גאָלדן הארץ; ~о́й рабо́тник א גאָלדענער ארבעטער; 4. *в знач. сущ. м* רענדל ז ־עך; טשערוואָנעץ מ ..נצעס; ◇ ~о́й век די גאָלדענע טקופע; ~а́я о́сень דער גאָלדענער הארבסט; ~а́я пора́ א געבענטשטע [א גאָלדענע] צײַט; ~ы́е ру́ки גאָלדענע [געבענטשטע] הענט; ~а́я середи́на דער גאָלדענער מיטן; ~ы́х дел ма́стер *уст.* גאָלדשמיד מ ־ן

золотоно́сный גאָלדהאלטיקער, גאָלדרײַכער; ~ песо́к גאָלדזאמד מ

золотопромы́шленн||ик *м* = גאָלדגרובן־אײגנטימער מ; **~ость** *ж* גאָלד־אינדוסטריע װ

золоту́||ха *ж разг.* שקראָפל מ, זאָלאָטוכע װ; **~шный** *разг.* שקראָפלדיקער

золочёный געגילטער

зо́лушка *ж* זאָלושקע װ, אש־טעכטערל ז

зо́льник *м тех.* אשהאלטער מ ־ס

зо́на *ж* זאָנע װ ־ס; ~, свобо́дная от я́дерного вооруже́ния א זאָנע, א פרײַע פון נוקלעארן וואָפן

зона́льный זאָנאלער

зонд *м* זאָנד מ; **~и́ровать** *несов.* זאָנדירן; ◇ ~и́ровать по́чву זאָנדירן דעם באָדן

зонт *м* 1. *см.* зо́нтик; 2. (*навес*) זאָנט מ ־ן; אָפדאך מ ־ן

зо́нтик *м* זאָנטיק מ ־עס; שירעם מ ־ס *уст.*

зоо́лог *м* זאָאָלאָג מ ־ן; **~и́ческий** זאָאָלאָגישער; *перен. тж.* בעסטיאל(יש)ער

зооло́гия *ж* זאָאָלאָגיע װ

зоопа́рк *м* זאָאָפארק מ ־ן

зоотéхн||ик *м* = זאָאָטעכניקער מ; **~и́ческий** זאָאָטעכנישער

зо́ркий 1. (*хорошо видящий*) שארפזעעוודיקער; מיט א שארפער ריע *после сущ.*; ~ глаз א שארף אויג, א שארפע ריע; 2. (*прозорливый*) שארפזיכטיקער; ~ взгляд דורכדרינגענדיקער בליק

зрачо́к *м* שווארצאפל ז ־ען

зре́лищ||е *с* 1. (שוי)בילד ז ־ער; 2. (*представление*) שוישפיל װ ־ן; **~ный** שוישפיל־; ~ное иску́сство שוישפיל־קונסט װ; ~ные предприя́тия שוישפיל־אונטערנעמונגען מצ.

зре́л||ость *ж* 1. (*спелость*) צײַטיקײַט װ, רײַפקײַט װ; 2. (*полное развитие организма*) דער רײַפער עלטער, רײַפקײַט װ; 3. *перен.* רײַפקײַט װ; **~ый** 1. (*спелый*) צײַטיקער, רײַפער; 2. (*о человеке*) רײַפער; в ~ом во́зрасте אין רײַפן עלטער; 3. *перен.* רײַפער; ~ый ма́стер א רײַפער מײַסטער; ~ые мы́сли רײַפע געדאנקען; ~ое реше́ние א (גוט°) דורכגעטראכטער באשלוס; по ~ом размышле́нии я реши́л... נאָכדעם ווי איך האָב זיך גוט° באקלערט, האָב איך באשלאָסן…

зре́ни||е *с* ריע װ; о́рган ~я זע־אָרגאן מ; ◇ по́ле ~я זע־פעלד ז; *перен.* זע־קרײַז מ; то́чка ~я שטאנדפונקט מ

зреть *несов.* 1. (*созревать*) רײַפן, צײַטיקן, צײַטיק [רײַף] ווערן*; 2. *перен.* רײַפן

зри́тель *м* 1. = צוזעער מ; 2. (*в театре, в кино и т. п.*) = צושויער מ; **~ный** 1. זע־; ~ная па́мять זע־זיקאָרן מ; 2.: ~ный зал צושויער־זאל מ ־ן

зря *нареч. разг.* אומזיסט; ~ тра́тить де́ньги אומזיסט פאטערן געלט; ~ ты э́то зате́ял האָסט ניט געדארפט דערמיט אָנהייבן זיך, אומזיסט און אומנישט האָסטו פארטראכט אזעלעכס

зря́чий 1. זעענדיקער; 2. *в знач. сущ. м* זעענדיקער מ ..קע

зуб *м* 1. (*мн.* зу́бы) צאָן מ (מצ. ציין, צײנער); 2. (*мн.* зу́бья; *пилы́ и т. п.*) צײנדל ז ־עך; (*вил*) שפיץ מ

־ן; ◇ молóчные ~ы מילכציין מצ.; не по чьим-л. ~áм 1) צו הארט, ניט פאר עמעצנס ציין; 2) (не по силам) ניט אײַנצובײַסן; имéть ~ прóтив кого-л. האָבן* אף עמעצן א הארץ; класть ~ы на пóлку אוועקלייגן די ציין אף די באַנטענעס [אף דער פּאָליצע]; у меня́ ~ нá ~ не попадáет סע קלאַפּט מיר א צאָן אין א צאָן; ни в ~ (толкнýть) ניט אָנהייבן* צו וויסן [פאַרשטיין]

зубáстый 1. *разг.* (שאַרפ)ציינערדיקער; מיט שאַרפע ציינער *после сущ.*; 2. *перен.* כוצפּעדיקער; מיט א שאַרף צינגל *после сущ.*

зубéц *м* 1. *(пилы́ и т. п.)* ציינדל ז ־עך; 2. *обыкн. мн. (стены́)* פאַרשפּיצונגען מצ., ציינדלונג וו

зуби́ло *с* זובילע וו ־ס; *(для обработки металла тж.)* קריצמעסטל ז ־עך; *(для обработки камня)* שטיין־דאָלעטע וו ־ס

зубн||óй 1. ציין־, צאָן־; ~óй нерв צאָן־נערוו מ ־ן; ~áя боль ציינווייטיק מ; ~óй порошóк ציינפּודער מ; ציינפּראָשעק מ *разг.*; ~óй врач ציין־דאָקטער מ (מצ. ··דאָקטוירים); ~áя щётка ציין־בערשטעלע ז ־ך; 2. *лингв.* צאָניקער, דענטאַלער

зубоврачéбный ציין־; ~ кабинéт ציין־קאַבינעט מ ־ן

зуболечéбница *ж* ציין־קליניק וו ־עס

зубоскáл *м разг.* = לעץ מ (מצ. לייצים), אָפּשפּעטער מ; **~ить** *несов. разг.* אָפּשפּעטן, (אָפּ)לעצעווען

зубочи́стка *ж* ציינשטעכער מ ־ס

зубр *м* 1. *зоол.* זובער מ ··ברען, ווילדאָקס מ ־ן; 2. *(крайний реакционер)* וואָלף מ (מצ. וועלף), טיגער מ ־ס, ווילדע כײַע

зубрёжка *ж разг.* זוברעווען ז

зубри́ть *несов. разг.* זוברעווען

зубчáт||ый געציינדלטער; ~ое колесó *тех.* צאָנראָד וו (מצ. ··רעדער)

зуд *м* 1. בײַסעניש ז; 2. *перен. разг.* גענדזלעניש ז, יעיצערהאָרע מ; орáторский ~ רעדנער־יעיצערהאָרע מ

зуд||éть *несов.* 1. בײַסן*; спинá ~и́т ס'בײַסט אין רוקן; 2.: у негó язы́к ~éл сообщи́ть об э́том ס'האָט אים געגענדזלט צו דערציילן וועגן דעם

зы́бкий וואַקלדיקער, ניט־זיכערער; *(неясный)* אומקלאָרער

зыбь *ж* געוויג ז

зы́чный: ~ гóлос א הילכיקע [א דונערנדיקע] שטים

зюйд *м мор.* זיד מ; *(ветер тж.)* דאָרעם־ווינט מ ־ן, זיד־ווינט מ ־ן

зя́бкий *разг.* וואָס האָט מוירע פאַר קעלט *после сущ.*; уж óчень он ~ ער איז א פאַרפרוירענע נעשאָמע

зя́блик *м* פינק מ ־ען; זיאַבליק מ ־עס *разг.*

зять *м* 1. *(муж дочери)* איידעם מ ־ס; 2. *(муж сестры)* שוואָגער מ ־ס

И

и^1 *союз* 1. *(соединительный)* און; поля́ и лесá פעלדער און וועלדער; дождь прошёл, и мы отпрáвились гуля́ть דער רעגן איז איבערגעגאַנגען, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין שפּאַצירן; пóезд мчáлся всё быстрéе и быстрéе דער צוג האָט געיאָגט אלץ גיכער און גיכער [שנעלער און שנעלער]; стар и млад קינד־און־קייט, אלט און יונג; 2. *(при перечислении — с повторением союза)* אי, סײַ; *(без повторения союза)* און; все ужé спáли: и хозя́ева, и их дéти, и гóсти אלע זײַנען שוין געשלאָפן: סײַ די באַלעבאַטים, סײַ זייערע קינדער, סײַ די געסט; и бóльно, и досáдно ס'איז אי א ווייטיק, אי א פאַרדראָס; в магази́н привезли́ свéжие фрýкты: ви́шни, грýши, я́блоки и сли́вы אין מאַגאַזין האָט מען געבראַכט צו פירן פרישע פרוכטן: ווײַנשל, בארן, עפּל און פלוימען; 3. *(усилительный)* און···(גאָר); и как э́то тебé пришлó в гóлову און ווי איז עס דיר (גאָר) געקומען אפן סייכל!; 4. *(уступительный) часто не переводится:* и хóчется поéхать, да врéмени нет עס ווילט זיך (טאַקע) פאָרן, נאָר ס'איז ניטאָ ווען; 5. *(именно)* טאַקע···דאָך; вот об э́том я и говори́л אָט וועגן דעם טאַקע האָב איך דאָך גערעדט

и^2 *частица* 1. *(усилительная) обычно не переводится:* и какóй ты удáчливый! א מין בארמאַזל דו ביסט!; 2. *(тоже)* אויך; и я пойдý с вáми איך וועל אויך גיין מיט אײַך; 3. *(даже)* אפילע; он и не дýмал ходи́ть тудá ער האָט אפילע ניט געטראַכט גיין אהינצו

и́бо *союз* וואָרעם, ווײַל (דערפאַר)

и́ва *ж* ווערבע וו ־ס, איווע וו ־ס; плакýчая ~ טרויער־ווערבע וו ־ס

ивáн-да-мáрья *ж бот.* ברודערל־שוועסטערל ז

и́вовы||й ווערבן־; ~е прýтья ווערבן־ריטער מצ.

и́волга *ж* גאָלד־דראָסל וו ־ען; איוועלע ז

иври́т *м* איווריט ז

иглá *ж* 1. נאָדל וו ־ען; швéйная ~ נאָדל וו ־ען; вязáльная ~ שפּיזל ז ־עך; и́глы éли יאָדלע־נאָדלען מצ.; 2. *(у ежа и т. п.)* שטעכנאָדל וו ־ען

иглокóжие *мн. зоол.* שטעכלהויטיקע מצ., נאָדלהויטיקע מצ., שטעכלהויטיקע [נאָדלהויטיקע] באַלעכאַיים

игнори́ровать *сов. и несов.* איגנאָרירן; *(пренебрегать тж.)* ניט נעמען* אין אכט, פאַרזען*

и́го *с* יאָך מ

игóлка *ж* נאָדל וו ־ען; ◇ сидéть как на ~х זיצן* (ווי) אף שפּילקעס

игóлочк||а *ж уменьш.* נאָדעלע ז ־ך; ◇ с ~и *(о новом платье)* נאָרוואָס פון דער נאָדל ארויס; одéт с ~и אויסגעפּוצט טשאַקנדיק און קנאַקנדיק

игóльн||ый נאָדל־; ~ое ушкó דאָס לעכל פון א נאָדל

игóрный: ~ дом (אזאַרט־)שפּילן־הויז ז (מצ. ··הײַזער)

интри́га *ж* **1.** אינטריגע וו ־ס; *мн.* (*происки тж.*) הינטערגענג מצ., הינטערשפיצלעך מצ.; 2. *лит.* אינטריגע וו, סיפער־האמײַסע מ

интригáн *м* אינטריגאנט מ ־ן; ~ка *ж* אינטריגאנטקע וו ־ס; ~ство *с* אינטריג(אנ)ערײַ וו

интриговáть *несов.* **1.** אינטריגירן; 2. (прóтив *род.*) פירן אינטריגעס (קעגן)

интродýкция *ж муз.* אינטראָדוקציע וו

инту||ити́вный אינטויִטיווער; **~и́ция** *ж* אינטויִציע וו; по ~и́ции לויט דער אינטויִציע, אינטויִטיוו

инфанти́льный אינפאנטילער

инфáркт *м мед.* אינפארקט מ ־ן

инфекциóнн||ый *мед.* אינפעקציע־, אינפעקציאָנעלער; ~ое заболевáние אן אינפעקציאָנעלע [אן אָנשטעקיקע] קראנק(ה)ײַט; ~ое отделéние אינפעקציע־אָפטייל מ ־ן

инфéкция *ж мед.* אינפעקציע וו

инфинити́в *м грам.* אינפיניטיוו מ ־ן

инфля́ция *ж эк.* אינפליאציע וו

информáтор *м* אינפאָרמאטאָר מ ..טאָרן

информациóнн||ый אינפאָרמאציע־; אינפאָרמאטיווער; ~ое бюрó אינפאָרמאציע־ביוראָ ז, וו ־ען, ביוראָ פאר אינפאָרמאציע; ~ое сообщéние אינפאָרמאטיווע מיטיילונג

информáц||ия *ж* אינפאָרמאציע וו; получи́ть ~ию באקומען* אן אינפאָרמאציע; ◇ теóрия ~ии אינפאָרמאציע־טעאָריע וו; срéдства мáссовой ~ии מיטלען פון מאסן־אינפאָרמאציע; מאס־מעדיא מצ. *книжн.*

информи́ровать *сов. и несов.* אינפאָרמירן

инфракрáсн||ый *физ.* אינפרארויטער; ~ые лучи́ אינפרארויטע שטראלן

инфузóрия *ж зоол.* אינפוזאָריע וו ־ס

инцидéнт *м* אינצידענט מ ־ן

инъéкция *ж мед.* אינייעקציע וו ־ס; אײַנשפריצונג וו ־ען

иóн *м физ.* יאָן מ ־ען

ипподрóм *м* היפאָדראָם מ ־ען

ипри́т *м хим.* איפריט מ

ирáкский איראקישער

ирáн||ец *м* = איראנער מ; ~ка *ж* איראנערן וו ־ס; ~ский איראנישער; ~ские языки́ די איראנישע שפראכן

и́рис *м бот., анат.* איריס מ

ири́с *м* (*конфеты*) איריס מ

ирлáнд||ец *м* = אירלענדער מ; ~ка *ж* אירלענדערן וו ־ס; ~ский אירלענדישער, אירישער; ~ский язы́к די אירישע שפראך, איריש ז

ирон||изи́ровать *несов.* איראָניזירן; ~и́ческий איראָנישער

ирóния *ж* איראָניע וו; ◇ ~ судьбы́ א שפאס פונעם גורל

иррационáльн||ый איראציאָנעלער; ~ое числó *мат.* איראציאָנעלע צאָל

ирригациóнн||ый איריגאציע־; ~ая систéма איריגאציע־סיסטעם וו ־ען

ирригáция *ж* איריגאציע וו

иск *м юр.* טוויע וו, מאָנונג וו; предъяви́ть ~ к *кому́-л.* דערלאנגען אף עמעצן א טוויע [א מאָנונג]; ◇ встрéчный ~ קעגן־מאָנונג וו

искажáть(ся) *несов. см.* **искази́ть(ся)**

искажéние *с* **1.** (*действие*) פארקריפלען ז, פארקריפלונג וו; 2. (*неправильность*) פארקריפלונג וו ־ען; (*в тексте*) פארגרײַזונג וו ־ען

искажённый **1.** פארקריפלטער, געפעלשטער; 2. (*о лице и т. п.*) צעקריפלטער; אויסגעקרימטער

искази́ть *сов.* **1.** (*извратить*) פארקריפלען; ~ смысл фрáзы פארקריפלען דעם זין [דעם מײַן] פון דער פראזע; ~ фáкты איבערדרייען [פעלשן] די פאקטן; 2. (*лицо и т. п.*) צעקריפלען; **~ся** *сов.* **1.** פארקריפלט ווערן*; 2. (*о лице и т. п.*) צעקריפלט ווערן*; פארקרימען זיך

искалéченный צעקאליעטשעטער, צעמאזיקטער; (*воспитанием и т. п.*) פארדאָרבענער, צעקאליעטשעטער

искалéчить *сов.* צעקאליעטשען, צעמאזיקן; (*воспитанием и т. п.*) פארדארבן*, צעקאליעטשען

искáния *мн.* זוכונגען מצ.; באשטרעבונגען מצ.; (*опыты*) פרוּוון מצ.

искáтель *м* = זוכער מ; ◇ ~ приключéний אוואנטיוריסט מ ־ן

искáть *несов.* זוכן; ~ ночлéг זוכן א נאכטלעגער; ~ спасéния זוכן א רעטונג

исключáть *несов. см.* **исключи́ть**; **~ся** *несов.* זײַן* אויסגעשלאָסן

исключáя *в знач. предлога* אויסער, כוץ; не ~ ארײַנרעכענענדיק אויך, ניט אויסשליסנדיק

исключéни||е *с* **1.** (*удаление*) אויסשליסונג וו, אויסשליסן ז; 2. (*отступление от правила*) אויסנאם מ ־ען; в ви́де ~я ווי אן אויסנאם; без ~я אָן אויסנאם; ◇ за ~ем אויסער, כוץ

исключи́тельно **1.** *нареч.* (*особенно*) אויסשליסלעך, ביז גאָר; ~ интерéсный доклáд אן אויסשליסלעך [א ביז גאָר] אינטערעסאנטער פאָרטראָג; 2. *в знач. частицы* (*лишь*) אויסשליסלעך, נאָר, בלויז; он читáет ~ стихи́ ער לייענט אויסשליסלעך [נאָר, בלויז] לידער

исключи́тельн||ый **1.** (*представляющий исключение*) אויסנעמלעכער, אויסנאם־; (*необыкновенный*) אויסערגעוויינלעכער; ~ый слýчай אויסנאם־פאל מ ־ן; ~ые спосóбности אויסערגעוויינלעכע פעיִקײַטן; 2. (*абсолютный, чрезвычайный*) אויסשליסלעכער; ~ое прáво דאָס אויסשליסלעכע רעכט

исключ||и́ть *сов.* **1.** אויסשליסן*; ~и́ть из спи́ска אויסשליסן* פונעם צעטל; 2.: не ~енá возмóжность ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקײַט; не ~енó ס׳קאָן זייער שיין זײַן, ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן

исковéрканный **1.** צעשעדיקטער; 2. *перен.* צעקאליעטשעטער; 3. (*искажённый*) פארקריפלטער

исковéркать *сов.* **1.** צעשעדיקן, מאכן א טעל (פון); 2. *перен.* צעקאליעטשען; ~ жизнь *кому-л.* צעקאליעטשען [מאכן טיל־טעל פון] עמעצנס לעבן

исколеси́ть *сов. разг.* אויספאָרן*, אויסשפאנען (איבער); ~ всю странý אויספאָרן* דאָס גאנצע לאנד

исколóть *сов.* **1.** צעשטעכן*; 2.: кáрта былá искóлота флажкáми אף דער מאפע זײַנען געווען דורכויס אָנגעשטאָכן פענדעלעך

искóм||ый געזוכטער; ~ая величинá די געזוכטע גרייס

искóнн||ый אייביקאָניקער; ~ые зéмли די אור־אייגענע לאנד־שטאָכים; ~ые обитáтели אור־אײַנוווינער מצ., אבאָריגענען מצ.; ~ые правá די אלטע [די דוירעסדיקע] רעכט; לעבנסרעכט מצ.

ископа́ем||ый 1. אויסגעגראָבענער; 2. *в знач. сущ. с:* поле́зные ~ые נוצלעכע אויסגראָבונגען [מינעראַלן]

искорени́ть *сов.*, **искореня́ть** *несов.* אויסוואָרצלען, אויסקאָרעניען, אויסניקערן; ~ бюрократи́зм אויסוואָרצלען [אויסקאָרעניען, אויסניקערן] דעם ביוראָקראַטיזם

и́скоса *нареч.* קאָסע, קרום, שיקלדיק; ~ смотре́ть на *кого-л.* שיקלדיק [קאָסע] קוקן אף עמעצן; *перен.* קרום [קאָסע] קוקן אף עמעצן

и́скр||а *ж прям. и перен.* פונק ם ־ען; электри́ческая ~а אַן עלעקטרישער פונק; ~а наде́жды א פונק [א ברעקעלע] האָפענונג; ни ~ы чу́вства קיין מינדסט געפיל; ◇ у него́ ~ы из глаз посы́пались (*от боли и т. п.*) ס׳האָבן גענומען שפריצן פונקען פון זײַנע אויגן; ער האָט דערזען פאר זיך דעם מאלעכ(ה)אמאָוועס

и́скренний אופריכטיקער

искриви́ть *сов.* 1. אויסקרימען; 2. (*лицо и т. п.*) פארקרימען; ~ся *сов.* 1. זיך אויסקרימען, אויסגעקרימט ווערן*; 2. (*о лице и т. п.*) זיך פארקרימען

искривля́ть(ся) *несов. см.* искриви́ть(ся)

искри́стый פינקלדיקער; שימענדיקער

искри́ться *несов.* 1. פינקלען; 2. *тв.* שפריצן (מיט); глаза́ его́ искри́лись весе́льем זײַנע אויגן האָבן געשפריצט מיט לוסט, אין זײַנע אויגן האָט געלויכטן לוסט

искромса́ть *сов. разг.* צעפיצלען, צעשנײַדן* אף פיץ־פיצלעך

искроши́ть *сов.* צעברעקלען, צעקרישען

искупа́ть¹ *сов.* (*выкупать*) *разг.* אויסבאָדן*; ~ся *сов. разг.* זיך אויסבאָדן*, זיך אָפבאָדן*

искупа́ть² *несов. см.* искупи́ть

искупи́тельн||ый אויסקויף־; ~ая же́ртва אויסלייז־קאָרבן ם (מצ. ־קאָרבאָנעס)

искупи́ть *сов.* אויסקויפן; ~ вину́ אויסקויפן [פארגלעטן] די שולד

искупле́ние *с* אויסקויף ם; ~ вины́ דער אויסקויף פאר דער שולד, דאָס אויסקויפן די שולד

искуса́ть *сов.* צעבײַסן*

искуси́тель *м уст.* יעיצערהאָרע ם

искуси́ть *сов. см.* искуша́ть

иску́сн||ик *м разг.* בעריע ם, מומכע ם (מצ. מומכים), מײַסטער ם ־ס, ־ס״; ~ица *ж* בעריע װ ־ס, מײַסטערן װ ־ס; ~ый 1. (*умелый*) בעריעשער, גענייטער, אויסגעצייכנטער; 2. (*выполненный мастерски*) מײַסטערהאפטער, קונציקער

иску́сственн||ый 1. קינסטלעכער; ~ое волокно́ קינסטלעכע פאזערן; ~ое дыха́ние קינסטלעכע אָטעמונג; ~ый спу́тник Земли́ א קינסטלעכער סאטעליט [א ספוטניק] פון דער ערד; 2. (*притворный*) געמאכטער, פאלשער; ~ая улы́бка א געמאכטער [א פאלשער] שמייכל

иску́сств||о *с* 1. קונסט װ ־ן; вое́нное ~о מיליטער־קונסט װ; произведе́ния ~а קונסטווערק מצ.; 2. (*умение*) קענען ו, מײַסטערשאפט װ, בעריעשאפט װ; владе́ть ~ом звукоподража́ния פארמאָגן די קונסט [די פעיקײַט] פון אימיטירן קלאנגען; ~о воспи́тывать, ~о воспита́ния די דערציִונגס־קונסט, די קונסט [די פעיקײַט] צו דערציִען; покажи́-ка своё ~о ווײַז נאָר, וואָס דו קענסט, ווײַז דײַן בעריעשאפט; ◇ изя́щные ~а שיינקונסטן מצ.

искусствове́д *м* = ם קונסט־פאָרשער; ~ение *с* קונסט־קענטעניש װ

искуша́ть *сов.* אויספרווון, ברענגען* צו א ניסאָיען; ◇ ~ судьбу́ (אויס)פרווון דאָס מאזל

искуше́ние *с* ניסאָיען ם (מצ. ניסיוינעס); ~ бы́ло велико́ ס׳איז געווען גרויס [שטארק] דער יעיצערהאָרע

искушённый גוט־באהאוונטער, דערפארענער

исла́м *м* איסלאם ם

исла́нд||ец *м* = ם איסלענדער; ~ка *ж* איסלענדערן װ ־ס; ~ский איסלענדישער; ~ский язы́к די איסלענדישע שפראך, ו איסלענדיש

испа́н||ец *м* = ם שפאניער; ~ка *ж* שפאניערן װ ־ס; ~ский שפאנישער; ~ский язы́к די שפאנישע שפראך, ו שפאניש

испаре́ни||е *с* אויסדאמפן ו, אויסדאמף ם ־ן, אויסדאמפונג װ ־ען; вре́дные ~я שעדלעכע אויסדאמפ(ונגע)ן

испа́рина *ж* שווייס ם, שווייסטראָפנס מצ.

испари́ть *сов.* אויסדאמפן; ~ся *сов.* 1. זיך אויסדאמפן, אויסגעדאמפט ווערן*; 2. *разг.* (*исчезнуть*) (ווי) אויסרינען*, נעלעם ווערן*

испаря́ть(ся) *несов. см.* испари́ть(ся)

испа́чкать *сов.* אויספאטשקען, אויסשמירן; ~ся *сов.* זיך אויספאטשקען, זיך אויסשמירן

испе́чь *сов.* אָפבאקן*

испещри́ть *сов.*, **испещря́ть** *несов.* אויסשפרענקלען; ~ на́дписями באדעקן מיט אופשריפטן

исписа́ть *сов.* 1. (*заполнить знаками*) פארשרײַבן*; листо́к испи́сан ци́фрами דאָס גאנצע בלעטל איז פארשריבן מיט ציפערן; 2. (*израсходовать на писание*) אויסשרײַבן*; ~ся *сов. разг.* 1. זיך אויסשרײַבן*; 2. (*о писателе*) זיך אויסוועפן

испит||о́й *разг.* אויסגעצערטער; ~о́е лицо́ אן אויסגעמאָגערט און בלאס פאָנעם

испове́довать *сов. и несов.* 1. (*кого-л.*) *церк.* אויסהערן עמעצנס אלכעט; (*умирающего*) אויסהערן עמעצנס ווידוי; 2. *тк. несов.* געהערן צו (א גלויבן); ~ исла́м זײַן* א מוסולמענער, געהערן צום איסלאם [מוסולמענישן גלויבן]; ~ся *сов. и несов.* זיך מיסוואדע זײַן*; *перен. тж.* עפענען פאר עמעצן דאָס הארץ

и́споведь *ж* 1. *церк.* דאָס מיסוואדע זײַן זיך; (*умирающего*) ווידוי װ; 2. *перен.* הישטאפכעס־האנעפעש ו, ווידוי װ

и́сподволь *нареч.* פאמעלעכן (אזוי), ביסלעכווײַז, פאוואָלינקע

исподло́бья *нареч.*: смотре́ть ~ קוקן בייז(לעך); קוקן מיט אומצוטרוי

исподтишка́ *нареч.* שטילינקערהייט, ביגנייווע

испоко́н: ~ веко́в, ~ ве́ку פון אייביק אָן, פון דאָר־דוירעס

исполи́н *м* ריז ם ־ן, גיגאנט ם ־ן; ~ский ריזיקער; גיגאנטישער; ~ская си́ла ריזיקע קראפט; челове́к ~ского ро́ста א מענטש א ריז

исполко́м *м* (исполни́тельный комите́т) אויספירקאָם ם ־ען (אויספיר־קאָמיטעט)

исполне́ни||е *с* 1. אויספילונג װ; привести́ в ~е אויספירן, פילן; при ~и обя́занностей בײַם אויספילן די פליכטן; 2. (*роли*) אויספילונג װ, שפילן ו; (*вокального произведения*) אויסזינגען ו; (*инструментального произведения*) אויסשפילן ו; отли́чное ~е די אויסגעצייכנטע אויספילונג

испо́лненный (*род.*) (מיט) איבערגעפולט; ~ жела́ния помо́чь вам איבערגעפולט מיטן באַגער אײַך העלפן; взгляд, ~ печа́ли א טרויערפולער בליק

исполни́тель *м* 1. אויספירער מ =; 2. (*артист*) אויספילער מ =; (*вокалист тж.*) זינגער מ =; (*инструменталист тж.*) שפּילער מ =; ~ ро́ли דער אויספילער פון דער ראָל; ~ница *ж* אויספילערן וו ־ס

исполни́тельн||ый 1. אויספיר־, עקזעקוטיווער; ~ая власть אויספיר־מאכט וו, עקזעקוטיווע מאכט; ~ый комите́т אויספיר־קאָמיטעט מ ־ן; 2. (*добросовестный*) אויספאָלגערישער; ◇ ~ый лист אויספיר־בויגן מ ־ס

испо́лни||ть *сов.* 1. אויספילן; ~ть долг אויספילן דעם כיוו; 2. (*роль*) אויספילן, שפּילן; (*вокальное произведение*) אויסזינגען*; (*инструментальное произведение*) אויסשפּילן; ~ться *сов.* 1. (*осуществиться*) אויסגעפילט ווערן*, דערפילט ווערן*, מעקוים ווערן*; моё жела́ние ~лось מײַן ווונטש איז אויסגעפילט [דערפילט, מעקוים] געוואָרן; 2. (*о времени, сроке*) ווערן*; ~лось 35 лет со дня побе́ды над фаши́стской Герма́нией ס׳איז געוואָרן 35 יאָר זינט דעם זיג איבער דעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד; ему́ ~лось со́рок лет ער איז אלט געוואָרן פערציק יאָר

исполня́||ть *несов. см.* испо́лнить; ~ющий обя́занности дире́ктора דער אויספילער פון די דירעקטאָר־פליכטן; вре́менно ~ющий обя́занности צײַטווײַליקער פליכטן־אויספילער

исполня́ться *несов.* 1. *см.* испо́лниться; 2. (*о музыке и т. п.*) אויסגעפילט ווערן*; исполня́ется впервы́е (*объявление*) ערשטע אויספילונג

испо́льзовать *сов. и несов.* אויסניצן

испо́ртить *сов.* 1. קאַליע מאכן, איבערפירן; *перен.* קאַליע מאכן; ~ настрое́ние קאַליע מאכן די שטימונג; 2. (*развратить*) פארדאַרבן*; ~ся *сов.* קאַליע ווערן*; (*ухудшиться*) ערגער ווערן*

испо́рченный 1. קאַליע־געוואָרענער; 2. (*развращённый*) פארדאָרבענער

исправи́тельн||ый אויסבעסער־; ~ая коло́ния אויסבעסער־קאָלאָניע וו ־ס

испра́вить *сов.* 1. (*починить*) פאַריכטן; 2. (*устранить ошибки*) פאַריכטן; (*текст*) אויסבעסערן, אויספאַריכטן; испра́вленное изда́ние אן אויסגעבעסערטע אויפלאגע; 3. (*кого-л.*) אויסבעסערן

исправле́ни||е *с* אויסבעסערונג וו ־ען; внести́ ~я אויסבעסערן, מאכן אויסבעסערונגען, אויספאַריכטן

исправля́ть(ся) *несов. см.* испра́вить(ся)

испра́вн||ость *ж*: всё в ~ости אלץ איז ווי ס׳דאַרף צו זײַן; мото́р в ~ости דער מאָטאָר אַרבעט נאָרמאַל; ~ый 1. רעגולערער, גאַנצער; 2. (*старательный*) אקוראטער, פּינקטלעכער

испражн||е́ния *мн.* עקסקרעמענטן מצ., צויע וו; ~и́ться *сов.*, ~я́ться *несов.* אויסליידיקן זיך

испро́бовать *сов.* אויספּרוּוון; ~ все сре́дства אויספּרוּוון [איבערפּרוּוון] אלע מיטלען

испу́г *м* דערשרעק מ, (איבער)שרעק מ; с ~у פאַר דערשרעק; в ~е אין דערשרעק

испу́ганн||о *нареч.* מיט שרעק; ~ый דערשראָקענער, איבערגעשראָקענער; (*о взгляде*) צעשראָקענער; ~ый крик דערשרעק־געשריי ז

испуга́ть *сов.* דערשרעקן*, איבערשרעקן*; ~ся *сов.* דערשרעקן* זיך, איבערשרעקן* זיך

испуска́ть *несов.*, **испусти́ть** *сов.* ארויסלאָזן* (פון זיך); испусти́ть крик ארויסלאָזן* א געשריי; испуска́ть за́пах *чего-л.* הערן זיך מיט עפּעס; ◇ испусти́ть дух אויסהויכן די נעשאָמע [דעם לעצטן אָטעם]

испыта́ни||е *с* 1. (*проверка качеств*) אויספּרוּווּנג וו, אויספּרוּוו מ ־ן; ~е я́дерного ору́жия די אויספּרוּווּנג פון נוקלעאַרן וואָפן; ~е вре́менем פּרוּוו מיט [דורך] צײַט; 2. (*экзамен*) עקזאַמען מ ־(ע)ס; פאַרהערן ז *уст.*; 3. (*переживание*) פּרוּוו מ ־ן, ניסאָיען מ (מצ. ניסיוינעס)

испы́танный אויסגעפּרוּווטער

испыта́тель *м* אויספּרוּווער מ =; ~ный (אויס)פּרוּוו־; ~ный срок אויספּרוּוו־טערמין מ ־ען; ~ный полёт פּרוּוופלוג מ ־ן, פּרוּוופלי מ ־ען

испыта́ть *сов.* 1. (*проверить*) אויספּרוּוון; ~ самолёт אויספּרוּוון דעם עראָפּלאַן; 2. (*ощутить*) פאַרזוכן, פאַרזוכן דעם טאַם (פון); (*боль, горе*) אויסשטיין*, איבערלײַדן*; ~ на себе́ אויספּרוּוון אף זיך

испыту́ющ||ий: ~ий взгляд דורכדרינג(ענד)יקער בליק; ~е смотре́ть דורכדרינג(ענד)יק קוקן

испы́тывать *несов.* 1. *см.* испыта́ть; 2.: ~ недоста́ток в *чём-л.* האָבן* ווייניק [קאַרג] עפּעס, ניט האָבן* גענוג עפּעס

иссле́дование *с* 1. (*действие*) אויספאָרשונג וו; проводи́ть ~ אויספאָרשן, מאַכן אַן אויספאָרשונג; ~ косми́ческого простра́нства די אויספאָרשונג פונעם קאָסמישן רוים; 2. (*научный труд*) פאָרש־אַרבעט וו ־ן

иссле́дователь *м* פאָרשער מ =; (*чего-л.*) אויספאָרשער מ = (פון); ~ский פאָרש־; פאָרשערישער; ~ская рабо́та פאָרש־אַרבעט מ ־ן; ~ский дух פאָרשערישער גײַסט

иссле́довать *сов. и несов.* 1. (*научно*) דערלערנען, אויספאָרשן; 2. (*тщательно осмотреть*) אויספאָרשן, גוט° באַטראַכטן

и́сстари *нареч.* פון אַמאָל, פון די (גאָר) אַלטע צײַטן

исстрада́ться *сов.* ביז גאָר אָנלײַדן* זיך

исступле́ни||е *с* ווילדע אויפרעגונג; в ~и אין ווילדער אויפרעגונג; ווי אַ מעטורעף

иссуша́ть *несов.*, **иссуши́ть** *сов.* אויסטריקענען; *перен.* אויסצערן

иссяка́ть *несов.*, **исся́кнуть** *сов.* אויסשעפּן זיך; *перен. тж.* אויסגעשעפּט ווערן*

иста́птывать *несов. см.* истопта́ть

истека́ть *несов. см.* исте́чь

исте́кш||ий פאַרגאַנגענער; в ~ем году́ אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר

исте́рзанн||ый 1. (*израненный*) צעפּאַסעוועטער, צעלעכערטער (פון ווונדן); (*измученный*) צעווייטיקטער; ~ая душа́ אַ צעווייטיקטע נעשאָמע; 2. (*растрёпанный*) צעשויבערטער; קלאָגעדיקער

истерза́ть *сов.* 1. (*изранить*) צעקאַרדאַשען, צעפּאַסעווען; (*изуродовать*) צעקריפּלען; 2. (*измучить*) אויספּײַניקן

исте́р||ик *м разг.* היסטעריקער מ =; ~ика *ж* היסטעריק(ע) וו; אַן אָנפאַל פון היסטעריע; биться в ~ике האָבן* די היסטעריק; ◇ впада́ть в ~ику, зака́тывать ~ику אָפּשפּילן אַ היסטעריק; ~и́ческий היסטערישער; ~и́чка *ж разг.* היסטעריטשקע וו ־ס, היסטעריקערן וו ־ס

истери́я *ж* היסטעריע וו; ◇ вое́нная ~ מילכאָמע־היסטעריע וו

истéц *м юр.* מאָנער מ =; באל־טוויע מ (מצ. באלע־טוויע)

истечéни||е *с*: по ~и срóка אז ס'וועט אויסגיין דער טערמין; *(о прошлом)* אז ס'איז אויסגעגאנגען דער טערמין

истéчь *сов.* 1. *(кончиться)* אויסגיין*; срок истёк דער טערמין איז אויסגעגאנגען; 2.: ~ крóвью אָפגיין* מיט בלוט

и́стин||а *ж* עמעס מ ־ן; в э́том есть дóля ~ы אין דעם שטעקט [איז פאראן] א שטיק עמעס; объекти́вная ~а *филос.* דער אָביעקטיווער עמעס

и́стинн||о *нареч.* בעמעס, ווירקלעך; ~ый 1. עמעסדיקער, ריכטיקער; 2. *(настоящий)* עמעסער, עכטער; ~ый друг אן עמעסער [אן עכטער] פרײַנט; э́тот ребёнок ~ое наказáние אָט דאָס קינד איז מאמעש א שטראָף פון גאָט; ◇ ~ое врéмя *астр.* די ווירקלעכע צײַט

истлевáть *несов.* 1. *(гнить)* פוילן, צעפוילט ווערן*; 2. *см.* истлéть 2

истлéть *сов.* 1. *(гнить)* צעפוילט ווערן*; 2. *(сгореть)* אויסטליִען

истóк *м* 1. אויספלוס מ ־ן; ~ реки́ טײַך־אויספלוס מ; 2. *мн. перен.* אויסקוואלן מצ.; у ~ов нóвой жи́зни בא די אויסקוואלן פונעם נײַעם לעבן

истолковáние *с* אויסטײַטשונג וו; אינטערפרעטאציע וו

истолковáть *сов.*, **истолкóвывать** *несов.* אויסטײַטשן; ~ *чей-л.* постýпок אויסטײַטשן עמעצנס האנדלונג

истолóчь *сов.* צעשטויסן* (אף פראָשעק)

истóма *ж* מאטקײַט וו

истоми́ть *сов.* אויסמאטערן; ~ся *сов.* אויסגעמאטערט ווערן*

истопи́ть *сов.* *(печь)* אויסהייצן

истопни́к *м* הייצער מ =

истоптáть *сов.* 1. *(топча, повредить)* צעטרעטן*, צעטאָפטשען; 2. *(испачкать)* אָנטראָגן* א מיסט (אף); 3. *(обувь)* אָפטראָגן*

истóрик *м* היסטאָריקער מ =

истори́ческ||ий היסטאָרישער; ~ий ромáн א היסטאָרישער ראָמאן; ~ая побéда דער היסטאָרישער זיג [ניצאָכן]

истóри||я *ж* 1. געשיכטע; óпыт ~и די דערפארונג פון דער געשיכטע, די געשיכטלעכע דערפארונג; ~я СССР געשיכטע פון פססר; ~я литератýры געשיכטע פון ליטעראטור; ליטעראטור־געשיכטע וו; ~я болéзни די געשיכטע פון דער קראנקהײַט; 2. *(повествование)* מײַסע וו ־ס, געשיכטע וו ־ס; 3. *разг.* *(происшествие)* געשיכטע וו ־ס; געשעעניש וו ־ן; מײַסע וו ־ס; неприя́тная ~я א מיִעסע געשיכטע; вéчная ~я! אלעמאָל דאָס אייגענע!; вот так ~я! א שיינע מײַסע [געשיכטע]!; ◇ об э́том ~я умáлчивает *шутл.* דאָס בלײַבט א סאָד

истосковáться *сов. разг.* אויסבענקען זיך; ~ по люби́мой рабóте אויסבענקען זיך נאָך דער צום הארצן ליבער ארבעט

источáть *несов.* אויסטיילן (פון זיך), ארויסגעבן* (פון זיך); פארשפרייטן (ארום זיך)

истóчник *м* 1. *прям. и перен.* קוואל מ ־ן; горя́чий ~ א הייסער קוואל; ~ дохóда האכנאָסע־קוואל מ ־ן; ~ знáния דער קוואל פון וויסן; из достовéрных ~ов פון זיכערע קוועלן; פון באגלייבטע קוואלן; 2. *(письменный памятник)* קוועל וו ־ן; *мн. тж.* מעקוירים מצ.

истóшный *разг.*: ~ крик א ווילד געשריי

истощ||áть(ся) *несов. см.* истощи́ть(ся); **~éние** *с* 1. אויסגעצערטקײַט וו, אויסגעמאָגערטקײַט וו; ~éние пóчвы אויסגעמאָגערטקײַט פונעם באָדן; באָדן־אויסצערונג וו; 2. *(уменьшение запасов)* אויסשעפונג וו; **~ённый** אויסגעצערטער, אויסגעמאָגערטער; *(о почве)* אויסגעמאָגערטער, אויסגעשעפטער

истощи́ть *сов.* 1. אויסצערן, אויסמאָגערן; *(почву)* אויסמאָגערן; 2. *(исчерпать)* אויסשעפן; **~ся** *сов.* 1. אויסגעצערט [אויסגעמאָגערט] ווערן*; *(о почве)* אויסגעמאָגערט ווערן*; 2. *(израсходоваться)* אויסשעפן זיך, אויסגיין*

истрáтить *сов.* פאטערן; *(деньги)* אויסגעבן*; *(использовать на что-л.)* פארניצן; **~ся** *сов.* 1. *(израсходоваться)* געפאטערט ווערן*, אויסגיין*; 2. *разг.* *(потратить все деньги)* אויסברענגען* זיך

истреби́тель *м* פארניכטער מ ־ס; **~ный** פארניכט־, פארניכטנדיקער; ~ный огóнь פארניכטנדיקער פײַער; ~ная авиáция פארניכט־אוויאציע וו

истреби́ть *сов.*, **истребля́ть** *несов.* אויסראָטן*, פארניכטן, פארטיליקן, אויסטיליקן

истреблéние *с* פארניכטונג וו, אויסראָטונג וו

истрёпанный צעריסענער, צעפליקטער; *(об одежде, обуви тж.)* אָפגעטראָגענער, אָפגעניצטער

истрепáть *сов. разг.* צערײַסן*, צעפליקן; *(одежду, обувь тж.)* אָפטראָגן*, אָפניצן; ◇ ~ нéрвы אויסמאטן די נערוון

истукáн *м* געץ מ ־ן; ◇ стоя́ть как ~, стоя́ть ~ом שטיין* ווי א ליימענער גולעם

и́стый עכטער

истязá||ние *с* פײַניקונג וו ־ען; *мн. тж.* אינוים מצ.; **~ть** *сов.* פײַניקן; מוטשען *разг.*

исхóд *м* 1. *(выход из затруднений)* אויסגאנג מ, אויסוועג מ; 2. *(конец)* סאָף מ; *(результат)* אויסגאנג מ, רעזולטאט מ; реши́ть ~ борьбы́ לייזן דעם גוירל פונעם קאמף; ◇ на ~е дня (צום) סאָף טאָג; быть на ~е *(о запасах)* אויסלאָזן* זיך, אויסגיין*

исходи́ть^{1} *сов.* *(обойти много мест)* אויסזײַן*, אויסגיין*

исходи́ть^{2} *несов.* 1. (от, из *род*) גיין* (פון); *(о слухах и т. п. тж.)* שטאמען; от когó э́то исхóдит? פון וועמען שטאמט עס?, ווער האָט עס געזאָגט?; 2. (из *род.*; *основываться*) ארויסגיין* (פון), באזירן זיך (אף)

исходи́ть^{3} *несов.* 1. *см.* изойти́; 2. *(о времени, сроке)* אויסגיין*, ענדיקן זיך

исхóдн||ый אויסגאנג־; ~ый пункт אויסגאנג־פונקט מ; ~ое положéние אָנפאנגלעכע [פריערדיקע] לאגע

исхудá||лый אויסגעמאָגערטער, אויסגעצערטער, אויסגעדייווערטער; **~ть** *сов.* אויסגעמאָגערט [אויסגעצערט, אויסגעדייווערט] ווערן*

исцарáпать *сов.* צעדראפען; ~ себé рýки צעדראפען זיך די הענט; **~ся** *сов.* צעדראפען זיך

исцелéние *с* אויסהיילונג וו; *(выздоровление тж.)* א רעפוע שליימע *уст.*

исцели́ть *сов.* אויסהיילן; **~ся** *сов.* אויסהיילן זיך; האָבן* א רעפוע שליימע *уст.*

исцеля́ть(ся) *несов. см.* исцели́ть(ся)

исчáдие *с*: ~ áда מאלעך־כאבאָלע מ (מצ. מאלאכיי־כאבאָלע)

исчезáть *несов. см.* исчéзнуть

исчезнове́ние *с* פארשווינדונג װ

исче́з||нуть *сов.* 1. פארשווינדן*, פארשוווּנדן ווערן*; *(о человеке тж.)* נעלעם ווערן*; 2. *разг.* *(потеряться)* אהינקומען*, פארפאלן ווערן*; куда́ он ~? וווּהין איז ער אהינגעקומען [פארפאלן געוואָרן]?

исчерпа́ть *сов. прям. и перен.* אויסשעפן; ~ запа́сы אויסשעפן די רעזערוון; вопро́с исче́рпан די פראגע איז אויסגעשעפט; ~ся *сов.* אויסשעפן זיך

исче́рпывать *несов. см.* исчерпа́ть; ~ся *несов.* 1. *см.* исчерпа́ться; 2. *(тв.)* *(сводиться)* באשטיין* נאָר (אין); אויסשעפן זיך (מיט); э́тим не исче́рпывается его́ де́ятельность דערמיט שעפט זיך ניט אויס זיין טעטיקייט

исче́рпывающий אויסשעפ(נד)יקער; ~ отве́т אן אויסשעפ(נד)יקער ענטפער

исчисле́ние *с* 1. *(действие)* אויסרעכענונג װ, אויסרעכענען ז; 2. *мат.* רעכענונג װ; дифференциа́льное ~ דיפערענציאלע רעכענונג

исчи́слить *сов.*, **исчисля́ть** *несов.* אויסרעכענען

исчисля́||ться *несов.* אָפגעשאצט ווערן*; запа́сы не́фти ~ются миллио́нами тонн די נאפט־רעזערוון ווערן אָפגעשאצט אין מיליאָנען טאָן

ита́к *союз* הייסט עס, אלזאָ; ~, вопро́с решён הייסט עס [אלזאָ], די פראגע איז געלייזט

италья́н||ец *м* = איטאליענער מ; ~ка *ж* איטאליענערן װ ־ס; ~ский איטאליענישער; ~ский язы́к די איטאליענישע שפראך, איטאליעניש ז

и т. д. (и так да́лее) אאוו. (און אזוי ווייטער)

ито́г *м* סאכאקל מ ־ען; ~и пятиле́тки די סאכאקלען פונעם פינפיאָר; подводи́ть ~и אונטערציען* [אונטערפירן] סאכאקלען; ◇ в ~е אין סאכאקל; в коне́чном ~е אין לעצטן סאכאקל; ~о́ *нареч.* אינאיינעם, סאכאקל

ито́гов||ый 1. סאכאקל־; ~ая су́мма סאכאקל־סומע װ; 2. *(завершающий)* פארסאכאקלענדיקער

и т. п. (и тому́ подо́бное) אדג. (און דעסגלייכן, און דאָסגלייכן)

иуде́йский 1. *ист.* יעהודע־, יעהודישער; 2. *(о вероисповедании)* יודאישער

их¹ *род. и вин. п. от* они́

их² *притяж. мест.* 1. זייער (מצ. זייערע) *перед. сущ., по родам и падежам не изменяется;* זייערער (װ זייערע, ז זייערס, מצ. זייערע) *после сущ. или перед неопред. артиклем;* их оте́ц זייער פאָטער, דער פאָטער זייערער; их сестра́ זייער שוועסטער, א שוועסטער זייערע; их дом זייער הויז, דאָס הויז זייערס; их роди́тели זייערע עלטערן, די עלטערן זייערע; 2. *в составе сказ.* זייערער (װ זייערע, ז זייערס, מצ. זייערע); э́то наш двор, а за ним их אָט דאָס איז אונדזער הויף, און נאָך אים איז זייערער; газе́та не моя́ и не их, её здесь кто́-то забы́л די צייטונג איז ניט מיינע און ניט זייערע, עמעצער האָט זי דאָ פארגעסן; кни́ги, карти́на не их די ביכער זיינען ניט זייערע, דאָס בילד איז ניט זייערס

ихтиоза́вр *м* איכטיאָזאוור מ ־ען

ихтиоло́гия *ж* איכטיאָלאָגיע װ

и́шиас *м мед.* אישיאס מ

ишь *межд. разг.* זעסט, זע אָקאָרשט

ище́йка *ж* שפירהונט מ (מצ. ..הינט)

ию́ль *м* יול מ; *см.* а́вгуст; ~ский יול־; ~ский день יול־טאָג מ (מצ. ..טעג); *см.* а́вгустовский

ию́нь *м* יון מ; *см.* а́вгуст; ~ский יון־; *см.* а́вгустовский

Й

йод *м хим., мед.* יאָד מ; ~истый: ~истые препара́ты *фарм.* יאָדהאלטיקע פרעפאראטן; ~истый ка́лий *хим.* קאליום־יאָדיד מ

йодофо́рм *м фарм.* יאָדאָפאָרם מ

йот *м (буква)* יאָט מ ־ן

йо́т||а *ж:* ни на ~у אף קיין האָר ניט

К

к *предлог с дат. п.* 1. צו; подъе́хать к вокза́лу צופאָרן* צום וואָקזאל; подойти́ к *кому-л.*, к *чему-л.* צוגיין* צו עמעצן, צו עפעס; вести́ к побе́де פירן צום זיג; гото́виться к зиме́ גרייטן זיך צום ווינטער; варе́нье к ча́ю איינגעמאכטס צו דער טיי; приби́ть *что-л.* к стене́ צושלאָגן* עפעס צו דער וואנט; примкну́ть к гру́ппе тури́стов צושטיין* צו א גרופע טוריסטן; к семи́ приба́вить три צו זיבן צוגעבן* דריי; к тому́ же דערצו נאָך; от до́ма к до́му פון שטוב צו שטוב; 2.: обрати́ться к специали́сту ווענדן* זיך צו א ספעציאליסט; פרעגן בא א פאכמאן; 3. *(при обозначении срока)* צו; *(приблизительного)* ארום; к нача́лу весны́ צום אָנהייב פרילינג; к деся́тому а́вгуста צום צענטן אווגוסט; к двум часа́м צו צוויי אזייגער; часа́м к шести́ ארום זעקס אזייגער; к ве́черу ста́ло прохла́дно פארנאכט־צו איז געוואָרן קיל; ро́вно к двена́дцати (часа́м) פונקט צוועלף אזייגער; 4.: к сожале́нию צום באדויערן; к сча́стью צום גליק, גליקלעכערווייז; ◇ к чему́ э́то? נאָך וואָס?, צו וואָס טויג עס?, צו וואָס דארף מען עס?; э́то ни к чему́ דאָס איז (אינגאנצן) איבעריק

-ка *частица разг.* 1. *(при повелит. накл.)* נאָר, אָקאָרשט; скажи́-ка мне זאָג מיר נאָר; да́йте-ка мне э́ту кни́гу גיט מיר נאָר [אָקאָרשט] דעם דאָזיקן בוך; 2.: ку́пим-ка э́ту кни́гу לאָמיר קויפן דעם דאָזיקן בוך; позвоню́-ка я ему́ לאָמיך אים אָנקלינגען

каба́к *м уст.* שענק מ ־ען; קאבאק מ *разг.*

кабал||а́ *ж* קנעכטשאפט װ; быть в ~е́ у *кого-л.* זיין* פארשקלאפט [פארקויפט] בא עמעצן

каба́льн||ый פארשקלאפנדיקער, פענטענדיקער; ~ый догово́р א פארשקלאפנדיקער [א פענטענדיקער] אָפמאך; ~ая зави́симость א קנעכטשאפטלעכע אָפהענגיקייט

каба́н *м* קאבאן מ ־עס; *(дикий тж)* ווילדער כאזער

кабарди́н||ец *м* = קאבארדינער מ; ~ка *ж* קאבארדינערן װ ־ס

кабаре́ *с нескл.* קאבארע מ ־ען

каба́тчик *м* = שענקער מ

кабачко́в||ый: ~ая икра́ איינגעהאקטער קאבאק

кабачо́к¹ *м уменьш.* שענקל ז ־עך

кабачо́к² *м (плод)* קאבאק מ ־ן

ка́бель *м* קאבעל מ ־ן

ка́бельтов *м мор.* קאבעלטאָוו מ ־ס

каби́на *ж* קאבינע װ ־ס; *(в самолёте)* פלאָט־קאבינע

וו ־ס; ~ водителя שאָפער־קאבינע וו ־ס; душевáя ~ דוש־קאבינע וו ־ס

кабинéт *м* 1. קאבינעט מ ־ן; рабóчий ~ ארבעטס־קאבינעט מ ־ן; зубоврачéбный ~ ציין־קאבינעט מ ־ן; физи́ческий ~ *(в школе)* פיזישער קאבינעט; 2. *(правительство)* מיניסטאָרן־קאבינעט מ ־ן; сформировáть ~ בילדן א (מיניסטאָרן־)קאבינעט

кабинéтный קאבינעט·; ~ учёный קאבינעט־געלערנטער מ ..טע; ◇ ~ роя́ль קאבינעט־ראָיאל מ ־ן, א קליינער° ראָיאל

каблýк *м* אָפצאָס מ ־ן, קנאפל מ =, ־ען; тýфли на высóких ~áх טופליעס מיט הויכע° אָפצאָסן; ◇ под ~óм אונטערן פאנטאָפל, אונטערן קנאפל

каботáж *м мор.* קאבאָטאזש מ; ~**ный** קאבאָטאזש·; ~ное плáвание קאבאָטאזש־שיפונג וו

каб||ы *союз.* 1. *(если)* ווען; 2. *(если б только)* ווען נאָר; ◇ éсли бы да ~ы́ ≅ ווען די באָבע וואָלט געהאט א באָרד (וואָלט זי געווען א זיידע)

кавалéр¹ *м* קאוואלער מ ־ן

кавалéр² *м*: ~ Золотóй Звезды́ קאוואלער פון גאָלדענעם שטערן

кавалери́йск||ий קאוואלעריע·; ~ие чáсти קאוואלעריע־טיילן מצ.

кавалéрия *ж* קאוואלעריע וו, רייטער־מיליטער ז

кавалькáда *ж* קאוואלקאדע וו ־ס

кавардáк *м разг.* קאווארדאק מ, האלעבודע וו, ווירוואר מ

кáверз||а *ж разг.* שפיצל ז ־עך; שמאד־שטיקל ז ־עך; *мн.* הינטערשיסעלעך מצ., הינטערפיסלעך מצ., שמאד־שטיק מצ.; ~**ный** *(запутанный, сложный)* פארשפיצטער, איבערגעשפיצטער, פארפלאָנטערטער; ~ный вопрóс א פארשפיצטע פראגע

кавéрна *ж мед.* קאווערנע וו ־ס

кавкáз||ец *м* קאווקאזער מ =; ~**ский** קאווקאזער *неизм.*

кавы́чки *мн.* גענדזנפיסלעך מצ.; לאפקעס מצ. *разг.*

кадéт¹ *м ист. (воспитанник военного учебного заведения)* קאדעט מ ־ן

кадéт² *м ист. (член конституционно-демократической партии)* קאדעט מ ־ן

кадéтский *ист.* קאדעטישער, קאדעטן·; ~ кóрпус קאדעטן־קאָרפוס מ

кади́ло *с церк.* וויירעכפאן וו ־ען; קאדילע וו ־עס *разг.*

кади́ть *несов.* 1. *церк.* רויכערן וויירעך; 2. *(дат.) перен.* לויבן אין הימל אריין, צעגיסן* זיך אין שוואָכים (וועמען)

кáдка *ж* דייזשקע וו ־ס, פעסל ז ־עך

кадр *м фото, кино* קאדער מ ־ס

кадри́ль *ж* קאדריל מ ־ן

кáдровый קאדראָווע(ר) *тж. неизм.*

кáдр||ы *мн.* קאדרן מצ.; стáрые ~ы די אלטע קאדרן; ◇ отдéл ~ов קאדרן־אָפטייל מ

кады́к *м* (גאָרגל־)קנאָפ מ (מצ. ..קנעפ); אָדעמס עפל *разг.*

каёмка *ж* קענטעלע ז ־ך, זוימעלע ז ־ך

каждоднéвный טאָגטעגלעכער, אלטעגלעכער

кáжд||ый *мест.* 1. יעדער *(им., вин. жен. р. тж.* יעדע; *им., вин. ср. р. тж.* יעדעס; *дат., вин. муж. и дат. ср. р. тж.* יעדן), יעטווידער; ~ый человéк יעדער [יעטווידער] מענטש; ~ая тропи́нка יעדער סטעזשקע; в ~ом дóме אין יעדער [יעדן] הויז; на ~ом дéреве אף יעדן בוים; 2. *(при указании на периодичность)* יעדער (מצ. יעדערע); אלע *неизм.*; ~ую недéлю יעדער [אלע] וואָך; ~ые два часá אלע [יעדערע] צוויי שאָ; ~ый день читáю газéту יעדן טאָג [אלע טאָג] לייען איך א צייטונג; *см.* кáждый 1; 3. *в знач. сущ. м* יעדערער, איטלעכער, יעדער איינער; от ~ого по (егó) спосóбностям, ~ому по (егó) трудý פון יעדערן לויט די [זיינע] פעיקייטן, יעדערן לויט דער [זיין] ארבעט; ~ый из вас יעדערער [איטלעכער] פון אייך; ◇ всех и ~ого יעדן איינעם; на ~ом шагý אף יעדן טריט און שריט

кáжется *в знач. вводн. сл.* דאכט זיך, דוכט זיך

кáжущийся געדוכטער, איליוזאָרישער

казáк *м* קאזאק מ ־ן; *(на Украине тж.)* קאָזאק מ (מצ. קאָזאקן)

казáлось *в знач. вводн. слова* האָט זיך געקאָנט דוכטן

казáрм||а *ж* קאזארמע וו ־ס; ~**енный** קאזארמע·; ◇ на ~енном положéнии אף א קאזארמע־רעזשים

казáться *несов.* 1. אויסזען* צו זיין; דאכטן [דוכטן] זיך; он казáлся чéм-то обеспокóенным ער האָט אויסגעזען צו זיין באומרויִקט פון עפעס; в темнотé дерéвья казáлись вы́ше אין דער פינצטער האָבן די ביימער אויסגעזען צו זיין העכער; ~ молóже свои́х лет אויסזען* (צו זיין) יינגער וועדליק ער איז אלט; 2. *безл.* אויסווייזן* זיך, דאכטן [דוכטן] זיך; емý казáлось, бýдто за ним следя́т אים האָט זיך אויסגעוויזן [האָט זיך געדוכט], אז מע שפירט אים נאָך

казáх *м* קאזאך מ ־ן; ~**ский** קאזאכישער; ~ский язы́к קאזאכיש ז, די קאזאכישע שפראך

казáцкий קאזאקישער

казáчество *с собир.* קאזאקנטום ז, קאזאקן מצ.

казáч||ий קאזאקישער; ~ья сóтня א קאזאקישע סאָטניע [מייע], א סאָטניע [א מייע] קאזאקן

казáчка *ж* קאזאטשקע וו ־ס, קאזאקן־פרוי וו ־ען

казачóк *м (танец)* קאזאטשאָק מ, קאָזאצקע וו

казáшка *ж* קאזאכן וו ־ס

казеи́н *м* קאזעין מ, קעז־שטאָף מ

казённ||ый 1. *уст.* מעלוכישער; קאזיאָנע(ר) *тж. неизм.*; на ~ый счёт אף קאזיאָנעם כעזשבן; 2. *перен.* קאזיאָנע(ר) *тж. неизм.*, פאָרמעלער; ~ое отношéние к дéлу א קאזיאָנע [א פאָרמעלער] צוגאנג צום איניען [צו דער זאך]; ~ый стиль א סקארבאָווער סטיל; ◇ ~ая часть *(оружия)* דער קאזיאָנע [דער הינטערשטער] טייל

казинó *с нескл.* קאזינאָ מ ־ען

казначéй *м* קאזנאטשיי מ ־ען; ~**ский**: ~ский билéт קאזנאטשייסטווע־בילעט מ ־ן (פאפירגעלט: *1, 3, 5* רובל); ~**ство** *с ист.* קאזנאטשייסטווע וו

казни́ть 1. *несов. и сов.* הינריכטן; *(обезглавить)* קעפן; 2. *несов. перен.* פייניקן; ~**ся** *несов.* אופעסן* זיך (א לעבעדיקן, לעבעדיקערהייט)

казнокрáд *м* אָמט־גאנעוו מ (מצ. ..גאנאָווים)

казн||ь *ж* הינריכטונג וו; *(отсечение головы)* קעפונג וו; смéртная ~ь טויט־שטראָף וו; приговори́ть *кого-л.* к смéртной ~и פארמישפעטן עמעצן צום טויט, פארורטיילן עמעצן צו טויט־שטראָף

казуи́стика *ж* װ קאזויסטיק

ка́зус *м* קאזוס מ ־ן; *разг. тж.* פאסירונג װ ־ען

кайм‖а́ *ж* קאנט מ ־ן, זוים װ ־ען; *перен.* ראנד(פאס) מ ־ן; ска́терть с ~о́й א טישטעך מיט א זוים [מיט א קאנט]; ~а́ из дере́вьев по кра́ю доро́ги א ראנדפאס פון ביימער באם ברעג וועג

как 1. *нареч.* (*каким образом*) ווי, וויאזוי; ~ вы сюда́ попа́ли? ווי(אזוי) קומט איר אהער?; ~ вы нас нашли́? וויאזוי האָט איר אונדז געפונען?; ~ вы сказа́ли? ווי האָט איר געזאָגט?; ~ пройти́ на Кра́сную пло́щадь? וויארום גייט מען [קומט מען] צום רויטן פלאץ?; 2. *частица*: ~ краси́во! ווי שיין!; ~ я его́ жале́ю! איך האָב אף אים אזא ראכמאָנעס!; 3. *частица* (*выражает негодование*) וואָס, סטײַטש; ~! Вы мне не ве́рите? וואָס [סטײַטש], איר גלייבט מיר ניט?; 4. *частица* (*выражает внезапность*) אז... ניט; он ~ вско́чит אז ער טוט ניט א שפרונג; 5. *союз* (*сравнительный*) ווי; бе́лый ~ снег ווײַס ווי שניי; 6. *союз* (*в качестве*) ווי, אלס; ~ врач я не могу́ вам э́того разреши́ть ווי א [אלס] דאָקטער קען איך עס אײַך ניט דערלויבן; 7. *союз* (*временной*): с того́ вре́мени ~ זינט; с того́ дня, ~ זינט יענעם טאָג, ווען; едва́..., ~ ווי נאָר..., אזוי (באלד); едва́ я просну́лся, ~ послы́шался звоно́к ווי נאָר כ'האָב זיך אופגעכאפט, אזוי (באלד) האָט זיך געלאָזט הערן א קלונג; вся́кий раз, ~... ווען... נאָר...; יעדער מאָל, ווען...; ~ то́лько ווי נאָר, באלד ווי; 8. *союз* (*кроме*) כוץ, אויב ניט; кому́ же, ~ не тебе́ знать ווער זשע נאָך כוץ דיר [ווער זשע, אויב ניט דו] קען וויסן; 9. *союз* (*присоединяющий дополнительные придаточные предложения*) ווי; мы не заме́тили, ~ он вошёл מיר האָבן ניט באמערקט, ווי ער איז ארײַנגעקומען; ◇ ~ бу́дто 1) גלײַך ווי; 2) (*кажется*) דאכט זיך [דוכט]; ~ бы то ни́ было ווי ס'זאָל [ווי די זאך זאָל] ניט זײַן; ~ же (אנדערש) ווי דען, אוואדע, געוויס; ~ мо́жно (*по возможности*) וואָס, מעגלעכסט; ~ мо́жно скоре́е וואָס [מעגלעכסט] גיכער; ~ нельзя́ лу́чше אזוי אז בעסער קאָן שוין (גאָר) ניט זײַן; ~ ни: ~ мы ни спеши́ли, а к по́езду опозда́ли ווי מיר האָבן זיך ניט געײַלט, דאָך האָבן מיר צום צוג פארשפעטיקט

кака́о *с нескл.* 1. (*порошок, напиток*) װ קאקאָא; 2. (*дерево*) קאקאָא־בוים מ (מצ. ..ביימער)

ка́к-либо *нареч. см.* ка́к-нибудь 1.

ка́к-нибудь *нареч.* 1. (*каким-либо образом*) ווי־(ס'איז־)ניט־איז, ווי־עס־איז; 2. *разг.* (*кое-как*) אבי ווי; ווי־ניט־איז; 3. *разг.* (*когда-нибудь в будущем*) ווען־ניט־איז

како́в *мест.* 1. ווי(אזוי) *неизм.*; ~о́ же бы́ло моё удивле́ние ווי גרויס איז געווען מײַן פארוווּנדערונג, ווי פארוווּנדערט בין איך געווען; ~а́ погре́шность в вычисле́ниях? ווי גרויס איז דער טאָעס אין די אויסרעכענונגען?; 2. (*с оттенком восхищения или возмущения*) ווי געפעלט אײַך, א מין; ~ храбре́ц! א מין בראָווער יונג!; ~ы́ поря́дки? ווי געפעלן אײַך עפעס די פירעכצן?; 3. *в знач. союза* וואָסער, וואָס פאר א; тру́дно сказа́ть, ~ бу́дет урожа́й שווער צו זאָגן, וואָס פאר א גערעטעניש ס'וועט זײַן; ◇ ~ поп, тако́в и прихо́д ≅ וואָסער פאסטעך, אזעלכע שאָף

каково́ *нареч.* 1. *вопросит.* וויאזוי; ~ ей тепе́рь! וויאזוי מוז זי זיך פילן איצט?; ~ э́то слы́шать! ס'איז עפעס גוט צו הערן אזעלכס?; 2.: ~! ווי געפעלט עס אײַך?

как‖о́й *мест.* 1. (א) וואָס פאר א (מצ. וואָס פאר), וואָסער א (מצ. וואָסערע) *по родам и падежам не изменяются*; ~а́я сего́дня пого́да? וואָס פאר א [וואָסער א] וועטער איז הײַנט?; не зна́ю, ~у́ю вам дать кни́гу כ'ווייס ניט, וואָס פאר א [וואָסער א] בוך זאָל איך אײַך געבן; ~о́е сего́дня число́? וואָסער א דאטע האָבן מיר הײַנט?; 2. (*который — из ряда предметов*) וועלכער; ~о́й каранда́ш пи́шет лу́чше? וועלכער בלײַער שרײַבט בעסער?; 3. (*в восклицании*) סאָרא, א מין, א; ~о́й краси́вый цвето́к! סאָרא [א מין] שיינע בלום!; ~о́й он энерги́чный! א מין [סאָרא] ענערגישער ער איז!; ~а́я пре́лесть! 1) (*о чём-л. красивом*) סאָרא שיינקײַט (דאָס איז)!; 2) (*о чём-л. хорошем*) סאָרא מעכײַע (דאָס איז)!; 3) (*о человеке*) א מין גאָלד ער [זי] איז!; 4. (*в риторическом вопросе*): ~о́й же он писа́тель? אויך מיר (מישטיינס־געזאָגט) א שרײַבער!; ~о́й (же) я музыка́нт? ווי קום איך צו זײַן א מוזיקאנט?; ◇ ~о́й уго́дно, ~о́й бы то ни́ было וואָסערער ס'זאָל ניט זײַן; ~о́й бы: в ~о́й бы дом он ни зашёл... אין וואָסער שטוב ער זאָל ניט ארײַנקומען...

како́й-либо *см.* како́й-нибудь 1

како́й-нибудь *мест.* 1. (א) וועלכער־ניט־איז; (א) וואָסער־ניט־איז *по родам не изменяется*: найти́ ~ вы́ход געפינען* א וועלכן־ניט־איז אויסוועג; 2. *разг.*: за каки́х-нибудь три ме́сяца אין איינע דרײַ כאדאָשים; оста́лось каки́х-нибудь три киломе́тра ס'איז געבליבן סאכאקל דרײַ קילאָמעטער

како́й-то *мест.* 1. (*некоторый, неизвестный*) עפעס א; ~ стари́к останови́л меня́ на у́лице עפעס אן אלטער מאן האָט מיך אָפגעשטעלט אין גאס; она́ сего́дня кака́я-то бле́дная זי איז הײַנט עפעס א בלאסע; 2. (*похожий на что-л.*) עפעס (א מין); אזא; э́то пря́мо кака́я-то боле́знь דאָס איז עפעס א (מין) קרענק; 3. (*в риторическом вопросе*) ווער ווייסט, וואָס פאר; кака́я-то бу́дет зима́? ווער ווייסט, וואָס פאר א ווינטער ס'וועט זײַן!

какофо́ния *ж* װ קאקאָפאָניע

ка́к-то *нареч.* 1. ווי־ניט־איז; ему́ ~ удало́сь ס'האָט זיך אים ווי־ניט־איז אײַנגעגעבן; мне ~ непри́ятно ס'איז מיר עפעס ניט אָנגענעם; 2. (*однажды*) איינמאָל; ~ раз איינמאָל; ~ ве́чером איינמאָל אפדערנאכט; 3. *в знач. частицы разг.* (*а именно*) דעהײַנו; 4. (*в риторическом вопросе*) ווי... עס; ~ нас встре́тят? ווי וועט מען עס אונדז באגעגענען?

ка́ктус *м* קאקטוס מ ־ן

кал *м* צויע װ, עקסקרעמענטן מצ.

каламбу́р *м* קאלאמבור מ ־ן, ווערטערשפיל װ

каланча́ *ж* פײַערלעשער־טורעם מ ־ס

кала́ч *м* קוילעטש מ ־ן; ◇ тёртый ~ *разг.* א גערויכערטע ליולקע; געשעדיקטער [דורכגעטריבענער] פארשוין; ~о́м не зама́нишь מיט קיין צוקער־לעקעכל וועסטו ניט פארנארן

кала́чиком *нареч.*: сверну́ться ~ צונויפדרייען זיך ווי א בייגל

калейдоско́п *м* קאליידאָסקאָפ מ ־ן

кале́ка *м, ж* קאליקע מ, װ ־ס, קריפל מ ־ען; (*о мужчине тж.*) באל־מום מ (מצ. באלע־מומים)

календа́рный קאלענדאר־; ~ план קאלענדאר־פלאן מ (מצ. פלענער); ~ год קאלענדאר־יאָר ז ־ן

календáрь *м* קאלענדאר מ ־ן; (*еврейский лунно-солнечный тж.*) לועך מ ־ן; отрывнóй ~ אָפרײַס־קאלענדאר מ ־ן

калéни||е *с*: бéлое ~е װײַסגלי מ; крáсное ~е רויטגלי מ; ◇ довести́ *когó-л.* до бéлого ~я צעקאָכן עמעצן דאָס בלוט, ארויסברענגען* עמעצן פון די קיילים

калён||ый 1. (*раскалённый*) (אָנ)געגליטער; 2. (*поджаренный — об орехах и т. п.*) געפראזשעטער; ◇ ~ым желéзом вы́жечь אומבעראכמאָנעסדיק אויסארפען [אויסברענען, אויסניקערן]

калéчить *несов.* 1. קאלי(ע)טשען, מאכן פאר א קאליקע; 2. *перен.* (*портить*) פארדארבן*, קאלי(ע)טשען

кали́бр *м* קאליבער מ

кáлий *м* קאליום מ

кали́йн||ый קאליום־; ~ые удобрéния קאליום־באגיטיקונגען מצ.; ~ые сóли קאליום־זאלצן מצ.

кали́льн||ый גלי־; ~ая печь גלי־אויוון מ ־ס

кали́на *ж* 1. (*куст*) קאלינע־קוסט מ; 2. *собир.* (*ягоды*) קאלינע(ס) מצ.

кали́тка *ж* פאָרטקע װ ־ס; קאליטקע װ ־ס *разг.*

кали́ть *несов.* 1. (*накаливать*) אָנגליען; ~ дóкраснá אָנגליען ביז רויט; 2. (*поджаривать — орехи и т. п.*) פראזשען

кали́ф *м* כאליף מ ־ן, קאליף מ ־ן; ◇ ~ на час א כאליף אף א ווײַל(ע)

каллиграфи́ческий קאליגראפישער; ~ пóчерк א קאליגראפישע האנט־שריפט, א שיינער° קסאוו, אן אויסגעשריבענע האנט

каллигрáфия *ж* קאליגראפיע װ, שיינשריפט װ

калмы́||к *м* קאלמיק מ ־ן; ~цкий קאלמיקישער; ~цкий язы́к די קאלמיקישע שפראך, קאלמיקיש ז; ~чка *ж* קאלמיקן װ ־ס, קאלמיטשקע װ ־ס

калори́йный קאלאָריענרײַכער

калори́метр *м физ.* קאלאָרימעטער מ ־ס

калори́фер *м* קאלאָריפער מ ־ס

калóрия *ж физ.* קאלאָריע װ ־ס

калóш||и *мн.* (*ед.* калóша *ж*) קאלאָשן מצ.; ◇ сесть в ~у ארײַנפאלן* (איבער די אויערן), (מיעס) דורכפאלן*

кáлька *ж* קאלקע װ ־ס

кальки́ровать *сов. и несов.* קאלקירן

калькули́ровать *несов.* קאלקולירן

калькул||я́тор *м* 1. קאלקולאטאָר מ ··טאָרן; 2. (*прибор*) קאלקולאטאָר מ ־ס; ~я́ция *ж* קאלקולאציע װ

кальсóны *мн.* קאלסאָנען מצ., גאטקעס מצ.

кáльций *м* קאלציום מ

кáмбала *ж* קאמבאלע װ, פלאָנדערקע װ; קאָמבעלע װ *разг.*

кáмбуз *м мор.* קאמבוז מ ־ן

камвóльный קאמוואָל־, קאמגארן־; (*из камвольной пряжи*) קאמוואָלענער, קאמגארענער

камелёк *м уменьш.* 1. (*камин*) א קליינער° קאמין; 2. (*очаг*) אייוועלע ז ־ך; פײַער ז

камéлия *ж* (*цветок*) קאמעליע װ ־ס

каменéть *несов.* 1. פארשטיינערט ווערן*; (*становиться неподвижным тж.*) פארשטארט ווערן*; 2. (*становиться бесчувственным*) פארהארטעט ווערן*

камени́стый שטיינערדיקער

каменноугóльн||ый שטיינקוילן־; ~ый бассéйн שטיינקוילן־באסיין מ; ~ая смолá שטיינקוילן־סמאָלע װ, שטיינקוילן־דזעגעכץ ז

кáменн||ый 1. שטיינערנער, שטיין־; ~ая стенá א שטיינערנע וואנט; ~ый дом א געמויערט הויז, מויער מ ־ן; 2. (*неподвижный*) פארשטיינערטער, פארשטארטער; 3. (*бесчувственный*) פארהארטעטער; (*жестокий*) הארטהארציקער; ~ое сéрдце א שטיינערן [א פארשטאָקט] הארץ; ◇ ~ый век שטיין־טקופע װ; ~ая соль שטיינזאלץ װ; ~ый ýголь שטיינקוילן מצ.

каменолóмня *ж* שטיינברעכערײַ װ ־ען

каменотёс *м* שטיינטעסער מ =

кáменщик *м* מויערער מ =, מוליער מ =

кáм||ень *м* 1. (*порода*) שטיין מ; *собир.* שטיינער מצ.; 2. (*отдельный кусок*) שטיין מ ־ער; 3. *перен.* לאסט װ; у меня́ на сéрдце ~ень ס׳ליגט מיר ווי א שטיין אפן הארצן; ~ень с души́ свали́лся ס׳איז מיר אראָפ א שטיין פון הארצן; 4. *мн. мед.*: ~ни в жёлчном пузырé גאלשטיינער מצ.; ◇ ~ня на ~не не остáвить ניט לאָזן* א שטיין אף א שטיין

кáмера *ж* קאמער װ ־ן; ~ хранéния багажá באגאזש־קאמער װ; тюрéмная ~ טורמע־קאמער װ ־ן, טפיסע־קאמער װ ־ן; автомоби́льная ~ אווטאָמאָביל־קאמער װ; ~ фотоаппарáта פאָטאָ־קאמער װ; ~ (футбóльного) мячá פילקע־קאמער װ

кáмерн||ый קאמער־; ~ая мýзыка קאמער־מוזיק װ

камертóн *м* קאמערטאָן מ ־ען

кáмешек *м* שטיינדל ז ־עך; ◇ э́то ~ в мой огорóд דאָס מיינט מען מיך

камéя *ж* קאמייע װ ־ס

ками́н *м* קאמין מ ־ען

камнедроби́лка *ж* שטיינמיל װ ־ן

камóрка *ж* אלקערל ז ־עך

кампáния *ж* קאמפאניע װ ־ס; зи́мняя ~ *воен.* ווינטער־קאמפאניע װ; избирáтельная ~ וואל־קאמפאניע װ ־ס; посевнáя ~ פארזיי־קאמפאניע װ

камуфля́ж *м воен.* קאמופליאזש מ

камф||арá *ж* קאמפער מ, קאנפער מ; ~áрный קאמפער־, קאנפער־; ~áрное мáсло קאמפער־אייל מ, קאנפער־אייל מ; ~áрный спирт קאמפער־ספירט מ, קאנפער־ספירט מ

камы́ш *м* (אָ)טשערעט מ; ~óвый (אָ)טשערעט־; (*сделанный из камыша*) (אָ)טשערעטענער; ~óвые зáросли (אָ)טשערעט־פארוואקסונגען מצ.; ~óвая кры́ша אן (אָ)טשערעטענער דאך

канáва *ж* ריוו מ ־ן, קאנאווע װ ־ס; стóчная ~ רינשטאָק מ ־ן

канáд||ец *м* קאנאדער מ =; ~ка *ж* קאנאדערן װ ־ס; ~ский קאנאדער *неизм.*

канáл *м* 1. קאנאל מ ־ן; ороси́тельный ~ באוואסערונג־קאנאל מ ־ן; ~ и́мени Москвы́ דער קאנאל אפן נאָמען פון מאָסקווע; 2. *анат.*: слуховóй ~ געהער־קאנאל מ 3. *мн.* קאנאלן מצ.; по дипломати́ческим ~ам לויט [דורך] דיפלאָמאטישע קאנאלן

канализациóнн||ый קאנאליזאציע־; ~ая трубá קאנאליזאציע־רער װ ־ן

канализáция *ж* קאנאליזאציע װ

канарéйка *ж* קאנאריק מ ־עס

канáт *м* קאנאט מ ־ן; я́корный ~ אנקער־קאנאט מ ־ן; ~ный קאנאט־; ◇ ~ная дорóга פוניקוליאָר מ ־ן

канатохо́дец *м* דראָטן־טענצער מ =, קאנאט־טענצער מ =

канва́ *ж* קאנווע וו

кандалы́ *мн.* קייטן מצ.; закова́ть в ~ שמידן אין קייטן, אײַנקייטלען; ручны́е ~ האנטקייטן מצ.

канделя́бр *м* קאנדעליאבער מ ־ס

кандида́т *м* 1. קאנדידאט מ ־ן; ~ в депута́ты דעפּוטאטן־קאנדידאט מ ־ן; вы́ставить ~ом ארויסשטעלן פאר א קאנדידאט; 2. (*обладатель учёной степени*) קאנדידאט מ ־ן; (*степень тж.*) קאנדידאטן־שטופע וו, קאנדידאטן־גראד מ; ~ нау́к קאנדידאט פון וויסנשאפטן; получи́ть сте́пень ~а биологи́ческих нау́к באקומען* דעם גראד קאנדידאט פון ביאלאָגישע וויסנשאפטן; גראדוירט ווערן* אלס קאנדידאט פון ביאלאָגישע וויסנשאפטן *книжн.*; 3.: ~ в чле́ны па́ртии פארטיי־קאנדידאט מ ־ן; **~ский** קאנדידאטן־; ~ская диссерта́ция קאנדידאטן־דיסערטאציע וו ־ס; ~ский стаж קאנדידאטן־סטאזש מ, דער סטאזש פון א פארטיי־קאנדידאט; **~у́ра** *ж* 1. קאנדידאטור וו; вы́ставить *чью-л.* ~у́ру ארויסשטעלן [ארויסרוקן] עמעצנס קאנדידאטור; он снял свою́ ~у́ру ער האָט אראָפּגענומען זײַן קאנדידאטור; 2. (*кандидат*) קאנדידאטור וו ־ן, קאנדידאט מ ־ן; подходя́щая ~у́ра א פאסיקע קאנדידאטור, א פאסיקער קאנדידאט

кани́кул‖ы *мн.* קאניקולן מצ., וואקאציעס מצ.; **~я́рный** קאניקול(ן)־, קאניקוליארער, וואקאציען־; ~я́рные дни די טעג פון קאניקולן

кани́стра *ж* קאניסטער מ ־ס; ~ бензи́на א קאניסטער (מיט) בענזין

кани́телиться *несов. разг.* מארודזשען זיך, וואָזגען זיך

кани́тель *ж* 1. שעך מ, שעך־פעדעם מצ.; 2. *перен. разг.* פארשלעפעניש ז, פארציעניש ז; ◇ тяну́ть ~ ציען* אין דער לאנגער באנק

канифо́ль *ж* קאניפאָל וו, קאנפאָליע וו

кано́н *м* קאנאָן מ ־ען

канона́да *ж* קאנאָנאדע וו, קאנאָנען־שיסערײַ וו

канонéр‖ка *ж мор.* הארמאטן־שיפל ז ־עך; קאנאָנערקע וו ־ס *разг.*; ◇ поли́тика ~ок קאנאָנערקעס־פאליטיק וו, פאליטיק פון דראָגונען

канонизи́ровать *сов. и несов.* קאנאָניזירן; (*установить в качестве образца тж.*) אײַנשטעלן

канони́ческий קאנאָנישער

кано́э *с нескл.* קאנאָע וו ־ס, קאנאָע־שיפל ז ־עך

кант *м* קאנט מ ־ן

канта́та *ж муз.* קאנטאטע וו ־ס

кантони́ст *м ист.* קאנטאָניסט מ ־ן

ка́нтор *м* קאנטאָר מ ־ס; (*в синагоге*) כאזן מ (מצ. כאזאָנים)

кану́н *м* ערעוו מ; в ~ ערעוו; в ~ Но́вого го́да ערעוו נײַ־יאָר; в ~ пра́здника ערעוו יאָמטעוו

ка́нуть *сов.*: ~ в ве́чность פארשווינדן* אף אייביק; он как в во́ду ка́нул ער איז ווי אין וואסער ארײַן

канцеля́р‖ия *ж* קאנצעליאריע וו ־ס; **~ский** קאנצעליאריש־, קאנצעליארישער; ~ские принадлéжности שרײַב־מאכשירים מצ.; ◇ ~ская кры́са פענקראצער מ =; ~ский язы́к א קאנצעליארישע [ביוראָקראטישע] שפראך

канцероге́нный *мед.* קאנצעראָגענער; וואָס קען ארויסרופן ראק, ראק־ארויסרופנדיקער

ка́нцлер *м* קאנצלער מ ־ס

каню́чить *несов. разг.* קליאנטשען, אויסבעטלען; (*ныть*) קאניוקען

каоли́н *м мин.* קאאָלין, פאָרצעלײַ־ערד וו

ка́па‖ть *несов.* 1. קאפען, טריפן; *безл.* קאפען; слёзы ~ли из её глаз טרערן האָבן געטריפט [געקאפעט] פון אירע אויגן; с крыш ~ло ס'האָט געקאפעט פון די דעכער; 2. (*лить по капле*) קאפען; (*попадать куда-л. тж.*) ארײַנקאפען; (*проливать на что-л.*) אָנקאפען; ~ть в глаза́ ארײַנקאפען אין די אויגן; не ~й на ковёр קאפע ניט אָן אפן טעפעך; ◇ над на́ми не ка́плет סע קאפעט ניט איבער אונדז, מיר קענען צווארטן

капе́лла *ж* קאפעלע וו ־ס

капе́ль *ж*: на дворе́ ~ אין דרויסן לאָזט [קאפעט פון די דעכער]

капельди́нер *м уст.* קאפעלדינער מ ־ס

ка́пельк‖а *ж* 1. טראָפנדל ז ־עך, קאפעלע ז ־ך; 2. *разг.* (*маленькое количество*) א קאפעלע, א טראָפעלע; 3. *в знач. нареч.* א ביסעלע, א קאפעלע; посиди́те хоть ~у זיצט כאָטש א ביסעלע [א קאפעלע]; ◇ ни ~и: мне ни ~и не стра́шно איך הייב ניט אָן מוירע צו האָבן

капельме́йстер *м* קאפעלמײַסטער מ ־ס

ка́пельница *ж* טראָפן־ציילער מ ־ס

капилля́р *м* קאפיליאר מ ־ן; **~ный** קאפיליארער; ~ный сосу́д *анат.* קאפיליאר מ ־ן

капита́л *м* 1. קאפיטאל מ; промы́шленный ~ אינדוסטריעלער קאפיטאל; основно́й ~ *эк.* גרונט־קאפיטאל מ; власть ~а די מאכט פונעם קאפיטאל; 2. *разг.* (*богатство*) קאפיטאל מ ־ן, פארמעגן ז

капитал‖и́зм *м* קאפיטאליזם מ; **~и́ст** *м* קאפיטאליסט מ ־ן

капиталисти́ческ‖ий קאפיטאליסטישער; ~ий строй די קאפיטאליסטישע אָרדענונג; ~ие стра́ны קאפיטאליסטישע לענדער

капиталовложе́ния *мн.* (*ед.* капиталовложе́ние *с*) אינוועסטיציעס מצ.

капита́льн‖ый קאפיטאלער; (*основательный*) פונדאמענטאלער; ~ый труд א פונדאמענטאל ווערק; ◇ ~ый ремо́нт קאפיטאלער רעמאָנט; ~ая стена́ א קאפיטאלע וואנט; ~ое строи́тельство קאפיטאלע בויונג

капита́н *м* קאפיטאן מ ־ען; ~ да́льнего пла́вания קאפיטאן פון ווײַטע רייסן; ~ инжене́рных войск קאפיטאן פון אינזשעניערישע מיליטער־טיילן; ~ футбо́льной кома́нды קאפיטאן פון א פוטבאָל־קאָמאנדע

капита́нск‖ий קאפיטאן־; פון א קאפיטאן *после сущ.*; ~ое зва́ние דער ראנג פון א קאפיטאן; ◇ ~ий мо́стик קאפיטאן־דעק וו, קאפיטאן־בריקל ז

капитул‖и́ровать *сов. и несов.* קאפיטולירן; **~я́ция** *ж* קאפיטולאציע וו

капка́н *м* פאסטקע וו ־ס; קאפקאן מ ־עס *разг.*

каплу́н *м* קאפהאָן מ (מצ. ..הענער)

ка́пл‖я *ж* 1. טראָפן מ ־ס; по ~е טראָפנווײַז; 2. *тк. ед. разг.* (*малое количество чего-л.*) טראָפל ז; у него́ нет ни ~и самолю́бия ער פארמאָגט ניט קיין טראָפל אייגנליבע; 3. *мн.* (*лекарство*) טראָפן מצ.; ◇ ~я в мо́ре א טראָפן אין יאם; как две ~и воды́ ווי צוויי טראָפן וואסער; до после́дней ~и кро́ви ביזן לעצטן טראָפן בלוט; ни ~и: я ни ~и не бою́сь איך הייב ניט אָן מוירע צו האָבן

ка́пор *м* קאפער מ ־ס

капо́т *м* 1. *уст.* *(одежда)* קאפאָט מ ־ן, ראָק מ (מצ. רעק); 2. *тех.* אייבערדעק װ ־ן, קאפאָט מ ־ן

капра́л *м* *воен.* קאפראל מ ־ן

капри́з *м* קאפריז מ ־ן; ~ничать *несов.* פראָווען קאפריזן, קאפריזעווען; ~ный קאפריזנע(ר) *тж. неизм.*; קאפריזיקער; ~ный ребёнок א קאפריזנע קינד; ~ная пого́да א קאפריזיקער װעטער

капро́н *м* *текст.* קאפראָן מ; **~овый** קאפראָנאָװע(ר) *тж. неизм.*; פון קאפראָן *после сущ.*; ~овые чулки́ קאפראָנאָװע זאָקן, זאָקן פון קאפראָן

ка́псула *ж* קאפסול(ע) װ ··לעס

капу́ст||**а** *ж* קרויט ז; коча́н ~ы א היפטל קרויט; ки́слая ~а געזײַערט קרויט; ◇ цветна́я ~а בלומענקרויט ז; морска́я ~а יאָם־קרויט ז, לאמינאריע װ

капу́ст||**ник** *м* 1. *(червь)* קרויטװאָרעם מ (מצ. ··װערעם); 2. *(на вечеринке и т. п.)* בוף־ליאמע װ ־ס; ~ница *ж* *зоол.* קרויט־באבעלע ז ־ך, קרויטפלאטערל ז ־עך; ~ный פון קרויט *после сущ.*, קרויט־; ~ная расса́да קרויט־פאָרפלאנצונגען מצ.; ~ные котле́ты קאָטלעטן פון קרויט

капу́т *м* *нескл.* *разг.*: ему́ ~ ס׳איז אן עק צו זײַנע יאָרן

капюшо́н *м* קאפטער מ ־ס, קאפי(ו)שאָן מ ־ען

ка́ра *ж* שטראָף װ ־ן; גזאר מ *уст.*

караби́н *м* קאראבין מ ־ען

кара́бкаться *несов.* דראפען זיך, קלעטערן

карава́й *м* לאבן מ ־ס (ברויט)

карава́н *м* קאראװאן מ ־ען; ~ верблю́дов א קאראװאן קעמלען; ~ судо́в א קאראװאן שיפן

кара́им *м* קאראאימער מ =; קראָי מ ־ם *уст.*; ~ка *ж* קאראאימערן װ ־ס; ~ский קאראאימישער; ~ский язы́к די קאראאימישע שפראך, קאראאימיש ז

каракалпа́к *м* קאראקאלפאק מ ־ן; ~ский קאראקאלפאקישער; ~ский язы́к די קאראקאלפאקישע שפראך, קאראקאלפאקיש ז

каракалпа́чка *ж* קאראקאלפאקן װ ־ס, קאראקאלפאטשקע װ ־ס

карака́тица *ж* 1. *зоол.* סעפיע װ ־ס; 2. *перен. разг.* פארזועניש ז, א מעשונעדיקע בריע

кара́кулевый קאראקול־, קאראקולנע(ר) *тж. неизм.*

кара́кул||**и** *мн.* (*ед.* кара́куля *ж*) קאָטשערעס מיט לאָפעטעס

кара́куль *м* קאראקול מ

караме́ль *ж* קאראמעל װ

каранда́ш *м* 1. בלײַער מ ־ס, בלײַפעדער װ ־ס, בלײַשטיפט מ ־ן; цветно́й ~ א קאָלירטער בלײַער; 2.: ~ для брове́й ברעמען־פארבשטיפט מ ־ן; ◇ взять на ~ אָפמערקן, פארשרײַבן*

каранда́ш||**ный** בלײַער־; ~ная фа́брика בלײַער־פאבריק װ ־ן; ~ный набро́сок א פארצייכענונג מיט א בלײַער

каранти́н *м* קאראנטין מ

карапу́з *м* *разг.* פעמפיקל ז ־עך, פיזשיקל ז ־עך

кара́сь *м* קאָרעס מ ־ן

кара́т *м* קאראט מ ־ן *(с колич. словами мн.* קאראט*)*

кара́тел||**и** *мн.* *собир.*: фаши́стские ~и די פאשיסטישע ראָצכים [הענקער]; **~ьный** שטראָף־; ~ьный отря́д שטראָף־אָטריאד מ ־ן, שטראָף־קאָמאנדע װ ־ס

кара́ть *несов.* שטראָפן, באשטראָפן

карау́л *м* 1. *воен.* װאך װ, קאראול מ; нача́льник ~а קאראול־עלטסטער מ ··טע; стоя́ть в ~е, нести́ ~ שטיין* [זײַן*] אין קאראול; сменя́ть ~ בײַטן* די װאך; 2. *в знач. межд.* גוואלד!, ראטעוועט!; ◇ почётный ~ ערנװאך װ; брать на ~ סאליוטירן מיטן געווער; про́сто хоть ~ кричи́ כאָטש שרײַ גוואלד

карау́лить *несов.* 1. *(охранять)* היטן*, באװאכן; 2. *разг.* *(подстерегать)* טשאטעווען (יאָך), לאָקערן (אף נאָך)

карау́льн||**ый** 1. *воен.* קאראול־, װאכ(ט)־; ~ое помеще́ние װאכ(ט)הויז ז (מצ. ··הײַזער), װאכלאָקאל מ ־ן; 2. *в знач. сущ.* *м* װאכסאָלדאט מ ־ן, קאראולנע מ =

карби́д *м* *хим.* קארביד מ

карбо́лка *ж* *разг.* קארבאָלקע װ, קארבאָל מ

карбюра́тор *м* קארביוראטאָר מ ־ס

карга́ *ж* *бран.* (אלטע) מעכאשייפע װ ־ס

кардина́л *м* קארדינאל מ ־ן

кардина́льный קארדינאלער; *(основной)* גרונטיקער

кардиогра́мма *ж* קארדיאָגראם װ ־ען, קארדיאָגראמע װ ־ס

карегла́зый מיט קארע אויגן *после сущ.*; קארע־אויגיקער

каре́л *м* קארעל מ ־ן; ~ка *ж* קארעלן װ ־ס

каре́льск||**ий** קארעלישער; ~ий язы́к די קארעלישע שפראך, קארעליש ז; ◇ ~ая берёза קארעלישע בערעזע

каре́т||**а** *ж* קארעטע װ ־ס, קארעטע װ ־ס; ~ка *ж* *тех.* קארעטקע װ ־ס

ка́риес *м* *мед.*: ~ (зубо́в) ציין־קאריאָז מ

ка́ри||**й** קארע(ר) *тж. неизм.*: טונקל־ברוינער; ~е глаза́ קארע אויגן

карикату́р||**а** *ж* קאריקאטור װ; *перен.* *тж.* נאָכקרימעניש ז; ~а на *кого-л.* א קאריקאטור אף עמעצן; ~а на *что-л.* א נאָכקרימעניש נאָך עפעס; **~и́ст** *м* קאריקאטוריסט מ ־ן; **~ный** 1. קאריקאטור־; ~ный стиль קאריקאטור־סטיל מ; 2. *(смешной)* קאריקאטורישער, לעכערלעכער

карка́с *м* קארקאס מ ־ן, גערעם ז

ка́ркать *несов.* קראקען

ка́ркнуть *сов. однокр.* א קראקע טאָן*

оби́дн||о 1. _нареч._ באליידיקנדיק; 2. _в знач. сказ. безл._ פארדריסלעך; ~о слýшать таки́е словá ס׳איז פארדריסלעך צו הערן אזעלכע ווערטער [דיבורים]; емý ~о, что егó не пригласи́ли ער פילט זיך באליידיקט, וואָס מ׳האָט אים ניט אײַנגעלאדן; 3. _в знач. сказ. разг._: ~о, что мы не встрéтились (ס׳איז) א שאָד, וואָס מיר האָבן זיך ניט בא-

גענט; ~ый 1. באלײדיקנדיקער; ~ое про́звище א באלײדיקנדיקער צונאָמען; 2. *разг.* (*досадный*) פארדריסלעכער; ~ая оши́бка א פארדריסלעכער פעלער

оби́дчивый באלײדעוודיקער; וואָס באלײדיקט זיך גרינג *после сущ.*

оби́дчик *м* באלײדיקער מ =, באאוולער מ =

обижа́ть *несов. см.* оби́деть

обижа́ться *несов.* באלײדיקן זיך; (на *кого-л.*) באלײדיקן זיך (אַף), ב(א)רויגעז זײַן* (אַף), האָבן* פאריבל (אַף); (на, за *что-л.*) באלײדיקן זיך (פאר), ב(א)רויגעז זײַן* (פאר), האָבן* פאריבל (פאר); не обижа́йся, но... נעם ניט פאר אומגוט, נאָר...

оби́жен||ный 1. (*обидевшийся*) ב(א)רויגעזער; (*на кого-л. тж.*) באלײדיקטער (אַף); וואָס האָט זיך באלײדיקט (אַף) *после сущ.*; он ~ тем, что... ער איז ב(א)רויגעז דערפאר, וואָס...; он на вас ~ ער איז אַף אײַך ב(א)רויגעז, ער האָט זיך אַף אײַך באלײדיקט; 2. (*выражающий чувство обиды*) ב(א)רויגעזער; ~ным то́ном מיט א ב(א)רויגעזן טאָן

оби́лие *с* 1. איבערפלוס מ, שעפע װ; 2. (*достаток*) שעפע װ, מאזל־בראָכע װ

оби́льн||о *нареч.* איבערגענוג, בעשעפע; (*щедро*) רײַך, מיט דער פולער האנט; ~ый 1. (*имеющийся в изобилии*) איבערגענוגער; איבערפליסיקער; (*щедрый*) רײַכער; ~ый урожа́й א רײַכע גערעטעניש; ~ые снега́ געדיכטע שנייען; ~ые дожди́ איבערפליסיקע רעגנס; ~ый у́жин א רײַכע [א פעטע] וועטשערע; 2. (*тв.; изобилующий*) רײַכער (מיט); (*отличающийся достатком*) שעפעדיקער, פול מיט שעפע *после сущ.*; ~ая страна́ א רײַך [א שעפעדיק] לאנד, א לאנד פול מיט שעפע

обиня́к *м*: без ~о́в אָן מאניפאָרגעס; говори́ть ~а́ми אָנצוהערענישן געבן*

обира́ть *несов. см.* обобра́ть

обита́||емый באוווינטער; ~тель *м* אײַנוווינער מ =

обита́ть *несов.* לעבן; (*в доме тж.*) וווינען

оби́ть *сов.* באשלאָגן*; (*мебель и т. п.*) באציען*; ~ же́стью באשלאָגן* מיט בלעך; ~ дива́н באציען* [באשלאָגן*] דעם דיוואַן

обихо́д *м* לעבנשטײגער מ; (*употребление*) געברויך מ; предме́ты ~а זאכן פון אלטעגלעכן געברויך; вы́йти из ~а ארויס|גיין* פון געברויך; (*о словах и т. п. тж.*) ארויס|גיין* פונעם אומגאנג־געברויך; ~ный פון טאָגטעגלעכן געברויך *после сущ.*; ~ный язы́к אומגאנג־שפראך װ

обката́ть *сов.*, **обка́тывать** *несов. разг.* 1. (*дорогу ездой*) אײַנפאָרן*; (*катком*) אײַנטראמבעווען; 2. (*автомобиль и т. п.*) אויספאָרן*

обкла́дывать(ся) *несов. см.* обложи́ть(ся)

обко́м *м* (областно́й комите́т) געגנטקאָם מ ־ען (געגנטלעכער קאָמיטעט);

обкра́дывать *несов. см.* обокра́сть

обкуса́ть *сов.*, **обку́сывать** *несов.* ארומבײַסן*, ארומהריזען

обла́ва *ж* 1. אבלאווע װ ־ס; 2. *охот.* העצגעיעג ז; (*цепь загонщиков*) יעגער־רינג מ

облага́ть *несов. см.* обложи́ть

облагора́живать *несов.*, **облагоро́дить** *сов.* 1. פארײדלערן, מאכן נאָבעלער; (*сделать более изысканным*) מאכן דערהויבענער [ראפינירטער]; 2. (*улучшить породу животных, растений*) פארבעסערן די ראסע (פון)

облада́ние *с* פארמאָגן ז; бой за ~ го́родом די שלאכטן פאר באהערשן די שטאָט

облада́тель *м* באזיצער מ =; ~ ти́тула טיטול־טרעגער מ =; ~ница *ж* באזיצערן װ ־ס

облада́ть *несов.* פארמאָגן; ~ тала́нтом האָבן* [פארמאָגן] (א) טאלאנט, זײַן* טאלאנטירט [באגאבט]

о́блак||о *с* וואָלקן מ ־ס; ◇ вита́ть в ~а́х שוועבן [פליען*] אין די הימלען

обла́мывать *несов. см.* облома́ть *и* обломи́ть; ~ся *несов. см.* облома́ться *и* обломи́ться

обласка́ть *сов.* צולאשטשען

областн||о́й 1. געגנטלעכער, געגנט־; ~о́й го́род געגנט־צענטער מ ־ס; ~о́й исполни́тельный комите́т געגנטלעכער אויספיר־קאָמיטעט; 2. (*диалектный*) לאָקאלער, פראָווינציִעלער; ~о́е сло́во לאָקאליזם מ ־ען, פראָווינציִאליזם מ ־ען

о́бласт||ь *ж* 1. (*часть страны*) געגנט װ ־ן; (*район распространения чего-л.*) זאָנע װ ־ס; Моско́вская ~ь מאָסקווער געגנט; ~ь ве́чных снего́в די זאָנע פון אײביקן שניי; 2. (*отрасль знаний, деятельности*) געביט ז ־ן, פעלד ז ־ער; в ~и фи́зики אין געביט [אפן פעלד] פון פיזיק; э́то не моя́ ~ь דאָס איז ניט מײַן געביט [ספערע]; 3. *анат.* זאָנע װ ־ס; бо́ли в ~и се́рдца ווײטיקן אין (דער זאָנע פונעם) הארצן

о́блачн||ость *ж* פארוואָלקנטקײט װ; ~ый פארוואָלקנטער, כמארנע(ר) *тж. неизм.*; ~ое не́бо א פארוואָלקנטער הימל; ~ый день א כמארנע טאָג

обла́ять *сов.* (*вин.*) 1. צעהאווקען זיך (אַף); *охот.* באהאווקען; 2. *груб.* (*обругать*) אויסזידלען

облега́ть *несов.* (*вин.*) 1. (*об одежде*) זײַן* ענג אויסגעפאסט, (שטײַף) ארומכאפן, ליגן* שטײַף; 2. *см.* обле́чь² 2

облегча́ть *несов. см.* облегчи́ть

облегче́ни||е *с* פארלײַכטערונג װ, פארגרינגערונג װ; (*ослабление боли тж.*) לינדערונג װ; вздохну́ть с ~ем גרינגער אָפעטעמען; вздох ~я פארלײַכטערונגס־זיפץ מ

облегчённ||о *нареч.*: ~о вздохну́ть גרינג אָפעטעמען, ארויסשטויסן* א פארלײַכטערונגס־זיפץ; ~ый 1. פארגרינגערטער; גרינג־, לײַכט־; пальто́ из ~ого дра́па א מאנטל פון גרינגערן [דינעם] דראפ; 2. (*упрощённый*) פארײנפאכטער; 3.: ~ый вздох פארלײַכטערונגס־זיפץ מ

облегчи́ть *сов.* 1. (*уменьшить вес чего-л.*) גרינגער מאכן; 2. (*упростить*) אײנפאכער מאכן; ~ констру́кцию самолёта פארײנפאכן [מאכן אײנפאכער] די קאָנסטרוקציע פונעם אעראָפלאַן; 3. (*сделать менее трудным*) פארלײַכטערן, פארגרינגערן; ~ *чью-л.* у́часть פארגרינגערן עמעצנס גוירל; 4. (*смягчить, ослабить*) פארגרינגערן, לינדערן; ~ боль פארגרינגערן [לינדערן] דעם ווײטיק; 5. (*успокоить кого-л.*) גרינגער מאכן אפן הארצן (דאט.); ~ ду́шу גרינגער מאכן דאָס הארץ

обледене́ние *с* פארײַזיקונג װ

обледене́ть *сов.* באדעקן זיך מיט אײַז, פארײַזיקט ווערן*

облека́ть *несов. см.* обле́чь¹

облека́ться *несов. см.* обле́чься

обleни́ться *сов.* ווערן* פויל, אָפלאָזן* זיך

облепи́ть *сов.*, **облепля́ть** *несов.* 1. (*прилипнуть со всех сторон*) באקלעפן; *перен.* (*об одежде*) שטײַף צושטײן* (צו); мо́края руба́шка облепи́ла спи́ну דאָס נאסע העמדל איז שטײַף צוגעשטאנען צום רוקן, דאָס נאסע העמדל האָט זיך צוגעקלעפט צום רוקן; колёса маши́ны облéплены грязью די רעדער פון דער מאשין זײַנען באקלעפט [זײַנען אײַנגעצן באדעקט] מיט בלאָטע; 2. (*обклеить*) באקלעפן, ארומקלעפן; 3. *разг.* (*окружить*) ארומטוליען זיך (ארום); (*о мухах и т. п.*) באזעצן; дéти облепи́ли егó די קינדער האָבן אים ארומגערינגלט; любопы́тные облепи́ли все óкна די נײַגעריקע האָבן זיך ארומגעטוליעט ארום אלע פענצטער

облеси́ть *сов.* באוואלד(יק)ן

облетáть^1 *несов. см.* облетéть

облетáть^2 *сов.* 1. (*летая, побывать повсюду*) אויספליען*; ~ всю страну́ אויספליען* דאָס גאנצע לאנד; 2. (*самолёт*) אויספליען*

облетé||ть *сов.* (*вин.*) 1. (*вокруг*) מאכן א קרײַזפלי (ארום); 2. (*пролететь стороной*) פליענדיק אויסמײַדן*, דורכפליען* באזײַט (פון); 3. (*быстро распространиться*) צעטראָגן* זיך (איבער), פארשפרייטן זיך (איבער); весть об э́том бы́стро ~ла гóрод די דאָזיקע ידיעה האָט זיך גיך צעטראָגן איבער דער גאנצער שטאָט; 4. (*опасть — о листьях*) אָפפאלן*; (*обнажиться — о деревьях*) אנטבלעטערן זיך, בלײַבן* הויל [נאקעט]

облéчь^1 *сов.* 1. *шутл.* (*кого-л. во что-л.; одеть*) ארופציען* (אַף); 2. (*окружить чем-л.*) אײַנהילן (אין); ~ *что-л.* тáйной אײַנהילן עפעס אין סודעסדיקײט; מאכן פון עפעס א טיפן סאָד; 3. (*выразить, воплотить*) געשטאלטיקן (אין), צוגעבן* דאָס געשטאלט (פון); ~ мы́сли в словá געשטאלטיקן די געדאנקען אין ווערטער; געבן* די געדאנקען דאָס געשטאלט פון ווערטער; ~ в óбразы פארקערפערן אין געשטאלטן; 4.: ~ влáстью געבן* די פולע מאכט; ~ полномóчиями געבן* פולמאכטן; ◇ ~ *когó-л.* довéрием שענקען* עמעצן פולן צוטרוי; облечённый довéрием באשאָנקען מיט פולן צוטרוי

облéчь^2 *сов.* 1. *см.* облегáть 1; 2. (*окутать — о тучах и т. п.*) באדעקן, פארהילן

облéчься *сов.* (в *вин.*) 1. *шутл.* (*одеться*) ארופציען* זיך אַף; 2. (*выразиться, воплотиться*) באקומען* דאָס געשטאלט (פון), געשטאלטיקן זיך (אין); ~ в óбразы פארקערפערן זיך אין געשטאלטן; ~ в словá אויסגעדריקט ווערן* אין ווערטער

обливáни||е *с* אָפגיסונג װ ־ען; лечи́ться ~ями היילן זיך [קורירן זיך] מיט אָפגיסונגען

обливáть *несов. см.* обли́ть 1; **~ся** *несов.* 1. *см.* обли́ться; 2.: ~ся слезáми באגיסן* זיך [באוואשן* זיך] מיט טרערן; ~ся пóтом באגיסן* זיך מיט שווייס; обливáясь крóвью אָפגייענדיק מיט בלוט, זיך באוואשנדיק מיט בלוט; ◇ сéрдце крóвью обливáется דאָס הארץ פארלויפט מיט בלוט, ס'רינט דאָס בלוט פונעם הארצן

облигáция *ж* אָבליגאציע װ ־ס

облизáть *сов.* 1. ארומלעקן; ~ гу́бы באלעקן די ליפן; 2. (*очистить языком*) אָפלעקן, באלעקן; кóшка облизáла котя́т די קאץ האָט באלעקט אירע קעצעלעך; ◇ пáльчики обли́жешь וועסט לעקן די פינגער, וועסט פילן טאם־גאנײדן; **~ся** *сов.* (*о животных*) ארומלעקן זיך

обли́зывать *несов. см.* облизáть; **~ся** *несов.* 1. *см.* облизáться; 2. (*облизывать губы; тж. перен.*) באלעקן זיך; ~ся на *что-л.* קוקן מיט הונגעריקע אויגן אַף עפעס

óблик *м* אָנבליק מ, אויסזען ז, מ; געשטאלט ז ־ן; морáльный ~ די מאָראלישע פיזיאָנאָמיע; городá меня́ют свой ~ די שטעט ענדערן זייער אויסזען [געזיכט]; всем своим ~ом он напоминáл моряка́ מיטן גאנצן אויסזען זײַנעם איז ער ענלעך געווען אַף א יאם־מאן

облисполкóм *м* (областнóй исполни́тельный комитéт) געבעט־אויספירקאָם מ ־ען (געבעטלעכער אויספיר־קאָמיטעט)

обли́ть *сов.* (*вин. тв.*) 1. (*окатить, обдать*) אָפגיסן*; (*пролив, запачкать*) פארגיסן* (אַף); 2.: лицó её бы́ло обли́то слезáми איר געזיכט איז באגאָסן [באוואָשן] געווען מיט טרערן; всё бы́ло обли́то лу́нным свéтом אלץ איז געווען באגאָסן מיט לעוואָנע־שײַן; **~ся** *сов.* אָפגיסן* זיך

облицевáть *сов.* (*вин. тв.*) אויסלייגן (מיט); (*кафелем тж.*) אויסקאכליען, אויסקאכלען; (*деревом тж.*) (אויס)פאנעלירן; (*мрамором*) מארמאָרירן

облицóв||ка *ж* 1. (*действие*) אויסלייגן ז; (*кафелем тж.*) אויסקאכלונג װ; (*деревом тж.*) (אויס)פאנעלירונג װ; (*мрамором*) מארמאָרירונג װ; 2. (*материал*) באדעק מ; **~очный:** ~очная пли́тка *собир.* באדעק־פליטקעס מצ.

облицóвывать *несов. см.* облицевáть

обличáть *несов.* 1. (*вин.*) מוסרן, שטורעמען (קעגן); (*бичевать*) בײַטשלען; (*вскрывать*) אויפדעקן; ~ порóки שטורעמען קעגן שלעכטע מידעס; 2. (*свидетельствовать о чём-л.*) אײדעס זאָגן, ווײַזן*; всё обличáло в нём человéка талáнтливого אלץ האָט געוויזן [האָט אײדעס געזאָגט], אז ער איז טאלאנטירט [אז ער פארמאָגט טאלאנט]

обличéние *с* אויפדעקן ז, בײַטשלען ז; (*выступление*) שטראָפרעדע װ ־ס

обличи́тель *м* (*род.*) שטורעמער מ = (קעגן), מוסער־זאָגער מ =; אויפדעקער מ = (פון); **~ный:** ~ная литератýра דעמאסקיר־ליטעראטור װ; ~ная речь שטראָפרעדע װ ־ס

обложéние *с* באשטײַערונג װ

обложи́||ть *сов.* 1. ארומלייגן; ~ть больнóго поду́шками ארומלייגן דעם כוילע מיט קישנס; 2. (*облицевать*) באדעקן, אויסלייגן; 3. (*обволочь; тж. безл.*) פארדעקן, פארציען*; всё нéбо ~ли ту́чи דעם גאנצן הימל האָבן פארדעקט [פארצויגן] כמארעס; всё нéбо ~лó ту́чами דער גאנצער הימל איז פארדעקט [איז פארצויגן] געוואָרן מיט כמארעס; 4.: язы́к облóжен די צונג איז ווײַס; 5. (*крепость, город*) באלאגערן; 6.: ~ть налóгом (*когó-л.*) ארופלייגן א שטײַער (אַף); (*что-л.*) באשטײַערן; ~ть дáнью ארופלייגן א צינש; **~ться** *сов.* (*тв.*) ארומלייגן זיך (מיט); ~ться кни́гами ארומלייגן זיך מיט ביכער

облóжка *ж* 1. (*книги*) טעוועלע ז ־ך, טאָוול מ ־ען; (*тетради, журнала*) הילע װ ־ס; 2. (*для документа*) פאָפאײַנפאסונג װ, טעוועלעך מצ., קעלע ז ־ך

обложнóй *разг.*: ~ дождь (אן אומופהערלעכער) גוסרעגן

облокáчиваться *несов.*, **облокоти́ться** *сов.* אָנלענען זיך

обломáть *сов.* 1. ארומברעכן*; 2. *разг.* (*уговорить когó-л.*) אײַנברעכן* (עמעצן), אײַנברעכן* עמעצנס אקשאָנעס; **~ся** *сов.* אײַנברעכן* זיך

обломи́ть *сов.* אָפברעכן*; **~ся** *сов.* אָפברעכן* זיך; вéтка обломи́лась דאָס צווײַגל האָט זיך אָפגעבראָכן

облóм||ок *м* 1. (*кусок*) ברוכשטיקל ז ־עך; *мн.* (אָפגעבראָכענע) רעשטלעך; 2. (*остаток чего-л. исчезнувшего*) איבערבלײַבס מ ־ן; ~ки стари́ны איבערבלײַבסן [רעשטלעך] פון אמאָל [פון אמאָליקע צײַטן]

облупи́ть *сов.* 1. אָפשיילן; 2. *разг.* (*обобрать*) ארומשינדן*, באנעמען* (פון קאָפ ביז פיס); **~ся** *сов.* 1. (*о* *коже и т. п.)* אָפּשיילן זיך; 2. *(о лаке, краске и т.п.)* אָפּשיילן זיך, אָפּרײַבן* זיך, אָפּפאַלן*

облуч||áть *несов. см.* облучи́ть; **~éние** *с* באַשטראַלונג װ; радиоакти́вное ~éние ראַדיאָאַקטיווע באַשטראַלונג; *(лечебное)* ראַדיאָטעראַפּיע װ

облучи́ть *сов.* באַשטראַלן

облучо́к *м* קאָזלע װ ־ס, קעלניע װ ־ס

облысе́ть *сов.* ליסע [פליכעוואַטע] ווערן*, באַקומען* א ליסינע [א פליך]

облюбова́||ть *сов.:* он ~л уголо́к ס'האָט זיך אים פאַליובעט א ווינקעלע, ער האָט זיך אָפּגעקליבן א ווינקעלע

обма́зать *сов.* **1.** אָפּשמירן; *(известью тж.)* אָפּקאַלכן; 2. *разг. (испачкать)* אויסשמירן, אויספּאַטשקען; **~ся** *сов. разг.* אויסשמירן זיך, אויספּאַטשקען זיך

обма́зывать(ся) *несов. см.* обма́зать(ся)

обма́кивать *несов.*, **обмакну́ть** *сов.* אײַנטונקען*

обма́н *м* **1.** *(дела́, поступок)* שווינדל מ, שווינדלערײַ װ ־ען; גענאַרערײַ ז; *(ложь)* שעקער מ; э́то ~! ס'איז שעקער־וועקעזוו!; обнару́жился ~ ס'איז אויפגעדעקט געוואָרן שווינדלערײַ; получи́ть *что-л.* ~ом באַקומען* עפּעס מיט [דורך] שווינדל; 2. *(заблуждение, ошибка):* впасть в ~ פאַרפירט ווערן*; 3. *(ложное представление)* פאַרבלענדעניש ז, אילוזיע װ; ~ зре́ния אויגן־פאַרבלענדעניש ז; опти́ческий ~ אָפּטישער טאָעס; **~ный** פאַלשער, פאַרפירערישער; ~ным путём מיט גענאַרערײַ, מיט שווינדל(ערײַ)

обма́нка *ж:* ци́нковая ~ *мин.* צינק־בלענד מ

обману́ть *сов.* 1. אָפּנאַרן; *(поступить нечестно по отношению к кому-л.)* באַשווינדלען; 2.: ~ *чьи-л.* надёжды אָפּנאַרן [ניט באַרעכטיקן] עמעצנס האָפענונגען; ~ *чью-л.* бди́тельность אָפּנאַרן עמעצנס וואַכזאַם אויג; 3. *(изменить мужу, жене)* אָפּנאַרן; 4. *(соблазнить)* פאַרפירן; **~ся** *сов.* אָפּנאַרן זיך; זײַן* גענאַרט

обма́нчив||ый פאַרפירערישער; ~ая тишина́ א פאַרפירערישע שטילקײַט; нару́жность ~а אויסערלעכקײַט פאַרפירט

обма́нщ||ик *м* אָפּנאַרער מ =, (באַ)שווינדלער מ =; **~ица** *ж* שווינדלערקע װ ־ס, (באַ)שווינדלערן װ ־ס

обма́нывать *несов. см.* обману́ть; **~ся** *несов. см.* **обману́ться**

обма́тывать(ся) *несов. см.* обмота́ть(ся)

обма́хивать *несов.* 1. באַפאָכ(ע)ן; באַפעכערן; 2. *см.* обмахну́ть; **~ся** *несов.* באַפאָכ(ע)ן זיך, באַפעכערן זיך

обмахну́ть *сов. (пыль и т. п.)* אַראָפּקערן, אַראָפּפאָכ(ע)ן; *(очистить от пыли и т. п.)* אָפּרייניקן

обмеле́ть *сов.* פלאַך(וואַסערדיק) ווערן*, פלאַטשיק ווערן*

обме́н *м* **1.** *(действие)* אויסבײַט מ, אויסטויש מ; *(документов)* בײַטן ז; ~ мне́ниями מיינונגען־אויסטויש מ; ~ о́пытом דער אויסטויש מיט דער דערפאַרונג; ~ но́тами *дип.* נאָטעס־אויסטויש מ, דער אויסטויש מיט נאָטעס; ~ посла́ми *дип.* דער אויסטויש מיט אַמבאַסאַדאָרן; в ~ на… אַלס א בײַט פאַר…; в поря́дке ~а אין סײַדער פון אויסטויש; 2. *эк.* אויסטויש מ; ◇ ~ веще́ств שטאָפן־אומבײַט מ, שטאָפן־וועקסל מ

обме́нивать(ся) *несов. см.* обменя́ть(ся)

обменя́ть *сов. (отдать взамен)* אויסבײַטן*, אויסטוישן; *(случайно)* פאַרבײַטן*; **~ся** *сов.* בײַטן* זיך, אויסטוישן זיך; *(случайно)* פאַרבײַטן* זיך; ~ся слова́ми איבערוואַרפן* זיך מיט ווערטער; ~ся мне́ниями האָבן* צווישן זיך א מיינונגען־אויסטויש; ~ся взгля́дами איבערקוקן זיך (איינער מיטן צווייטן); ~ся посла́ми *дип.* אויסטוישן זיך מיט אַמבאַסאַדאָרן

обмере́ть *сов. разг.* שיר ניט שטאַרבן*; *(о сердце, душе)* פאַרשטאַרבן ווערן*; ~ от у́жаса שיר ניט שטאַרבן* פאַר שרעק

обме́ривать *несов.*, **обме́рить** *сов.* **1.** *(измерить)* אויסמעסטן*; 2. *разг. (обмануть при измерении)* אָפּנאַרן באַ [אַף] דער מאָס, געבן* א פאַלשע מאָס

обмеря́ть *несов. см.* обме́рить

обмести́ *сов. (очистить от пыли и т. п.)* אָפּרייניקן; *(пыль и т. п.)* אַראָפּקערן

обмета́ть^{1} *несов. см.* обмести́

обмета́ть^{2} *сов. (петли и т. п.)* באַוואַרפן*, אַרומנייען, אַרומשלייפן

обмётывать *несов. см.* обмета́ть^{2}

обмира́ть *несов. см.* обмере́ть

обмола́чивать *несов. см.* обмолоти́ть

обмо́лвиться *сов.* 1. *(оговориться)* זאָגן ניט אַזוי; 2. *(проговориться)* אַרויסכאַפּן זיך מיט א וואָרט; ◇ не ~ ни сло́вом о *чём-л.* קיין וואָרט ניט זאָגן [ניט דערמאָנען] וועגן עפּעס

обмо́лвка *ж* רייד־טאָעס מ

обмоло́т *м* 1. *(действие)* דרעשן ז; *(определённого количества зерна)* אויסדרעשן ז; 2. *(обмолоченное зерно)* געדרעש ז

обмолоти́ть *сов.* אויסדרעשן*

обмора́живать *несов.*, **обморо́зить** *сов.* אָפּפרירן*

о́бморок *м* כאַלאָשעס ז, אָנמאַכט װ; упа́сть в ~ פאַלן* אין אָנמאַכט, כאַלעשן, בלײַבן* אין כאַלאָשעס

о́бморочн||ый: ~ое состоя́ние פאַרשמאַכטקײַט װ, פאַרכאַלעשטקײַט װ

обмота́ть *сов.* אַרומוויקלען

обмо́тка *ж* 1. *эл.* (אָנ)וויקלונג װ; 2. *мн. (ботинок)* וויקל־געטרעס מצ.

обмундирова́ние *с* 1. *(действие)* מונדירונג װ; 2. *(комплект одежды)* אוניפאָרם װ ־ען, מונדירונג װ

обмундирова́ть *сов.* געבן* מונדירונג; **~ся** *сов.* באַקומען* מונדירונג

обмыва́ть(ся) *несов. см.* обмы́ть(ся)

обмы́ть *сов.* אַרומוואַשן*; **~ся** *сов.* אַרומוואַשן* זיך

обмя́кнуть *сов. разг.* 1. ווייך [צעווייכט] ווערן*; 2. *(стать вялым)* שלאַבעריק ווערן*; 3. *(смягчиться)* ווייכער ווערן*

обнагле́ть *сов.* כוצפּעדיק ווערן*, (גאָר) פרעך ווערן*

обнадёживать *несов.*, **обнадёжить** *сов.* צוגעבן* האָפענונג; *(обещанием)* צוזאָגן, פאַרזיכערן

обнажа́ть(ся) *несов. см.* обнажи́ть(ся)

обнажённ||ый 1. אַנטבלויזטער, נאַקעטער, הוילער; с ~ой голово́й מיט א הוילן [מיט אן אָפּגעדעקטן] קאָפּ; ~ые пле́чи נאַקעטע [אַנטבלויזטע] אַקסלען; 2. *(лишённый листвы, растительности)* נאַקעטער, הוילער; 3. *(незащищённый)* אָפּגעדעקטער; *перен.* אָפענער

обнажи́ть *сов.* 1. אַנטבלויזן, אָפּדעקן; ~ го́лову אַנטבלויזן [אָפּדעקן] דעם קאָפּ; (пе́ред *тв.*) אַראָפּנעמען* דאָס היטל (פאַר); 2. *(лишить листвы)* אַנטבלעטערן; 3. *(освободить от покрова)* אָפּדעקן, אַנטבלויזן; *перен.*

אופדעקן; 4. *(вынув из ножен)* אנטבלויזן, ארויסציען*; 5.: ~ фронт אנטבלויזן דעם פראָנט; 6. *перен.* ארויסווײַזן*; ~ся *сов.* 1. *(обнажить свое тело)* אויסטאָן* זיך נאקעט; 2. *(о какой-л. части тела)* אופדעקן זיך, אנטבלויזן זיך; 3. *(лишиться листвы)* אנטבלעטערן זיך; 4. *(оказаться ничем не прикрытым)* אָפגעדעקט ווערן*; *(стать явным)* ארויסווײַזן* זיך

обнаро́довать *сов.* פארעפנטלעכן, פובליקירן

обнару́живать(ся) *несов. см.* обнару́жить(ся)

обнару́жить *сов.* 1. *(найти)* געפינען*, אנטדעקן; *(случайно)* דערזען*, באמערקן; *(раскрыть)* אופדעקן; ~ проти́вника אופדעקן, ווּ ס'געפינט זיך דער סוינע; 2. *(открыть взору)* באווײַזן*, אנטפלעקן; *(проявить)* ארויסווײַזן*; ~ больши́е спосо́бности ארויסווײַזן* גרויסע° פעיקײַטן; ~ся *сов.* 1. *(отыскаться)* אָפזוכן זיך, געפינען* זיך; 2. *(выясниться)* ארויסווײַזן* זיך, קלאָר ווערן*; неожи́данно обнару́жилось, что... אומגעריכט האָט זיך ארויסגעוויזן, אז...; 3. *(стать видимым)* באווײַזן* זיך; *(проявиться)* ארויסווײַזן* זיך, אנטפלעקן זיך

обнести́ *сов.* 1. *(огородить)* ארומצוימען, ארומנעמען*; 2. *(угостить всех)* ארומטיילן קיבעד; אונטערטראָגן* (יעדן גאסט) קיבעד; 3. *(пропустить при угощении)* פארטיילן מיט קיבעד

обнима́ть(ся) *несов. см.* обня́ть(ся)

обнища́ние *с* פאראָרעמטקײַט ‖; *(процесс)* דאָס פאראָרעמט ווערן

обнища́ть *сов.* פאראָרעמט ווערן*

обнови́ть *сов.* 1. *(восстановить первоначальный вид)* באנײַען; *(возродить)* צוגעבן* פרישע קויכעס, אופלעבן; обновлённый край אופגעלעבטער [באנײַטער] קאנט; 2. *(пополнить новым)* באנײַען; *(репертуар и т. п.)* אָפפרישן; 3. *разг. (впервые употребить новую вещь)* באנײַען; ~ся *сов.* 1. באנײַט ווערן*; *(о человеке тж.)* ווערן* (ווי) נײַ געבאָרן; 2. *(стать новым по составу)* באנײַט ווערן*

обно́вка *ж разг. (одежда)* נײַער מאלבעש; *(обувь)* נײַע שיך

обновле́ние *с* באנײַונג ‖, באנײַען I

обновля́ть(ся) *несов. см.* обнови́ть(ся)

обноси́ть *несов. см.* обнести́

обноси́ться *сов. разг. (износить одежду, обувь)* גיין* אָפגעריסן; ניט האָבן* וואָס אָנצוטאָן; 2. *(износиться)* אָפטראָגן* זיך, אָפגעטראָגן ווערן*, אָפגעניצט ווערן*

обню́хать *сов.*, **обню́хивать** *несов.* ארומשמעקן, באשמעקן

обня́ть *сов.* 1. *(заключить в объятия)* ארומנעמען*; האלדזן; 2.: ~ взо́ром, взгля́дом ארומכאפן מיטן אויג; 3. *(овладеть — о чувствах)* ארומכאפן, באהערשן; 4. *(постигнуть)* ארומכאפן, מאסיג זײַן*, באנעמען*; ~ся *сов.* ארומנעמען* זיך, האלדזן זיך

обобра́ть *разг.* 1. *(кого-л.)* באנעמען* (פון קאָפ ביז פיס), אויסבײַטלען; 2. *(что-л.)* קלײַבן*

обобща́ть *несов. см.* обобщи́ть

обобщ‖е́ние *с* פאראלגעמיינערונג ‖ ־ען; ~ённый פאראלגעמיינערטער; *(не затрагивающий частностей)* אלגעמיינער, סומארער

обобществ‖и́ть *сов.* פארגעזעלשאפטלעכן; *(крестьянские хозяйства)* קאָלעקטיוויזירן; ~ле́ние *с эк.* פארגעזעלשאפטלעכן I, פארגעזעלשאפטלעכונג ‖; *(крестьянских хозяйств)* קאָלעקטיוויזאציע ‖, קאָלעקטיוויזירן I; ~лённый *эк.* פארגעזעלשאפטלעכטער

обобществля́ть *несов. см.* обобществи́ть

обобщи́ть *сов.* 1. *(объединить)* פארייניקן; 2. *(вскрыть общее в отдельных явлениях)* פאראלגעמיינערן

обогати́тельн‖ый: ~ая фа́брика *горн.* די פאבריק פאר ארץ־בארײַכערונג, ארץ־בארײַכערנדיקע פאבריק

обогати́ть *сов.* 1. *прям. и перен.* בארײַכערן, רײַך מאכן; ~ свой о́пыт בארײַכערן די אייגענע דערפארונג; ~ руду́ *горн.* בארײַכערן דאָס ארץ; ~ по́чву (азо́том) פארבעסערן דעם באָדן (מיט שטיקשטאָף); ~ся *прям. и перен.* בארײַכערן זיך, בארײַכערט ווערן*; *(нажиться тж.)* ניסאשער ווערן*

обогаща́ть(ся) *несов. см.* обогати́ть(ся)

обогаще́ние *с* בארײַכערונג ‖

обогна́ть *сов. прям. и перен.* איבעריאָגן, אריבעריאָגן

обогну́ть *сов. (пешком)* פארגיין* ארום; *(объехать)* פארפאָרן* ארום

обоготвори́ть *сов.*, **обоготворя́ть** *несов.* פארגעטערן

обогрева́ть *несов.* געבן* ווארעם, באווארעמען; ~ся *несов.* באווארעמט ווערן*; *(тв.; использовать для обогревания помещения)* באקומען* ווארעם (פון); *(греться)* ווארעמען זיך

обогре́ть *сов. разг.* באווארעמען, אָנווארעמען; ~ся *сов. разг.* אָנווארעמען זיך, דערווארעמען זיך

о́бод *м* 1. אָבאָד ם ־עס; обо́дья колёс די אָבאָדעס [רייפן] פון די רעדער

обод‖о́к *м* רעמל I ־עך, ארומזוים ם; таре́лка с голубы́м ~ко́м א טעלער מיט א בלוי פאסיקל

обо́дранный צעריסענער, צעפליקטער; *разг. (о человеке)* אָפגעריסענער־אָפגעשליסענער

ободра́ть *сов.* 1. ארומרײַסן*; *(тушу)* אָפשינדן* די פעל (פון); 2. *разг. (исцарапать)* צעדראפען; 3. *разг. (отнять имущество и т. п.)* באנעמען* (פון קאָפ ביז פיס); ◇ ~ как ли́пку אויסטאָן* דאָס העמד פון לײַב (דאט.)

ободри́ть *сов. (вин.)* דערמוטיקן, צוגעבן* מוט (דאט.), דערמונטערן; ~ся *сов.* דערמוטיקט ווערן*, באקומען* מוט, דערמונטערן זיך

ободря́ть(ся) *несов. см.* ободри́ть(ся)

обожа́ние *с* פארגעטערונג ‖

обожа́ть *несов.* פארגעטערן; *(сильно любить) разг.* ליב האָבן דאָס כײַעס

обожда́ть *сов. разг.* צוווארטן, אָפווארטן

обожеств‖и́ть *сов.* פארגעטערן; ~ле́ние *с* פארגעטערונג ‖, פארגעטערן I

обожествля́ть *несов. см.* обожестви́ть

обо́з *м* 1. וואלקע ‖ ־ס; 2. *уст. воен.* אָבאָז ם ־ן

обозва́ть *сов.* אָנרופן*; ~ *кого-л.* дурако́м אָנרופן* עמעצן נאר

обозли́ть *сов.* דעראגזענען, צעבייזערן; ~ся *сов.* דעראגזענען זיך, צעבייזערן זיך, אין קאס ווערן*

обозна́ться *сов. разг.* א טאָעס האָבן*, אָנעמען* (אלפי טאָעס) פאר אן אנדערן

обознача́‖ть *несов.* 1. *см.* обозна́чить; 2. *(значить)* הייסן*, באטײַטן; что ~ет э́то сло́во? וואָס באטײַט אָט דאָס וואָרט?; ~ться *несов. см.* обозна́читься

обозначе́ни‖е *с (знак)* באצייכענונג ‖ ־ען, צייכן ם ־ס; усло́вные ~я טנײַ־צייכנס מצ.

обозна́чить *сов.* 1. *(пометить)* אָפּמערקן, אָפּצייכענען; *(условным знаком)* באַצײ׳כענען; 2. *(указать, назвать)* אָפּצייכענען, באַשטי׳מען; 3. *(сделать заметным)* אָנצייכענען; **~ся** *сов.* 1. אָנמערקן זיך, אָנזיכטיק ווערן*; 2. *разг.* *(стать ощутимым)* אָנמערקן זיך, אָנהייבן* זיך פילן

обозрева́тель *м* = אי׳בערזיכטלער מ; *(газеты и т. п. тж.)* קאָמענטאַטאָר מ ־ס

обозрева́ть *несов. см.* обозре́ть

обозре́ни||е *с* 1. *(действие)* באַקוקן ז, באַקוק מ; для всео́бщего ~я פאַר אַלעמענס אויגן, אַז אַלע זאָלן זען; 2. *(обзор)* אי׳בערזיכט מ ־ן, אי׳בערבליק מ ־ן; междунаро́дное ~е צווישנפֿעלקערלעכער אי׳בערזיכט [אי׳בערבליק]; 3. *(эстрадное представление)* רעוויו מ ־ען

обозре́ть *сов.* אַרומבליקן, באַקוקן; *(в статье и т. п.)* באַטראַכטן

обо́||и *мн.* טאַפּעטן מצ., שפּאַליר מ; אָבאָיעס מצ. *разг.;* окле́ить ~ями אויסשפּאַלירן, (אויס)טאַפּעצי׳רן

обо́йма *ж* פּאַטראָנען־רעמל ז ־עך; אָבאָימע וו ־ס *разг.*

обойти́ *сов.* *(вин.)* 1. *(вокруг)* (אַרומ)גיין* אַרום און אַרום (עפּעס); ~ дом אַרומגיין* אַרום און אַרום דעם הויז; 2. *(пройти)* אויסגיין*; *(посетить)* אויסזײַן* (אין); ~ весь го́род אויסגיין* די גאַנצע שטאָט; ~ все музе́и אויסזײַן* [אי׳בערזײַן*] אין אַלע מוזייען; 3. *воен.:* ~ проти́вника с фла́нга פאַרגיין* דעם סוינע פון דער פלאַנג־זײַט; 4. *(пройти стороной)* אויסמײַדן*, פאַרבײַגיין* (אַרום); *перен.* *(не задеть, не коснуться кого-л.)* אויספעלן, אויסמײַדן*; ~ лу́жу דורכגיין* באַזײַט פון דער קאַליוזשע, אויסמײַדן* די קאַליוזשע; несча́стье их обошло́ דער אומגליק האָט זיי אויסגעפעלט [אויסגעמיטן]; 5. *(не коснуться — в разговоре и т. п.)* אויסמײַדן*; ~ не́которые подро́бности פאַרשווײַגן* [דורכלאָזן*] אייניקע פּראָטים; 6. *(уклониться от исполнения)* אויסמײַדן*; אַרומגיין* *разг.;* попы́тка ~ зако́н דער פּרווו אויסמײַדן* [אַרומגיין*] דעם געזעץ; 7.: ~ *кого-л.* по слу́жбе באַאַוולען עמעצן מיטן פּאָסטן [מיטן ראַנג]; 8. *(распространи́ться повсюду)* צעטראָגן* זיך (איבער); слух обошёл весь го́род דער קלאַנג האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט; 9. *разг.* *(обогнать)* אַרי׳בעריאָגן, לאָזן* הינטער זיך; 10. *разг.* *(обмануть)* אי׳בערכיטרעווען, אָפּשווינדלען

обойти́сь *сов.* 1. (с *тв.; поступить*) באַגיין* זיך (מיט), באַנעמען* זיך (מיט); пло́хо ~ с *кем-л.* באַגיין* זיך שלעכט° מיט עמעצן; 2. *разг.* *(стоить)* (אָפּ)קאָסטן; ремо́нт обошёлся в сто рубле́й דער רעמאָנט האָט אָפּגעקאָסט הונדערט רובל; э́то ему́ до́рого обойдётся דאָס וועט אים טײַער קאָסטן; *перен. тж.* ער וועט דערפאַר טײַער באַצאָלן, ס׳וועט אים גרינג ניט אָפּגיין; 3. *разг.* *(тв.; удовольствоваться)* באַנוגענען זיך (מיט); (без *род.*) באַגיין* זיך (אָן); ~ стака́ном ча́ю באַנוגענען זיך מיט אַ גלאָז טיי; ~ тремя́ рубля́ми в день באַנוגענען זיך [דורכקומען*, אויסקומען*] מיט דרײַ רובל אַ טאָג; ~ без посторо́нней по́мощи באַגיין* זיך אָן זײַטיקער הילף; 4. *безл.* *(происходить)* אָפּגיין*; не обошло́сь без разногла́сий ס׳איז ניט אָפּגעגאַנגען אָן כילוקי־דייעס; 5. *обыкн.* *безл.* *(благополучно окончиться):* ка́к-нибудь обойдётся ס׳וועט ווי־ניט־איז דורכגיין*, ס׳וועט זײַן* רעכט; всё обошло́сь благополу́чно אַלץ איז דורכגעגאַנגען גלאַט [בעשאָלעם]

обо́йщик *м* = שפּאַלי׳רער מ, = טאַפּעצי׳רער מ; אָבאָישטשיק מ ־עס *разг.*

обокра́сть *сов.* באַגאַנווענען*

оболга́ть *сов.* *(вин.)* *разг.* אָנרעדן* רעכי׳לעס [לאָשנהאָרע] (אויף)

оболо́чка *ж* 1. אײַנהיל מ ־ן; *перен.* הײַטל ז, מאַסקע וו; вне́шняя ~ דאָס אויסערלעכע הײַטל; 2. *биол., анат.* הײַטל ז ־עך; ра́дужная ~ רעגנבויגן־הײַטל ז ־עך; рогова́я ~ האָרן־הײַטל ז ־עך; сли́зистая ~ שלײַם־הײַטל ז ־עך

обольсти́ть *сов.* 1. פאַרבלענדן, פאַרפֿי׳רן; 2. *уст.* *(соблазнить)* פאַרפֿי׳רן; **~ся** *сов.* *(тв.)* לאָזן* זיך פאַרבלענדן [פאַרפֿי׳רן] (פון); ~ся успе́хом לאָזן* זיך פאַרבלענדן פונעם דערפאָלג

обольща́ть *несов. см.* обольсти́ть; **~ся** *несов.* 1. *см.* обольсти́ться; 2. *(быть в приятном заблуждении)* זײַן* פאַרבלענדט; не обольща́йтесь! נאַרט זיך ניט אָפּ!

обольще́ние *с* *(соблазн)* רייץ מ ־ן, יעצערהאָרע מ

обоня́ние *с* שמעק־כוש מ, כוש־האָרייעך מ; то́нкое ~ אַ פײַנער שמעק־כוש [כוש־האָרייעך]

обора́чиваемость *ж* פאַרקערלעכקייט וו; ~ оборо́тных средств *эк.* די פאַרקערלעכקייט פון די אומזאַץ־מיטלען

обора́чивать(ся) *несов. см.* оберну́ть(ся)

обо́рванец *м разг.* האָלעדרי׳גע מ ־ס, — אָן אָפּגעריסענער אָן אָפּגעשליסענער

обо́рванный 1. אָפּגעריסענער; 2. *(незаконченный)* אָפּגעריסענער, ניט־פאַרענדיקטער

оборва́ть *сов.* 1. *(со всех сторон)* אַרומרײַסן*; 2. *(дёрнув, разорвать)* אי׳בעררײַסן*, אָפּרײַסן*; ~ про́вод אי׳בעררײַסן* דעם דראָט; 3. *(прекратить)* אי׳בעררײַסן*; ~ разгово́р на полусло́ве אי׳בעררײַסן* די רייד אינמי׳טן וואָרט; 4. *разг.* *(кого-л.; заставить замолчать)* אי׳בערהאַקן די רייד (דאַט.); **~ся** *сов.* 1. *(о верёвке и т. п.)* אי׳בעררײַסן* זיך; 2. *(сорваться, упасть)* אָפּרײַסן* זיך, אַראָפּפאַלן*; 3. *(внезапно прекратиться)* אי׳בערגעריסן ווערן*; *(замолчать)* פאַרהאַקן זיך

обо́рка *ж* שליאַרע וו ־ס

оборо́н||а *ж* 1. *(действие)* פאַרטיידיקונג וו, פאַרטיידיקן ז, באַשי׳צונג וו, באַשי׳צן ז; ~а Ленингра́да די פאַרטיידיקונג פון לענינגראַד, דאָס פאַרטיידיקן לענינגראַד; перейти́ от ~ы к наступле́нию אי׳בערגיין* פון פאַרטיידיקונג צו אָנגריף; 2. *(совокупность оборонительных средств)* שוץ וו; крепи́ть ~у страны́ פאַרשטאַרקן [פעסטיקן] די לאַנד־שוץ; 3. *(линия оборонительных сооружений)* שוץ־ליניע וו; прорва́ть ~у проти́вника דורכרײַסן* [דורכברעכן*] די שוץ־ליניע פונעם סוינע; кругова́я ~а קרײַז־פאַרטיידיקונג וו, פאַרטיידיקונג אין אַרומרינגלונג

оборони́тельн||ый שוץ־; ~ое ору́жие שוצגעווער ז; заня́ть ~ую пози́цию פאַרנעמען* אַ שוץ־פּאָזיציע

оборо́нн||ый שוץ־; ~ая промы́шленность שוץ־אינדוסטריע וו.

обороноспосо́бн||ость *ж* שוצפעיקייט וו; **~ый** שוצפעיקער

обороня́ть *несов.* באַשי׳צן, פאַרטיידיקן; **~ся** *несов.* באַשי׳צן זיך, פאַרטיידיקן זיך

оборо́т *м* 1. אומדריי מ ־ען *(при обозначении ско-*

рости вращения мн. אומדריי); сто ~ов в мину́ту הונדערט אומדריי (אין) א מינוט; 2. *эк.* אומזאץ מ; годово́й ~ יאָר־אומזאץ מ; 3. *(вагонов и т. п.)* אומלויף מ; *(сельскохозяйственных культур)* ציקל מ; 4. *(использование)* געברויך מ; *(сло́ва тж.)* אומגאַנג־געברויך מ; изъя́ть из ~а ארויסנעמען* פונעם פארקער; 5. *(поворот)* (אויס)קער מ ־ן; 6. *(новое направление)* ווענדונג וו ־ען, קער מ; разгово́р при́нял друго́й ~ דאָס געשפרעך האָט אָנגענומען אן אנדער ווענדונג; 7. *(обратная сторона)* די פארקערטע [די אנדערע] זייט; смотри́ на ~е זע אף דער אנדערער [אף יענער] זייט; 8. *(словесное выражение)* אויסדרוק מ ־ן, קאָנסטרוקציע וו ־ס; ~ ре́чи רייד־קאָנסטרוקציע וו ־ס; ◇ брать, взять *кого-л.* в ~ נעמען* עמעצן אין דער ארבעט

о́боротень *м фольк.* גילגול מ (מצ. גילגולים)

оборо́тистый *разг.* פיפיקער

оборо́тн||ый 1. *эк.* אומזאץ־; ~ый капита́л אומזאץ־קאפיטאל מ; 2.: ~ая сторона́ די פארקערטע [די אנדערע] זייט

обору́дование *с* 1. *(действие)* אויסשטאטן ז, אויסשטאטונג ז, אויסריכטן ז, אויסריכטונג וו; 2. *(аппаратура и т. п.)* אויסשטאטונג וו, אויסריכטונג וו; но́вое ~ шахт די נייע אויסשטאטונג פון שאַכטעס

обору́довать *сов. и несов.* אויסשטאטן, אויסריכטן; за́ново ~ цех איבעראויסשטאטן דעם צעך; ~ во дворе́ спортплоща́дку מאכן אינעם הויף א ספּאָרט־פּלאַץ

обоснова́ние *с* וו באגרינדונג; нау́чное ~ וויסנשאפטלעכע באגרינדונג

обосно́ванный באגרינדעטער

обоснова́ть *сов.* באגרינדן; ~ предложе́ние באגרינדן [מאָטיווירן] דעם פאָרשלאָג; ~ся *сов. разг.* איינפונדעווען זיך

обосно́вывать *несов. см.* обоснова́ть

обосно́вываться^1 *несов. см.* обоснова́ться

обосно́вываться^2 *несов.* (на *предл.*) באגרינדן זיך (אף), זיין* באגרינדעט (אף)

обосо́бить *сов.* אָפּזונדערן; ~ся *сов.* אָפּזונדערן זיך

обосо́бленн||ый 1. אָפּגעזונדערטער, איזאָלירטער; 2. *грам.* אָפּגעזונדערטער; ~ые чле́ны предложе́ния אָפּגעזונדערטע זאצגלידער

обособля́ть(ся) *несов. см.* обосо́бить(ся)

обостре́ние *с* 1. *(чувств, ощущений)* וו פארשארפונג; 2. *(ухудшение)* שארפע פארערגערונג; ~ боле́зни א שארפע פארערגערונג פון דער שלאַפקייט; 3. *(отношений и т. п.)* וו פארשארפונג; ~ противоре́чий א פארשארפונג פון די ווידערשפרוכן; ~ кла́ссовой борьбы́ א פארשארפונג פונעם קלאַסן־קאמף

обострённ||ый 1. *(о чертах лица)* פארשפיצטער, שארפער; 2. *(об ощущении, восприятии и т. п.)* פארשארפטער; ~ый слух פארשארפט געהער; געבויערטע אויערן *разг.*; ~ое внима́ние פארשארפטע אויפמערקזאמקייט; 3. *(об отношениях)* פארשארפטער

обостри́ть *сов.* 1. *(чувства)* פארשארפן, שארפער מאכן; 2. *(боль, болезнь)* שטארקער מאכן; 3. *(отношения)* פארשארפן; ~ междунаро́дную обстано́вку פארשארפן די צווישנפעלקערלעכע לאַגע; ~ся *сов.* 1. *(о чертах лица)* שארפער ווערן*; *(о носе)* פארשפיצט ווערן*; 2. *(о чувствах)* שארפער ווערן*; 3. *(о боли, о болезнях)* שטארקער ווערן*; 4. *(об отношениях)* פארשארפט ווערן*, אָנגעשטרענגטער ווערן*

обостря́ть(ся) *несов. см.* обостри́ть(ся)

обо́чин||а *ж* וועגראנד מ ־ן; на ~е доро́ги אפן ראנד פונעם וועג

обою́дн||ый קעגנזייטיקער; с ~ого согла́сия מיט קעגנזייטיקער האסקאָמע, מיט דער האסקאָמע פון ביידע צדאָדים

обоюдоо́стрый *прям. и перен.* צוויישארפיקער; מיט צוויי שארפן *после сущ.*

обраба́тывать *несов. см.* обрабо́тать

обраба́тывающ||ий: ~ая промы́шленность די באארבעטנדיקע אינדוסטריע

обрабо́тать *сов.* באארבעטן; ~ дета́ль באארבעטן די דעטאל; ~ зе́млю באארבעטן [קולטיווירן] די ערד; ~ наро́дную пе́сню באארבעטן [אומארבעטן] א פאָלקסליד; ~ ра́ну באארבעטן [דעזינפיצירן] די וווּנד

обрабо́тка *ж* וו באארבעטונג; ~ на шлифова́льном станке́ באארבעטונג מיט א שלייף־ווערקשטעל; שלייפונג וו; музыка́льная ~ מוזיקאלישע באארבעטונג [אומארבעטונג]; литерату́рная ~ ליטערארישע באארבעטונג; רעדאגירונג; ~ поступа́ющей информа́ции די באארבעטונג [דער אנאליז] פון דער אָנקומענדיקער אינפאָרמאציע

обра́довать *сов.* דערפרייען; ~ся *сов.* דערפרייען זיך; *(дат.)* דערפרייען זיך (מיט); ~ся пода́рку דערפרייען זיך מיט דער מאטאָנע

о́браз *м* 1. *тк. ед. (внешний вид, облик кого-л.)* געשטאלט ז ־ן; 2. *обыкн. мн. (живое представление о ком-л., чём-л.)* בילדער מצ.; ~ы про́шлого בילדער פון דער פארגאנגענהייט; 3. *(тип, характер в художественном произведении)* געשטאלט ז ־ן; 4. *(характер, склад)* ארט מ ־ן, אויפן מ (מצ. אויפאנים); ~ мышле́ния דער ארט דענקען; ~ жи́зни דער ארט לעבן, פירונג וו; ~ правле́ния רעגירונגס־פאָרם וו; ~ де́йствий אויפן פון האנדלונג; 5.: коренны́м ~ом ראדיקאל, אף [א] ראדיקאלן אויפן; ра́вным ~ом דעס(ט)גלייכן, פונקט אזוי; каки́м ~ом? וויאזוי, אף וואָס פאר אן אויפן?; нико́им ~ом בעשום־אויפן (ניט), אין קיין פאל ניט; таки́м ~ом אף אזא אויפן; *вводн. сл.* אזויארום; ◇ обстоя́тельство ~а де́йствия *грам.* אויפן־אומשטאנד מ ־ן, אויפן־באשטימונג וו ־ען; по ~у и подо́бию *чьему-л.* לויט עמעצנס פורעם און געשטאלט

образ||е́ц *м* 1. מוסטער מ ־ן; ~цы́ това́ров מוסטערן פון סכוירעס; ~е́ц по́дписи דער מוסטער פון דער אונטערשריפט; по устано́вленному ~цу́ לויט דעם איינגעשטעלטן מוסטער; 2. *(пример для подражания)* (מוסטערהאפטער) ביישפיל מ ־ן; ~е́ц герои́зма א (מוסטערהאפטער) ביישפיל פון העלדישקייט; 3. *тех.* מאָדעל וו ־ן; винто́вки но́вого ~ца́ ביקסן פון א נייער מאָדעל

о́бразность *ж* וו בילדערישקייט

о́бразн||ый בילדערישער; ~ое выраже́ние א בילדערישער [א פיגורעלער] אויסדרוק; ~ый язы́к א בילדערישע שפראך

образова́ни||е *с* 1. *(действие)* וו (אויס)בילדונג; ~е но́вых госуда́рств די בילדונג פון נייע מעלוכעס; 2. *(то, что образовано)* אויסבילדונג וו ־ען; го́рные ~я בארג־אויסבילדונגען מצ.

образова́ние^2 *с (просвещение)* וו בילדונג; пра́во на

~ דאָס רעכט אף בילדונג; всеобщее обязательное среднее ~ אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע מיטעלע בילדונג [מיטל־בילדונג]; получить ~ באַקומען* בילדונג

образо́ванн||ость *ж* װ געבילדעטקייט; ~ый געבילדעטער

образова́тельный ·בילדונג(ס)·; ~ ценз בילדונג(ס)־צענז מ ־ן

образова́ть *сов. и несов.* 1. *(создать)* אויסבילדן, *שאפן; *(составить)* בילדן; 2. *(организовать)* *שאפן; ~ся *сов. и несов.* 1. *(возникнуть)* אויסבילדן זיך, *שאפן זיך; 2. *(организоваться)* געשאַפן ווערן*

образу́мить *сов. разг.* אַרײַנגעבן* סייכל, אומקערן צום סייכל; ~ся *сов.* באַטראַכטן זיך, אומקערן זיך צום סייכל

образцо́в||ый ·מוסטער; *(отличный тж.)* מוסטערהאַפטער, מוסטערדיקער; ~ое хозя́йство א מוסטערהאַפטע [א מוסטערדיקע] ווירטשאַפט, מוסטער־ווירטשאַפט װ ־ן

обра́зчик *м прям. и перен.* מוסטער מ ־ן

обрамле́ни||е *с* 1. *(действие)* באַרעמלונג װ; 2. *(то, что обрамляет)* באַרעמלונג װ ־ען, רעם װ ־ען; в ~и знамён מיט פאָנען ארום און, אין א באַרעמלונג פון פאָנען ארום

обрамля́ть *несов.* באַרעמלען

обраста́ть *несов.*, **обрасти́** *сов.* 1. פאַרוואַקסן ווערן*; ארומוואַקסן*; ~ мо́хом מיט מאָך פאַרוואַקסן ווערן*; 2. *разг. (покрыться волосами, шерстью)* באַוואַקסן ווערן*; 3. *разг.:* ~ жи́ром שמאַלץ אָנקלײַבן*, אף ארופנעמען* זיך לײַב; 4. *разг. (окружить себя)* ארומגעוואַקסן ווערן*; го́род обро́с кварта́лами новостро́ек ארום דער שטאָט זײַנען אויסגעוואַקסן גאַנצע קוואַרטאַלן נײַבויונגען

обрати́мый צוריקקערלעכער, רעווערסיווער

обрати́ть *сов.* 1. *(повернуть)* אויסדרייען, אויסקערעווען; *(устремить)* ווענדן*; ~ взгляд на *кого-л.*, на *что-л.* ווענדן* דעם בליק אף עמעצן, אף עפעס; про́сьба обращена́ к нему́ די באַקאָשע איז געווענדט צו אים; 2. *(превратить)* פאַרוואַנדלען; *(изменить характер чего-л.)* אומווענדן; ~ в свою́ по́льзу אומווענדן צו אייגענער נוץ; ~ *что-л.* в шу́тку מאַכן פון עפעס א שפּאַס; ◇ ~ *кого-л.* в бе́гство צווינגען* עמעצן אנטלויפן (אין פאַניק)

обрати́ться *сов.* 1. ווענדן* זיך; ~ к *кому-л.* с про́сьбой ווענדן* זיך צו עמעצן מיט א באַקאָשע; ~ к врачу́ ווענדן* זיך צו א דאָקטער, פרעגן (בא) א דאָקטער; ~ в министе́рство с заявле́нием דערלאַנגען א מעלדונג אין מיניסטעריום; 2. (в *вин.*; *превратиться*) פאַרוואַנדלען זיך, פאַרוואַנדלט ווערן*

обра́тно *нареч.* 1. צוריק; получи́ть ~ באַקומען* צוריק; поверну́ть ~ פאַרקערעווען אף צוריק; 2. *разг. (наоборот)* פאַרקערט; 3.: ~ пропорциона́льный *мат.* אומגעקערט פּראָפּאָרציאָנעלער

обра́тн||ый 1. ·צוריק; ~ый путь צוריקוועג מ; в ~ом направле́нии אין א פאַרקערטער ריכטונג; в ~ом поря́дке אין אן אומגעקערטן סיידער; 2. *(противоположный)* פאַרקערטער; ~ые результа́ты פאַרקערטע רעזולטאַטן; 3. *(оборотный)*: ~ая сторона́ די פאַרקערטע [די אַנדערע] זײַט; 4. *мат.* אומגעקערטער; ~ая пропорциона́льность אומגעקערטע פּראָפּאָרציאָנעלקייט; ◇ ~ый а́дрес צוריק־אַדרעס מ; ~ый биле́т א בילעט אף צוריק; ~ая си́ла зако́на די צוריק־קראַפט פונעם געזעץ

обраща́ть *несов. см.* обрати́ть; ~ся *несов.* 1. *см.* обрати́ться; 2. *(вращаться вокруг чего-л.)* אומדרייען זיך, באַוועגן זיך; 3. *(с кем-л.)* באַגיין* (מיט), באַנעמען* זיך (מיט); *(с чем-л.)* באַגיין* זיך (מיט); 4. *(о деньгах)* גילטן*, צירקולירן, האָבן* א פאַרקער [אן אָנגאַנג]

обраще́ни||е *с* 1. (к *дат.*; *призыв, послание*) ווענדונג װ ־ען (צו); Обраще́ние Всеми́рного конгре́сса сторо́нников ми́ра די ווענדונג פונעם אלוועלטלעכן שאָלעם־קאָנגרעס; 2. *(с кем-л.)* (מיט) באַנעמונג װ; *(с чем-л.)* דאָס באַגיין זיך (מיט); неосторо́жное ~е с огнём דאָס אומפאָרזיכטיקע באַגיין זיך מיט פײַער; гру́бое ~е באַגראָבע° האַנדלונג; 3. *(употребление)* אומלויף מ, פאַרקער מ; изъя́ть *что-л.* из ~я ארויסנעמען* עפעס פונעם פאַרקער; 4. *грам.* ווענדונג װ

обре́з *м* 1. *(у книги)* ברעג מ ־עס, קאַנט מ ־ן; 2. *(оружие)* אָבריז מ ־ן; ◇ в ~ קוים וואָס ס'קלעקט; *(о деньгах, припасах тж.)* קוים אף דורכצוקומען

обре́зание *с рел.* ז מאַל(ע)ן; דאָס מאַל(ע) זײַן; *(праздне́ство)* ברית מ, ברית־מילה װ

обре́зать *сов.*, **обреза́ть** *несов.* (*вин.*) 1. *(со всех сторон)* ארומשנײַדן*; *(конец, край)* אָפּשנײַדן*; 2. *(поранить)* צעשנײַדן*; 3. *разг. (заставить замолчать)* אָפּהאַקן [איבערהאַקן] די רייד (דאַט.); 4. *рел.* מאַל(ע) זײַן*; ◇ ~ кры́лья *кому-л.* אונטערהאַקן עמעצן די פליגל

обре́заться *сов. разг.* צעשנײַדן* זיך

обрека́ть *несов. см.* обре́чь

обременённый באַלאַסטיקטער, באַלעסטיקטער

обремени́тельный באַלאַסטנדיקער, באַלעסטנדיקער, צו שווערער

обремени́ть *сов.*, **обременя́ть** *несов.* באַלאַסטיקן, באַלעסטיקן; чрезме́рно ~ איבערלעסטיקן

обрести́ *сов.*, **обрета́ть** *несов.* געפינען*, קריגן*; обрести́ сча́стье געפינען* דאָס גליק; ~ друзе́й קריגן* פרײַנט

обречённ||ый פאַרורטיילטער; (на *вин.*) אויסגעשטעלטער (אף); чу́вствовать себя́ ~ым פילן זיך ווי א פאַרורטיילטער; ~ый на ги́бель אויסגעשטעלטער אף אומקום

обре́чь *сов.* (на *вин.*) פאַרורטיילן (צו), אויסשטעלן (אף); ~ на ги́бель אויסשטעלן אף אומקום

обрисова́||ть *сов.* 1. *(обвести чертой)* ארומצייכענען; 2. *(подчеркнуть формы — об одежде)* ארומכאַפּן; пла́тье чётко ~ло её фигу́ру דאָס קלייד האָט געמאַכט זייער בולעט איר פיגור; 3. *(охарактеризовать, описать)* באַשילדערן, אָנמאָלן, מאָלן; ~ть ситуа́цию שילדערן די סיטואַציע; ~ться *сов.* ארויסטרעטן*, בולעט, אָנזיכטיק ווערן*

обрисо́вывать *несов. см.* обрисова́ть

обри́ть *сов.* אָפּגאָלן, אָפּראַזירן; ~ся *сов.* אָפּגאָלן זיך, אָפּראַזירן זיך

обро́к *м ист.* לײַבשטײַער מ

оброни́||ть *сов.* 1. *(выпустить из рук)* ארויסלאָזן* פון די הענט; *(потерять)* פאַרלירן*; она́ ~ла перча́тку בא איר איז ארויסגעפאַלן א הענטשקע; 2. *(листву)* אָפּוואַרפן*; 3. *(сказать небрежно)* געבן* א זאָג פון זיך; ~ть замеча́ние לאָזן* פאַלן א באַמערקונג

обруба́ть *несов.*, **обруби́ть** *сов.* 1. ארומהאַקן; ~ су́чья ארומהאַקן די צווײַגן; 2. *(часть, конец чего-л.)* אָפּהאַקן

обру́бок *м* 1. *(бревна и т. п.)* קלעצל ז ־עך; 2.: ~ руки́ ז האַנט־רעשטל; ~ ноги́ ז פוס־רעשטל

обрусе́вший, обрусе́лый פארוסישטער, רוסיפיצירטער

обрусе́ть *сов.* פארוסישט ווערן*, רוסיפיצירט ווערן*

о́бруч *м* רייף װ ־ן

обруча́льн||ый: ~ое кольцо́ קידושן־פינגערל ז ־עך; (*при помолвке*) פארקנאָס־פינגערל ז ־עך

обруча́ть(ся) *несов. см.* обручи́ть(ся)

обруче́ние *с* פארקנאָסונג װ

обручи́ть *сов.* פארקנאָסן; ~ся *сов.* פארקנאָסן זיך, פארקנאָסט ווערן*

обру́ш||ить *сов.* 1. אײַנוואלגערן; (на *вин.*) ארופוואלגערן (אף); 2.: ~ить уда́р на врага́ דערלאנגען א שמעטערנדיקן קלאפּ דעם סוינע; ~иться *сов.* 1. אײַנוואלגערן זיך, אײַנפאלן*; (*тяжело упасть*) געבן* א פאל; *перен.* (*о несчастье*) טרעפן*; дом ~ился דאָס הויז האָט זיך אײַנגעוואלגערט; 2. (на *вин.*; *напасть*) ארופווארפן* זיך (אף), באפאלן*; (*наброситься с упреками и т. п.*) ארופווארפן* זיך (אף)

обры́в *м* אָפּריס ם ־ן

обрыва́ть(ся) *несов. см.* оборва́ть(ся)

обры́вистый 1. (*крутой*) שטײַלער, אָפּריסיקער; 2. (*бессвязный*) אומגעבונדענער, צעברעקלטער

обры́в||ок *м* 1. שטיקל ז ־עך; (*верёвки и т. п.*) רעשטל ז ־עך; 2. *мн. перен.* שטיקלעך מצ., ברעקלעך מצ.; ~ки фраз ברעקלעך פראזעס; ~ки све́дений קארגע פראגמענטן פון יעדיעס

обры́вочный אָפּגעריסענער

обры́згать *сов.* באשפּריצן, אָפּשפּריצן; ~ся *сов.* אָפּשפּריצן זיך, באשפּריצן זיך

обры́згивать(ся) *несов. см.* обры́згать(ся)

обрю́згл||ый אופגעדראָלענער (פּעטלביק); ~ые щёки אראָפּהענגענדיקע באקן

обрю́згнуть אופגעדראָלן ווערן*

обрю́згший *см.* обрю́зглый

обря́д *м* ריטואל ם ־ן, צערעמאָניע װ ־ס; ~овый ריטואלער

обсади́ть *сов.*, **обса́живать** *несов.* באפּלאנצן; ~ доро́жку куста́ми באפּלאנצן [ארומזעצן] די סטעזשקע מיט קוסטעס

обса́сывать *несов. см.* обсоса́ть

обсервато́рия *ж* אָבסערוואטאָריע װ ־ס

обскака́ть *сов.* 1. (*кругом*) דורכגאלאָפּירן (ארום); 2. (*обогнать*) איבעריאָגן אין גאלאָפּ

обсле́дование *с* אויספאָרשונג װ ־ען; (*учреждения и т. п.*) דורכקאָנטראָלירונג װ ־ען; медици́нское ~ מעדיצינישע אויספאָרשונג

обсле́довать *сов. и несов.* אויספאָרשן; (*учреждение и т. п.*) דורכקאָנטראָלירן; ~ больно́го באטראכטן דעם כוילע

обслу́живание *с* באדינונג װ; (*бытовое тж.*) סערוויס ם; техни́ческое ~ טעכנישע באדינונג

обслу́живать *несов.* 1. *см.* обслужи́ть; 2. (*машину и т. п.*) ארבעטן (בא); ~ одновре́менно не́сколько станко́в ארבעטן אײנצײַטיק בא עטלעכע ווערקשטעלן

обслужи́ть *сов.* באדינען

обсоса́ть *сов.* ארומסמאָקען

обсо́хнуть *сов.* טרוקן ווערן*, אויסטריקענען

обста́вить *сов.* 1. (*вокруг чего-л.*) ארומשטעלן; 2. (*квартиру и т. п.*) אויסמעבלירן, אויסמעבלען; 3. (*создать обстановку*) ארומשטעלן; торже́ственно ~ встре́чу ארומשטעלן די באגעגעניש פײַערלעך; 4. *разг.* (*превзойти*) איבערגײן*; ~ся *сов. разг.* 1. (*тв.*) ארומשטעלן (ארום זיך); 2. (*устроить себе жилище*) אויסמעבלירן די וווינונג

обстано́вк||а *ж* 1. (*меблировка*) מעבלירונג װ, מעבל ז; *театр.* אײַנריכטונגען מצ., אויסשטאטונג װ; 2. (*положение*) אטמאָספער װ, לאגע װ, באדינגונגען מצ., סיטואציע װ ־ס; де́ти расту́т в здоро́вой ~е די קינדער וואקסן אין א געזונטער° אטמאָספער; междунаро́дная ~а די צווישנפעלקערלעכע לאגע; в ~е трудово́го подъёма אין אן אטמאָספער פון ארבעט־ענטוזיאזם; ~а на фро́нте די סיטואציע [די לאגע] אפן פראָנט; я не могу́ рабо́тать в тако́й ~е! איך קען ניט ארבעטן אין אזעלכע באדינגונגען!

обстоя́тельный 1. (*подробный*) גענויער, אויספירלעכער; ~ отчёт אן אויספירלעכער [א גענויער] באריכט; 2. *разг.* (*о человеке*) סאָלידער, ראיעלער

обстоя́тельств||о *с* 1. (*сопутствующий факт*) אומשטאנד ם ־ן; вы́яснить все ~а де́ла אויסקלאָרן אלע אומשטאנדן פונעם איניען, אויסקלאָרן אלץ׳ וואָס איז שײַך צום איניען; то ~о, что ... דאָס׳ וואָס···; דער פאקט׳ וואָס···; 2. *мн.* (*условия, обстановка*) אומשטאנדן מצ.; לאגע װ; при таки́х ~ах בא אזעלכע אומשטאנדן; в стеснённых ~ах אין א געענגטער לאגע; ни при каки́х ~ах אין קיין פאל ניט, בא קיינע אומשטאנדן ניט; по не зави́сящим от *кого-л.* ~ам מאכמעס סיבעס׳ וואָס זײַנען ניט אָפּהענגיק פון עמעצן; смягча́ющие ~а *юр.* מילדערנדיקע אומשטאנדן; 3. *грам.* אומשטאנדוואָרט ז (מצ. ..ווערטער), באשטימונג װ ־ען; ~о вре́мени צײַטבאשטימונג װ ־ען; ◇ смотря́ по ~ам אָפּהענגיק פון די אומשטאנדן; я поживу́ там неде́лю и́ли бо́льше, смотря́ по ~ам כ׳וועל דאָרט אָפּזײַן א וואָך צי מער׳ ווי ס׳וועט אויסקומען; стече́ние ~ דער צונויפפאל פון אומשטאנדן

обсто||я́ть *несов.*: всё ~и́т благополу́чно אלץ איז קעשורע, אלץ איז אין אָרדענונג; де́ло ~и́т так די לאגע איז אזא; пло́хо ~я́ло (де́ло) с обуче́нием рисова́нию ס׳האָט געהאלטן שלעכט° מיטן לערנען מאָלן

обстре́л *м* 1. באשיסונג װ, פײַער ז; артиллери́йский ~ אן ארטילערישע באשיסונג; быть [находи́ться] под обстре́лом געפינען* זיך אונטערן פײַער, באשאָסן ווערן*; ◇ взять *кого-л.* под ~ נעמען* עמעצן אפן צימבל

обстре́ливать *несов.*, **обстреля́ть** *сов.* באשיסן*; ~ из тяжёлых ору́дий באשיסן* פון שווערע הארמאטן

обстре́лянный שלאכט־דערפארענער, געהארטעוועטער אין שלאכטן

обстрога́ть *сов.* אָפּהובלעווען

обстро́иться *сов. разг.* 1. (*построить для себя жильё*) אויסבויען פאר זיך (א וווינונג); 2. (*застроиться*) ארומגעבויט [פארבויט] ווערן*

обстру́кци||я *ж* אָבסטרוקציע װ ־ס; устро́ить *кому-л.* ~ю מאכן עמעצן אן אָבסטרוקציע

обступа́ть *несов.*, **обступи́ть** *сов.* (*вин.*) ארומרינגלען, ארומשטעלן זיך (ארום)

обсуди́ть *сов.*, **обсужда́ть** *несов.* באהאנדלען, ארומרעדן*

обсужде́ние *с* באהאנדלונג װ, поста́вить *что-л.* на ~ שטעלן עפעס צום באהאנדלען

обсуши́ть *сов.* אָפּטריקענען, אויסטריקענען; ~ся *сов.*

אָפטריקענען זיך, ארו́מטריקענען זיך, (אוי́ס)טרי́קענען די קליי́דער

обсчитáть *сов.* אָפנארן אין כעזשבן; *юр.* פאלשרע́כענען; **~ся** *сов.* א טאָעס האָבן* אין כעזשבן, א טאָעס האָבן* באם (אי́בער)ציילן

обсчи́тывать(ся) *несов. см.* обсчитáть(ся)

обсы́пать *сов.*, **обсыпáть** *несов.* באשי́טן*

обсыхáть *несов. см.* обсóхнуть

обтáчивать *несов. см.* обточи́ть

обтекáемый 1. ארו́מגעפלייצטער; 2. *разг. ирон.*: ~ отвéт אן אוי́סמײַד(עד)יקער ע́נטפער

обтерéть *сов.* ארו́מווישן, אָפווישן; (*жидкостью*) ארו́מרײַבן*; **~ся** *сов.* 1. ארו́מווישן זיך, אָפווישן זיך; (*какой-л. жидкостью*) ארו́מרײַבן* זיך; 2. *разг.* (*износиться*) אוי́סרײַבן* זיך

обтесáть *сов.* 1. ארו́מטעסען; 2. *перен. разг.* אָפטעסען, אָפשלײַפן*; **~ся** *сов. разг.* אָפגעטעסעט ווערן*, אָפגעשליפן ווערן*

обтёсывать *несов. см.* обтесáть

обтирáни||е *с* ארו́מרײַבונג װ ־ען; холóдные ~я קא́לטע° ארו́מרײַבונגען

обточи́ть *сов.* ארו́משלײַפן*

обтрёпанн||ый אָפגעטראָגענער, אָפגעטרעפעטער; אָפגעבארעטער *разг.*; ~ые манжéты אָפגעטרעפעטע [אויסגעפרענדזטע] מא́נקעטן

обтрепáть *сов.* אָפטראָגן*, אָפטרעפען; **~ся** *сов.* אָפגעטראָגן ווערן*, אָפגעטרעפעט ווערן*

обтя́гивать *несов. см.* обтянýть

обтя́жк||а *ж*: в ~у (*об одежде*) צום לײַב

обтянýть *сов.* 1. באצי́ען*, באדע́קן; 2. (*охватить, прилегать — об одежде*) ארו́מכאפן שטײַף; **~ся** *сов.* 1. (*покрыться*) פארצויגן ווערן*; 2. (*о лице*) אוי́סגעצערט ווערן*

обувáть(ся) *несов. см.* обýть(ся)

обувн||óй שוך־, שו́כווארג־; ~áя промы́шленность שוך־אינדוסטריע װ, שו́כווארג־אינדוסטריע װ; ~óй магази́н א מאגאזין פון שו́כווארג

óбувь *ж* שו́כווארג I, שיך מצ.; всевозмóжная ~ אלערליי שו́כווארג; лéтняя ~ זומערשיך מצ.

обýгленный פארקוי́לטער, פארסאָ́רפעטער

обýгливаться *несов.*, **обýглиться** *сов.* פארקוי́לט ווערן*, פארסאָ́רפעט ווערן*

обýживать *несов. см.* обýзить

обýз||а *ж* לאסט װ, אָל ם; быть ~ой для *кого-л.* זײַן* אן אָל אף עמעצן, זײַן* צו לאסט עמעצן

обуздáть *сов.*, **обýздывать** *несов.* (*вин.*) 1. אײַנצײַמלען, ארו́פטאָן* א צײַמל (אף); 2. *перен.* אײַנצאמען; ~ агрéссора אײַנצאמען דעם אגרע́סאָר; ~ гнев אײַנהאלטן* דעם קאס

обýзить *сов.* (*одежду и т. п.*) מאכן צו ענג

обуслóвить *сов.*, **обуслóвливать** *несов.* 1. (*тв., ограничить условием*) שטעלן אלס טנײַ; 2. (*послужить причиной*) באדי́נגען, גו́רעם זײַן*, מי́טברענגען*

обуслóвленный (*тв.*) באדי́נגטער (פון)

обýть *сов.* 1. (*ребёнка и т. п.*) אָנטאָן* (דאט.) די שיך; (*сапоги, ботинки и т. п.*) אָנטאָן*; 2. *разг.* (*снабдить обувью*) באשי́כן, באזאָרגן מיט שו́כווארג; **~ся** *сов.* אָנטאָן* די שיך

óбýх *м* אָבוך ם ־ן; ◇ как óбухом по головé ווי מיט א דאָבניע [מיט אן אָבוך] איבערן קאָפ

обучáть *несов.* לע́רנען; ~ *кого-л.* ремеслý לע́רנען עמעצן א מעלאָכע; **~ся** *несов.* 1. *см.* обучи́ться; 2. (*получать образование*) לע́רנען (זיך); (*в высшем учебном заведении тж.*) שטודי́רן

обучéни||е *с* 1. לע́רנען I; (*законченное*) אוי́סלערנען I; заóчное ~е דאָס לע́רנען זיך הינטער־אוי́גיק; срок ~я לע́רנדויער ם; плáта за ~е לע́רן־געלט I, סכאר־לי́מעד ם *уст.*

обучи́ть *сов.* אוי́סלערנען; ~ *кого-л.* слесáрному дéлу אוי́סלערנען עמעצן שלאָסערײַ; **~ся** *сов.* אוי́סלערנען זיך

обуя́||ть *сов.* אָנכאפן, ארו́מכאפן; егó ~л страх ס'האָט אים אָנגעכאפט [ארו́מגעכאפט] א שרעק, ס'איז אף אים אָנגעפאלן [ארו́פגעפאלן] א פא́כעד [א שרעק]

обхвáт *м* ארו́מכאפ ם ־ן, ארו́מנעם ם ־ען; дéрево в два ~а א בוים פון צוויי ארו́מכאפן אין דער גרעב

обхвати́ть *сов.*, **обхвáтывать** *несов.* ארו́מכאפן, ארו́מנעמען*

обхóд *м* 1. (*для осмотра*) רו́נדע װ ־ס; (*врача тж.*) רו́נדבאזוך ם ־ן; совершáть ~ *чего-л.* מאכן א רונדע איבער עפעס; 2. (*кружный путь*) או́מוועג ם ־ן; 3. *воен.* פלא́נג־ארומכאפ ם, דאָס פארגיין דעם סוינע פון דער פלא́נג־זײַט; ◇ в ~ (*закона, правил и т. п.*) אוי́סמײַדנדיק (דעם געזעץ, די קלאָלים)

обходи́тельный בעני́מעסדיקער, הע́פלעכער

обходи́ть(ся) *несов. см.* обойти́(сь)

обходнóй, обхóдный 1.: ~ путь או́מוועג ם ־ן; *перен.* הי́נטערגענג מצ.; 2. *воен.*: обхóдный манёвр ארו́מכאפ־מאנעווער ם; ◇ обходнóй лист רי́נגבויגן ם ־ס

обхождéние *с* באנע́מונג װ

обшáривать *несов.*, **обшáрить** *сов. разг.* אוי́סנישטערן, אי́בערנישטערן, ארו́מטאפן

обшивáть *несов. см.* обши́ть

обши́вка *ж* 1. (*отделка платья и т. п.*) באזאָץ ם; 2. (*облицовка*) באשלאָג ם

обши́рн||ый 1. גרויסער°, ברייטער; (*просторный*) רא́כוועסדיקער; ~ое прострáнство א ברייטער° שטע́טעך; 2. *перен.* ברייטער.; ~ые знáния ברייטע יעדי́עס; ~ое знакóмство א ברייטע באקא́נטשאפט

обши́ть *сов.* 1. (*пришить, отделать*) ארו́מנייען, באזע́צן; (*по краю тж.*) ארו́מקאנטעווען, ארו́מליאמעווען; 2. (*обтянуть тканью*) באצי́ען*; 3. *тех.* באשלאָגן*; ~ доскáми באשלאָגן* מיט ברע́טער; 4. (*кого-л.*) *разг.* באניי́ען; ~ всю семью באניי́ען דאָס גא́נצע הויזגעזינד

обшлáг *м* מא́נקעט ם ־ן

общáться *несов.* האָבן* א באריר [פארקע́ר], קאָנטאקטי́רן; ~ с сосéдями באגע́גענען זיך [קאָנטאקטי́רן] מיט שכיינים

общегородскóй אלשטאָטישער

общегосудáрственный אלמעלוכישער, א́לגעמיין־מעלוכישער

общедостýпный 1. א́לגעמיין־צוטריטלעכער, צוטריטלעכער פאר א́לעמען; 2. (*понятный*) צוגענגלעכער (פאר א́לעמען)

общежи́ти||е *с* 1. (*помещение*) צוזא́מענוווינונג װ ־ען; 2. (*общественный быт*) צוזא́מענלעבן I; (*повседневная жизнь*) דאָס געוויינלעכע לעבן; прáвила ~я קלאָלים פון

צוזאַמענלעבונג; они́ прия́тные в ~и лю́ди זיי זיינען ווױלע מענטשן, וואָס מיט זיי איז גרינג אויסצוקומען

общеизве́стный אַלגעמיין־באַוווּסטער, אַלגעמיין־באַקאַנטער

общенаро́дн||ый אַלפאָלקישער; ~ое достоя́ние דאָס אַלפאָלקישע אייגנטום

общенациона́льн||ый אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער, אַלנאַציאָנאַלער; ~ые интере́сы אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אינטערעסן

обще́ние *с* קאָנטאַקט מ ־ן, פאַרקער מ, באַריר מ

общеобразова́тельн||ый: ~ая шко́ла שול פאַר אַלגעמיינער בילדונג

общеполе́зный אַלגעמיין־נוצלעכער; ~ труд אַלגעמיין־נוצלעכע מי

вещанию) אָפּזאָגן; ~ насле́дство לאָזן* א יערושע; ~
кому-л. что-л. (в насле́дство) (איבער)לאָזן* עמעצן עפּעס
(בעיערושע); 3. *(сохранить)* לאָזן*; ~ ме́сто 1) *(для*
кого-л.) לאָזן* [רעזערווירן] אן אָרט (פאר עמעצן); 2) *(для*
чего-л.) לאָזן* אן אָרט (פאר עפּעס); ~ без измене́ний
לאָזן* אָן ענדערונגען; ~ ко́мнату неу́бранной לאָזן* דעם
צימער ניט אויפגעראמט; ~ ученика́ на второ́й год לאָזן*
דעם שילער אפן צווייטן יאָר; 4. *(произвести)* לאָזן*,
מאכן; ~ следы́ לאָזן* שפּורן; 5. *(покинуть)* פארלאָזן*;
(удалиться) אוועקגיין* (פון); она́ оста́вила сце́ну זי
האָט פארלאָזט די בינע, זי איז אוועקגעגאָן פון דער בינע;
~ *кого-л.* в беде́ פארלאָזן* עמעצן אין א נויט; ~ семью́
פארלאָזן* [אוועקווארפן*] ווײַב־און־קינד; ~ наде́жду
אופהערן צו האָפן, אָנווערן* די האָפענונג; 6. *(перестать*
заниматься чем-л.) אופהערן; *(отложить в сторону)*
אוועקלייגן; оста́вьте свои́ шу́тки! הערט אוף צו שפּאסן!
оста́вь газе́ту и ешь! לייג אוועק די צײַטונג און עס!; ◇
оста́вь! הער אוף!; *(не трогай)* לאָז צורו!, טשעפּע ניט!;
~ в поко́е לאָזן* צורו; ~ за собо́й 1) *(превзойти)*
לאָזן* הינטער זיך; 2) *(закрепить)* לאָזן* פאר זיך; ~
за собо́й пра́во לאָזן* [רעזערווירן] פאר זיך דאָס רעכט;
си́лы оста́вили его́ ס'האָבן אים פארלאָזט די קויכעס,
ער איז געבליבן אָן קויכעס; ~ без внима́ния *что-л.*
ניט לייגן קיין אכט אף עפּעס; *что-л.* оставля́ет жела́ть
лу́чшего עפּעס האָט געמעגט זײַן בעסער

остальн||о́й 1. איבעריקער; ~о́е вре́мя די איבעריקע
צײַט; 2. *в знач. сущ. с* דאָס איבעריקע; רעשט װ., מ; всё

~óe אַלץ דאָס [אַלדאָס] איבעריקע; в ~óм אין אַלעם איבעריקן; 3. *в знач. сущ. мн.* די איבעריקע; все ~ые אַלע איבעריקע

остана́вливать(ся) *несов. см.* останови́ть(ся)

оста́нки *мн.* געביין ז

останови́||ть *сов.* 1. אָפּשטעלן; ~ть маши́ну אָפּשטעלן די מאַשין; ~ть прохо́жего אָפּשטעלן [פאַרהאַלטן*] דעם דורכגייער; ~ть кровотече́ние אָפּשטעלן דאָס בלוט [דעם בלוט־שטורץ]; 2. *(удержать от чего-л.)* אָפּהאַלטן*, ניט דערלאָזן*; ничто́ меня́ не остано́вит קיין שום זאַך וועט מיך ניט אָפּהאַלטן [ניט אָפּשטעלן]; 3.: ~ть свой взгляд на *ком-л.* פאַרהאַלטן* דעם בליק אַף עמעצן; он ~л своё внима́ние на стра́нном явле́нии ער האָט קאָנצענטרירט זײַן אופמערקזאַמקײַט אַף דער מאָדנער דערשײַנונג, זײַן אופמערקזאַמקײַט האָט צוגעצויגן אָט די מאָדנע דערשײַנונג; он ~л свой вы́бор на *ком-л.*, на *чём-л.* זײַן אויסוואַל איז געפאַלן אַף עמעצן, אַף עפּעס; **~ться** *сов.* 1. אָפּשטעלן זיך; маши́на ~лась у са́мого до́ма די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט האַרט בײַ דער שטוב; ~ться в гости́нице פאַרפאָרן* [אָפּשטעלן זיך] אין אַ האָטעל; на чём же мы ~ли́сь? אַף [בײַ] וואָס זשע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט?, ווו זשע האַלטן מיר?; 2. (на *предл.*; *задержаться*): его́ взгляд ~лся *на ком-л.*, *на чём-л.* זײַן בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אַף עמעצן, אַף עפּעס; подро́бно ~ться на *чём-л.* גענוי אָפּשטעלן זיך אַף עפּעס; 3. (на *предл.*; *выбрать*) אויסקלײַבן*; он ~лся на второ́м вариа́нте זײַן אויסוואַל איז געפאַלן אַפן צווייטן וואַריאַנט; ◇ он ни перед че́м не остано́вится ס'וועט אים קיין זאַך ניט אָפּהאַלטן*

остано́вк||а *ж* 1. *(действие)* אָפּשטעלן ז; דאָס אָפּשטעלן זיך, אָפּשטעל מ; 2. *(перерыв, пауза)* אָפּשטעל מ ־ן; без ~и אָן אָפּשטעל, אָן אָפּהאַלט, ניט אָפּשטעלנדיק זיך; 3. *(временное пребывание)*: сде́лать ~у *где-л.* אָפּשטעלן זיך ערגעץ־ווו; во вре́мя ~и в Пари́же он... בייס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז...; 4. *(место)* אָפּשטעל(־פּונקט) מ ־ן; трамва́йная ~а טראַמוויי־אָפּשטעל מ ־ן; ◇ ~а за *кем-л.* די מעניע איז אין עמעצן; ~а (то́лько) за *чем-л.* די מעניע איז בלויז אין עפּעס; ס'פעלט בלויז עפּעס

оста́т||ок *м* 1. רעשט װ, מ, מויסרעס מצ.; *(материи тж.)* רעשטל ז ־עך; *мн.* *(пищи)* רעשט װ, מ ־ן; 2. *мн.* *(то, что уцелело от разрушения, гибели)* רעשטלעך מצ., רויִנען מצ.; *(следы чего-л. минувшего)* איבערבלײַבסן מצ., בלײַבסלעך מצ.; 3. *(последняя часть чего-л.)* רעשט װ, מ; ~ок пути́ דאָס, די רעשט וועג, איבעריקע שטיקל וועג; ~ок до́лга דער רעשט כויוו; 4. *мат.* רעשט װ, מ; дели́ться без ~ка טיילן זיך ביזן סאָף; ◇ всё без ~ка אַלץ ביז שפּענט; ~ки сла́дки *погов.* דאָס לעצטע איז דאָס בעסטע

оста́точный 1. געבליבענער; 2. *физ.* פאַרבליבענער; ~ магнети́зм דער פאַרבליבענער מאַגנעטיזם

оста́||ться *сов.* בלײַבן*; *(не вернуться)* (פאַר)בלײַבן*; *(задержаться)* איבערבלײַבן*; ~ться до́ма בלײַבן* אינדערהיים; ~ться ночева́ть בלײַבן* נעכטיקן; учени́к ~лся на второ́й год דער שילער איז איבערגעבליבן אַפן צווייטן יאָר; он реши́л навсегда́ ~ться в Нори́льске ער האָט באַשלאָסן פאַרבלײַבן אין נאָרילסק אַף שטענדיק; в ка́ссе ~ло́сь сто рубле́й אין קאַסע איז געבליבן הונדערט רובל; нам ~ло́сь дочита́ть всего́ три страни́цы ס'איז אונדז געבליבן דערלייענען בלויז דרײַ זײַטלעך; не ~ётся ничего́ друго́го, как... ס'בלײַבט קיין אַנדער ברירע ניט, סײַדן...; ~ться невреди́мым בלײַבן* גאַנץ, אַרויס אַ גאַנצער; ~ться дово́льным בלײַבן* צופרידן; ~ться сиде́ть на ме́сте בלײַבן* זיצן אַפן אָרט; ~ться при своём мне́нии בלײַבן* בײַ אַן אייגענער מיינונג; ◇ не ~ться в долгу́ ניט בלײַבן* קיין באַלכויוו; за ним ~ло́сь де́сять рубле́й ער איז געבליבן שולדיק צען רובל; פון אים קומט נאָך צען רובל; ~ться в живы́х בלײַבן* לעבן; ~ться ни при чём, ~ться ни с чем בלײַבן* בײַ גאָרניש

остепени́ться *сов.* סטאַטעטשנע ווערן*, אויסמענטשלען זיך

остервене́||лый צעווילדעוועטער, צעיושעטער; **~ние** *с* רעציכע װ, גרימצאָרן מ, ווילדער קאַס; ◇ с ~нием מיט גרויס אַקשאָנעס

остерега́ться *несов.*, **остере́чься** *сов.* *(род.)* היטן* זיך (פאַר); (+ *инф.*) היטן* זיך; ~ просту́ды היטן* זיך פאַר אַ פאַרקילונג; ты остерега́йся ходи́ть туда́ по́здно היט זיך גיין אַהין שפּעט

о́стов *м* 1. קאַרקאַס מ ־ן; *(костяк)* סקעלעט מ ־ן; 2. *(теории и т. п.)* טאַמצים מ, גרונטקערן מ

остолбене́ть *сов.* געפּלעפט ווערן*; ~ от изумле́ния בלײַבן* שטיין מיט אַן אָפענעם מויל פאַר איבעראַשונג

осторо́жн||о *нареч.* פאָרזיכטיק, געהיט; ~о! היט זיך!; **~ость** *ж* פאָרזיכט(יקייט) װ, געהיטקייט װ; обраща́ться с ~остью באַגיין* זיך פאָרזיכטיק; **~ый** פאָרזיכטיקער, געהיטער; бу́дьте ~ы זײַט פאָרזיכטיק

остра́стк||а *ж* *разг.*: для ~и אַף אָנצוסטראַשען; מע זאָל האָבן צו געדענקען; зада́ть ~у *кому-л.* אָפּשרעקן* עמעצן

остри́гать(ся) *несов. см.* остри́чь(ся)

остриё *с* 1. *(кончик)* שפּיץ מ ־ן; 2. *(режущий край, тж. перен.)* שאַרף װ ־ן; быть напра́вленным свои́м ~м на *что-л.* געצילט זײַן* מיט, פאַרשאַרפט זײַן* קעגן עפּעס דער שאַרף קעגן עפּעס

остри́ть[1] *несов.* *(точить)* (אָנ)שאַרפן

остри́ть[2] *несов.* *(говорить остроты)* וויצלען זיך, כאָכמען* זיך; ~ на *чей-л.* счёт וויצלען זיך אַף עמעצנס אַדרעס

остри́чь *сов.* אָפּשערן*; *(ногти тж.)* אָפּשנײַדן*; **~ся** *сов.* אָפּשערן* זיך

о́стров *м* אינדזל מ ־ען; ווייספּע װ ־ס

острове́рх||ий שפּיציקער; מיט אַ שפּיץ *после сущ.*; ~ий дом אַ הויז מיט אַ שפּיציקן דאַך; ~ая кры́ша אַ שפּיציקער דאַך, דאַך מיט אַ שפּיץ

островитя́нин *м* = אינדזל־אײַנוווינער מ

острови||о́й אינדזל־; ~о́е госуда́рство אינדזל־מעלוכע װ ־ס; **~о́к** *м* אינדזעלע ז ־ך, קליינינקער אינדזל

острога́ *ж* פישער־האַרפון מ ־ען

острогу́бцы *мн.* *тех.* בײַסצוועגל ז ־עך

остроконе́чный שאַרפשפּיציקער

остро́т||а *ж* כאָכמע װ ־ס; אַ שאַרפער וויץ; отпуска́ть ~ы שיטן* מיט וויצן [מיט כאָכמעס]

острота́ *ж* *прям. и перен.* שאַרפקײַט װ; ~ зре́ния די שאַרפקײַט פון דער ריִע; ~ ума́ די שאַרפקײַט פונעם סייכל [פונעם מויעך]; ~ конфли́кта די שאַרפקײַט [האַרבקײַט] פונעם קאָנפליקט

остроуго́льный שאַרפווינקלדיקער; ~ треуго́льник אַ שאַרפווינקלדיקער דרײַעק

остроу́м||ие *с* שארפזין מ, שארפזיניקײַט וו; **~ный** שארפזיניקער; *(удачный по своему решению)* האמצאָעדיקער; ~ный человéк וויצלינג מ ־ען, א שארפזיניקער מענטש

óстр||ый 1. שארפער; *(о подбородке, носе и т. п.)* שפיצעכיקער; ~ый нож א שארף מעסער; ~ая борóдка א שפיצעכיק בערדל; 2. *(хорошо развитой)* שארפער; *(проницательный)* דורכדרינגענדיקער; *(тонкий)* פײַנער; ~ое обоня́ние א שארפער [א פײַנער] כוש־האָרייעך; ~ый ум א שארפער [מויעך] סייכל; 3. *(сильный, резкий)* שארפער; ~ый зáпах א שארפער רייעך; ~ая кри́тика א שארפע קריטיק; 4. *(пряный)* שארפער, הארבער; ~ые блю́да הארבע מײַכאָלים; 5. *(ясно ощущаемый)* שארפער, שטארקער; ~ое чу́вство одинóчества א שארף [א שטארק] עלנט־געפיל; 6. *(остроумный)* שארפער, שארפזיניקער; *(язвительный тж.)* בײַסיקער; ~ая шу́тка א שארפ(זיניק)ער וויץ; ~ая сати́ра א שארפע [א בײַסיקע] סאטירע; 7. *(напряжённый)* געשפאנטער, קריטישער; ~ый момéнт א קריטישער מאָמענט; ~ое положéние א געשפאנטע [א קריטישע] לאגע; 8. *мед.* שארפער, אקוטער; ~ый аппендици́т א שארפער [אן אקוטער] אפענדיציט; ◇ ~ый у́гол *мат.* א שארפער ווינקל; у негó ~ый язы́к, он остёр на язы́к ער האָט א שארפע צונג

остря́к *м* ווערטלזאָגער מ =, וויצלער מ =, וויצלינג מ ־ען

остуди́ть *сов.*, **остужа́ть** *несов.* אויסקילן, לאָזן* אויסקילן זיך

оступа́ться *несов.*, **оступи́ться** *сов.* אויסשטאָלפערן זיך; *прям. и перен.* געשטרויכלט ווערן*

остыва́ть *несов.*, **осты́ть** *сов.* 1. קאלט ווערן*; ешь, а то всё осты́нет עס, אניט וועט אלץ קאלט ווערן; 2. *перен.* אָפגעקילט ווערן*

осуди́ть *сов.*, **осужда́ть** *несов.* *(вин.)* 1. *(на вин.; приговорить)* פארמישפטן (צו), פארורטיילן (אף); ~ на пять лет פארמישפטן צו [פארורטיילן אף] פינף יאָר (טפיסע); 2. *(порицать)* פארורטיילן; ~ *чьё-л.* поведéние פארורטיילן [טאדלען] עמעצנס אויפירונג; 3. *(на вин.; обречь)* פארורטיילן (אף); он осуждён на одинóчество ער איז פארורטיילט צו זײַן עלנט

осужд||éние *с* פארורטיילונג וו; *юр. тж.* פארמישפטן ן; **~ённый** פארמישפטער, פארורטיילטער

осу́ну||ться *сов.*: он ~лся ער איז אראָפ פון פאָנעם; его́ лицó ~лось זײַן פאָנעם איז אָפגעצערט [אָפגעצויגן] געוואָרן

осуша́ть *несов. см.* осуши́ть

осушéние *с* אויסטריקענען ן, אנטוואסערונג וו; ~ болóт זומפ־אנטוואסערונג וו

осуши́ть *сов.* 1. *(болота и т. п.)* אויסטריקענען, אנטוואסערן; 2.: ~ бокáл אויסטרינקען* דעם בעכער ביז דער שפענט

осуществи́мый פארווירקלעכבארער, דורכפירלעכער

осуществи́ть *сов.* פארווירקלעכן; *(план и т. п. тж.)* רעאליזירן; ~ мечту́ פארווירקלעכן דעם טרוים; ~ постанóвку óперы אויפירן די אָפערע; ~ своё намéрение רעאליזירן דעם מיין; אויספירן דאָס, וואָס מע האָט בעדייע; ~ся *сов.* פארווירקלעכן זיך, פארווירקלעכט ווערן*; *(о плане и т. п.)* רעאליזירט ווערן*

осуществля́ть *несов. см.* осуществи́ть; ~ руковóдство *чем-л.* אָנפירן מיט עפעס; ~ контрóль над *чем-л.* קאָנטראָלירן עפעס; ~ся *несов. см.* осуществи́ться

осциллóграф *м* אָסצילאָגראף מ ־ן

осчастли́вить *сов.* באגליקן, גליקלעך מאכן

осы́пать *сов.*, **осыпа́ть** *несов.* 1. באשיטן*, באווארפן*; 2. *перен.* אָפשיטן*; ~ подáрками אָפשיטן* מיט מאטאָנעס; ~ *кого-л.* угрóзами האָגלען אף עמעצן מיט דראָונגען; ~ удáрами ניט זשאלעווען קיין קלעפ

осы́паться *сов.*, **осыпа́ться** *несов.* 1. *(о штукатурке)* אָפפאלן*; *(о земле, о насыпи)* אראָפשיטן* זיך; צעשאָטן ווערן*; 2. *(о листьях)* (אר)אָפפאלן*; *(о деревьях)* אנטבלעטערט ווערן*, הויל בלײַבן*; зернó осыпáется די טוווע שיט זיך אָפ, די טוווע שיט זיך פון די זאנגען

ось *ж* אקס וו ־ן; *перен. тж.* מיטלפונקט מ, צענטער מ; земнáя ~ ערד־אקס וו

осьминóг *м* אכטפיסלער מ ־ס

осязáем||ый פילבארער; ~ые результáты מאמאָשעסדיקע רעזולטאטן

осязáние *с* טאפ־כוש מ; כוש־האמישוש מ *уст.*

осязáтельн||ый 1. טאפ־; ~ые волоски́ טאפ־הערעלעך מצ.; 2. *(заметный)* מאמאָשעסדיקער

осязáть *несов.* 1. (אָנ)טאפן; 2. *(замечать, чувствовать)* פילן בעכוש

от *предлог с род. п.* 1. פון; отплы́ть от бéрега אָפשווימען* פונעם ברעג; в ста километрах от Москвы́ הונדערט קילאָמעטער פון מאָסקווע; письмó от шестóго мáя א בריוו פונעם זעקסטן מײַ; узнáть *что-л.* от *кого-л.* געוואָר ווערן* עפעס פון עמעצן; удержáться от смéха אָפהאלטן* זיך פון לאכן; пу́говица от пальтó דאָס קנעפל פונעם מאנטל; 2. *(при указании на подлежащее предотвращению, прекращению)* קעגן, פון; *(на подлежащее устранению)* פון, *иногда предлогом не переводится;* очи́стить от гря́зи אָפרייניקן (פון בלאָטע); очи́стить от скорлупы́ אָפשיילן; избáвиться от болéзни פאָטער ווערן* פון דער קרענק; срéдство от головнóй бóли א מיטל קעגן קאָפווייטיק; 3. *(при указании на причину чего-л.)* פאר, פון; петь от рáдости זינגען* פאר פרייד; стонáть от бóли קרעכצן פאר ווייטיק; глазá, крáсные от слёз אויגן, רויטע פון וויינען; почернéвший от стáрости שווארץ־געוואָרענער פון עלטער; 4. *(при указании на связь с чем-л.)* פון; рабóчий от станкá אן ארבעטער (נאָרוואָס) פון ווארשטאט; лю́ди от нау́ки מענטשן פון דער וויסנשאפט, וויסנשאפט־לײַט מצ.; 5.: от всегó сéрдца פונעם [מיטן] גאנצן הארצן; от *чьего-л.* и́мени אין עמעצנס נאָמען; отличáться от други́х אונטערשיידן זיך פון אנדערע; отличи́ть добрó от зла אונטערשיידן (צווישן) גוטס און שלעכטס; 6.: день ото дня́ פון טאָג צו טאָג, וואָס א טאָג; врéмя от врéмени פון צײַט צו צײַט

отáпливать *несов. см.* отопи́ть

отáра *ж* טשערעדע וו ־ס (שאָף)

отбáвить *сов.*, **отбавля́ть** *несов.* אראָפנעמען*; *(часть жидкости)* אָפגיסן*; ◇ хоть отбавля́й מער ווי מע דארף, דײַ וועהויסער

отбегáть *несов.*, **отбежáть** *сов.* אָפלויפן*; отбежáть в стóрону אָפלויפן* אין א זײַט

отбéливать *несов.*, **отбели́ть** *сов.* ווײַס מאכן; *(холст)* (אָפ)בלייכן

отбивáть(ся) *несов. см.* отби́ть(ся)

отбивн||óй 1.: ~áя котлéта קלאָפס מ ־ן; 2. *в знач. сущ. ж* קלאָפס מ ־ן

отбира́ть *несов. см.* отобра́ть

отби́ть *сов.* 1. (*отломать*) אָפברעכן*, אָפקלאפן; ~ ру́чку у ча́йника אָפברעכן* דאָס הענטל פונעם טשײַניק; 2. (*отразить*) אָפשלאָגן*, אָפקלאפן; ~ мяч אָפשלאָגן*, [אָפקלאפן] די פילקע; ~ уда́р אָפשלאָגן* [פארירן] דעם קלאפ; ~ ата́ку אָפשלאָגן* די אטאקע; 3. (*вернуть себе с боем*) אָפקעמפן; (*пленных, имущество*) אָפשלאָגן*; 4. (*привлечь к себе*) אָפשלאָגן*; ~ покупа́телей אָפשלאָגן* קוינים; 5. *разг.* (*вкус, запах*) אָפשלאָגן*, פארטרײַבן*; 6. (*такт*) אויסקלאפן; 7. (*ушибить*) צעקלאפן; דערקלאפן; ◇ ~ охо́ту אָפשלאָגן* דעם כיישעק; **~ся** *сов.* 1. (*отломаться*) אָפברעכן* זיך, אָפקלאפן זיך; 2. (*отразить удар*) אָפווערן זיך; 3. (*отстать*) אָפשטיין*, אָפשלאָגן* זיך; ~ от ста́да אָפשלאָגן* זיך פון דער טשערעדע; 4. *разг.* (*перестать заниматься чем-л.*) פארלאָזן*; ◇ ~ся от рук ארויס|גיין* פון די האָלאָבליעס

отблагодари́ть *сов.* (*вин.*) באדאנקען, זאָגן א דאנק (דאט.); (*вознаградить*) אָפדאנקען

о́тблеск *м* אָפגלאנץ מ, אָפבלאנק מ

отбо́||й *м* ענד־סיגנאל מ ־ן; (*после воздушной тревоги*) דעזאלארמיר־סיגנאל מ ־ן; ◇ дать ~й אָפקלינגען*, אופהענגען* [אוועקלייגן] דאָס טרײַבל; ~ю нет от покупа́телей די קוינים שלאָגן אָפ די טירן

отбо́йный: ~ молото́к אָפקלאפ־האמער מ ־ס

отбо́р *м* אָפקלײַב מ; есте́ственный ~ נאטירלעכער אָפקלײַב; **~ный** 1. (*отличный*) אָפגעקליבענער; 2. *разг.*: ~ная ру́гань קאָפלשמוינעדיקע זידלערײַ

отбо́рочн||ый אָפקלײַב־; ~ая коми́ссия אָפקלײַב־קאָמיסיע װ ־ס; ~ые соревнова́ния אָפקלײַב־פארמעסטונגען מצ.

отбра́сывать *несов. см.* отбро́сить

отбро́сить *сов.* 1. אָפווארפן*; *перен. тж.* אוועקווארפן*; ~ наза́д אָפווארפן* אף צוריק; ~ в сто́рону אָפווארפן* אין א זײַט; ~ сомне́ния אוועקווארפן* די ספייקעס; ~ мысль אָפווארפן* [אָפזאָגן זיך פון] דעם געדאנק; 2. (*неприятеля*) אָפווארפן*, אָפשלײַדערן; 3.: ~ тень אָפלייגן א שאָטן

отбро́сы *мн.* אָפפאל מ; *перен.* פסוילעס ו; ~ о́бщества דאָס פסוילעס [די אויסוואָרפן] פון דער געזעלשאפט

отбыва́ть *несов. см.* отбы́ть

отбы́т||ие *с* 1. (*отъезд*) אָפפאָר מ, אָפפאָרן ו; 2.: по ~ии наказа́ния נאָכן אָפקומען די שטראָף

отбы́ть *сов.* 1. (*уехать*) אָפפאָרן*; 2.: ~ наказа́ние אָפקומען* די שטראָף; ~ вое́нную слу́жбу אָפדינען

отва́га *ж* געוואגטקײַט װ, מוטיקײַט װ; меда́ль «За отва́гу» דער מעדאל «פאר געוואגטקײַט» [«פאר מוט»]

отва́дить *сов.*, **отва́живать** *несов. разг.* אָפגעוווינען; (*от дома*) אָפלאָנטשען

отва́живаться *несов.*, **отва́житься** *сов.* אײַנשטעלן זיך, אָנעמען* זיך מיט קוראזש [מיט מוט]

отва́жный געוואגטער, מוטיקער

отва́л *м*: до ~а (нае́сться) (אָנעסן* זיך) ביז ס׳קריכט שוין אף צוריק, (אָנעסן* זיך) ביז ס׳קריכט שוין פונעם האלדז

отва́лива||ть *несов.* 1. *см.* отвали́ть; 2.: ~й(те) *разг.* טראָג(ט) זיך אָפ; **~ться** *несов. см.* отвали́ться

отвали́ть *сов.* 1. (*отодвинуть в сторону*) אָפוואלגערן; 2. *разг.* (*щедро одарить*) אָפסילעקן; 3. (*отчалить*) אָפשיפן זיך; **~ся** *сов.* 1. אָפוואלגערן זיך, אָפפאלן*; 2. *разг.* (*на спинку кресла и т. п.*) צוריקווארפן* זיך

отва́р *м* אָפזאָט מ

отва́ривать *несов.*, **отвари́ть** *сов.* אָפקאָכן, אָפזידן*

отварн||о́й אָפגעקאָכטער, אָפגעזאָטענער, ~о́е мя́со געקאָכט [אָפגעזאָטן] פלייש

отве́дать *сов.*, **отве́дывать** *несов. разг.* 1. פארזוכן; 2. (*испытать*) אויספארזוכן, אויספרווון

отвезти́ *сов.* (*доставить*) אָפפירן; (*увезти*) אוועקפירן

отверга́ть *несов.*, **отве́ргнуть** *сов.* (*что-л.*) אָפווארפן*, ניט אָנעמען*; (*кого-л.*) אָפשטויסן*; ~ *чью-л.* по́мощь ניט אָנעמען* עמעצנס הילף, אָפזאָגן זיך פון עמעצנס הילף; ~ мысль אָפווארפן* דעם געדאנק

отвердева́ть *несов.*, **отверде́ть** *сов.* הארט ווערן*; (*о жидкостях и т. п.*) פארגליווערט ווערן*

отве́рженный 1. פארשטויסענער; 2. *в знач. сущ. м* פארשטויסענער מ ··נע

отверну́||ть *сов.* 1. (*отвинтить*) אָפשרויפן; (*кран тж.*) אָפדרייען; 2. (*отогнуть — рукав*) פארקאטשען, פארהייבן*; 3. (*повернуть в сторону*) אָפווענדן, אָפקערעווען; он ~л лицо́ ער האָט אָפגעקערט דאָס פאָנעם; **~ться** *сов.* 1. (*отвинтиться*) אָפשרויפן זיך; (*о кране тж.*) אָפדרייען זיך; 2. (*отогнуться*) פארבייגן* זיך; (*о рукаве и т. п.*) פארקאטשען זיך; 3. (*в сторону*) אָפקערעווען זיך; (*от кого-л.*) *перен.* אָפקערן זיך (פון)

отве́рстие *с* עפענונג װ ־ען; (*дыра*) לאָך װ (מצ. לעכער); (*щель*) שפאלט מ ־ן

отверте́ться *сов.* (от *род.*) *разг.* (*уклониться*) אויסדרייען זיך (פון)

отвёртка *ж* שרויפנציער מ ־ס

отвёртывать(ся) *несов. см.* отверну́ть(ся)

отве́с *м* 1. ריכט־שנור מ ־ן; 2. (*склон*) שטײַלער נייג, אָפהאנג מ ־ן

отве́сить *сов.* אָפוועגן; ◇ ~ ни́зкий покло́н טיף פארנייגן זיך

отве́сный ווערטיקאלער; (*крутой*) שטײַלער

отвести́ *сов.* 1. (*доставить*) אָפפירן; (*увести*) אוועקפירן; ~ ребёнка в де́тский сад אָפפירן דאָס קינד אין קינדער־גאָרטן; ~ *кого-л.* в сто́рону אָפפירן [אוועקנעמען*] עמעצן אין א זײַט; 2.: ~ войска́ אָפציִען* די מיליטער־טיילן; 3. (*направить в сторону; тж. перен.*) אָפווענדן; (*воду*) אָפפירן; ~ глаза́ אָפווענדן די אויגן [דעם בליק]; ~ беду́ אָפווענדן דעם אומגליק, ניט דערלאָזן* צו אן אומגליק; 4. (*отвергнуть*) אָפווענדן; ~ *чью-л.* кандидату́ру אָפווענדן [אָפווארפן*] עמעצנס קאנדידאטור; 5. (*предназначить для чего-л.*) אויסטיילן; ~ уча́сток אויסטיילן אן ערד־כיילעק; ~ вре́мя אויסטיילן צײַט; ◇ ~ ду́шу אויסרעדן* זיך דאָס הארץ; ~ глаза́ *кому-л.* פארבלענדן עמעצן די אויגן

отве́т *м* 1. ענטפער מ ־ס; טשוּווע װ ־ס; вопро́с оста́лся без ~а די פראגע איז געבליבן אָן אן ענטפער; дать ~ געבן* אן ענטפער; (*на просьбу и т. п. тж.*) געבן* טשוּווע; блестя́щий ~ א גלענצנדיקער ענטפער; иска́ть ~ в зада́чнике זוכן דעם ענטפער אינעם אופגעבער; 2. (*ответное чувство*) ענטפער מ, אָפרוף מ; не находи́ть ~а ניט געפינען* קיין ענטפער [קיין אָפרוף]; 3. (*ответственность*) פאראנטוואָרטלעכקײַט װ; привлечь к ~у צוציִען* צו פאראנטוואָרטלעכקייט; держать ~ אָפּגעבן* כעזשבן, ענטפערן; ◇ в ~ אלס (אן) ענטפער; услышать в ~ דערהערן אן ענטפער; улыбнуться в ~ ענטפערן מיט א שמייכל; кивнуть в ~ אלס ענטפער א שאָקל טאָן* מיטן קאָפּ; быть в ~е פאראנטוואָרטלעך זיין*; ни ~а ни привета מע הערט ניט און מע זעט ניט; איין קויל וועיין אוינע *уст.*

ответв||иться *сов.* אָפּצווייגן זיך; **~ление** *с* **1.** *(отросток)* אָפּצווייג מ ־ן, אָפּשפּראָץ מ ־ן; 2. *(дороги и т.п.)* אָפּצווייג מ ־ן

ответвляться *несов. см.* ответвиться

ответ||ить *сов.* **1.** ענטפערן; *(дать ответ)* געבן* אן ענטפער; ~ить на вопрос ענטפערן [געבן* אן ענטפער] אף דער פראגע; ~ить на письмо ענטפערן אפן בריוו; ~ить отказом אָפּזאָגן; ~ согласием צושטימען; ~ить урок ענטפערן דעם לימעד [די פארגעבונג]; 2. *(тв.; предпринять ответные действия)* ענטפערן (מיט); ~ить на огонь противника ענטפערן אפן סוינעס פייער; **3.** *(откликнуться, отозваться)* אָפּענטפערן, אָפּרופן* זיך; 4. *(на какое-л. чувство)* ענטפערן; ~ить взаимностью אָפּרופן* זיך מיט ענטפער־געפיל; 5. (за *вин.*, *нести ответственность)* ענטפערן (פאר), אָפּגעבן* כעזשבן (פאר); באצאָלן *разг.*; ты (мне) ответишь за это דאָס וועט דיר גלאט ניט אָפּגיין; **~ный:** ~ное письмо ענטפער־בריוו מ, ענטפער מ; ~ное предложение קעגן־פאָרשלאָג מ ־ן; ~ный визит ענטפער־וויזיט מ ־ן; ~ное чувство ענטפער־געפיל ז ־ן

ответственн||ость *ж* פאראנטוואָרטלעכקייט וו; *(моральная тж.)* אכרייעס ז; взять на себя ~ость נעמען* אף זיך די פאראנטוואָרטלעכקייט [דאָס אכרייעס]; привлечь *кого-л.* к ~ости צוציִען* עמעצן צו פאראנטוואָרטלעכקייט; **~ый** פאראנטוואָרטלעכער; быть ~ым за *что-л.* перед *кем-л.* זיין* פאראנטוואָרטלעך פאר עפּעס לעגאבע עמעצן; ~ый редактор פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר; ~ое поручение א פאראנטוואָרטלעכער [אן אכרייעסדיקער] אופטראָג; ~ый работник פאראנטוואָרטלעכער טוער; ~ый момент אן ערנסטער מאָמענט

ответч||ик *м юр.* געמאָנטער מ ··טע; **~ица** *ж юр.* געמאָנטע וו =

отвечать *несов.* **1.** *см.* ответить; 2. (за *вин.*; *быть ответственным)* זיין* פאראנטוואָרטלעך (פאר), טראָגן* (אף זיך) די פאראנטוואָרטלעכקייט (פאר); ~ за качество זיין* פאראנטוואָרטלעך פאר דער קוואליטעט; 3. *(дат.; соответствовать)* שטימען (מיט), אנטשפּרעכן* (צו); ~ требованиям אנטשפּרעכן* (צו) די פאָדערונגען, שטימען מיט די פאָדערונגען

отвешивать *несов. см.* отвесить

отвиливать *несов.*, **отвильнуть** *сов.* (от *род.*) *разг.* אויסדרייען זיך (פון)

отвинтить *сов.* אָפּשרויפן; **~ся** *сов.* אָפּשרויפן זיך

отвинчивать(ся) *несов. см.* отвинтить(ся)

отвисать *несов. см.* отвиснуть

отвисеться *сов. разг.* אויסגלעטן זיך (פון הענגען)

отвислый אראָפּהענגענדיקער

отвиснуть *сов.* אראָפּהענגען*

отвлекать(ся) *несов. см.* отвлечь(ся)

отвлечен||ие *с* אָפּווענדן ז; для ~ия внимания קעדיי אָפּצוווענדן די אופמערקזאמקייט

отвлечённ||ый אבסטראקטער; ~ые понятия אבסטראקטע באגריפן; ◇ ~ое число *мат.* אן אבסטראקטע צאָל; ~ое имя существительное *грам.* אן אבסטראקטער סובסטאנטיוו

отвлечь *сов.* **1.** אָפּווענדן; извините, я вас отвлеку на минуту אנטשולדיקט, כ׳וועל אייך אָפּווענדן אף א רעגע; ~ внимание אָפּווענדן די אופמערקזאמקייט; 2.: ~ на себя огонь противника אָפּציִען* אף זיך דעם סוינעס פייער; **~ся** *сов.* אָפּווענדן זיך; *(от темы и т. п.)* אָפּנייגן זיך

отвод *м* **1.** *(войск)* אָפּציִען ז; 2. *(кандидатуры и т. п.)* אָפּווענד מ ־ן; дать ~ *кому-л.* געבן* עמעצן אן אָפּווענד, אָפּווענדן עמעצנס קאנדידאטור; 3. *(трубопровода и т. п.)* אָפּצווייג מ ־ן; ◇ для ~а глаз אף פארבלענדן די אויגן

отводить *несов. см.* отвести

отводный: ~ канал אָפּפיר־קאנאל מ ־ן

отвоева||ть *сов.* **1.** צוריקגעווינען*; *перен.* אויסקעמפן; 2. *разг.*: ты уже своё ~л דו האָסט שוין דיין כיילעך פולווער אָפּגעשמעקט

отвозить *несов. см.* отвезти

отворачивать(ся) *несов. см.* отвернуть(ся)

отворить *сов.* (אופ)עפענען, אופמאכן; **~ся** *сов.* (אופ)עפענען זיך, אופמאכן זיך

отворот *м (одежды)* לאץ מ, וו ־ן; *(рукава)* מאנקעט מ ־ן, אומשלאָג מ ־ן

отворотить *сов. разг. см.* отвернуть; **~ся** *сов. разг.* אָפּקערעווען זיך

отворять(ся) *несов. см.* отворить(ся)

отвратительн||ый עקלדיקער, עקלהאפטיקער; *(скверный)* פאסקודנע(ר) *тж. неизм.*; ~ый запах אן עקלדיקער [פאסקודנע(ר)] רייעך; ~ая погода א פאסקודנע [א מיִעסער] וועטער; он мне отвратителен ער איז מיר העסלעך [עקלהאפט], מיך עקלט פון אים

отвращение *с* עקל מ, ווידערגעפיל ז; питать ~ к *кому-л.*, к *чему-л.* האָבן* א ווידערגעפיל צו עמעצן, צו עפּעס; внушать ~ *кому-л.* ארויסרופן* עקל [א ווידערגעפיל] בא עמעצן

отвыкать *несов.*, **отвыкнуть** *сов.* אָפּגעוווינען זיך; *(отдалиться)* אָפּגעוווינט ווערן*

отвязать *сов.* אָפּבינדן*; **~ся** *сов.* **1.** אָפּבינדן* זיך; 2. (от *род.*; *отделаться) разг.* פּאָטער ווערן* (פון); 3. (от *род.*; *оставить в покое) разг.* לאָזן* צורו עמעצן; אָפּטשעפּען זיך (פון); отвяжись от него! טשעפּע זיך אָפּ פון אים!

отгадать *сов.* אָפּטרעפן*, באשיידן; ~ загадку לייזן, טרעפן* א רעטעניש

отгадка *ж* אָפּטרעפונג וו, באשייד מ; לייזונג וו (פון א רעטעניש)

отгадывать *несов. см.* отгадать

отгибать(ся) *несов. см.* отогнуть(ся)

отглагольный *грам.* דעווערבאלער

отгладить *сов.*, **отглаживать** *несов.* אויספּרעסן, אָפּרעסן

отговаривать *несов.* (от *род.*) (פּרוּוון) אָפּרעדן* [אָפּשלאָגן*] (פון); **~ся** *несов. см.* отговориться

отговорить *сов.* (от *род.*) אָפּרעדן* (פון); **~ся** *сов.* *(тв.)* אָפּקומען* מיט א טערעץ; *(оправдаться)* פארענטפערן זיך, געפינען* א טערעץ; он отговорился нездоровьем ער איז אָפגעקומען מיט א טערעץ, אז ער איז ניט געזונט

отговóрка *ж* טערעץ מ (מצ. טערוצים), אויסרייד מ ־ן

отголóсок *м* אָפהילך מ ־ן, *перен. тж.* אָפקלאנג מ ־ען

отгоня́ть *несов. см.* отогнáть

отгорáживать(ся) *несов. см.* отгороди́ть(ся)

отгороди́ть *сов.* 1. אָפזונדערן, אָפטיילן; *(забором, стеной)* אָפצוימען; 2. *перен. (кого-л.* от *род.)* אָפזונדערן (פון), איזאָלירן (פון); **~ся** *сов.* 1. אָפזונדערן זיך, אָפטיילן זיך; *(забором, стеной)* אָפצוימען זיך; שטעלן א מעכיצע; 2. *перен.* אָפזונדערן זיך; איזאָלירן זיך

отграни́чивать *несов.*, **отграни́чить** *сов.* אָפגרענעצן

отгребáть^{1} *несов. см.* отгрести́^{1}

отгребáть^{2} *несов. см.* отгрести́^{2}

отгремéть *сов.* אָפדונערן; *перен. тж.* אָפהילכן

отгрести́^{1} *сов. (вин.) (граблями и т. п.)* אָפשארן, אוועקשארן

отгрести́^{2} *сов. (веслами)* אָפרודערן

отгружáть *несов.*, **отгрузи́ть** *сов.* אָפגרוזע(ווע)ן; ארויסשיקן; *(водным путём)* אָפפראכטעווען

отгýл *м* קאָמפענסיר־אָפרו מ

отдавáть *несов.* 1. *см.* отдáть; 2. *(тв.; иметь привкус)* הערן זיך (מיט); *(пахнуть тж.)* שמעקן (מיט)

отдави́ть *сов.:* ~ *кому-л.* нóгу אָנטרעטן* עמעצן אף א פוס, צוקוועטשן עמעצן א פוס

отдалéни||е *с (отчуждение)* דאָס דערווײַטערן זיך, אָפפרעמדונג וו; ◇ в ~и אינדערווײַטנס; в ~и от *чего-л.* ווײַט פון עפעס

отдалённ||ый דערווײַטערטער, ווײַטער; ~ый райóн א ווײַטער ראיאָן; ~ое схóдство א ווײַטע ענלעכקייט; ~ые прéдки ווײַטע אורעלטערן; в ~ые временá אין די אמאָליקע צײַטן, פארצײַטנס; ~ое бýдущее די ווײַטע צוקונפט

отдали́ть 1. צונעמען* א ביסל ווײַטער; ~ от глаз צונעמען* א ביסל ווײַטער פון די אויגן; 2. *(отодвинуть на более поздний срок)* פארציען* אף ווײַטער, דערווײַטערן; 3. *(отчуждать)* דערווײַטערן, אָפפרעמדן; **~ся** *сов.* (от *род.*) 1. דערווײַטערן זיך (פון); *перен. (отклониться)* אוועקגיין* ווײַט [אין א זײַט] (פון); 2. *(отчуждаться)* דערווײַטערן זיך (פון), אָפפרעמדן זיך (פון)

отдáть *сов.* 1. *(возвратить)* אָפגעבן*, אומקערן; ~ *кому-л.* долг אָפגעבן* [אומקערן] עמעצן דעם כויוו; 2. *(предоставить)* (אָפ)געבן*; *(посвятить)* אָפגעבן*; ~ *кому-л.* запи́ску אָפגעבן* עמעצן דעם צעטל; ~ зéмлю в арéнду (אָפ)געבן* די ערד אין ארענדע; ~ боти́нки в ремóнт (אָפ)געבן* פארריכטן די שיך; ~ все си́лы наýке אָפגעבן* אלע קויכעס דער וויסנשאפט; ~ жизнь за Рóдину אָפגעבן* דאָס לעבן פאר דעם היימלאנד; 3. *(отправить учиться)* אָפגעבן*; ~ детéй в шкóлу אָפגעבן* די קינדער אין שול; 4.: ~ зáмуж за *кого-л.* כאסענע מאכן פאר עמעצן; 5.: ~ распоряжéние געבן* א פאראָרדענונג; ~ прикáз (אָפ)געבן* א באפעל; ~ предпочтéние אָפגעבן* די בכוירע; ~ под суд שטעלן צום געריכט; 6. *(сделать резкое движение назад — об оружии)* צוריקשטויסן*, דערלאנגען אף צוריק; 7. *мор.:* ~ я́корь אראָפלאָזן* דעם אנקער; 8. *разг. (уплатить)* אָפגעבן*, באצאָלן; ◇ ~ визи́т אָפגעבן* א וויזיט; ~ *кому-л.* дóлжное ניט פארבײַגן* עמעצנס מײַלעס; **~ся** *сов.* 1. *(предоставить себя)* אָפגעבן* זיך; ~ся в *чьи-л.* рýки אָפגעבן* זיך אין עמעצנס רעשוס; 2. *(дат.; посвятишь себя)* (אינגאנצן) אָפגעבן* זיך (מיט); ~ся наýке אָפגעבן* זיך דער וויסנשאפט; целикóм ~ся воспитáнию детéй אינגאנצן אָפגעבן* זיך מיט קינדער־דערציונג; ~ся чýвству באהערשט ווערן* פונעם געפיל; ~ся воспоминáниям פארזונקען ווערן* אין זיכרוינעס; 3. *(о звуке)* אָפהילכן, אָפקלינגען*

отдáч||а *ж* 1. *(действие)* אָפגעבן ז; *(возврат тж.)* אומקערן ז; рабóтать с пóлной ~ей сил ארבעטן, אָפגעבנדיק אלע קויכעס; 2. *(у оружия)* צוריקשטויס מ; 3. *разг. (результат затраченного труда)* אָפדינונג וו, אומקער מ; быстрая ~а א גיכער אומקער; ◇ без ~и *разг.* אף ניט אומצוקערן

отдéл *м* אָפטייל מ ־ן; *(книги и т. п. тж.)* טייל מ ־ן

отдéлать *сов.* 1. *(придать законченный вид)* ארומארבעטן; אויספארטיקן; 2. *(украсить)* דעקאָרירן; *(одежду)* באפוצן; 3.: ~ под дуб ארומארבעטן קעמוי דעמב; **~ся** *сов. разг.* 1. *(освободиться, закончив что-л.)* אופאָרען זיך; 2. (от *род.; избавиться)* פאָטער ווערן* (פון); 3. *(тв.; ограничиться)* אָפקומען* (מיט); ~ся обещáниями אָפקומען* מיט צוזאָגן; ~ся испýгом אָפקומען* מיט אן איבערשרעק; он легкó отдéлался ס'איז אים (נאָך) גלאט אָפגעגאנגען

отделéние *с* 1. *(часть учреждения)* אָפטייל מ ־ן; סעקציע וו ־ס; *(филиал)* אָפטיילונג וו ־ען; ~ больни́цы שפיטאָל־אָפטייל מ ־ן; ~ мили́ции מיליציע־אָפטיילונג וו ־ען; почтóвое ~ פאָסט־אָפטיילונג וו ־ען; פאָטשט וו *разг.*; 2. *(стола, портфеля и т. п.)* אָפטייל מ ־ן; 3. *(концерта)* אָפטיילונג וו ־ען; *(театрального представления тж.)* אקט מ ־ן; 4. *воен.* אָפטיילונג וו ־ען

отдели́мый אָפטיילעוודיקער

отдели́ть *сов.* 1. אָפטיילן; 2. *(отличить)* אונטערשיידן; ~ прáвду от лжи אונטערשיידן (צווישן) עמעס און שעקער; 3. *(выделить, уступить)* אויסטיילן; **~ся** *сов.* 1. אָפטיילן זיך; *(обособиться)* אָפזונדערן זיך; 2. *(удалиться)* אָפגיין*

отдéлка *ж* 1. *(действие)* ארומארבעטונג וו; אויספארטיקונג וו; 2. *(украшение)* דעקאָרירונג וו; *(платья)* באפוץ מ

отдéлочн||ый: ~ые рабóты אויספארטיקונגס־ארבעט וו

отдéлывать(ся) *несов. см.* отдéлать(ся)

отдéльно *нареч.* באזונדער; *(обособленно)* אָפגעזונדערט

отдéльност||ь *ж:* в ~и באזונדער; кáждый в ~и יעדערער באזונדער; взя́тый в ~и באזונדער גענומען

отдéльн||ый 1. באזונדערער; ~ая кóмната א באזונדערער צימער; в кáждом ~ом слýчае אין יעדער באזונדערן [איינצלנעם] פאל; 2. *мн. (некоторые)* אייניקע; ~ые недостáтки אייניקע כעסרוינעס [פעלערן]; 3. *воен.* זעלבשטענדיקער, באזונדערער

отделя́ть *несов.* 1. *см.* отдели́ть; 2. *(служить границей)* אָפטיילן; проли́в отделя́ет óстров от материкá דער דורכגוס טיילט אָפ דעם אינדזל פונעם קאָנטינענט; **~ся** *несов.* 1. *см.* отдели́ться; ~ся запятóй אויסגעטיילט ווערן* דורך א קאָמע; 2. *(выделяться)* אויסטיילן זיך

отдёргивать *несов.*, **отдёрнуть** *сов.* 1. *(занавес и т. п.)* אָפציען*, פארנעמען* (אין א זײַט); 2. *(резко отвести* *назад)* אָפּרײַסן*, אווע́קכאפּן צורי́ק; ~ ру́ку אָפּרײַסן* די האנט

отдира́ть *несов. см.* отодра́ть 1

отдохну́ть *сов.* אָפּרוען; *(сделать передышку)* אָפּרוען זיך

отдува́ться *несов.* 1. אָפּסאפּען; 2. *разг.:* ~ за всех אָפּקומען* פאר אלעמען

отду́шина *ж* 1. ליו́כטע װ ־ס; 2. *перен.* טרײ́סט־פענצטערל ז, א שטי́קעלע נעכאָמע; *(для избытка энергии и т. п.)* ווע́נטיל ם ־ן

о́тдых *м* אָפּרו ם; ◇ дом ~а אָפּרו־הויז ז (מצ. ־הײַזער); без ~а אָן אוי́פהער

отдыха́ть *несов. см.* отдохну́ть

отдыха́ющий *м* = אָפּרוער ם

отдыша́ться *сов.* אָפּאָטעמען, כאפּן דעם אָטעם; дать *кому-л.* ~ לאָזן* עמעצן אָפּאָטעמען

отёк *м* (וואסער־)אוי́פשוול ם ־ן

отека́ть *несов. см.* оте́чь

отёл *м* אָפּקעלבונג װ

отели́ться *сов.* (אָפּ)קעלבן זיך

оте́ль *м* האָטע́ל ם ־ן

отепли́ть *сов.*, **отепля́ть** *несов.* באווא́רעמען, אײַנווארעמען, מאכן ווי́נטערדיק

оте́ц *м* 1. פאָטער ם ־ס, טא́טע ם ־ס; стать отцо́м ווערן* א טאטע; 2. *мн. (предки)* או́רעלטערן מצ.; ◇ отцы́ го́рода די שטאָט־באלעבאטים

оте́ческ||ий פאָטערלעכער, פאָטער־; ~ая забо́та פאָטערלעכע זאָרג

оте́чественн||ый פאָטערלענדישער; *(о товарах и т. п.)* אי́נלענדישער; ~ая нау́ка די פאָטערלענדישע ווי́סנשאפט; изде́лия ~ого произво́дства אינלענדישע אויסארבעטונגען; ◇ Оте́чественная война́ די פאָטערלענדישע מי́לכאָמע

оте́чь *сов.* 1. אוי́פגעשוואָלן ווערן*, אוי́פלויפן*; 2. *(онеметь)* פארשלאָפן ווערן*; 3. *(о свече)* אָנגעשמאָלצן ווערן*

отжа́ть *сов.* *(извлечь жидкость)* ארוי́סקוועטשן; *(освободить от жидкости)* אוי́סקוועטשן; *(бельё)* אויסדרייען

отжива́ть *несов.* אָפּלעבן; *(об обычае тж.)* פארע́לטערט ווערן*

отжи́вший אָפּגעלעבטער; *(об обычае тж.)* פארע́לטערטער

отжима́ть *несов. см.* отжа́ть

отжи́ть *сов.* אָפּלעבן; он о́тжил свой век ער האָט שוין אָפּגעלעבט זײַן ביסל יאָרן; э́то сло́во в языке́ уже́ о́тжило אָט דאָס וואָרט איז שוין פארע́לטערט

отзвони́ть *сов.* 1. *(вин.) (пробить — о часах)* אוי́סקלינגען*; 2. *(кончить звонить)* אָפּקלינגען*

о́тзвук *м* 1. ווי́דערקלאנג ם ־ען; 2. *(ответное чувство)* אָפּקלאנג ם; אָפּרוף ם; 3. *(следствие чего-л.)* נאָ́כקלאנג ם ־ען

отзвуча́ть *сов.* אָפּקלינגען*; *(о выстрелах и т. п.)* אָפּהילכן

о́тзыв *м* 1. אָפּרוף ם ־ן; положи́тельный ~ א גי́נסטיקער אָפּרוף; 2. *воен.* ע́נטפער־פאראָל ם ־ן

отзы́в *м* אָפּרופן ז; ~ посла́ דאָס אָפּרופן דעם אמבאסאדאָר

отзыва́ть(ся) *несов. см.* отозва́ть(ся)

отзы́вчив||ость *ж* מיטפי́ל(עווד)יקײַט װ, ווא́רעמהארציקײַט װ; ~ый מיטפי́ל(עווד)יקער, ווא́רעמהארציקער

отка́з *м* אָפּזאָג ם; *(от чего-л. тж.)* דאָס אָפּזאָגן זיך; *(отрицательный ответ)* ניין־ענטפער ם; отве́тить ~ом אָפּזאָגן, געבן* א ניין־ענטפער, ע́נטפערן מיט ניין; он получи́л ~ מ'האָט אים אָפּגעזאָגט, מ'האָט אים גע́ענטפערט מיט ניין; ◇ до ~а וויפל ס'לאָזט זיך, ביז לעצט; де́йствовать без ~а ווירקן אָן פע́לער

отказа́ть *сов.* 1. אָפּזאָגן; напра́сно вы ему́ отказа́ли אומזי́סט האָט איר אים אָפּגעזאָגט, איר האָט ניט געדא́רפט אים אָפּזאָגן; ~ *кому-л.* в по́мощи אָפּזאָגן זיך קו́מען עמעצן צו הי́לף; ~ в про́сьбе אָפּזאָגן די באקאָשע; 2. *(лишить чего-л.)*: ~ *кому-л.* в гостеприи́мстве אָפּזאָגן זיך אוי́פנעמען עמעצן; ~ себе́ в са́мом необходи́мом ניט פארגי́נען* זיך דאָס סאמע נײ́טיקסטע; 3. *(не признать наличия чего-л. у кого-л.)*: ему́ нельзя́ ~ в остроу́мии מע מוז אנערקע́נען [מע קען ניט לייקענען], אז ער איז שא́רפזיניק; 4. *разг.* *(перестать действовать)* ניט ארבעטן, קא́ליע ווערן*; мото́р отказа́л דער מאָטאָר האָט אויפגעהערט א́רבעטן; ◇ не откажи́те в любе́зности (+ *инф.*) זײַט אזוי גוט (און); не откажи́те в любе́зности откры́ть окно́ זײַט אזוי גוט און עפנט דאָס פע́נצטער; ~ся *сов.* אָפּזאָגן זיך; ~ся вы́слушать *кого-л.* אָפּזאָגן זיך אוי́סהערן עמעצן; ~ся от де́нег אָפּזאָגן זיך פון געלט; ~ся от мы́сли אָפּזאָגן זיך פו́נעם געדא́נק; да́же родны́е отказа́лись от него́ אפי́לע די אײגענע האָבן זיך פון אים אָפּגעזאָגט; но́ги отказа́лись повинова́ться די פיס האָבן מער ניט געקענט די́נען, ער האָט מער ניט געקע́נט האלטן זיך אף די פיס; ◇ не откажу́сь [не отказа́лся бы] (+ *инф.*) כ'וואָלט גערן געטאָן עפּעס, כ'וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט טאָן עפּעס; (от *чего-л.*) כ'וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון עפּעס

отка́зывать *несов. см.* отказа́ть; ни в чём себе́ не ~ ניט זשא́לעווען זיך קיין שום זאך, פארגי́נען* זיך אלצדי́נג; **~ся** *несов. см.* отказа́ться

отка́лывать^{1} *несов. см.* отколо́ть^{1}

отка́лывать^{2} *несов. см.* отколо́ть^{2}

отка́лываться^{1} *несов. см.* отколо́ться^{1}

отка́лываться^{2} *несов. см.* отколо́ться^{2}

отка́пывать *несов. см.* откопа́ть

отка́рмливать *несов. см.* откорми́ть

отка́т *м* *(орудия)* צורי́קגאנג ם

откати́ть *сов.* אָפּקאטשען; *(круглый предмет)* אָפּקײַקלען; *(предмет на колёсах)* אָפּפירן (אין א זײַט); ~ся *сов.* 1. אָפּקאטשען זיך; *(о круглом предмете)* אָפּקײַקלען זיך; *(о предмете на колёсах)* אָפּפאָרן* (אין א זײַט); 2. *(о войсках)* צורי́קשטראָמען

отка́т||ка *ж горн.* אווע́קפירן ז; ~чик *м* אווע́קפירער ם =

отка́тывать *несов.* 1. *см.* откати́ть; 2. *горн.* אווע́קפירן; **~ся** *несов. см.* откати́ться

откача́ть *сов.*, **отка́чивать** *несов.* 1. *(насосом)* אָפּאָמפּען, אוי́ספּאָמפּען; 2. *(утопленника)* אָפּקאטשען

откачну́ться *сов.* אָפּוואקלען זיך

отка́шливаться *несов.*, **отка́шляться** *сов.* אָפּהוסטן זיך

откидн||о́й אָפּווארף־; ~о́е сиде́нье אָפּווארף־זיצל ז ־עך

отки́дывать(ся) *несов. см.* отки́нуть(ся)

откину‖ть *сов.* 1. אָפּוואַרפן*; (*бросая, убрать*) אוועקשלײַדערן; сильный толчок ~л его назад א שטאַרקער שטויס האָט אים אָפּגעוואָרפן [אָפּגעשלײַדערט] אף צוריק; ~ть камень с дороги אָפּשלײַדערן דעם שטיין פונעם וועג; его ~ло назад ס'האָט אים אָפּגעוואָרפן אף צוריק; 2. *перен.* אָפּוואַרפן* פון זיך, אוועקוואַרפן*; ~ть страх אָפּוואַרפן* פון זיך דעם שרעק; ~ть сомнения אוועקוואַרפן* די ספייקעס; 3. (*отогнув, открыть*) אָפּוואַרפן*; (*занавеску*) פאַרנעמען*, אָפּציִען*; ~ть борт машины אָפּוואַרפן* [אַראָפּלאָזן*] דעם באָרט פון דעם לאַסט־אווטאָמאָביל; 4. *разг.* (*неприятеля*) אָפּשלײַדערן; ~ться *сов.* אָפּוואַרפן* זיך; ~ться на спинку кресла צוריקוואַרפן* זיך אפן אָנלען פונעם שטול

откладывать *несов. см.* отложить

откланяться *сов. уст.* אָפּגעזעגענען זיך

отклеивать(ся) *несов. см.* отклеить(ся)

отклеить *сов.* אָפּקלעפּן; ~ся *сов.* אָפּקלעפּן זיך

отклик *м* 1. (*ответ*) אָפּרוף מ ־ן; (*эхо*) ווידערקלאַנג מ ־ען; 2. *перен.* אָפּרוף מ ־ן, אָפּקלאַנג מ ־ען; встретить [найти] горячий ~ האָבן* א וואַרעמען אָפּקלאַנג; 3. *обыкн. мн.* (*отзывы*) אָפּרופן מצ.; зарубежные ~и אויסלענדישע אָפּרופן

откликаться *несов.*, **откликнуться** *сов.* אָפּרופן* זיך; ~ на события אָפּרופן* זיך אף די געשעענישן; ~ на просьбу אָפּרופן* זיך אף דער באַקאָשע

отклонение *с* 1. אָפּנייגונג װ, אָפּנייג מ; ~ стрелки די אָפּנייגונג פונעם ווײַזער; 2. (*предложения и т. п.*) אָפּווענדן ז, אָפּוואַרפן ז; 3. (*отступление от чего-л.*) אָפּווײַכונג װ; ~ от нормы אן אָפּווײַכונג פון דער נאָרמע

отклонить *сов.* 1. (*в сторону*) אָפּנייגן; 2. (*предложение, просьбу и т. п.*) אָפּווענדן, אָפּוואַרפן*; ~ся *сов.* 1. אָפּנייגן זיך; стрелка отклонилась вправо דער ווײַזער האָט זיך אָפּגענייגט אף רעכטס; 2. (*уклониться от первоначального направления*) אָפּנייגן זיך; *перен. тж.* אָפּווענדן זיך; корабль отклонился от намеченного курса די שיף האָט זיך אָפּגענייגט פונעם אָנגעמערקטן קורס; ~ся от темы אָפּווענדן זיך פון דער טעמע

отклонять(ся) *несов. см.* отклонить(ся)

отключать(ся) *несов. см.* отключить(ся)

отключить *сов.* אָפּשליסן*; ~ся *сов.* אָפּשליסן* זיך

отколотить *сов. разг.* (*избить*) אָנבייקערן

отколоть¹ *сов.* 1. (*топором и т. п.*) אָפּהאַקן, אָפּשפּאַלטן*; 2. (*отломать*) אָפּברעכן*, אָפּקלאַפּן

отколоть² *сов.* (*отшпилить*) אָפּשפּיליען; ~ булавку אַרויסנעמען* די שפּילקע

отколоться¹ *сов. прям. и перен.* אָפּשפּאַלטן* זיך

отколоться² *сов.* (*о приколотом*) אָפּשפּיליען זיך

откомандировать *сов.* (אָפּ)קאָמאַנדירן

откопа‖ть *сов.* אויסגראָבן*, אָפּגראָבן*; *перен. разг.* אויסגראָבן*; где он ~л эту цитату? ווו האָט ער גאָר אויסגעגראָבן אָט די ציטאַטע?

откорм *м* אויסהאָדעווען ז

откормить *сов.* אויסהאָדעווען; ~ поросёнка אויסהאָדעווען א כאַזערל

откормленный אויסגעהאָדעוועטער, אויסגעפּיטערטער, אויסגעפּאַשעטער

откос *м* שיפּוע מ (מצ. שיפּועים); ◇ пустить поезд под ~ אַראָפּלאָזן* דעם צוג פון די רעלסן

открепительный: ~ талон א טאַלאָן פאַר [אַף] אַראָפּנעמען זיך פונעם דיסקאָנט, אָפּפעסטיקונג־טאַלאָן מ ־ען

открепить *сов.* 1. (*отделить*) אָפּפעסטיקן; 2. (*снять с учёта*) אַראָפּנעמען* פונעם דיסקאָנט; ~ся 1. אָפּפעסטיקן זיך; 2. (*сняться с учёта*) אַראָפּנעמען* זיך פונעם דיסקאָנט

откреплять(ся) *несов. см.* открепить(ся)

открещиваться *несов. разг.* (от *род.*) אָפּטרייסלען זיך (פון)

откровение אַנטפּלעקונג װ ־ען

откровенничать *несов.* (*с кем-л.*) *разг.* רעדן* צו אָפנהאַרציק (מיט)

откровенн‖ость *ж* אָפנהאַרציקײַט װ; ~ый 1. אָפנהאַרציקער; 2. (*нескрываемый, явный*) אָפענער, ניט־פאַרשטעלטער; в его глазах можно было прочесть ~ое презрение אין זײַנע אויגן האָט מען געקענט זען אן אָפענע [א ניט־פאַרשטעלטע] פאַראַכטונג

открутить *сов.*, **откручивать** *несов.* אָפּדרייען; (*отвинтить*) אָפּשרויפן

открывать(ся) *несов. см.* открыть(ся)

открыти‖е *с* 1. עפענונג װ, עפענען ז; (*памятника*) אַנטהילונג װ; торжественное ~е די פײַערלעכע עפענונג; до ~я магазина десять минут ביז עפענען דעם מאַגאַזין זײַנען געבליבן צען מינוט; 2. (*научное*) אַנטדעקונג װ ־ען; ~е Америки די אַנטדעקונג פון אַמעריקע

открытка *ж* (פּאָסט)קאַרטל ז ־עך; (*художественная*) בילדקאַרטל ז ־עך

открыт‖о *нареч.* אָפן; (*явно тж.*) עפנטלעך; ביפרעסיע *уст.*; ~ый 1. אָפענער; ~ое окно אן אָפן פענצטער; ~ый автомобиль אן אָפענער אווטאָמאָביל; 2. (*доступный взору*) אָפענער, פרײַער; ~ая равнина אן אָפענער [א פרײַער] פליין; 3. (*обнажённый*) אַנטבלויזטער, הוילער, נאַקעטער; (*о платье*) אָפענער; с ~ой головой מיט א הוילן [נאַקעטן, אָפּגעדעקטן] קאָפּ; 4. (*доступный для всех*) עפנטלעכער, אָפענער; ~ый суд אן עפנטלעכער געריכט; ~ое партийное собрание אן אָפענע פאַרטיי־פאַרזאַמלונג; 5. (*искренний*) אָפנהאַרציקער; (*о взгляде*) אָפענער, גראָדער; 6. (*нескрываемый*) אָפענער; ~ая борьба אן אָפענער קאַמף; 7. *горн.*: добыча ~ым способом אָפענער [אויבערפלאַכיקער] אַרויסבאַקום, אַרויסבאַקום פונעם אויבערפלאַך; ◇ ~ая рана אן אָפענע וווּנד; ~ое письмо 1) (*почтовая открытка*) (פּאָסט)קאַרטל ז ־עך; 2) (*в газете и т. п.*) אן אָפענער בריוו; ~ое голосование אָפענע אָפּשטימונג; под ~ым небом אונטערן פרײַען הימל, אף דער פרײַער לופט

открыть *сов.* 1. עפענען, אויפעפענען; (*широко распахнуть*) אויפפּראַלן; ~ окно (אויפ)עפענען דאָס פענצטער; ~ настежь двери אויפפּראַלן די טירן; ~ бутылку (אויפ)עפענען די פלאַש; ~ ящик стола עפענען דעם שופלאָד; ~ глаза (אויפ)עפענען די אויגן; 2. (*развернуть; тж. перен.*) עפענען; ~ книгу עפענען דעם בוך; ~ зонтик צעעפענען דעם שירעם; ~ границу עפענען די גרענעץ; ~ новый магазин עפענען א נײַעם מאַגאַזין; ~ дорогу к знанию עפענען [מאַכן פרײַ] א וועג צו וויסן; 3. (*освободить от чего-л. покрывающего*) אָפּדעקן; אַנטבלויזן; (*сделать видимым тж.*) אַנטפּלעקן; ~ лицо אָפּדעקן [אַנטפּלעקן] דאָס פּאָנעם; ~ памятник אַנטהילן דעם דענקמאָל; 4. *разг.*: ~ кран אָפּדרייען [עפענען]

דעם קראַן; 5. (*начать*) עפענען; ~ собрáние עפענען די פאַרזאַמלונג; ~ огóнь עפענען א פײַער, אָנהייבן* שיסן; 6. (*доверить*) אנטפלעקן; ~ секрéт אנטפלעקן דעם סאָד; ~ прáвду אויסזאָגן [דערציילן] דעם גאנצן עמעס; 7. (*выявить в результате исследований*) אנטדעקן; (*метод, способ тж.*) געפינען*; ~ звездý אנטדעקן א שטערן; ~ нефть אויסגעפינען* נאפט; ◇ ~ глазá *кому-л.* на *что-л.* עפענען עמעצן די אויגן אף עפעס; ~ счёт 1) *бухг.* עפענען א קאָנטע; 2) *спорт.* עפענען דעם (שפיל־)כעזשבן; ~ся *сов.* 1. עפענען זיך, אופעפענען זיך, צעעפענען זיך; чемодáн откры́лся דער טשעמאָדאַן האָט זיך צעעפנט; окнó откры́лось דאָס פענצטער האָט זיך (אופ)געעפנט; откры́лась стáрая рáна ס'האָט זיך געעפנט אן אלטע ווונד; 2. (*предстать взору*) באווײַזן* זיך, אנטפלעקן זיך; 3. (*о болезни*) אנטפלעקן זיך; у негó откры́лся туберкулёз בא אים האָט זיך אנטפלעקט טובערקוליאָז; у негó откры́лся кáшель ער האָט אָנגעהויבן הוסטן; 4. (*стать понятным кому-л.*) קלאָר ווערן*; (*о чём-л. скрываемом*) אופגעדעקט ווערן*; 5. (*об учреждениях и т. п.*) עפענען זיך; в нáшем гóроде откры́лся теáтр אין אונדזער שטאָט האָט זיך געעפנט א טעאטער; 6. (*довериться кому-л.*) אָנפארטרויען זיך; ◇ глазá откры́лись у *кого-л.* ס'האָבן זיך געעפנט די אויגן בא עמעצן

откýда *нареч.* פונוואַנען; ~ он приéхал? פונוואַנען איז ער געקומען (צו פאָרן)?; ~ вы э́то знáете? פונוואַנען ווייסט איר דאָס?; все бежáли в ту стóрону, ~ доноси́лся крик אלע זײַנען געלאָפן אהין, פונוואַנען ס'האָט זיך געהערט א געשריי; ◇ ~ ни возьми́сь אינמיטן פלוצעם

откýда-либо, откýда-нибýдь פונוואַנען־(ס'איז־)ניט־איז פון ערגעץ־ווו

откýда-то *нареч.* פון ערגעץ(־ווו)

откýпоривать *несов.*, **откýпорить** *сов.* (*бутылку*) אופעפענען, אופקאָרקעווען; (*бочку*) אופשפונטעווען

откуси́ть *сов.*, **откýсывать** *несов.* אָפבײַסן*

отлагáтельств||о *с:* дéло не тéрпит ~а דער איניען טאָר ניט אָפגעלייגט ווערן

отлáмывать(ся) *см.* отломáть(ся) *и* отломи́ть(ся)

отлежáть *несов.:* он отлежáл себé нóгу ס'איז אים פאַרשלאָפן געוואָרן א פוס, ער האָט אָפגעלעגן (פון ליגן) א פוס

отлежáться *сов. разг.* איבערליגן* זיך

отлёживаться *несов.* 1. *см.* отлежáться; 2. (*пережидать лёжа*) איבערליגן*

отлёт *м* ד אָפפלי; ◇ дом стои́т на ~е דאָס הויז שטייט ערגעץ אין דער זײַט; держáть на ~е האַלטן* אין אן אויסגעצויגענער האַנט

отлетáть *несов.*, **отлетéть** *сов.* אָפפליען*; (*о мяче*) אָפשפרינגען*

отли́в *м* 1. אָפפלוס ד ־ן; *перен.* אָפפלייץ ד; 2. (*оттенок*) בײַ־קאָליר ד ־ן, (קאָליר־)שאַטירונג וו ־ען; плáтье с серебри́стым ~ом א קלייד שאַטירט מיט זילבער־קאָליר

отливáть *несов.* 1. *см.* отли́ть; 2. (*иметь какой-л. оттенок*): ~ зелёным אַרײַנפאַלן* אין א גרינלעכן קאָליר; ~ серебрóм אַרײַנפאַלן* אין זילבער־קאָליר; ~ всéми цветáми рáдуги מינען זיך, גלאַנצן מיט אלערליי קאָלירן

отли́ть *сов.* 1. (*часть жидкости*) אָפגיסן*; 2. (*насосом и т. п.*) אָפאָמפען, אויספאָמפען; 3. (*изготовить литьём*) אויסגיסן*, אָפגיסן*; ~ *что-л.* из брóнзы אויסגיסן* עפעס פון בראָנז

отличáть *несов.* 1. *см.* отличи́ть; 2. (*являться характерной особенностью*) אויסטיילן (פון אנדערע); ~ся *несов.* 1. *см.* отличи́ться; 2. (от *род.; быть непохожим*) אונטערשיידן זיך (פון); ~ся по фóрме אונטערשיידן זיך לויט דער פאָרם, האָבן* אן אנדער פאָרם; 3. (*тв.; характеризоваться*) אויסצייכענען זיך (מיט), אויסטיילן זיך (מיט); не ~ся красотóй זײַן* ניט איבעריק שיין

отли́чи||е *с* 1. ד אונטערשייד; (*черта, признак*) באַזונדערקײַט וו ־ן; внéшние ~я די אויסערלעכע באַזונדערקײַטן; 2.: боевы́е ~я מצ. שלאַכט־באַלוינונגען; диплóм с ~ем א דיפלאָם מיט אויסצייכענונג; ◇ в ~е от *чего-либо* אין אונטערשייד פון עפעס

отличи́тельн||ый: ~ая чертá דער באַזונדער־שטריך, דער סימען־מוווהעק; ~ая осóбенность ספעציפישע באַזונדערקײַט

отличи́ть *сов.* 1. (*различить*) אונטערשיידן; 2. (*отметить наградой*) אויסצייכענען, באַלוינען; ~ся *сов.* 1. אויסצייכענען זיך; ~ся в бою אויסצייכענען זיך אין שלאַכט; 2. *разг.* (*сделать что-л., вызывающее удивление*) שיין אויספײַנען זיך

отли́чн||ик *м* = ד אויסגעצייכנטלער; ~ица *ж* אויסגעצייכנטלערן וו ־ס

отли́чн||о 1. *нареч.* אויסגעצייכנט; ~о учи́ться לערנען זיך אויסגעצייכנט; он ~о знáет, что... ער ווייסט גאַנץ גוט [אויסגעצייכנט], אַז...; 2. *в знач. сказ.:* здесь мне ~о מיר איז דאָ אויסגעצייכנט, מיר איז דאָ גוט וואָס גוט הייסט; 3. *в знач. сущ. с нескл.* (*отметка*) די אָפשאַצונג «אויסגעצייכנט»; учи́ться на ~о לערנען זיך אף «אויסגעצייכנט»; получи́ть ~о по истóрии באַקומען* [קריגן*] אן אָפשאַצונג אף געשיכטע «אויסגעצייכנט»; ~ый 1. (*превосходный*) אויסגעצייכנטער; ~ая игрá актёров דאָס אויסגעצייכנטע [גלענצנדיקע] שפילן פון די אַקטיאָרן; 2. (*отличающийся, иной*) אַנדערשדיקער (אַן); פאַרשיידענער

отлóгий אָפלייגיקער

отложéние *с* 1. *геол.* אָפלאַגערונג וו ־ען; 2.: ~ солéй *мед.* אָפלייג פון זאַלצן

отложи́ть *сов.* אָפלייגן; ~ в стóрону אָפלייגן אין א זײַט; ~ дéньги на покýпку *чего-л.* אָפלייגן געלט אף קויפן עפעס; ~ заседáние אָפלייגן די זיצונג; ~ пáртию *шахм.* אָפלייגן די פאַרטיע

отложнóй: ~ воротни́к אָפגעלייגטער קאָלנער

отломáть *сов.* אָפברעכן*; ~ вéтку אָפברעכן* א צווײַגל; ~ся *сов.* אָפברעכן* זיך

отломи́ть *сов.* אָפברעכן*; ~ кусóк хлéба אָפברעכן* א שטיקל ברויט; ~ вéтку אָפברעכן* א צווײַגל; ~ся *сов.* אָפברעכן* זיך

отлупи́ть *сов. разг.* אָנבייקערן, אָנערעקן

отлучáть(ся) *несов. см.* отлучи́ть(ся)

отлучéние *с рел.* כײרעם ד (מצ. ־ס, כ(א)ראָמים)

отлучи́ть *сов.* (*вин.*) *рел.* ארופלייגן א כײרעם (אף); ~ся *сов.* אָפגיין*, אוועקגיין*; ~ на нéсколько минýт אוועקגיין* אף עטלעכע מינוט

отлу́чк||а *ж* אָפּוועזנהײַט ‖; он в ~е ער איז ניט הי; самово́льная ~а *воен.* אומדערלויבטע אָפּוועזנהײַט

отлы́нивать *несов.* (от *род.*) (סטארען זיך) אויסדרייען זיך (פון); ~ от рабо́ты אויסדרייען זיך פון ארבעט

отма́лчиваться *несов.* אָפּקומען* מיט שווײַגן

отма́тывать *несов. см.* отмота́ть

отма́хиваться *несов.*, **отмахну́ться** *сов.* **1.** (от *род.*) אָפּפּאָכ(ע)ן זיך (פון), אָפּטרײַבן* פון זיך; *перен.* אָפּטרייסלען זיך (פון), אָפּשאָקלען זיך (פון); ~ от комаро́в אָפּפּאָכ(ע)ן זיך פון די מוקן, אָפּטרײַבן* פון זיך די מוקן; ~ от назо́йливых посети́телей אָפּטרייסלען זיך [אָפּשאָקלען זיך] פון די אײַנגעגעסענע באזוכער; **2.** (*делать отрицательный жест*) אוועקמאכן מיט דער האנט; **3.** (от *род.*; *не желать заниматься чем-л.*) אוועקמאכן זיך (פון), ניט וועלן* הערן (פון); ~ от *чьих-л.* предложе́ний אוועקמאכן זיך פון עמעצנס פאָרשלאָגן, ניט וועלן* הערן פון עמעצנס פאָרשלאָגן

отмежева́ться *сов.*, **отмежёвываться** *несов.* אָפּגרענעצן זיך

о́тмель *ж* (בײַברעגיקע) זאמדבאנק ‖

отме́на *ж* אָפּשאפונג ‖, אָפּשאפן I; (*закона, приговора*) אנולירונג ‖, אנולירן I; ~ ча́стной со́бственности на сре́дства произво́дства די אָפּשאפונג פון [דאָס אָפּשאפן] פּריוואט־אייגנטום אף פּראָדוציר־מיטלען

отмени́ть *сов.* אָפּשאפן*; (*объявить недействительным*) אנולירן, באָטל מאכן; ~ прика́з אנולירן דעם באפעל

отме́нный אויסגעצייכנטער; (*исключительный*) אויסערגעוויינלעכער

отменя́ть *несов. см.* отмени́ть; ~ся *несов.* אָפּגעשאפט ווערן*; (*объявляться недействительным*) אנולירט ווערן*; спекта́кль отменя́ется דער ספּעקטאקל איז אָפּגעשאפט

отмере́ть *сов.* **1.** אָפּשטארבן*, אטראָפירט ווערן*; **2.** (*исчезнуть*) אָפּשטארבן*, פארגיין*

отме́рить *сов.*, **отмеря́ть** *несов.* אָפּמעסטן*; ◇ семь раз отме́рь, оди́н раз отре́жь *посл.* (בעסער) צען מאָל מעסטן און איין מאָל אָפּשנײַדן (איידער פארקערט)

отмести́ *сов.* **1.** (*сор*) אָפּקערן; **2.** (*отвергнуть*) אָפּווארפן*

отме́стк||а *ж*: в ~у אויס נעקאָמע, קעדיי אָפּצורעכענען זיך

отмета́ть *несов. см.* отмести́

отме́тить *сов.* (*вин.*) **1.** (*пометить*) אָפּצייכענען, אָפּמערקן; ~ на ка́рте אָפּצייכענען [אָפּמערקן] אף דער מאפּע; **2.** (*сделать запись*) פארצייכענען, פארנאָטירן; **3.** (*обратить внимание*) אָפּמערקן; ~ про себя́ אָפּמערקן אין זיך; **4.** (*указать на что-л.*) אָפּמערקן, אָנווײַזן* (אף); ~ актуа́льность те́мы אָפּמערקן די [אָנווײַזן* אף דער] אקטועלקײַט פון דער טעמע; **5.** (*удостоить кого-л. похвалы, награды*) אויסטיילן; ~ *чьи-л.* заслу́ги אָפּמערקן עמעצנס פארדינסטן; **6.** (*отпраздновать*) אָפּמערקן; ~ юбиле́й אָפּמערקן דעם יובילײ [דעם יויוול]; ~ся *сов.* פארעגיסטרירן זיך

отме́тк||а *ж* **1.** (*метка, знак*) סימען מ (מצ. סימאָנים), צייכן מ ־ס; (*запись в документе*) אָפּמערקונג ‖ ־ען; **2.** (*оценка знаний*) אָפּשאצונג ‖ ־ען, באל מ ־ן; получи́ть хоро́шую ~у באקומען* א גוטע° אָפּשאצונג

отмеча́ть *несов. см.* отме́тить; ~ся *несов.* **1.** *см.* отме́титься; **2.** (*наблюдаться*) באמערקן זיך; отмеча́ется пониже́ние температу́ры ס׳איז צו (בא)מערקן [ס׳באמערקט זיך] א פאלן פון דער טעמפּעראטור

отмира́ть *несов. см.* отмере́ть

отмора́живать *несов.*, **отморо́зить** *сов.*: он отморо́зил (себе́) па́льцы ס׳זײַנען אים אָפּגעפרוירן געוואָרן די פינגער

отмота́ть *сов.* אָפּוויקלען

отмыва́ть(ся) *несов. см.* отмы́ть(ся)

отмы́ть **1.** (*грязь и т. п.*) (אר)אָפּוואשן*; **2.** (*очистить что-л. от грязи и т. п.*) אָפּוואשן*; דערוואשן*; ~ся *сов.* **1.** (*о грязи и т. п.*) (אר)אָפּוואשן* זיך; **2.** (*стать чистым*) דערוואשן* זיך

отмы́чка *ж* האקשליסל מ ־ען, נאָכשליסל מ ־ען

отне́киваться *несов. разг.* אָפּשאָקלען זיך מיט ניין, פּרוּוון אויסדרייען זיך (פון)

отнести́ *сов.* **1.** אָפּטראָגן*, אוועקטראָגן*; ~ кни́ги в библиоте́ку אָפּטראָגן* די ביכער אין ביבליאָטעק; **2.** (*переместить*) איבערטראָגן*; (*о воде, ветре и т. п.*) אָפּטראָגן*, אָפּרוקן; тече́ние отнесло́ ло́дку в сто́рону דער שטראָם האָט אָפּגעטראָגן דאָס שיפל אין א זײַט; **3.** (к *дат.*; *причислить*) צורעכענען (צו), פאררעכענען; (*принимать за кого-л., за что-л.*) האלטן* (פאר); ~ *кого-л.* к рома́нтикам צורעכענען עמעצן צו די ראָמאנטיקער, האלטן* עמעצן פאר א ראָמאנטיקער; ~ ру́копись к деся́тому ве́ку צורעכענען דעם מאנוסקריפּט צום צענטן יאָרהונדערט, פאררעכענען דעם מאנוסקריפּט אלס אָנגעשריבענעם אין צענטן יאָרהונדערט

отнести́сь *сов.* באציען* זיך; к нему́ отнесли́сь по-дру́жески מע האָט זיך באצויגן צו אים פרײַנטלעך; ~ к *чьим-л.* слова́м с дове́рием באציען* זיך מיט צוטרוי צו עמעצנס ווערטער, גלייבן וואָס עמעצער זאָגט; ~ к рабо́те добросо́вестно באציען* זיך געוויסנהאפטיק צו דער ארבעט, [געטרײַ] געוויסנהאפטיק ארבעטן

отнима́ть(ся) *несов. см.* отня́ться

переда́ть *сов.* 1. *(вручить)* אי́בערגעבן*, אי́בערענטפערן; אָפגעבן* אין די הענט ארײַן; ~ *что-л.* из рук в ру́ки אי́בערגעבן* עפעס פון האַנט צו האַנט; 2. *(свои права, знания и т. п.)* אי́בערגעבן*; 3. *спорт.* *(мяч)* אי́בערשיקן, אי́בערגעבן*; 4. *(сообщить услышанное)* אי́בערגעבן*; *(разгласить)* (אויס)דערציילן; ~ приве́т אי́בערגעבן* א גרוס; 5. *(изложить, изобразить)* אי́בערגעבן*; ~ свои́ми слова́ми אי́בערגעבן* [אי́בערדערציילן] מיט אייגענע ווערטער; 6. *(на рассмотрение)* אי́בערגעבן*; ~ де́ло в суд אי́בערגעבן* דעם איניען אין געריכט; 7. *(команду, распоряжение)* אי́בערגעבן*, אָפגעבן*; 8. *(по радио, телевидению)* אי́בערגעבן*; *(транслировать тж.)* טראַנסלירן; **~ся** *сов.* אי́בערגעבן* זיך; мне передало́сь его́ настрое́ние מיר האָט זיך אי́בערגעגעבן זײַן שטימונג; ~ся по насле́дству אי́בערגיין* בעירושע

переда́ча *ж* 1. *(действие)* אי́בערגעבן ז; 2. *(в больницу и т. п.)* אי́בערגעבונג װ ־ען, פעקל ז ־עך; 3. *(по радио)* אאודיציע װ ־ס; *(по телевидению)* (טעלעוויזיע־)טראַנסמיסיע װ ־ס; 4. *тех.* טראַנסמיטיר־מעכאַניזם מ ־ען; *(ремённая)* טראַנסמיסיע װ ־ס

передвига́ть *несов. см.* передви́нуть; **~ся** *несов.* 1. *см.* передви́нуться; 2. *(ходить)* אומגיין*; *(на машине и т. п.)* אומפאָרן*; ~ся ползко́м קריכן*

передвиже́ни||е *с*: сре́дства ~я טראַנספאָרט־מיטלען מצ.; свобо́да ~я די פרײַהייט פון פאַרקער

передви́ж||ка *ж* 1. *(действие)* אי́בערוקן ז; *(движение)* דאָס אי́בערוקן זיך; באַוועגונג װ; 2.: библиоте́ка-~ка באַוועגלעכע ביבליאָטעק; **~но́й** באַוועגלעכער; ~на́я вы́ставка באַוועגלעכע אויסשטעלונג

передви́нуть *сов.* 1. אי́בערוקן, אי́בערשטעלן; 2. *разг.* (*перенести, изменить*) אי́בערטראָגן*, אי́בערוקן; ~ сро́ки אי́בערטראָגן* [אי́בערוקן] די טערמי́נען; ~ся *сов.* אי́בערוקן זיך, אי́בערגיין*

переде́л *м* אי́בער(פאר)טיילונג װ

переде́лать *сов.* 1. אי́בערמאכן, אי́בעראַרבעטן; (*литературное произведение и т. п.*) אי́בעראַרבעטן; ~ костю́м אי́בערמאכן דעם קאָסטיו́ם; ~ рома́н в пье́су מאכן פו́נעם ראָמא́ן א פּיע́סע; אינסצעני́רן דעם ראָמא́ן; ~ жизнь אי́בערמאכן דאָס לעבן; 2. (*сделать всё, многое*) אי́בערטאָן*

переде́лк||а *ж* 1. (*действие*) אי́בערמאכן ז, אי́בעראַרבעטן ז; отда́ть *что-л.* в ~у אָפּגעבן* עפּעס אף אי́בעראַרבעטן; 2. (*литературного произведения*) אי́בעראַרבעטונג װ ־ען; 3. (*затруднительное положение*): попа́сть в ~у, побыва́ть в ~е *разг.* האָבן* אף זיך קאלטס און ווא́רעמס

переде́лывать *несов. см.* переде́лать

передёргивать *несов. см.* передёрнуть

передержа́ть *сов.*, **передéрживать** *несов.* 1. אי́בערהאלטן*; 2. *фото* אי́בערעקספּאָני́רן, צו לאנג עקספּאָני́רן

переде́ржка *ж фото* אי́בערעקספּאָני́רונג װ

передёрну||ть *сов.* 1. (*плечами и т. п.*) א צוק טאָן*, א פיר טאָן*; 2. *безл.*: его́ ~ло от бо́ли ס'האָט אים אָנגעכאפּט א קראמף פאר ווייטיק; его́ ~ло от отвраще́ния ער האָט אופגעצוקט פאר עקל; 3. (*подтасовать*) אי́בערדרייען, פעלשן

пере́дн||ий פאָדער־, פאָדערשטער, פע́דערשטער; на ~ем пла́не אפן פאָדערגרונט; ~яя часть פאָדערטייל ם; ~ие но́ги פע́דערשטע פיס; ~ее колесо́ די פע́דערשטע ראָד; ◇ ~ий край *воен.* די פאָדערשטע פּאָזי́ציע [לי́ניע]

пере́дник *м* פא́רטעך ם ־ער

пере́дняя *ж* פאָדערצימער ם ־ן; פי́רהויז ז (מצ. ··הײַזער)

передо *см.* пе́ред; ~ мной פאר מיר

передова́я *ж* 1. *см.* передови́ца; 2. *воен.* פאָדערשטע פּאָזי́ציע [לי́ניע]

передови́к *м* = פאָ́רשריטלער ם, אוואנגארדי́סט ם ־ן; ~и́ произво́дства די אוואנגארדי́סטן [די פאָ́רשריטלער] פון דער פּראָדו́קציע

передови́ца *ж разг.* לײ́טארטיקל ם ־ען

передов||о́й 1. (*идущий впереди*) פאָרוי́ס(גייענד)יקער; (*расположенный впереди*) פאָדערשטער, פע́דערשטער, פאָ́רנטיקער; ~о́й отря́д אוואנגא́רד ם ־ן; 2. (*превосходящий других*) אוואנגא́רדישער; (*прогрессивный*) פאָ́רגעשריטענער; ~ы́е колхо́зы די אוואנגא́רדישע קאָלווי́רטן; ~о́й о́пыт די בע́סטע דערפא́רונג, די דערפא́רונג פון די בע́סטע; ~ы́е иде́и פאָ́רגעשריטענע [פּראָגרעסי́ווע] אידייען; ◇ ~а́я статья́ לײ́טארטיקל ם ־ען

передохну́ть *сов.* 1. (*перевести дух*) אי́בערכאפּן דעם אָטעם; 2. *разг.* (*немного отдохнуть*) אָפּאָטעמען, אָפּעטעמען

передра́знивать *несов.*, **передразни́ть** *сов.* (*вин.*) אי́בערקרימען, נאָ́כקרימען זיך (דאט.); не передра́знивай её קרים זי ניט אי́בער, קרים זיך איר ניט נאָך

переду́мать *сов.*, **переду́мывать** *несов.* 1. (*изменить решение*) אי́בערקלערן, באטרא́כטן זיך; כארא́טע האָבן* *ирон.*; 2. *разг.* (*обдумать многое*) אי́בערטראכטן, אי́בערקלערן

переды́шк||а *ж* אָטעם־איבערכאפּ ם, אָפּאָטעמען ז, אָפּעטעמען ז; не дава́ть ~и ניט לאָזן* [ניט געבן* קיין צײַט אף] אָפּאָטעמען; без ~и 1) (*без отдыха*) ניט אי́בערכאפּנדיק דעם אָטעם, אָן אָטעם־איבערכאפּ; 2) *разг.* (*непрерывно*) אָן או́פהער

перее́зд *м* 1. (*передвижение*) ארי́בערפאָר ם, אי́בערפאָרן ז; 2. (*на другую квартиру*) דאָס אי́בערקלײַבן זיך, דאָס אי́בערציִען זיך; (*в другой город*) ארי́בערפאָרן ז; 3. (*место, где можно переехать*) ארי́בערפאָר ם ־ן; железнодоро́жный ~ אײַזנבאן־אריבערפאָר ם ־ן

переезжа́ть *несов. см.* перее́хать 1, 2

перее́хать *сов.* 1. (*что-л.*) אי́בערפאָרן*; (*куда-л., через что-л. тж.*) ארי́בערפאָרן*; ~ по́ле אי́בערפאָרן* דאָס פעלד; ~ че́рез ре́ку ארי́בערפאָרן* [אי́בערפאָרן*] אי́בערן טײַך; ~ на друго́й бе́рег ארי́בערפאָרן* [אי́בערפאָרן*] אפן אנדערן ברעג; 2. (*на другую квартиру*) אי́בערקלײַבן* זיך, אי́בערציִען* זיך; (*в другой город*) ארי́בערפאָרן*; 3. (*задавить кого-л.*) אי́בערפאָרן*

пережда́ть *сов.* אי́בערווארטן

пережева́ть *сов.* אי́בערקײַען, צעקײַען

пережёвывать *несов.* 1. *см.* пережева́ть; 2. (*жвачку*) מאלעגיירען; 3. *перен.* אי́בערקײַען

пережива́ние *с* אי́בערלעבונג װ ־ען, אי́בערלעבעניש װ ־ן

пережива́ть *несов.* 1. *см.* пережи́ть; 2. *разг.* אי́בערלעבן, נעמען* זיך צום הארצן

пережида́ть *несов. см.* пережда́ть

пережи́т||ок *м* אי́בערבלײַבס ם ־ן, אי́בערלעבס ז ־ן; ~ок про́шлого אן אי́בערבלײַבס [אי́בערלעבס] פון דער פארגא́נגענהײַט; ~очный אָפּגעלעבטער

пережи́ть *сов.* 1. (*жить дольше кого-л., чего-л.*) אי́בערלעבן; 2. (*выжить*) אויסהאלטן*; (*вытерпеть, вынести тж.*) אי́בערטראָגן*; как-нибу́дь переживём! מיר וועלן ווי־ס'ניט־איז אויסהאלטן!; он му́жественно пе́режил несча́стье ער האָט מוטיק אי́בערגעטראָגן דעם או́מגליק; я э́того не переживу́ איך וועל עס ניט אויסהאלטן [ניט אי́בערטראָגן]; 3. (*испытать, изведать*) אי́בערלעבן; ~ волну́ющие собы́тия אי́בערלעבן רע́גנדיקע געשע́עניש; ~ ра́дость побе́ды אי́בערלעבן פרייד פון ניצאָכן; ~ расцве́т זײַן* אין אופבלי́; ~ подъём זײַן* אין שווונג; ◇ ~ века́ לעבן דוירעסלאנג

перезаключа́ть *несов.*, **перезаключи́ть** *сов.* שלי́סן* פונסנײַ

перезаряди́ть *сов.*, **перезаряжа́ть** *несов.* אָנלאָדן* פונסנײַ

перезво́н *м* געקלינגערײַ ז, גלאָקן־קלינגערײַ װ

перезвони́ть *сов. разг.* ווי́דער אָנקלינגען*

перезимова́ть *сов.* אי́בערווינטערן

перезрева́ть *несов.*, **перезре́ть** *сов.* אי́בערצײַטיקן, אי́בערײַפן

перезре́лый אי́בערגעצײַטיקטער, אי́בערגערײַפטער, צו רײַפער

переигра́ть *сов.* 1. (*вновь сыграть*) אי́בערשפּילן, שפּילן פונסנײַ [נאָכא́מאָל]; 2. (*сыграть всё, многое*) אי́בערשפּילן; 3. (*сыграть роль ненатурально*) אי́בערשפּילן, אי́בערכאפּן די מאָס (אין דער ראָל)

переи́грывать *несов. см.* переигра́ть 1, 3

переизбира́ть *несов.*, **переизбра́ть** *сов.* אי́בערוויילן

переиздава́ть *несов. см.* переизда́ть

переизда́ние *с* 1. *(действие)* ווידער־ארויסגעבן I; 2. *(книга)* ווידער־אויסגאבע וו ־ס, א נײַע אופלאגע

переизда́ть *сов.* ארויסגעבן* פונסנײַ, ווידער ארויסגעבן*

переименова́ть *сов.* *(вин.)* ענדערן [בײַטן*] דעם נאָמען (פון); מעשאנע־שעם זײַן* *уст.*; ~ Садо́вую у́лицу в у́лицу Гага́рина געבן* דער סאדאָווע גאס א נײַעם נאָמען — גאגארין־גאס, ענדערן [בײַטן*] דעם נאָמען (פון דער) סאדאָווע גאס אף גאגארין־גאס

перейти́ *сов.* 1. *(что-л.)* איבערגיין*; *(куда-л., через что-л. тж.)* אריבערגיין*; ~ у́лицу איבערגיין* די גאס; ~ че́рез мост אריבערגיין* [איבערגיין*] איבער דער בריק; все перешли́ из за́ла в столо́вую אלע זײַנען אריבערגעגאנגען פונעם זאל אין עסצימער; 2. *перен.* איבערגיין*; ~ на друѓую рабо́ту איבערגיין* אף אן אנדער ארבעט; ~ в сле́дующий класс איבערגיין* אין העכערן [פאָלגנדיקן] קלאס; земля́ перешла́ (к) крестья́нам די ערד איז איבערגעגאנגען צו די פויערים; ~ в наступле́ние איבערגיין* אין אָנגריף; ~ к друго́му вопро́су איבערגיין* צו אן אנדער פראגע; ~ на но́вые ме́тоды рабо́ты איבערגיין* אף [צו] נײַע מעטאָדן פון ארבעט; дру́жба перешла́ в любо́вь די פרײַנטשאפט איז אריבער אין א ליבע, פון דער פרײַנטשאפט איז געוואָרן א ליבע; ~ на сто́рону патрио́тов איבערגיין* אף דער זײַט פון די פאטריאָטן; ◇ ~ от слов к де́лу איבערגיין* פון ווערטער צו מײַסים

перека́пывать *несов. см.* перекопа́ть

перека́рмливать *несов. см.* перекорми́ть

перека́т *м* 1. *(на реке)* פלאכוואסער I ־ן; 2. *мн.*: ~ы гро́ма דונער־קנאלן מצ.

перекати́-по́ле *с* 1. קורײַ מ; 2. *перен.* = וואָגלער מ, נאוועגאדניק מ ־עס

перекача́ть *сов.*, **перека́чивать** *несов.* איבערפאָמפען

перека́шивать *несов. см.* перекоси́ть

переквалифи||ка́ция *ж* איבערקוואליפיצירונג וו, איבערקוואליפיצירן I; **~ци́ровать** *сов. и несов.* איבערקוואליפיצירן; **~ци́роваться** *сов. и несов.* איבערקוואליפיצירן זיך

перекида́ть *сов.* איבערווארפן*, איבערקידען; ~ со́тни кубоме́тров земли́ איבערווארפן* הונדערטער קובאָמעטער ערד

переки́дывать *несов. см.* перекида́ть *и* переки́нуть; **~ся** *несов. см.* переки́нуться

переки́нуть *сов.* 1. *(через что-л.)* אריבערווארפן*; *(придать другое положение тж.)* איבערווארפן*; ~ мяч че́рез забо́р אריבערווארפן* די פילקע אריבערן פארקן; ~ но́шу за́ спину אריבערווארפן* [איבערווארפן*] די לאסט אף דער פלייצע; 2. *(дальше, чем нужно)* איבערווארפן*; **~ся** *сов.* 1. (на *вин.*; *распространяться*) אריבערווארפן* זיך; 2. *(тв.)* *разг.* איבערווארפן* זיך; ~ сло́вом איבערווארפן* זיך מיט ווערטער; ~ шу́тками דורכווערטלען זיך

пе́рекись *ж хим.* פעראָקסיד מ

перекла́дина *ж* 1. קווערבאלקן מ ־ס, באנטע(נע) וו ־ס; 2. *спорт.* טורניק מ ־עס

перекла́дывать *несов. см.* переложи́ть

переклика́ться *несов.* איבערופן* זיך; (с *тв.*) *перен.* איבערופן* זיך (מיט)

перекли́чк||а *ж* 1. *прям. и перен.* איבערוף מ; 2. *(для проверки)* אפעל מ; де́лать ~у מאכן אן אפעל, אויסרופן* בא די נעמען

переключа́тель *м тех.* איבערשליסער מ ־ס

переключа́ть *несов.*, **переключи́ть** *сов.* איבערשליסן*; *перен. тж.* איבערפירן; ~ телефо́н איבערשליסן* דעם טעלעפאָן; ~ цех на произво́дство дета́лей איבערשליסן* [איבערפירן] דעם צעך אף פראָדוצירן דעטאלן

перекова́ть *сов.* 1. *(выковать заново)* איבערשמידן; *(переделать во что-л. другое тж.)* איבערמאכן; 2. *(лошадь)* איבערקאָווען, איבערשמידן; 3. *перен.* איבערשמידן; איבערדערציען*; ◇ ~ мечи́ на ора́ла איבערשמידן די שווערדן אין אקערס

переќовка *ж прям. и перен.* איבערשמידן I; ~ хара́ктера דאָס איבערשמידן [איבערפורעמען] דעם כאראקטער (פון א מענטשן)

переконструи́ровать *сов. и несов.* איבערקאָנסטרוירן

перекопа́ть *сов.* 1. *(вскопать целиком, всё)* אופגראָבן*; ~ все гря́дки אופגראָבן* אלע בייטן; 2. *(вскопать заново)* איבערגראָבן* (פונסנײַ), איבעראקערן

перекорми́ть *сов.* איבערהאָדעווען

перекоси́||ть *сов.* 1. *(сделать косым; искривить)* מאכן [שטעלן] קרום, מאכן [שטעלן] קאָסע, אויסקרימען; око́нную ра́му ~ло *безл.* די פענצטער־ראם איז געוואָרן אויסגעקרימט [קאָסע]; 2. *(исказить)* אויסקרימען; рот ~ло *безл.* דאָס מויל האָט זיך געשטעלט קרום [אין א זײַט]; зла́я усме́шка ~ла его́ лицо́ א בייזער שמייכל האָט צעקרימט זײַן פאָנעם; **~ся** *сов.* 1. אויסקרימען זיך, ווערן* קאָסע, שטעלן זיך קאָסע; 2. *(о лице и т. п.)* אויסקרימען זיך, אויסגעקרימט [צעקרימט] ווערן*

перекочева́ть *сов.*, **перекочёвывать** *несов.* איבערוואנדערן

переко́шенный אויסגעקרימטער; *(о лице тж.)* צעקרימטער

перекра́ивать *несов. см.* перекрои́ть

перекра́сить *сов.* איבערפארבן; *(всё, многое тж.)* אויספארבן; **~ся** *сов.* (в *вин.*) בײַטן* דעם קאָליר (אף); *перен. тж.* אויסגעבן* זיך (פאר)

перекра́шивать(ся) *несов. см.* перекра́сить(ся)

перекрести́ть *сов.* 1. איבערציילעמען; 2. *разг.* *(расположить крест-накрест)* איבערקרייצן; **~ся** *сов.* 1. איבערציילעמען זיך; 2. *разг.* *(скреститься)* איבערקרייצן זיך

перекрёстный קרייץ=; ~ допро́с קרייץ־פארהער מ ־ן

перекрёст||ок *м* קרייצוועג מ ־ן; ◇ крича́ть на всех ~ках שרײַען* אין אלע גאסן

перекре́щивать(ся) *несов. см.* перекрести́ть(ся) 2

перекрича́ть *сов.* איבערשרײַען*

перекрои́ть *сов.* 1. *(заново)* צושנײַדן* פונסנײַ; 2. *перен.* *разг.* איבערמאכן, איבעראנדערשן

перекрути́ть *сов.*, **перекру́чивать** *несов.* *разг.* 1. *(испортить — пружину и т. п.)* איבערדרייען; 2. *(скрутить)* צונויפדרייען

перекрыва́ть *несов. см.* перекры́ть

перекры́тие *с* *(между этажами и т. п.)* שייד־דעק וו ־ן, צווישנדעק וו ־ן

перекры́ть *сов.* 1. *(покрыть заново)* איבערדעקן; ~ кры́шу איבערדעקן דעם דאך; ~ сара́й איבערדעקן די שטאל, לייגן א נײַעם דאך אף דער שטאל; 2. *(сделать преграду)* איבערצאמען; ~ ре́ку плоти́ной איבערצאמען דעם טײַך מיט א דאמבע; 3. *разг.* *(план, нормы и т. п.)*

אי́בערשטײַגן*; ~ *чей-л.* рекóрд אי́בערשטײַגן* [שלאָגן*] עמעצנס רעקאָ́רד

перекувы́ркиваться *несов.*, **перекувырну́ться** *сов. разг.* אי́בערקוליען זיך, אי́בערקערן זיך

перекупа́ть^{1} *несов. см.* перекупи́ть

перекупа́ть^{2} *сов.* (*слишком долго купать*) אי́בערבאָדן*, צו לאנג באָדן*; ~ся *сов.* אי́בערבאָדן* זיך, צו לאנג באָדן* זיך

перекупи́ть *сов. разг.* אי́בערקויפן

перекýпщик *м* = אי́בערקויפער מ

перекýр *м разг.* (רייכער־)האפסאָקע וו ־ס, א האפסאָקע אף רייכערן

перекуси́ть *сов.* 1. (*прокусить*) אי́בערבײַסן*; ~ ни́тку אי́בערבײַסן* דעם פאָדעם; 2. *разг.* (*закусить*) אי́בערכאפן דעם הונגער

перелага́ть *несов. см.* переложи́ть 2, 6

перела́мывать(ся) *несов. см.* переломи́ть(ся)

перелеза́ть *несов.*, **переле́зть** *сов.* אי́בערקריכן*, ארי́בערקריכן*; (*карабкаясь*) ארי́בערקלעטערן; ~ че́рез забо́р אי́בערקריכן* [ארי́בעקריכן*] אי́בערן פארקן

переле́сок *м* צווישנוועלדל ן ־עך

перелёт *м* 1. אי́בערפלי מ ־ען; ~ птиц דער אי́בערפלי פון די פייגל; беспоса́дочный ~ אומאראָפשטײַגלעכער אי́בערפלי; 2. (*о снаряде и т. п.*) ארי́בערפלי מ ־ען

перелета́ть *несов.*, **перелете́ть** *сов.* 1. (*что-л.*) אי́בערפליִען*; (*куда-л., через что-л. тж.*) ארי́בערפליִען*; ~ океа́н אי́בערפליִען* דעם אָקעאן; мяч перелете́л че́рез забо́р די פילקע איז ארי́בערגעפלויגן אי́בערן פארקן; 2. (*упасть дальше цели*) מאכן אן ארי́בערפלי

перелётн‖ый: ~ая пти́ца וואנדערפויגל מ (מצ. ־ען, ··פייגל)

перелива́ние *с* אי́בערגיסונג וו, אי́בערגיסן ן; ~ кро́ви בלוט־אי́בערגיסונג וו ־ען, בלוט־טראנספוזיע וו ־ס

перелива́ть *несов.* 1. *см.* перели́ть; 2. (*о красках*) *см.* перелива́ться 2; ~ся *несов.* 1. *см.* перели́ться; 2. (*о красках*) מינען זיך; (*о звуках*) צעגיסן* זיך (אין אלערליי טענער); ~ся всéми цвета́ми ра́дуги שפילן מיט אלערליי פארבן [קאָלירן]

перели́вы *мн.* (*красок*) (פארבן־)שפיל וו, דאָס מינען זיך; (*звуков*) שטים־מאָדוליאציעס מצ., טרעלן מצ.

перелиста́ть *сов.*, **перели́стывать** *несов.* אי́בערבלעטערן; (*бегло прочитать*) דורכבלעטערן

перели́ть *сов.* 1. (*в другой сосуд*) אי́בערגיסן*; ~ *кому-л.* кровь מאכן עמעצן א בלוט־אי́בערגיסונג [א בלוט־טראנספוזיע]; 2. (*налить больше, чем нужно*) אי́בערגיסן*; 3. (*переделать литьём*) אי́בערשמעלצן*, אי́בערגיסן*; ~ся *сов.* אי́בערגיסן* זיך; (*через препятствие*) ארי́בערגיסן* זיך

перелицева́ть *сов.*, **перелицо́вывать** *несов.* אי́בערניצעווען

переложе́ние *с* 1. *муз.* טראנספאָזיציע וו ־ס; 2. *уст.* (*пересказ*) (שריפטלעכע) אי́בערדערציילונג

переложи́ть *сов.* 1. (*на другое место*) אי́בערלייגן; 2. (*на другого человека*) ארי́בערלייגן; ~ отве́тственность на *кого-л.* ארי́בערלייגן די פאראנטוואָרטלעכקײַט אף עמעצן; 3. (*чем-л.*) אי́בערלייגן (מיט), דורכלייגן (מיט); ~ я́блоки соло́мой אי́בערלייגן די עפל מיט שטרוי; 4. (*переделать печь*) אי́בערווארפן*; 5. (*иначе уложить*) אי́בערפאק(עווע)ן; 6. (*музыкальное произведение*) טראנספאָנירן; (*прозу в стихи и т. п.*) אי́בערלייגן

перело́м *м* 1. (*кости и т. п.*) אײַנברוך מ; 2. *перен.* אי́בערבראָך מ; коренно́й ~ א ראדיקאלער אי́בערבראָך

перелома́ть *сов.* 1. (*всё, многое*) אי́בערברעכן*, צעברעכן*; 2. *перен.* (*кого-л.*) אי́בעראנדערשן, אי́בערמאכן; ~ся *сов. разг.* (*о многих предметах*) צעברעכן* זיך, אי́בערברעכן* זיך

переломи́ть *сов.* 1. (*надвое*) אי́בערברעכן*; 2. (*резко изменить*) אי́בערמאכן; ~ хара́ктер ברעכן* דעם כאראקטער; ◇ ~ себя́ 1) (*измениться*) אי́בערמאכן זיך, אי́בעראנדערשן זיך; 2) (*подавить какое-л. чувство*) נעמען* זיך אין די הענט, גויווער זײַן* זיך אליין; ~ся *сов.* אי́בערברעכן* זיך

перело́мный קריטישער; ~ моме́нт א קריטישער מאָמענט

перема́зать *сов. разг.* (*испачкать всё, многое*) אויספאטשקען, אויסשמירן

перема́лывать(ся) *несов. см.* перемоло́ть(ся)

перема́нивать *несов.*, **перемани́ть** *сов.* ארי́בערנארן

перема́тывать *несов. см.* перемота́ть

перемежа́‖ть *несов.* בײַטן* נאָכאנאנדער; ~ть рабо́ту о́тдыхом א ביסל ארבעטן, א ביסל אָפרוען; ~ть ру́сские слова́ с англи́йскими צווישן די רוסישע ווערטער ארײַנשטעלן ענגלישע; ~ться *несов.* בײַטן* זיך נאָכאנאנדער; зной ~ется с прохла́дой אָט איז הייס, אָט איז קאלט; ~ющийся: ~ющаяся лихора́дка *мед.* פעריאָדישער פיבער

переме́н‖а *ж* 1. ענדערונג וו ־ען; (*смена, замена*) (אי́בער)בײַט מ ־ן; серьёзные ~ы ערנסטע ענדערונגען [שינוים]; ~а кли́мата דער (אי́בער)בײַט פונעם קלימאט; с ним произошла́ больша́я ~а ער האָט זיך שטארק אי́בערגעביטן [געענדערט]; 2. (*перерыв между уроками, лекциями*) האפסאָקע וו ־ס, אי́בערבײַס מ ־ן; 3. *разг.* (*комплект*) גאנג מ (מצ. געננג); ~а белья́ א גאנג וועש

перемени́ть *сов.* 1. (*заменить одно другим*) בײַטן*; ~ разгово́р אי́בערגיין* אף אן אנדער טעמע, אָנהייבן* רעדן וועגן עפעס אנדערש; ~ тон בײַטן* [ענדערן] דעם טאָן, אָנעמען* אן אנדער טאָן; ~ не́сколько профе́ссий אי́בערבײַטן* עטלעכע פראָפעסיעס; 2. (*сделать иным*) ענדערן; (*кого-л., чей-л. характер тж.*) אי́בעראנדערשן; ~ся *сов.* 1. ענדערן זיך; בײַטן* זיך; (*о ком-л., о чьём-л. характере тж.*) אי́בעראנדערשן זיך, ווערן* גאָר אן אנדערער; ве́тер перемени́лся דער ווינט האָט זיך געביטן; 2. (к *дат.*) בײַטן* [ענדערן] די באציונג (צו); 3. *разг.* (*поменяться*) בײַטן* זיך

переме́нн‖ый פארענדערלעכער; ◇ ~ый ток *эл.* וועקסלשטראָם מ; ~ая величина́ *мат.* א פארענדערלעכע גרייס; ~ая о́блачность פארענדערלעכע כמארנעקײַט; с ~ым успе́хом מיט וואקלדיקן [אומבאשטענדיקן] דערפאָלג

переме́нчивый *разг.* פארענדערלעכער, אומבאשטענדיקער

перемести́ть *сов.* 1. אי́בערוקן, אי́בערשטעלן, אי́בערפירן; 2. (*по службе*) אי́בערפירן (אף אן אנדער פאָסטן, ארבעט); ~ся *сов.* אי́בערוקן זיך, אי́בערגיין*

переметну́ться *сов. разг.* 1. (*перепрыгнуть*) ארי́בערשפרינגען*; 2. (*на чью-л. сторону*) ארי́בערווארפן* זיך

перемешáть *сов.* 1. *(смешать)* איבערמישן, צונויפמישן; ~ глину с пескóм איבערמישן [צונויפמישן] ליים מיט זאמד; 2. *(переместить)* איבערמישן, אויסמישן; *(угли в печке и т. п.)* איבערשארן; 3. *(привести в беспорядок — книги, бумаги и т. п.)* איבערווארפן*, איבערפלאָנטערן; **~ся** *сов.* 1. *(смешаться)* איבערמישן זיך, צונויפמישן זיך; 2. *(перепутаться)* איבערפלאָנטערן זיך, איבערמישן זיך

перемéшивать(ся) *несов. см.* перемешáть(ся)

перемещáться *несов. см.* переместить(ся)

перемещённ||ый: ~ые лица פארוואָגלטע פערזאָנען; איבערגעזידלטע פערזאָנען

перемигиваться *несов.*, **перемигнýться** *сов.* (с *тв.*) *разг.* איבערווינקען* זיך

переминáться *несов.:* ~ с ногú нá ногу איבערשטעלן זיך פון איין פוס אפן אנדערן

перемúрие *с* וואָפנשטילשטאנד מ ־ן

перемножáть *несов.*, **перемнóжить** *сов.* איבערקייפלען

перемогáть *несов. разг.* בײַקומען*, (מיט שוועריקײַט) גוווער זײַן*; ~ болéзнь בײַקומען* די שלאפקײַט; ~ боль שטיקן אין זיך דאָס ווייטיק־געפיל; **~ся** *сов.* סטארען זיך ניט אונטערגעבן* דער שלאפקײַט, אויסהאלטן* זיך

перемóлвить *сов. разг.:* нé с кем слóва ~ ניטאָ מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדן; **~ся** *сов. разг.* כאפן א שמועס; *~ся с кем-л.* слóвом אויסרעדן* א וואָרט מיט עמעצן

перемотáть *сов.* איבערוויקלען

перемывáть *несов.*, **перемы́ть** *сов.* איבערוואשן*; ◇ ~ кóсточки *кому-л.* איבערוואשן* די ביינדעלעך עמעצן, צענעמען* עמעצן אף גאָפעלעך

перенапрягáть(ся) *несов. см.* перенапрячь(ся)

перенапряжéние *с* 1. איבעראָנשטרענגונג וו; 2. *эл.* איבערשפאנונג, צו הויכע שפאנונג וו

перенапрячь *сов.* איבעראָנשטרענגען; **~ся** *сов.* איבעראָנשטרענגען זיך, אָנשטרענגען זיך איבער דער מאָס

перенаселéние *с* איבערבאפעלקערונג וו

перенаселённ||ость *ж* איבערבאפעלקערטקײַט וו; *(домов)* איבערבאזעצטקײַט וו; **~ый** איבערבאפעלקערטער; *(о доме)* איבערבאזעצטער

перенести *сов.* 1. *(переместить)* איבערטראָגן*, אריבערטראָגן*; ~ ребёнка чéрез ручéй איבערטראָגן* [אריבערטראָגן*] דאָס קינד איבערן טײַכל; ~ столицу איבערטראָגן* די הויפט־שטאָט; 2. *(отложить)* איבערטראָגן*; ~ заседáние на четвéрг איבערטראָגן* די זיצונג אף דאָנערשטיק; 3. *(с одной строки на другую)* אריבערטראָגן*; 4. *(вытерпеть)* איבערטראָגן*, אויסשטיין*; *(преодолеть)* איבערטראָגן*, אויסהאלטן*; ребёнок перенёс корь דאָס קינד האָט איבערגעטראָגן מאָזלען; легкó ~ операцию גרינג איבערטראָגן* [אויסהאלטן*] די אָפעראציע; **~сь** *сов.* 1. *разг. (стремительно передвинуться)* אריבערפליִען*, דורכטראָגן* זיך; *(о мыслях, внимании)* איבערשליסן* זיך, איבערטראָגן* זיך; 2. *(представить себе — местность, эпоху)* איבערטראָגן* זיך אין געדאנק (אין)

перенимáть *несов. см.* перенять

перенóс *м* 1. *(действие)* אריבערטראָג מ, אריבערטראָגן ו; 2. *(знак)* אריבערטראָג־צייכן מ ־ס

переносúть *несов. см.* перенести; ◇ не ~ *кого-л.* ניט פארלײַדן* עמעצן, ניט קענען* אָנקוקן עמעצן; **~ся** *несов.* 1. *см* перенестись; 2. *(на письме)* איבערגעטראָגן ווערן*; 3. *(о сроках)* איבערגעטראָגן ווערן*; אָפגעלייגט ווערן*

перенóсица *ж* נאָזרוקן מ ־ס

перенóсн||ый 1. פאָרטאטיווער; 2. *(иносказательный)* איבערגעטראָגענער, פיגורעלער; **~ое** значéние слóва דער איבערגעטראָגענער [פיגורעלער] באטײַט פונעם וואָרט

перенóсчик *м:* ~ болéзней דער איבערטראָגער [פארשפרייטער] פון קראנקהײַטן

переночевáть *сов.* איבערנעכטיקן

перенумеровáть *сов.* איבערנומערירן

перенять *сов.* איבערנעמען*; ~ óпыт איבערנעמען* די דערפארונג

переоборýдование *с* איבער(ויס)שטאטונג וו

переоборýдовать *сов. и несов.* איבער(ויס)שטאטן

переобувáть(ся) *несов. см.* переобýть(ся)

переобýть *сов. (кого-л.)* אָנטאָן* עמעצן (אין) אנדערע שיך [שטיוול אדג.]; *(по-другому надеть обувь)* איבערטאָן*; **~ся** *сов.* אָנטאָן* אנדערע שיך [שטיוול אדג.]; *(по-другому надеть)* איבערטאָן* די שיך

переодевáть(ся) *несов. см.* переодéть(ся)

переодéтый *(с целью маскировки)* איבערגעטאָנענער; *(кем-л., в кого-л. тж.)* פארשטעלטער

переодéть *сов.* 1. *(кого-л.)* איבערטאָן*; 2. *разг.:* ~ костюм אָנטאָן* אן אנדער קאָסטיום; 3. *(с целью маскировки)* איבערטאָן*; *(кем-л., в кого-л. тж.)* פארשטעלן (פאר); **~ся** *сов.* 1. איבערטאָן* זיך; 2. *(с целью маскировки)* איבערטאָן* זיך; *(кем-л., в кого-л.)* אָנטאָן* זיך (ווי), פארשטעלן זיך (פאר)

переосвидéтельствование *с мед.* ווידערבאטראכטונג וו

переосмы́сливать *несов.*, **переосмы́слить** *сов.* איבערבאזינען

переохладúть *сов.* איבערקילן; **~ся** *сов.* איבערגעקילט ווערן*

переохлаждáть(ся) *несов. см.* переохладúть(ся)

переоцéнивать *несов.*, **переоценúть** *сов.* 1. *(оценить заново)* איבערטאקסירן, שטעלן נײַע פרײַזן; 2. *(оценить слишком высоко)* איבערשאצן; ~ свой сúлы איבערשאצן די אייגענע קויכעס

переоцéнка *ж* 1. איבערטאקסירונג וו, איבערטאקסירן ו, דאָס (אוועק)שטעלן נײַע פרײַזן; 2. *(слишком высокая оценка)* איבערשאצונג וו; ◇ ~ цéнностей איבערשאצונג פון ווערטן

перепадáть *несов. см.* перепáсть

перепáлка *ж разг.* גערײַסערײַ ו

перепáсть *сов.* 1. *(об осадках)* אויספאלן* פון צײַט צו צײַט; 2. *безл. разг.* אָנקומען*; авóсь и емý чтó-нибудь перепадёт עפשער וועט אים אויך עפעס אָנקומען

перепахáть *сов.*, **перепáхивать** *несов.* 1. *(снова)* איבעראקערן; 2. *(всё, полностью)* צעאקערן

пéрепел *м* וואכטל מ ־ען (דער „ער״)

перепёлка *ж* וואכטל מ ־ען (די „זי״)

перепечáт||ать *сов.* איבערדרוקן; **~ка** *ж (действие)* איבערדרוקן ו; **~ывать** *несов. см.* перепечáтать

перепúливать *несов.*, **перепилúть** *сов.* איבערזעגן

переписáть *сов.* 1. *(списать)* איבערשרײַבן*; *(на пишущей машинке тж.)* אָפדרוקן; 2. *(написать заново)* איבערשרײַבן* (פונסנײַ); 3. *(внести в список)* פארשרײַבן*, פארעגיסטרירן

перепúс||ка *ж* 1. *(действие)* איבערשרײַבן ו; *(на пишущей машинке тж.)* דרוקן ו; 2. *(обмен письмами)*

קאָרעספּאָנדענץ װ; состоя́ть в ~ке с *кем-л.* קאָרעספּאָנדירן [אי́בערשרײַבן* זיך] מיט עמעצן; 3. (*собрание писем*) קאָרעספּאָנדענץ װ

перепи́с||чик *м* = אי́בערשרײַבער מ; ~**чица** *ж* אי́בערשרײַבערן װ ־ס; (*на машинке*) מאשיני́סטקע װ ־ס

перепи́сывать *несов.* 1. *см.* переписа́ть 2, 3; 2. (*списывать*) אי́בערשרײַבן*; (*на пишущей машинке тж.*) דרוקן; ~**ся** *несов.* אי́בערשרײַבן* זיך, קאָרעספּאָנדירן, פירן א קאָרעספּאָנדענץ

пе́репись *ж* רעגיסטרא́ציע װ; ~ населе́ния פאָלקסציילונג װ

перепла́вить¹ *сов.* (*металл*) אי́בערשמעלצן*

перепла́вить² *сов.* 1. (*лес*) (ארי́בער)טרײַבן*; 2. *фам.* (*послать*) אי́בערשיקן; (*нелегально*) אי́בערשמוגלען

переплавля́ть¹ *несов. см.* перепла́вить¹

переплавля́ть² *несов. см.* перепла́вить²

перепланиро́вать *сов.* אי́בערפּלאנירן

перепланиро́вка *ж* אי́בערפּלאנירונג װ

переплати́ть *сов.*, **перепла́чивать** *несов.* אי́בערצאָלן

переплести́ *сов.* 1. (*книгу*) אײַנבינדן*; 2. (*па́льцы, ру́ки*) צונויפּלעכטן*; 3. (*перевить чем-л.*) אי́בערבינדן*, אי́בערפּלעכטן*

переплёт *м* 1. (*действие*) אײַנבינדן ו; отда́ть кни́ги в ~ אָפּגעבן* אײַנבינדן ביכער; 2. (*крышка книги*) אײַנבונד מ ־ן; 3. (*оконный*) געפּלעכט ו ־ן; ◇ попа́сть в ~ האָבן* אף זיך קאלט און װא́רעם

переплета́ть *несов. см.* переплести́

переплете́ние *с* 1. (*действие*) אי́בערפּלעכטן ו, אי́בערפּלעכטונג װ; 2. (*то, что сплетено между собой*) (אי́בער)געפּלע́כט ו; 3. *текст.* געפּלע́כט ו

переплёт||ный אײַנבינד·; ~**ный** цех אײַנבינד־צעך מ; ~**ная** мастерска́я אײַנבינדערײַ װ ־ען

переплётчик *м* = אײַנבינדער מ

переплыва́ть *несов.*, **переплы́ть** *сов.* (*что-л.*) אי́בערשווימען*; (*через что-л., куда-л. тж.*) ארי́בערשווימען*; ~ на друго́й бе́рег אי́בערשווימען* [ארי́בערשווימען*] אפן א́נדערן ברעג

переподгота́вливать *несов.*, **переподгото́вить** *сов.* אי́בערגרייטן

переподгото́вк||а *ж* אי́בערגרייטונג װ; ку́рсы ~и אי́בערגרייט־קורסן מצ.

переполза́ть *несов.*, **переползти́** *сов.* (*что-л.*) אי́בערקריכן*; (*через что-л., куда-л. тж.*) ארי́בערקריכן*

переполне́ние *с* אי́בערפילן ו, אי́בערפילונג װ; (*переполненность*) אי́בערגעפולטקייט װ

перепо́лненный אי́בערגעפולטער; (*людьми тж.*) פולגעפּאקטער; ~ зал אי́בערגעפולטער [פולגעפּאקטער] זאל; ~ сунду́к (פול) אָנגעשטאָפּטער קאסטן; се́рдце перепо́лнено ра́достью דאָס הארץ איז אי́בערגעפולט מיט פרייד

перепо́лнить *сов.* אי́בערפילן; ~ бо́чку אי́בערפילן די פאס; э́та весть перепо́лнила се́рдце ра́достью אָט די יעדי́ע האָט אי́בערגעפולט דאָס הארץ מיט פרייד; ~**ся** *сов.* אי́בערגעפולט ווערן*; *перен. тж.* פול ווערן*; ~**ся** ра́достью אי́בערגעפולט ווערן* [פול ווערן*] מיט פרייד

переполня́ть(ся) *несов. см.* перепо́лнить(ся)

переполо́х *м* אופרודערונג װ, בעהאָ́לע װ, מעהו́מע װ

переполоши́ть *сов. разг.* אופרודערן, אָ́נמאכן א בעהאָ́לע [א מעהו́מע]; ~ всё село́ אופרודערן דאָס גאנצע דאָרף, אָ́נמאכן א בעהאָ́לע [א מעהו́מע] אינעם דאָרף; ~**ся** *сов.* אופרודערן זיך, אופגערודערט ווערן*; всё село́ переполоши́лось דאָס גאנצע דאָרף איז אופגערודערט געוואָרן, אין דאָרף איז געוואָרן א בעהאָ́לע [א מעהו́מע]

перепо́нка *ж* הײַטל ו ־עך, ־ען

перепончатокры́лые *мн. зоол.* הײַטלפליגלדיקע מצ.

перепо́нчатый הײַטלדיקער

перепоруча́ть *несов.*, **перепоручи́ть** *сов.* (*кому-л.*) אי́בערלייגן דעם אופטראָג (אף); ~ свою́ рабо́ту друго́му באופטראָגן אן א́נדערן או́יספילן די א́רבעט

перепра́ва *ж* 1. (*действие*) א(ר)י́בערגאנג מ; (*вплавь*) א(ר)י́בערשווימונג װ; (*на лодках*) ארי́בערשיפונג װ; 2. (*место*) אי́בערגאנג־פּונקט מ, טײַך־אי́בערגאנג מ; 3. (*приспособления*) אי́בערגאנג־מיטלען מצ.

перепра́вить *сов.* 1. ארי́בערפירן; (*на лодках тж.*) ארי́בערשיפן; 2. (*переслать*) אי́בערשיקן; 3. (*исправить*) אי́בערמאכן, אויספאריכטן; ~**ся** *сов.* ארי́בערגיין*; אי́בערגיין* דעם טײַך; (*вплавь*) ארי́בערשווימען*; (*на лодках и т. п.*) ארי́בערשיפן זיך; ~**ся** че́рез ре́ку ארי́בערגיין* אי́בערן טײַך, ארי́בערגיין* דעם טײַך

переправля́ть(ся) *несов. см.* перепра́вить(ся)

перепро́бовать *сов.* אויספארזוכן, אי́בערפארזוכן; (*средства и т. п. тж.*) אויספּרוּוון, אי́בערפּרוּוון

перепрод||ава́ть *несов. см.* перепрода́ть; ~**а́жа** *ж* אי́בערפארקויף מ

перепрода́ть *сов.* אי́בערפארקויפן

перепроизво́дство *с эк.* אי́בערפּראָדוקציע װ, אי́בערפּראָדוצירונג װ

перепры́гивать *несов.*, **перепры́гнуть** *сов.* (*что-л.*) אי́בערשפּרינגען*; (*через что-л., куда-л. тж.*) ארי́בערשפּרינגען* (איבער)

перепряга́ть *несов.*, **перепря́чь** *сов.* אי́בערשפּאנען; ~ лошаде́й אי́בערשפּאנען די פערד

перепу́г *м разг.* אי́בער(דער)שרעק מ; с ~у פאר אי́בער(דער)שרעק; ~**анный** דערשראָ́קענער

перепуга́ть *сов.* אי́בער(דער)שרעקן*; ~**ся** *сов.* אי́בער(דער)שרעקן* זיך

перепу́тать *сов.* 1. פארפּלאָ́נטע(ר)ן; ~ ни́тки פארפּלאָ́נטע(ר)ן די פע́דעם; 2. (*привести в беспорядок*) צעמישן, אי́בערמישן; *перен.* אי́בערפּלאָ́נטע(ר)ן; ~ все бума́ги צעמישן [אי́בערמישן] אלע פּאפּי́רן; ~ все пла́ны אי́בערפּלאָ́נטע(ר)ן אלע פּלע́נער; 3. (*принять одно за другое*) אי́בערפּלאָ́נטע(ר)ן; ~ фами́лии אי́בערפּלאָ́נטע(ר)ן די פאמי́ליע־נעמען

перепу́тье *с* שיידוועג מ ־ן; ◇ на ~ אפן שיידוועג

перераба́тывать *несов.*, **перерабо́тать** *сов.* 1. (*сырьё*) אי́בערארבעטן; ~ хло́пок в пря́жу מאכן פון בוימוואָל גארן; 2. (*делать пригодным для усвоения организмом*) פארדײַען; 3. (*переделывать*) אי́בעראנדערשן, אי́בערארבעטן, אי́בערמאכן; 4. (*работать дольше положенного времени*) ארבעטן מער [לע́נגער] ווי מע דארף

перерабо́тка *ж* 1. (*сырья*) אי́בערארבעטונג װ; 2. (*переделка*) אי́בערארבעטונג װ, אי́בערמאכונג װ; 3. *разг.* (*работа сверх нормы*) אי́בערארבעט װ

перераспредел||е́ние *с* אי́בערפארטיילונג װ; ~**и́ть** *сов.*, ~**я́ть** *несов.* אי́בערפארטיילן

перераста́ть *несов.*, **перерасти́** *сов.* 1. (*стать выше*) ארי́בערוואקסן*; сын перерóс отца́ דער זון איז ארי́בער-

געוואַקסן דעם פאָטער; он на го́лову перерос своих колле́г ער שטייט מיט א קאָפ העכער פון זײַנע קאָלע́גן; 2. (*по возрасту*) אי́בערוואַקסן*, אי́בערגעוואַקסן ווערן*; 3. (*во что-л.; превращаться*) אַרי́בערוואַקסן* (אין), אַרי́בערגיין* (אין); конфли́кт перерос в войну́ דער קאָנפלי́קט איז אי́בערגעוואַקסן אין א מי́לכאָמע

перерасхо́д *м* 1. (*действие*) אי́בערפארברויך ם; (*денег*) אי́בער־אויסברענג ם; 2. (*сумма*) אי́בער־הויצאָע װ

перерасхо́довать *сов. и несов.* (*электроэнергию, продукты, материалы и т. п.*) פארברויכן צו́פיל; (*деньги*) אויסברענגען* צו́פיל; ~ кредиты אי́בערשטײַגן* (אין די הויצאָעס) די קרעדי́טן

перерасчёт *м* אי́בערבארעכענונג װ

перерва́ть *сов.* אי́בעררײַסן*; **~ся** *сов.* אי́בעררײַסן* זיך

перерегистра́ция *ж* אי́בערעגיסטראציע װ, אי́בערעגיסטרירונג װ

перерегистри́ровать *сов. и несов.* אי́בערעגיסטרירן

перере́зать *сов.* 1. (*разрезать*) אי́בערשנײַדן*; 2. *разг.* (*убить всех*) אויסקוילען; 3.: ~ доро́гу *кому-л.* אָפשנײַדן* עמעצן דעם וועג

перереза́ть *несов. см.* перере́зать 1, 3

перере́заться *сов.* 1. (*разрезаться*) אי́בערשנײַדן* זיך; 2. *разг.* (*убить друг друга*) אי́בערקוילען איינער דעם א́נדערן

перереза́ться *несов. см.* перере́заться 1

перереша́ть^{1} *несов. см.* перереши́ть

перереша́ть^{2} *сов. разг.*: ~ все зада́чи אי́בערדערלייזן אלע אופגאבעס

перереши́ть *сов.* 1. (*принять другое решение*) א́נדערש באשלי́סן*; 2. (*решить задачу и т. п. иначе*) א́נדערש דערלי́יזן; (*вторично*) לייזן פונסנײַ

перероди́ть *сов.* מאכן פאר גאָר אן א́נדער מענטש(ן); **~ся** *сов.* 1. (*обновиться*) ווערן* ווי נײַ־געבוירן, ווערן* גאָר אן א́נדער מענטש; 2. (*выродиться*) דעגענערי́רט ווערן*

перерожда́ть(ся) *несов. см.* перероди́ть(ся)

перерожде́н||ец *м презр.* = אי́בערגעבירטלער ם; רענעגאט ם ־ן; **~ие** *с* 1. (*обновление, возрождение*) ווי́דערגעבורט ם, אי́בערגעבורט ם; 2. (*вырождение*) דעגענערי́רונג װ; 3. *презр.* אי́בערגעבורט ם

перерóсток *м* אי́בערגעוואקסענער ם ..נע

перерубáть *несов. см.* перерубить 1

перерубить *сов.* 1. (*надвое*) אי́בערהאקן; (*полено и т. п.*) צעשפא́לטן* (אפצווייען); 2. (*изрубить*) צעהא́קן; 3. (*срубить всё, многое*) אויסהאקן

переругáться *сов.* (*между собой*) אי́בערקריגן זיך; (*со всеми тж*) צעקרי́גן זיך

переру́гиваться *несов.* אי́בערווארפן* זיך מיט זידלווערטער [מיט זידלערײַען]

переры́в *м* אי́בעררײַס ם ־ן, האפסאָקע װ; ~ в рабо́те אן אי́בעררײַס [א האפסאָקע] אין דער א́רבעט; обе́денный ~ מי́טיק־אי́בעררײַס ם, אן אי́בעררײַס אף עסן מי́טיק; без ~а אָן אי́בעררײַס

перерыва́ть^{1} *несов. см.* перерва́ть

перерыва́ть^{2} *несов. см.* переры́ть

переры́ть *сов.* 1. (*перекопать*) אי́בערגראָבן*; 2. (*в поисках чего-л.*) אי́בערנישטערן; אי́בעריען *разг.*

пересади́ть *сов.* 1. (*кого-л. на другое место*) אי́בערזעצן; 2. (*растения*) אי́בערפלאנצן; 3. *мед.* טראנספלאנטי́רן, אי́בערזעצן

переса́дк||а *ж* 1. (*растений*) אי́בערפלאנצונג װ; 2. *мед.* טראנספלאנטא́ציע װ; ~а се́рдца הארץ־טראנספלאנטאציע װ; 3. (*на транспорте*) אי́בערזעץ ם; (*в метрополитене тж.*) אַרי́בערגאנג ם; сде́лать ~у אי́בערזעצן זיך; (*в метрополитене тж.*) אַרי́בערגיין*; без ~и אומאָפשטײַגלעך

переса́живать *несов. см.* пересади́ть; **~ся** *несов. см.* пересе́сть

переса́ливать *несов. см.* пересоли́ть

пересдава́ть *несов.*, **пересда́ть** *сов.* 1. (*помещение*) אי́בערפארדינגען*; 2. (*экзамен*) אָפגעבן* נאָכאמאָל; 3. *карт.* געבן* פונסנײַ

пересека́ть(ся) *несов. см.* пересе́чь(ся)

переселе́н||ец *м* = אי́בערוואנדערער ם; **~ие** *с* (*переезд — на новые земли*) אי́בערוואנדערן ז, אי́בערוואנדערונג װ; (*в другую квартиру*) דאָס אי́בערקלײַבן זיך, דאָס אי́בערציען זיך; ◇ вели́кое ~ие наро́дов די גרויסע פעלקער־(איבער)וואנדערונג; **~ческий** אי́בערוואנדערער־

пересели́ть *сов.* אי́בערזעצן; **~ся** (*на новые земли*) אי́בערבאזעצן זיך, אי́בערוואנדערן; (*в другую квартиру*) אי́בערקלײַבן* זיך, אי́בערציען* זיך

переселя́ть(ся) *несов. см.* пересели́ть(ся)

пересе́сть *сов.* 1. אי́בערזעצן זיך; ~ к окну́ אי́בערזעצן זיך צום פענצטער, זעצן זיך נעענטער צום פענצטער; 2. (*сделать пересадку*) אי́בערזעצן זיך; (*в метрополитене тж.*) אַרי́בערגיין*

пересече́ни||е *с* קרייצונג װ; на ~и доро́г אף דער וועג־קרייצונג, אפן קרייצוועג, אפן שיידוועג; то́чка ~я *мат.* דו́רכשנײַד־פונקט ם ־ן

пересечённ||ый דו́רכגעשניטענער; ~ая ме́стность א דו́רכגעשניטענע געגנט

пересе́чь *сов.* 1. (*перейти, переехать*) אי́בערשנײַדן*; אי́בערקרייצן; ~ эква́тор אי́בערשנײַדן* [אי́בערקרייצן] דעם עקווא́טאָר; ~ у́лицу אי́בערקרייצן די גאס; 2. (*пройти по всей поверхности*) דו́רכשנײַדן*; желе́зная доро́га пересекла́ пусты́ню די אײַזנבאן האָט דו́רכגעשניטן דעם מי́דבער; 3.: ~ доро́гу *кому-л.* אי́בערשנײַדן* עמעצן דעם וועג; **~ся** *сов.* אי́בערקרייצן זיך, אי́בערשנײַדן* זיך; *мат.* אי́בערשנײַדן* זיך

переси́ливать *несов.*, **переси́лить** *сов.* אי́בערשטארקן, גווי́רע זײַן*; (*чувство, состояние и т. п.*) אי́בערשטארקן; ~ себя́ אי́בערשטארקן זיך, גווי́רע זײַן* זיך

переска́з *м* 1. (*действие*) אי́בערדערציילן ז; 2. (*изложение*) אי́בערדערציילונג װ ־ען

пересказа́ть *сов.*, **переска́зывать** *несов.* אי́בערדערציילן

переска́кивать *несов.*, **перескочи́ть** *сов.* 1. (*что-л.*) אי́בערשפרינגען*; (*куда-л., через что-л. тж.*) אַרי́בערשפרינגען* (איבער); 2. *разг.* (*перейти к другой теме*) אי́בערשפרינגען*

пересла́ть *сов.* אי́בערשיקן

пересма́тривать *несов. см.* пересмотре́ть 1, 2

пересме́иваться *несов.* לאכן צווישן זיך

пересмо́тр *м* אי́בערקוק ם, רעווידי́רונג װ

пересмотре́ть *сов.* 1. (*просмотреть заново*) אי́בערקוקן; 2. (*обсудить заново*) דו́רכקוקן נאָכאמאָל, רעווידי́רן; ~ пригово́р רעווידי́רן דעם או́רטייל; ~ но́рмы אי́בערקוקן די נאָ́רמעס; 3. (*всё, многое*) אי́בערקוקן, דו́רכקוקן; (*повидать*) אי́בערזען*

переснима́ть(ся) *несов. см.* пересня́ть(ся)

пересня́ть *сов.* 1. *(заново сфотографировать)* איבערפאָטאָגראפירן; 2. *(с готового снимка)* אראָפפאָטאָגראפירן, אראָפקאָפירן; 3. *(делать новую съёмку)* אראָפנעמען* פונסנײַ; **~ся** *сов. разг.* איבערפאָטאָגראפירן זיך

пересоли́ть *сов.* איבערזאלצן*; *перен. разг. тж.* איבערכאפן די מאָס

пересортирова́ть *сов.* איבערסאָרטירן

пересо́х||нуть *сов.* איבערגעטריקנט ווערן*, פארטריקנט ווערן*; *(об источнике)* אויסגעטריקנט ווערן*, אויסטריקענען; у меня́ в го́рле ~ло ס'איז מיר (שטארק) טרוקן אין האלדז

переспа́ть *сов. разг.* 1. *(проспать долго)* פארשלאָפן* זיך, שלאָפן* צופיל; 2. *(переночевать)* איבערשלאָפן* די נאכט

переспе́лый איבערגעצײַטיקטער

переспе́ть *сов.* איבערצײַטיקן, איבערגעצײַטיקט ווערן*

переспо́рить *сов.* איבערשפארן

переспра́шивать *несов.*, **переспроси́ть** *сов.* איבערפרעגן, פרעגן נאָכאמאָל

пересс́орить *сов.* *(вин.)* *разг.* צעקריגן; אָנמאכן א קריג [א רויגעז] (צווישן); **~ся** *сов.* *(между собой)* איבערקריגן זיך; *(со всеми тж.)* צעקריגן זיך

перестава́||ть *несов. см.* переста́ть; не ~я אומופהערלעך, אָן אופהער

переста́вить *сов.* איבערשטעלן; ~ ме́бель איבערשטעלן דאָס מעבל

переставля́ть 1. *см.* переста́вить; 2.: ~ но́ги שפאנען, שטעלן (די) פיס; е́ле ~ но́ги קוים שלעפן זיך

переста́ивать *несов. см.* перестоя́ть

перестано́вка *ж* 1. איבערשטעלן ן, איבערשטעלונג וו; 2. *мат.* איבערשטעלונג וו, פערמוטאציע וו

перестара́ться *сов. разг.* סטארען זיך צופיל, איבערכאפן די מאָס

переста́||ть *сов.* אופהערן; ~нь шали́ть הער אוף שטיפן; дождь переста́л דער רעגן האָט אופגעהערט

перестила́ть *несов.*, **перестла́ть** *сов.*: ~ посте́ль איבערבעטן דאָס בעט; ~ пол איבערלייגן דעם דיל [די פאָדלאָגע]

перестоя́ть *сов.* 1. *разг.* *(что-л.; переждать)* (אָפ)שטיין* ביז ס'וועט איבערגיין [אופהערן]; ~ бу́рю в порту́ (אָפ)שטיין* אין פאָרט ביז ס'וועט איבערגיין [אופהערן] דער שטורעם; 2. *(испортиться)* איבערשטיין*

перестрада́ть *сов.* איבערלײַדן*, אָנלײַדן* זיך, איבערטראָגן*, אויסשטיין*

перестра́ивать(ся) *несов. см.* перестро́ить(ся)

перестрах||ова́ться *сов.* איבערסטראכירן זיך; *перен. разг. тж.* באוואָרענען זיך; ~о́вка *ж* איבערסטראכירונג וו; *перен. разг. тж.* באוואָרעניש וו; ~о́вщик *м* *разг.* איבערסטראכירער מ =

перестрахо́вывать(ся) *несов. см.* перестрахова́ть(ся)

перестре́ливаться *несов.* באשיסן* זיך, איבערשיסן* זיך (קעגנזײַטיק)

перестре́лка *ж* (קעגנזײַטיקע) שיסערײַ וו

перестреля́ть *сов.* 1. *(убить всех, многих)* צעשיסן* (אלעמען, א סאך); 2. *разг.* *(израсходовать при стрельбе)*: ~ все патро́ны אויסשיסן* אלע קוילן

перестро́ить *сов.* 1. איבערבויען; ~ дом איבערבויען דאָס הויז; ~ всю рабо́ту איבערבויען די גאנצע ארבעט; 2. *(реорганизовать)* איבערבויען, רעאָרגאניזירן; ~ систе́му управле́ния איבערבויען [רעאָרגאניזירן] די פארוואלטונג־סיסטעם, איבערבויען [רעאָרגאניזירן] די אדמיניסטריר־סיסטעם; 3. *(расположить в строю по-другому)* איבערשטעלן [אויסשטעלן], אנדערש צעשטעלן; 4. *(музыкальный инструмент)* איבעראָנשטימען; 5. *(радиоприёмник)* איבעראָנשטעלן, אָנשטעלן אף אן אנדער כוואליע; **~ся** *сов.* 1. *(расположиться по-иному)* איבערשטעלן זיך, אנדערש אויסשטעלן זיך; 2. *(изменить принципы работы и т. п.)* איבערבויען זיך

перестро́йка *ж* 1. איבערבויונג וו, איבערבויען ן; 2. *(реорганизация)* איבערבויונג וו, רעאָרגאניזירונג וו, איבערבויען ן, רעאָרגאניזירן ן; 3. *(изменение расположения в строю)* איבערשטעלונג וו, איבערשטעלן ן; 4. *(музыкального инструмента)* איבעראָנשטימונג וו, איבעראָנשטימען ן; 5. *(на другую волну)* איבעראָנשטעלונג וו, דאָס אָנשטעלן אף אן אנדער כוואליע

перестýкиваться *несов.* *(общаться)* איבערעדן* זיך דורך קלאפ־סיגנאלן

переступа́ть *несов.* 1. *см.* переступи́ть; 2. *(идти)* שטעלן (די) פיס, טרעטן*

переступи́ть *сов.* 1. *(что-л.)* איבערטרעטן*; *(куда-л., через что-л., тж.)* אריבערטרעטן*; ~ поро́г איבערטרעטן* די שוועל; 2. *(поменять положение ног)* איבערשטעלן זיך פון איין פוס אפן אנדערן; 3. *перен.* איבערטרעטן*; ~ зако́н ברעכן* דעם געזעץ, אויווער זײַן* אפן געזעץ

пересу́ды *мн. разг.* באריידערײַען מצ.

пересчита́ть *сов.*, **пересчи́тывать** *несов.* 1. *(всё, всех)* איבערציילן; 2. *(вторично)* איבערציילן נאָכאמאָל; 3. *(выразить в других величинах)* איבערבארעכענען

пересыла́ть *несов. см.* пересла́ть

пересы́льный: ~ пункт עטאפ(־פונקט) מ ־ן

пересы́пать *сов.*, **пересыпа́ть** *несов.* 1. *(в другое место)* איבערשיטן*; ~ зерно́ в мешо́к איבערשיטן* די טוווע אין א זאק; 2. *(насыпать слишком много)* אָנשיטן* צופיל; 3. *(обсыпать)* איבערשיטן*; ~ ве́щи нафтали́ном איבערשיטן* די זאכן מיט נאפטאלין; 4.: ~ речь остро́тами צופעפערן [איבערשיטן*] די רייד מיט וויצן

пересыха́ть *несов. см.* пересо́хнуть

перета́скивать *несов.*, **перетащи́ть** *сов.* *(переместить волоча)* איבערשלעפן, אריבערשלעפן; *(перенести)* איבערטאסקען, אריבערטאסקען

перетере́ть *сов.* 1. *(измельчить)* איבעררײַבן*, צערײַבן*; 2. *(трением разорвать)* איבעררײַבן*; 3. *(обтереть всё)* איבערווישן; ~ все стака́ны איבערווישן אלע גלעזער; **~ся** *сов.* איבערגעריבן ווערן*, איבעררײַבן* זיך

перетерпе́ть *сов.* איבערלײַדן*, איבערטראָגן*, אויסשטיין*

перетира́ть *несов. см.* перетере́ть 1, 2; **~ся** *сов. см.* перетере́ться

перетолкова́ть *сов.* 1. *(неверно истолковать чьи-л. слова)* פאלש אויסטײַטשן; 2. *разг.* *(переговорить со многими, о многом)* איבערשמועסן

перетру́сить *сов. разг.* שטארק [ניט אף קאטאָוועס] איבערשרעקן* זיך

перетя́гивать(ся) *несов. см.* перетяну́ть(ся)

перетяну́ть *сов.* 1. *(перетащить)* אריבערשלעפן, איבערשלעפן; 2. *разг.* *(переманить)* אריבערציִען*, אריבער-

נאַרן; 3. *(туго перевязать)* (שטײַף) איבערבינדן*; ~ ремнём та́лию פאַרציען* די טאַליע מיט א רימען; 4. *(заново затянуть)* פאַרציען* פונסנײַ; *(заново натянуть)* אָנציִען* פונסנײַ; 5. *(весить больше)* אַריבערציִען*, אַריבערוועגן*; ~ся *сов.* (שטײַף) פאַרציִען* זיך

переубеди́ть *сов.*, **переубежда́ть** *несов.* איבערעדן*, צווינגען* בײַטן די מיינונג; *(отговорить)* אָפרעדן* (פון); никто́ меня́ не переубеди́т קיינער וועט מיר ניט דערווײַזן, אז איך בין ניט גערעכט

переу́лок *м* ליקל ז ־עך, (קווער)געסל ז ־עך

переустра́ивать *несов.*, **переустро́ить** *сов.* איבערבויען, איבעראַנדערשן, איבערפאָרמירן

переустро́йство *с* איבערבויונג װ, איבערפאָרמירונג װ, רעקאָנסטרוקציע װ

переутоми́ть *сов.* מיד מאַכן, אויסמאַטערן; ~ся *сов.* איבערמידן זיך, אויסגעמאַטערט ווערן*; *(от работы)* איבעראַרבעטן זיך

переутомле́ние *с* איבערמידקײַט װ, איבערגעמאַטערטקײַט װ

переутомля́ть(ся) *несов. см.* переутоми́ть(ся)

переучёт *м* איבערדיסקאָנטירונג װ

перефрази́ровать *сов. и несов.* איבערפראַזירן

перехвати́||ть *сов.* 1. *(задержать по дороге)* איבערנעמען*; 2. *(письмо)* איבערכאַפּן; *(взгляд)* אויפכאַפּן; 3. *(охватить что-л. одной рукой, удобней)* אַריבערכאַפּן; 4. *(перевязать поперёк)* אַרומכאַפּן, אַרומבינדן*, פאַרציִען*; ~ть по́ясом אַרומכאַפּן מיט א גאַרטל; 5.: у него́ ~ло дыха́ние ס'האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם; 6. *разг.* *(поесть)* צובײַסן*, איבערכאַפּן; ~ться *сов.* *разг.* אָנכאַפּן [אָנהאַלטן*] זיך (פאַר עפעס אַנדערש)

перехва́тывать(ся) *несов. см.* перехвати́ть(ся)

перехитри́ть *сов.* איבערכיטרעווען, איבערקליגן, איבערשפּיצן

перехо́д *м* 1. *(действие)* איבערגאַנג ם; *(куда-л., через что-л. тж.)* אַריבערגאַנג ם; *перен.* איבערגאַנג ם; при ~е у́лицы… באַם איבערגיין די גאַס•••; ~ на пятидне́вную рабо́чую неде́лю דער איבערגאַנג אַף א פינפטאָגיקער אַרבעטסוואָך; ~ на сто́рону патрио́тов דער איבערגאַנג אַף דער זײַט פון די פּאַטריאָטן; ~ в но́вое состоя́ние דער איבערגאַנג אין אַן אַנדער צושטאַנד; 2. *(расстояние)* מאַרש ם ־ן; 3. *(место)* איבערגאַנג ם (מצ. ··גענג); подзе́мный ~ אונטערערדישער איבערגאַנג; 4. *(коридор)* דורכגאַנג ם (מצ. ··גענג)

переходи́ть *несов. см.* перейти́

перехо́дный 1. *(служащий для перехода)* איבערגאַנג־; ~ тонне́ль איבערגאַנג־טונעל ם ־ן; ~ мо́стик בריקל ז ־עך; 2. *(промежуточный)* איבערגאַנג־; ~ пери́од איבערגאַנג־פעריאָד ם; 3. *грам.*: ~ глаго́л טראַנזיטיווער ווערב

переходя́щ||ий 1. *(о кубке и т. п.)* איבערגייענדיקער; ~ее зна́мя איבערגאַנגס־פאָן װ; 2. *фин.* איבערגעטראָגענער, איבערטראָג־; 3. *(перемежающийся)*: ~ие дожди́ קורצווײַליקע רעגנס

пе́рец *м* פעפער ם; чёрный ~ שוואַרצער פעפער; кра́сный ~ רויטער [טערקישער] פעפער; ◇ зада́ть пе́рцу *кому-л.* געבן* עמעצן פעפער צו שמעקן

пе́речень *м* איבערעכענונג װ; *(список)* צעטל ם ־ען

перечёркивать *несов.*, **перечеркну́ть** *сов. прям. и перен.* איבערשטרײַכן*

перечерти́ть *сов.*, **перечёрчивать** *несов.* 1. *(заново)* איבערצייכענען, אָנצייכענען פונסנײַ; 2. *(с образца)* אַראָפּצייכענען, אַראָפּקאָפּירן

перечисле́ние *с* 1. *(действие)* איבערעכענונג װ, איבערעכענען ז; 2. *бухг.* איבערפירן ז; *(сумма)* די איבערגעפירטע סומע; 3. *(перечень)* איבערעכענונג װ ־ען, צעטל ם ־ען

перечи́слить *сов.*, **перечисля́ть** *несов.* 1. איבערעכענען; ~ столи́цы европе́йских стран איבערעכענען די הויפּט־שטעט פון די אייראָפּעישע לענדער; 2. *бухг.* איבערפירן

перечита́ть *сов.* 1. *(повторно)* (נאָכאַמאָל) איבערלייענען; 2. *(всё, многое)* איבערלייענען (אַלץ)

перечи́тывать *несов. см.* перечита́ть 1

пере́чить *несов.* *разг.* *(кому-л.)* דערווידערן (דאַט.), רעדן* אַנטקעגן (דאַט.)

пе́речница *ж* פעפערמעסטל ז ־עך

перечу́вствовать *сов.* איבערפילן, איבערלעבן

переша́гивать *несов.*, **перешагну́ть** *сов.* 1. *(что-л.)* איבערטרעטן*, איבערשפּאַנען; *(куда-л. через что-л. тж.)* אַריבערטרעטן*, אַריבערשפּאַנען; ~ поро́г איבערטרעטן* די שוועל; 2. (че́рез *вин.*; *преодолеть*) גוווער זײַן*; ~ че́рез страх גוווער זײַן* אין זיך דעם פּאַכעד; 3.: он перешагну́л за се́мьдесят ער איז שוין אַריבער די שיווים

перешéек *м* ענגפּאַס ם ־ן, לאַנדפּאַס ם ־ן

перешёптываться *несов.* שושקען זיך (צווישן זיך)

перешива́ть *несов.*, **переши́ть** *сов.* איבערנייען; *(перелицевать)* איבערניצעווען

перещеголя́ть *сов.* *(кого-л. в чём-л.)* *разг.* איבערשטשעגאָלירן (אין), איבערשטשעגאָליאיען (אין)

переэкзаменова́ть *сов.* איבערעקזאַמענירן, אָפּנעמען* נאָכאַמאָל דעם עקזאַמען (בא)

переэкзамено́вка *ж* איבערעקזאַמענירונג װ ־ען

периге́й *м* *астр.* פעריגיי ם

периге́лий *м* *астр.* פעריגעלי ם

пери́ла *мн.* פאָרענטש ם ־ן, פאָרענטשע װ ־ס, געלענדער ז

пери́метр *м* *мат.* פערימעטער ם ־ס

пери́на *ж* איבערבעט װ ־ן, פערענע װ ־ס

пери́од *м* 1. פעריאָד ם ־ן, צײַט װ ־ן; послевое́нный ~ דער נאָכמילכאָמעדיקער פעריאָד; ~ дожде́й רעגן־פעריאָד ם; ~ расцве́та культу́ры די בליצײַט פון דער קולטור; за ~ с 1945 г. по 1970 г. פאַר דער צײַט פונעם 1945 יאָר ביזן יאָר 1970; в тече́ние до́лгого ~а אין מעשעך פון א לאַנגער צײַט; 2. *геол., мат., грам.* פעריאָד ם ־ן

перио́дика *ж* *собир.* *разг.* פעריאָדיק װ, פעריאָדישע פרעסע

периоди́ческ||ий פעריאָדישער; ~ие за́сухи פעריאָדישע טריקענישן; ~ая печа́ть די פעריאָדישע פרעסע; ~ая дробь *мат.* א פעריאָדישע ברוכצאָל; ~ая систе́ма элеме́нтов *хим.* די פעריאָדישע עלעמענטן־סיסטעם

периско́п *м* פעריסקאָפּ ם ־ן

пе́рист||ый: ~ые облака́ פעדעראַרטיקע וואָלקנס

перифери́||я *ж* פעריפעריע װ; прие́хать с ~и קומען* פון דער פעריפעריע

перифра́з *м*, ~а *ж* *лит.* פּאַראַפראַז ם ־ן, פּאַראַפראַזע װ ־ס, פעריפראַז ם ־ן

перл *м* *прям. и перен.* פערל ם =; ~ иску́сства קונסט־שעדעווער ם ־ס

перламу́тр *м* פערלמוטער מ, מוטערפערל מ; ~**овый** פערלמוטער־; (*сделанный из перламутра*) פערלמוטערנער; ~овые пу́говицы פערלמוטערנע קנעפלעך; ~овый оттéнок פערלמוטער־שאַטירונג װ

перло́в||**ый**: ~ая крупá פערלגרויפן מצ.; (*крупная*) גאָגעלעך מצ.; ~ый суп א זופ פון פערלגרויפן

перманéнт *м разг.* (*завивка*) פערמאַנענט מ

перманéнтный פערמאַנענטער

пернáтый 1. באַפעדערטער, באַפליגלטער; 2. *в знач. сущ. мн.* באַפעדערטע מצ., פייגל מצ., פויגלען מצ.

перó *с* 1. (*птичье*) פעדער װ ־ן; *собир.* פעדערן מצ.; 2. (*писчее*) פעדער װ ־ס, פען װ ־עס; ◇ владéть ~м האַלטן* א פען אין דער האַנט; взя́ться за ~ נעמען* א פען אין דער האַנט, נעמען* זיך פאַר דער פען

перочи́нный: ~ нóж(ик) פעדערמעסערל ז ־עך

перпендикуля́р *м мат.* פערפענדיקוליאַר מ ־ן; ~**ный** פערפענדיקולערער

перрóн *м* פעראָן מ ־ען

перс *м* פערס מ ־ן

перси́дский פערסישער; ~ язы́к די פערסישע שפראַך, פערסיש ז

пéрсик *м* 1. (*плод*) פערשקע װ ־ס; 2. (*дерево*) פערשקע־בוים מ (מצ. ־ביימער); ~**овый** 1. פערשקע(ס)־; ~ое варéнье פערשקע־אײַנגעמאַכטס ז; 2. (*о цвете*) פון פערשקע־קאָליר *после сущ.*

персóн||**а** *ж* פערזאָן װ ־ען; (*важная особа*) אַן אָנגעזעענע פערזאָן; серви́з на двенáдцать ~ א סערוויז אף צוועלף פערזאָן [פאַרשוין]; обéд на три ~ы א מיטיק [א מאָלצײַט] אף דרײַ פערזאָן [פאַרשוין]; ◇ сóбственной ~ой ביכווידוי אוועאַצמוי

персонáж *м лит.* פערסאָנאַזש מ ־ן

персонáл *м* פערסאָנאַל מ

персонáльн||**ый** פערסאָנעלער; ~ая пéнсия פערסאָנעלע פענסיע

перспекти́в||**а** *ж* 1. פערספעקטיוו װ; 2. *обыкн. мн.* (*виды на будущее*) פערספעקטיוון מצ., אויסזיכטן מצ.; блестя́щая ~а א גלענצנדיקע פערספעקטיוו; хорóшие ~ы на урожáй אויסזיכטן אף א גוטער גערעטעניש; ◇ в ~е: у негó в ~е поéздка в Ленингрáд אים שטייט פאַר א נעסיע קיין לענינגראַד; ~**ный** 1. פערספעקטיוו־; ~ное изображéние פערספעקטיוו־בילד ז ־ער; 2. (*предусматривающий будущее*) פערספעקטיווער; ~ный план א פערספעקטיווער פלאַן; 3. (*имеющий перспективу*) פערספעקטיווישער; מיט א פערספעקטיוו *после сущ.*; óчень ~ная профéссия זייער א פערספעקטיווישע פראָפעסיע, א פראָפעסיע מיט גוטע° פערספעקטיוון

перст *м уст.* = פינגער מ; ◇ оди́н как ~ עלנט ווי א שטיין

пéрстень *м* רינג מ ־ען, רונג מ ־ען

пéрхоть *ж* קאָפשופן מצ.

перфокáрта *ж* פערפאָקאַרטע װ ־ס

перфорá||**тор** *м* פערפאָראַטאָר מ ־ס; ~**ция** *ж* פערפאָראַציע װ

перчáтк||**а** *ж* הענטשקע װ ־ס; ◇ брóсить *кому-л.* ~у ארויסרופן* עמעצן [וואַרפן* עמעצן די הענטשקע צו די פיס] אף א געפעכט [אף א דועל]; поднять ~у אופהייבן* די הענטשקע; אָננעמען* דעם ארויסרוף (אף א געפעכט [אף א דועל])

пéрчить *несов.* (צו)פעפערן

перш||**и́ть** *несов. безл. разг.*: у меня́ ~и́т в гóрле ס׳רײַסט מיר אין האַלדז

пёрышко *с* פעדערל ז ־עך; лёгкий как ~ גרינג ווי א פעדערל

пёс *м* הונט מ (מצ. הינט)

пéсен||**ка** *ж* לידעלע ז ־ך; ◇ егó ~ка спéта ער איז שוין אַראָפ פונעם מאַרק; (*о близкой смерти*) ס׳איז שוין בא אים נאָך אַלעמען; ~**ник** *м* 1. (*певец*) לידער־זינגער מ =; 2. (*автор*) לידער־שרײַבער מ =; 3. (*сборник песен*) לידער־זאַמלונג װ ־ען; ~**ный** לידער־; ~ный жанр לידער־זשאַנער מ

песéц *м* 1. *зоол.* פאָליאַרפוקס מ ־ן, אײַזפוקס מ ־ן; 2. (*мех*) פאָליאַרפוקס־פוטער מ

пескáрь *м* זאַמדפישל ז ־עך

песнь *ж уст.* ליד װ ־ער; ◇ ~ пéсней שיר־השירים מ

пéсн||**я** *ж* ליד װ ־ער; нарóдная ~я פאָלקסליד װ ־ער; ◇ э́то стáрая ~я דאָס איז שוין אַן אַלט לידל; тяну́ть всё ту же ~ю איבערקײַען אַלץ דאָס אייגענע

песóк *м* זאַמד מ, װ; ◇ сáхарный ~ זאַמדצוקער מ; стрóить на пескé בויען אף זאַמד; из негó ~ сы́плется ≅ ער שמעקט שוין מיט קוואָרעס־בלעטער

песóчный זאַמד־; (*о цвете*) זאַמדקאָליריקער; פון זאַמד־קאָליר *после сущ.*; ~ я́щик זאַמדקאַסטן מ ־ס

пессим||**и́зм** *м* פעסימיזם מ; ~**и́ст** *м* פעסימיסט מ ־ן; ~**исти́ческий** פעסימיסטישער

пест *м* טוקאַטש מ ־ן, דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל

пéстик *м* 1. *см.* пест; 2. *бот.* פעסטל מ ־ען

пестр||**éть**¹ *несов.* 1. (*виднеться, выделяться своей пестротой*) פילפאַרביק בלאַנקען [שימערירן]; мéжду дерéвьями ~éли цветы́ צווישן די ביימער האָבן פילפאַרביק געבלאַנקט די בלומען; луг ~éл цветáми די לאָנקע איז געווען בונט פון בלומען, די לאָנקע האָט פילפאַרביק געבלאַנקט מיט אירע בלומען; 2. (*становиться пёстрым*) בונט [פילפאַרביק] ווערן*, באַקומען* אַלערליי קאָלירן

пестр||**éть**² *несов.* 1. (*мелькать*) שימערירן פאַר די אויגן; повсю́ду ~я́т плакáты, лóзунги אומעטום זעט מען בונטע פלאַקאַטן, לאָזונגען; 2. (*тв.; изобиловать*) זײַן* פול (מיט); кни́га ~и́т афори́змами דער בוך איז פול מיט אַפאָריזמען

пёстрый 1. בונטער, פילקאָליריקער; 2. (*неоднородный*) פאַרשיידנמיניקער; 3. (*о слоге*) באָמבאַסטישער, מעליצעדיקער

песчáник *м геол.* זאַמדשטיין מ

песчáный זאַמדיקער

песчи́нка *ж* זעמדעלע ז ־ך

пети́т *м полигр.* פעטיט מ

пети́ция *ж* 1. פעטיציע װ ־ס

погáнка *ж* (*гриб*) גיפט־שוועמל ז ־עך, סאם־שוועמל ז ־עך

погáн||ый 1. (*о грибах*) ניט־עסבארער, גיפטיקער; 2. *разг.*: ~ое ведрó פאָמוניצע װ ־ס; 3. *разг.* (*скверный*) פאסקודנע(ר) *тж. неизм.*

погаси́ть *сов.* 1. (*несов.* гаси́ть) פארלעשן*; 2. (*несов.* погашáть): ~ задóлженность ליקווידירן די פארשולדיקטקײַט; ~ мáрки שטעמפלען די (בריוו־)מארקעס

погáс||нуть *сов.* 1. פארלאָשן ווערן*, אויסגעלאָשן ווערן*; огóнь ~ דאָס פײַער איז פארלאָשן [אויסגעלאָשן] געוואָרן; 2. *перен.* אויסגעלאָשן ווערן*; рáдость в её глазáх ~ла די פרייד אין אירע אויגן איז אויסגעלאָשן געוואָרן

погашáть *несов. см.* погаси́ть 2

погашéние *с* דעקונג װ; ~ дóлга דאָס דעקן דעם כויוו; в ~ задóлженности אף אויסצאָלן דעם כויוו

погибáть *несов. см.* поги́бнуть

поги́бель^{1} *ж уст.* טויט מ, אומקום מ

поги́бел||ь^{2} *ж*: согну́ться в три ~и אײַנבייגן* זיך אינדרײַען

поги́бнуть *сов.* אומקומען*; (*о корабле и т. п. тж.*) אונטערגיין*; *перен.* (*о мечтах и т. п.*) ווערן* צו נישט; ~ в бою́ פאלן* [אומקומען*] אין א שלאכט

поги́бший 1. אומגעקומענער; 2. (*морально опустившийся*) פארלאָרענער, פארפאלענער

поглáдить *сов.* 1. (*ладонью и т. п.*) א גלעט טאָן*; 2. *разг.* (*утюгом*) אויספרעסן

поглáживать *несов.* גלעטלען, גלעטן (פון צײַט צו צײַט)

поглоти́ть *сов.*, **поглощáть** *несов.* 1. (*впитать*) אײַנזאפן, אײַנזויגן*; *перен.* (*усвоить многое*) (אײַנ)שלינגען*; он поглощáет кни́гу за кни́гой ער שלינגט א בוך נאָך א בוך; 2. (*скрывать в своих недрах*) אײַנשלינגען*, פארשלינגען*; 3. (*всецело захватывать*) פארכאפן, אינגאנצן פארנעמען*; он весь поглощён нау́кой די וויסנשאפט האָט פארנומען אלע זײַנע געדאנקען; её поглоти́ли домáшние забóты זי איז אינגאנצן פארטאָן אין די שטוב־דײַגעס; 4. (*требовать много затрат времени и т. п.*) אָפנעמען*, צונעמען*; э́та рабóта поглощáет мнóго врéмени אָט די ארבעט נעמט אָפ א סאך צײַט; 5. *физ.* פארשלינגען*

поглощéние *с* 1. (*впитывание*) אײַנזאפונג װ, אײַנזאפן ז; 2. *физ.* אבסאָרבציע װ; פארשלינגונג װ

поглупéть *сов.* נארישער ווערן*

поглядéть *сов.* א קוק טאָן*

погля́дывать *несов.* 1. (*на вин.*) כאפן א קוק (פון צײַט צו צײַט) (אף); 2. (*за тв.*) *разг.* אכטונג געבן* (אף)

погнáть *сов.* 1. (*заставить двигаться*) נעמען* טרײַבן; ~ стáдо к рекé אוועקטרײַבן* די טשערעדע צום טײַך; 2. (*автомашину и т. п.*) א טרײַב טאָן*, א יאָג טאָן*; **~ся** *сов.* (*за тв.*) *прям. и перен.* א יאָג טאָן זיך (נאָך)

погну́ть *сов.* אויסבייגן*, אויסקרימען; **~ся** *сов.* אויסבייגן* זיך, אויסקרימען זיך

поговáрива||ть *несов.*: ~ют, что... מע שמועסט, אז...; מע זאָגט, אז...; ס'גייען אום קלאנגען, אז...; ~ют о егó отстáвке מע רעדט וועגן זײַן דעמיסיע, מע שמועסט [שושקעט זיך] וועגן זײַן דעמיסיע

поговори́ть *сов.* 1. (*с кем-л.*) האָבן* א שמועס [א געשפרעך] (מיט); א רעד טאָן* (מיט), איבערעדן* (מיט); 2. (*о предл.*) באהאנדלען; 3. (*говорить некоторое время*) (אָפ)רעדן* (א געוויסע צײַט); онá лю́бит ~ זי האָט ליב רעדן*; זי האָט נײַן מאָס רייד

поговóрка *ж* (גלײַכ)ווערטל ז ־עך

погод||а *ж* וועטער מ; сегодня хорошая ~а הײַנט איז
א שײנער° [גוטער°] וועטער; в любую ~у וואָס פאַר א
וועטער ס׳זאָל ניט זײַן; перемена ~ы וועטער־ענדערונג
װ; сводка ~ы וועטער־באַריכט מ, וועטער־ביולעטען מ

погод||ить *сов. разг.* צוּוואַרטן; (ну,) ~й! וואַרט אויס!,
וואַרט־וואַרט!; ◇ немного погодя עטוואָס שפּעטער [דער־
נאָך]

погожий: ~ день א לויטערער [שײנער°] טאָג

поголовн||о *нареч.* אַלע אָן אויסנאַם, ביז אײנעם; ~ый
אַלגעמײנער

поголовье *с с.-х.* קאָפּ־באַשטאַנד מ

погон *м* פּאַגאָן מ ־עס

погонный: ~ метр לינעיִשער מעטער

погонщик *м* (אָנ)טרײַבער מ ־ס

погоня *ж* 1. דאָס נאָכיאָגן זיך, געיעג ו; 2. (*группа
преследователей*) נאָכיאָגער מצ.; 3. *прям. и перен.* (*за
чем-л.*) דאָס יאָגן זיך (נאָך); יאָגעניש ו

погонять *несов.* יאָגן; טרײַבן*; *перен.* (*торопить*)
צוײַלן

погорелец *м* ניסרעף מ (מצ. ניס־
ראָפים), אָפּגעברענטער מ ־טע

погореть *сов.* 1. (*сгореть*) פאַרברענט ווערן*; 2.
(*стать жертвой пожара*) אָפּברענען; ווערן* א ניסרעף

погорячи||ться *сов.* היצן זיך; извини, я ~лся אנטשול־
דיק, איך האָב זיך צעהיצט א ביסל

погост *м* צווינטער מ ־ס

погостить *сов.* לעבן אַלס גאַסט, זײַן* צוגאַסט

пограничник *м* גרענעץ־וועכטער מ =, גרענעצלער מ =

пограничн||ый 1. גרענעץ־; ~ый столб גרענעץ־סלופּ
מ ־עס, גרענעץ־סטויפּ מ ־עס; ~ые войска גרענעץ־מילי־
טער ו; ~ый инцидент גרענעץ־אינצידענט מ ־ן; 2. (*рас-
положенный вблизи границы*) בײַגרענעצדיקער; ~ый
город א בײַגרענעצדיקע שטאָט

погреб *м* קעלער מ ־ס, ־ן; винный ~ ווײַנקעלער מ ־ס;
пороховой ~ פּולווערסקלאַד מ

погребальн||ый קוורע־; ~ая процессия לעווײַע(־פּראָ־
צעסיע) װ ־ס; ~ый звон טרויער־געקלאַנג ו

погребать *несов.* באַערדיקן, ברענגען* צו קוורה

погребение *с* באַערדיקונג װ, דאָס ברענגען צו קוורה

погремушка *ж* קלאַפּערל ו ־עך

погрести *сов. см.* погребать

погреть *сов.* אָנוואַרעמען א; וואַרעמען (א געוויסע צײַט)
ביסל

погрешить *сов* זינדיקן, זינד א באַגײן*; ~ против ис-
тины זינדיקן קעגן עמעס

погрешность *ж* טעות מ ־ן, פעלער מ ־ן; *мат. тж.*
אומפּינקטלעכקײַט װ; (*механизма и т. п.*) דעפעקט מ ־ן

погрозить *сов.* דראָען, סטראַשען

погром *м* פּאָגראָם מ ־ען; ~ный פּאָגראָם־; ~ная
речь פּאָגראָם־רעדע װ ־ס; ~щик *м* פּאָגראָמשטשיק מ
־עס

погружать(ся) *несов. см.* погрузить(ся)

погружение *с* (*подводной лодки*) דאָס אַראָפּלאָזן זיך
(אין וואַסער)

погрузить *сов.* 1. (*опустить в жидкость*) אַראָפּ־
לאָזן*, (אײַנ)טוקן, אַרײַנטאָן*; 2. (*на транспорт*) אָנ־
לאָדן*, גרוזעווען; (*людей*) אַרײַנזעצן; 3.: дом погружён в
темноту דאָס הויז איז פאַרזונקען אין כאָשעכעס; погру-
жённый в размышления א פאַרזונקענער אין הירהורים;
он погружён в работу ער איז פאַרטאָן אין דער אַרבעט;
~ся *сов.* 1. אײַנטוקן זיך; (*о тонущем предмете*) זינ־
קען*; подводная лодка погрузилась די אונטערוואַסער־
שיף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט; 2. (*на транспортное сред-
ство*) אַרײַנזעצן זיך, אײַנשטײַגן*; 3. *перен.* פאַרזונקען
ווערן*; ~ся в чтение פאַרטיפן זיך אין לײענען; ~ся в
глубокий сон אַרײַנפאַלן* [פאַרזונקען ווערן*] אין א טיפן
שלאָף

погрузка *ж* אָנלאָדן ו, גרוזעווען ו; (*людей*) אַרײַנזעצן ו

погрузочн||ый אָנלאָד־; ~ые механизмы אָנלאָד־מעכאַ־
ניזמען מצ.

под¹ *предлог* I. *с тв. п.* 1. (*ниже*) אונטער; ~ де-
ревом אונטערן בוים; ~ водой אונטערן וואַסער; чемо-
дан стоит ~ столом דער טשעמאָדאַן שטײט אונטערן
טיש, 2. (*около, возле*) הינטער, בײַ; под Москвой הינ־
טער מאָסקווע; 3. (*указывает на состояние положе-
ние*) אונטער; ~ знаменем Ленина אונטער לענינס פאָן;
~ руководством אונטער דער אָנפירונג; ~ влиянием
אונטער דער ווירקונג; ~ замком אונטער א שלאָס, פאַר־
שלאָסן; 4. (*в зоне действия чего-л.*) אונטער, בײַ, אין;
~ тенью дуба אינעם שאָטן פון א דעמב; ~ огнём ар-
тиллерии אונטערן פײַער פון דער אַרטילעריע; ~ силь-
ным дождём אין [בײַ] א שטאַרקן רעגן; 5. (*указывает
на признак*) אונטער, מיט; дом под зелёной крышей דאָס
הויז אונטערן [מיטן] גרינעם דאַך; II. *с вин. п.* 1. (*ниже*)
אונטער; поставить чемодан под стол שטעלן דעם טשע־
מאָדאַן אונטערן טיש; под ноги אונטער די פיס; под гору
באַרג־אַראָפּ; 2. (*около, возле*) הינטער; переехать ~
Ленинград אַריבערפאָרן* הינטער לענינגראַד; 3.: взять
~ контроль נעמען* אונטערן קאָנטראָל; отдать ~ суд
איבערגעבן* [שטעלן] צום געריכט; взять ~ стражу אַרעס־
טירן; 4. (*при обозначении времени*) קעגן, בײַ, צו; (*воз-
раста*) אַרום, בײַ; (*накануне чего-л.*) ערעוו; под вечер
אַפּדערנאַכט־צו; ей ~ тридцать זי איז אַלט בײַ די דרײַ־
סיק יאָר; ~ конец צום סאָף; 5. (*наподобие*) קעמוי;
шуба ~ котик א פוטער קעמוי קאָטיק; красить ~
мрамор פאַרבן, אימיטירנדיק מאַרמאָר [מירמלשטײן]
מאַרמאָרירן; 6. (*для*) פאַר; здание ~ больницу א גע־
בײַדע פאַר א שפּיטאָל; 7. (*в сопровождении чего-л. зву-
чащего*) צו; ~ музыку אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון מוזיק;
8. (*в обмен на ручательство*) אויף; ~ залог אויף א
משכּון; ~ честное слово אויף עמעצנס ערנוואָרט; выдать
~ расписку אַרויסגעבן*, נעמענדיק א כּתימה; получить
под расписку באַקומען*, געבנדיק א כּתימה

под² *м* (*печи*) דעק מ ־ן

подавать *несов.* 1. *см.* подать; 2. *театр.* אונטערזאָגן,
סופלירן; ◇ ~ признаки жизни אַרויסווײַזן* סימאָנים פון
לעבן; ~**ся** *несов. см.* податься

подавить *сов.* 1. (*восстание тж. перен.*) דערשטיקן;
~ вздох דערשטיקן [אין זיך] א זיפץ; 2. (*превзойти
численностью и т. п.*) איבערשטײַגן*; 3. (*подчёркивать
своё превосходство*) דריקן; он не старался ~ всех сво-
им авторитетом ער האָט זיך ניט געסטאַרעט דריקן אויף
אַלעמען מיט זײַן אויטאָריטעט; 4. (*привести в угнетённое
состояние*) דערשלאָגן*, אַרײַנברענגען* אין א געדריקטער
שטימונג

подавиться *сов.* וואַרגן* זיך; (*умереть*) דערוואָרגן* זיך

подавле́ние *с* דערשטיקונג ‖

пода́вленн‖ость *ж* דעפּרעסיע ‖, דערשלאָגנקײט ‖; **~ый** *(о настроении)* געדריקטער; *(о человеке)* דערשלאָגענער

подавля́ть *см.* подави́ть

подавля́ющ‖ий 1. איבערוועגנדיקער; ~ее большинство́ די איבערוועגנדיקע מערהײַט; 2. *(гнетущий)* דריקנדיקער

пода́вно *нареч. разг.* (שוין) אוואָדע

пода́гр‖а *ж* פּאָדאַגרע ‖; **~и́ческий** פּאָדאַגרישער

пода́льше *нареч.* עטוואָס ווײַטער; *(как можно дальше)* וואָס ווײַטער; куда́-нибудь ~ ערגעץ־ווּהין ווײַטער

подари́ть *сов.* (אוועק)שענקען*

пода́рок *м* מאַטאָנע ‖ ־ס, געשאַנק מ ־ען; це́нный ~ א ווערטפולע מאַטאָנע; сде́лать ~ *кому-л.* געבן* עמעצן א מאַטאָנע; я э́то получи́л в ~ מע האָט עס מיר געשענקט, כ׳האָב עס געקראָגן אלס [פאַר] א מאַטאָנע

пода́тель *м* איבערגעבער מ ־ס, דערלאַנגער מ ־ס

пода́тливость *ж* נאָכגיביקײט ‖

пода́тливый נאָכגיביקער; *(о человеке тж.)* ווייכער

по́дать *ж ист.* (קאָפּ־)שטײַער מ ־ן, קאָפּגעלט I

пода́ть *сов.* 1. געבן*, דערלאַנגען; ~ *кому-л.* стул געבן* עמעצן א בענקל; ~ пальто́ דערלאַנגען דעם מאַנטל; *(помочь при одевании тж.)* העלפן* אָנטאָן דעם מאַנטל; ~ во́ду, газ געבן* וואַסער, גאַז; 2. *(поставить на стол)* דערלאַנגען; 3. *(нищему)* געבן* א נעדאָווע; 4. *(подводить для посадки, погрузки)* דערלאַנגען, צופירן; маши́на по́дана דער אווטאָמאָביל וואַרט שוין; 5. *(представить в письменном виде)* דערלאַנגען, (אָנ)געבן*; ~ заявле́ние דערלאַנגען א מעלדונג; ~ в суд на *кого-л.* דערלאַנגען [אײַנגעבן*] אין געריכט אף עמעצן; 6. *спорт.* *(мяч)* דערלאַנגען; ◇ ~ го́лос 1) לאָזן* זיך הערן; 2) *(проголосовать)* שטימען, אָפּגעבן* די שטים; ~ знак געבן* א צייכן; ~ мысль אויפגעבן* א געדאַנק; ~ приме́р ווײַזן* א בײַשפּיל; ~ ру́ку דערלאַנגען [געבן*] די האַנט; ~ ру́ку по́мощи אויסשטרעקן די העלפנדיקע האַנט; не ~ ви́ду ניט געבן* צו דערקענען; ему́ бы́ло доса́дно, но он и ви́ду не по́дал ער האָט אפילע ניט געגעבן צו דערקענען, אז סע אַרט אים; он не по́дал ви́ду, что зна́ет ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק; ◇ руко́й ~ מיט דער האַנט צו דערלאַנגען; **~ся** *сов.* 1. *(уступить напору)* נאָכגעבן*, נאָכלאָזן*; *перен.* נאָכגעבן*; дверь подала́сь די טיר האָט נאָכגעגעבן [נאָכגעלאָזט]; 2.: ~ся всем те́лом вперёд א קער טאָן* זיך מיטן גאַנצן קערפּער פאָרויס; ~ся вперёд *(о толпе)* א שפּאַר טאָן* פאָרויס; 3. *разг.* *(отправиться)* (אוועק)לאָזן* זיך

пода́ч‖а *ж* 1. דערלאַנגען I; ~а заявле́ния דאָס דערלאַנגען א מעלדונג; ~а га́за דער צופלוס פון גאַז; 2. *спорт.* דערלאַנגען I; мяч с ~и Ивано́ва заби́л Серге́ев איוואַנאָוו האָט דערלאַנגט די פּילקע, און סערגײעוו האָט פאַרשלאָגן דעם גאָל

пода́чк‖а *ж разг.* 1. *(животному)* א צוגעוואָרפענער ביסן; 2. *перен.* נעדאָווע ‖ ־ס; бро́сить ~у (צו)וואַרפן* א ביינדל

подая́ние *с* נעדאָווע ‖ ־ס; жить ~м לעבן פון נעדאָוועס [פון קיצווע]

подба́вить *сов.*, **подбавля́ть** *несов.* צוגעבן* נאָך

подба́дривать *несов. см.* подбодри́ть

подбега́ть *несов.*, **подбежа́ть** *сов.* צולויפן*, אונטערלויפן*

подбива́ть *несов. см.* подби́ть

подбира́ть(ся) *несов. см.* подобра́ть(ся)

подби́ть *сов.* 1. *(прибить снизу)* צוקלאַפּן, צושלאָגן*; ~ каблу́к לייגן א בלעטל אפן אָפּצאַס; 2. *разг.* *(тв.; одежду)* אונטערשלאָגן* (מיט); 3. *(повредить)* אונטערשלאָגן*; с подби́тым гла́зом מיט אן אונטערגעשלאָגן [אונטערגעלאָפן] אויג; ~ танк אונטערקלאַפּן דעם טאַנק; ~ самолёт אונטערקלאַפּן דעם עראָפּלאַן; 4. *разг.* (на *вин.*; *подстрекнуть*) אונטערהעצן (אף)

подбодри́ть *сов.* דערמוטיקן, מוט צוגעבן*

подбо́р *м* 1. *(действие)* צוקלײַבן I, אונטערקלײַבן I; 2. *(собрание)* קאָמפּלעקט מ ־ן; קאָלעקציע ‖ ־ס; *(сочетание)* קאָמבינאַציע ‖ ־ס; ◇ (как) на ~ איינס אין איינס

подборо́док *м* קין מ ־ען; בערדל I ־עך *разг.*

подбоче́‖ниться *сов. разг.* פאַרלייגן די הענט אף די זײַטן; ~нясь מיט די הענט אף די זײַטן

подбра́сывать *несов.*, **подбро́сить** *сов.* 1. (אונטער)וואַרפן* אין דער הייך; подбра́сывать и лови́ть мяч אונטערוואַרפן* און כאַפּן די פּילקע; 2. *обыкн. безл.* *(сильно трясти во время движения)* אונטערוואַרפן*, טרייסלען; маши́ну подбра́сывало на поворо́тах ס׳האָט אונטערגעוואָרפן דעם אווטאָמאָביל אף יעדן קער פון וועג; 3. *(добавлять)* אונטערוואַרפן*, צוּוואַרפן*; ~ дрова́ в пе́чку אונטערוואַרפן* האָלץ אין דער הרובע; 4. *(тайком подкладывать)* אונטערוואַרפן*; ~ запи́ску אונטערוואַרפן* א צעטעלע

подва́л *м* 1. קעלער מ ־ס, ־ן; *(жилой тж.)* קעלערשטוב ‖ (מצ. ··שטיבער); 2. *(газеты)* פּאָדוואַל מ ־ן, קעלער מ ־ס, ־ן

подва́льный קעלער־; ~ эта́ж קעלערשטוב ‖ (מצ. ··שטיבער)

подве́домственный *(дат.)* אונטערגעאָרדנטער (דאַט.), סובאָרדינירטער; וואָס איז אין דער קאָמפּעטענץ (פון) *после сущ.*

подвезти́ 1. צופירן; *(попутно)* אונטערפירן; 2. *(доставить, снабдить)* צופירן; ברענגען* צו פירן

подверга́ть(ся) *несов. см.* подве́ргнуть(ся)

подве́ргнуть *сов.*: ~ испыта́нию אויספּרוּוון; ~ кри́тике קריטיקירן; ~ наказа́нию באַשטראָפן; ~ опа́сности שטעלן אין געפאַר; ~ сомне́нию שטעלן אין (א) סאָפעק, נעמען* אונטער א סאָפעק; **~ся** *сов.*: ~ся испыта́нию אויסגעפּרוּווט ווערן*; ~ся нападе́нию באַפאַלן ווערן*; ~ся опа́сности געשטעלט ווערן* אין געפאַר; ~ся пресле́дованиям פאַרפאָלגט ווערן*

подве́рженный *(дат.)* גענייגטער (צו); он подве́ржен просту́де ער איז גענייגט צו פאַרקילונגען, ער פאַרקילט זיך גרינג

подверну́ть *сов.* 1. *(завинтить)* פעסטער [שטאַרקער] צושרויפן; 2. *(засучить)* פאַרבייגן*, פאַרקאַטשען; ~ рука́ва פאַרקאַטשען די אַרבל; 3. *(подогнуть края)* אונטערבייגן*; ~ одея́ло אונטערבייגן* די קאָלדרע; 4. *разг.*: ~ но́гу אויסדרייען זיך א פוס; **~ся** *сов.* 1. *(загнуться)* אונטערבייגן* זיך; *(о рукавах, брюках)* פאַרקאַטשען זיך; 2.: у него́ подверну́лась нога́ ער האָט זיך אויסגעדרייט א פוס; 3. *разг.* *(представиться)* מאַכן זיך, אָנטרעפן* זיך; мне подверну́лась интере́сная рабо́та ס׳האָט זיך מיר געמאַכט אן אינטערעסאַנטע אַרבעט; подверну́лся удобный случай ס'האָט זיך געמאכט א גינסטיקע געלעגנהייט; подвернулся хороший попутчик ס'האָט זיך אָנגעטראָפן א גוטער° מיטרײַזנדער

подвёртывать(ся) *несов. см.* подвернуть(ся)

подвесить *сов.* אונטערהענגען*, אָנהענגען*

подвести *сов.* 1. צופירן; *(до какого-л. места)* צופירן (ביז), דערפירן (ביז); 2. *(подложить под что-л.)* אונטערפירן; ארונטערפירן; ~ фундамент אונטערלייגן א פונדאמענט; ~ базу под *что-л.* אונטערפירן א באזיס אונטער עפעס; 3. *разг. (поставить в затруднительное положение)* אונטערפירן; не подведи меня פיר מיך ניט אונטער; 4. *(подкрасить)* צופארבן; אונטערפירן; ~ брови אונטערפירן [צופארבן] די ברעמען; ◇ ~ мину אונטערלייגן א מינע; ~ часы אָנשטעלן דעם זייגער; живот подвело דער מאָגן מאָנט עסן

подветренн||ый ניט־ווינטיקער; ~ая сторона ניט־ווינטיקע זײַט

подвешивать *несов. см.* подвесить

подвиг *м* העלדנטאט מ ־ן; героический ~ העלדישקייט וו ־ן; трудовой ~ ארבעטס־העלדנטאט מ ־ן; совершить ~ באגיין* א העלדנטאט

подвигать *несов.* 1. *(ближе)* צורוקן; *(в сторону)* אָפרוקן; 2. *разг. (содействовать развитию)* פאָרויס רוקן; **~ся** *несов. (ближе)* צורוקן זיך; *(в сторону)* אָפרוקן זיך

подвид *м биол.* אונטערארט מ ־ן, סובארט מ ־ן

подвижни||к *м* ענטוזיאסט מ ־ן; מעסירעסנעפעשדיקער העלד; ~ки искусства ענטוזיאסטן [טרײַע דינער] פון קונסט; ~ческий *перен.* מעסירעסנעפעשדיקער, העלדישער

подвижн||ой באוועגלעכער; ◇ ~ой состав וואגאָנען־ און לאקאמאָטיוון־באשטאנד מ; ~ые игры באוועגלעכע שפילן

подвижн||ость *ж* 1. באוועגלעכקייט וו; 2. *(человека)* רירעוודיקייט וו; זשוואוועדיקייט וו; ~ый רירעוודיקער, זשוואווע(ר) *тж. неизм.* ~ый ребёнок א רירעוודיק קינד; ~ые пальцы פלינקע פינגער; ~ое лицо א באלעבט פאָנעם

подвинтить *сов.* צושרויפן (פעסטער)

подвинуть *сов.* 1. *(ближе)* צורוקן; *однокр.* א רוק געבן* [טאָן*]; *(в сторону)* אָפרוקן; *однокр.* א רוק אָפ; 2. *разг. (посодействовать развитию)* א רוק געבן* [טאָן*] (פאָרויס); **~ся** *сов.* 1. *(ближе)* צורוקן זיך; *однокр.* געבן* זיך א רוק צו; *(в сторону)* אָפרוקן זיך; *однокр.* געבן* זיך א רוק אָפ; 2. *(пойти вперёд, развиться)* א רוק טאָן* זיך (פאָרויס)

подвинчивать *несов. см.* подвинтить

подвластный *(дат.)* אונטערטעניקער, אונטערגעוואָרפענער

подвода *ж* פור וו ־ן

подводить *несов. см.* подвести

подводник *м* = אונטערוואסערלער מ; *(водолаз тж.)* וואסערטוקער מ ־ס; моряки-~и יאם־לײַט פון אן אונטערוואסער־שיף, אונטערוואסערלער מצ.

подводн||ый אונטערוואסער=, אונטערוואסערדיקער; ~ая лодка אונטערוואסער־שיף וו ־ן, סובמארין וו ־ען; ~ый спорт אונטערוואסער־ספאָרט מ; ~ое течение אן אונטערוואסערדיקע שטרעמונג; ◇ ~ые камни טיפשטיינער מצ.

подвоз *м* צופיר מ, צופירן ז

подвозить *несов. см.* подвезти

подворотничок *м* אונטערקעלנערל ז ־עך

подворотня *ж* טויער־דורכגאנג מ (מצ. ··דורכגענג)

подвох *м разг.* שפיצל ז ־עך, פאָרטל מ, ז ־ען; *мн. тж.* הינטערשיסעלעך מצ.

подвязать *сов.* 1. *(привязать снизу)* אונטערבינדן*, צובינדן*; 2. *(обвязать — руку, щёку)* אונטערבינדן*, ארומבינדן*; **~ся** *сов.* ארומבינדן* זיך

подвязка *ж (для чулок)* זאָק(נ)בענדל ז ־עך, פאָדישקע וו ־ס

подвязывать *несов. см.* подвязать

подгибать *несов. см.* подогнуть

подглядеть *сов.* 1. *см.* подглядывать; 2. *(заметить)* באמערקן

подглядывать *несов.* אונטערקוקן זיך

подговаривать *несов.*, **подговорить** *сов.* (+ *инф.*) אָנרעדן* (טאָן עפעס), אונטערעדן* (טאָן עפעס)

подголосок *м* 1. בײַקאָל מ (מצ. בײַקוילעס); 2. *презр.* נאָכבאָמקער מ ־ס

подгонять *несов. см.* подогнать

подгорать *несов. см.* подгореть

подгорелый צוגעברענטער, אונטערגעברענטער

подгореть *сов.* צוברענען, צוגעברענט ווערן*

подготавливать(ся) *несов. см.* подготовить(ся)

подготовительн||ый צוגרייט(ונג)=; ~ая работа צוגרייט־ארבעט וו, צוגרייטונג וו; ~ые курсы צוגרייט־קורסן מצ.

подготовить *сов.* צוגרייטן; ~ почву для посева צוגרייטן דעם באָדן צום פארזייי; ~ кадры גרייטן קאדרען; ~ доклад צוגרייטן א פאָרטראָג; **~ся** *сов.* צוגרייטן זיך

подготовка *ж* 1. צוגרייטונג וו, צוגרייטן ז; военная ~ מיליטערישע צוגרייטונג; допризывная ~ פארפריזיוו־צוגרייטונג וו; 2. *(запас знаний)* צוגרייטונג וו; у него хорошая ~ ער איז גוט° צוגעגרייט; ◇ артиллерийская ~ *воен.* ארטילערישע צוגרייט־באשיסונג

подготовленн||ость *ж* צוגעגרייטקייט וו; ~ый צוגעגרייטער

подготовлять(ся) *несов.* подготовить(ся)

подгруппа *ж* סובגרופע וו ־ס, אונטערגרופע וו ־ס

подгузник *м* אונטערווינדעלע ז ־ך

поддавать *несов. см.* поддать; **~ся** *несов.* 1. *см.* поддаться; 2. לאָזן* זיך; материал легко поддаётся обработке דער מאטעריאל לאָזט זיך גרינג באארבעטן; ◇ это не поддаётся описанию דאָס איז אומבאשרײַבלעך, דאָס איז ניט צו(ם) באשרײַבן*

поддакивать *несов.*, **поддакнуть** *сов. разг.* צובאָמקען, פאָטאקעווען

поддан||ный *м* אונטערטאן מ ־ען; **~ство** *с* אונטערטאנשאפט וו

поддать *сов.* 1. דערלאנגען (א קלאפ); ~ ногой мяч ארופקלאפן מיטן פוס די פילקע; 2. *разг. (карту, шашку)* אונטערגעבן*; 3.: ~ жару *разг.* אונטערגעבן* היץ; **~ся** *сов.* 1.: наконец дверь поддалась סאָפקאָלסאָף האָט די טיר נאָכגעגעבן [נאָכגעלאָזט]; ~ся *чьему-л.* влиянию זיך לאָזן* באווירקן פון עמעצן; ~ся искушению ניט בײַשטיין* דעם ניסאָיען; ~ся на уговоры זיך לאָזן* אײַנרעדן; не ~ся панике ניט ארײַנפאלן* אין פאניק; 2. *разг. (противнику)* אונטערגעבן* זיך

поддевáть *несов. см.* поддéть

поддéлать *сов.* נאָכמאכן; ~ докумéнты נאָכמאכן [מאכן פאלשע] דאָקומענטן; ~ *чью-л.* пóдпись נאָכמאכן עמעצנס כסימע; ~**ся** *сов. разг.* (*к кому-л.*) צופאסן זיך (צו), אונטערכאנפענען* זיך (צו)

поддéлка *ж* 1. פעלשונג II, פעלשן I; 2. (*подделанная вещь*) אימיטאציע II

поддéлывать(ся) *несов. см.* поддéлать(ся)

поддéльный 1. (*фальшивый*) פאלשער, געפעלשטער; (*искусственный*) (נאָכ)געמאכטער, קינסטלעכער, אימיטירטער, געמעלאָכעטער; (*о чувствах и т. п.*) געמאכטער; ~ бриллиáнт א פאלשער בריליאנט; 2. (*подлóжный*) פאלשער, נאָכגעמאכטער

поддержáть *сов.* 1. (*не давáть упáсть*) אונטערהאלטן*; ~ пóд руку אונטערהאלטן* אונטערן אָרעם; 2. (*оказáть пóмощь*) אונטערהאלטן*, שטיצן; 3. (*вы́разить своё соглáсие*) אונטערהאלטן*; ~ *чью-л.* кандидатýру אונטערהאלטן* עמעצנס קאנדידאטור; 4. (*не дать прекрати́ться*) אונטערהאלטן*; ~ разговóр אונטערהאלטן* דעם שמועס; ~ поря́док האלטן* די אָרדענונג

поддéрживать *несов.* 1. *см.* поддержáть; ~ дрýжбу с *кем-л.* אָנהאלטן* [אונטערהאלטן*] פרייַנטלעכע באציונגען מיט עמעצן; ~ перепи́ску с *кем-л.* קאָרעספאָנדירן מיט עמעצן; 2. (*служи́ть опóрой*) אונטערהאלטן*, אונטערשפארן

поддéржк||а *ж* 1. שטיצע II, אונטערשטיצונג II; (*пóмощь тж.*) הילף II; морáльная ~а מאָראלישע שטיצע; пóльзоваться ширóкой ~ой ברייט געשטיצט ווערן*; 2. (*опóра*) אָנשפאר ח

поддéть *сов.* 1. אונטערהייבן*, פארטשעפען פון אונטן; 2. *разг.* (*сказáть кóлкость*) א שטאָך טאָן*

поддувáло *с* צוג־לאָך II (מצ. ..לעכער)

поддувá||ть *несов.* 1. *см.* поддýть; 2. *безл.*: ~ет עס ציט (א ווינט, א קעלט)

поддýть *сов.* בלאָזן* (פון אונטן)

подéйствовать *сов.* (*повлия́ть*) ווירקן, האָבן* א ווירקונג [א פועל]

подéла||ть *сов. разг.* 1. (*заня́ться чем-л. в течéние некоторого врéмени*) מאכן (א געוויסע צייַט), טאָן*; 2. (*сдéлать что-л.*) מאכן; ◇ ничегó не ~ешь ס׳וועט דאָ גארנישט ניט העלפן, ס׳איז קיין אנדער ברייַרע ניטאָ; ничегó нельзя́ с ним ~ть מיט אים קען מען גאָרנישט ניט מאכן; מיט אים איז שווער האָבן צו טאָן

подели́||ть *сов.* 1. צעטיילן; (*распредели́ть*) צעטיילן (צווישן); и что они́ не ~ли? *разг.* וואָס האָבן זיי ניט צעטיילט?, פארוואָס קענען זיי ניט אויסקומען [הויזן] צווישן זיך?; 2. (*удели́ть другóму, пережи́ть вмéсте*) טיילן זיך; ~**ться** *сов.* 1. (*удели́ть комý-л. часть своегó*) טיילן זיך; ~**ться** с *кем-л.* послéдним кускóм хлéба טיילן זיך מיט עמעצן מיטן לעצטן ביסן; 2. (*сообщи́ть*) טיילן זיך; ~**ться** впечатлéниями טיילן זיך מיט די אייַנדרוקן; ~**ться** óпытом טיילן זיך מיט דער דערפארונג; хочý ~**ться** с вáми рáдостью איך וויל טיילן מיט אייַך מייַן פרייד

поделóм *нареч. разг.*: ~ тебé אזוי, א מיצווע אף דיר, קומט דיר, האָסט עס קאָשער פארדינט

подéлыва||ть *несов. разг.*: что ~ете? ווי גייט עס אייַך?, וואָס מאכט איר עפעס?

подённ||о *нареч.* אף טאָגלוין; рабóтать ~о ארבעטן אף טאָגלוין; ~**ый**: ~ая оплáта טאָגלוין ח; ~ая рабóта טאָגלוין־ארבעט II

подёнщ||ик *м* = טאָגלוין־ארבעטער ח; ~**ица** *ж* טאָגלוין־ארבעטערן II ־ס

подёргивание *с* (*нéрвное*) צוקן I

подёргива||ть *несов.* 1. א צוק טאָן* (פון מאָל צו מאָל); 2. *безл. разг.*: егó ~ет ער האלט אין איין צוקן; ~**ться** *несов.* צוקן, (אונטער)ציטערן

подéржанный געניצטער; (*об одéжде тж.*) געטראָגענער

подержáть *сов.* האלטן* (א געוויסע צייַט)

подёрну||ть *сов.* באדעקן, פארציִען*; óзеро бы́ло ~то льдом די אָזערע איז געווען פארצויגן [באדעקט] מיט א דין הייַטל אייַז; ~**ться** *сов.* באדעקט זייַן*, פארצויגן זייַן*; её глазá ~лись слезáми אירע אויגן זייַנען פארנעפלט פון טרערן

подешевéть ביליק(ער) ווערן*, וואָלוול [וועלוו(ע)לער] ווערן*

поджáривать(ся) *несов. см.* поджáрить(ся)

поджáристый צוגעבראָטענער, צוגעברוינטער

поджáрить *сов.* צובראָטן*, צופרעגלען; ~**ся** *сов.* צובראָטן* זיך; (*подрумя́ниться*) צוגעברוינט ווערן*

поджáть *сов.*: ~ нóги под себя́ ארונטערנעמען* די פיס אונטער זיך, קויערן; ~ гýбы צונויפשליסן* די ליפן; ~ хвост אונטערבייגן* דעם עק

поджелýдочн||ый: ~ая железá אונטערמאָגנדיקע דריז

поджéчь *сов.* אונטערצינדן*

поджигáтел||ь *м* = אונטערצינדער ח; ◇ ~и войны́ מילכאָמע־אונטערצינדער מצ.

поджигáть *несов. см.* поджéчь

поджидáть *несов. см.* подождáть

поджи́лки *мн. разг.*: у них ~ трясýтся סע וואָרפט מיט זיי ווי אין קאדאָכעס (פאר פאכעד)

поджимáть *несов. см.* поджáть

поджóг *м* אונטערצינדונג II

подзаголóвок *м* אונטערקעפל I ־עך

подзадóривать *несов.*, **подзадóрить** *сов. разг.* אונטערגעבן* היץ

подзаты́льник *м разг.* א טשמעל [א זעץ] אין האלדז־און־נאקן

подзащи́тный *м* פארטיידיקטער ח ..טע; (*адвокáта тж.*) קליענט ח ־ן

подземéлье *с* אונטערערדישע הייל; קאטאקאָמבע II ־ס

подзéмн||ый אונטערערדישער; ~ая желéзная дорóга אונטערערדישע באן, מעטראָפאָליטען ח, מעטראָ ח; ~ые рабóты אונטערערדישע ארבעט, ארבעט אונטער דער ערד; ~ый взрыв אונטערערדישער אויפרייַס

подзеркáльник *м* שפיגל־טישל I ־עך

подзóл *м с.-х.* פאָדזאָל ח, אשקאָליריקער באָדן

подзóлист||ый: ~ая пóчва *см.* подзóл

подзóрн||ый: ~ая трубá ווייַטזיכט־רער II

подзывáть *несов. см.* подозвáть

подкáлывать *несов. см.* подколóть

подкáпывать(ся) *несов. см.* подкопáть(ся)

подкараýли||вать *несов.* (*вин.*) לאָקערן (אף, נאָך); ~**ть** *сов.* (*вин.*) אויסלאָקערן, אויסטשאטעווען

подкáрмливать(ся) *несов. см.* подкорми́ть(ся)

подкати́ть *сов.*, **подка́тывать** *несов.* 1. *(катя, приблизить)* צוקײַקלען, צוקאטשען; *(под что-л.)* ארונטערקײַקלען, ארונטערקאטשען; 2. *разг.* *(подъехать)* ראש צופאָרן*; *(на велосипеде и т. п.)* צוראָלן; 3. (к *дат.*) צוטרעטן*; к го́рлу подкати́ло *разг.* א קנײַלכל איז צוגעטראָטן צום האלדז

подка́шивать(ся) *несов.* *см.* подкоси́ть(ся)

подки́дывать *несов.* *см.* подки́нуть

подки́дыш *м* אן אונטערגעוואָרפן קינד

подки́нуть *сов.* *см.* подбро́сить 1, 3, 4

подкла́дка *ж* 1. אונטערשלאק ם, אונטערלאָג ם; 2. *перен.* *разг.* יעסאָד ם, הינטערגרונט ם

подкла́дочный אונטערשלאק־; ~ шёлк אונטערשלאק־זײַד װ, זײַד פאר אונטערשלאק

подкла́дывать *несов.* *см.* подложи́ть

подкла́сс *м* סובקלאס ם ־ן

подкле́ивать *несов.*, **подкле́ить** *сов.* אונטערקלעפן

подключа́ть *несов.*, **подключи́ть** *сов.* 1. (*вин.* к *дат.*) *прям и перен.* אײַנשליסן*; ~ дом к телефо́нной се́ти אײַנשליסן* דאָס הויז אין דער טעלעפאָן־נעץ; на́до и его́ подключи́ть к э́той рабо́те מע דארף אים אויך אײַנשליסן אין אָט דער ארבעט; 2. *(вин.; газ, свет и т. п.)* געבן*, לאָזן*

подко́ва *ж* פאָדקעווע װ ־ס, פאָדקאָווע װ ־ס

подкова́ть *сов.*, **подко́вывать** *несов.* 1. אונטערשמידן, אונטערקאָווען; 2. *перен.* *разг.* אונטערשמידן; он хорошо́ подко́ван в матема́тике ער האָט פעסטע יעדיעס אין מאטעמאטיק

подко́жн||ый אונטערהויטיקער; ~ое впры́скивание אונטערהויטיקע איניעקציע

подколо́ть *сов.* אונטערשפּיליען; *перен.* *разг.* א שטאָך טאָן*, אונטערווארפן* א שפּילקע

подкоми́ссия *ж* סובקאָמיסיע װ ־ס

подконтро́льный קאָנטראָלפליכטיקער; *(дат.)* אונטער עמעצנס קאָנטראָל *после сущ.*

подко́п *м* אונטערגראָבונג װ; 2. *обыкн.* *мн.* *разг.* *(козни)* הינטערפּיסלעך מצ., אינטריגעס מצ.

подкопа́ть *сов.* אונטערגראָבן*; ~**ся** *сов.* 1. אונטערגראָבן* זיך; 2. *(под кого-л.)* *разг.* אונטערשטעלן א פּיסל; не подкопа́ешься! ניטאָ צו וואָס צוטשעפּען זיך!

подкорми́ть *сов.* אונטערהאָדעווען, צוהאָדעווען

подко́рмка *ж* *с.-х.* צוהאָדעווען ז, אונטערהאָדעווען ז

подкоси́ть *сов.* 1. אונטערקאָסען; 2. *(лишить силы, бодрости)* (אראָפּ)ווארפן* פון די פיס; ~**ся** *сов.*: у него́ но́ги подкоси́лись ס'האָבן זיך אים אונטערגעהאקט די פיס

подкра́дываться *несов.* *см.* подкра́сться

подкра́сить *сов.* צופארבן, אונטערפארבן; ~ око́нные ра́мы צופארבן [אונטערפארבן (א ביסל)] די פענצטער־ראמען; ~ гу́бы צופארבן די ליפּן; ~**ся** *сов.* צופארבן זיך, צושמינקען זיך

подкра́сться *сов.* *прям.* *и перен.* אונטערגאנווענען* זיך

подкра́шивать(ся) *несов.* *см.* подкра́сить(ся)

подкрепи́ть *сов.* 1. *(придать прочность)* באפעסטיקן; 2. *(восстановить чьи-л. силы)* דערפרישן, אונטערקרעפטיקן; *(напитками и т. п. тж.)* דערקוויקן עמעצן דאָס הארץ; 3. *(придать убедительность)* שטיצן; ~**ся** *сов.* אונטערקרעפטיקן זיך; *(перекусить)* צובײַסן*

подкрепле́ние *с* 1. *(действие)* באפעסטיקן ז; *(восстановление сил)* אונטערקרעפטיקן ז; 2. *воен.* פארשטארק־טרופּן מצ., פארשטארק־קויכעס מצ.

подкрепля́ть(ся) *несов.* *см.* подкрепи́ть(ся)

по́дкуп *м* אונטערקויף ם

подкупа́||ть *несов.* *см.* подкупи́ть; ~**ющий** הארץ־געווינענדיקער; ~ющая и́скренность הארץ־געווינענדיקע אופריכטיקײַט; с ~ющей улы́бкой מיט א ליב שמייכעלע

подкупи́||ть *несов.* 1. אונטערקויפן; 2. *(вызвать чьи-л. симпатии)* נעמען*, געווינען* עמעצנס הארץ; меня́ ~ла его́ и́скренность מיך האָט גענומען זײַן אופריכטיקײַט, ער האָט מיך גענומען [ער האָט געוווּנען מײַן הארץ] מיט זײַן אופריכטיקײַט; 3. *разг.* *(купить дополнительно)* צוקויפן

по́дле 1. *нареч.* דערנעבן; 2. *предлог с род. п.* לעבן; נעבן *уст.*; ~ меня́ לעבן מיר

подлеж||а́ть *несов.*: ~а́ть обложе́нию זײַן* שטײַער־פליכטיק; э́то не ~и́т оглаше́нию דאָס דארף [טאָר] ניט פארעפנטלעכט ווערן*; ◇ не ~и́т сомне́нию דאָס איז אויסער סאָפעק

подлежа́щее *с* *грам.* סוביעקט ם ־ן

подлеза́ть *несов.*, **подле́зть** *сов.* (под *вин.*) ארונטערקריכן* (אונטער)

подлета́ть *несов.*, **подлете́ть** *сов.* 1. אונטערפליִען*, צופליִען*; 2. *разг.* *(быстро приближаться — о человеке)* אונטערפליִען*

подле́ц *м* א נידערטרעכטיקער פארשוין; *бран.* פאסקודניאק ם ־עס

подле́чивать(ся) *несов.* *см.* подлечи́ть(ся)

подлечи́ть *сов.* *разг.* צוהיילן; ~**ся** *сов.* *разг.* צוהיילן זיך

подлива́ть *несов.* *см.* подли́ть

подли́вка *ж* אופגוס ם ־ן, סאָוס ם ־ן

подли́за *разг.* *м* = אונטערלעקער ם; *ж* אונטערלעקערן װ ־ס, אונטערלעקערקע װ ־ס

подлиза́ться *сов.*, **подли́зываться** *несов.* (к *дат.*) אונטערלעקן זיך (צו)

по́длинник *м* אָריגינאל ם ־ן; *(картины тж.)* אָריגינאל־בילד ז ־ער; чита́ть в ~е לייענען אין אָריגינאל

по́длинн||ый 1. *(являющийся оригиналом)* אָריגינאל־, אָריגינעלער; אאוטענטישער *книжн.*; ~ый текст אָריגינאל־טעקסט ם ־ן; ~ое письмо́ אאוטענטישע(ר) בריוו; э́то его́ ~ые слова́ דאָס זײַנען זײַנע פּינקטלעכע ווערטער; 2. *(истинный)* עכטער; ~ый гумани́зм עכטער הומאניזם; ◇ с ~ым ве́рно שטימט מיטן אָריגינאל

подли́ть *сов.* אונטערגיסן*, צוגיסן*; ◇ ~ ма́сла в ого́нь גיסן* בוימל אפן פײַער

по́дличать *несов.* (перед *предл.*) דערנידעריקן זיך, אונטערכאנפענען* זיך

подло́г *м* פעלשונג װ ־ען; соверши́ть ~ באגיין* א פעלשונג, מאכן א פאלשן דאָקומענט

подложи́ть 1. אונטערלייגן; ~ поду́шку под го́лову אונטערלייגן א קישן אונטערן קאָפּ; 2. *(прибавить)* צולייגן; ~ ещё поле́но в пе́чку אונטערווארפן* נאָך א שײַטל (האָלץ) אין הרובע; 3. *(тайно)* אונטערלייגן

подло́жный פאלשער, (נאָכ)געמאכטער, געפעלשטער

по́дл||ость *ж* 1. נידערטרעכטיקײַט װ; *(подлый поступок)* נידערטרעכטיקײַט װ ־ן; кака́я ~ость! א מין ני-

דערטרעכטיקייט!; ~ый געמיינער, נידערטרעכטיקער, נידעריקער; ~ый посту́пок נידערטרעכטיקייט ‖ ־ן, געמיינהייט ‖ ־ן

подма́зать *сов.* 1. צו́שמירן, או́נטערשמירן; 2. *разг.* (*подкупать*) או́נטערשמירן; ~**ся** *сов. разг.* 1. (*подкраситься*) צו́פארבן זיך, אָנפארבן די ליפן; 2. (к *дат.*) צו́כאנפענען* זיך (צו), או́נטערלעקן זיך (צו)

подма́зывать(ся) *несов. см.* подма́зать(ся)

подманда́тн||ый ~ая террито́рия מאנדא́ט־טעריטאָריע ‖ ־ס

подмасте́рье *м* געזע́ל ם ־ן

подма́чивать *несов. см.* подмочи́ть

подмени́ть *сов.*, **подменя́ть** *несов.* 1. (*тайно*) פארבײַטן*; (*подложить*) או́נטערוקן; 2. (*на работе*) פארבײַטן* (אף א קו́רצער צײַט)

подмерза́ть *несов.*, **подмёрзнуть** *сов.* צו́פרירן*, צו́געפרוירן ווערן*

подмести́ *сов.*, **подмета́ть** *несов.* (צו́)קערן; (*пол и т. п.*) או́יסקערן; (*сор*) פארקע́רן; ~ ко́мнату אויסקערן [פארקע́רן] אין צי́מער

подме́тить *сов.* באמע́רקן, דערזע́ן*

подмётк||а *ж* זויל ‖ ־ן, פאָדע́שווע ‖ ־ס; ◇ он ему́ в ~и не годи́ться ≅ ער דארף בא אים די הרובע הייצן

подмеча́ть *несов.* 1. *см.* подме́тить; 2. (*быть наблюдательным*) האָבן* א שארף אויג

подмеша́ть *сов.*, **подме́шивать** *несов.* צו́מישן

подмигива́ть *несов.*, **подмигну́ть** *сов.* צו́ווינקען*

подмина́ть *несов. см.* подмя́ть

подмока́ть *несов.*, **подмо́кнуть** *сов.* או́נטערגענעצט ווערן*, צו́גענעצט ווערן*

подмора́живать *несов.*, **подморо́зить** *сов.* 1. צו́פרירן*; доро́гу подморо́зило דער פראָסט האָט צו́געכאפט דעם וועג; 2. *безл.*: подмора́живает ס׳נעמט א פרעסטל; подморо́зило ס׳האָט זיך געשטע́לט א פרעסטל

подмоско́вный בײַמאָסקווער, הינטערמאָ́סקווער *неизм.*

подмо́стки *мн.* 1. (*настил*) אי́בערדעק ‖ ־ן; *стр.* רישטעווא́ניעס מצ.; 2. (*сцена*) בי́נע ‖ ־ס

подмо́ченн||ый: ~ая репута́ция *разг.* א פארפלע́קטע רעפוטא́ציע

подмочи́ть *сов.* או́נטערנעצן, פארנע́צן

подмыва́||ть *несов.* 1. *см.* подмы́ть 2. *безл. разг.*: меня́ ~ло сказа́ть им ס׳האָט מיך געקאָ́רטעט זאָגן זיי; ~**ться** *несов. см.* подмы́ться

подмы́ть *сов.* 1. או́נטערוואשן*; 2. (*размыть, разрушить*) צעווא́שן*, צעשווע́נקען*; ~**ся** *сов.* או́נטערוואשן* זיך

подмы́шка *ж* (*в косв. п. пишется раздельно*) או́נטער דער פא́כווע; *см. тж.* мы́шка^{2}

подмы́шник *м* (שווייס־)קי́שעלע ז ־ך

подмя́ть *сов.* פארקווע́טשן או́נטער זיך

поднебе́сн||ый *поэт.* הימל־, הי́מל־הויכער; в ~ой вышине́ הויך אין הימל

поднебе́сье *с поэт.* הי́מלהייך ‖

поднево́льный 1. (*зависимый*) אָפהענגיקער; я челове́к ~ איך בין ניט בא זיך אין די הענט; 2. (*принудительный*) צוואנג־; ~ труд צווא́נג־ארבעט ‖

поднести́ *сов.* 1. צו́טראָגן*; ~ чемода́н צו́טראָגן* דעם טשעמאָדא́ן; ~ запи́ску к глаза́м צו́טראָגן* דאָס צע́טעלע נאָענט° צו די אויגן; 2. (*подарить*) או́נטערטראָגן*; 3. (*угостить*) געבן*, דערלא́נגען

поднима́ть *несов. см.* подня́ть; ~**ся** *несов.* 1. *см.* подня́ться; 2. (*о дороге и т. п.*) גיין* [פירן] בארג־ארו́ף; 3. (*возвышаться*) הייכן זיך, טו́רעמען זיך

поднови́ть *сов.*, **подновля́ть** *несов.* באנײַען, אָפפרישן

подного́тн||ая: знать всю ~ую וויסן* אלץ, וואָס או́נטערן נאָגל איז

подно́жие *с* 1. צופו́סנס ם; ~ горы́ בא́רגפוס ם, בא́רג־צופוסנס ם; 2. (*памятника*) פיעדעסטא́ל ם ־ן

подно́жк||а *ж* 1. (*вагона и т. п.*) טרעפל ז ־עך; 2. *разг.* (*удар ногой*) או́נטערפיסל ז ־עך; дать ~у *кому-л.* או́נטערשטעלן א פיסל עמעצן

подно́жный: ~ корм פו́ספיטער ז, פא́שע ‖

подно́с *м* טאץ ‖ ־ן

подноси́ть *несов. см.* поднести́

подноше́ние *с* פרעזע́נט ם ־ן, מאטא́גע ‖ ־ס

подня́тие *с* 1. או́פהייבן ז; (*см. тж.* подня́ть); 2. דאָס או́פהייבן זיך, שטײַגן ז (*см. тж.* подня́ться)

подня́ть *сов.* 1. או́פהייבן*; ~ плато́чек או́פהייבן* דאָס טי́כעלע; ~ ру́ки вверх או́פהייבן* די הענט ארו́ף; ~ воротни́к או́פהייבן* [או́פשטעלן] דעם קאָלנער; ~ я́корь או́פהייבן* דעם א́נקער; אָפאנקערן; 2. (*флаг, паруса, занавес*) ארו́פציִען*, או́פהייבן*; 3. (*заставить встать*) או́פהייבן*; (*разбудить*) או́פטאָרען; ~ в ата́ку או́פהייבן* [פירן] אין אן אטא́קע; 4. (на *вин.*; *воодушевить*) או́פמוטיקן (אף); ~ на по́двиг או́פמוטיקן אף באגיין א העלדנטא́ט; 5. (*увеличить, улучшить*) הע́כערן, או́פהייבן*; ~ производи́тельность труда́ הע́כערן די א́רבעט־פראָדוקטיווקײַט; ~ квалифика́цию הע́כערן די קוואליפיקא́ציע; ~ це́ны הע́כערן [או́פהייבן*] די פרײַזן; ~ настрое́ние או́פהייבן* די שטי́מונג; 6.: ~ восста́ние או́פהייבן* אן או́פשטאנד; ~ трево́гу מאכן [או́פהייבן*] אן אליא́רם, אליארמי́רן; ~ крик או́פהייבן* א געשריי; 7. (*вспахивать*) או́פאקערן, או́פהייבן*; ~ целину́ או́פאקערן [או́פהייבן*] רויערד; ◇ ~ глаза́ או́פהייבן* די אויגן; ~ пе́тли ארו́פנעמען* די איי́גלעך; ~ ру́ку на *кого-л.* או́פהייבן* א האנט אף עמעצן; ~ *кого-л.* на́ смех מאכן פון עמעצן דאָס גרע́סטע געלע́כטער; מאכן פון עמעצן כוכע־אוטלולע *уст.*; ~**ся** *сов.* 1. או́פהייבן* זיך, ארו́פשטײַגן*; ארו́פגיין*; ~ся на кры́шу או́פהייבן* זיך [ארו́פשטײַגן*] אפן דאך; ~ся по ле́стнице на четвёртый эта́ж ארו́פגיין* מיט די טרעפ אפן פערטן עטא́זש; он упа́л, но бы́стро подня́лся ער איז או́מגעפאלן, נאָר ער האָט זיך אפני́ך אופגעהויבן [נאָר ער איז גיך אופגעשטאנען]; ~ся с ме́ста או́פהייבן* זיך [או́פשטיין*] פונעם אָרט; 2. (*взойти — о солнце, луне*) או́פגיין*; со́лнце подняло́сь уже́ высоко́ די זון איז שוין געשטא́נען גאנץ הויך אין הימל; 3. (*взлететь*) או́פהייבן* זיך, או́פליִען*; 4. (*встать с постели*) או́פשטיין*; 5. (*повыситься*) או́פהייבן* זיך, שטײַגן*, הע́כערן זיך, העכער ווערן*; температу́ра подняла́сь די טעמפעראטו́ר איז געשטי́גן; די טעמפעראטו́ר האָט זיך געהע́כערט [איז געוואָ́רן הע́כער]; це́ны подняли́сь די פרײַזן זײַנען געשטי́גן [זײַנען געוואָ́רן הע́כער]; настрое́ние подняло́сь ס׳האָט זיך או́פגעהויבן די שטי́מונג; 6. (*восстать*) או́פהייבן* אן או́פשטאנד, או́פשטיין*; 7. (*начаться, возникнуть*) או́פהייבן* זיך, ווערן*; подня́лся си́льный ве́тер ס׳איז געוואָ́רן [ס׳האָט זיך או́פגעהויבן] א שטא́רקער

ווינט; подня́лся шум ס'האָט זיך אופגעהויבן [ס'איז געוואָרן] א טומל

подо *см.* под^1

подоба́||ть *несов. безл. обыкн.* פאס(ט)ן; ему́ не ~ет занима́ться таки́ми дела́ми עס פאסט ניט פאר אים [עס דארף אים ניט אָנשטיין] פארנעמען זיך מיט אזעלכע זאכן; **~ющий** פאסיקער; заня́ть ~ющее ме́сто פארנעמען* א פאסיק אָרט

подо́би||е *с* 1. (עפעס) ענלעכס (אף); жа́лкое ~е *чего́-л.* א נעבעכדיקע אָנצוהערעניש אף עפעס; в его́ слова́х не́ было да́же ~я пра́вды אין זײַנע ווערטער איז ניט געווען אפילע קיין אָנצוהערעניש אף עמעס; 2. *мат.* ענלעכקײַט וו

подо́бно *предлог с дат. п.* ענלעך צו, פונקט ווי; ~ тому́, как פונקט ווי

подо́бн||ый 1. *(дат.; сходный)* אזעלכער ווי; лю́ди, ~ые вам אזעלכע מענטשן, ווי איר; ~ым же о́бразом פונקט אזוי, פונקט אף אזא אויפן; 2. *(такой)* אזעלכער; в ~ых слу́чаях אין אזעלכע [ענלעכע] פאלן; 3. *мат.* ענלעכער; ~ые треуго́льники ענלעכע דרײַעקן; ◇ ничего́ ~ого ס'הייבט זיך (גאָר) ניט אָן; и тому́ ~ое *(сокр.* и т. п.*)* און דעס(ט)גלײַכן, און דאָסגלײַכן *(сокр.* אדג.*)*

подобостра́ст||ие *с* קריכערײַ וו, סערווילישקײַט וו; **~ный** קריכערישער, סערווילישער

подобра́ть *сов.* 1. *(подня́ть с земли́)* אופהייבן*; *(рассы́панное)* צונויפקלײַבן*, אופקלײַבן*; ~ моне́ту אופהייבן* א מאטבייע; ~ ра́неных פארנעמען* די פארווונדעטע; 2. *(вы́брать)* צוקלײַבן*, אונטערקלײַבן*; ~ ключ к замку́ צוקלײַבן* [צוזוכן] א שליסל צום שלאָס; ~ ну́жных люде́й צוקלײַבן* נייטיקע מענטשן; ~ (подходя́щий) цвет צוקלײַבן* א (פאסיקן) קאָליר; ~ себе́ костю́м צוקלײַבן* זיך אן אָנצוג; 3. *(убра́ть, спря́тать под что-л.)* פארנעמען*, ארונטערנעמען*; ~ во́лосы פארנעמען* די האָר; 4. *(приподня́ть)* אונטערהייבן*, ארופציען*; ~ пла́тье אונטערהייבן* דאָס קלייד; 5.: ~ во́жжи אָנציען* די לייצעס; **~ся** *сов.* 1. *(соста́виться)* צונויפקלײַבן* זיך; подобрала́сь хоро́шая компа́ния ס'האָט זיך צונויפגעקליבן א גוטע° קאָמפאניע; 2. *разг.* *(подкра́сться)* אונטערגאנווענען* זיך; 3. *разг.* *(приня́ть бо́лее стро́гий вид)* אונטערציען* זיך

подобру́-поздоро́ву *нареч. разг.:* убира́йся ~ גיי דיר געזונטערהייט (ביזוואנען מע האָט דיך ניט מעשאלייעך געווען)

подогна́ть *сов.* 1. *(пригна́ть)* צוטרײַבן*; 2. *(торопи́ть)* אונטערטרײַבן*, צוײַלן; 3. *(прила́дить)* צופאסן; ~ по разме́ру צופאסן צו דער מאָס

подогну́ть *сов.* 1. פארבייגן*; 2.: ~ но́ги ארונטערנעמען* (אונטער זיך) די פיס; **~ся** 1. פארבייגן* זיך; 2. *(о ногах)* אונטערבייגן* זיך

подогрева́ть *несов.*, **подогре́ть** *сов.* 1. אָנווארעמען, דערווארעמען; 2. *перен.* אונטערהייבן*, אונטערווארעמען; ~ настрое́ние אונטערגעבן* היץ; אונטערווארעמען די שטימונג

пододвига́ть(ся) *несов. см.* пододви́нуть(ся)

пододви́нуть *сов.* צורוקן נענטער; **~ся** *сов.* צורוקן זיך (נענטער)

пододе́яльник *м* קאָלדרע־ציך וו ־ן

подожда́ть *сов.* 1. צוווארטן; ~ *кого́-л.* צוווארטן אף עמעצן; лу́чше ~ весны́ בעסער צוווארטן ביז וועסנע; подожди́(те)! ווארט א ווײַלע!; 2. *(+ инф., с тв.)* צוהאלטן* זיך (מיט)

подозва́ть *сов.* צורופן*

подозрева́ть *несов.* 1. האָבן* א כשאד, כוישעד זײַן*; ~ *кого́-л.* в изме́не כוישעד זײַן* עמעצן אין פאראט; кого́ вы подозрева́ете? וועמען זײַט איר כוישעד?, אף וועמען האָט איר א כשאד?; 2. (о *предл.; догадываться*): (и) не ~ о *чём-л.* ניט האָבן* קיין אנונג וועגן עפעס, ניט אָנהייבן* צו וויסן וועגן עפעס; он ни о чём не подозрева́ет ער ווייס(ט) פון גאָרניט

подозре́ние *с* פארדאכט ם ־ן, כשאד ם (מצ. כשאָדים); ~ па́ло на него́ דער כשאד איז געפאלן אף אים; ◇ быть под ~м זײַן* אונטער א כשאד

подозри́тельн||о *нареч.* 1.: он ~о споко́ен ס'איז עפעס ניט קאָשער [ניט גלאט], וואָס ער איז אזוי רויק; ~о, что его́ так до́лго нет ס'איז עפעס ניט גלאט, וואָס ער איז אזוי לאנג נאָך ניטאָ; 2. *(недоверчиво)* מיט כשאד; ~ость *ж* כשאָדימדיקײַט וו; **~ый** 1. פארדעכטיקער; ~ая ли́чность א פארדעכטיקער פארשוין; ~ый шо́рох א פארדעכטיק שאָרכען; 2. *(недоверчивый)* כשאָדימדיקער, כשאדפולער; ~ый челове́к באל־כשאָדים ם (מצ. באלע־כשאָדים)

подои́ть *сов.* אויסמעלקן*

подо́йник *м* מעלקשעפל ז ־עך; דויניצע וו ־ס *разг.*

подойти́ *сов.* 1. (к *дат.; приблизиться*) צוגיין* (צו); 2. (*о времени, событии и т. п.*) אונטערגיין*, שוין דערנענטערן זיך, באלד (אָנ)קומען*; подошло́ вре́мя сеноко́са ס'האָט זיך דערנענטערט [ס'האָט זיך אונטערגערוקט] די צײַט פון היישניט; вре́мя подошло́ к полу́дню ס'איז שוין געוואָרן נאָענט צו האלבטאָג; 3. (к *дат.; приняться*) צוטרעטן*, איבערגיין*; ~ к са́мому гла́вному איבערגיין* [קומען*] צום סאמע איקער; 4. (к *дат.; отнестись как-л.*) צוגיין* (צו); ~ крити́чески к *чему-л.* צוגיין* קריטיש צו עפעס; 5. *(дат.; соответствовать)* טויגן (פאר), אונטערגיין* (דאט.); *(по размеру, по форме)* צוגיין* (צו); *(по цвету и т. п.)* פאסן זיך (צו); э́то ему́ не подойдёт דאָס וועט אים ניט אונטערגיין, דאָס טויג ניט פאר אים, דאָס איז ניט פאר אים; 6. *разг.* (*о тесте*) אופגיין*; ◇ ~ к концу́ האלטן* בא ענדיקן זיך

подоко́нник *м* פענצטערברעטל ז ־עך; цветы́ на ~е בלומען אפן פענצטער

подо́л *м* פאָלע וו ־ס

подо́лгу *нареч.* גאנץ לאנג, א לאנגע° צײַט; я ~ проси́живал на берегу́ мо́ря כ'פלעג אָפזיצן שאָענלאנג [שאָענווײַז] באם ברעג יאם; он гости́л у нас ~ ער פלעג(ט) זײַן בא אונדז צוגאסט אף א לאנגער° צײַט

подо́нки *мн.* 1. לעצטע טראָפנס; פאדאָנקעס מצ. *разг.*; 2. *перен.* דעק־לײַט מצ.; ~ о́бщества דאָס פסוילעס [די אויסווורפן, די אויסוואָרפן] פון דער געזעלשאפט

подопе́чн||ый 1. אָפעקירטער; (וואָס) אונטער אן אָפעקע *после сущ.*; 2. *в знач. сущ. м* אָפעקירטער ם ··טע

подоплёка *ж разг.* אונטערגרונט ם

подо́пытный עקספערימענט־; ~ кро́лик *прям. и перен.* עקספערימענט־קיניגל ז ־עך

подорва́ть *сов.* 1. *(взорвать)* אופרײַסן*; 2. *перен.* אונטעררײַסן*; ~ *чей-л.* авторите́т אונטעררײַסן* עמעצנס אוטאָריטעט; ~ (своё) здоро́вье אונטעררײַסן* (זיך) דאָס געזונט

подоро́жник *м* ווע́ג־גראָז ז, ווע́גבלאַט מ

подоси́новик *м* רוי́טקעפּל ז ־עך, רוי́ט־שוועמל ז ־עך

подосла́ть *сов.* או́נטערשיקן

подоспе́ть *сов.* *разг.* או́נטערקומען* (צו דער צײַט), צו́שטעלן זיך

подостла́ть *сов.* או́נטערבעטן, או́נטערשפּרייטן

подоткну́ть *сов.* ארו́נטערשטעקן

подотчётный 1. *(о деньгах)* צום אָפּרעכענען זיך *после сущ.*; אד־לעכע́שבן *после сущ. уст.*; 2. *(о человеке)* בארי́כטפּליכטיקער

подо́хнуть *сов.* פּי́יגערן; *(о многих)* או́יספּייגערן

подохо́дный האכנאָסע־, אײַנקונפט־; ~ нало́г האכנאָסע־שטײַער מ

подо́шва *ж* 1. *(обуви)* פּאָדע́שווע וו ־ס, זויל וו ־ן; *(ноги́)* פו́סזויל וו; 2. *(горы́)* (בא́רג)פוס מ, בא́רג־צופוסנס מ

подпада́ть *несов.* *см.* подпа́сть

подпа́ивать *несов.* *см.* подпои́ть

подпа́сок *м* פּא́סטעכל ז ־עך, פּא́סטעך־יינגל ז ־עך

подпа́сть *сов.* ארו́נטערפאלן*; ~ под *чьё-л.* влия́ние ארו́נטערפאלן* או́נטער עמעצנס ווי́רקונג

подпева́ла *разг.* *м* נאָכזינגער מ ־ס; נאָכבאָמקער מ ־ס; *ж* נאָכבאָמקערן וו ־ס, נאָכזינגערן וו ־ס

подпева́ть *несов.* *(дат.)* 1. מי́טזינגען* (מיט); 2. *перен.* *разг.* נאָכזינגען* (דאט.), נאָכבאָמקען (דאט.)

подпере́ть *сов.* או́נטערשפּארן; ~ забо́р או́נטערשפּארן דעם פּלויט; ~ подборо́док руко́й או́נטערשפּארן דעם קין מיט דער האנט

подпи́ливать *несов.*, **подпили́ть** *сов.* או́נטערזעגן

подпира́ть *несов.* *см.* подпере́ть

подписа́ть *сов.* 1. *(поставить подпись)* או́נטערשרײַבן*, (או́נטער)כאסמענען*; *(обязательство и т. п.)* או́נטערשרײַבן*; ~ догово́р או́נטערשרײַבן* אן אָפּמאך; подпиши́те! כאסמעט זיך!; 2. *(написать внизу)* צו́שרײַבן*; 3. *(включить в число подписчиков)* אבאָני́רן; ~ *кого-л.* на газе́ту אבאָני́רן עמעצן אף א צײַ́טונג; **~ся** *сов.* 1. או́נטערשרײַבן* זיך, כאסמענען* זיך; 2. (на *вин.*; *стать подписчиком*) אבאָני́רן זיך (אף); או́יסשרײַבן*; ~ся на газе́ту אבאָני́רן זיך אף א צײַ́טונג, או́יסשרײַבן* א צײַ́טונג; ◇ ~ся обе́ими рука́ми под *чем-л.* או́נטערשרײַבן* זיך מיט בײדע הענט או́נטער עפּעס

подпи́ск||а *ж* 1. *(на газеты и т. п.)* אבאָני́רונג וו, דאָס או́נטערשרײַבן זיך; журна́л высыла́ется то́лько по ~е דער זשורנאל ווערט ארו́יסגעשיקט בלויז די אבאָנע́נטן; 2. *(обязательство)* היסכײַ́וועס־צעטל מ ־ען

подписн||о́й אבאָנעמע́נט־; ~а́я цена́ אבאָנעמע́נט־פּרײַז וו; ~ы́е изда́ния בי́כער לויט אן אבאָנעמע́נט; ◇ ~о́й лист זא́מל־ליסטע וו

подпи́счик *м* אבאָנע́נט מ ־ן

подпи́сывать(ся) *несов.* *см.* подписа́ть(ся)

по́дпись *ж* 1. *(действие)* או́נטערשרײַבן ז; (או́נטער)כאסמענען ז; отнести́ докуме́нт на ~ אווע́קטראָגן* דעם דאָקומע́נט אף כאסמענען; 2. *(фамилия)* כסי́מע וו ־ס, או́נטערשריפט וו ־ן; поста́вить ~ כאסמענען* זיך, או́נטערשרײַבן* זיך; за ~ю *кого-л.* מיט עמעצנס כסי́מע; 3. *(под рисунком и т. п.)* או́נטערשריפט וו ־ן

подплыва́ть *несов.*, **подплы́ть** *сов.* 1. צו́שווימען*; *(о судах)* צו́גיין*; 2. *(под что-л.)* ארו́נטערשווימען*

подпои́ть *сов.* *разг.* אָ́נשיקערן, אָ́נטרינקען*

подполза́ть *несов.*, **подползти́** *сов.* 1. (к *дат.*) צו́קריכן* (צו); 2. (под *что-л.*) ארו́נטערקריכן* (אונטער)

подполко́вник *м* פּאָדפּאָלקאָ́וניק מ ־עס

подпо́ль||е *с* 1. *(подвал)* קע́לער מ ־ס, ־ן, קע́לערגרוב וו; 2. *(конспиративное положение)* או́נטערערד וו; уйти́ в ~е אווע́ק|גיין* אין או́נטערערד, איבערגיין* אף או́נטערע́רדישער; рабо́тать в ~е ארבעטן או́נטערע́רדיש [או́מלעגאל]; в глубо́ком ~е אין טי́פער או́נטערערד; **~щик** *м* או́נטערע́רדלער מ =, או́נטערע́רדישער טוער; **~щица** *ж* או́נטערע́רדלערן וו ־ס, או́נטערע́רדישע טוערן

подпо́р(к)а *ж* או́נטערלען מ ־ען, או́נטערשפּאר מ ־ן

подпо́чва *ж* או́נטערבאָדן מ

подпо́чвенн||ый או́נטערבאָדנדיקער; ~ые во́ды או́נטערבאָדנדיקע וואסער

подпоя́саться *сов.*, **подпоя́сываться** *несов.* או́נטערגארטלען זיך

подпра́вить *сов.*, **подправля́ть** *несов.* 1. צו́פאריכטן; *(привести в порядок)* ע́טוואָס בע́סער מאכן; 2. *разг.* *(больного)* צו́היילן, (א ביסל) פארי́כטן

подпру́га *ж* זאָטלרימען מ ־ס, זאָטלפּאס מ ־ן

подпры́гивать *несов.*, **подпры́гнуть** *сов.* או́נטערשפּרינגען*

подпуска́ть *несов.*, **подпусти́ть** *сов.* צו́לאָזן*; ~ бли́же צו́לאָזן* נע́ענטער

подраба́тывать *несов.*, **подрабо́тать** *сов.* *разг.* 1. *(дополнительно заработать)* צו́פארדינען, צו́ארבעטן; 2. *(подготовить)* דערא́רבעטן; ~ резолю́цию דערא́רבעטן די רעזאָליו́ציע

подра́внивать *несов.* *см.* подровня́ть

подража́ни||е *с* 1. *(действие)* נאָכמאכן ז; приме́р, досто́йный ~я א בײַשפּיל, וואָס איז ווערט, מע זאָל אים נאָכפאָלגן; 2. *(произведение)* נאָכאמונג וו ־ען, נאָכמאכונג וו ־ען

подража́ть *несов.* *(чему-л.)* נאָכמאכן, אימיטי́רן; *(кому-л.)* נאָכמאכן (דאט.); *(следовать примеру кого-л.)* נאָכפאָלגן (דאט.); ~ пе́нию птиц נאָכמאכן [אימיטי́רן] דאָס זינגען פון פייגל; сле́по ~ *кому-л.* בלינד [מעכאני́ש] נאָכמאכן, בלינד [מעכאני́ש] איבערנעמען* די גענג פון עמעצן

подразделе́ние *с* 1. או́נטערטייל מ ־ן; אָפּטייל מ ־ן; 2. *воен.* (קלע́נערער) מיליטע́ר־טייל מ ־ן

подраздели́ть *сов.*, **подразделя́ть** *несов.* או́נטערטיילן

подразделя́ться *несов.* או́נטערטיילן זיך

подразумева́ть *несов.* (под *тв.*) מיינען (מיט); פארשטיין* (מיט); **~ся** *несов.* געמיי́נט ווערן*, געמיי́נט זײַן*; само́ собо́й подразумева́ется (ס׳איז) זע́לבסטפארשטענדלעך

подраста́ть *несов.* *см.* подрасти́

подраста́ющ||ий: ~ее поколе́ние דער או́נטערוואקסנדיקער דאָר

подрасти́ *сов.* או́נטערוואקסן*

подра́ться *сов.* צעשלאָגן* זיך

подре́зать *сов.*, **подреза́ть** *несов.* או́נטערשנײַדן*; *(ножницами)* או́נטערשערן*; ◇ ~ крылья *кому-л.* או́נטערהאקן עמעצן די פליגל(ען)

подрисова́ть *сов.*, **подрисо́вывать** *несов.* 1. *(добавить)* צו́מאָלן; 2. *(подправить)* רעטושי́רן, אָפּפרישן

подро́бн||ость *ж* אײ́נצלהײַט וו ־ן, פּראָט מ (מצ. פּראָטים); вдава́ться в ~ости ארײַנלאָזן* זיך אין פּראָטים;

до мельчайших ~остей ביז די מינדסטע פראָטים; ~ый א גענויער, אויספירלעכער, דעטאלער; ~ый отчёт א גענויער [אן אויספירלעכער] באריכט; ~ая карта א גענויע מאפע; ~ое перечисление א דעטאלע איבערעכענונג

подровнять *сов.* אויסגלײַכן*, מאכן גלײַך; (*бороду, волосы*) אונטערשערן*

подросток *м* דערוואקסלינג מ ־ען

подрубать^1 *несов. см.* подрубить^1

подрубать^2 *несов. см.* подрубить^2

подрубить^1 *сов.* (*топором*) אונטערהאקן

подрубить^2 *сов.* (*подшить*) ארומזוימען

подруга *ж* כאווערטע װ ־ס; ◇ ~ жизни לעבנספרײַנט מ =

подружить *сов.* באפרײַנדן זיך

подруливать *несов.*, **подрулить** *сов.* 1. (*машину, самолёт и т. п.*) צורודערן; 2. (*о самолёте*) צוראָלן

подрумянивать(ся) *несов. см.* подрумянить(ся)

подрумянить *сов.* 1. רויט מאכן, פארייטלען; мороз подрумянил щёки детей דער פראָסט האָט פארייטלט די באקן פון די קינדער; 2. (*румянами*) צופארבן, צורייטלען, צושמינקען; 3. *кул.* צוברוינען; ~ся *сов.* 1. פארייטלט ווערן*; 2. (*румянами*) צופארבן זיך, צורייטלען זיך, צושמינקען זיך; 3. *кул.* צוגעברוינט ווערן*

подручн||ый 1. צו דער האנט (וואָס) *после сущ.*; ~ые средства מיטלען, וואָס קומען צו דער האנט; 2. *в знач. сущ. м* געהילף מ ־ן; לערן־יינגל ז ־עך; (*пособник*) אונטערהעלפער מ =; *мн. тж.* יויצער־מעשאָרסים מצ.

подрыв *м* אונטעררײַסן ז; ~ авторитета דאָס אונטעררײַסן דעם אווטאָריטעט

подрывать^1 *несов. см.* подорвать

подрывать^2 *несов. см.* подрыть

подрывн||ой 1. אופרײַס־; ~ые работы в шахте אופרײַס־ארבעטן אין שאכטע; 2 *перен.* אונטעררײַסערישער; ~ая деятельность אונטעררײַסערישע טעטיקייט

подрыть *сов.* אונטערגראָבן*; (*сделать глубже*) פארטיפערן

подряд^1 *м* פאָדריאד מ ־ן; (*договор тж.*) קאָנטראקט מ ־ן

подряд^2 *нареч.* נאָכאנאנד; איינער נאָכן אנדערן; (*непрерывно*) קעסיידער; пять часов ~ פינף שאָ נאָכאנאנד; прозвучало ~ два выстрела ס'האָבן א קנאל געטאָן איינער נאָכן אנדערן צוויי שאָס

подрядчик *м* פאָדריאדטשיק מ ־עס; (*организация тж.*) פאָדריאד־אויספילער מ =; (*по доставке*) ליפעראנט מ ־ן

подсадить *сов.* 1. אונטערהייבן*; (*помочь сесть*) העלפן* ארופזעצן זיך; 2. (к *дат.*; *провокатора и т. п.*) צוזעצן (צו); 3. (*растения и т. п.*) צופלאנצן; 4. *разг.* (*взять попутчика*) ארופנעמען*

подсаживаться *несов. см.* подсесть

подсвечник *м* לײַכטער מ ־ס; (*для нескольких свечей тж.*) קאנדעליאבער מ ־ס

подсесть *сов.* (к *дат.*) צוזעצן זיך (צו)

подсинить *сов.* פארבלאָוען; ~ бельё פארבלאָוען [אונטערבלאָוען] דאָס גרעט

подсказать *сов.* 1. אונטערזאָגן, אונטערסופלירן; 2. (*навести на мысль*) אונטערזאָגן; опыт подсказал ему, как поступить זײַן דערפארונג האָט אים אונטערגעזאָגט, וואָס צו טאָן

подсказк||а *ж* 1. *разг.* אונטערזאָגן ז; 2.: действовать по *чьей-л.* ~е טאָן* אונטער עמעצנס טײַטל

подсказывать *несов. см.* подсказать

подскакать *сов.* צושפרינגען*; (*о всаднике*) צורײַטן*

подскакивать *несов.* 1. *см.* подскакать; 2. *см.* подскочить

подскоч||ить *сов.* 1. אונטערשפרינגען*; ~ить от радости (אוש) אונטערשפרינגען* פאר פרייד; 2. (к *дат.*; *подбежать*) צושפרינגען* (צו), צולויפן* (צו); 3. *перен. разг.* געבן* זיך א הייב אויף; температура ~ла די טעמפעראטור האָט זיך געגעבן א הייב אויף; цены ~ли ס'האָבן זיך א הייב געטאָן די פרײַזן

подсластить *сов.*, **подслащать** *несов.* פארזיסן, זיסער מאכן

подслеповатый (*о глазах*) בלינדלעכער; (*о человеке тж.*) מיט א שוואכער ריע *после сущ.*

подслуша||ть *сов.* אונטערהערן; (*случайно тж.*) אופכאפן; кто-то ~л наш разговор עמעצער האָט אונטערגעהערט אונדזער געשפרעך; я невольно ~л её ответ איך האָב ניט־ווילנדיק אונטערגעהערט [אופגעכאפט] איר ענטפער

подслушива||ть *несов.* 1. אונטערהערן זיך; он ~ет под дверью ער הערט זיך אונטער הינטער דער טיר; 2. *см.* подслушать

подсматривать *несов.* אונטערקוקן זיך; (*за кем-л.*) נאָכשפירן

подсмеиваться *несов.* (над *кем-л.*) מאכן טורעס (פון); (над *чем-л.*) אָפשפעטן (פון)

подсмотреть 1. *см.* подсматривать; 2. (*заметить, перенять*) צוזען*, באמערקן

подснежник *м бот.* שניי־גלעקל ז ־עך

подсобн||ый: ~ые рабочие באהילפיקע ארבעטער; ~ое хозяйство בײַ־ווירטשאפט װ ־ן

подсовывать *несов. см.* подсунуть

подсозна||ние *с* אונטערבאוווסטזײַן מ; **~тельный** אונטערבאוווסטזיניקער

после́дстви||е *с* רעזולטאט ם ־ן, פאָלג װ ־ן, קאָנסעקווענץ װ ־ן; э́то чрева́то ~ями דאָס קאָן גוירעם זײַן [דאָס קאָן מיטברענגען] ערנסטע פאָלגן; все вытека́ющие из э́того ~я אלע אנטשפרעכיקע קאָנסעקווענצן; предусмотре́ть все возмо́жные ~я פאָרויסזען* אלע מעגלעכע רעזולטאטן; ◇ оста́вить без ~й *(просьбу и т. п.)* לאָזן* אָן רעזולטאטן [אָן באאכטונג]

после́дующий שפעטערדיקער, ווײַטערדיקער

послеза́втра *нареч.* איבערמאָרגן

послеобе́денный נאָכמיטיקדיקער, נאָכמיטיק־

послесло́вие *с* נאָכוואָרט ז (מצ. ..ווערטער)

посло́виц||а *ж* שפריכוואָרט ז (מצ. ..ווערטער); согла́сно ~е נאָכן ווערטל; ווי זאָגט דאָס שפריכוואָרט; ◇ войти́ в ~у ווערן* א שעם־דאָוואָר

послужи́ть *сов.* 1. *(в армии)* (אָפ)דינען (א געוויסע צײַט); *(в учреждении и т. п.)* ארבעטן (א געוויסע צײַט); 2. *перен.* דינען; э́то послу́жит де́лу ми́ра דאָס וועט דינען דעם שאָלעם; пусть э́то послу́жит тебе́ приме́ром דאָס זאָל דיר זײַן א בײַשפיל, דאָס זאָל דיר דינען פאר א בײַשפיל

послужно́й: ~ спи́сок דינסט־צעטל ם ־ען

послуша́ние *с* געהאָרכזאמקייט װ

послу́ш||ать *сов.* 1. הערן; они́ ушли́ в клуб ~ать ле́кцию זיי זײַנען אוועק אין קלוב הערן א לעקציע; ~ать его́, мо́жно поду́мать, что... אויב הערן, וואָס ער זאָגט, קאָן מען מיינען, אז...; ~ай, что я скажу́ איצט הער אויס מיך; 2. *мед.* אויסהערן; 3. *(последовать чьим-л. советам)* פאָלגן; он никого́ не ~ает ער וועט קיינעם ניט פאָלגן, ער וועט זיך ניט צוהערן צו קיינעמס אייצעס; 4. *(прислушаться)* צוהערן זיך; 5.: ~ай(те)! זאָג(ט) נאָר, הער(ט); ~аться *сов.* פאָלגן; געהאָרכן; ~аться *чьих-л.* сове́тов צוהערן זיך צו עמעצנס אייצעס; ~ный געהאָרכזאמער; ~ное ору́дие א געהאָרכזאמער אינסטרומענט, א געהאָרכזאם געווער

послы́ша||ться *сов.* 1. *(стать слышным)* דערהערן זיך, לאָזן* זיך הערן; 2. *(почудиться кому-л.)* אויסווײַזן* זיך, אויסדוכטן זיך; мне ~лось, что кто́-то хо́дит ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך הער טריט

посма́тривать *несов.* קוקן [כאפן א קוק] פון צײַט צו צײַט; ~ по сторона́м אומקוקן זיך (פון צײַט צו צײַט) אין אלע זײַטן

посмéиваться *несов.* 1. אונטערשמייכלען; 2. (над *кем-л.*) מאכן טורעס (פון), טרײַבן* לײַצאָנעס (פון), שפּאסן (פון); (над *чем-л.*) אָפּשפּעטן (פון)

посмéнн||о *нареч.* לויט אומבײַטן; работать ~о אַרבעטן לויט אומבײַטן [וואָכטעס]; ~ый: ~ая работа אַרבעט לויט אומבײַטן

посмéртн||о *нареч.* נאָכן טויט; присвоить *кому-л.* ~о звание Героя Советского Союза צוייגענען עמעצן דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפארבאנד נאָכן טויט; ~ый נאָכן טויט *после сущ.*; ~ая слава דער רום נאָכן טויט; ~ое издание נאָכן טויט דערשינענע אויסגאבע

посмé||ть *сов.* האָבן* די האָזע, וואגן; только ~й! פּרוּוו זיך נאָר!

посмéшище *с* כויזעק־פיגור װ ־ן; быть всеобщим ~м זײַן* צו לײַטיש געלעכטער; быть ~м в *чьих-л.* глазах זײַן* צו כויזעק בא עמעצן

посмеяться *сов.* 1. לאכן (א ביסל); 2. (над *тв.*) אָפּלאכן (פון)

посмотрéть *сов.* 1. א קוק טאָן*; 2. (за *кем-л.*) אכטונג געבן* (אַף); 3.: посмотрим מירן זען; 4.: не ~ (*не считаться с чем-л.*) ניט רעכענען זיך (מיט), ניט קוקן (אַף)

посóб||ие *с* 1. הילף װ, שטיצע װ; единовременное ~ие איינמאָליקע שטיצע [הילף]; денежное ~ие געלט־שטיצע װ; ~ие по инвалидности אינוואלידן־פּענסיע װ; 2. (*учебник*) הילפבוך מ, ז (מצ. ..ביכער), לערנבוך מ, ז (מצ. ..ביכער); (*справочник*) האנטבוך מ, ז (מצ. ..ביכער); 3.: наглядные ~ия אָנשוילעכע לערן־מאכשירים

посóбни||к *м* אונטערהעלפער מ =; *мн. тж.* יויצער־מעשאָרסים מצ.; ~чество *с* מיטהילף װ

посовéтовать *сов.* ראָטן*, אײַצן; ~ся *сов.* (с *тв.*) אויסייצן זיך (מיט); (*попросить совета*) פרעגן אן אײַצע (בא)

посодéйствовать *сов.* מיטווירקן, צוהעלפן*

посóл *м* אמבאסאדאָר מ ..דאָרן; чрезвычайный и полномочный אויסעראָרדנטלעכער און פולמעכטיקער אמבאסאדאָר

посоли́ть *сов.* 1. באזאלצן*, זאלצן*; 2. (*засолить*) אײַנזאלצן*

посóльство *с* אמבאסאדע װ ־ס

пóсох *м* שטאָק מ ־ן; (*странника*) וואנדער־שטאָק מ ־ן

поспевáть^1 *несов. см.* поспéть^1

поспевáть^2 *несов. см.* поспéть^2

поспéть^1 *сов.* 1. (*созреть*) צײַטיק ווערן*, רײַף ווערן*; 2. *разг.* (*быть готовым для еды*) פאַרטיק ווערן*

поспéть^2 *сов. разг.* (*успеть*) באוויזן* קומען, ניט פארשפּעטיקן

поспеши́ть *сов. см.* спешить; ◇ поспешишь — людей насмешишь *посл.* פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס

поспéшно *нареч.* אַפּ(דער)גײַך, כאַפּנדיק זיך, אײַלנדיק; (*небрежно*) כאַפּ־לאַפּ

поспéшность *ж* כאַפּעניש ז, אײַלעניש ז

поспéшн||ый געכאַפּטער, אײַליקער; ~ый отъезд דער אײַליקער אָפּפאָר; ~ое решение אן אומבאטראַכטער באשלוס

поспóри||ть *сов.* 1. *см.* спорить; 2. (*спорить некоторое время*) האָבן* א שטיקל וויקועך, אויסטײַנען זיך; 3. (с *тв.*; *состязаться*) (קענען*) גלײַכן* זיך (מיט); (*о человеке тж.*) קענען* פארמעסטן זיך (מיט); он ~т с лучшими шахматистами ער קען זיך פארמעסטן [גלײַכן] מיט די בעסטע שאָכשפּילער; наш заводской клуб может ~ть по красоте с театром דער קלוב פון אונדזער זאוואָד קען זיך גלײַכן אין שײנקײַט מיט א טעאַטער

посрами́ть *сов.* מאכן צו שאנד, פארשעמען

посреди́ 1. *нареч.* אין דער מיט, אינמיטן; 2. *предлог с род. п.* אינמיטן; ~ комнаты אינמיטן צימער

посреди́не *см.* посереди́не

посрéдни||к *м* 1. (*в споре, переговорах*) פארמיטלער מ =; 2. (*торговый*) מעקלער מ =; ~чество *с* 1. (*содействие*) פארמיטלונג װ; 2. (*занятие*) פארמיטלערײַ װ

посрéдственн||о *нареч.* 1. מיטלמעסיק; 2. *в знач. сущ. с нескл.* (*отметка*) די אָפּשאצונג «מיטלמעסיק»; получить ~о באקומען* «מיטלמעסיק»; ~ость *ж* 1. מיטלמעסיקײַט װ; 2. (*о человеке*) א מיטלמעסיק מענטשעלע, די מיטלמעסיקײַט אלײן; ~ый מיטלמעסיקער; (*заурядный*) דורכשניטלעכער

посрéдств||о: при ~е *кого-л.* מיט דער הילף פון עמעצן

посрéдством *предлог с род. п.* מיט דער הילף פון; (*благодаря*) דורך

поссóрить *сов.* צעקריגן; ~ся צעקריגן זיך

пост^1 *м* 1. (*место, пункт*) פּאָסט מ ־ן; наблюдательный ~ באאָבאכט־פּאָסט מ ־ן; контрольный ~ קאָנטראָל־פּאָסט מ ־ן; путевой ~ *ж.-д.* באן־פּאָסט מ ־ן; 2. (*охрана*) פּאָסט מ ־ן; *мн. тж.* וואך װ; расставлять ~ы צעשטעלן פּאָסטן [די וואך]; 3. (*ответственная должность*) פּאָסטן מ ־ס; занимать ~ פארנעמען* דעם פּאָסטן; ◇ стоять на ~у שטײן* אַף דער וואך; оставаться на ~у בלײַבן* אַף זײַן פּאָסט

пост^2 *м рел.* פאסטן ז, טאָנעס מ (מצ. טאנײסים)

постáвить^1 *сов. см.* ставить

постáвить^2 *сов. см.* поставлять

постáвк||а *ж* ליפערונג װ ־ען; государственные ~и מעלוכע־ליפערונגען מצ.

постав||лять *несов.* ליפערן, צושטעלן; ~щик *м* ליפעראנט מ ־ן, צושטעלער מ =

постамéнт *м* פּאָסטאמענט מ ־ן

постанови́ть *сов.* באשליסן*, באשטימען

постанóвк||а *ж* 1. (*театральная*) אויפירונג װ; 2. (*проблемы, вопроса*) שטעלן ז; при такой ~е вопроса בא אזא שטעלן די פראגע; 3. (*организация*) אוועקשטעלן ז; хорошая ~а воспитательной работы דאָס גוטע אוועקשטעלן די דערציִונגס־ארבעט

постановлéние *с* 1. באשלוס מ ־ן, באשטימונג װ; собрание вынесло ~ די פארזאמלונג האָט באשטימט [באשלאָסן]; 2. (*распоряжение*) פאראָרדענונג װ ־ען

постановля́ть *несов. см.* постановить

постанóвщик *м театр.* רעזשיסער מ ־ן, אויפירער מ =

постарáться *сов.* סטארען זיך, באמיִען זיך

постарéть *сов.* געעלטערט ווערן*, אלט° ווערן*

по-старикóвски *нареч.* זקײניש, ווי זקײנים, ווי א זאָקן; ווי אלטע לײַט

по-стáрому *нареч.* אפן אלטן שטײגער, ווי פריִער; всё остаётся ~ אלץ בלײַבט ווי געווען

постели́ть *сов. см.* постлáть

посте́ль *ж* 1. (*кровать*) געלעגער ז ־ס; 2. (*спальные принадлежности*) בעטגעוואַנט ז; ~**ный** בעט־; ~ное бельё בעטוועש ז; ~ные принадле́жности בעטצײַג ז, בעטגעוואַנט ז

постепе́нн||о *нареч.* בעהאַדראָגע(דיק), ביסלעכווײַז; ~**ый** בעהאַדראָגעדיקער, ביסלעכווײַזער

постига́ть *несов.*, **пости́гнуть** *сов. см.* пости́чь

постиже́ние *с* באגרײַפן ז

постира́ть *сов.* אויסוואשן*; ~ руба́шку אויסוואשן* דאָס העמד

пости́ться *несов.* פאסטן

пости́чь *сов.* 1. (*понять*) באגרײַפן*; 2. (*случиться с кем-л.*) טרעפן*; его́ пости́гло несча́стье ס׳האָט אים געטראָפן אן אומגליק, ס׳איז מיט אים געשען אן אומגליק; его́ пости́гла неуда́ча ער האָט געהאַט א דורכפאל; его́ пости́гло разочарова́ние אים איז אויסגעקומען זיך אנטוישן

постла́ть *сов.* אויסשפרייטן; ~ ска́терть לייגן א טישטעך; ~ посте́ль בעטן

по́стн||ый 1. ניט קיין פליישיקער (און ניט קיין מילכיקער); פיסנע(ר) *тж. неизм. разг.*; ~ый борщ א באָרשטש אָן פלייש; ~ое ма́сло בוימל ח; 2. *разг.* (*нежирный*) מאָגערער°; ~ое мя́со מאָגער° פלייש; 3. *разг.* (*невесёлый*): ~ое лицо́ א זויערע מינע; 4. *разг.* (*ханжеский*) צוויאַקישער, פרומאַקישער

постово́й 1. וואַך־; 2. *в знач. сущ. м* וואכמאן ח (מצ. וואכלײַט); (*милиционер*) וואַך־מיליציאָנער ח ־ן

посто́льку: ~.., поско́льку *союз* אף אזויפיל, אף וויפל

посторони́ться *сов.* מאכן א וועג, אָפטרעטן* אין א זײַט

посторо́нн||ий 1. זײַטיקער; ~ий челове́к א זײַטיקער מענטש; без ~ей по́мощи אָן זײַטיקער הילף, אָן עמעצנס הילף; ~ие разгово́ры меша́ют די זײַטיקע געשפרעכן שטערן; 2. *в знач. сущ. мн.*: ~им вход воспрещён פאר זײַטיקע איז דער ארײַנגאנג פארבאָטן

постоя́лый: ~ двор אײַנפאָר־הויז ז (מצ. ··הײַזער), אײַנפאָר ח ־ן

постоя́нн||о *нареч.* טאָמיד, קעסיידער, שטענדיק; ~**ый** 1. (*непрерывный*) (בא)שטענדיקער, קעסיידערדיקער; ~ые ве́тры (בא)שטענדיקע [קעסיידערדיקע] ווינטן; ~ые наблюде́ния קעסיידערדיקע באָבאכטונגען; 2. (*всегдашний*) שטענדיקער; ~ые покупа́тели שטענדיקע קונים; ~ые посети́тели שטענדיקע באזוכער; 3. (*не временный*) שטענדיקער; ~ое местожи́тельство א שטענדיק וווינאָרט; ~ая рабо́та א שטענדיקע ארבעט; 4. (*не изменчивый*) אויסגעהאלטענער, געשטעלטער; (*верный*) טרײַער; быть ~ым в свои́х вку́сах זײַן* אויסגעהאלטן אינעם געשמאַק; ◇ ~ая а́рмия רעגולערע ארמיי; ~ый ток *эл.* גלײַך־שטראָם ח; ~ая величина́ א קאָנסטאנטע [באשטענדיקע] גרייס, קאָנסטאנטע װ ־ס

постоя́нство *с* 1. באשטענדיקײַט װ, אומפארענדערלעכקײַט װ; 2. (*во взглядах и т. п.*) געשטעלטקײַט װ; (*верность*) טרײַהײַט װ, געטרײַשאַפט װ

постоя́ть *сов.* 1. (*стоять некоторое время*) אָפשטיין* (א געוויסע צײַט) [שטיין*]; 2. (*защитить*): ~ за кого́-*л.* אײַנשטעלן זיך [אָננעמען* זיך] פאר עמעצן, אָננעמען* זיך עמעצנס קריוודע; ~ за Ро́дину פארטיידיקן דאָס היימלאנד; он посто́йт за себя́ ער וועט באשטיין זײַן שטעטל; ער וועט זיך ניט לאָזן שפײַען אין דער קאשע *разг.*; 3.: посто́й(те)! וואַרט נאָר!, שטיי(ט)!

пострада́вший *м* געליטענער ח ..נע

пострада́ть *сов.* 1. (за *вин.*; *поплатиться*) לײַדן* (פאר), אויסשטיין* (פאר); 2. (от *род.*; *испытать воздействие*) לײַדן* (פון); ру́копись почти́ не пострада́ла от пожа́ра דער קסאוויאַד [דער מאנוסקריפט] האָט קימאַט ניט געליטן פון דער סרייפע; 3. (от, из-за *род.*; *понести ущерб*) לײַדן*, האָבן* שאָדן (איבער); из-за разногла́сий ме́жду роди́телями мо́жет ~ воспита́ние ребёнка איבער כילוקע־דייעס בא די עלטערן קאָן לײַדן [האָבן שאָדן] די דערציִונג פונעם קינד

постри́чь *сов.* 1. אָפשערן*; (*укоротить волосы кому-л.*) אונטערשערן*; 2.: ~ *кого-л.* в мона́хи מאכן פאר א מאָנאַך; ~**ся** *сов.* 1. (*постричь волосы*) אָפשערן* זיך, אונטערשערן* זיך; 2.: ~ся в мона́хи ווערן* א מאָנאַך

построе́ние *с* 1. אויפבויונג װ, אויפבויען ז, אויפבוי ח; ~ социали́зма דאָס אויפבויען, אויפבוי(ונג) פון סאָציאַליזם; 2. (*фразы, предложения*) קאָנסטרוקציע װ, בוי ח; 3. *воен.* צעשטעלונג װ

постро́ить *сов.* 1. אויסבויען; (*мосты, дороги тж.*) דורכפירן, דורכלייגן; (*машины и т. п.*) שאפן*; ~ баррика́ды אויפשטעלן [אויסבויען] באריקאַדעס; 2. *перен.* אויסבויען; ~ коммуни́зм אויסבויען דעם קאָמוניזם; 3. *см.* стро́ить 3, 4, 6, 7; ~**ся** *сов.* 1. (*построить для себя*) פארענדיקן די אייגענע בויונג, אויסבויען פאר זיך א הויז; 2. *см.* стро́иться 5

постро́йка *ж* 1. (*действие*) אויסבויונג װ, אויסבויען ז; 2. (*место, где строят*) בויונג װ; 3. (*здание, строение*) געבײַ ז ־ען

постскри́птум *м* פאָסט־סקריפטום ח ־ס; איקער שאָכאָכטי *уст.*

посту́кивать *несов.* קלאפן (פון צײַט צו צײַט)

поступа́тельн||ый פאָרויסגייענדיקער; פראָגרעסיווער; ~ое движе́ние *физ.* פאָרויסבאוועגונג װ

поступа́ть *несов. см.* поступи́ть

поступа́ться *несов. см.* поступи́ться

поступи́||ть *сов.* 1. (*действовать*) טאָן*, האנדלען; он не знал, как ~ть ער האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי צו האנדלען [וואָס צו טאָן]; 2. (с *тв.*; *обращаться*) באגיין* זיך; она́ нехорошо́ ~ла с ним זי איז זיך ניט גוט באגאנגען מיט אים; 3. (*вступить*) אָנקומען*; (*в учебное заведение тж.*) ארײַנטרעטן*; ~ть на рабо́ту אָנקומען* אף ארבעט; ~ть на заво́д инжене́ром אָנקומען* אפן זאַוואָד אלס [פאר] אן אינזשעניער; 4. (*дойти по назначению*) באקומען* זיך, אָנקומען*; в прода́жу ~ла но́вая кни́га אין פארקויף איז אָנגעקומען א נײַ(ער) בוך; ~ло заявле́ние ס׳איז אָנגעקומען א מעלדונג; де́ло ~ло в суд דער איניען איז אָנגעקומען אין געריכט

поступи́ться *сов.* (*тв.*) אָפזאָגן זיך (פון), מעוואָטער זײַן* (אף); ~ свои́ми интере́сами מעוואָטער זײַן* אף די אייגענע אינטערעסן

поступле́ни||е *с* 1. אָנקומען ז; ~е на рабо́ту דאָס אָנקומען אף ארבעט; ~е в вуз דאָס אָנקומען [ארײַנטרעטן] אין א הויכשול; ~е све́дений דאָס אָנקומען פון יעדיעס; 2. *мн.*: де́нежные ~я די ארײַנגעפאלענע געלט־סומען

постýпок *м* האנדלונג װ ־ען, טאט װ, מ ־ן; *мн.* מעשׂים מצ.; смéлый ~ א געוואגטער טאט

пóступь *ж* טראָט מ, גאנג מ; טריט מצ.; ~ врéмени די טריט פון דער צײַט

постучáть *сов.* קלאפן (א געוויסע צײַט); *(в дверь)* א קלאפ טאָן*, אָנקלאפן; ~**ся** *сов. разг.* אָנקלאפן

постфáктум *нареч.* פאָסט־פאקטום, בעדיעוועד; אכער האמײַסע *уст.*

постыди́ться *сов.* *(род.)* שעמען זיך (פאר); ~ чужи́х людéй שעמען זיך פאר פרעמדע מענטשן

посты́дный שענדלעכער, מיעסער, אומווירדיקער

посты́лый *разг.* נימעסער

посýд||а *ж* **1.** *собир.* געפעס ז, געשיר ז; столóвая ~а טישגעשיר ז; кýхонная ~а קיכגעשיר ז; мыть ~у וואשן* דאָס געפעס; 2. *разг.* *(сосуд)* קײלע װ (מצ. קײלים)

посýдина *ж разг.* קײלע װ (מצ. קײלים)

посуди́||ть *сов.:* ~те сáми זאָגט אלײן

посýдн||ый געפעס־, געשיר־; ~ый шкаф געשיר־שאפע װ ־ס; ~ое полотéнце געפעס־האנטעך מ ־ער, דער האנטעך פונעם געפעס

посули́ть *сов. разг.* צוזאָגן

посчастли́ви||ться *сов. безл.* אָפגליקן; *(+ инф.)* אײַנגעבן* זיך (צו); *(удостоиться)* האָבן* דאָס גליק (צו); тебé прóсто ~лось דיר האָט פאָשעט אָפגעגליקט; мне ~лось достáть билéт на вы́ставку מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן א בילעט אף דער אויסשטעלונג; емý ~лось бесéдовать с Гагáриным ער האָט געהאט דאָס גליק צו האָבן א שמועס מיט גאגארינען

посчитáть *сов.* 1. (אָפ)ציילן; 2. *(сосчитать)* איבערציילן; 3. *разг.* *(вин. тв.; составить мнение)* רעכענען (פאר), האלטן* (פאר); *(принять за кого-л.)* האלטן* (פאר); ~**ся** *сов.* (с *тв.*) **1.** *(свести счёты)* אָפרעכענען זיך (מיט); 2. *(принять во внимание)* רעכענען זיך (מיט); ни с чем не ~ся ניט רעכענען זיך מיט גאָרניט; 3. *разг.* *(произвести денежные расчёты)* אָפרעכענען זיך

посылáть *несов. см.* послáть

посы́лк||а *ж* 1. *(действие)* שיקן ז; 2. *(почтовая)* פאקעט מ ־ן, פעקל ז ־עך; 3. *филос.* (פאָר)האנאָכע װ ־ס; ◇ быть на ~ах זײַן* א שיק־ײנגל

посы́льный *м* קורייער מ ־ן

посы́пать *сов.*, **посыпáть** *несов.* באשיטן*; ~ хлеб сóлью באשיטן* דאָס ברויט מיט זאלץ, באזאלצן* דאָס ברויט; ~ пол опи́лками באשיטן* דעם דיל מיט זעגעכץ

посы́па||ться *сов.* א שאָט טאָן* זיך, געבן* זיך א שאָט; ли́стья ~лись ס׳האָבן זיך א שאָט געטאָן די בלעטער; на негó ~лись удáры ס׳האָבן זיך אף אים א שאָט געטאָן קלעפ; на доклáдчика ~лись вопрóсы דעם פאָרטרעגער האָט מען אָנגעהויבן באשיטן מיט פראגעס

посягáтельство *с* דאָס פארמעסטן זיך; ~ на *чьи-л.* правá דאָס פארמעסטן זיך אף עמעצנס רעכט

посягáть *несов.*, **посягнýть** *сов.* (на *вин.*) פארמעסטן* זיך (אף)

пот *м* שווייס מ; егó брóсило в ~ ס׳האָט אים באשלאָגן א שווייס; ◇ он добы́л э́то ~ом и крóвью ס׳האָט אים געקאָסט בלוט און שווייס; в ~е лицá מיט(ן) בלוטיקן [ביטערן] שווייס

потайнóй געהיימער; סעקרעטנע(ר) *тж. неизм.*

потакáть *несов. разг.* *(дат.)* נאָכגעבן* (דאט.), פאָטאקעווען (דאט.); ~ *кому-л.* в *чём-л.* נאָכגעבן* עמעצן אין עפעס; во всём ~ *кому-л.* נאָכגעבן* עמעצן די שמאד

потасóвка *ж разг.* 1. *(драка)* געשלעג ז; 2. *(побои)* קלעפ מצ.

потáш *м* פאָטאש מ

потащи́ть *сов.* נעמען* שלעפן

по-твóему *нареч.* **1.** *(о желании)* ווי דו ווילסט; *(об образе действий)* אף דײַן שטײגער; пусть бýдет ~ זאָל זײַן, ווי דו ווילסט; 2. *в знач. вводн. слова* לויט דײַן מײנונג; ~, он прав? דו מײנסט, אז ער איז גערעכט? לויט דײַן מײנונג איז ער גערעכט?

потвóрство *с* נאָכגעבן ז; ~**вать** *несов.* נאָכגעבן*

потёмк||и *мн.* פינצטערניש װ; в ~ах אין דער פינצטער, אין דער טונקל; ◇ быть в ~ах טאפן אין דער פינצטער

потемнéть *сов.* פינצטער ווערן*, טונקל° ווערן*

потенци||áл *м* פאָטענציאל מ ־ן; ~**áльный** פאָטענציעלער; ~**я** *ж* פאָטענץ װ

потеплéние *с:* наступи́ло ~ ס׳איז ווארעמער געוואָרן

потеплéть *сов.* ווארעמער ווערן*

потерпéвш||ий 1. געליטענער; ~ая сторонá *юр.* דער געליטענער צאד; 2. *в знач. сущ. м* געליטענער מ ··נע

потерпéть *сов.* 1. *(проявить терпение)* האָבן* געדולד; потерпи́те немнóго האָט א ווײַלע געדולד; 2. *(испытать что-л.)* לײַדן*; ~ неудáчу לײַדן* א מאפאָלע; ~ убы́тки לײַדן* העזעק; 3. *(допустить)* דערלאָזן*, פארלײַדן*; э́того я не потерплю́ דאָס וועל איך ניט דערלאָזן [פארלײַדן]

потёртый אָפגעריבענער

потéр||я *ж* 1. פארלוסט מ ־ן, אָנווער מ; *(потерянное)* אווײדע װ; ~я врéмени צײַט־פארלוסט מ; ~я крóви בלוט־פארלוסט מ; ~я пáмяти דאָס פארלירן דעם זיקאָרן; для нас э́то большáя ~я פאר אונדז איז דאָס א גרויסע° אווײדע; 2. *обыкн. мн.* פארלוסטן מצ.; нести́ ~и האָבן* פארלוסטן; ~**янный** 1. *(расстроенный)* דערשלאָגענער; 2. *(смущённый)* פארלוירענער, סקאָנפוזיעטער; 3. *разг.* *(опустившийся)* פארפאלענער

потеря́ть *сов. см.* теря́ть; ~**ся** *сов.* פארלירן* זיך, פארפאלן ווערן*

потесни́ть *сов.* 1. *(толпу и т. п.)* צושפארן; 2. *(неприятеля)* אָפשטויסן*, צווינגען* אָפטרעטן; ~**ся** *сов.* צונויפרוקן זיך, ענגער מאכן זיך

потéть *несов.* 1. (*сов.* вспотéть) שוויצן; 2. (*сов.* запотéть; *об окнах и т. п.*) פארשוויצט ווערן*, פאראָסיקט ווערן*; 3. *тк. несов. разг.* (над *тв.*) שוויצן; ~ над задáчей שוויצן איבער אן אופגאבע

потéх||а *ж* פארווײַלונג װ ־ען; на ~у ребяти́шкам אף פארווײַלן די קינדער; די קינדער זאָלן האָבן פון וואָס אָנצוקוועלן

потешáть *несов.* פארווײַלן, אמוזירן; ~**ся** *несов.* 1. פארווײַלן זיך, אמוזירן זיך; 2. (над *тв.*) וויצלען זיך (איבער)

потéшить *сов.* פארשאפן* פארגעניגן, מעהאנע זײַן*; ~**ся** *сов. разг.* 1. (א ביסל) פארווײַלן זיך, מאכן זיך פרײלעך; 2. (над *кем-л.*) כויזעק מאכן (פון), אָפכויזעקן (פון)

потéшный *разг.* קאָמישער

потирáть *несов.:* ~ рýки רײַבן* זיך די הענט

потихóньку *нареч. разг.* 1. *(медленно)* פאמעלעכקע,

פאוואָלינקע; 2. (*неслышно*) שטילערהייט; (*тайно*) שטילינקערהייט, בישטיקע

по́тн||ый פארשוויצטער, שווייסיקער; ~ые ру́ки שווייסיקע הענט; ~ый лоб פארשוויצטער שטערן

по-това́рищески *нареч.* כאוועריש, אף א כאווערישן אויפן; э́то не ~ דאָס איז ניט כאוועריש; ~ предупреди́ть וואָרענען ווי א כאוועער

пото́к *м* 1. *прям. и перен.* שטראָם מ ־ען; людско́й ~ מענטשן־שטראָם מ; ~ слов ווערטער־שטראָם מ; 2. (*непреры́вное произво́дство*): на ~е אפן קאָנווייער

потолкова́ть *сов. разг.* א שמועס טאָן*, כאפן א שמועס

потол||о́к *м* 1. סטעליע װ ־ס, סופיט מ ־ן; 2. (*преде́льная высота́*) סטעליע װ, די אייבערשטע גרענעץ; ◇ взять с ~ка́ נעמען* פון דער סטעליע

потолсте́ть *сов.* גראָב(ער) ווערן*, דיק(ער) ווערן*

пото́м *нареч.* דערנאָך, נאָכדעם; (*по́зже*) שפעטער

пото́м||ок *м* 1. אָפשטאמלינג מ ־ען, נאָכקומער מ =; 2. *мн.* (*лю́ди бу́дущих поколе́ний*) קינדער און קינדס־קינדער, די שפעטערדיקע דוירעס

пото́мственный דוירעסדיקער; פון דאָר־דוירעס *после сущ.*; ~ сле́сарь א שלאָסער פון דאָר־דוירעס

пото́мство *с* 1. (*де́ти*) קינדער מצ.; (*детёныши*) פליד מ; 2. *собир.* (*пото́мки*) קינדער און קינדס־קינדער, די שפעטערדיקע דוירעס

потому́ 1. *нареч.* דערפאר, דעריבער; ~ я и прие́хал דעריבער [דערפאר] טאקע בין איך געקומען צו פאָרן; 2.: ~ что *союз.* דערפאר וואָס, ווײַל

потону́||ть *сов.* דערטרונקען ווערן*; (*о судне тж.*) אונטערגיין*; его́ слова́ ~ли в шу́ме די ווערטער זײַנע זײַנען פארלוירן געגאנגען אינעם ראש

пото́п *м* מאבל מ ־ס

потопи́ть *сов.* 1. דערטרענקען*, דערטרינקען*; ~ су́дно דערטרענקען די שיף; 2. (*зали́ть водо́й*) פארפלייצן; 3. (*в предл.; отвлечься при помощи чего-л.*) פארגעסן* זיך (אין); ~ своё го́ре в вине́ פארגעסן* זיך אין שיקרעס

потопта́ть *сов.* צעטרעטן*, צעטאָפטשען

потора́пливаться *несов. разг.* צײַלן זיך

поторопи́ть *сов.* צײַלן, אונטעריאָגן; ~**ся** *сов.* 1. (*постара́ться сде́лать что-л. быстре́е*) אײַלן זיך; 2. (*сде́лать что-л. преждевре́менно, необду́манно*) כאפן זיך

пото́чн||ый קאָנווייער•; ~ое произво́дство קאָנווייער־פראָדוקציע װ

потра́ва *ж*: ~ посе́вов דאָס אָנטאָן שאָדן (דורך פי) אין פארזייונגען

потрави́ть *сов.* (*посевы*) אָנטאָן* שאָדן (אין), אָנמאכן העזעק (אין)

потра́тить *сов.* (*деньги и т. п.*) אויסגעבן*, פאטערן; (*время*) אָפגעבן*, פאטערן; (*материалы*) פארווענדן

потреби́тель *м* געברויכער מ =; ~**ный**: ~ная сто́имость *эк.* געברויך־ווערט װ

потреби́тельск||ий 1. געברויך•; ~ая коопера́ция געברויך־קאָאָפעראציע װ; ~ие това́ры געברויך־סכוירעס מצ.; 2. *неодобр.* געברויכערישער; ~ий подхо́д א געברויכערישער צוגאנג

потреби́ть *сов. см.* потребля́ть

потребле́н||ие *с* געברויך מ; предме́ты ма́ссового ~ия זאכן פון מאסנגעברויך

потребля́ть *несов.* געברויכן; (*электроэнергию и т. п.*) פארניצן

потре́бност||ь *ж* באדערפעניש װ ־ן; удовлетворя́ть ~и населе́ния באפרידיקן די באדערפענישן פון דער באפעלקערונג; культу́рные ~и די קולטור־באדערפענישן; у него́ небольши́е ~и ער איז א קליינער° באדארף; ~и промы́шленности в у́гле די פאָדערונגען פון דער אינדוסטריע אף קוילן

потре́бный נייטיקער; וואָס איז נייטיק *после сущ.*

потре́бова||ть *сов.* 1. פאָדערן; он ~л, чтобы мы неме́дленно верну́лись ער האָט געפאָדערט, מיר זאָלן זיך טייקעף אומקערן; э́то потре́бует мно́го вре́мени דאָס וועט אָפנעמען א סאך צײַט, צוליב דעם דארף מען האָבן א סאך צײַט; 2. (*испыта́ть необходи́мость*) נייטיקן זיך; дом вско́ре сно́ва потре́бует ремо́нта די שטוב וועט זיך אינגיכן ווידער נייטיקן אין רעמאָנט; 3. (*вы́звать кого́-л.*) הייסן* ארײַנקומען, ארויסרופן*

потрево́жить *сов.* באומרויִקן; (*меша́ть кому́-л. тж.*) מאטריעך זײַן*

потрёпанн||ый 1. צעפליקטער; (*об оде́жде*) אָפגעטראָגענער, אָפגעבארעטער; (*об о́буви*) אויסגעטראָטענער; ~ая кни́жка א צעפליקט ביכל; 2. (*о во́йсках*) שיטער געוואָרענער; 3. *разг.* (*о челове́ке*) אָפגעפאָרענער; у него́ ~ый вид ער זעט אויס אָפגעפאָרן

потрепа́ть *сов.* 1. *см.* трепа́ть 1, 3; 2.: ~ *кого-л.* по плечу́ א פעטשל טאָן* עמעצן איבער דער פלייצע; ~ *кого-л.* по щеке́ א גלעטל טאָן* עמעצנס באק

потре́ска||ться *сов.* אָנגעשפאָלטן ווערן*, באקומען* שפאלטן; (*покры́ться мно́жеством тре́щин*) צעטרעשטשעט ווערן*; гу́бы ~лись די ליפן זײַנען צעטרעשטשעט געוואָרן

потро́гать *сов.* א טאפ טאָן*, אָנעמען* מיט דער האנט

потроха́ *мн.* פאָטרעכעס מצ., דראָביסקעס מצ., דרויב ן; ◇ вы́пустить ~ ארויסלאָזן* די געדערעם; со все́ми ~ми מיט אלע פאָטרעכעס

потроши́ть *несов.* 1. (אויס)טרייבערן; 2. *перен. разг.* אויסרייניקן; ~ карма́ны אויסרייניקן [אויסליידיקן] די קעשענעס

потруди́||ться *сов.* 1. צוהאָרעווען; (*определённое вре́мя*) אָפארבעטן; 2. (+ *инф.*) מאטריעך זײַן* זיך (עפעס צו טאָן); он не ~лся да́же позвони́ть ער האָט זיך אפילע ניט געגעבן די מי אָנצוקלינגען; ~тесь не опа́здывать! זײַט אזוי גוט ניט פארשפעטיקן

потряс||а́ть *несов.* 1. (*тв.; разма́хивать*) פאָכ(ע)ן (מיט); ~а́ть кулака́ми פאָכ(ע)ן מיט די פויסטן; 2. *см.* потрясти́ 2, 3; ~а́ющий דערשיטערנדיקער, אופטרייסלענדיקער; (*порази́тельный*) פלעפנדיקער

потряс||е́ние *с* דערשיטערונג װ, אופטרייסלונג װ; ~ти́ *сов.* 1. (*тряхну́ть*) א טרייסל טאָן*; 2. (*заста́вить колеба́ться*) אופטרייסלען; взрыв ~ зда́ние דער אופרײַס האָט אופגעטרייסלט [האָט געמאכט ציטערן] די געבײַדע; 3. (*си́льно взволнова́ть*) דערשיטערן, אופטרייסלען; э́то изве́стие ~ло́ его́ אָט די יעדיע האָט אים דערשיטערט

поту́ги *мн.* 1. (*родовы́е*) געבורטווייען מצ.; 2. (*уси́лия*) אָנשטרענגונגען מצ., באמיונגען מצ.

поту́пить *сов.*, **потупля́ть** *несов.*: ~ го́лову אראָפלאָזן* דעם קאפ; ~ взор אראָפלאָזן* די אויגן

потускнéть *сов.* טונקל° ווערן*, אָנווערן* [פארלירן*] דעם גלאנץ

потусторóнний: ~ мир יענע־וועלט וו

потухáть *несов.* אויסלעשן* זיך; (*о свече тж.*) צאנקען

потýхнуть *сов.* פארלאָשן ווערן*

потýхш‖ий פארלאָשענער, אויסגעלאָשענער; ~ий вулкáн אויסגעלאָשענער ווולקאַן; ~ие глазá אויסגעלאָשענע אויגן

потуши́ть¹ *сов.* (*огонь и т. п.*) פארלעשן*, אויסלעשן*

потуши́ть² *сов.* (*мясо и т. п.*) צודעמפּן

потягáться *сов.* (с *тв.*) *разг.* פארמעסטן* זיך (מיט)

потя́гиваться *несов.* (אויס)ציען* זיך; אויסגלײַכן* די ביינער *разг.*

потяну́‖ть *сов.* א צי טאָן*; ~ть *кого-л.* за собóй מיטשלעפּן עמעצן; меня́ ~ло домóй ס׳האָט מיך א צי געטאָן אהיים

потяну́ться *сов.* 1. *см.* потя́гиваться; 2. (*за чем-л.*) א צי טאָן* זיך (נאָך); (*рукой*) אויסשטרעקן די האַנט (נאָך); 3. (*двинуться вереницей*) לאָזן* זיך (גיין, פליען); 4. (*о времени*) ציען זיך, אָנהייבן* אוועקגיין*

поýжинать *сов.* אָפּעסן* וועטשערע; пригласи́ть ~ אײַנלאַדן* [פארבעטן*] אף וועטשערע

поумнéть *сов.* קליגער ווערן*

поутру́ *нареч. разг.* אינדערפרי׳; (*рано*) גאנצפרי׳

поуч‖áть *несов.* (בא)לערנען; מאַדריך זײַן* *уст.*; ~éние *с* באלערונג וו; מוסער־רייד מצ. *уст.*

поучи́тельный באלערנדיקער, באלערעוודיקער; ~ примéр א באלערנדיקער בײַשפּיל; ~ тон מענטאָרישער טאָן

похáб‖ный *разг.* אומפארשעמטער, צינישער; ~щина *ж* ניבלפּע ו, מיעסע רייד מצ.

похвал‖á *ж* לויב וו; отзывáться о *ком-л.* с ~óй לויבן עמעצן

похвали́ть *сов.* לויבן; ~ся *сов.* בארימען זיך

похвальбá *ж* בארימערײַ וו ־ען

похвáльн‖ый 1. (*содержащий в себе похвалу*) לויב־; ~ая грáмота לויב־גראמאָטע וו ־ס; 2. (*достойный похвалы*) לויבווירדיקער; ~ое усéрдие לויבווירדיקער פלײַס

похвáстать *сов. разг. см.* похвáстаться

похвáстаться *сов.* בארימען זיך; не могу́ ~ хорóшим здорóвьем מיט מײַן געזונט קאָן איך זיך ניט בארימען

похити́тель *м* (צו)רויבער מ =, אוועקרויבער מ =

похи́тить *сов.*, **похищáть** *несов.* צורויבן, אוועקגאנווענען*, ארויסגאנווענען*; (*заложника*) ארויסגאנווענען*; קידנעפּן* *книжн.*

похищéние *с* צורויבן ו, אוועקגאנווענען ו, ארויסגאנווענען ו; (*заложника*) ארויסגאנווענען ו; קידנעפּן ו *книжн.*

похлёбка *ж* קוליש מ ־ן

похлóпать *сов.* פּאַטשן (א געוויסע צײַט); א פּאַטש טאָן* (עטלעכע מאָל); ~ по плечу́ א קלאַפּ טאָן* [א פּאַטש טאָן*] איבער דער פּלייצע (עטלעכע מאָל)

похлопотáть *сов.* 1. (*по хозяйству и т. п.*) פאָרען זיך (א געוויסע צײַט); 2. (*о чём-л.*) פּויעלן (סטאַרען זיך); он обещáл ~ о моём дéле ער האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט פּרווון אײַנאָרדענען מײַן איניען; о билéтах я сам похлопочу́ די בילעטן וועל איך אליין באזאָרגן, איך וועל אליין באזאָרגן, אז ס׳זאָלן זײַן בילעטן; 3. (*за кого-л.*) מישטאַדל זײַן* זיך (וועגן)

похлóпывать *несов.* קלאַפּן, פּאַטשן (פון צײַט צו צײַט); פּעטשלען

похмéлье *с* קאַצן־יאָמער מ; ◇ в чужóм пиру́ ~ דאָס אָפּקומען איבער יענעמס זינד

похóд *м* 1. מאַרש מ ־ן; вы́ступить в ~ ארויסמאַרשירן; 2. (*военные действия*) קאמפּאַניע וו ־ס, קריגס־צוג מ; *перен.* קאמפּאַניע וו ־ס, קאמף מ, קאַמפּסמאַרש מ ־ן; ~ за эконóмию и бережли́вость דער קאמף פאר שפּאָרזאמקײַט; ~ за мир א קאַמפּסמאַרש פאר שאָלעם; 3. (*экскурсия*) אויספלוג מ ־ן; лы́жный ~ סקי־אויספלוג מ; ~ в музéй אן אויספלוג אין מוזיי; туристи́ческий ~ טוריסטן־אויספלוג מ ־ן; טוריסטן־מאַרש מ

походи́ть¹ *сов.* (*некоторое время*) (ארומ)גיין* (א ביסל); ~ по гóроду ארומגיין* איבער דער שטאָט, ארומקוקן זיך אין דער שטאָט

походи́ть² *несов.* (на *вин.*; *быть похожим*) ענלעך זײַן* (אף); (*выглядеть как*) אויסזען* ווי

похóдка *ж* גאַנג מ; у неё лёгкая ~ בא איר איז א לײַכטער גאַנג, זי גייט לײַכט

похóдн‖ый 1. מאַרש־; ~ая колóнна מאַרש־קאָלאָנע וו ־ס; дви́гаться в ~ом поря́дке גיין* אין מאַרש־אָרדענונג; מאַרשירן; 2. (*предназначенный для похода*) מאַרש(צוג)־; (*подвижной*) פעלד־; ~ый гóспиталь פעלדשפּיטאָל מ ־ן; ~ая кýхня פעלדקיך וו ־ן; ~ое снаряжéние מאַרש־צוג־אויסריכטונג וו

пóходя *нареч. разг.* 1. (*торопливо, небрежно*) בעכיפּאָזן(דיק); 2. (*заодно*) פארײַנוועגס; (*между прочим*) אגעוודיק

похождéния *мн.* אוואַנט(י)ורן מצ.

похóж‖ий ענלעכער; быть ~им на *кого-л.*, на *что-л.* ענלעך זײַן* אף עמעצן, אף עפּעס; он ~ на своегó отцá ער איז געראָטן אינעם פאָטער; он на себя́ не ~ ס׳איז אים שווער [ניט] צו דערקענען; ◇ э́то на негó ~е דאָס איז אף אים צו גלייבן; э́то на негó не ~е דאָס איז ניט אין זײַן נאַטור; э́то ни на что не ~е דאָס איז דער רועך ווייסט וואָס; ~е на то, что пойдёт дождь ס׳זעט אויס, אז ס׳וועט גיין א רעגן; на когó вы ~и! גיט נאָר א קוק אף זיך!; они́ ~и как две кáпли воды́ זיי זײַנען ענלעך איינער אפן אַנדערן ווי צוויי טראָפּן וואַסער

похолодáние *с* א קעלטערער וועטער, דאָס קעלטער ווערן; наступи́ло ~ ס׳איז קעלטער געוואָרן

похолод‖áть *сов. безл.*: ~áло ס׳איז קעלטער געוואָרן

похолодé‖ть *сов.* קאַלט ווערן*; он ~л от у́жаса ס׳איז אים קאַלט° געוואָרן אין אַלע אייוורים פאר שרעק

похорони́ть *сов.* באַהאַלטן*, באַגראָבן*

похорóнная *ж разг.* (*извещение о гибели на фронте*) טרויערצעטל מ ־ען

похорóнн‖ый: ~ое бюрó קווורע־ביוראָ ו, וו ־ען; ~ый марш טרויער־מאַרש מ ־ן; ~ая процéссия לעווײַע וו ־ס; ~ое настроéние אָוול־(אוויילים־)שטימונג וו

пóхороны *мн.* קווורע וו ־ס, באַערדיקונג וו ־ען; (*процессия*) לעווײַע וו ־ס

по-хорóшему *нареч.* מיט גוטן; разойти́сь ~ צעשיידן זיך פרידלעך, דורכקומען* צווישן זיך

похорошéть *сов.* שיין° ווערן*, שענער ווערן

пóхоть *ж* טײַווע וו

похудé||ть *сов.* דאַר(ער) ווערן*, מאָגער(ער) ווערן*; он óчень ~л פון אים איז געוואָרן א טעל

поцеловáть *сов.* א קוש טאָן*

поцелýй *м* קוש מ ־ן; воздýшный ~ לופטקוש מ ־ן

почасов||óй: ~áя оплáта לוין [געצאָלטס] פון דער שאָ; ~óй грáфик א גראַפיק לויט די שאָען

почáток *м:* ~ кукурýзы פשעניטשקע װ ־ס

пóчв||а *ж* 1. באָדן מ, גרונט מ; плодорóдие ~ы די פרוכטבאַרקײַט פונעם באָדן; чернозёмная ~а שוואַרץ־ערד װ; здесь слишком сырáя ~а דאָ איז א צו פײַכטער גרונט; 2. (*основа*) באָדן מ; (*основание тж.*) סמאַך מ, גרונט מ; подготóвить ~у для *чего-л.* צוגרייטן א באָדן פאַר עפעס; чýвствовать под собóй твёрдую ~у האָבן* א פעסטן באָדן אונטער זיך; обвинéние лишенó всякой ~ы פאַר דער באַשולדיקונג איז ניטאָ קיין גרונט [קיין סמאַך]; ◇ нащýпывать ~у זאָנדי׳רן א באָדן; терять ~у под ногáми פאַרלי׳רן* דעם באָדן אונטער די פיס; на ~е *чего-л.* איבער [מאַכמעס] עפעס; убийство на ~е рéвности א מאָרד מאַכמעס אײפערזוכט

пóчвенн||ый באָדן־, באָדנדיקער; גרונט־; ~ые вóды גרונט־וואַסערן מצ.

почвовéд *м* באָדן־קענער מ ־ס, באָדן־פאָרשער מ =; ~ение *с* באָדן־קענטעניש װ

почём *нареч. разг.* (*по какой цене*) ווי טײַער (איז), וואָס קאָסט; ◇ ~ я знáю ווי קום איך צו וויסן

почемý *нареч.* 1. פאַרוואָס; 2. *в знач. союзного слова* פאַרוואָס; вот ~ אָט פאַרוואָס, דערי׳בער

почемý-то *нареч.* (איבער) עפעס он ~ недовóлен ער איז עפעס אומצופרידן

пóчерк *м* האַנט־שריפט װ ־ן, קסאַוו מ ־ן; *перен.* מאַני׳ר װ ־ן; писáть мéлким ~ом שרײַבן* (מיט) קלײנע° אויסיעלעך; э́то егó ~ דאָס איז זײַן קסאַוו [האַנט(־שריפט)]

почернéть *сов.* שוואַרץ ווערן*

почерпнýть *сов.* שעפן, נעמען*

почесáть *сов.* א קראַץ טאָן*; ~ся *сов.* א קראַץ טאָן* זיך

пóчест||ь *ж* קאָוועד מ, ערע װ; воздáть ~и *кому-л.* באַערן עמעצן, אָפּגעבן* עמעצן קאָוועד; с вóинскими ~ями מיט מיליטערישן קאָוועד

почёсывать *несов. разг.* קראַצן; ~ся *несов. разг.* קראַצן זיך

почёт *м* ערע װ, קאָוועד מ быть в ~е געערט [געשעצט] זײַן*; окружи́ть ~ом *кого-л.* בעקאָוועד האַלטן* עמעצן; ~ный 1. (*пользующийся почётом*) בעקאָוועדיקער; געערטער; ~ный гость בעקאָוועדיקער [געערטער] גאַסט; 2. (*в знак почёта*): ~ный прези́диум ערן־פרעזידיום מ; ~ное звáние ערנטיטל מ; ~ный граждани́н ערן־בירגער מ =; ~ный караýл ערנוואַך װ; 3. (*делающий честь кому-л.*) בעקאָוועדיקער, ערן־; ~ная обязáнность בעקאָוועדיקע פליכט; ערנפליכט װ ־ן; 4. (*не нарушающий достоинства*) בעקאָוועדיקער; ~ный мир בעקאָוועדיקער שאָלעם

пóчечн||ый *анат.* נירן־; ~ая болéзнь נירן־קראַנקהײַט װ

почи́н *м* 1. (*инициатива*) איניציאַטי׳וו װ; по сóбственному ~у לויט אייגענער איניציאַטי׳וו; 2. *разг.* (*начало*) אָנהייב מ ־ן; (*в торговле*) פאַטשאַטעק מ; ~ сдéлан דער אָנהייב איז געמאַכט

почини́ть *сов.* פאַרי׳כטן; ~ часы́ פאַרי׳כטן דעם זייגער

почи́нк||а *ж* פאַרי׳כטן ז; отдáть в ~у געבן* פאַרי׳כטן

почи́стить *сов.* 1. אָפּרייניקן; (*щёткой тж.*) אָפּבערשטלען; ~ боти́нки אָפּרייניקן [אָפּוצן] די שיך; 2. (*снять кожуру, скорлупу*) אָפּשיילן

почитáтель *м* פאַרערער מ =; ~ница *ж* פאַרערערין װ ־ס

почитáть¹ *сов.* (*читать некоторое время*) לייענען (א ביסל)

почитáть² *несов.* (*кого-л.*) האָבן* אָפּשײַ [דערעכערעץ] (פאַר), אָפּגעבן* קאָוועד (דאַט.); (*что-л.*) אַכטן, רעספעקטי׳רן

пóчка¹ *ж бот.* קנאָספ מ ־ן

пóчка² *ж анат.* ניר װ ־ן

пóчт||а *ж* פאָסט װ, פאָטשט װ ־ן; пойти́ на ~у גיין* אַף דער פאָטשט [אין פאָטשט אַרײַן]; воздýшная ~а לופט־פאָסט װ; послáть письмó по ~е שיקן א בריוו מיט דער פאָסט; доставля́ть ~у צושטעלן די פאָסט

почтальóн *м* פאָטשטאַליאָן מ ־ען, בריוו(נ)טרעגער מ =

почтáмт *м* פאָטשטאַמט מ ־ן

почтéн||ие *с* אָפּשײַ מ, דערעכערעץ מ, אַכטונג װ, רעספעקט מ; относи́ться к *кому-л.* с ~ием אַרויסווײַזן* עמעצן אַכטונג; האָבן* אָפּשײַ [דערעכערעץ, רעספעקט] פאַר עמעצן

почтéнн||ый 1. (*достойный уважения*) כאָשעווער°, בעקאָוועדיקער; ~ый вóзраст בעקאָוועדיקער עלטער; 2. *разг.* (*значительный*) סאָלי׳דער; весьмá ~ых размéров פון גאַנץ סאָלי׳דן פאַרנעם

почти́ *нареч.* קימאַט; э́то ~ то же сáмое דאָס איז קימאַט דאָס זעלבע [די זעלבע זאַך]; мы ужé ~ дóма מיר זײַנען שוין קימאַט אינדערהיים; рабóта ~ закóнчена די אַרבעט איז קימאַט פאַרענדיקט; ~ всегдá קימאַט שטענדיק

почти́тельн||ый 1. אַכטפולער, רעספעקטפולער; וואָס גיט אָפּ קאָוועד *после сущ.*; ~ый сын א גוטער° זון; א זון, וואָס גיט אָפּ קיבעד־אָוו [קיבעד־אײם]; 2. *разг.* (*значительный*) (גאַנץ) היפשער, סאָלי׳דער; на ~ом расстоя́нии אַף א (גאַנץ) היפשן מעהאַלעך

почти́ть *сов.* 1. (*отдать почести*) באַערן, אָפּגעבן* קאָוועד (דאַט.); ~ *чью-л.* пáмять вставáнием באַערן עמעצנס אָנדענק דורך אויפשטיין; 2. (*оказать честь*) אָנטאָן* א קאָוועד; ~ присýтствием אָנטאָן* א קאָוועד דורך בײַזײַן

почтóв||ый פאָסט־, פאָטשט־; ~ое отделéние פאָסט־אָפּטייל מ ־ן; ~ый я́щик פאָסטקעסטל ז ־עך, בריווקאַסטן מ ־ס; ~ый гóлубь פאָסט־טויב װ ־ן ~ая откры́тка פאָסטקאַרטל ז ־עך

почýвствовать *сов.* דערפי׳לן, דערשפי׳רן; ~ устáлость דערפי׳לן זיך מיד

почýди||ться *сов. безл.* אויסדוכטן זיך, אויסווײַזן* זיך; мне ~лось ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט [אויסגעוויזן]; мне ~лся егó гóлос ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך הער [ווי איך וואָלט געהערט] זײַן שטים

почýять *сов.* דערשפי׳רן

пошатнý||ть *сов.* אופוואַקלען; *перен.* אומוואַקלען; ~ть столб אופוואַקלען דעם סלופ; ~ть чью-л. увéренность אומוואַקלען עמעצנס זיכערקײַט; ~ться *сов.* 1. אופוואַקלען זיך, א וואַקל טאָן* זיך; он ~лся и упáл ער האָט

זיך א וואקל געטאָן און איז געפאלן; 2. (*наклониться*) אויסקרימען זיך; забо́р ~лся דער פארקאָן האָט זיך אויסגעקרימט; 3. (*поколебаться*) אומגעוואקלט ווערן*; его́ уве́ренность ~лась זײַן זיכערקײַט איז אומגעוואקלט געוואָרן; его́ здоро́вье ~лось זײַן געזונט איז אונטערגעבראָכן געוואָרן

поша́тываться *несов.* וואקלען זיך (עטוואָס); ~ от уста́лости קוים האלטן* זיך אף די פיס פאר מידקײַט

пошеве́лива||ться *несов.* רירן זיך; ~йся! אײַל זיך צו!

пошевели́||ть *сов.* (*вин.*) אופרירן; (*тв.*) א ריר טאָן* (מיט); ве́тер ~л ли́стья דער ווינט האָט אופגערירט די בלעטער; ~ть во сне губа́ми א ריר טאָן* אין שלאָף מיט די ליפן; **~ться** *сов.* א ריר טאָן* זיך; не сметь ~ться! ניט רירן זיך!

пошевельну́ть *сов. однокр.* א ריר טאָן*; **~ся** *сов. однокр.* א ריר טאָן* זיך

поши́б *м разг.* מאניר װ ־ן; лю́ди одного́ ~а מענטשן פון איין שניט

по́шлина *ж* אָפצאָל מ; тамо́женная ~ גרענעץ־אָפצאָל מ, פאָשלינע װ; ге́рбовая ~ שטעמפל־אָפצאָל מ

по́шл||ость *ж* 1. געמיינקײַט װ, וולגארקײַט װ; 2. (*избитая мысль*) באנאליטעט װ; (*поступок*) געמיינהײַט װ ־ן; 3. (*непристойность*) גראָבקײַט מ ־ן; говори́ть ~ости רעדן* ניבלפע; **~ый** 1. (*низкий*) געמיינער; 2. (*банальный*) באנאלער; (*непристойный*) מיעסער, גראָבער°

пошля́к *м разг.* א געמיינער פארשוין

пошту́чн||ый שטיק·; ~ая опла́та שטיקלוין מ; דאָס געצאָלטס פון שטיק; ~ая прода́жа שטיק־פארקויף מ, דער פארקויף אפן שטיק; ~ая обрабо́тка שטיקווײַזע באארבעטונג

пошути́||ть *сов.* שפאסן, א שפאס טאָן*; не серди́сь, я ~л זײַ ניט ב(א)רויגעז, איך האָב געשפאסט

поща́д||а *ж* ראכמאָנעס ן, דערבארעמונג װ; не дава́ть никому́ ~ы ניט דערבארעמען זיך אף קיינעם; проси́ть ~ы בעטן* דערבארעמען זיך

пощади́ть *сов. см.* щади́ть

пощёчин||а *ж* פאטש מ (מצ. פעטש), פליאסק מ ־ן; *перен.* א פאטש אין פאָנעם; получи́ть ~у באקומען* א פאטש אין פאָנעם

пощу́пать *сов.* א טאפ טאָן*

поэ́зия *ж* פאָעזיע װ, דיכטונג װ

поэ́ма *ж* פאָעמע װ ־ס

поэ́т *м* פאָעט מ ־ן, דיכטער מ =; **~е́сса** *ж* דיכטערן װ ־ס, פאָעטעסע װ ־ס; **~ика** *ж* פאָעטיק װ

поэтизи́ровать *несов.* פאָעטיזירן

поэти́ческ||ий פאָעטישער, דיכטערישער; ~ий дар א דיכטערישער טאלאנט; א טאלאנט פון א דיכטער; ~ое произведе́ние א פאָעטיש ווערק; ~ая фанта́зия דיכטערישע פאנטאזיע

поэ́тому *нареч.* דעריבער, איבער דעם, דערפאר, מאכמעס דעם

появи́ться *сов.*, **появля́ться** *несов.* 1. (*показаться*) באווײַזן* זיך; 2. (*возникнуть*) אופקומען*, אנטשטיין*; ◇ ~ на свет געבוירן ווערן*

по́яс *м* 1. גארטל מ ־ען; פאס מ ־ן; 2. (*талия*) גארטל מ; по ~ в воде́ ביזן גארטל אין וואסער; коса́ до ~а א צאָפ ביזן גארטל; 3. *геогр.* זאָנע װ ־ס, פאס מ ־ן; жа́ркий ~ הייסע זאָנע; ◇ спаса́тельный ~ רעטונגס־פאס מ ־ן, רעטונגס־גארטל מ ־ען; заткну́ть *кого-либо* за́ ~ פארשטעקן עמעצן אין גארטל; кла́няться *кому-л.* в ~ טיף פארנייגן זיך פאר עמעצן

поясн||е́ние *с* דערקלערונג װ ־ען; **~и́тельный** דערקלער·; ~и́тельный текст דערקלער־טעקסט מ

поясни́ть *сов.* דערקלערן

поясни́ца *ж* קריזשעס מצ.

поясн||о́й 1. פאס·, גארטל·; ~о́й реме́нь פאס מ ־ן; 2.: ~о́й портре́т ברוסטבילד ן ־ער; 3. (*зональный*) זאָנאלער; ~о́е вре́мя זאָנאלע צײַט; ◇ ~о́й покло́н א טיפער פארנייג

поясня́ть *несов. см.* поясни́ть

праба́бка *ж*, **праба́бушка** *ж* עלטערבאָבע װ ־ס

пра́вд||а *ж* 1. (*истина*) עמעס מ; сказа́ть *кому-л.* ~у в глаза́ זאָגן עמעצן דעם עמעס אין די אויגן; изобража́ть ~у жи́зни שילדערן די לעבנס־ווירקלעכקײַט; 2. (*правдивость*) עמעסדיקײַט װ; 3. *разг.* (*правота*): на ва́шей стороне́ ~а איר זײַט גערעכט; 4. (*справедливость*) גערעכטיקײַט װ; иска́ть ~у זוכן גערעכטיקײַט; 5. *в знач. нареч.* טאקע בעעמעס; ты ~а не бои́шься? דו האָסט טאקע בעעמעס קיין מוירע ניט?; 6. *в знач. вводн. сл.* עמעס, יאָ; он, ~а, не знал, что я здесь יאָ [עמעס], ער האָט ניט געוווּסט, אז איך בין דאָ; 7. *в знач. союза* (*хотя*) עמעס; он хоро́ший врач, ~а молодо́й ער איז א גוטער° דאָקטער, עמעס, ער איז נאָך יונג; ◇ по ~е говоря́, по ~е сказа́ть דעם עמעס זאָגנדיק [געזאָגט]; все́ми ~ами и непра́вдами מיט קאָשערע צי מיט טרייפע מיטלען; не ~а ли? ניט אזוי?, נײַן עפשער?; смотре́ть ~е в глаза́ קוקן דעם עמעס אין די אויגן; ве́рой и ~ой מיט לײַב און לעבן; ~а глаза́ ко́лет *посл.* פאר עמעס איז מען בארויגעז; **~ивость** *ж* 1. (*человека*) אופריכטיקײַט װ; 2. (*рассказа, изображения*) וואָרהאפטיקײַט װ; **~ивый** 1. (*о человеке*) אופריכטיקער; וואָס האָט ליב דעם עמעס *после сущ.*; 2. (*содержащий в себе правду*) וואָרהאפט(יק)ער; ~ивый расска́з א וואָרהאפטיקע דערציילונג; ~ивое сло́во א וואָר וואָרט

правдоподо́бный גלייבווירדיקער, גלייבלעכער

пра́ведник *м* הייליקער מ ··קע; צאדיק מ (מצ. צאדיקים); ◇ спать сном ~а שלאָפן* ווי א געוויקלטער

пра́ведный רעכטפארטיקער; (*справедливый тж.*) גערעכטיקער

пра́вил||о *с* 1. קלאל מ (מצ. קלאָלים); граммати́ческое ~о א גראמאטישער קלאל; ~а вну́треннего распоря́дка קלאָלים פון [טאקאָנעס וועגן] אינערלעכן רעזשים; соблюда́ть ~а у́личного движе́ния אָפהיטן* די קלאָלים פון גאסן־פארקער; 2. (*образ мыслей, норма поведения*) פרינציפ מ ־ן; взять себе́ за ~о האלטן* פאר א פרינציפ, מאכן זיך א קלאל; челове́к стро́гих ~ א מענטש מיט שטרענגע פרינציפן; ◇ как ~о אלס קלאל; по всем ~ам иску́сства מיטן גאנצן קנאק; בישליימעס

пра́вильн||о *нареч.* 1. (*без ошибок*) ריכטיק; говори́ть ~о רעדן* ריכטיק [קאָרעקט]; поступа́ть ~о האנדלען ריכטיק; (*справедливо*) האנדלען יוישערדיק [מיט יוישער]; 2. (*восклицание*) ריכטיק!; **~ость** *ж* ריכטיקײַט װ; (*речи тж.*) קאָרעקטקײַט װ

пра́вильн||ый 1. (*соответствующий правилам*) ריכטיקער, קאָרעקטער; (*закономерный*) רעגולערער, רעגל־

מעסיקער; ~ое произношéние א ריכטיקע [א קאָרעקטע] אויסשפראך; ~ый глагóл רעגולערער ווערב; ~ая смéна дня и нóчи רעגלמעסיקער אומבײַט פון טאָג און נאכט; 2. (верный, точный) ריכטיקער; ~ый отвéт א ריכטיקער ענטפער; 3. (настоящий) עכטער; 4. (равномерный) רעגלמעסיקער; ~ое биéние сéрдца רעגלמעסיקע הארץ־פולסירונג; 5. (симметричный) סימעטרישער; געטאָקטער; ~ые черты́ лицá געטאָקטע געזיכט־שטריכן; 6. мат.: ~ый многоугóльник רעגלמעסיקער פילעק; ~ая дробь עכטע ברוכצאָל

прави́тель м הערשער מ =, רעגירער מ =

прави́тельственн||ый רעגירונג(ס)־; ~ые учреждéния רעגירונג(ס)־אנשטאלטן מצ.; ~ое сообщéние א מיטיילונג פון דער רעגירונג; ~ый кри́зис רעגירונגס־קריזיס מ, קאבינעט־קריזיס מ; ~ая нагрáда א באלוינונג פון דער רעגירונג

прави́тельство с רעגירונג וו ־ען

прáвить^1 *несов.* (*тв.*) 1. (*руководить*) אָנפירן (מיט), רעגירן (איבער); 2. (*транспортным средством*) פירן, קערעווען (מיט); ~ лóдкой (*о гребце*) רודערן; (*о рулевом*) קערעווען מיטן שיפל; ~ лошадьми́ אָנטרײַבן*; ~ автомаши́ной פירן די מאשין

прáвить^2 *несов.* 1. (*исправлять — ошибки и т. п.*) פארריכטן, אויסבעסערן; 2. (*точить*) (אָנ)שארפן; אָפציִען*

правлéни||е с 1. (*управление государством*) אָנפירן ז (מיט); רעגירן ז; óбраз ~я רעגירונגס־פאָרם וו ־ען; 2. (*выборный орган*) פארוואלטונג וו ־ען; ~е колхóза די פארוואלטונג פונעם קאָלווירט; ◇ бразды́ ~я די לייצן פון דער מאכט [פון דער מעלוכע]

прáвнук м אורייניקל ז ־עך (א מאנצביל)

прáвнучка ж אורייניקל ז ־עך (א פרוי)

прáв||о^1 с 1. רעכט ז =; имéть ~о האָבן* דאָס רעכט; ~о гóлоса שטימרעכט ז; ~о на труд דאָס רעכט אף ארבעט; 2. *тк. ед.* (*наука*) רעכט ז; граждáнское ~о ציווילרעכט ז, דאָס ציווילע רעכט; уголóвное ~о קרימינאל־רעכט ז; קרימינעלע רעכט; изучáть ~о שטודירן יוריספרודענץ; 3. *мн. разг.*: ~á води́теля שאָפער־שײַן מ; פראווא מצ. *разг.*; ◇ по ~у מיט רעכט; на ~áх *кого-л.* מיט די רעכט פון; ווי, אלס; на ~áх гóстя מיט די רעכט פון א גאסט, אלס [ווי] א גאסט; на рáвных ~áх מיט גלײַכע רעכט

прáво^2 *вводн. сл.* כלעבן; ~, не знáю כלעבן, איך ווייס ניט

правобережный רעכטברעגיקער

правовéрный רעכטגלויביקער

правов||óй רעכטלעכער, יורידישער; ~ы́е нóрмы די רעכטלעכע נאָרמעס; ~ы́е учреждéния יורידישע אנשטאלטן

правомéрн||ость ж רעכטמעסיקייט; **~ый** רעכטמעסיקער

правомóчный *юр.* רעכטמאכטיקער

правонаруш||éние с *юр.* געזעצברעכונג וו, רעכטברעכונג וו; **~и́тель** м רעכטברעכער מ =

правописáние с אָרטאָגראפיע וו; אויסלייג מ

правослáв||ие с פראוואָסלאוויע וו, דער פראוואָסלאווישער גלויבן; **~ный** 1. פראוואָסלאווישער; ~ная цéрковь די פראוואָסלאווישע [פראוואָסלאוונע] קירך; 2. *в знач. сущ.* м פראוואָסלאוונע מ =

правосознáние с רעכט־באוווסטזײַן ז

правосу́дие с יוסטיץ וו, רעכט־טעטיקייט וו; отправля́ть ~ מישפטן

правот||á ж גערעכטקייט וו; доказáть *чью-л.* ~у́ דערווײַזן*, אז עמעצער איז גערעכט; признáть *чью-л.* ~у́ געבן* עמעצן גערעכט

прáв||ый^1 1. רעכטער; ~ая рукá *прям. и перен.* די רעכטע האנט; по ~ую стóрону, по ~ую ру́ку רעכטס, אין דער רעכטער זײַט; 2. *полит.* רעכטער; ~ые пáртии די רעכטע פארטייען; ~ые социали́сты די רעכטע סאָציאליסטן; 3. *в знач. сущ. мн.* רעכטע מצ.

прáв||ый^2 1. *обыкн. краткая ф.* גערעכטער; быть ~ым האָבן* רעכט, זײַן* גערעכט; он прав ער איז גערעכט, ער האָט רעכט; ты не прав דו ביסט אומגערעכט, דו ביסט ניט גערעכט; 2. (*справедливый*) גערעכטיקער, גערעכטער; борóться за ~ое дéло קעמפן פאר א גערעכטער זאך; 3. (*невиновный*) אומשולדיקער

прáвящ||ий הערשנדיקער; ~ая пáртия די הערשנדיקע פארטיי; ~ая верху́шка דער הערשנדיקער אויבערשיכט

прагмати́зм м פראגמאטיזם מ

прагмáт||ик м פראגמאטיקער מ =; **~и́ческий** פראגמאטישער

прáдед м, **прадéдушка** м עלטערזיידע מ ־ס

прáзднество с פײַערונג וו ־ען; יאָמטעוו מ (מצ. יאָמטויווים)

прáздник м 1. יאָמטעוו מ (מצ. יאָמטויווים); פײַערטאָג מ (מצ. ··טעג); с ~ом! א גוטן יאָמטעוו!; (*приветствие при встрече*) א גוט־יאָמטעוו; поéхать на ~и домóй פאָרן* אף יאָמטעוו [אף די יאָמטויווים] אהיים; 2. (*веселье*) סימכע וו ־ס; семéйный ~ פאמיליען־סימכע וו ־ס; ~ пéсни א יאָמטעוו פון דער ליד; спорти́вный ~ א ספאָרטיווער יאָמטעוו; ◇ бу́дет и на нáшей у́лице ~ *погов.* אין אונדזער פענצטער וועט אויך אמאָל ארײַנקוקן די זון

прáздничн||ый 1. יאָמטעוו־; יאָמטעוודיקער; (*устраиваемый в честь праздника тж.*) לעקאָוועד יאָמטעוו *после сущ.*; ~ый день יאָמטעוו־טאָג מ (מצ. ··טעג), א יאָמטעוודיקער טאָג; ~ый концéрт א קאָנצערט לעקאָוועד יאָמטעוו; 2. (*нарядный*) יאָמטעוודיקער; ~ое плáтье יאָמטעוודיקע קליידער; 3. (*торжественно-радостный*) יאָמטעוודיקער; פײַערלעכער; ~ое настроéние א יאָמטעוודיקע [פײַערלעכע] שטימונג

прáздновать *несов.* פײַערן; (*в кругу семьи*) פראווען; ~ Пéрвое мáя פײַערן [פראווען] דעם ערשטמײַ־יאָמטעוו

прáздност||ь ж פוסטעפאסעווען ז, דאָס ארומגיין ליידיק; жить в ~и פוסטעפאסעווען, ארומגיין* ליידיק

праздношатáющийся м *разг.* ליידיקגייער מ ־ס, פוסטעפאסניק מ ־עס

прáздн||ый 1. (*не занятый делом*) פוסטעפאסנע(ר) *тж. неизм.*; ליידיקגייערישער; быть ~ым פוסטעפאסעווען, ארומגיין* ליידיק; 2. (*бесцельный, пустой*) פוסטער, אומזיסטער; ~ая болтовня́ פוסטע פלאפלערײַ; ~ое любопы́тство פוסטער נײַגער; ~ый вопрóс אן אומזיסטע פראגע

прáктик м פראקטיקער מ =; (*по складу ума и т. п. тж.*) א פראקטישער מענטש

прáктик||а ж פראקטיק וו; сочетáть теóрию с ~ой פארבינדן* די טעאָריע מיט דער פראקטיק; у негó большáя ~а по строи́тельству желéзных дорóг ער

האָט א גרויסע° פראקטיק [דערפארונג] אין בויען אײַזנבאנען; студе́нты прохо́дят ~у на заво́де די סטודענטן מאכן דורך זייער פראקטיק אפן זאוואָד; а на ~е получи́лось не так פראקטיש [אין דער פראקטיק] אָבער האָט זיך באקומען ניט אזוי

практика́нт *м* פראקטיקאנט מ ־ן

практикова́ть *несов.* פראקטיקירן, פראקטיצירן; (*методы и т. п. тж.*) אָנווענדן; библиоте́ка практику́ет чита́тельские конфере́нции אין דער ביבליאָטעק איז אָנגענומען דורכפירן קאָנפערענצן פון לייענער; **~ся** *несов.* 1. (*сов.* напрактикова́ться; *упражняться*) פראקטיקירן זיך, טרענירן זיך; 2. *тк. несов.* (*применяться на практике*) פראקטיקירט ווערן*, פראקטיצירט ווערן*; (*о методах и т. п. тж.*) אָנגעווענדט ווערן*; так у них практику́ется אזוי איז בא זיי אָנגענומען געוואָרן

пра́ктикум *м* פראקטיקום מ ־ס

практи́ческ||ий פראקטישער; ~ая де́ятельность פראקטישע טעטיקייט; ~ое примене́ние зна́ний פראקטישע אָנווענדונג פון די קענטענישן; ~ий о́пыт פראקטישע דערפארונג; ~ая хи́мия פראקטישע כעמיע [כימיע]; не име́ть ~ой це́нности ניט האָבן* קיין פראקטישן ווערט, ניט האָבן* קיין ווערט פאר דער פראקטיק

практи́чн||ый פראקטישער; ~ый челове́к א פראקטישער מענטש; э́то не о́чень ~о דאָס איז ניט גאָר פראקטיש [צוועקמעסיק]

праро́дина *ж* די אוראלטע היים

прах *м* 1. (*пыль*) שטויב מ; 2. (*останки*) געביין ז, אש ז; ◇ пойти́ ~ом אוועק מיטן רויך; גיין* צו גרונט; (*о затраченном труде и т. п.*) גיין* לעיבעד; мир ~у его́ זאָל ער ליגן אין זײַן רו; שאָלעם לעאפרוי *уст.*

пра́чечная *ж* וועשערײַ װ ־ען

пра́чка *ж* וועשערן װ ־ס

праща́ *ж* שטיינוואַרפער מ ־ס

пра́щур *м* אור־אורזיידע מ ־ס

праязы́к *м лингв.* אורשפראך װ ־ן

преа́мбула *ж* פרעאמבול װ ־עס

пребыва́ни||е *с* זײַן ז, אופהאלט מ; ~е у вла́сти דאָס זײַן בא דער מאכט; ме́сто его́ постоя́нного ~я דאָס שטענדיקע אופהאלט־אָרט זײַנס; דאָס אָרט, ווו ער געפינט זיך שטענדיק; во вре́мя его́ ~я в Москве́ בייס ער איז געווען אין מאָסקווע

пребыва́ть *несов.* (*в каком-л. состоянии*) זײַן*, פארבלײַבן*; (*в каком-л. месте*) זײַן*, געפינען* זיך, אופהאלטן* זיך; ~ в неве́дении относи́тельно *чего-л.* ניט וויסן* פון עפעס

превенти́вн||ый פרעווענטיווער; ~ая война́ א פרעווענטיווע מילכאָמע

превзойти́ *сов.* איבערשטײַגן*; אריבערשטײַגן*; ~ *кого-л.* тала́нтом אריבערשטײַגן* עמעצן מיט טאלאנט; ~ чи́сленностью אריבערשטײַגן* אין צאָל; ~ все ожида́ния איבערשטײַגן* אלע האָפענונגען; ◇ ~ самого́ себя́ איבערשטײַגן* זיך אליין

превозмога́ть *несов.*, **превозмо́чь** *сов.* בײַקומען*, גוווער זײַן*

превознести́ *сов.*, **превозноси́ть** *несов.* לויבן און רימען; ~ до небе́с לויבן ביזן הימל, לויבן אין טאָג ארײַן

превосходи́тельство *с* עקסצעלענץ װ

превосходи́ть *несов. см.* превзойти́

превосхо́дн||о *нареч.* אויסגעצייכנט; (*как восклицание тж.*) פרימא!; **~ый** אויסגעצייכנטער; ◇ ~ая сте́пень *грам.* סופערלאטיוו מ ־ן

превосхо́дство *с* אויבערהאנט װ, העכערקײַט װ; чи́сленное ~ די איבערוואָג אין צאָל; мора́льное ~ מאָראלישע אויבערהאנט; признава́ть *чьё-л.* ~ אנערקענען עמעצנס אויבערהאנט [העכערקײַט]

преврати́||ть *сов.* (*вин.*) פארוואנדלען, (פון) מאכן; ~ть во́ду в пар פארוואנדלען וואסער אין דאמף; ~ть го́род в разва́лины פארוואנדלען די שטאָט אין רוינען, מאכן פון דער שטאָט א כורבן; во что ты ~л ко́мнату? וואָס האָסטו געמאכט פונעם צימער? וואָס איז בא דיר געוואָרן פונעם צימער?; **~ться** *сов.* (в *вин.*) פארוואנדלען זיך (אין), פארוואנדלט ווערן* (אין); ווערן*; (*в сказках и т. п. — о живых существах тж.*) מעגולגל ווערן*; вода́ ~лась в лёд די וואסער איז פארוואנדלט געוואָרן אין אײַז, פון דער וואסער איז געוואָרן אײַז; ~ться в привы́чку ווערן* א געוווינהײַט; ◇ ~ться в слух אָנשפיצן די אויערן

превра́тн||о *нареч.* פאלש, °קרום; истолкова́ть *что-л.* ~о אויסטײַטשן עפעס קרום [פאלש]; **~ость** *ж*: ~ости судьбы́ די שפיל פונעם גוירל; **~ый** 1. (*ложный*) פאלשער; ~ое представле́ние א פאלשע פאָרשטעלונג; ~ое мне́ние א פאלשע מיינונג; 2. *уст.* (*изменчивый*) פארענדערלעכער

превраща́ть(ся) *несов. см.* преврати́ть(ся)

превраще́ние *с* 1. (*действие*) פארוואנדלונג װ, פארוואנדלען ז; 2. (*резкое изменение*) מעטאמאָרפאָזע װ ־ס

превы́сить *сов.*, **превыша́ть** *несов.* 1. (*превзойти какое-л. количество*) איבערשטײַגן*; 2. (*нарушать предел*) איבערטרעטן*; ~ власть איבערטרעטן* די פולמאכט

превы́ше: ~ всего́ איבער אלעמען, איבער אלץ

прегра́да *ж* פארצוימונג װ ־ען, באריער מ ־ן; *перен.* מעניע װ ־ס, שטערונג װ ־ען, אָפהאלט מ ־ן

прегради́ть *сов.*, **прегражда́ть** *несов.*: ~ путь פארשטעלן דעם וועג

прегреше́ние *с* זינד װ =, כעט מ (מצ. כאטאָים)

пред *см.* пе́ред

предава́ть(ся) *несов. см.* преда́ть(ся)

преда́ние¹ *с* (*действие*): ~ суду́ דאָס איבערגעבן צום געריכט

преда́н||ие² *с* (*сказание*) לעגענדע װ ־ס, מעסוירע װ ־ס; по ~ию לויט דער מעסוירע, ווי מע דערציילט

пре́данн||ость *ж* איבערגעגעבנקײַט װ, געטרײַשאפט װ; **~ый** איבערגעגעבענער, געטרײַער; он ему́ пре́дан всей душо́й ער איז אים איבערגעגעבן מיט דער נעשאָמע [מיט לײַב און לעבן; בעלעוו ווענעפעש *уст.*]; и́скренне ~ый вам (*в конце письма*) אײַער געטרײַער

преда́тель *м* פארעטער מ =; **~ница** *ж* פארעטערן װ ־ס; **~ский** פארעטערישער; ~ское уби́йство דער פארעטערישער מאָרד; ~ский тума́н דער פארעטערישער נעפל; **~ство** *с* (*поступок*) פאראט מ; (*вероломство*) פארעטערישקײַט װ

преда́ть *сов.* 1. (*изменить*) פאראטן*; (*выдать*) אויסגעבן*; איבערגעבן*; ~ интере́сы рабо́чего кла́сса פאראטן* די אינטערעסן פונעם ארבעטער־קלאס; партиза́н кто-то пре́дал врага́м עמעצער האָט אויסגעגעבן די פארטיזאנען דעם סוינע; 2.: ~ *кого-л.* суду́ איבער-

געבן* עמעצן צום געריכט; ◇ ~ гла́сности פארעפנטלעכן; ~ го́род огню́ и мечу́ דורכגיין* זיך מיט פײַער און שווערד איבער דער שטאָט; ~ земле́ באערדיקן; ~ огню́ פארברענען; **~ся** *сов.*: **~ся** размышле́ниям פארזונקען ווערן* [פארזינקען* זיך] אין ראיונעס; **~ся** мечта́м פארטרוימען זיך; **~ся** печа́ли פארטיפן זיך אין צאר; **~ся** развра́ту ארײַנלאָזן* זיך אין דער טײַווע [אין זנוס]

предвари́тельн||о *нареч.* פריער(א); **~ый** 1. *(предшествующий)* פאָרויסיקער; *(неокончательный тж.)* פאָרלויפיקער; ~ая подгото́вка פאָרויסיקע צוגרייטונג; ~ое совеща́ние פאָרבאראטונג וו ־ען; ~ые ито́ги פאָרלויפיקע סאכאקלען; по ~ым подсчётам לויט פאָרלויפיקע אונטערעכענונגען [כעזשבוינעס]; 2. *(заблаговременный)* פאָרויסיקער; פאָר־; ~ая прода́жа билéтов פאָרויסיקער פארקויף פון בילעטן; ~ый зака́з פאָרויסיקע באשטעלונג; ~ая рабо́та פאָראַרבעט וו; ◇ ~ое заключе́ние *юр.* פאָרגעריכטלעכער אײַנזועץ

предвéстник *м* אָנזאָגער מ ־ס

предвещá||ть *несов.* פאָרויסזאָגן, אָנזאָגן; *(предсказать будущее)* זאָגן נעוויִעס; ту́чи ~ли грозу́ די כמארעס האָבן פאָרויסגעזאָגט [אָנגעזאָגט] א געוויטער; э́то ничего́ хоро́шего не ~ет אף קיין גוטס קאָן מען דערפון זיך ניט ריכטן; всё ~ло успе́х אלץ האָט פאָרויסגעזאָגט א דערפאָלג

предвзя́т||ость *ж* 1. פאָרויסגענומענקײַט וו; *(предубеждение)* פאָר־איבערצײַגונג וו ־ען; суди́ть без ~ости אורטיילן אָן פאָר־איבערצײַגונג; **~ый** פאָרויסגענומענער; ~ое мне́ние א פאָרויסגענומענע מיינונג; ~ый подхо́д א צוגאנג מיט פאָר־איבערצײַגונג

предви́деть *несов.* פאָרויסזען*; **~ся** *несов.* פאָרויסזען* זיך, דערווארט ווערן*

предвкуша́ть *несов.* *(вин.)* פילן פאָרויס דעם טאם (פון); ~ удово́льствие פילן פאָרויס דעם טאם פון פארגעניגן

предвкуше́ни||е *с* פאָרגענוס מ; в ~и *чего-л.* פילנדיק פאָרויס דעם טאם פון עפעס

предводи́тель *м* אָנפירער מ =; **~ство** *с* אָנפירונג וו; под ~ством *(род.)* אונטער דער אָנפירונג (פון), בעראָש (מיט), (אָנ)געפירט (פון)

предвое́нный פארמילכאָמע־; פארמילכאָמעדיקער

предвосхи́тить *сов.*, **предвосхища́ть** *несов.*: ~ собы́тия קענען* [וויסן* ווי צו] פאָרויסזען די געשעענישן; ~ *чью-л.* мысль (ווי) אויסכאפן עמעצנס געדאנק

предвы́борн||ый פאָרוואל־; ~ая кампа́ния פאָרוואל־קאמפאניע וו

предго́рье *с* פאָרבערג מצ., פאָרבערג־געגנט וו ־ן

преддве́ри||е *с*: в ~и собы́тий ערעוו [סאמע פאר] די געשעענישן

преде́л *м* 1. *(граница)* גרענעץ וו ־ן; в ~ах го́рода אין די גרענעצן פון שטאָט; вы́ехать за ~ы страны́ פארלאָזן* דאָס לאנד; 2. *мн.* *(промежуток времени)*: в ~ах трёх ме́сяцев אין די ראמען פון דרײַ כאדאָשים; 3. *мн.* *(границы, рамки дозволенного)*: в ~ах возмо́жного (אף) וויפל ס'איז נאָר מעגלעך; 4. *(высшая мера чего-л.)*: ~ высоты́ די מאקסימאלע הייך; ~ ско́рости די מאקסימאלע שנעלקײַט; нагрузи́ть до ~а אָנלאָדן* מאקסימאל [וויפל ס'לאָזט זיך]; 5. *(высшая ступень чего-л.)*: ~ соверше́нства די העכסטע פולקומקײַט; ~ жела́ний דער העכסטער באגער; 6. *(граница, край)* ראנד מ ־ן; *(конец)* סאָף מ; 7. *мат.* לימיט מ ־ן

преде́льн||ый העכסטער, מאקסימאלער; ~ый срок שפעטסטער [לעצטער] טערמין; ~ая ско́рость מאקסימאלע שנעלקײַט; ~ые уси́лия מאקסימאלע [אָנגעשטרענגטסטע] באמיונגען; ~ая нагру́зка מאקסימאלע אָנלאָדונג

предзнаменова́ние *с* פאָרצייכן מ ־ס, סימען מ (מצ. סימאָנים); до́брое ~ א גוטער סימען

предика́т *м* *лог.*, *грам.* פרעדיקאט מ ־ן; **~и́вный** *грам.* פרעדיקאטיווער

предисло́в||ие *с* פאָרוואָרט ז (מצ. פאָרווערטער), פאָרעדע וו ־ס, האקדאָמע וו ־ס; *(заглавие тж.)* א וואָרט פריִער [פאָרויס]; вме́сто ~ия אָנשטאָט א פאָרוואָרט

предлага́ть *несов.* *см.* предложи́ть

предло́г¹ *м* פאלשע סיבע; *(отговорка)* אויסרייד מ ־ן; טערעץ מ (מצ. טערוצים, טרוצים); под ~ом אונטערן אויסרייד

предло́г² *м* *грам.* פרעפאָזיציע וו ־ס

предложе́ни||е¹ *с* 1. פאָרשלאָג מ ־ן; внести́ ~е ארײַנטראָגן* [מאכן] א פאָרשלאָג; рационализа́торское ~е א ראציאָנאליזאטאָרישער פאָרשלאָג; ми́рные ~я שאָלעם־פאָרשלאָגן מצ.; 2. *(вступить в брак)* פאָרשלאָג מ ־ן; 3. *эк.* אָנבאָט מ; ◇ сде́лать ~е מאכן א פאָרשלאָג; он сде́лал ей ~е ער האָט איר געמאכט א פאָרשלאָג, ער האָט איר פאָרגעלייגט ווערן זײַן פרוי, ער האָט איר פאָרגעלייגט כאסענע האָבן מיט אים

предложе́ние² *с* *грам.* זאץ מ ־ן; вопроси́тельное ~ פרעגזאץ מ ־ן

предложи́||ть *сов.* 1. *(дат. вин.; предоставить)* פאָרלייגן, אָנבאָטן*; *(цену)* (אָנ)באָטן*; ~ть *кому-л.* свои́ услу́ги אָנבאָטן* [פאָרלייגן] עמעצן זײַנע דינסטן; ~ть *кому-л.* ча́ю פאָרלייגן עמעצן טיי; ~ть *кому-л.* стул דערלאנגען עמעצן א בענקל; בעטן* עמעצן זיצן; 2. *(вин.; на рассмотрение)* פאָרלייגן; он ~л свой прое́кт ער האָט פאָרגעלייגט זײַן פראָיעקט; ~ть *чью-л.* кандидату́ру פאָרלייגן עמעצנס קאנדידאטור; 3. *(дат. + инф.; пригласить)* אײַנלאדן*; פאָרלייגן; он ~л ей потанцева́ть ער האָט זי אײַנגעלאדן טאנצן [אף א טאנץ]; 4.: ~ть *кому-л.* тру́дную зада́чу געבן* עמעצן א שווערע אויפגאבע; ~ть *кому-л.* вопро́с פארגעבן* עמעצן א פראגע; 5. *(дат. + инф.; предписать, потребовать)* הייסן*, פאָרלייגן; ~ть *кому-л.* неме́дленно вы́ехать הייסן* עמעצן גלײַך [טייקעף] ארויספאָרן

предло́жный *грам.* פרעפאָזיטיווער; ◇ ~ паде́ж פרעפאָזיטיוו מ

предма́йск||ий ערעוומײַיקער; ~ое произво́дственное соревнова́ние ערעוומײַיקע פארמעסטונג אין דער פראָדוקציע

предме́стье *с* פאָרשטאָט וו (מצ. ··שטעט)

предме́т *м* 1. קעגנשטאנד מ ־ן; очерта́ния ~ов е́ле ви́дны קוים וואָס מע זעט די קאָנטורן פון די קעגנשטאנדן; 2. *(вещь)* זאך וו ־ן; *(товар)* סכוירע וו ־ס, ארטיקל מ ־ען; ~ы пе́рвой необходи́мости זאכן [סכוירעס] פון ערשטן געברויך; ~ы наро́дного потребле́ния זאכן פון מאסנגעברויך; ~ы ро́скоши לוקסוס־זאכן מצ.; 3. *(тема)* טעמע וו ־ס, אָביעקט מ ־ן; ~ разгово́ра די טעמע פונעם געשפרעך; ~ спо́ра שטרײַט־אָביעקט מ; 4. *(учеб-*

ная дисциплина) קעגנשטאנד מ ־ן, דיסציפלין װ ־ען; 5.: быть ~ом насме́шек זײַן* אן אָביעקט פון כוזעק; ◇ на ~ מיטן ציל, קעדיי צו; на ~ получе́ния מיטן ציל [קעדיי צו] באקומען; **~ный:** ~ный указа́тель אן אינדעקס פון קעגנשטאנדן; זאך־רעגיסטער מ; ◇ ~ный уро́к אן אָנשוילעכע לעקציע; *перен.* אָנלערנונג װ

предназнача́ть *несов. см.* предназна́чить

предназначе́ние *с* 1. באשטימונג װ; 2. *(призва́ние)* מיסיע װ

предназна́чить *сов.* באשטימען; *(денежные суммы)* אסיגנירן

преднаме́ренн‖о *нареч.* בעקיוונדיק, מיט א קיוון; **~ость** *ж* בעקיוונדיקייט װ; **~ый** בעקיוונדיקער

пре́до *см.* пе́ред

предобе́денн‖ый פארמיטיק־; ~ое вре́мя פארמיטיקצײַט װ

пре́д‖ок *м* 1. אורפאָטער מ, שטאמפאָטער מ; *мн.* אורעלטערן מצ.; 2. *мн. (предше́ствующие поколе́ния)* אור־אָוועס מצ.; ־אורעלטערן מצ.

предоктя́брьский 1. *(до Октя́брьской револю́ции)* פאראָקטיאבערישער; 2. *(происходя́щий перед годовщи́ной Октя́брьской револю́ции)* ערעוו־אָקטיאבערישער

предопредели́ть *сов.*, **предопределя́ть** *несов.* פאָרויסבאשטימען

предоста́вить *сов.*, **предоставля́ть** *несов.* 1. *(дать)* געבן*; ~ кварти́ру געבן* א דירע; ~ пра́во געבן* דאָס רעכט; ~ *что-л.* в *чьё-л.* распоряже́ние איבערגעבן* עפעס אין עמעצנס רעשוס; ~ *кому-л.* о́тпуск געבן* עמעצן אורלויב; 2. *(дать возмо́жность сде́лать)* לאָזן*, געבן* די מעגלעכקייט; предоста́вьте реша́ть э́то мне לאָזט מיך אליין באשליסן; ~ *что-л.* на *чьё-л.* усмотре́ние איבערגעבן* עפעס אף עמעצנס אײַנזען; ◇ ~ самому́ себе́ לאָזן* אף אייגענעם באראָט; ~ сло́во *кому́-л.* געבן* עמעצן דאָס וואָרט

предостерега́ть *несов. см.* предостере́чь

предостерега́ющий וואָרענענדיקער

предостереже́ние *с* וואָרענונג װ ־ען, האסראָע װ ־ס

предостере́чь *сов. (вин.)* וואָרענען, מאכן א האסראָע (דאט.); ~ от *чего́-л.* וואָרענען פאר [קעגן] עפעס

предосторо́жност‖ь *ж* 1. פאָרזיכט װ; ме́ры ~и פאָרזיכט־(מאָס)מיטלען מצ.; из ~и אויס פאָרזיכטיקייט; 2. *(мера)* פאָרזיכט־(מאָס)מיטל ו ־ען; несмотря́ на все на́ши ~и ניט געקוקט אף אלע אונדזערע פאָרזיכט־מיטלען

предосуди́тельный ניט־שײַנער, אומווירדיקער

предотврати́ть *сов.*, **предотвраща́ть** *несов.* אויסמײַדן*, אָפווענדן, ניט דערלאָזן* (צו); ~ опа́сность אויסמײַדן* די געפאר; ~ преступле́ние ניט דערלאָזן* צו א פארברעכן

предотвраще́ние *с* ו אויסמײַדן; ~ но́вой войны́ דאָס אויסמײַדן א נײַע מילכאָמע, ניט דערלאָזן צו א נײַער מילכאָמע

предохрани́тель *м тех.* זיכערער מ ־ס; ◇ пла́вкий ~ *эл.* זיכער־פראָפן מ ־ס

предохрани́тельн‖ый שוץ־, זיכער־, באוואָרן־; *мед.* פראָפילאקטישער; **~ые** ме́ры שוצמיטלען מצ., זיכער־מיטלען מצ.; ~ые приви́вки פראָפילאקטישע וואקצינאציעס

предохрани́ть *сов.*, **предохраня́ть** *несов.* (от *род.*) פארהיטן* (פון), באוואָרענען (פאר)

предписа́ни‖е *с* פאָרשריפט װ ־ן; שריפטלעכע פאָראָרדענונג; секре́тное ~е געהיימע פאָראָרדענונג; выполня́ть ~я врача́ אויספילן די פאָרשריפטן פונעם דאָקטער

предписа́ть *сов.*, **предпи́сывать** *несов.* פאָראָרדענען

предпле́чье *с анат.* אונטעראָרעם מ ־ס

предполага́ть *несов.* 1. *(допуска́ть возмо́жность)* זיך מעשאָער זײַן*; 2. *(име́ть наме́рение)* האָבן* בעדײַע, רעכענען; когда́ ты предполага́ешь верну́ться? ווען רעכנסטו קומען צוריק?; 3. *(име́ть свои́м усло́вием)* פאָרויסזעצן *книжн.*; **~ся** *несов. безл.:* предполага́ется, что... מע רעכנט, אז…; здесь предполага́ется постро́ить мост מע האָט בעדײַע אויסצובויען דאָ א בריק

предположе́ни‖е *с* האשאָרע װ ־ס; вы́сказать ~е ארויסזאָגן א האשאָרע; стро́ить ~я בויען האשאָרעס

предположи́‖ть *сов. см.* предполага́ть 1; предполо́жим, что... לאָמיר דערלאָזן, אז…

предпосле́дний פאָרלעצטער; ~ слог פאָרלעצטער טראף

предпосыла́ть *несов. см.* предпосла́ть

предпосы́лк‖а *ж* 1. *(усло́вие)* פאָרבאדינג מ ־ען; ~а успе́ха דער פאָרבאדינג פונעם דערפאָלג; 2. *(исхо́дный пункт како́го-л. рассужде́ния)* פאָרהאנאָכע װ ־ס; теорети́ческие ~и טעאָרעטישע פאָרהאנאָכעס

предпоче́сть *сов.*, **предпочита́ть** *несов.* 1. *(вин. дат.)* אָפגעבן* די בכוירע (דאט.); ~ теа́тр ци́рку אָפגעבן* די בכוירע דעם טעאטער לעגאבע דעם צירק; 2. (+ *инф.*) האלטן* פאר גלײַכער [פאר בעסער] (צו טאָן עפעס); я предпочёл бы оста́ться до́ма איך וואָלט בעסער געבליבן אינדערהיים

предпочти́тельный *(оптима́льный)* סאמע בעסטער

предпра́здничный פאריאָמטעוודיקער, ערעוויאָמטעוודיקער

предприи́мчивый איניציאטיוורײַכער, אונטערנעמפעיקער

предпринима́тель *м* אונטערנעמער מ =; *(делец)* געשעפטמאן (מצ. ··לײַט); **~ский** אונטערנעמערישער

предпринима́ть *несов. см.* предприня́ть

предприня́ть *сов.* פירנעמען*; он не знал, что ~ ער האָט ניט געוווּסט, וואָס זאָל ער פירנעמען [טאָן]; ~ ме́ры פירנעמען* [אָננעמען*] מאָסמיטלען; ~ путеше́ствие פירנעמען* [מאכן] א רײַזע

предприя́тие *с* 1. *(предпри́нятое де́ло)* אונטערנעמונג װ ־ען; риско́ванное ~ א ריזיקאלישע אונטערנעמונג; 2. *(промы́шленное)* אונטערנעמונג װ ־ען; передово́е ~ א פאָרגעשריטענע אונטערנעמונג

предрасполага́‖ть *несов.* 1. *см.* предрасположи́ть; 2. *(спосо́бствовать)* אויפוועקן א שטימונג, ארויסרופן* א באגער; тишина́ ~ла к молча́нию אין אזא שטילקייט האָט זיך געוואָלט שווײַגן

предрасположе́ние *с* נייגונג װ ־ען, נעטיע װ ־ס; *(к боле́зни)* גענייגטקייט װ

предрасположи́ть *сов.* אָנרעגן, גענייגט מאכן; ~ *кого́-л.* в свою́ по́льзу געווינען* עמעצנס צאד

предрассве́тный פארקאיאָריקער

предрассу́док *м* פאָרורטייל מ ־ן

предреша́ть *несов.*, **предреши́ть** *сов.* פאָרויסבאשטימען; *(вопрос)* פאָרויסבאשליסן*

председа́тель *м* פאָרזיצער מ =; ~ колхо́за קאָלווירט־פאָרזיצער מ =; Председа́тель Сове́та Мини́стров

СССР פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראט פון פססר; ~ство с פאָרזיץ מ; под ~ством אונטערן פאָרזיץ

председа́тельств||овать *несов.* זײַן* דער פאָרזיצער; ~**ующий** *м* פאָרזיצער מ

предсе́рдие *с анат.* פאָדערהארץ ז (מצ. ···הערצער)

предсказа́ние *с* 1. *(действие)* פאָרויסזאָגונג וו; ~ пого́ды מעטעאָראָלאָגישע פראָגנאָזירונג; 2. *(то, что предсказано)* נעוויעס ז; *(прогноз)* פראָגנאָז מ ־ן; ~ сбыло́сь דאָס נעוויעס איז מעקוים געוואָרן

предсказа́тель *м* פאָרויסזאָגער מ =

предсказа́ть *сов.*, **предска́зывать** *несов.* פאָרויסזאָגן

предсме́ртн||ый גסיסע־; וואָס פארן טויט *после сущ.*; ~ый вздох גסיסע־זיפץ מ; ~ое завеща́ние די צוואָע פארן טויט

представа́ть *несов. см.* предста́ть

представи́тел||ь *м* 1. פאָרשטייער מ =, פאָרטרעטער מ =, רעפרעזענטאנט מ ־ן; полномо́чный ~ь פולמעכטיקער פאָרשטייער; ~и обще́ственности די פאָרשטייער פון דער געזעלשאפטלעכקײַט; пала́та ~ей רעפרעזענטאנטן־פאלאטע וו; 2. *биол.* עקזעמפליאר מ ־ן

представи́тельн||ый 1. רעפרעזענטאטיווער; ~ое собра́ние רעפרעזענטאטיווע פארזאמלונג; 2. *(солидный)* אימפאָזאנטער; שטאלטנע(ר) *тж. неизм.*

представи́тельств||о *с* 1. פאָרשטייערשאפט וו, רעפרעזענטאנץ וו; установи́ть но́рмы ~а אײַנשטעלן נאָרמעס פון פאָרשטייערשאפט [פון רעפרעזענטאנץ]; 2. *(учреждение)* פאָרשטייערשאפט וו; торго́вое ~о האנדלס־פאָרשטייערשאפט וו ־ן

предста́вить *сов.* 1. *(подать куда-л.)* צושטעלן; ~ план рабо́ты צושטעלן דעם ארבעטס־פלאן; 2. *(предъявить)* דערלאנגען; ~ дипло́м דערלאנגען דעם דיפלאָם; 3. *(знакомить)* פאָרשטעלן, רעקאָמענדירן; разреши́те вам ~ моего́ дру́га דערלויבט פאָרשטעלן אײַך מײַנעם א פרײַנט; 4. *(изобразить)* פאָרשטעלן; ~ в смешно́м ви́де פאָרשטעלן אין א לעכערלעכער שײַן; ~ на сце́не פאָרשטעלן אף דער בינע; 5. *(копировать)* נאָכמאכן, אימיטירן; 6. *(мысленно воспроизвести)* פאָרשטעלן זיך; ~ себе́ פאָרשטעלן זיך; предста́вьте себе́ таку́ю карти́ну מאָלט אײַך אויס אזא בילד; 7. *(причинить)* פארשאפן*; э́то не предста́вит бо́льших затрудне́ний דאָס וועט ניט פארשאפן קיין גרויסע שוועריקײַטן; 8.: ~ *кого-л.* к награ́де צושטעלן [רעקאָמענדירן] עמעצן צו א באלוינונג; ~**ся** *сов.* 1. *(назвать себя)* רעקאָמענדירן זיך, פאָרשטעלן זיך; 2. *(возникнуть)* זײַן*, שאפן* זיך; как то́лько предста́вится возмо́жность ווי נאָר ס׳וועט זײַן [ס׳וועט זיך שאפן] א מעגלעכקײַט; 3. *(появиться в воображении)* פאָרשטעלן זיך; שטעלן זיך פאר די אויגן; ему́ предста́вился родно́й дом אים האָט זיך פאָרגעשטעלט [ס׳האָט זיך אים געשטעלט פאר די אויגן] זײַן געבוירן־היים; 4. *(тв.) разг.* *(притворя́ться)* פארשטעלן זיך (פאר); ~ся немы́м פארמאכן זיך שטום, שטעלן זיך פאר א שטומען

представле́ни||е *с* 1. *(предъявление)* דערלאנגען ז, צושטעלן ז; 2. *(театральное)* פאָרשטעלונג וו ־ען; дневно́е ~е באטאָגיקע פאָרשטעלונג; 3. *(понимание, знание)* פאָרשטעלונג וו ־ען, באגריף מ ־ן, אָנונג וו ־ען; име́ть сму́тное ~е о *чём-л.* האָבן* א קנאָפע [שוואכע] פאָרשטעלונג [אָנונג] וועגן עפעס; соста́вить себе́ пра́вильное ~е о *чём-л.* שאפן* זיך א ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן עפעס; в моём ~и לויט מײַן אויפאסונג

представля́||ть *несов.* 1. *см.* предста́вить; 2. *(быть, являться)* זײַן*; э́то откры́тие ~ет для нас большо́й интере́с אָט די אנטדעקונג איז פאר אונדז פון גרויס° אינטערעס; ~ть собо́й פאָרשטעלן מיט זיך; что он собо́й ~ет? וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר?; 3. *(быть представителем)* רעפרעזענטירן; ~ть Ро́дину за рубежо́м רעפרעזענטירן דאָס היימלאנד אין אויסלאנד; ~**ться** *несов. см.* предста́виться

предста́тель||ный: ~ая железа́ *анат.* פראָסטאטע וו ־ס

предста́ть *сов.* (перед *тв.*) באווײַזן* זיך (פאר), דערשײַנען* (פאר); ~ пе́ред судо́м שטעלן זיך פארן געריכט

предсто||я́ть *несов.* פאָרשטיין*; ~я́т вы́боры ס׳שטייען פאָר וואלן; нам ~и́т путеше́ствие ס׳שטייט אונדז פאָר א רײַזע; нам ~и́т сами́м реши́ть э́тот вопро́с מיר וועלן מוזן [אונדז וועט אויסקומען] אליין לייזן די דאָזיקע פראגע; ~я́щий פאָרשטייענדיקער, קומענדיקער

предте́ча *м* פאָרגייער מ =; *ж* פאָרגייערן וו ־ס

предубежде́ние *с* פאָרורטייל מ ־ן, פאָר־איבערצײַגונג וו ־ען; относи́ться к *кому-л.* с ~м באציען* זיך צו עמעצן מיט פאָרורטייל [פאָר־איבערצײַגונג]

предугада́ть *сов.*, **предуга́дывать** *несов.* פאָרויסטרעפן*, פאָרויס וויסן*

предупреди́тельн||ость *ж* דינסטגרייטקײַט וו; העפלעכקײַט וו; ~**ый** 1. *(для предупреждения)* פארהיט־; *(о сигнале)* וואָרן־; *мед.* פראָפילאקטישער; ~ые ме́ры פארהיט־מאָסמיטלען מצ.; ~ый вы́стрел וואָרנשאָס מ; 2. *(о человеке)* דינסטגרייטער; העפלעכער

предупреди́ть *сов.*, **предупрежда́ть** *несов.* 1. *(заранее известить)* געבן* צו וויסן (פארפריער); *(предостеречь)* וואָרענען; ~ *кого-л.* об опа́сности וואָרענען עמעצן פאר [וועגן] א געפאר; он не предупреди́л о своём прие́зде ער האָט ניט געגעבן צו וויסן פארפריער, אז ער קומט צו פאָרן; 2. *(предотвратить)* ניט דערלאָזן* (צו); ~ ава́рию ניט דערלאָזן* צו אן אוואריע; 3. *(опередить)* פארלויפן* דעם וועג (דאט.); ~ собы́тия פארלויפן* דעם וועג די געשעענישן; ~ *чьи-л.* жела́ния צוטרעפן* עמעצן אין זײַנע באגערן

предупрежде́ние *с* 1. *(о чём-л.)* וואָרענונג וו ־ען; стро́гое ~ א שטרענגע וואָרענונג; 2.: ~ заболева́ний די פראָפילאקטיק פון קרענק

предусма́трива||ть *несов.* 1. *см.* предусмотре́ть; 2. *(устанавливать)* פאָרויסזען*; бюдже́т ~ет увеличе́ние дохо́дов דער בודזשעט זעט פאָרויס א פארגרעסערונג פון די האכנאָסעס

предусмотре́ть *сов.* פאָרויסזען*; э́того нельзя́ бы́ло ~ зара́нее דאָס האָט מען ניט געקענט פאָרויסזען פארפריער

предусмотри́тельн||ость *ж* פאָרויסזעעוודיקײַט וו; ~**ый** פאָרויסזעעוודיקער

предчу́вств||ие *с* פאָרגעפיל ז ־ן; ~**овать** *несов.* פילן פאָרויס, האָבן* דאָס [א] פאָרגעפיל; он ~овал беду́ ער האָט געפילט, אז ס׳וועט געשען אן אומגליק, דאָס הארץ האָט אים געזאָגט, אז ס׳וועט געשען אן אומגליק; я ~ую, что мы бу́дем друзья́ми בא מיר איז אזא געפיל [א פאָרגעפיל], אז מיר וועלן זײַן פרײַנט

предше́ственн||ик *м* = פאָרגייער מ; ~**ица** *ж* פאָרגייערן װ ־ס

предше́ствовать *несов.* (*дат.*) גיין* פאר, זײַן* פאר

предше́ствующий פאָריקער, פאָרגייענדיקער

предъяви́тел||ь *м* דערלאַנגער מ; чек на ~я זיכט־טשעק מ ־ן

предъяви́ть *сов.* 1. (*показать*) דערלאַנגען; ~ про́пуск דערלאַנגען [ווײַזן*] דעם דורכלאָז־שײַן; 2.: ~ тре́бования *кому-л.* דערלאַנגען פאָדערונגען עמעצן, פאָדערן בא [פון] עמעצן; ~ *кому-л.* обвине́ние в уби́йстве *юр.* אינקרימינירן עמעצן א מאָרדטאַט, באשולדיקן עמעצן אין א מאָרד

предъявля́||ть *несов. см.* предъяви́ть; совреме́нное произво́дство ~ет высо́кие тре́бования к рабо́чим די מאָדערנע פראָדוקציע שטעלט גרויסע° פאָדערונגען צו די ארבעטער

предыду́щий פריערדיקער, פאָריקער, פאָרגייענדיקער; ~ ора́тор דער פאָריקער [דער פריערדיקער] רעדנער; ~ ме́сяц דער פאָריקער כוידעש

прее́мник *м* = נאָכקומער מ; (*продолжатель тж.*) יוירעש מ (מצ. יאָרשים)

прее́мственн||ость *ж* העמשעכדיקײַט װ; ~**ый** העמשעכדיקער

пре́жде 1. *нареч.* (*раньше*) פריער; (*сначала тж.*) צוערשט; как и ~ ווי פריער; ~ поду́май, пото́м говори́ פריער [צוערשט] גיב א טראַכט, דערנאָך רעד; 2. *предлог с род. п.* פריער פון, פאר; он пришёл ~ всех ער איז געקומען פאר אלעמען; ◇ ~ всего́ פאר אלעם, קודעמקאָל, צום אלעם ערשטן; ~ чем *союз* אײדער, פאר; ~ чем уе́хать, позвони́те אײדער איר וועט אוועקפאָרן, קלינגט אָן, פארן אוועקפאָרן קלינגט אָן

преждевре́менн||ость *ж* פריצײַטיקײַט װ; ~**ый** פריצײַטיקער, צו פריער; ~ая смерть א פריצײַטיקער טויט; ~ая ра́дость א צו פריע פרייד, א צו פרי פרייען זיך; ~ые ро́ды פריער געבורט, א געבורט פאר דער צײַט

пре́жн||ий פריערדיקער, פארגאנגענער, אמאָליקער; в ~ее вре́мя אין די פארגאנגענע [פריערדיקע] צײַטן

президе́нт *м* פרעזידענט מ ־ן

прези́диум *м* פרעזידיום מ ־ס; Прези́диум Акаде́мии нау́к СССР דער פרעזידיום פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר; Прези́диум Верхо́вного Сове́та СССР דער פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר

презира́||ть *несов.* 1. פאראכטן; 2. (*пренебрегать*): он ~ет опа́сность ער רעכנט זיך ניט מיט געפאַרן, אים שטעלן ניט אָפ קיין געפאַרן

презре́н||ие *с* פאראכטונג װ, ביטל מ; относи́ться с ~ием באציִען* זיך מיט פאראכטונג [מיט ביטל]; ~**ный** ניוועדיקער; ◇ ~ный мета́лл *шутл.* מאַמטאָקים מצ., קלינגערס מצ.

презри́тельн||ый ביטלדיקער, ביטל־; ~ая улы́бка ביטל־שמייכל מ

преиму́щественн||о *нареч.* הויפטזאכלעך, דעריקער, דערהויפט; ~**ый** 1. הויפטזאכלעכער, איקערדיקער; 2. *юр.*: ~ое пра́во פאָרצוג־רעכט ז; по́льзоваться ~ым пра́вом זײַן* בילכער, זײַן* בארמעצרע

преиму́ществ||о *с* 1. (*достоинство*) פאָרצוג מ ־ן, מעלע װ ־ס; 2. (*особое право*) פריווילעגיע װ ־ס; ◇ по ~у הויפטזאכלעך, דעריקער

преиспо́лненный (*род.*) פול (מיט); ~ благи́х наме́рений פול מיט גוטע קאוואָנעס; ~ реши́мости פעסט אנטשלאָסן

прейскура́нт *м* פרײַזקוראנט מ ־ן, פרייסקוראנט מ ־ן

преклоне́ние *с* פארערונג װ

преклони́ть *сов.*: ~ го́лову פארנייגן זיך, נייגן דעם קאָפ; ~ коле́ни קניִען; ~ знамёна אָנבייגן* די פאָנען

прекло́нн||ый: ~ый во́зраст עלטער װ; челове́к ~ых лет א מענטש אין די עלטערע יאָרן

преклоня́ть *несов. см.* преклони́ть; ~**ся** *несов.* (*перед тв.*) פארערן, האָבן* גרויס אָפשײַ (פאר)

прекосло́вить *несов.* דערוווידערן, אנטקעגן רעדן*

прекра́сн||о 1. *нареч.* וווּנדערלעך, אויסגעצייכנט; я э́то ~о понима́ю איך פארשטיי עס גאנץ גוט; 2. *в знач. сказ.* זייער גוט, א מעכײַע; ле́том здесь ~о זומער איז דאָ א מעכײַע; 3. *в знач. частицы* גוט; ~**ый** 1. (*очень красивый*) וווּנדערשיינער, בילדשיינער; 2. (*отличный*) אויסגעצייכנטער; ~ое настрое́ние א גלענצנדיקע [אן אויסגעצייכנטע] שטימונג; ◇ ~ый пол דער שיינער מין; в оди́н ~ый день אין איין שיינעם טאָג

прекрати́ть *сов.* (*вин.*) מאכן א סאָף (צו); (*прервать*) איבעררײַסן*; (*перестать делать что-л.*) אופהערן; ~ рабо́ту אופהערן ארבעטן, איבעררײַסן* די ארבעט; ~ пре́ния שליסן* די דעבאטן; ~ де́ло в суде́ ליקווידירן דעם איניען אין געריכט; ~ войну́ מאכן א סאָף צו דער מילכאָמע, אופהערן מילכאָמע האלטן; ~ испыта́ния термоя́дерного ору́жия אָפשטעלן [מאכן א סאָף צו] די אויספרוּוון פון נוקלעאַר־וואָפן; ~ ого́нь *воен.* אופהערן שיסן; ~**ся** *сов.* (זיך) אופהערן, א סאָף נעמען*; (*прерваться*) איבערגעריסן ווערן*, איבעררײַסן* זיך

прекраща́ть *несов. см.* прекрати́ть

прекраще́ние *с* אופהערן ז; (*временное*) איבעררײַס מ

преле́стный וווּנדערבארער; באצויבערנדיקער, אנציקנדיקער

пре́лесть *ж* 1. וווּנדערלעכע שיינקײַט, צויבערלעכקײַט װ, מעכײַעדיקײַט װ; ~ новизны́ דער כיין פון נײַקײַט [פרישקײַט]; 2. *в знач. сказ.*: э́то про́сто ~! ס'איז אויסטערליש!, ס'איז מאמעש אן אנטיק!; кака́я ~! א מין שיינקײַט!, סאַראַ פראַכט!

преломи́ть *сов. физ.* איבערברעכן*; *перен.* אופאסן (סוביעקטיוו); ~**ся** *сов. физ.* איבערברעכן* זיך; *перен.* אָפשפיגלען זיך, אָפגעשפיגלט ווערן*

преломле́ние *с* 1. *физ.* רעפראַקציע װ, איבערברעכונג װ; ~ луче́й שטראַלן־איבערברעכונג װ; 2. *перен.* (סוביעקטיווע) אופאסונג װ, אָפשפיגלונג װ

пре́лый (צו)געפוילטער; (*лежалый*) צוגעלעגערטער

прельсти́ть *сов.* 1. (*очаровать*) באצויבערן, נעמען*; 2. (*соблазнить*) פארנאַרן, פארפירן; вряд ли кого́-л. мо́жет ~ тако́е предложе́ние ס'איז א סאָפעק, צי עמעצער וועט זיך אָנכאַפן אין אזא פאָרשלאָג; ~**ся** *сов.* (*тв.*) זיך פארפירן [פארנאַרן] (פון), ניט בײַקומען* דעם ניסאָיען (פון); (*польститься на что-л.*) קוואפען זיך (אף)

прельща́ть(ся) *несов. см.* прельсти́ться

прелю́дия *ж муз.* פרעליודיע װ ־ס

премиа́льн||ый פרעמיע־, פרעמיאַלער; ~ая систе́ма א פרעמיאַלע סיסטעם; ~ые де́ньги פרעמיע־געלט ז; ~ый фонд פרעמיר־פאָנד מ ־ן

премирова́ние *с* פרעמירונג װ, פרעמירן ז

премирова́ть *сов. и несов.* פרעמי́רן

пре́мия *ж* פרעמיע װ ־ס; Междунаро́дная ~ ми́ра צווישנפעלקערלעכע שאָלעם־פרעמיע; ~ за перевыполне́ние пла́на א פרעמיע פאר איבערויספילן דעם פלאן; страхова́я ~ סטראכי́ר־פרעמיע װ

прему́дрост||ь *ж разг.:* ~и טי́פע טוי́רע; велика́ ~ь! אויך מיר א קונץ!

премье́р *м* 1. פרעמיער ח ־ן; פרעמיער־מיניסטער ח ...טאָרן; 2. *театр.* ערשטער אקטיאָר

премье́ра *ж* פרעמיערע װ ־ס

премье́р-мини́стр *м* פרעמיער־מיניסטער ח ...טאָרן

пренебрега́ть *несов. см.* пренебре́чь

пренебреже́ние *с* 1. (*презрительное отношение*) גרינגשעצונג װ; отзыва́ться о *ком-л.* с ~м אָפרופן* זיך גרינגשעצעריש װעגן עמעצן; 2. (*отсутствие внимания к чему-л.*) איגנאָרירן I, דאָס ניט־רעכענען זיך (מיט)

пренебрежи́тельн||о *нареч.* גרינגשעצעריש, מיט ביטל; ~о усмехну́ться א שמייכל טאָן* גרינגשעצעריש; относи́ться к *кому-л.* ~о באציִען* זיך צו עמעצן גרינגשעצעריש [מיט ביטל]; **~ый** גרינגשעצערישער, ביטל־; ~ое отноше́ние א גרינגשעצערישע באציונג, ביטל־באציונג װ

пренебре́чь *сов.* (*тв.*) 1. (*отнестись с презрением*) באציִען* זיך גרינגשעצעריש [מיט ביטל] (צו); 2. (*оставить без внимания*) ניט לייגן קיין אכט (אף); ניט רעכענען זיך (מיט); (*малой величиной — при расчётах*) אָפווארפן*; ~ сове́том ניט לייגן קיין אכט אף דער אײצע, ניט (וועלן*) צוהערן זיך צו דער אײצע; он пренебрёг опа́сностью ער האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער געפאר. ער האָט ניט געקוקט אף דער געפאר, אים האָט ניט אָפגעשטעלט די געפאר

пре́ния *мн.* דעבאטן מצ.

преоблада́ние *с* (*перевес*) איבערוואָג װ; (*господство*) אויבערהאנט װ

преоблада́||ть *несов.* (*численно*) שאפן* די מערהײט; здесь ~ют хво́йные поро́ды дере́вьев דאָ וואקסן צומײנסטן נאָדלביימער; ~ет мне́ние, что... ס׳הערשט א מײנונג, אז...

преоблада́ющ||ий דאָמינירנדיקער, הערשנדיקער, איבערוועגנדיקער; ~ее большинство́ די גרעסטע [די איבערוועגנדיקע] מערהײט

преобража́ть(ся) *несов. см.* преобрази́ть(ся)

преображе́ние *с* איבערגעשטאלטיקונג װ, אומענדערונג װ

преобрази́ть *сов.* איבערגעשטאלט(יק)ן, אומענדערן; **~ся** *сов.* איבערגעשטאלטיקט ווערן*, אומגעענדערט ווערן*, ווערן* גאָר אן אנדערער

преобразова́ни||е *с* 1. (*действие*) איבערגעשטאלטיקונג װ, אומענדערונג װ; (*реорганизация*) רעאָרגאניזירונג װ; план ~я приро́ды דער פלאן פון אומענדערן די נאטור; 2. (*коренное изменение*) אומענדערונג װ ־ען; (*реформа*) רעפאָרם װ ־ען; революцио́нные ~я רעוואָליוציאָנערע אומענדערונגען; 3. *мат.* איבערבילדונג װ

преобразова́тель *м* 1. רעפאָרמירער ח =, איבערבויער ח =; 2. *эл.* אומפאָרמער ח ־ס; (*трансформатор*) טראנספאָרמאטאָר ח ־ס

преобразова́ть *сов.* 1. (*изменить*) אומענדערן, איבערגעשטאלט(יק)ן, איבערמאכן; (*реорганизовать*) רעאָרגאניזירן; ~ приро́ду אומענדערן [איבערמאכן] די נאטור; ~ педагоги́ческий институ́т в университе́т רעאָרגאניזירן דעם פעדאגאָגישן אינסטיטוט אין אן אוניווערסיטעט, מאכן פונעם פעדאגאָגישן אינסטיטוט אן אוניווערסיטעט; 2. *физ.*, *мат.* איבערבילדן; *эл.* טראנספאָרמירן

преодолева́ть *несов. см.* преодоле́ть

преодоле́ние *с* בײַקומען I, דאָס גויווער זײַן

преодоле́ть *сов.* בײַקומען*, גויווער זײַן*; ~ тру́дности בײַקומען* די שוועריקײַטן; ~ все прегра́ды צעשטערן אלע באריערן; ~ нереши́тельность גויווער זײַן* די אומאנטשלאָסנקײַט

препара́т *м* פרעפאראט ח ־ן; витами́нные ~ы וויטאמין־פרעפאראטן מצ.; анатоми́ческий ~ אנאטאָמישער פרעפאראט

препари́ровать *сов. и несов.* פרעפארי́רן

препина́н||ие *с:* зна́ки ~ия אָפשטעל־צייכנס מצ.

препира́тельство *с* אמפערניש I, שפארעניש I

препира́ться *несов.* אמפערן זיך, שפארן זיך

преподава́||ние *с* אונטעריכט ח, אונטעריכטן I; (*преподавательская деятельность*) לערערײַ I; **~тель** *м* לערער ח =; (*вуза тж.*) לעקטאָר ח ..טאָרן; **~тельница** *ж* לערערן װ ־ס; **~ский** לערער־, לערערשער; ~ский коллекти́в לערער־קאָלעקטיוו ח ־ן

преподава́ть *несов.* אונטעריכטן; ~ фи́зику אונטעריכטן פיזיק; ~ в нача́льной шко́ле זײַן* א לערער אין דער אָנפאנגשול

преподнести́ *сов.*, **преподноси́ть** *несов.* 1. אונטערטראָגן*, שענקען*; ~ *кому-л.* цветы́ אונטערטראָגן* [שענקען*] עמעצן בלומען; 2. *разг.* (*сделать или сообщить что-л. неожиданное*) אונטערטראָגן*; ~ *кому-л.* сюрпри́з אונטערטראָגן* עמעצן א סיורפריז; ~ *кому-л.* неприя́тную но́вость אונטערטראָגן* עמעצן א °שלעכט נײַס [א °שלעכטע בסורע]; 3. (*представить, изобразить в каком-л. виде*) אונטערטראָגן*, דערלאנגען; ~ материа́л жи́во и интере́сно אונטערטראָגן* [דערלאנגען] דעם מאטעריאל לעבעדיק און אינטערעסאנט

преподноше́ние *с* (*дар*) מאטאָנע װ ־ס, געשאנק ח ־ען

препроводи́тельн||ый באגלייט־; ~ое письмо́ באגלייט־בריוו ח =

препроводи́ть *сов.*, **препровожда́ть** *несов.* (איבער)שיקן; (*кого-л.*) אוועקפירן

препровожде́ние *с:* ~ вре́мени צײַט־פארטרײַב ח

препя́тстви||е *с* 1. שטערונג װ ־ען, מעניע װ ־ס; натолкну́ться на ~е אָנשטויסן* זיך אף א שטערונג; преодоле́ть все ~я בײַקומען* [גויווער זײַן*] אלע שטערונגען [מעניעס]; 2. *спорт.* באריער ח ־ן

препя́тствовать *несов.* (*дат.*) שטערן, זײַן* א שטערונג [א מעניע] (פאר); (*противиться*) שטעלן מעניעס (דאט.)

прерва́ть *сов.* איבעררײַסן*; (*работу, молитву тж.*) מאפסיק זײַן* *часто ирон.*; ~ уро́к איבעררײַסן* דעם לימעד; ~ перегово́ры איבעררײַסן* די אונטערהאנדלונגען; ~ *кого-л.* איבערשלאָגן* עמעצן די רייד, ארײַנפאלן* עמעצן אין די רייד; вы́стрел прерва́л тишину́ א שאָס האָט געבראָכן די שטילקײַט; **~ся** *сов.* איבעררײַסן* זיך; (*о голосе*) אונטערגעבראָכן ווערן*

пререка́ния *мн.* (*ед.* пререка́ние *с*) אמפערניש I, שפארעניש I; вступи́ть в ~ אָנהייבן* זיך אויסטײַנען, אָנהייבן* זיך שפארן [זיך אמפערן]

пререка́ться *несов.* שפארן זיך, אמפערן זיך, פירן וויקוכים

пре́рии *мн.* (*ед.* пре́рия *ж*) פרעריעס מצ.

прерога́тива *ж* פרעראָגאטיוו װ ־ן

прерыва́ть(ся) *несов. см.* прерва́ть(ся)

прерыва́ющийся: ~ го́лос אן אונטערגעבראָכענע שטים

преры́вист||ость *ж* איבערײַסלעכקײַט װ, איבערגעריסנקײַט װ, אומדורכויסיקײַט װ; ~ый זיך־איבערײַסנדיקער, איבערגעריסענער; (*о линии*) אומדורכויסיקער; ~ое дыха́ние ניט־גלײַכער אָטעם; ~ый звук זיך־איבערײַסנדיקער קלאנג

пресека́ть *несов.*, **пресе́чь** *сов.* (*вин.*) מאכן א סאָף (צו), ניט דערלאָזן*; אָפּשאפן*; ~ зло в ко́рне אויסראָטן* דאָס בײז מיטן װאָרצל

пресле́дован||ие *с* 1. (*погоня*) פארפאָלגונג װ, פארפאָלגן ז, נאָכיאָגן ז; 2. (*гонение*) פארפאָלגונג װ ־ען, רודפן ז, פארפאָלגן ז; суде́бное ~ие געריכטלעכע פארפאָלגונג; ◇ ма́ния ~ия פארפאָלג־מאניע װ

пресле́довать *несов.* (*вин.*) 1. (*гнаться*) פארפאָלגן, נאָכיאָגן זיך (נאָך); 2. (*подвергать гонениям*) פארפאָלגן, רודפן; 3. (*мучить*) פארפאָלגן, ניט לאָזן* רוען; его́ пресле́дует мысль ס'פארפאָלגט אים [ס'לאָזט אים ניט רוען] דער געדאנק; 4.: ~ цель פארפאָלגן א ציל; ~ свои́ интере́сы אין זינען האָבן* די אײגענע אינטערעסן; 5. *юр.* פארפאָלגן; ~ *кого-л.* в суде́бном поря́дке פארפאָלגן עמעצן געריכטלעך, פארפאָלגן עמעצן דורכן געריכט

пресловýтый פארנאנטער, גערימטער

пресмыка́ться *несов.* (*о человеке*) קריכן* אונטער די נעגל, קריכן* אף אלע פיר

пресмыка́ющиеся *мн. зоол.* רעפטיליעס מצ.

пресново́дный זיסוואסערדיקער

пре́сный 1. (*о воде*) זיסער, אומגעזאלצענער; (*о тесте*) אומגעזײַערטער; 2. *перен.* פלאכער; אָן זאלץ *после сущ.*; נודנע(ר) *тж. неизм.*

пресс *м* 1. פרעס מ ־ן; 2. *перен.* דרוק מ; нало́говый ~ שטײַערנדרוק מ

пре́сс||а *ж* 1. פרעסע װ; 2. *собир.* (*корреспонденты, журналисты*) פרעסע װ, פרעסע־פאָרשטייער מצ.; места́ для ~ы די ערטער פאר דער פרעסע [פאר די פרעסע־פאָרשטייער]

пресс-бюро́ *с нескл.* פרעסביוראָ ז, װ ־ען

пресс-конфере́нция *ж* פרעסע־קאָנפערענץ װ ־ן

прессо́ванный געפרעסטער

прессова́ть *несов.* פרעסן

прессо́вщик *м* = פרעסער מ

пресс-папье́ *с нескл.* פרעספאפיע מ ־ען; (*с промокательной бумагой тж.*) קלעקער מ ־ס

престаре́лый זקינישער, גרײַז־גרויער

прести́ж *м* פרעסטיזש מ; подорва́ть *чей-л.* ~ אונטערײַסן* [אונטערגראָבן*] עמעצנס פרעסטיזש

престо́л *м* טראָן מ ־ען; взойти́ на ~ אָנהייבן* קיניגן; све́ргнуть с ~а אראָפּוואַרפן* (פונעם טראָן); отре́чься от ~а אָפּזאָגן זיך פונעם טראָן

преступле́ни||е *с* פארברעכן מ ־ס, פארברעך מ ־ן; *перен. тж.* זינד װ =; ~е про́тив челове́чества א פארברעכ(ן) קעגן דער מענטשהײַט; соверши́ть ~е באגיין* א פארברעכ(ן); пойма́ть *кого-л.* на ме́сте ~я כאפן עמעצן באם באגיין דעם פארברעכ(ן); כאפן עמעצן פאר דער האנט *разг.*

престу́пн||ик *м* פארברעכער מ =; вое́нный ~ик קריגס־פארברעכער מ =; ~ица *ж* פארברעכערן װ ־ס; ~ость *ж* 1. פארברעכערישקײַט װ; ~ость за́мысла די פארברעכערישקײַט פון אָט דעם פלאן; 2. *юр.* פארברעכלעכקײַט װ; די צאָל פארברעכנס; борьба́ с ~остью קאמף מיט דער פארברעכלעכקײַט; ~ый פארברעכערישער; ~ая небре́жность פארברעכערישע נאכלעסיקײַט; ~ый мир אונטערוועלט װ

пресы́титься *сов.*, **пресыща́ться** *несов.* (*тв.*) איבערזעטיקן זיך (מיט)

пресы́щенный איבערגעזעטיקטער

претворе́ние *с:* ~ в жизнь פארווירקלעכונג װ, פארווירקלעכן ז

претвори́ть *сов.:* ~ в жизнь פארווירקלעכן, רעאליזירן; (*воплотить*) פארקערפערן; ~ся *сов.* 1. (*перевоплотиться*) אומגעשטאלטיקט ווערן*; פארקערפערט ווערן*; 2. (*осуществиться на деле*) פארווירקלעכט ווערן*, רעאליזירט ווערן*; его́ мечты́ претвори́лись в жизнь זײַנע טרוימען זײַנען פארווירקלעכט געוואָרן

претенде́нт *м* פרעטענדענט מ ־ן; ~ на зва́ние чемпио́на דער פרעטענדענט אפן טיטל טשעמפּיאָן [אפן טשעמפּיאָן־טיטל]

претендова́ть *несов.* (на *вин.*) 1. פרעטענדירן (אף); 2. (*приписывать себе какие-л. качества*) האָבן* פרעטענזיעס (אף); ~ на остроу́мие האָבן* פרעטענזיעס אף שארפזין, האלטן* זיך פאר שארפזיניק

прете́нзи||я *ж* 1. (*требование, жалоба*) פרעטענזיע װ ־ס, טײַנע װ ־ס; зако́нная ~я א געזעצלעכע פרעטענזיע; заяви́ть ~ю פרעטענדירן; 2. (*стремление произвести впечатление*) פרעטענזיע װ ־ס; челове́к без ~й א מענטש אָן פרעטענזיעס, א באשיידענער מענטש; одева́ться с ~ей на мо́ду קליידן זיך מיט פרעטענזיע אף מאָדישקײַט; ◇ быть в ~и на *кого-л.* האָבן* פרעטענזיעס [טײַנעס] צו עמעצן

претерпева́ть *несов.*, **претерпе́ть** *сов.* 1. (*пережить, испытать*) איבערטראָגן*, אויסשטיין*, לײַדן*; мно́гое претерпе́ть אויסשטיין* גענוג [אָנלײַדן* זיך]; 2. (*подвергнуться чему-л.*): претерпе́ть измене́ния פארענדערט ווערן*, ענדערן זיך (שטארק)

прети́ть *несов.* זײַן* דערווידער

преткнове́н||ие *с:* ка́мень ~ия שטרויכל־שטיין מ ־ער, עוון־נעגעף מ

преть *несов.* 1. (*сов.* сопре́ть; *гнить*) פוילן, צוגעפוילט ווערן*; 2. (*сов.* упре́ть) *разг.* (*о пище*) פריען, צוגעפריעט ווערן*

преувеличе́ние *с* גוזמע װ (מצ. גוזמאָעס); э́то ~ דאָס איז א גוזמע, דאָס איז איבערגעטריבן; не бу́дет ~м сказа́ть, что… ס'וועט ניט זײַן קיין גוזמע, אויב מיר וועלן זאָגן, אז…

преувели́чивать *несов.*, **преувели́чить** *сов.* איבערטרײַבן*, מעגאזעם זײַן*; ~ *чьи-л.* заслу́ги מעגאזעם זײַן* עמעצנס פארדינסטן; он преувели́чивает ער טרײַבט איבער

преуменьша́ть *несов. см.* преуме́ньшить

преуменьше́ние *с* פארמינערונג װ, פארמינערן ז

преуме́ньшить *сов.* פארמינערן

преуспева́ть *несов.* 1. *см.* преуспе́ть; 2. *ирон.* גיין* בארג־ארויף, מאכן גוטע געשעפטן

преуспе́ть *сов.* (в *предл.*) מאכן [האָבן*] דערפאָלגן (אין), מאצליעך זײַן* (אין)

пре́фикс *м грам.* פרעפיקס ם ־ן

преходя́щий פארגענגלעכער, פאָריבערגייענדיקער

прецеде́нт *м* פרעצעדענט ם ־ן; э́то не име́ет ~ов דאָס האָט ניט קיין פרעצעדענטן, אזוינס איז נאָך ניט געווען

при *предлог с предл. п.* 1. (*возле*) בא; ~ вхо́де באם ארײַנגאנג; ~ доро́ге באם וועג; 2. (*в присутствии*) אין אָנוועזנהייט פון, פאר; ~ свиде́телях אין אָנוועזנהייט פון אידעס, פאר אידעס; ~ наро́де פארן גאנצן אוילעם; 3. (*в эпоху*) פאר, אין די צײַטן; ~ Петре́ I פאר פעטער דעם ערשטן, אין די צײַטן פון פעטער דעם ערשטן; 4. (*для обозначения обстоятельств совершения действия*) בא; ~ све́те луны́ בא דער שײַן פון דער לעוואָנע; ~ перехо́де у́лицы באם איבערגיין די גאס; ~ слу́чае בא א געלעגנהייט; ~ изве́стных усло́виях בא געוויסע באדינגונגען; 5. (*несмотря на*) בא; ~ всех его́ досто́инствах בא [ניט געקוקט אף] אלע זײַנע מעלעס; ~ всём моём уваже́нии к нему́ בא מײַן גאנצער אכטונג צו אים; 6. (*имея в наличии*) אין, מיט; *часто предлогом не переводится;* он ~ га́лстуке ער איז אין [מיט] א שניפס; он был ~ ору́жии ער האָט געהאט מיט זיך געווער, ער איז געווען באוואָפנט; он ~ деньга́х ער האָט געלט; 7.: ~ по́мощи מיט דער הילף; ~ жела́нии אז מע וויל; אז ס׳איז פאראן א באגער; он при́ смерти ער האלט באם שטארבן, ער גייט אויס; ◇ прилага́я ~ сём בײַלייגנדיק

приба́вить *сов.* 1. צוגעבן*; ~ са́хару צוגעבן* [ארײַנטאָן* נאָך] צוקער; к десяти́ ~ пять צוגעבן* צו צען פינף, צונויפלייגן צען מיט פינף; к э́тому тру́дно что-нибудь ~ ס׳איז שווער צו דעם (וואָס איז געזאָגט) וואָס־ניט־איז צוגעבן; 2. (*увеличить*) פארגרעסערן, מאכן מער [גרעסער]; ~ *кому-л.* окла́д העכערן עמעצן דאָס געהאלט; ~ ша́гу שפאנען גיכער, מאכן גרעסערע טריט; 3. *разг.:* ~ в ве́се ארופנעמען* וואָג

приба́ви||ться *сов.* 1. צוקומען*; ~лось мно́го учени́ков ס׳איז צוגעקומען א סאך שילער; 2. *обыкн. безл.* פארגרעסערן זיך, גרעסער ווערן*; воды́ ~лось ס׳איז צוגעקומען וואסער; дни ~лись די טעג זײַנען געוואָרן גרעסער [לענגער]; 3. *разг.:* ~ться в ве́се ארופנעמען* וואָג

приба́вк||а *ж* 1. (*зарплаты*) העכערונג וו (פון), הויסאָפּע וו ־ס (אף); получи́ть ~у באקומען* א הויסאָפּע; 2. (*увеличение, рост*) צוקום ם, צוקומען ז; ~а в ве́се דער צוקום אין וואָג

прибавля́ть(ся) *несов. см.* приба́вить(ся)

приба́вочн||ый צוגאָב־, נאָך א; ~ая по́рция צוגאָב־פּאָרציע וו, נאָך א פּאָרציע; ◇ ~ая сто́имость *эк.* מערווערט וו

прибау́тка *ж* ווערטל ז (וויציק)

прибега́ть¹ *несов. см.* прибежа́ть

прибега́ть² *несов. см.* прибе́гнуть

прибе́гнуть *сов.* ווענדן* זיך; ~ к *чьей-л.* по́мощи אָנקומען* צו עמעצנס הילף; ~ к кра́йним ме́рам (מוזן*) אָנווענדן עקסטרעמע מיטלען

прибедня́ться *несов. разг.* מאכן זיך פאר א נעבעכל

прибежа́ть *сов.* קומען* צו לויפן

приберега́ть *несов.*, **приберéчь** *сов.* צוהאלטן*; ~ де́ньги на о́тпуск צוהאלטן* [לאָזן*] געלט אף דער אורלויבצײַט

прибива́ть *несов. см.* приби́ть

прибира́ть *несов. см.* прибра́ть

приби́ть *сов.* 1. (*прикрепить*) צוקלאפן, צושלאָגן*; ~ каблуки́ צושלאָגן* [צוקלאפן] אָפּצאָסן; 2.: ~ пыль אראָפּזעצן [צונעצן] דעם שטויב; 3. (*пригнать силой воды*) צוטרײַבן*; ~ к бе́регу צוטרײַבן* צום ברעג

приближа́ть *несов.* 1. *см.* прибли́зить; 2. (*об оптических приборах*) מאכן נענטער

приближённый¹ *мат.* דערנענטערטער

приближённый² 1. (*о людях*) נאָענטער; 2. *в знач. сущ. м* מעקורעוו ם (מצ. מעקוראָווים)

приблизи́тельн||о *нареч.* אן ערעך, בערעך, אומגעפער; (*о времени тж.*) ארום; ~ый בערעכדיקער, אומגעפערער

прибли́зить *сов.* 1. (*поднести, придвинуть*) צוטראָגן*; ~ запи́ску к глаза́м צוטראָגן* דאָס צעטעלע צו די אויגן; 2. (*сделать более близким*) דערנענטערן; ~ предприя́тия к исто́чникам сырья́ דערנענטערן די אונטערנעמונגען צו די רויווארג־קוואלן; ~ побе́ду דערנענטערן [מאכן נענטער] דעם זיג; ~ *кого-л.* к себе́ מעקאָרעוו זײַן* עמעצן; דערנענטערן עמעצן צו זיך; ~ся *сов.* 1. (*подойти ближе*) דערנענטערן זיך, צוקומען* נענטער; 2. (*по времени*) דערנענטערן זיך, ווערן* נענטער; реши́тельный моме́нт прибли́зился דער אנטשיידענער מאָמענט האָט זיך דערנענטערט [איז געוואָרן נאָענט°]; 3. (*приобрести сходство с чем-л.*) דערנענטערן זיך; ~ к лу́чшим образца́м דערנענטערן זיך צו די בעסטע מוסטערן

прибо́й *м* אָנפלוס־כוואליעס מצ., כוואליענשלאָג ם

прибо́р *м* 1. אפאראט ם ־ן, מאכשיר ם (מצ. מאכשירים); измери́тельный ~ מעסט־אינסטרומענט ם ־ן; нагрева́тельный ~ ווארעם־אפאראט ם ־ן; 2. (*набор*) קאָמפּלעקט ם ־ן; пи́сьменный ~ שרײַב־קאָמפּלעקט ם ־ן; столо́вый ~ געדעק ז ־ן

прибра́ть *сов. разг.* 1. (*привести в порядок*) צוראמען, אופראמען, צוקלײַבן*; ~ ко́мнату אופראמען [צוראמען, צוקלײַבן*] אין צימער; 2. (*убрать*) צונעמען*; ◇ ~ к рука́м (*что-л.*) ווערן* דער באלעבאָס איבער עפּעס; ארײַנעמען* צו זיך אין די הענט (ארײַן); (*кого-л.*) נעמען* אין די הענט; ~ся *сов. разг.* אופראמען

прибре́жный בײַברעגיקער

прибыва́||ть *несов. см.* прибы́ть; вода́ в реке́ всё ~ла די וואסער אין טײַך האָט געהאלטן אין איין צוקומען

при́быль *ж* 1. רעווועך ם (מצ. רעוואָכים); приноси́ть ~ געבן* רעווועך; 2. (*увеличение, рост*) צוקום ם, צוּוווּקס ם; ~ный רעווועכדיקער; וואָס גיט רעווועך *после сущ.;* ~ное предприя́тие אן אונטערנעמונג, וואָס גיט רעווועך, א רענטאבעלע אונטערנעמונג

прибы́ти||е *с* אָנקומען ז; по ~и (גלײַך) נאָכן אָנקומען

прибы́ть *сов.* 1. (*куда-л.*) אָנקומען*; 2. (*прибавиться*) צוקומען*; вода́ си́льно прибыла́ ס׳איז צוגעקומען א סאך וואסער

прива́л *м* 1. (*остановка*) אָפּשטעל ם (אף אָפּרו); сде́лать ~ אָפּשטעלן זיך (אף אָפּרו); 2. (*место отдыха*) אָפּשטעל ם, אָפּשטעל־אָרט ז

привáливать *несов.*, **привали́ть** *сов.* 1. (*придвинуть*) צוקאטשען; 2. (*о судах*) צושטײן*; ◇ ему́ привали́ло сча́стье ער איז מיטאמאָל באגליקט געוואָרן

привезти́ *сов.* ברענגען* (צו פירן); ~ дрова́ ברענגען* צו פירן האָלץ

приверéд‖ливый *разг.* איבערקלײַבערישער; קאפריזנע(ר) *тж. неизм.*; **~ничать** *несов. разг.* איבערקלײַבן*; קאפריזעווען, זײַן* קאפריזנע

привéржен‖ец *м* אָנהענגער מ =; אדעפט מ ־ן *высок.*; **~ность** *ж* איבערגעגעבנקײַט װ; (*склонность*) גענײגטקײַט; **~ный** איבערגעגעבענער; (*склонный*) גענײגטער; (*наукам и т.п.*) (אין) ארײַנגעטאָנענער; וואָס גיט זיך אָפּ בלויז (מיט) *после сущ.*

привéсить *сов.* אָנהענגען*

приве‖сти́ *сов.* 1. (*доставить*) ברענגען* (צו פירן); ~ди́ его́ сюда́ ברענג אים אהער; он обеща́л ~сти́ своего́ това́рища ער האָט צוגעזאָגט ברענגען צו פירן זײַנעם א כאווער; 2. (*указать направление*) ברענגען*; доро́га ~ла́ к реке́ דער וועג האָט געבראכט צום טײַך; следы́ ~ли́ охо́тника к норе́ די שפורן האָבן געבראכט [צוגעפירט] דעם יעגער צו דער נאָרע; 3. (*служить поводом для прихода куда-л.*) ברענגען*; что вас сюда́ ~ло́? וואָס האָט אײַך אהער געבראכט?; 4.: ~сти́ *кого-л.* к вы́воду ברענגען* עמעצן צו דעם אויספיר; ~сти́ *кого-л.* к мысли о... ארופירן עמעצן אפן געדאנק, אז...; 5. (в *вин.*; *повергнуть*) ארײַנברענגען*; ~сти́ *кого-л.* в восто́рг ארײַנברענגען* עמעצן אין אנציקונג [אין היספּײַלעס]; ~сти́ в отча́яние ארײַנברענגען* אין ייִעש; ~сти́ в изумле́ние דערשטוינען; 6.: ~сти́ *что-л.* в гото́вность ברענגען* עפעס אין גרײטקײַט, גרײט מאכן עפעס; ~сти́ в движе́ние ברענגען* עפעס אין באוועגונג, באוועגן עפעס; ~сти́ в исполне́ние אויספירן, אויספילן; 7. (к *дат.*, *быть причиной чего-л.*) גורעם זײַן*; ~сти́ *кого-л.* к ги́бели גורעם זײַן* עמעצנס טויט; ~сти́ к пораже́нию ברענגען* צו א מאפּאָלע; 8. (*ссылаться на что-л.*) ברענגען*; ~сти доказа́тельства ברענגען* [צושטעלן] באווײַזן; ~сти́ цита́ту ברענגען* א ציטאטע; ~сти́ приме́р ברענגען* א בײַשפּיל; ~сти́ *кого-л.* в приме́р ברענגען* [שטעלן] עמעצן ווי [פאר] א בײַשפּיל; ◇ ~сти́ в себя́ (*упавшего в обморок*) אָפּמינטערן; (*задумавшегося*) אומקערן צו דער ווירקלעכקײַט; ~сти́ к о́бщему знамена́телю אויסגלײַכן* די דײַטערס, דערפירן [צופירן] צו איין דײַטער; э́то не приведёт ни к чему́ хоро́шему קיין גוטס וועט דערפון ניט ארויסקומען

привéт *м* גרוס מ ־ן; переда́йте ~ ва́шим роди́телям גריסט אײַערע עלטערן; с това́рищеским ~ом מיט כאווערישן גרוס

привéтлив‖ость *ж* צוגעלאָזנקײַט װ, ליבלעכקײַט װ; **~ый** צוגעלאָזענער, ליבלעכער

привéтственн‖ый באגריס־, באגריסונג(ס)־, גראטוליר־; **~ая** речь באגריסונגס־רעדע װ ־ס; **~ая** телегра́мма באגריסונגס־טעלעגראם װ ־ען

привéтств‖ие *с* באגריסונג װ ־ען; **~овать** *несов.* באגריסן; серде́чно ~овать הארציק באגריסן; ~ую вас! זײַט (מיר) געגריסט!; э́то мо́жно то́лько ~овать דאָס קען מען נאָר באגריסן

привéшивать *несов. см.* привéсить

привива́ть(ся) *несов. см.* приви́ть(ся)

приви́вка *ж* 1. *с.-х.* צושטעפן ז, אָקולירן ז; ~ плодо́вых дере́вьев צושטעפן [אָקולירן] פרוכטביימער; 2. *мед.* וואקצינאציע װ ־ס; ~ о́спы דאָס שטעלן פּאָקן

привидéние *с* געשפענסט ז ־ער

приви́де‖ться *безл. разг.*: мне ~лось מיר האָט זיך אויסגעדוכט; (*во сне*) ס'האָט זיך מיר געכאָלעמט, כ'האָב געזען אין כאָלעם

привилегиро́ванный פריווילעגירטער

привилéгия *ж* פריווילעגיע װ ־ס

привинти́ть *сов.*, **приви́нчивать** *несов.* צושרויפן

приви́ть *сов.* (*вин.*) 1. *с.-х.* (*черенок и т.п.*) צוזעצן, צושטעפן; אָקולירן; (*дерево*) טשעפען, אינאָקולירן; 2. *мед.* ארײַנפירן (א וואקצינע); ~ о́спу שטעלן פּאָקן; 3. (*заставить усвоить*) אײַנפלאנצן, אײַנוואָרצלען; ~ *кому-л.* любо́вь к труду́ אײַנפלאנצן בא עמעצן ליבע צו ארבעט; ~ *кому-л.* трудовы́е на́выки קולטיווירן בא עמעצן ארבעטס־געוווינהײַטן; **~ся** *сов.* 1. *с.-х.* צונעמען* זיך; 2. *мед.* צונעמען* זיך; о́спа привила́сь די פּאָקן האָבן זיך צוגענומען; 3. (*укорениться*) אײַנבירגערן זיך, אײַנגעוואָרצלט ווערן*; э́ти обы́чаи привили́сь во мно́гих стра́нах אָט די מינהאָגים האָבן זיך אײַנגעבירגערט אין א סאך לענדער

при́вкус *м* בײַגעשמאק מ, בײַטאם מ

привлека́тельный צוציִענדיקער; (*о внешности тж.*) כײַנעוודיקער

привлека́ть *несов.*, **привлéчь** *сов.* צוציִען*; ~ *кого-л.* к общéственной рабо́те צוציִען* עמעצן צו געזעלשאפטלעכער ארבעט; ~ к отвéту צוציִען* צו פאראנטוואָרטלעכקײַט; ~ *чьё-л.* внима́ние צוציִען* עמעצנס אויפמערקזאמקײַט; ~ *кого-л.* к суду́ צוציִען* עמעצן צום געריכט; стихи́ привлека́ют своéй свéжестью די לידער ציִען צו [נעמען אויס] מיט זײער פרישקײַט

привнести́ *сов.*, **привноси́ть** *несов.* ארײַנברענגען*, צוגעבן*

приво́д¹ *м* צושטעל מ ־ן

приво́д² *м тех.* טראנסמיסיע װ ־ס

приводи́ть *несов. см.* привести́

приводнéние *с* וואסער־לאנדונג װ

приводни́ться *сов.* לאנדן אפן וואסער

приводно́й *тех.* טרײַב־; ~ ремéнь טרײַב־רימען מ ־ס

приво́з *м* צופיר מ ־ן, דאָס ברענגען צו פירן

привози́ть *несов. см.* привезти́

привозно́й ארײַנגעפירטער; (*заграничный тж.*) אימפּאָרטירטער

приво́ль‖е *с* 1. (*простор*) ראכוועס װ ־ן; 2. (*свобода*) א פרײַ לעבן; здесь дéтям ~е דאָ איז פאר די קינדער א פרײַ לעבן [א גאנײדן]; **~ный** 1. (*просторный*) ראכוועסדיקער; 2. (*свободный*) פרײַער

привора́живать *несов.*, **приворожи́ть** *сов.* באצויבערן, פארקישעפן

привра́тник *м* טויער־היטער מ =, טויער־וועכטער מ =

привстава́ть *несов.*, **привста́ть** *сов.* אונטערהייבן* זיך, אופשטיין* פונעם אָרט

привходя́щ‖ий: ~ее обстоя́тельство בײַ־אומשטאנד מ ־ן, זײַטיקער אומשטאנד

привыка́ть *несов.* (צו)געוווינען זיך

привы́кнуть *сов.* צוגעוווינען זיך, געוווינט ווערן*; ~ к дисципли́не צוגעוווינען זיך צו דיסציפּלין; дéти ско́ро к нам привы́кли די קינדער האָבן זיך צו אונדז גיך צוגעוווינט; он привы́к встава́ть ра́но ער איז געוווינט אויפצושטיין פרי; я не привы́к к э́тому איך בין דערצו ניט געוווינט

привы́чк||а *ж* געוווינהייט II ־ן, געוווינשאפט II ־ן; רעגילעס I ־ן *уст.*: войти́ в ~у ווערן* א געוווינהייט [א רעגילעס]; си́ла ~и די מאכט פון געוווינהייט; у него́ ~а щу́риться ער האָט א טעווע זשמורען זיך; ей без ~и тру́дно ווייל זי איז ניט געוווינט, איז איר שווער; по ~е לויט דער געוווינשאפט

привы́чн||ый 1. *(воше́дший в привы́чку)* געוויינשאפטלעכער; *(обы́чный)* געוויינ(ט)לעכער; ~ым движе́нием מיט א געוויינשאפטלעכער באוועגונג; ~ое де́ло א געוויינלעכע זאך; 2. *(привы́кший)* צוגעוווינטער; *(уме́лый тж.)* געניטער

привя́занн||ость *ж* 1. *(чу́вство бли́зости)* צוגעבונדנקייט II; *(скло́нность)* נייגונג II ־ען; 2. *(предме́т увлече́ния)* פאסיע II ־ס; ~ый צוגעבונדענער; де́ти о́чень привя́заны к воспита́тельнице די קינדער זיינען שטארק צוגעבונדן צו דער דערציערן

привяза́ть *сов.* 1. צובינדן*; 2.: ~ к себе́ *кого-л.* (צו)בינדן* צו זיך עמעצן; ~ся *сов.* 1. צובינדן* זיך; ~ся верёвкой צובינדן* זיך מיט א שטריק; 2. *(чу́вствовать привя́занность)* צובינדן* זיך; о́чень ~ся к *кому-л.* שטארק צובינדן* זיך צו עמעצן; 3. *разг.* *(придра́ться)* צוטשעפען זיך; *(приста́ть тж.)* צושטיין*

привя́зчивый *разг.* 1. *(пре́данный)* צוגעלאָזענער, צוגעלאָזטער; 2. *(придирчивый)* וואָס זוכט צו וואָס צוטשעפען זיך *после сущ.*; вот ~! אָט א פריטשעפע!; 3. *(надое́дливый)* איינגעגעסענער; דערקוטשליווע(ר) *тж. неизм.*

привя́зывать(ся) *несов. см.* привяза́ть(ся)

при́вяз||ь *ж* שטריק מ, שטריקל I; соба́ка на ~и *(у до́ма)* דער הונט איז אף דער קייט; *(на поводке)* דער הונט איז אפן רימען

пригвожда́ть *несов. см.* пригвозди́ть

пригвождённый: как ~ ווי צוגעשמידט; ווי צוגעקאָוועט *разг.*

пригвозди́ть *сов.* צונאָגלען; ◇ ~ к позо́рному столбу́ צונאָגלען צום שאנדסלופ

пригиба́ть(ся) *несов. см.* пригну́ть(ся)

пригла́дить *сов.*, **пригла́живать** *несов.* צוגלעטן; ~ во́лосы צוגלעטן די האָר

пригласи́тельный: ~ биле́т איינלאדונג II ־ען, איינלאדונג(ס)־בילעט מ ־ן

пригласи́ть *сов.*, **приглаша́ть** *несов.* 1. איינלאדן*; *(госте́й тж.)* פארבעטן*, פארופן*; ~ *кого-л.* в го́сти בעטן* עמעצן צוגאסט; ~ *кого-л.* сесть בעטן* עמעצן זיצן; ~ врача́ к больно́му רופן* א דאָקטער צום כוילע; 2. *(проси́ть вы́полнить рабо́ту)* נעמען*; ~ адвока́та נעמען* אן אדוואָקאט; заво́д приглаша́ет на рабо́ту сле́сарей *(объявле́ние)* דער זאוואָד נעמט אוף שלאָסערס

приглаше́ние *с* איינלאדונג II ־ען

приглуша́ть *несов. см.* приглуши́ть

приглушённый *(о звуках)* פארדומפענער

приглуши́ть *сов.* 1. *(звук)* פארדומפן; *(мотор)* אָפשטעלן, אויסשליסן*; 2. *разг.* *(чувство)* אָפשוואכן; *(боль)* לינדערן; 3. *(подавить)* צודריקן; *(критику и т.п.)* שטיקן

пригляде́ть *сов. разг.* 1. (за *тв.*) נאָכקוקן (נאָך), אכטונג געבן* (אף); ~ за ребёнком אכטונג געבן* אפן קינד; 2. *(выбрать для себя)* אויסזוכן*, צוזוכן; ~ся *сов. разг.* 1. צוקוקן זיך; 2. *(освоиться)* צוגעוווינט ווערן*, צוגעוווינען זיך; 3. *(надоесть)* צועסן* זיך

пригля́н||уться *сов. разг.* געפעלן ווערן*; она́ мне ~у́лась זי איז מיר געפעלן געוואָרן

пригна́ть *сов.* 1. *(стадо и т.п.)* ברענגען* צו טרייבן*; 2. *(приладить)* צופאסן; пло́тно ~ дверь גוט° צופאסן [צולאָזן] די טיר

пригну́ть *сов.* צובייגן*, עטוואָס אָנבייגן*; ~ся *сов.* צובייגן* זיך, עטוואָס אָנבייגן* זיך

пригова́ривать *несов.* 1. *см.* приговори́ть; 2. *разг.* זאָגן (דערביי); *(повторять)* איבערכאזערן (דערביי)

пригово́р *м юр.* אורטייל מ ־ן; сме́ртный ~ טויט־אורטייל מ ־ן; привести́ ~ в исполне́ние אויספילן דעם אורטייל

приговори́ть *сов. юр.* פארמישפטן, פארורטיילן; ~ *кого-л.* к сме́ртной ка́зни פארמישפטן [פארורטיילן] עמעצן צו טויט־שטראָף [צום טויט]

пригоди́ться *сов.* צוניץ קומען*

приго́дн||ость *ж* II טויגעוודיקייט; ~ый טויגעוודיקער; וואָס טויג *после сущ.*; ~ая к обрабо́тке земля́ ערד, וואָס טויג אף באארבעט (צו) ווערן; ערד, וואָס מע קען זי באארבעטן

приго́жий *фольк.* כיינעוודיקער

пригоня́ть *несов. см.* пригна́ть

пригора́ть *несов. см.* пригоре́ть

пригоре́лый צוגעברענטער

пригоре́||ть *сов.* צוברענען; ка́ша ~ла די קאשע איז צוגעברענט געוואָרן

при́город *м* II פאָרשטאָט; ~ный ביישטאָטישער; ~ное сообще́ние ביישטאָטישער פארקער; ~ный по́езд ביישטאָטישער צוג

приго́рок *м* בערגל I ־עך

при́горшня *ж* הויפן מ ־ס. זשמעניע II ־ס

пригорю́н||иться *сов. разг.* ווערן* מארעשכוירעדיק; אראָפלאָזן* דעם קאָפ; сиде́ть ~ившись זיצן* פארומערט

пригота́вливать *несов. см.* пригото́вить

приготови́тельн||ый צוגרייט־; ~ый класс צוגרייטקלאס מ ־ן; ~ые рабо́ты צוגרייט־ארבעטן מצ.

пригото́вить *сов.* 1. צוגרייטן; מאכן; ~ посте́ль צוגרייטן [מאכן] דאָס געלעגער, אויסבעטן; ~ *кого-л.* к экза́менам צוגרייטן עמעצן צו די עקזאמענס; 2. *(изготовить)*: ~ обе́д צוגרייטן [אָפקאָכן] וואַרמעס; ~ уро́ки צוגרייטן [מאכן] די לימודים; ~ся *сов.* צוגרייטן זיך; ~ся к отъе́зду צוגרייטן זיך צום אָפפאָר; ~ся к прыжку́ צוגרייטן זיך צום שפרונג

приготовле́ние *с* 1. צוגרייטן I, צוגרייט מ; ~ уро́ков דאָס צוגרייטן [דאָס מאכן] די לימודים; ~ обе́да דאָס צוגרייטן [דאָס (אָפ)קאָכן] וואַרמעס; 2. *мн.* צוגרייטונגען מצ., האכאָנעס מצ.

приготовля́ть(ся) *несов. см.* пригото́вить(ся)

пригрева́ть *несов. см.* пригре́ть

пригре́ть *сов.* 1. צוּוואַרעמען, דערוואַרעמען; 2. *перен.* צולאַנטשען; ◇ ~ змею́ на свое́й груди́ אויסוואַרעמען א שלאנג אין בוזעם

пригрози́ть *сов.* דראָען; צוסטראשען; ~ *кому-л.* судо́м דראָען [צוסטראשען] עמעצן מיטן געריכט; ~ *кому-либо* па́льцем צוסטראשען עמעצן מיטן פינגער

придава́ть *несов. см.* прида́ть

придави́ть *сов.* צודריקן, צוקוועטשן; (*прищемить*) צוקלעמען

прида́ное *с* 1. נאדן מ; 2. (*бельё для новорождённого*) אויסשטײַער מ

прида́ток *м* צוגאָב מ ־ן, צולאָג מ ־ן

прида́точн||ый: ~ое предложе́ние *грам.* בײַזאץ מ ־ן

прида́ть *сов.* צוגעבן*; ~ *чьим-л.* слова́м друго́й смысл צוגעבן* עמעצנס ווערטער אן אנדער זין; ~ си́лу *кому-л.* צוגעבן* עמעצן קראפט; он не прида́л э́тому значе́ния ער האָט דעם ניט צוגעגעבן קיין שום באדײַט, ער האָט דערוף געלייגט ווייניק אכט

прида́ч||а *ж* צוגאָב מ ־ן, צולאָג מ ־ן; дать *что-л.* в ~у געבן* עפּעס אלס צוגאָב; ◇ в ~у דערצו נאָך

придвига́ть(ся) *несов. см.* придви́нуть(ся)

придви́нуть *сов.* צורוקן; ~ стол к окну́ צורוקן דעם טיש צום פענצטער; ~ к себе́ стака́н צורוקן צו זיך [צורוקן נעענטער] די גלאָז; ~ся *сов.* צורוקן זיך

придво́рные *мн.* הויפלײַט מצ.

приде́лать *сов.*, **приде́лывать** *несов.* צומאכן; ~ ру́чку к чемода́ну צומאכן א הענטל צום טשעמאָדאן

придержа́ть *сов.*, **приде́рживать** *несов.* 1. צוהאלטן*; ~ руко́й шля́пу на ветру́ צוהאלטן* מיט דער האנט דעם הוט אפן ווינט; 2. (*не пускать в оборот*) צוהאלטן*, ניט אײַלן זיך פארקויפן [אויסגעבן]

приде́рживаться *несов.* 1. (за *вин.*) צוהאלטן* זיך (אָן, אין), אָנהאלטן* זיך (אָן); ~ за пери́ла צוהאלטן* [אָנהאלטן*] זיך אָן דעם פארענטש; 2. (*род.*; *быть ближе к чему-л.*) האלטן* זיך; ~ пра́вой стороны́ האלטן* זיך רעכטס; 3. (*род.*; *следовать чему-л.*) האלטן* זיך (בא); ~ пра́вила האלטן* זיך באם קלאל; ~ мне́ния האלטן* זיך בא דער מיינונג; ~ поли́тики нейтралите́та אָנהאלטן* א פּאָליטיק פון נייטראליטעט

приди́ра *м и ж разг.* פריטשעפּע מ, װ

придира́ться *несов.* (к *дат.*) טשעפּען זיך (צו)

приди́рка *ж* צוטשעפּעניש װ ־ן

приди́рчивый וואָס טשעפּעט זיך *после сущ.*; (*требовательный*) שטרענגער (צו)

придра́ться *сов.* (к *дат.*) צוטשעפּען זיך (צו)

приду́мать *сов.*, **приду́мывать** *несов.* 1. (*вин.*, + *инф.*; *изобрести*) צוטראכטן, צוקלערן; (*изобрести*) צוטראכטן; непло́хо приду́мано! ניט שלעכט צוגעטראכט! не приду́маю, где его́ иска́ть איך הייב ניט אָן צו וויסן, ווו זוכט מען אים; 2. (*вин.*; *сочинить*) אויסטראכטן; ~ отгово́рку אויסטראכטן א טערעץ

придуши́ть *сов. разг.* דערשטיקן

придыха́ние *с лингв.* אספּיראציע װ ־ס

приеда́ться *сов. см.* прие́сться

прие́зд *м* (אָנ)קומען ז, אָנקום מ, דאָס קומען צו פאָרן

приезжа́ть *несов. см.* прие́хать

прие́зжий 1. נײַ־אָנגעקומענער; אָנגעפאָרענער; 2. *в знач. сущ. м* גאסט מ (מצ. געסט), אָנגעפאָרענער מ ··נע

приём *м* 1. (*в партию, учебное заведение и т.п.*) אופנאם מ, אופנעמען ז; 2. (*гостей, посетителей, делегации и т.п.*) אופנאם מ ־ען; часы́ ~а אופנאם־שאָען מצ.; записа́ться на ~ к врачу́ פארשרײַבן* זיך צום דאָקטער; устро́ить ~ в честь *кого-л.* אײַנאָרדענען [געבן*] אן אופנאם לעקאָוועד עמעצן; 3. (*товаров и т.п.*) צונעמען ז; 4. (*гостеприимство*) אופנאם מ; оказа́ть *кому-либо* раду́шный ~ אופנעמען* עמעצן ווארעם [הארציק]; 5. (*телеграмм, радиосообщений и т.п.*) אופנעמען ז; 6. (*лекарства*) אײַנעמען ז; (*доза*) דאָזע װ ־ס; у меня́ оста́лось аспири́на на оди́н ~ ס'איז בא מיר געבליבן אף איין דאָזע אספּירין; ס'איז בא מיר געבליבן אספּירין אף איין מאָל (אײַנעמען); 7. (*способ*) מעטאָד מ ־ן; גאנג מ (מצ. גענג), מיטל ז ־ען; ра́зные ~ы обрабо́тки פארשײדענע מעטאָדן פון באארבעטונג; иску́сный ~ א קונציקער גאנג; стилисти́ческий ~ סטיליסטישער גאנג; 8.: в оди́н ~ מיטאמאָל, מיט איין מאָל; в не́сколько ~ов אין [פאר] עטלעכע מאָל

прие́млемый אָנעמבארער, אָנעמלעכער

приёмник *м радио* (ראדיאָ־)אופנעמער מ ־ס

приёмн||ый 1. אופנאם־; ~ые часы́ אופנאם־שאָען מצ.; ~ая коми́ссия אופנאם־קאָמיסיע װ ־ס; ~ые экза́мены אופנאם־עקזאמענס מצ.; 2. *тех., радио* אופנעם־; ~ая ста́нция אופנעם־סטאנציע װ ־ס; 3. *в знач. сущ. ж* (אופנאם־)קאבינעט מ ־ן; (*помещение для ожидающих приёма*) ווארטצימער מ ־ן; ◇ ~ый сын אדאָפּטירטער זון; ~ые роди́тели אדאָפּטיר־עלטערן מצ.

приёмочный צונעם־; ~ акт צונעם־אקט מ ־ן

приёмщи||к *м* צונעמער מ ־ס; ~ца *ж* צונעמערן װ ־ס

приёмыш *м разг.* דאָס אדאָפּטירטע קינד

прие́сться *сов. прям. и перен.* צועסן* זיך

прие́хать *сов.* (אָנ)קומען*, קומען* צו פאָרן

прижа́ть *сов.* 1. צודריקן, צוקוועטשן; ~ к груди́ צודריקן צום הארצן; ~ проти́вника к реке́ צושפּארן דעם קעגנער צום טײַך; 2. *разг.* (*притеснить*) צודריקן; ◇ ~ к стене́ *кого-л.* צושפּארן עמעצן צום ווענטל; ~ся *сов.* צודריקן זיך; צוטוליען זיך

приже́чь *сов. мед.* צוברענען; ~ ра́ну йо́дом דעזינפיצירן די וווּנד מיט יאָד

прижива́ться *несов.*, **прижи́ться** *сов.* 1. אײַנלעבן זיך; ~ на но́вом ме́сте אײַנלעבן זיך אין א נײַ אָרט; 2. (*о растении*) צונעמען* זיך

прижига́ть *несов. см.* приже́чь

прижима́ть(ся) *несов. см.* прижа́ть(ся)

прижи́мистый קאמצאָנישער

приз *м* פּריז מ ־ן; переходя́щий ~ אן איבערגײענדיקער פּריז; брать ~ы́ געווינען* פּריזן

призаду́маться *сов.* פארטראכטן זיך, פארקלערן זיך

призва́ние *с* בארוף מ; (*предназначение тж.*) מיסיע װ ־ס

призва́ть *сов.* 1. רופן*; ~ на по́мощь רופן* צו הילף; ~ *кого-л.* в свиде́тели אײדעסן זיך מיט עמעצן; 2. (*на военную службу*) רופן* [נעמען*] אין מיליטער; 3. (к *дат.*, + *инф.*; *привлечь к важному делу*) (אופ)רופן* (צו); ~ боро́ться за мир (אופ)רופן* קעמפן פאר שאָלעם; ~ к сокраще́нию вооруже́ний (אופ)רופן* צו פארקירצן די באוואָפענונגען; 4. (к *дат.*; *потребовать*) רופן* (צו); ~ к поря́дку רופן* צו אָרדענונג; ~ к споко́йствию רופן* זיך בארויקן

призе́мист||ый 1. יאָדערדיקער; 2. (*низкий*) נידעריקער; ~ые до́мики נידעריקע הײַזלעך, הײַזער סאמע בא דער ערד

приземлéние *с* לאַנדונג װ

приземли́ться *сов.*, **приземля́ться** *несов.* לאַנדן

призёр *м* פריזיאָר מ ־ן, = פריז־געווינער מ

при́зма *ж* פריזמע װ ־ס

признавáть(ся) *несов. см.* признáть(ся)

при́знак *м* סימען מ (מצ. סימאָנים); не подавáть ~ов жи́зни ניט ארויסווײַזן* קיין סימאָנים פון לעבן; по всем ~ам לויט אלע סימאָנים

признáние *с* 1. *(действие)* אנערקענונג װ, אנערקענען ז; 2. *(исповедь)* דאָס מוידע זײַן זיך; *(виновного тж.)* שולד־אנערקענונג װ; ~ в любви́ ליבע־דערקלערונג װ; 3. *(общественное уважение)* אנערקענונג װ; заслужи́ть всеóбщее ~ פארדינען אלגעמיינע אנערקענונג

при́знанный אנערקענטער; ~ талáнт אן אנערקענטער טאלאנט

признáтельн||ость *ж* דאנקבארקייט װ; **~ый** דאנקבארער; я вам признáтелен כ'בין אײַך דאנקבאר

признáть *сов.* 1. אנערקענען; ~ *какое-л.* госудáрство אנערקענען א מעלוכע; 2. *(согласиться с чем-л.)*: ~ *чью-л.* правотý אָפגעבן* עמעצן דאָס גערעכט; ~ свою́ оши́бку אנערקענען דעם אייגענעם פעלער; 3. *(прийти к какому-л. заключению)* אנערקענען, דערקלערן; ~ *кого-л.* винóвным אנערקענען [דערקלערן] עמעצן פאר שולדיק; ~ себя́ побеждённым אנערקענען [דערקלערן] זיך פאר באזיגט; ~ полéзным אנערקענען [געפינען*] פאר נוצלעך; **~ся** *сов.* מוידע זײַן* זיך; они́ во всём признáлись זיי האָבן זיך אין אלץ מוידע געווען; ~ся в любви́ דערקלערן זיך אין ליבע; ◇ ~ся (сказáть) אָפן גערעדט. דעם עמעס זאָגנדיק

при́зрак *м* געשפענסט ז ־ער

при́зрачн||ость *ж* אילוזאָרישקייט װ; **~ый** 1. געשפענסטארטיקער; ~ое видéние א געשפענסטארטיקע זעונג; 2. *(мнимый)* אילוזאָרישער; 3. *(неясный)* מעטושטעשער

призрéть *сов. (вин.) уст.* נעמען* אף זיך די אויפזיכט (איבער)

призы́в *м* 1. רוף מ; *(обращение тж.)* אויפרוף מ; 2. *(лозунг)* לאָזונג מ ־ען; Первомáйские ~ы ЦК КПСС לאָזונגען פון צק קפסס צום ערשטן מײַ; 3. *воен.* פריזיוו מ; ◇ Лéнинский ~ לענינישער צורוף

призывáть *несов. см.* призвáть; **~ся** *несов. разг.* שטיין* [שטעלן זיך] צום פריזיוו

призывн||и́к *м* פריזיווניק מ ־עס; **~óй** פריזיוו־; ~óй вóзраст פריזיוו־עלטער מ; ~óй пункт פריזיוו־פונקט מ

призы́вный רוף־; ~ крик רוף מ ־ן

при́иск *м* גרוב װ ־ן, גרובן מ ־ס; золоты́е ~и גאָלד־גרובן מצ.

прискáть *сов.*, **при́искивать** *несов. разг.* צוזוכן

прийти́ *сов.* 1. קומען*, צו גיין קומען*; *(прибыть)* אָנקומען*; ~ домóй אהיים (צו גיין) קומען*; пóезд пришёл с опоздáнием דער צוג איז אָנגעקומען מיט א פארשפעטיקונג; посы́лка должнá ~ чéрез недéлю דאָס פעקל דארף אָנקומען אין א וואָך ארום; 2. *(наступать)* (אָנ)קומען*; пришлá óсень ס'איז (אָנ)געקומען דער הארבסט; пришлó врéмя расстáться ס'איז געקומען די צײַט זיך צעשיידן; 3. *(возникать, появляться)* (אָנ)קומען*, אָנהייבן* זיך; постепéнно к немý пришлá увéренность ביסלעכווײַז איז צו אים געקומען די זיכערקייט; э́то пришлó пóсле егó пéрвого выступлéния на сцéне דאָס האָט זיך אָנגעהויבן [באוויזן] נאָך זײַן ערשטן אויפטריט אף דער בינע; 4. (к *дат.*; *достигнуть*) (צו) קומען*; ~ к заключéнию קומען* צו א באשלוס; ~ к соглашéнию קומען* צו א העסקעם [צו אײַנפארשטענדעניש]; ~ в отчáяние ארײַנפאלן* אין ייִעש; ~ в восхищéние אנציקט ווערן*; ◇ ~ в гóлову, на ум אײַנפאלן*, קומען* אפן געדאנק; ~ в упáдок צו גרונט גיין*; *(об искусстве и т.п.)* דעגראדירן; ~ в себя́ קומען* צו זיך; ~ в движéние קומען* אין באוועגונג, רירן זיך; ~ в чýвство קומען* צו זיך; ~ на пóмощь קומען* צו הילף

прийти́сь *сов.* 1. *(оказаться на каком-л. месте)* אויסקומען*; полóска свéта пришлáсь ей пря́мо на глазá דער פאס שײַן איז איר אויסגעקומען פונקט אף [אין] די אויגן; 2. *(соответствовать чему-л.)* זײַן* (פונקט) צו דער מאָס; боти́нки пришли́сь по ногé די שיך זײַנען (פונקט) צו דער מאָס; 3. *(совпасть с чем-л.)* אויספאלן*; Пéрвое мáя пришлóсь на срéду דער ערשטער מײַ איז אויסגעפאלן (אף) מיטוואָך; 4. *безл.* *(оказаться необходимым)*: мне пришлóсь уéхать איך האָב געמוזט אוועקפאָרן, מיר איז אויסגעקומען אוועקצופאָרן; 5. *безл.* *(случаться)*: мне пришлóсь тяжелó כ'האָב געהאט א שווער שטיקל צײַט; 6. *(причитаться)* אויסטראָגן*; на кáждого пришлóсь по десяти́ рублéй אף יעדן איינעם האָט אויסגעטראָגן צו צען רובל; ◇ ~ *комý-л.* по вкýсу זײַן* עמעצן צום הארצן; ~ кстáти זײַן* צו דער רעכטער צײַט; где придётся ווּ ס'מאכט זיך, ווּ עס וועט זיך מאכן; что придётся וואָס ס'מאכט זיך; וואָס ס'וועט זיך מאכן; וואָס ס'האָט זיך געמאכט

прикáз *м* באפעל מ ־ן; **~áние** *с* פאראָרדענונג מ ־ען; באפעל מ ־ן

приказáть *сов.*, **прикáзывать** *несов.* באפעלן*; ~ *комý-л.* сдéлать *что-л.* באפעלן* עמעצן טאָן עפעס; емý бы́ло прикáзано яви́ться на слéдующий день מע האָט אים געהייסן קומען אפן צווייטן טאָג; как прикáжете вас понимáть? ווי זאָל [דארף] איך אײַך פארשטיין?; ◇ что прикáжете? מיט וואָס קען איך אײַך דינען?; приказáть дóлго жить אָפזאָגן די עטלעכע גילדן; זײַן א גוטער בעטער *уст.*

прикáлывать *несов. см.* приколóть

прикáнчивать *несов. см.* прикóнчить

прикáрмливать *несов.* צוהאָדעווען

прикасáться *несов. см.* прикоснýться

прикати́ть *сов.* 1. צוקאטשען, צוקײַקלען; 2. *разг.* *(приехать)* אָנפאָרן*, געבן* א פאָר צו

прики́дывать(ся) *несов. см.* прики́нуть(ся)

прики́нуть *сов. разг.* 1. *(прибавить)* צוּווארפן*, אונטערווארפן*; 2. *(приблизительно подсчитать)* מאכן דעם כעזשבן, טאָן* א רעכן [א כעזשבן]; ~ в умé א רעכן טאָן* אפן קאָפ; 3. *(определить вес)* א פרווו טאָן* די וואָג (פון); ~ на рукé *что-л.* א וועג טאָן* עפעס אף דער האנט; **~ся** *сов. разг.* מאכן זיך, פארשטעלן זיך; ~ся больны́м מאכן זיך שלאף

приклáд *м* 1. *(оружия)* קאָלבע װ ־ס; 2. *(в портнóвском деле)* דאָקלאד מ, צודאט מ

прикладн||óй אָנווענדלעכער, פראקטישער; ~óе искýсство פראקטישע קונסט; ~ы́е наýки פראקטישע [אָנווענדלעכע] וויסנשאפטן

приклáдывать *несов. см.* приложи́ть

прикле́ивать(ся) *несов. см.* прикле́ить(ся)

приклепа́ть *сов.* צוניט(עווע)ן

приклони́ть *сов.*: ему́ не́где го́лову ~ ער האָט ניט, ווו דעם קאָפּ אנידערצולייגן, ער האָט ניט קיין מאָקעם־מענוכע

приключа́ться *несов. см.* приключи́ться

приключе́н||ие *с* (*происшествие*) פאסירונג װ ־ען, פארלויפעניש װ; (*похождения*) אוואנט(י)ור װ ־ן; иска́тели ~ий אוואנטוריסטן מצ.; ~ческий אוואנט(י)ור־; ~ческий фильм אוואנטיור־פילם ם ־ען

приключи́ться *сов. разг.* טרעפן* זיך, געשען*, פאָרקומען*

прикова́ть *сов.*, **прико́вывать** *несов.* 1. צושמידן, צוקאָווען; 2. *перен.*: страх прикова́л его́ к ме́сту פאר שרעק האָט ער זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט; ~ к себе́ всео́бщее внима́ние צושמידן [צוציִען*] צו זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט; быть прико́ванным к посте́ли ניט קאָנען* אראָפגיין פונעם בעט, זײַן* צוגעשמידט צום בעט

прикола́чивать *несов.*, **приколоти́ть** *сов.* צושלאָגן*, צוקלאפן

приколо́ть *сов.* צושפיליען

прикомандирова́ть *сов.* צוקאָמאנדירן

прико́рм *м* (*грудных детей*) צוגאָב־דערנערונג װ; (*скота*) צוגאָב־פיטער ז, צוגאָב־האָדיווליע װ

прикоснове́ние *с* צוריר ם

прикосну́ться *сов.* צורירן זיך

прикра́сить *сов.* צופוצן, פארשענערן

прикра́с||ы *мн.* (*ед.* прикра́са *ж*) *разг.*: пра́вда без ~ דער עמעס ווי ער שטייט און גייט, דער הוילער עמעס; рассказа́ть о *чём-л.* без ~ דערציילן וועגן עפעס אָן פוצן

прикра́шивать *несов. см.* прикра́сить

прикрепи́ть *сов.* 1. צופעסטיקן; (*привязать тж.*) צובינדן*; (*приколоть*) צושפיליען; 2. (*передать в чьё-л. ведение*) צופעסטיקן; ~ практика́нтов к о́пытным рабо́чим צופעסטיקן די פראקטיקאנטן צו געניטע [דערפארענע] ארבעטער; 3. (*зарегистрировать для обслуживания*) צופעסטיקן; ~ *кого-л.* к поликли́нике צופעסטיקן עמעצן צו א פאָליקליניק

прикрепле́ние *с* 1. צופעסטיקן ז; (*верёвкой и т.п. тж.*) צובינדן ז; (*булавкой*) צושפיליען ז; 2. (*регистрация*) צופעסטיקונג װ

прикрепля́ть *несов. см.* прикрепи́ть

прикри́кнуть *сов.* (на *вин.*) אָנשרײַען* (אף), געבן* א געשריי (אף)

прикрути́ть *сов.*, **прикру́чивать** *несов.* 1. צודרייען; 2. (*фитиль в лампе*) ארײַנדרייען (עטוואָס)

прикры́ть *сов.* 1. צודעקן, פארדעקן; 2. (*скрыть*) פארמאסקירן, פארבאהאלטן*; 3. (*заслонить*) פארשטעלן; (*защитить войсками*) צודעקן; שיצן; ~ наступле́ние צודעקן דעם אָנגריף; ~ фла́нги שיצן די פלאנגען; 4. (*неплотно закрыть*) צומאכן (עטוואָס); 5. *разг.* (*прекратить*) ליקווידירן, פארמאכן, צומאכן; ~ся *сов.* 1. צודעקן זיך (עטוואָס), פארדעקן זיך (עטוואָס); 2. (*скрывать*) פארמאסקירן זיך; (*оправдаться*) פארענטפערן זיך; ~ся красíвыми фра́зами אָפקומען* מיט שיינע ווערטער; 3. (*заслоняться*) פארשטעלן זיך, פארדעקן זיך; ~ся от со́лнца פארדעקן זיך פון דער זון; 4. (*неплотно закрываться*) צומאכן זיך (עטוואָס)

прикупа́ть *несов.*, **прикупи́ть** *сов.* צוקויפן

прику́ривать *несов.*, **прикури́ть** *сов.* פארייכערן; (*от другой папиросы*) צורייכערן

при́ку́с *м* געביס ם ־ן

прикуси́ть *сов.* 1. צובײַסן*; 2.: ~ язы́к אָפבײַסן* די צונג; *перен.* פארמאכן דאָס מויל

прила́в||ок *м* סטאָיקע װ ־ס, טאָמבאנק ם (מצ. ..בענק); рабо́тник ~ка = פארקויפער ם, קראָם־אָנגעשטעלטער ם ..טע

прилага́тельн||ый: и́мя ~ое *грам.* אדיעקטיוו ם ־ן

прилага́ть *несов. см.* приложи́ть 2, 3

прила́дить *сов.*, **прила́живать** *несов.* צופראווען, צופאסן

приласка́ть *сов.* צולאשטשען

прилега́||ть *несов.* 1. (к *дат.*; *примыкать*) זײַן* [ליגן*] בישכיינעס (מיט); 2. (*об одежде*) צושטיין* (גוט), ארומכאפן

прилежа́ние *с* פלײַס ם, האסמאָדע װ

прилежа́щий: ~ у́гол *мат.* בײַליגנדיקער ווינקל

приле́жный פלײַסיקער; ~ учени́к א פלײַסיקער שילער, א טאלמיד א מאסמיד

прилепи́ть *сов.* צוקלעפן; ~ся *сов.* 1. צוקלעפן זיך; 2.: к горе́ прилепи́лись бе́ленькие до́мики צום בארג טוליען זיך ווײַסינקע הײַזלעך

прилёт *м* דאָס קומען צו פליִען; (*самолёта тж.*) אָנקומען ז, אָנקום ם

прилета́ть *несов.*, **прилете́ть** *сов.* קומען* צו פליִען; *разг.* (*примчаться*) קומען* צו יאָגן, ארײַנפליִען*

приле́чь 1. צולייגן זיך; (*поспать*) כאפן א דרעמל; 2. (*пригнуться — о траве и т.п.*) צובייגן* זיך; (*осесть — о пыли*) זעצן זיך

прили́в *м* צופלוס ם ־ן; ~ и отли́в צופלוס און אָפפלוס; ~ кро́ви к голове́ דער צופלוס פון בלוט צום קאָפ; ~ де́нежных средств דער צופלוס פון געלט־מיטלען; ~ революцио́нного движе́ния אָנוווקס פון רעוואָלוציאָנערער באוועגונג; ~ сил א צופלוס פון קויכעס

прилива́ть *несов. см.* прили́ть

прилипа́ть *несов.*, **прили́пнуть** *сов.* 1. צוקלעפן זיך; 2. *разг.* (*приставать*) צושטיין*, צוטשעפען זיך

прили́пчивый 1. קלעפיקער; 2. *разг.* (*заразительный*) קלעפיקער; 3. *разг.* (*о человеке*) אײַנגעגעסענער

прили́||ть *сов.* 1. (*прибавить*) צוגיסן*, דערגיסן*; 2. (*прихлынуть*) צופליסן*, צושטראָמען; кровь ~ла́ к голове́ דאָס בלוט איז ארײַן אין קאָפ (ארײַן), דאָס בלוט האָט צוגעגאָסן צום קאָפ

прили́ч||ие *с* אָנשטענדיקייט װ, איידלקייט װ; соблюда́ть ~ия אופירן זיך פײַן [אָנשטענדיק]; для ~ия פון יויצע וועגן; ~но *нареч.* 1. אָנשטענדיק; веди́ себя́ ~но! פיר זיך אויף אָנשטענדיק!; он ~но оде́т ער איז אָנגעטאָן גאנץ פײַן; 2. *разг.* (*неплохо*) נישקאָשעדיק; чу́вствовать себя́ ~но פילן זיך (גאנץ) נישקאָשעדיק; ~ный 1. אָנשטענדיקער; (*порядочный*) פײַנער; לײַטישער; 2. *разг.* (*неплохой*) נישקאָשעדיקער, גאנץ פײַנער; (*изрядный*) היפשער; ~ная зарпла́та א גאנץ פײַן געהאלט; ~ная су́мма א היפשע סומע

приложе́ние *с* 1. (*в книге и т.п.*) בײַלאגע װ ־ס;

(*в виде отдельной книги, брошюры и т.п.*) צוגאָב מ ־ן; 2. *грам.* אפאָזיציע װ ־ס

приложи́ть *сов.* 1. צולייגן; 2. (*присоединить*) בײַלייגן; к заявлéнию нýжно ~ две фотогрáфии צו דער מעלדונג דארף מען בײַלייגן צוויי פאָטאָגראַפיעס; 3. (*применить*) אָנווענדן; ~ все си́лы אָנווענדן אלע קויכעס

прилунéние *с* דאָס לאנדן אף דער לעוואָנע, לעוואָנע־לאנדונג װ

прилуни́ться *сов.* לאנדן אף דער לעוואָנע

прильнýть *сов.* צודריקן זיך, צוטוליען זיך

примáнивать *несов.*, **примани́ть** *сов. охот.* פארנארן

примáнк||а *ж* לאָקער־שפּײַז װ, פארנארעכץ ז; *перен.* לעקעכל ז ־עך; служи́ть ~ой צוציען*

примелькá||ться *сов. разг.* ווערן* א געוויינלעכע זאך; он ~лся דאָס אויג האָט זיך צו אים צוגעווינט; מע זעט אים זייער אָפט

применéни||е *с* 1. אָנווענדונג װ, אָנווענדן ז; ~е нóвых мéтодов произвóдства דאָס אָנווענדן נײַע פראָדוציר־מעטאָדן; находи́ть ~е אָנגעווענדט ווערן*; достóйный лýчшего ~я וואָס איז ווערט [וואָס פארדינט] א בעסערע אָנווענדונג; ~е вооружённой си́лы דאָס אָנקומען צו געווער, דאָס אָנווענדן געווער; в ~и к *чему-л.* אין באצוג אף [צו] עפעס, בענעגייע צו עפעס; 2. (*к условиям местности*) אדאפטירונג װ

примени́м||ость *ж* אָנווענדבארקײַט װ, אָנווענדלעכקײַט װ; ~ый אָנווענדבארער, אָנווענדלעכער; וואָס מע קען אָנווענדן *после сущ.*

примени́тельно *нареч.* (к *дат.*) אין באצוג (אף, צו), בענעגייע (צו)

примени́ть *сов.* אָנווענדן; (*использовать тж.*) אויסניצן; ~ся *сов.* צופאסן זיך

применя́ть(ся) *несов. см.* примени́ть(ся)

примéр *м* 1. בײַשפּיל מ ־ן; (*образец тж.*) מוסטער מ ־ן; привести́ ~ ברענגען* א בײַשפּיל; ~ мýжества א בײַשפּיל פון מוטיקײַט; ~ великодýшия א בײַשפּיל פון גרויסמוטיקײַט; слéдовать *чьему-л.* ~у (נאָכ)פאָלגן עמעצנס בײַשפּיל; по ~у נאָך [לויט] דעם בײַשפּיל; служи́ть ~ом זײַן* [דינען פאר] א בײַשפּיל; 2. (*математический*) בײַשפּיל מ ־ן; ◇ к ~у צום בײַשפּיל; אשטייגער, לעמאָשל; не в ~ 1) (*в отличие*) אין קעגנזאץ (צו), אין אונטערשייד (פון); 2) (*гораздо*): не в ~ бóльше א סאך [פיל] מער; наказáть для ~а באשטראָפן, מע זאָל האָבן צו געדענקען

примерзáть *несов.*, **примёрзнуть** *сов.* (к *дат.*) צופרירן* (צו), צוגעפרוירן ווערן* (צו)

примéрить *сов.* מעסטן*; (*готовое изделие*) אָנמעסטן*, צומעסטן*

примéрка *ж* אָנמעסטן ז, מעסטן ז

примéрн||о *нареч.* 1. (*образцово*) מוסטערהאפט, מוסטערדיק; вести́ себя́ ~о אויפירן זיך מוסטערהאפט [מוסטערדיק]; 2. (*приблизительно*) אן ערעך; (*почти, около тж.*) קימאט; ~ый 1. (*образцовый*) מוסטערדיקער, מוסטערהאפטער; 2. (*приблизительный*) בערעכדיקער

примеря́ть *несов. см.* примéрить

при́месь *ж* צומיש מ ־ן; с ~ю *чего-л.* מיט א צומיש פון עפעס, געמישט מיט עפעס

примéт||а *ж* סימען מ (מצ. סימאָנים); ◇ имéть на ~е האָבן* אין אויג

приметáть *сов.* צוסטריגעווען

примéтить *сов. разг.* באמערקן; (*запомнить*) פארגעדענקען

примéтный 1. (*заметный*) אָנזיכטיקער, קאָנטיקער; בוילעטער; 2. (*обращающий на себя внимание*) וואָס ווארפט זיך אין די אויגן *после сущ.*

примётывать *несов. см.* приметáть

примечá||ние *с* אָנמערקונג װ ־ען; (*сноска*) פוסנאָטע װ ־ס; ~ние на поля́х ראנד־אָנמערקונג װ ־ען; ~тельный מערקווירדיקער

примечáть *несов. см.* примéтить

примешáть *сов.*, **примéшивать** *несов.* צומישן

приминáть *несов. см.* примя́ть

примирéн||ец *м* פשאָרעניק מ ־עס; ~ие *с* שאָלעם מ; суд закóнчился ~ием сторóн דער מישפעט האָט זיך פארענדיקט מיט א פשאָרע [מיט אן אויסגלײַך] צווישן די צדאָדים; ~ческий פשאָרע־, פשאָרעמאכערישער; ~чество *с* פשאָרעמאכערײַ װ

примири́тельн||ый 1. (*миролюбивый*) פרידלעכער; ~ый тон א פרידלעכער טאָן; 2. *юр.* אויסגלײַך־; ~ые фýнкции אויסגלײַך־פונקציעס מצ.

примири́ть *сов.* (*вин.*) שאָלעם מאכן (צווישן); (*в имущественном споре и т.п. тж.*) אויסגלײַכן*; ~ся *сов.* שאָלעם מאכן; ~ с мы́слью שאָלעם מאכן מיטן געדאנק

примити́вный פרימיטיווער

примкнýть *сов.* (к *дат.*; *присоединиться*) צושטיין* (צו); אָנשליסן* זיך (אָן); ◇ ~ штык ארופטאָן* דעם באגנעט

примóлкнуть *сов. разг.* שטיל ווערן*, אנשוויגן ווערן*

примóрский בײַיאמישער; ~ гóрод א בײַיאמישע שטאָט

примóрье *с* יאם־געגנט װ, א בײַיאמישע געגנט

примóчка *ж* צונעצעכץ ז; свинцóвая ~ בלײַוואסער ז

при́мула *ж* פרימול װ ־ן, שליסלבלום װ ־ען

при́мус *м* פרימוס מ ־ן

примчáться *сов.* קומען* צו יאָגן

примыкáть *несов.* (к *дат.*) 1. *см.* примкнýть; 2. (*быть смежным*) זײַן* [ליגן*] בישכיינעס (מיט)

принадлеж||áть *несов.* 1. (*быть чьей-л. собственностью*) געהערן; дом ~и́т егó роди́телям די שטוב געהערט זײַנע עלטערן; 2. (*быть чьим-л. творением*) געהערן; карти́на ~и́т ки́сти извéстного худóжника דאָס דאָזיקע בילד געהערט [איז א ווערק פון] א בארימטן קינסטלער; комý ~áт э́ти словá? וועמענס ווערטער זײַנען דאָס?; 3. (*быть свойственным кому-л.*) האָבן*, געהערן; хи́мии ~и́т большóе бýдущее כעמיע האָט א גרויסע° צוקונפט; 4. (*входить в состав чего-л.*) געהערן, אָנגעהערן; ~ать к грýппе (אָנ)געהערן צו דער גרופע; э́тот ромáн ~и́т к лýчшим произведéниям мировóго искýсства דער דאָזיקער ראָמאן געהערט צו די בעסטע ווערק פון דער וועלטקונסט; он ~и́т к числý лýчших писáтелей нáшей эпóхи ער געהערט צו די בעסטע [ער איז איינער פון די בעסטע] שרײַבער פון אונדזער עפּאָכע

принадлéжност||ь *ж* 1. *чаще мн.* (*предметы*) געצײַג ז; אקסעסואר מ ־ן; пи́сьменные ~и שרײַבגעצײַג ז; постéльные ~и בעטגעצײַג ז, בעטגעוואנט ז; ~и туалéта טואלעט־אקסעסוארן מצ., טואלעט־דעטאלן מצ.; 2. (*не-*

отъемлемое свойство) גרונט־שטריך מ ־ן, אייגנטימלעכקײַט וו ־ן; 3. (*к организации и т.п.*) אָנגעהעריקײַט וו; кла́ссовая ~ь קלאסן־אָנגעהעריקײַט וו

принаряди́ть *сов. разг.* אויספוצן, פארפוצן; **~ся** *сов. разг.* אויספוצן זיך, פארפוצן זיך

принести́ *сов.* 1. ברענגען*, ברענגען* צו טראָגן; ~ чемода́н ברענגען* (צו טראָגן) דעם טשעמאָדאַן; ~ весть ברענגען* די יעדיִע; 2. (*родить — о животных*) האָבן*; 3. (*давать урожай*) געבן*; 4. (*давать в результате*) ברענגען*, געבן*; ~ при́быль געבן* [ארײַנברענגען*] רעווען; ~ по́льзу ברענגען* נוצ(ן); 5.: ~ благода́рность *кому-л.* באדאנקען עמעצן; ~ в дар *что-л.* שענקען* [אונטערטראָגן*] עפעס; געבן* עפעס פאר א מאטאָנע; ◇ ~ сча́стье *кому-л.* ברענגען* עמעצן גליק; ~ в же́ртву ברענגען* פאר א קאָרבן

принижа́ть *несов. см.* прини́зить

прини́женность *ж* דערנידעריקטקײַט וו

прини́женный 1. דערנידעריקטער; (*выражающий покорность*) האכנאָעדיקער; 2. (*унизительный*) נידעריקער; נעכאָסדאָרגעדיקער *уст.*

прини́зить *сов.* 1. (*унизить*) דערנידעריקן; 2. (*роль, значение*) פארמינערן, פארקלענערן

принима́ть(ся) *несов. см.* приня́ть(ся)

принора́вливать(ся) *несов. см.* принорови́ть(ся)

принорови́ть *сов. разг.* צופאסן; **~ся** *сов. разг.* צופאסן זיך

приноси́ть *несов. см.* принести́

приноше́ние *с* געשאנק מ ־ען

принуди́тельный צוואנג-; ~ труд צוואנג־ארבעט וו

прину́дить *сов.*, **принужда́ть** *несов.* צווינגען*, נייטן

принужде́н||ие *с* צוואנג מ; по ~ию געצוווּנגענערהייט, אונטערן דרוק; без ~ия אָן צוואנג; (*добровольно*) מיט אייגענעם ווילן

принуждённость *ж* געצוווּנגענקײַט וו, ניט־פרײַקײַט וו

принуждённый געצוווּנגענער, ניט־פרײַער; ~ смех א געצוווּנגען געלעכטער

принц *м* פרינץ מ ־ן; (*в сказках и т.п.*) בען־מײלעך מ (מצ. בנײ־מעלאָכים, ־ס); ~е́сса *ж* פרינצעסן וו ־ס; (*в сказках и т.п.*) באס־מאלקע וו ־ס

при́нцип *м* פרינציפ מ (מצ. פרינציפן); ◇ из ~а פרינציפיעל; в ~е אין פרינציפ, פרינציפיעל

принципиа́льн||ость *ж* פרינציפיעלקײַט וו; ~ый פרינציפיעלער; ~ый вопро́с א פרינציפיעלע פראגע; ~ый челове́к א פרינציפיעלער מענטש, א מענטש מיט פעסטע פרינציפן

приня́тие *с* נעמען ז, אָנעמען ז

приня́ть *сов.* 1. (*взять*) נעמען*; 2. (*вступать в управление предприятием и т.п.*) איבערנעמען*; (*пост, должность*) אָנעמען*; ~ ро́ту איבערנעמען* די ראָטע; ~ пост дире́ктора אָנעמען* דעם פאָסטן פון א דירעקטאָר; ~ назначе́ние אָנעמען* די באשטימונג; 3. (*включать в состав чего-л.*) צונעמען*; его́ при́няли в институ́т מע האָט אים צוגענומען אין אינסטיטוט; ~ на рабо́ту צונעמען* אף ארבעט; 4. (*посетителей, гостей и т.п.*) אופנעמען*, צונעמען*; ~ делега́цию אופנעמען* א דעלעגאציע; ~ посла́ אופנעמען* אן אמבאסאדאָר; ~ больно́го צונעמען* א פאציענט; ~ госте́й צונעמען* [אופנעמען*] געסט; хорошо́ ~ *кого-л.* גוט° צונעמען* [אופנעמען*] עמעצן; 5. (*проявить какое-л. отношение к чему-л.*) אופנעמען*; спекта́кль при́няли хорошо́ דעם ספעקטאקל האָט מען גוט° אופגענומען; они́ с большо́й ра́достью при́няли э́ту весть זיי האָבן אופגענומען מיט גרויס° פרייד די דאָזיקע יעדיִע; 6. (*согласиться с чем-л.*) אָנעמען*; 7. (*утвердить*) אָנעמען*, באשטעטיקן; ~ резолю́цию אָנעמען* א רעזאָליוציע; 8. (*по радио, телеграфу, телефону*) אופנעמען*; 9.: ~ реше́ние אָנעמען* א באשלוס, באשליסן*; ~ уча́стие נעמען* אן אָנטייל, באטײליקן זיך; 10. (*стать последователем учения, религии*) אָנעמען*; 11. (*вид, форму*) אָנעמען*, באקומען*; го́род при́нял пра́здничный вид די שטאָט האָט אָנגענומען [באקומען] א יאָמטעוודיק אויסזען; ~ опа́сный хара́ктер אָנעמען* א געפערלעכן כאראקטער; 12. (*лекарство*) אײַנעמען*; ~ миксту́ру אײַנעמען* א מיקסטור; 13. (*подвергнуться какой-л. процедуре*) צונעמען*; ~ ва́нну צונעמען* א וואנע, מאכן זיך א וואנע; 14. (*за вин.; счесть*) רעכענען (פאר), האלטן* (פאר); (*по ошибке*) אָנעמען* (פאר); ~ всерьёз אָנעמען* פאר ערנסט; его́ при́няли за кого́-то друго́го מע האָט אים אָנגענומען פאר עמעצן אנדערש; е́сли я откажу́сь, меня́ при́мут за ненорма́льного *разг.* אויב איך וועל זיך אָפזאָגן, וועט מען מיך האלטן פאר א מעשוגענעם; 15.: ~ ребёнка (*при родах*) נעמען* דאָס קינד; 16.: ~ к све́дению נעמען* צו קענטעניש; ~ чью-л. сто́рону זיך אָנעמען* פאר עמעצן, שטעלן זיך אף עמעצנס זײַט; ~ прися́гу געבן* א שוווּע, שווערן*; ◇ ~ бой אָנעמען* די שלאכט; ~ во внима́ние נעמען* אין אכט; ~ бли́зко к се́рдцу נעמען* זיך צום הארצן; **~ся** *сов.* 1. (*за что-л.; приступить к чему-л.*) נעמען* זיך (פאר עפעס); ~ся за рабо́ту נעמען* זיך פאר דער ארבעט; 2. (*за кого-л.*) *разг.* (*воздействовать*) נעמען* זיך (פאר, צו); 3. (*о растениях*) צונעמען* זיך; (*о вакцине тж.*) אָנעמען* זיך

приободри́ть *сов.* (*вин.*) דערמונטערן, דערמוטיקן, צוגעבן* מוט (דאט.); **~ся** *сов.* הײַטערער ווערן*, מונטערער ווערן*

приобрести́ *сов.*, **приобрета́ть** *несов.* 1. דערווערבן*, אײַנשאפן* זיך; (*купить*) קויפן; 2. (*получить*) באקומען*; ~ ва́жное значе́ние באקומען* א גרויסן° באדײַט; ~ о́пыт אָנזאמלען [באקומען*] דערפארונג; ~ авторите́т דערווערבן* אווטאָריטעט

приобрете́ние *с* 1. דערווערבונג וו, דאָס אײַנשאפן זיך; 2. (*покупка, вещь*) קניע וו ־ס; 3. *перен.* געווינס ז ־ן

приобща́ть(ся) *несов. см.* приобщи́ть(ся)

приобще́ние *с* צובאהעפטונג וו (צו); דאָס באהעפטן זיך (צו)

приобщи́ть *сов.* 1. באהעפטן*; 2. (*документы и т.п.*) צוגעבן*, בײַלייגן; **~ся** *сов.* (*к дат.*) צובאהעפטן* זיך (צו), אָנשליסן* זיך (אָן); ~ся к культу́ре צובאהעפטן* זיך צו קולטור; ~ся к обще́ственной жи́зни אײַנשליסן* זיך [אָנהייבן* זיך באטײליקן] אין געזעלשאפטלעכן לעבן

приоде́ть *сов. разг.* אויסקלײדן, באקלײדן; **~ся** *сов. разг.* אויסקלײדן זיך, אויספוצן זיך

приорите́т *м* פריאָריטעט מ

приостана́вливать(ся) *несов. см.* приостанови́ть(ся)

приостанови́ть *сов.* אָפשטעלן (אף א צײַט), פארהאלטן*; **~ся** *сов.* אָפשטעלן זיך (אף א צײַט), פארהאלטן* זיך

приотвори́ть *сов.*, **приотворя́ть** *несов.* צועפענען

приоткрыва́ть(ся) *несов. см.* приоткры́ть(ся)

приоткры́ть *сов.* צועפענען; ~ глаза́ עטוואָס עפענען [אופמאכן] די אויגן; ~**ся** *сов.* צועפענען זיך

приохо́тить *сов.* (*к дат.*) אײַנפלאנצן ליבע [כיישעק] (צו)

припада́ть *несов.* 1. *см.* припа́сть; 2. (*хромать*): ~ на пра́вую [ле́вую] но́гу אונטערהינקען* [צוהינקען*] אפן רעכטן [לינקן] פוס

припа́д||ок *м* 1. *мед.* אטאקע וו ־ס; אָנפאל מ ־ן; серде́чный ~ок הארץ־אטאקע וו ־ס; 2.: в ~ке гне́ва ווען ס'איז אָנגעקומען [צוגעטראָטן] דער קאס

припа́йка *ж* 1. (*действие*) צולייטן ז; 2. (*припаянная часть*) צולייטעכץ ז

припаса́ть *несов.*, **припасти́** *сов.* (*вин.*) *разг.* פארגרייטן, באזאָרגן זיך (מיט); (*ответ и т.п.*) האלטן* גרייט

припа́сть *сов.* 1. (*к дат.*) צופאלן* (צו); צודריקן זיך (צו); 2. (*на вин.*) אראָפלאָזן* זיך; ~ на коле́но אראָפלאָזן* זיך אף איין קני

припа́сы *мн.* 1. פארגרייטונגען מצ.; съестны́е припа́сы שפײַז־רעזערוון מצ., פראָוויאנט מ, פראָוויזיע וו; 2. *воен.*, *охот.* שיסווארג ז

припая́ть *сов.* צולייטן

припе́в *м* צוזינג מ ־ען, רעפרען מ ־ען

припева́ючи *нареч. разг.*: жить ~ לעבן א גוטן טאָג, לעבן ווי גאָט אין אָדעס

припёк *м*: на ~е אפן זונגלי

припёка: сбо́ку ~ ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן

припека́ть *несов.*, **припе́чь** *сов.* (*о солнце*) בראָטן*, פאליען

припере́ть *сов.*, **припира́ть** *несов.* 1. (*прижать*) צושפארן, צודריקן; 2. (*закрыть*) פארשפארן, צושפארן; ◇ ~ *кого-л.* к стене́ צושפארן עמעצן צו דער וואנט

приписа́ть *сов.* 1. (*прибавить к написанному*) צושרײַבן*; 2. (*причислить к какой-л. организации, территории и т.п.*) צושרײַבן*, צופעסטיקן; 3. (*дат.*; *считать следствием чего-л.*) דערקלערן (מיט); не зна́ю, чему́ э́то ~ איך ווייס ניט, מיט וואָס זאָל מען דאָס דערקלערן; 4. (*счесть принадлежащим кому-то*) צושרײַבן*; э́то стихотворе́ние приписа́ли поэ́ту N אָט די ליד האָט מען צוגעשריבן דעם דיכטער N, פון אָט דער ליד האָט מען גערעכנט [געהאלטן] פארן מעכאבער דעם דיכטער N

припи́ска *ж* 1. (*действие*) צושרײַבן ז; 2. (*дополнение*) צושריפט וו ־ן; (*в конце письма*) פאָסט־סקריפטום מ ־ס; 3. *обыкн. мн. разг.* (*в отчёте и т.п.*) צורעכענונגען מצ.

припи́сывать *несов. см.* приписа́ть

припла́та *ж* צוצאָל מ, צוצאָלן ז

приплати́ть *сов.*, **припла́чивать** *несов.* צוצאָלן

приплести́сь *сов. разг.* קוים דערשלעפן זיך

припло́д *м* צוּוווּקס מ; פליד מ *разг.*

приплыва́ть *несов.*, **приплы́ть** *сов.* צושווימען*; (*о судне и т.п.*) אָנקומען*

приплю́снутый צוגעפלעטשטער

припля́сывать *несов.* אונטערטאנצן, אונטערטענצלען

приподнима́ть(ся) *несов. см.* приподня́ть(ся)

припо́днят||ый: ~ое настрое́ние א געהויבענע שטימונג; ~ый стиль דערהויבענער סטיל

приподня́ть *сов.* 1. (*отделить*) אונטערהייבן*; עטוואָס אופהייבן*; 2. (*загнуть*) פארנעמען* ארויף־צו; ~**ся** *сов.* אונטערהייבן* זיך; ~ся на цы́почках אונטערהייבן* זיך אף די שפיץ פינגער; ~ся на ло́кте אונטערהייבן* זיך אפן עלנבויגן

приподыма́ть(ся) *несов. разг. см.* приподня́ть(ся)

приполза́ть *несов.*, **приползти́** *сов.* צוקריכן*; (*по земле, по полу тж.*) צופויזען

припомина́ть *несов.*, **припо́мнить** *сов.* דערמאָנען זיך, קענען* געדענקען; наско́лько я припомина́ю אף וויפל איך קען געדענקען, אף וויפל מיר געדענקט זיך; не припо́мню его́ и́мени איך קען זיך ניט דערמאָנען זײַן נאָמען, איך קען זיך ניט דערמאָנען, ווי ער הייסט

припра́ва *ж* געווירץ ז ־ן, געוויירץ־סאָוס מ ־ן; פארפראווע וו ־ס *разг.*

припра́вить *сов.* 1. (*пищу*) פארפראווען; ארײַנטאָן* (אין); (*пряностями и т.п.*) צוּווירצן; 2. *перен.* צוּווירצן

припра́вка *ж полигр.* צוריכטן ז

приправля́ть *несов. см.* припра́вить

припря́тать *сов.* צובאהאלטן*, פארבאהאלטן*, פארשטעקן

припу́гивать *несов.*, **припугну́ть** *сов. разг.* אָנשרעקן*, צוסטראשען

припу́дривать(ся) *несов. см.* припу́дрить(ся)

припу́дрить *сов.* צופודערן, עטוואָס אָנפודערן; ~**ся** *сов.* צופודערן זיך, לײַכט אָנפודערן זיך

припуска́ть *несов. см.* припусти́ть

припусти́ть *сов.* 1. *разг.* (*заставить бежать быстрее*) אונטעריאָגן; 2. *разг.* (*побежать быстрее*) גיכער לויפן*; נעמען* די פיס אף די פלייצעס; 3. *разг.* (*о дожде*) א גאָס טאָן* שטארקער; 4. (*в шитье*) נאָכלאָזן*, צולאָזן*; ~ на швы (נאָכ)לאָזן* אף די נעט

припуха́ть *несов. см.* припу́хнуть

припу́хл||ость *ж* אָנגעשוואָלנקייט וו; ~**ый** אָנגעשוואָלענער, אופגעלאָפענער

припу́хнуть *сов.* אָנגעשוואָלן ווערן*, אופלויפן*

прираба́тывать *несов.*, **прирабо́тать** *сов.* צופארדינען

при́работок *м* בײַפארדינסט ז ־ן, צוגאָב־פארדינסט ז ־ן

прира́внивать *несов.*, **приравня́ть** *сов.* (*к дат.*) צוגלײַכן* (צו)

прираста́ть *несов.*, **прирасти́** *сов.* 1. צוּוואקסן*; 2. (*увеличиваться*) פארגרעסערן זיך, גרעסער ווערן*

прираще́ние *с* 1. (*увеличение*) צוּוווּקס מ, פארגרעסערונג וו; 2. *мат.* צוּוווּקס מ

прире́зать *сов.*, **прирезáть** *несов.* 1. קוילען; (*перерезать горло*) איבערשנײַדן* דעם האלדז; 2. (*увеличить земельный участок*) צומעסטן*, צוטיילן

приро́д||а *ж* 1. נאטור וו; зако́н ~ы א געזעץ פון דער נאטור, נאטור־געזעץ מ ־ן; любова́ться ~ой באוווּנדערן די נאטור; охра́на ~ы באשיצונג פון דער נאטור; 2. (*сущность, характер*) נאטור וו, טעווע וו, כאראקטער מ; челове́ческая ~а די מענטשלעכע נאטור [טעווע]; он до́брый по ~е ער איז א גוטער מענטש בעטעווע [לויט זײַן נאטור]; ◇ (слепо́й) от ~ы (א בלינדער) פון געבוירן (אָן); на ло́не ~ы אין שויס פון דער נאטור;

это в ~е вещей דאָס איז א נאטי́רלעכע זאך; דאָס איז בעדע́רעך האטע́ווע *уст.*

приро́дн||ый 1. נאטו́ר־; ~ые бога́тства נאטו́ר־רײַכטימער מצ.; 2. (*врождённый*) געבוי́רענער; ~ый тала́нт א געבוי́רענער טאלא́נט

прирождённый 1. (*врождённый*) געבוי́רענער; 2. (*имеющий все данные для какой-л. деятельности*) געבוי́רענער, ע́כטער; ~ охо́тник א געבוי́רענער [ע́כטער] יעגער

приро́ст *м* צוּוווּקס מ; ~ населе́ния דער צוּוווּקס פון דער באפע́לקערונג

приуча́ть *несов.*, **приучи́ть** *сов.* פארהײ́מישן, צוּגעוווינען

приса́живаться *несов. см.* присе́сть 1, 4

присва́ивать *несов. см.* присво́ить

присвое́ние *с* צוּײ́גענונג וו, צוּײ́גענען ז

присво́ить *сов.* 1. (*завладеть*) צוּײ́גענען, צוּנעמען*; 2. (*дать, предоставить*) צוּײ́גענען; ~ *кому-л.* сте́пень до́ктора юриди́ческих нау́к צוּײ́גענען עמעצן די שטו́פע דאָקטאָר פון יורי́דישע וויסנשאפטן; его́ и́мя присво́ено заво́ду זײַן נאָמען האָט מען צוּגעײ́גנט דעם זאוואָ́ד; נאָך אים איז אָנגערופן דער זאוואָ́ד

приседа́ние *с* 1. צוּזיץ מ ־ן; 2. (*реверанс*) רעווערא́נס מ ־ן

приседа́ть *несов. см.* присе́сть 1, 2

присе́ст *м*: в оди́н ~ מיט איין מאָל, אין איין אָטעם

присе́сть *сов.* 1. צוּזעצן זיך; ~ на ко́рточки קוי́ערן; 2. (*сделать реверанс*) מאכן א רעווערא́נס; 3. *разг.*: мы так и присе́ли (*от неожиданности и т.п.*) מיר זײַנען געווע́ן ווי געפּלע́פט [ווי פארשטא́רט]; 4. (*для отдыха и т.п.*) צוּזעצן זיך

при́сказка *ж лит.* פאָ́רמײַסעלע ז ־עך

прискака́ть *сов.* 1. (*приблизиться скачками*) צוּשפרינגען*, קומען* צו שפרי́נגען; 2. (*верхом на лошади*) צוּרײַטן*, קומען* צו רײַטן; 3. *разг.* (*примчаться, прибыть*) קומען* צו יאָגן

приско́рб||ие *с уст.*: к ~ию צום באדוי́ערן; с глубо́ким ~ием מיט טיפן ווײ́טיק [טרוי́ער]; ~ный טרוי́עריקער; ~ный слу́чай א טרוי́עריקער פאל

приску́чить *сов. разг.* דערע́סן*, נימעס ווערן*

присла́ть *сов.* 1. (*доставить*) (צוּ)שיקן; ~ *кому-л.* де́ньги (צוּ)שיקן עמעצן געלט; 2. (*направить кого-л.*) שיקן; кто вас присла́л? ווער האָט אײַך געשי́קט?

прислони́ть *сов.* (*вин.* к *дат.*) צוּשטעלן (צו), אָנשפארן (אָן); ~ся *сов.* (к *дат.*) צוּשפארן זיך (צו)

прислоня́ть(ся) *несов. см.* прислони́ть(ся)

прислу́га *ж* 1. *уст.* (*служанка*) די́נסט וו ־ן, דינסטמיידל ז ־עך, די́נסטמויד וו (מצ. ־מיידן, ־ן); 2. *собир. уст.* (*слуги*) די́נערשאפט וו; 3. *собир. воен.* הארמא́ט־קאָמאנדע וו ־ס

прислу́живать *несов.* באדי́נען; ~ся *несов. разг.* וועלן* נויסע־כײן זײַן

прислу́жник *м разг.* לאקײ́ מ ־ען, אונטערלעקער מ =, מעשאָ́רעס מ (מצ. מעשאָ́רסים); ~и реа́кции די יוי́צער־מעשאָרסים פון דער רעא́קציע

прислу́шаться *сов.*, **прислу́шиваться** *несов.* (к *дат.*) 1. (*вслушаться*) צוּהערן זיך (צו), אײַנהערן זיך (אין); 2. (*принять к сведению*) צוּהערן זיך (צו); ~ к го́лосу коллекти́ва צוּהערן זיך צו דעם קאָלעקטי́וו, הערן וואָס דער קאָלעקטי́וו זאָגט

присма́тривать(ся) *несов. см.* присмотре́ть(ся)

присмире́ть *сов.* אײַנגעשטילט ווערן*, רוי́קער ווערן*; (*притихнуть*) בלײַבן* שטיל

присмо́тр *м* אוי́פזיכט וו, האשגאָ́כע וו; оста́вить без ~а לאָזן* אָן אוי́פזיכט

присмотре́ть *сов.* 1. (за *тв.*); (*следить*) נאָכקוקן (נאָך), האָבן* אן אויג (אויף); (*заботиться*) אכטונג געבן* (אויף); 2. (*подыскать*) אויסקוקן; ~ся *сов.* 1. (*всмотреться*) צוּקוקן זיך; внима́тельно ~ся גוט° צוּקוקן זיך; ~ся к *кому-л.* צוּקוקן זיך צו עמעצן; 2. (*освоиться с обстановкой*) אײַנלעבן זיך; 3. (*привыкнуть к темноте — о глазах*) צוּגעוווינט ווערן*

присни́||ться *сов.* כאָלעמען זיך; он мне ~лся ער האָט זיך מיר געכאָלעמט; мне ~лся сон איך האָב געזען א כאָלעם

присоедини́ть *сов.* (к *дат.*) 1. (*добавить*) צוּגעבן* (צו); 2. (*включить в состав чего-л.*) פארײ́ניקן (צו), אײַנשליסן* (אין באשטא́נד פון); 3. *эл.* אָנשליסן* (אָן); ~ся *сов.* (к *дат.*) 1. (*войти в число участников*) צוּשטיין* (צו), פארײ́ניקן זיך (צו); 2. (*выразить своё согласие*) פארײ́ניקן זיך (צו); ~ся к *чьему-л.* мне́нию פארײ́ניקן זיך צו עמעצנס מײ́נונג

присо́хнуть *сов.* (к *дат.*) צוּשטיין* (צו), צוּגעטרי́קנט ווערן* (צו)

приспе́шник *м* אונטערשטופער מ ־ס; *мн.* יוי́צער־מעשאָרסים מצ.

приспосо́бить *сов.* צוּפאסן; ~ся *сов.* צוּפאסן זיך

приспособле́нец *м пренебр.* צוּפאסלער מ =, קאָניונקטוּרניק מ ־עס

приспособле́ние *с* 1. צוּפאסונג וו, צוּפאסן ז; 2. (*прибор, механизм*) מאכשיר מ (מצ. מאכשי́רים), אײַנריכטונג וו ־ען

приспособля́ть(ся) *несов. см.* приспосо́бить(ся)

пристава́ние *с* (*надоедание*) צוּשטיין ז

пристава́ть *несов. см.* приста́ть 1, 2, 3, 4

приста́вить *сов.* 1. צוּשטעלן; ~ ле́стницу צוּשטעלן א לײטער; 2. (*пришить*) צוּשטעלן, צוּשטוקעווען

приста́вка *ж грам.* פרע́פיקס מ ־ן

приставля́ть *несов. см.* приста́вить

приставн||о́й צוּגעשטעלטער; ~а́я ле́стница לײטער מ ־ס; ~ы́е сту́лья צוּגעשטעלטע בע́נקלעך

при́стальн||ый אוי́פמערקזאמער, אָנגעשטרענגטער, געשפא́נטער; ~ый взгляд א שא́רפער [אן אוי́פמערקזאמער] קוק; с ~ым внима́нием מיט געשפא́נטער אוי́פמערקזאמקײַט

приста́нище *с* מאָקעם-מענו́כע מ

при́стань *ж* 1. האפן מ ־ס, צוּשטײ־פונקט מ ־ן; 2. *перен.* האפן מ ־ס

приста́ть *сов.* (к *дат.*) 1. (*прикрепиться*) צוּקלעפן זיך (צו), צוּשטיין* (צו); 2. *разг.* (*назойливо просить и т.п.*) צוּשטיין*, צוּטשעפען זיך; 3. *разг.* (*присоединиться к кому-л.*) צוּשטיין* (צו), פארײ́ניקן זיך (צו); 4. (*причалить*) צוּשטיין*, צוּשיפן; 5. *безл. разг.* (+ *инф.*; *подобать*) פאסן; тебе́ не приста́ло... דיר פאסט ניט...

пристёгивать(ся) *несов. см.* пристегну́ть(ся)

пристегну́ть *сов.* צוּשפי́ליען; (*на пуговицы тж.*) צוּ-

קנעפּלען; ~ся *сов.* צושפּיליען זיך; (*на пуговицы тж.*) צוקנעפּלען זיך; (*для безопасности*) צופעסטיקן זיך

пристежнóй וואָס שפּיליעט זיך צו (צום מאנטל, צום קלייד) *после сущ.*; ~ воротни́к א צוגעשפּיליעטער קאָלנער

пристóйн||ость *ж* אָנשטענדיקייט װ; **~ый** אָנשטענדיקער; (*о поведении тж.*) לײַטישער

пристрáивать(ся) *несов. см.* пристрóить(ся)

пристрáстие *с* 1. (*влечение*) לײַדנשאפט װ ־ן; у негó ~ к *чему-л.* ער האָט באזונדערס שטארק ליב עפּעס; 2. (*необъективное отношение*) פּניעס מצ.

пристрасти́ться *сов.* (к *дат.*) ארײַנלאָזן* זיך (אין); ~ к кни́гам ארײַנלאָזן* זיך אין לייענען

пристрáстн||ость *ж* פּניעסדיקייט װ; **~ый** פּניעסדיקער

пристрáчивать *несов. см.* пристрочи́ть

пристрéливать^1 *несов. см.* пристрели́ть

пристрéливать^2 *несов. см.* пристреля́ть; **~ся** *несов. см.* пристреля́ться

пристрели́ть *сов.* (*убить*) דערשיסן*

пристреля́ть *сов.* (*орудие, винтовку и т.п.*) גוט אײַנשיסן*; **~ся** *сов.* אײַנשיסן* זיך

пристрóить *сов.* 1. (*к зданию*) צובויען; 2. *разг.* (*устроить на работу и т.п.*) אײַנאָרדענען; באשטאטן *неодобр.*; **~ся** *сов. разг.* 1. (*расположиться*) געפינען* זיך אן אָרט; (*присесть*) צוזעצן זיך; (*прилечь*) צולייגן זיך; 2. (*устроиться на работу*) אײַנאָרדענען זיך

пристрóйка *ж* צובויונג װ ־ען; боковáя ~ פליגל מ

пристрочи́ть *сов.* צושטעפּן

пристрýнивать *несов.*, **пристрýнить** *сов. разг.* נעמען* אין די הענט ארײַן; אויסמוסערן

пристýкивать *несов.* צוקלאפּן

пристýкнуть *сов.* 1. צוקלאפּן, א קלאפּ טאָן*; 2. *груб.* (*убить*) אוועקלייגן, אוועקפּאטערן

при́ступ *м* 1. (*припадок*) אָנפאל מ ־ן, אטאקע װ ־ס; ~ кáшля הוסט־אָנפאל מ ־ן; 2. (*атака, штурм*) שטורעם מ ־ס, אָנגריף מ ־ן

приступáть(ся) *несов. см.* приступи́ть(ся)

приступи́ть *сов.* (к *дат.*) 1. (*начать*) צוטרעטן* (צו), נעמען* זיך (פאר); ~ к исполнéнию свои́х обя́занностей צוטרעטן* אויספּילן די פליכטן; 2. (*близко подойти*) צוקומען*; 3. *разг.* (*с требованиями*) צושטיין* (צו), צוטרעטן* (צו); **~ся** *сов. разг.* צוקומען*, צוגיין*, צוטרעטן*; ◇ к немý не пристýпишься ס'איז ניט צוצוטרעטן צו אים

пристыди́ть *сов.* אויסמוסערן, שטעלן אין בושע

присуди́ть *сов.*, присуждáть *несов.* 1. (к *дат.*) *юр.* פארורטיילן (צו), פארמישפּטן (אף); 2. (*премию и т. п.*) צוטיילן

присуждéние *с* (*премии и т.п.*) צוטיילן ז

присýтств||ие *с* אָנוועזנהייט װ; в ~ии *кого-л.* אין עמעצנס אָנוועזנהייט; ◇ ~ие дýха מוט מ, זעלבסטבאהערשונג װ; שליטע איבער זיך *уст.*

присýтствовать *несов.* זײַן*, בײַזײַן*

присýтствующие *мн.* בײַוועזנדיקע מצ.; אָנוועזנדיקע מצ.

присýщий אייגנטימלעכער; וואָס איז אייגנטימלעך *после сущ.*

присчитáть *сов.*, **присчи́тывать** *несов.* צורעכענען

присылáть *несов. см.* прислáть

присы́пать *сов.*, **присыпáть** *несов.* 1. (*прибавить*) צושיטן*; 2. (*тв.; посыпать*) באשיטן* (א ביסל) (מיט)

присыхáть *несов. см.* присóхнуть

прися́г||а *ж* שווּע װ ־ס; приводи́ть к ~е ברענגען* צו שווּע; приноси́ть ~у געבן* א שווּע, שווערן*; нарýшить ~у ברעכן* די שווּע; под ~ой אונטער א שווּע

присягáть *несов.*, **присягнýть** *сов.* שווערן*, געבן* א שווּע; ~ на вéрность Рóдине שווערן* [געבן* א שווּע] זײַן טרײַ דעם היימלאנד

прися́жный *уст. и перен.* געשווירענער

притаи́ться *сов.* פארבאהאלטן* זיך, פארטײַען זיך

притáптывать *несов. см.* притоптáть

притащи́ть *сов. разг.* 1. ברענגען* צו שלעפּן; 2. (*привести кого-л.*) פארשלעפּן (מיט זיך); **~ся** *сов. разг.* (קוים) דערשלעפּן זיך

притвори́ть *сов.* צומאכן

притвори́ться^1 *сов.* (*закрыться*) צומאכן זיך

притвор||и́ться^2 *сов.* (*сделать вид*) מאכן זיך; ~и́ться больны́м מאכן זיך פאר קראנק; он ~и́лся, что ничегó не знáет ער האָט זיך געמאכט, ווי ער זאָל גאָרנישט ניט וויסן; ער האָט זיך געמאכט קעלוי־יאָדע *уст.*

притвóрн||о *нареч.* פאלש, געקינצלט; он ~о обрáдовался ער האָט געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער איז דערפרייט; **~ый** געמאכטער, פאלשער; ~ые слёзы פאלשע טרערן; ~ая улы́бка א געמאכטער [א פאלשער] שמייכל

притвóр||ство *с* אָנשטעל מ ־ן, סימוליאציע װ; **~щик** *м* אָנשטעלמאכער מ =, סימוליאנט מ ־ן

притворя́ть *несов. см.* притвори́ть

притворя́ться^1 *несов. см.* притвори́ться^1

притворя́ться^2 *несов. см.* притвори́ться^2

притерпéться *сов. разг.* געוווינט ווערן* (מיט די צאָרעס), צוגעוווינען זיך (צו שלעכטס)

притесн||éние *с* אונטערדריקונג װ; *мн.* נעגישעס מצ.; **~и́тель** *м* אונטערדריקער מ =

притесни́ть *сов.*, **притесня́ть** *несов.* באדריקן, אונטערדריקן

притихáть *несов.*, **прити́хнуть** *сов.* שטיל(ער) ווערן*, אנשטילט ווערן*

приткнýться *сов. разг.* צושפּארן זיך, צוטוליען זיך

притóк *м* 1. צופלוס מ ־ן; ~ вóздуха א צופלוס פון לופט; ~ тури́стов א צופלוס פון טוריסטן; 2. (*реки́*) בײַטײַך מ ־ן

притóм *союз* דערבײַ, דערצו נאָך

притóн *м* (*воровской*) נעסט װ ־ן; (*разврата*) (שאנד־)הײַזל ז ־עך

притóпнуть *сов.* צוטופּען

притоптáть *сов.* צוטאָפּטשען

притóпывать *несов. см.* притóпнуть

при́торн||ость *ж* (פּריקרע) זיסלעכקייט װ; **~ый** פּריקרע־זיסער; *перен.* לאקריצדיקער, זיסינקער

притрáгиваться *несов.*, **притрóнуться** *сов.* צורירן זיך

притупи́ть *сов.* 1. שטומפּיק [טעמפּ] מאכן, פארשטומפּיקן; 2. (*ослабить*) אָפּשוואכן; (*чувства*) פארטעמפּן, פארדומפּיקן; **~ся** *сов.* 1. שטומפּיק(לעך) ווערן*; 2. (*ослабеть*)

אָפּגעשוואכט ווערן*, שוואכער ווערן*; (*о чувствах*) פארדומפּיקן זיך, פארטעמפּט ווערן*

притупля́ть(ся) *несов. см.* притупи́ть(ся)

при́тч||а *ж* מאָשל מ (מצ. מעשאָלים), פאראבל || ־ען; ◇ что за ~а? וואָס זאָל דאָס הייסן [באטײַטן]?; быть ~ей во язы́цех זײַן* בא אלעמען אין מויל

притя́гивать *несов.* 1. *см.* притяну́ть; 2. (*привлекать*) ציִען* צו זיך

притяжа́тельн||ый: ~ое местоиме́ние *грам.* פּאָסעסיווער פּראָנאָם

притяже́ние *с* || צוציִ(ונג)־קראפט; земно́е ~ גראוויטאציע ||

притяза́ние *с* טײַנע || ־ס; (*на что-л.*) פּרעטענזיע || ־ס

притяну́ть *сов.* 1. *צוציִען; (*тяжёлый предмет тж.*) צושלעפּן; 2. (к *дат.*) *разг.* (*обязать к участию*) *צוציִען; ~ *кого-л.* к отве́ту מאָנען דין־וועכעשבן פון עמעצן; ◇ ~ за́ волосы [за́ уши] (*аргументы и т.п.*) צושלעפּן פאר די האָר

приукра́сить *сов.*, **приукра́шивать** *несов. разг.* 1. צופּוצן, באפּוצן (עטוואָס); 2. (*представить более привлекательным*) צופּוצן, פארשענערן

приуменьша́ть *несов.*, **приуме́ньшить** *сов.* קלענער מאכן, פארקלענערן

приумножа́ть(ся) *несов. см.* приумно́жить(ся)

приумно́жить *сов.* פארמערן, פארגרעסערן; ~ся *сов.* פארגרעסערן זיך, פארמערט ווערן*

приуны́ть *сов. разг.* (א ביסל) אומעטיק ווערן*, אראָפּלאָזן* דעם קאָפּ

приуро́чивать *несов.*, **приуро́чить** *сов.* צופּאסן; приуро́чить о́тпуск к шко́льным кани́кулам צופּאסן דעם אורלויב צו די שול־קאניקולן

приуса́дебный בײַהויפּישער; ~ уча́сток בײַהויפּישער ערד־כײלעק

приуча́ть(ся) *несов. см.* приучи́ть(ся)

приучи́ть *сов.* צוגעוווינען; אויסלערנען; ~ к труду́ צוגעוווינען ארבעטן [צו ארבעט]; ~ся *сов.* צוגעוווינען זיך; (*научиться*) אויסלערנען זיך

прифранти́ться *сов. разг.* צופּוצן זיך

прифронтов||о́й בײַפראָנטישער; ~а́я полоса́ בײַפראָנטישער פּאס, בײַפראָנטישע זאָנע

прихва́рывать *несов. разг.* אונטערקרענקען, צוקרענקען

прихвастну́ть *сов. разг.* א בארים טאָן* זיך; (*преувеличить*) *איבערטרײַבן

прихвати́ть *сов.*, **прихва́тывать** *несов.* 1. (*сжать*) פארכאפּן; 2. *разг.:* на́скоро ~ бе́лой ни́ткой אפּגיך צונויפטשעפּען מיט א ווײַסן פאָדעם; ~ чемода́н ремнём ווי־ניט־איז ארומכאפּן דעם טשעמאָדאָן מיט א רימען; 3. *разг.* (*взять*) (מיט זיך) פארכאפּן; ~ дете́й פארכאפּן מיט זיך די קינדער; ~ с собо́й פארכאפּן מיט זיך; 4. *разг.:* моро́з прихвати́л я́блоки, я́блоки прихвати́ло моро́зом דער פראָסט האָט א ביסל צוגעשלאָגן די עפּל; 5.: нас прихвати́л дождь *разг.* אונדז האָט פארכאפּט דער רעגן; 6. *разг.* (*достать*) כאפּן; ~ де́нег в долг כאפּן (ערגעץ) א גמילעס־כעסעד

прихворну́ть *сов. разг.* זײַן* ניט־געזונט, זײַן* ניט מיט אלעמען

при́хвостень *м презр.* נאָכטענצער מ =

прихлеба́тель *м разг.* אונטערלעקער מ =

прихлёбывать *несов. разг.* זופּן צוביסלעך

прихло́пнуть *сов.* 1. (*ударить ладонью по чему-л.*) א קלאפּ טאָן*, א פּאטש טאָן*; 2. (*закрыть*) צומאכן מיט א קלאפּ; ~ дверь א קלאפּ טאָן* מיט דער טיר, פארהאקן די טיר; 3. *разг.* (*прищемить*) צוקוועטשן, צוקלעמען

прихло́пывать *несов.* 1. *см.* прихло́пнуть 2, 3; 2. (*ударять ладонью по чему-л.*) צופּאטשן; (*сопровождать хлопками*) צופּליעסקען; ~ в такт צופּליעסקען אין טאקט

прихо́д *м* 1. (*прибытие*) אָנקום מ, קומען ז; к твоему́ ~у צו דײַן (אָנ)קומען; ~ к вла́сти דאָס (אָנ)קומען צו דער מאכט; 2. (*доход, поступление*) האכנאָסע || ־ס; אײַנקונפט מ ־ן; ~ и расхо́д האכנאָסע און הויצאָע, קרעדיט און דעבעט; 3. *церк.* פּאראפיע || ־ס

приходи́ть *несов. см.* прийти́; ~ся *несов.* 1. *см.* прийти́сь; 2. (*о родстве*) אָנקערן זיך; она́ мне прихо́дится тёткой זי קערט זיך מיר אָן א מומע, זי איז מײַנע [מיר] א מומע

прихо́дный האכנאָסע־; ~ о́рдер האכנאָסע־אָרדער מ ־ס

прихо́довать *несов. бухг.* פארשרײַבן* אין האכנאָסע

прихо́до-расхо́дн||ый האכנאָסע־הויצאָעדיקער; ~ая кни́га *бухг.* קאָסע־בוך ז, מ (מצ. ..ביכער)

приходя́щ||ий: ~ая домрабо́тница א הויז־ארבעטערין אן ארײַנגייערן

прихо́жая *ж* פאָרצימער מ ־ן

прихора́шиваться *несов. разг.* שענערן זיך

прихотли́вость *ж* 1. קאפּריזנעקײַט ||, איבערקלײַבערישקײַט ||; 2. (*причудливость*) מעשונעדיקײַט ||, כידושימדיקײַט ||

прихотли́вый 1. (*о человеке*) קאפּריזנע(ר) *тж. неизм.*, איבערקלײַבערישער; מיט כעפּציִעס *после сущ.*; (*о вкусе*) קאפּריזנע(ר) *тж. неизм.*; 2. (*причудливый*) מעשונעדיקער, כידושימדיקער

при́хоть *ж* קאפּריז מ ־ן, פּרימכע || ־ס, כעפּציִעס מצ.

прихра́мывать *несов.* *צוהינקען, *אונטערהינקען

прице́л *м* אָנציל מ ־ן, וויזיר מ ־ן; ◇ поли́тика да́льнего ~а א פּאָליטיק מיט א ווײַטן קוק; взять на ~ *кого-л.*, *что-л.* (אָנ)צילן זיך אין עמעצן, אין עפּעס

прице́ливаться *несов.*, **прице́литься** *сов.* (אָנ)צילן זיך

прице́льн||ый 1. (אָנ)ציל־; ~ое приспособле́ние אָנציל־אײַנריכטונג || ־ען; 2.: ~ый ого́нь א ציִלעוודיק פײַער, א געציִלט פײַער

прице́ниваться *несов.*, **прицени́ться** *сов.* נאָכפרעגן זיך אף דער פרײַז

прице́п *м* צושטעפּ מ ־ן, נאָכפאָר־וואָגן מ ־ס; (*автомобильный*) אויטאָצושטעפּ מ ־ן

прицепи́ть *сов.* 1. (*сцепить*) צוקײטלען, צושטעפּן; 2. *разг.* (*приколоть*) אָנשטעפּן, צושפּיליען; ~ся *сов.* 1. צוקײטלען זיך, *צוגעשטעפּט ווערן; 2. (*пристать, повиснуть*) *צושטיין; 3. *разг.* (*начать надоедать, придраться*) צושטעפּן זיך

прицепля́ть(ся) *несов. см.* прицепи́ть(ся)

прицепно́й צוגעקײטלטער, צוגעשטעפּטער

прича́л *м* צושיף־שטעל || ־ן

причáливать *несов.*, **причáлить** *сов.* צושיפן, צושטײַן*; (*лодку и т.п.*) צוטרײַבן*; (*закрепить*) צופעסטיקן

причáльный: ~ канáт צופעסט־קאנאט מ ־ן, צופעסט־שטריק מ =

причáстие *с грам.* פארטיציפּ מ ־ן

причáстный¹ (*к чему-л.*) וואָס האָט א שייַכעס (צו) *после сущ.*

причáстный² *грам.* פארטיציפּישער; ~ оборóт א פארטיציפּישע קאָנסטרוקציע

причём 1. *нареч.*: ~ здесь я? וואָס פאר א שייַכעס האָט עס צו מיר!, וואָס קערט זיך עס אָן צו מיר!; 2. *союз.* (און) דערבײַ; план был выполнен, ~ досрóчно דער פלאַן איז געוועזן אויסגעפילט און דערבײַ [דערבײַ נאָך] פאר דעם טערמין

причесáть *сов.* צוקעמען, פארקעמען; ~ся *сов.* צוקעמען זיך, פארקעמען זיך

причёска *ж* פריזור וו ־ן

причёсывать(ся) *несов. см.* причесáть(ся)

причи́н||**а** *ж* 1. סיבע וו ־ס; ~а и слéдствие די סיבע און דער רעזולטאַט [פויעל־יויצע]; ~а пожáра די סיבע פון דער סרייפע; 2. (*основание*) גרונט מ, סמאך מ; без вся́кой ~ы אָן קיין שום גרונט; нет ~ы жáловаться ניטאָ קיין סמאך [ניטאָ וואָס] צו באקלאָגן זיך; по уважи́тельной ~е איבער א וויכטיקער סיבע; э́тому немáло ~ ס'איז דאָ דערצו גענוג סיבעס; я не ви́жу ~ для... כ'זע ניט קיין גרונט פאר ...; в чём ~а...? וואָס איז די סיבע פון...?; по ~е *уст.* מאַכמעס, איבער; по той (простóй) ~е פּאָשעט דערפאר

причини́ть *сов.* פארשאַפן*, גורעם זײַן*; ~ боль גורעם זײַן* [ארויסרופן*] ווייטיק; ~ вред אָנטאָן* שאָדן; ~ гóре אָנטאָן* [פארשאַפן*] צאָרעס

причи́нн||**ый** 1. סיבעדיקער, קאַוזאַלער; ~ая связь די סיבעדיקע [די קאַוזאַלע] פארבינדונג; 2. *грам.* סיבע־; ~ый союз סיבע־בינדוואָרט I (מצ. ...ווערטער)

причиня́ть *несов. см.* причини́ть

причи́слить *сов.*, **причисля́ть** *несов.*, (к *дат.*) 1. (*прибавить*) צורעכענען (צו); (*относить к числу кого-л.*) צורעכענען (צו), פארעכענען (פאר); ~ к лу́чшим писáтелям צורעכענען צו די בעסטע שרײַבער, פארעכענען פאר איינעם פון די בעסטע שרײַבער

причитáние *с* 1. (*действие*) געיאָמער I, געקלאָג I; (*по покойнику*) באַוויינען I; 2. (*обрядовая песня*) קלאָג־ליד וו ־ער

причитáть *несов.* קלאָגן; (*по покойнику*) באַוויינען

причитá||**ться** *несов.* קומען; скóлько с меня́ ~ется? וויפל קומט פון מיר?; емý ~ется за рабóту двáдцать рублéй אים קומט פאר דער ארבעט צוואַנציק רובל

причмóкивать *несов.*, **причмóкнуть** *сов.* צוסמאָטשקען

причу́д||**а** *ж* פרימכע וו ־ס; с ~ами מיט פרימכעס, מיט כעפציעס; ~ливый 1. (*затейливый*) מעשונעדיקער, כידושימדיקער; 2. *разг.* (*капризный*) מיט פרימכעס, מיט כעפציעס *после сущ.*

пришéлец *м* אָנגעקומענער מ ..נע

пришéств||**ие** *с уст.* קומען I; ◇ до вторóго ~ия ביז מאָשיעך וועט קומען

приши́бленный *разг.* דערשלאָגענער, פריטשמעליעטער

пришивáть *несов.*, **приши́ть** *сов.* צונייען; ~ пу́говицу צונייען א קנעפל

пришкóльный: ~ учáсток ערד־כײלעק בא דער שול

при́шлый אָנגעקומענער, פרעמדער, אײַנגעוואנדערטער

пришпи́ливать *несов.*, **пришпи́лить** *сов.* צושפיליען, צושטעפן

пришпóривать *несов.*, **пришпóрить** *сов.* אונטערשפּאָרעווען, שטעכן* מיט די שפּאָרן; *перен. разг.* אונטערטרײַבן*

прищёлкивать *несов.*, **прищёлкнуть** *сов.* (*пальцами*) צוקנאקן; (*языком*) צוסמאָטשקען

прищеми́ть *сов.* צוקלעמען, צוקוועטשן, פארשטשעמען

прищу́ривать(ся) *несов. см.* прищу́рить(ся)

прищу́рить *сов.*: ~ глазá צושמורען די אויגן; ~ся *сов.* צושמורען זיך, צושמורען די אויגן

прию́т *м* 1. היים וו ־ען, מאָקעם־מענוכע מ; найти́ (себé) ~ געפינען* א מאָקעם־מענוכע; 2. *уст.* יעסוימים־הויז I (מצ. ...הײַזער)

приюти́ть *сов.* פריטוליען, (צו)נעמען* צו זיך; ~ся *сов.* געפינען* א מאָקעם־מענוכע

прия́тель *м* גוטער־פרײַנט מ (מצ. גוטע־פרײַנט); ~ский גוטפרײַנטלעכער; быть в ~ских отношéниях с *кем-л.* זײַן* מיט עמעצן גוטע־פרײַנט, זײַן* עמעצנס גוטער־פרײַנט

прия́тн||**о** 1. *нареч.* אָנגענעם; ~о провести́ врéмя אָנגענעם פארברענגען* די צײַט; 2. *в знач. сказ. безл.* (ס'איז) אָנגענעם; ~о слы́шать ס'איז אָנגענעם צו הערן; емý э́то бы́ло ~о דאָס איז אים געווען אָנגענעם; óчень ~о! זייער אָנגענעם!; ~ый אָנגענעמער; ~ый зáпах אן אָנגענעמער [א גוטער°] רייעך; ~ый человéк אן אָנגענעמער [א ווױלער] מענטש; ~ая улы́бка אן אָנגענעמער [א ליבער] שמייכל; ~ое воспоминáние אן אָנגענעמע דערמאָנונג

про *предлог с вин. п. разг.* 1. (*о*) וועגן, פון; читáть ~ нóвые откры́тия לייענען וועגן נײַע אנטדעקונגען; ~ э́то я ужé слы́шал איך האָב שוין געהערט וועגן דעם, איך האָב שוין געהערט דערפון; 2. (*для*) פאר, צוליב, פון עמעצנס וועגן; ◇ ~ себя́ אין זיך; читáть ~ себя́ לייענען אין זיך; ни за что, ни про что אומזיסט און אומנישט

прóб||**а** *ж* 1. (*испытание*) אויספרוּוו מ, אויספרוּוון I, (אויס)פראָבירן I; ~а сил דער אויספרוּוו פון קויכעס; 2. (*образчик*) פראָבע וו ־ס; брать ~у נעמען* א פראָבע; 3. (*относительное содержание драгоценного металла; клеймо*) פראָבע וו ־ס; ◇ ~ перá פען־פראָבע וו, א ליטעראַרישער פרוּוו

пробéг *м* 1. *спорт.* (דורכ)לויף מ; автомоби́льный ~ דאָס יאָג־געוועט פון אוטאָמאָבילן; 2. (*расстояние*) דורכלויף־דיסטאַנץ וו

проплывáть *несов.*, **проплы́ть** *сов.* 1. (*некоторое врéмя*) אָפּשווימען*; (*о судне*) אָפּגיין*; (*на судне*) אָפּפאָרן*; 2. (*миновать*) פארבײַשווימען*; (*о судне*) פארבײַגיין*; (*на судне*) פארבײַפאָרן*; мы проплы́ли маяк מיר זײַנען פארבײַגעפאָרן דעם לײַכט־טורעם, מיר זײַנען דו́רכגעפאָרן פארבײַ דעם לײַכט־טורעם; 3. *перен.* דו́רכטראָגן* זיך, דו́רכשווימען*; в егó сознáнии проплы́ли карти́ны прóшлого אין זײַן באוווּסטזײַן האָבן זיך דו́רכגעטראָגן [זײַנען דו́רכגעשווומען] בי́לדער פון דער פארגאנגענהײַט

проповéдник *м* פּרײדיקער מ =; (*у евреев тж.*) מאגיד מ ־ים

проповéдовать *несов. прям. и перен.* פּרײדיקן

прóповедь *ж* 1. *рел.* פּרײדיק־רעדע װ ־ס, דראָשע װ ־ס; 2. (*чего-л.*) *перен.* פּרײדיקונג װ (פון)

пропóйца *м разг.* שיקאָרניק מ ־עס

пропола́скивать *несов. см.* прополоскáть

проползáть *несов.*, **проползти́** *сов.* דו́רכקריכן*; (*внутрь*) ארײַנקריכן*

пропóлка *ж* ו (אויס)יעטן

прополоскáть *несов.* דו́רכשווענקען*

прополóть *сов.* דו́רכיעטן

пропорционáльн‖ый פּראָפּאָרציאָנע́לער; ~ая фигу́ра א פּראָפּאָרציאָנע́לע פיגו́ר; обрáтно ~ый אומגעקערט־פּראָפּאָרציאָנע́לער; пря́мо ~ый גלײַך־פּראָפּאָרציאָנע́לער

пропóрция *ж* פּראָפּאָרץ װ ־ן

пропотéть *сов.* 1. דו́רכשוויצן; 2. *разг.* (*об одежде и т. п.*) נאס ווערן* פון שווייס

прóпуск *м* 1. (*действие*) דו́רכלאָזן ו; 2. (*мн.* пропускá) (*документ*) דו́רכלאָז־שײַן מ ־ען; 3. (*мн.* пропускá) *воен.* פּאראָל מ ־ן; 4. (*мн.* прóпуски) (*в тексте*) דו́רכלאָז מ ־ן; (*пробел*) בלויז מ ־ן; 5. (*мн.* прóпуски) (*непосещение*) דו́רכלאָז מ ־ן

пропускá‖ть *несов. см.* пропусти́ть; штóра не ~ет свéта די שטאָרע לאָזט ניט דורך קײן שײַן; бумáга ~ет (*чернила*) דאָס פּאפּי́ר קלעקט

пропускн‖óй: пограни́чный ~óй пункт א דו́רכלאָז־פּונקט אף דער גרע́נעץ; ~áя спосóбность דו́רכלאָז־פעיִקײַט װ

пропусти́ть *сов.* 1. דו́רכלאָזן*; *см. тж.* пропускáть; ~ ток דו́רכלאָזן* שטראָם; столóвая мóжет ~ за день ты́сячу человéк די גאָרקיך קען פאר אײן טאָג דו́רכלאָזן [באדי́נען] טויזנט מענטשן; ~ мя́со чéрез мясору́бку דו́רכלאָזן* דאָס פלײש דורכן פלײשמילכל, איבערמאָלן* פלײש; 2. (*дать пройти, проехать*) דו́רכלאָזן*, מאכן [לאָזן*] א וועג; (*впустить куда-л.*) ארײַנלאָזן*; ~ детéй вперёд לאָזן* גײן די קי́נדער פאָרויס; пропусти́те жéнщину с ребёнком לאָזט דורך די פרוי מיטן קינד; 3. *разг.* (*разрешить к напечатанию и т. п.*) דו́רכלאָזן*; 4. (*упустить*) דו́רכלאָזן*, פארפע́לן; ~ срок דו́רכלאָזן* דעם טערמי́ן; ~ удóбный слу́чай דו́רכלאָזן* א גו́טע° געלע́גנהײַט; 5. (*при переписывании, исполнении*) דו́רכלאָזן*; (*умышленно — при чтении книг тж.*) אי́בערהיפּ(ער)ן; 6. (*не явиться*) דו́רכלאָזן*, פארפע́לן; мáльчик пропусти́л два урóка דאָס יינגל האָט דו́רכגעלאָזט [פארפע́לט] צוויי לימו́דים; ◇ он э́то пропусти́л ми́мо ушéй דאָס איז אים דורך אײן אויער ארײַן, דורכן א́נדערן ארו́יס

прорáб *м* ארבעט־אָנפירער מ =; פּראָרא́ב מ ־ן *разг.*

прорабáтывать *несов. см.* прорабóтать 2, 3

прорабóтать *сов.* 1. (*работать некоторое время*) אָפּארבעטן; ~ три́дцать лет на однóм завóде אָפּארבעטן דרײַסיק יאָר אף דעם זעלבן זאוואָד; 2. *разг.* (*изучить*) דו́רכשטודירן, דו́רכארבעטן; 3. *разг.* (*раскритиковать*) אויסמוסערן, אויסטאדלען

прорастáть *несов.*, **прорасти́** *сов.* דו́רכוואקסן*; דו́רכצוויטען

прорвáть *сов.* (*вин.*) 1. דו́רכרײַסן*, צערײַסן*; מאכן א לאָך (אין); ~ чулóк צערײַסן* דעם זאָק, מאכן א לאָך אינעם זאָק; 2. (*разрушить преграду*) דו́רכרײַסן*; ~ фронт דו́רכרײַסן* דעם פראָנט; ~ плоти́ну דו́רכרײַסן* [דו́רכברעכן*] די דא́מבע; ~ся *сов.* 1. (*о ткани, бумаге и т. п.*) צערײַסן* זיך; (*разрушиться*) דו́רכגעריסן ווערן*; плоти́на прорвалáсь די דא́מבע איז דו́רכגעריסן געוואָרן; 2. (*о нарыве*) אוי́פרײַסן*, עפענען זיך, פּלאצן; 3. (*проложить себе путь*) דו́רכרײַסן* זיך; ~ся из окружéния דו́רכרײַסן* זיך דורך דער ארומרינגלונג

прорéз *м* שניט מ, שפּעלטל ו ־עך

прорéзать *сов.*, **прорезáть** *несов.* דו́רכשנײַדן*; (*пилой*) דו́רכזעגן; ~ ды́ру מאכן א לאָך

прорéзаться *сов.* (*о зубах*) דו́רכשנײַדן* זיך, ארו́יסשפּראָצן

прорезáться *несов.* (*о зубах*) שנײַדן* זיך

прóрезь *ж* אײַנשניט מ ־ן, שפּאלט מ ־ן

прорéктор *м* פּראָרע́קטאָר מ ··טאָרן

прорéха *ж* 1. לאָך װ (מצ. לעכער), גווא́לדריס מ ־ן; 2. *разг.* (*упущение*) בלויז מ ־ן, פע́לער מ ־ן

прорóк *м* נאָווי מ (מצ. נעווי́ים), פּראָפע́ט מ ־ן

пророни́ть *сов.*: не ~ ни слóва ניט לאָזן* פאלן [ניט אוי́סרעדן*, ניט ארו́יסברענגען* פון מויל] קײן וואָרט; не ~ (ни) слези́нки ניט לאָזן* פאלן קײן טרער

прорóче‖ский נעווי́אישער, פּראָפע́טישער; ~ство *с* נעוואָע װ, נעווי́עס ו; ~ствовать *несов.* זאָגן נעווי́עס

прорóчить *несов.* פאָרו́יסזאָגן

прорубáть *несов.*, **прорубúть** *сов.* דו́רכהאקן; ~ прóсеку דו́רכהאקן א וואלד־שטעג; ~ дверь דו́רכהאקן א טיר

прóрубь *ж* אײַזלאָך װ (מצ. ··לעכער), פּאלאָנקע װ ־ס

проры́в *м* 1. (*действие*) דו́רכרײַסן ו, דו́רכרײַס מ; 2. (*отверстие, место*) דו́רכבראָך מ ־ן; задéлать ~ в плоти́не פארא́רבעטן דעם דו́רכבראָך אין דער דא́מבע;

в ~ устреми́лась пехо́та אין דעם דורכבראָך האָט זיך א לאָז געטאָן די אינפאנטעריע; 3. (*невыполнение плана и т. п.*) דורכרײַס מ ־ן; вы́вести цех из ~а ארויספירן דעם צעך פונעם דורכרײַס

прорыва́ть^1 *несов. см.* прорва́ть

прорыва́ть^2 *несов. см.* проры́ть

проры́ть *сов.* (*прокопать*) דורכגראָבן*; ~ тонне́ль דורכגראָבן* [מאכן, דורכלייגן] א טונעל

проса́чиваться *несов. см.* просочи́ться

просве́рливать *несов.*, **просверли́ть** *сов.* דורכבויערן

просве́т *м прям. и перен.* דורכליכט מ ־ן

просвети́тель *м* = אופקלערער מ; (*у евреев тж.*) מאסקל מ (מצ. מאסקילים); **~ный** אופקלער־, אופקלערערישער; ~ная де́ятельность אופקלער־טעטיקײַט װ, אופקלערערישע טעטיקײַט; (*у евреев тж.*) מאסקילישע טעטיקײַט

просвети́ть^1 *сов.* (*сообщить знания*) אופקלערן

просвети́ть^2 *сов. мед.* דורכשטראלן

просвети́ться *сов.* ווערן* אופגעקלערט

просветле́ние *с* (*сознания*) (זינען־)קלאָרקײַט װ, קלאָרקײַט װ (אין די געדאנקען)

просветле́ть *сов.* 1. (*о небе*) ווערן* ליכטיק(ער) [קלאָרער]; (*о лице*) אופשײַנען, אופשטראלן; אָנהייבן* שײַנען; 2. (*о сознании*) קלאָרער ווערן*

просве́чивание *с мед.* דורכשטראלונג װ, דורכלײַכטונג װ

просве́чивать *несов.* 1. *см.* просвети́ть^2; 2. (*быть прозрачным*) דורכלײַכטן* זיך; (*быть видным через что-л.*) דורכזען* זיך

просвеща́ть *несов. см.* просвети́ть^1; ~ся *несов. см.* просвети́ться

просвещéн‖ие *с* 1. אופקלערונג װ; (*у евреев тж.*) האסקאָלע װ; 2. (*образование*) בילדונג װ; систе́ма парти́йного ~ия די סיסטעם פון פארטיי־בילדונג; ◇ эпо́ха Просвеще́ния *ист.* אופקלער(ונגס)־פעריאָד מ

просвещённый אופגעקלערטער, געבילדעטער; ◇ ~ абсолюти́зм *ист.* אופגעקלערטער אבסאָליוטיזם

про́седь *ж*: во́лосы с ~ю גראָוולעכע האָר

просе́ивать *несов. см.* просе́ять

про́сека *ж* (דורכגעהאקטער) וואלד־שטעג מ ־ן

просёлок *м* בײַוועג מ ־ן

просёлочн‖ый: ~ая доро́га *см.* просёлок

просе́ять *сов.* דורכזיפן

просиде́ть *сов.*, **проси́живать** *несов.* 1. (*сидеть некоторое время*) אָפזיצן*; 2. *разг.*: ~ брю́ки אויסרײַבן* די הויזן; ~ дива́н אויסזיצן* דעם דיוואן

проси́ть *несов.* 1. (*вин., род., о предл., + инф.*) בעטן*; ~ авто́граф בעטן* אן אווטאָגראף; о чём он про́сит? וואָס בעט ער?, וואָס פאר א באקאָשע האָט ער?; ~ извине́ния בעטן* אנטשולדיקונג; ~ сове́та פרעגן אן אייצע; ~ сло́ва בעטן* א וואָרט; про́сят не кури́ть מע בעט ניט רייכערן; 2. (*приглашать*) בעטן*, רופן*; вас про́сит дире́ктор דער דירעקטאָר בעט אײַך צו זיך, דער דירעקטאָר רופט אײַך; 3. (*за кого-л.*) מישטאדל זײַן* זיך (פאר); 4. *разг.* (*нищенствовать*) בעטן* א נעדאָווע; ◇ прошу́! ביטע!

проси́ться *несов. разг.* בעטן* זיך; де́ти про́сятся гуля́ть די קינדער בעטן זיך אף דער פרײַ; он про́сится на са́мый тру́дный уча́сток ער בעט זיך ארבעטן אפן שווערסטן באצירק; э́то так и про́сится на карти́ну כאָטש מאָל עס אָן

просия́ть *сов.* א שײַן טאָן*; (*обнаружить радость*) אָנהייבן* שײַנען; ~ от ра́дости שײַנען פאר פרייד

проскака́ть *сов.* (*верхом*) דורכגאלאָפירן; (*мимо*) פארבײַרײַטן*

проска́кивать *несов. см.* проскочи́ть

просквози́‖ть *сов. безл.*: меня́ ~ло איך האָב געכאפט א צוגלופט

просклоня́ть *сов. грам.* דעקלינירן, בייגן*

проскользну́‖ть *сов.* 1. דורכגליטשן זיך; 2. (*пробраться незаметно*) דורכשמוגלען (זיך); 3. *перен.* לאָזן* זיך פילן; в его́ слова́х ~ла угро́за אין זײַנע ווערטער האָט זיך געלאָזט פילן א דראָונג

проскочи́ть *сов.* 1. (*пронестись*) פארבײַפליען*; 2. (*пробраться*) דורכשמוגלען (זיך)

просла́вить *сов.* רימען, בארימט מאכן; ~ся *сов.* (*тв.*) בארימט ווערן* (מיט), בארימט מאכן זיך (מיט), קינע־שעם זײַן* זיך (מיט)

просла́вленный בארימטער; ~ геро́й דער בארימטער העלד

прославля́ть(ся) *несов. см.* просла́вить(ся)

проследи́ть *сов.* 1. (*выследить*) אויסשפירן; 2. (*проконтролировать*): ~ за выполне́нием זען* ס׳זאָל אויסגעפילט ווערן*; 3. (*исследовать*) אויספאָרשן

просле́живать *несов. см.* проследи́ть

прослези́ться *сов.* לאָזן* א טרער

просло́йка *ж* שיכט מ ־ן; (*общественная*) צווישנשיכט מ ־ן

прослу́шать *сов.* 1. הערן; ~ конце́рт הערן א קאָנצערט; 2. (*курс лекций и т. п.*) אויסהערן, צוהערן; 3. *мед.* אויסהערן; 4. *разг.* (*не услышать*) פארהערן, דורכלאָזן*

прослы́ть *сов.* (*тв.*) פארשעמט ווערן* (פאר, ווי), באקומען* א שעם (פון)

просма́тривать *несов. см.* просмотре́ть

просмо́тр *м* 1. (*фильма и т. п.*) דורכקוק מ ־ן; 2. (*проверка*) דורכקוקן ז; דורכרעווידירן ז; ~ ру́кописи דאָס דורכקוקן דעם מאנוסקריפט; 3. *разг.* (*недосмотр*) פארזען מ

просмотре́ть *сов.* 1. דורכקוקן; ~ фильм דורכקוקן א פילם; 2. (*бегло прочитать*) דורכקוקן; ~ журна́л דורכקוקן דעם זשורנאל; 3. (*пропустить*) דורכלאָזן*, פארזען*; ~ опеча́тку פארזען* [דורכלאָזן*] א דרוקפעלער; ◇ ~ все глаза́ אויסקוקן זיך די אויגן

просну́ться *сов.* אופכאפן זיך, אופוואכן; *перен.* אופוואכן

про́со *с* פראָסע װ, הירזש מ

просо́вывать(ся) *несов. см.* просу́нуть(ся)

просоли́ть *сов.* (אײַנ)זאלצן*, דורכזאלצן*

просо́хнуть *сов.* אויסטריקענען זיך, טרוקן° ווערן*

просочи́ться *сов.* דורכרינען*, דורכטריפן; *перен.* ארײַנדרינגען*

проспа́ть *сов.* 1. (*спать некоторое время*) אָפשלאָפן*; 2. (*не проснуться вовремя*) פארשלאָפן* זיך; 3. (*пропустить*) פארשלאָפן*, פארפעלן; ~ся *сов.* (*о пьяном*) אויסניכטערן זיך (אין שלאָף), אויסשלאָפן* זיך

проспéкт¹ *м* (*улица*) פראָספעקט מ ־ן; Лéнинский ~ לענין־פראָספעקט מ

проспéкт² *м* (*план*) פראָספעקט מ ־ן; реклáмный ~ רעקלאמיר־פראָספעקט מ ־ן

проспрягáть *сов. грам.* קאָניוגירן

просрóченный: ~ пáспорт אויסגעגאנגענער פאספאָרט; ~ платёж נאָכטערמיניקע צאָלונג

просрóчивать *несов.*, **просрóчить** *сов.* דורכלאָזן* דעם טערמין; ~ платёж דורכלאָזן* דעם צאָל־טערמין

просрóчка *ж* דאָס דורכלאָזן דעם טערמין

простáвить *сов.*, **проставля́ть** *несов.* שטעלן; ארײַנשרײַבן*; ~ дáту שטעלן די דאטע

простáивать *несов. см.* простоя́ть

простáк *м* א טאמעוואטע(ר) פארשוין

простéнок *м* צווישנווענטל ז ־עך

простирáться *несов.* ציען* זיך, אויסשפרייטן זיך; стéпи простирáются на сóтни киломéтров דער סטעפ ציט זיך (אף) הונדערטער קילאָמעטער

простúтельн||ый 1. פארצײַלעכער, פארגיבלעכער; וואָס מע קען מויכל זײַן* *после сущ.*; 2. *в знач. сказ.*: емý ~о אף אים קען מען קיין פאריבל ניט האָבן

проститý||тка *ж* פראָסטיטוטקע וו ־ס; זוינע וו ־ס *уст.*; **~ция** *ж* פראָסטיטוציע וו

простú||ть *сов.* 1. מויכל זײַן*, פארגעבן*; 2.: ~те (меня́)! (*вежливое предупреждение*) אנטשולדיקט!, זײַט* מיר מויכל

простúться *сов.* געזעגענען זיך

прóсто *нареч.* 1. פראָסט, פאָשעט; э́то ~ объясня́ется דאָס דערקלערט זיך פראָסט [פאָשעט]; 2. *в знач. сказ.*: емý óчень ~ э́то сдéлать ער קען עס טאָן* זײַער פאָשעט [לײַכט]; тебé ~ рассуждáть דיר איז גרינג צו רעדן; 3. *в знач. усил. частицы* מאמעש, גלאט; э́то ~ нелéпость דאָס איז גלאט אן אומזין; накурúли — ~ дышáть нéчем אָנגערייכערט — ס׳איז מאמעש ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען; 3. *в знач. ограничительной частицы разг.* פאָשעט; он ~ не хóчет פאָשעט ער וויל ניט; ◇ ~-нáпросто פאָשעט און פראָסט; ~ так 1) (*обыкновенно*) גאנץ פאָשעט; 2) (*без цели*) גלאט אזוי זיך

простовáтый *разг.* פאָשעטער; (*бесхитростный*) ניט־איבערגעשפיצטער

простодýшный נאיווער, טמימעסדיקער; (*откровенный*) אָפנהארציקער

прост||óй¹ 1. (*несложный*) אײַנפאכער, פאָשעטער; ~áя задáча אן אײַנפאכע [א פאָשעטע] אופגאבע; 2. (*однородный, несоставной*) אײַנפאכער; ~óе предложéние *грам.* אן אײַנפאכער זאץ; 3. (*безыскусственный*) פאָשעטער, פראָסטער; ~óе плáтье א פאָשעט [פראָסט] קלייד; 4. (*обыкновенный*) געוויינלעכער, פראָסטער; ~ы́е лю́ди געוויינלעכע מענטשן; (*бесхитростные*) פאָשעטע [פראָסטע] מענטשן, מענטשן אָן קונצן; ◇ ~óе письмó א געוויינלעכער בריוו; ~ы́м глáзом מיטן בלויזן אויג, מיט דער הוילער ריע; по той ~óй причúне, что... פאָשעט דערפאר, וואָס...

простóй² *м* ליידיקשטיין ז

простоквáша *ж* זויערמילך וו

простонáть *сов.* 1. א קרעכץ טאָן*; 2. (*стонать некоторое время*) אָפקרעכצן; ~ всю ночь אָפקרעכצן א גאנצע נאכט

простóр *м* 1. ראכוועס וו; 2. (*свобода, раздолье*) פרײַהײַט וו

просторéчие *с* 1. פראָסט לאָשן, פראָסטע רייד; 2. *лингв.* ווולגאר־שפראך וו, ווולגאריזמען מצ.

простóрный גערוימער, געראמער; (*о полях, степях и т. п.*) ראכוועסדיקער

простосердéч||ие *с* אָפנהארציקײַט וו, טמימעסדיקײַט וו; **~ный** אָפנהארציקער, טמימעסדיקער

простотá *ж* 1. פראָסטקײַט וו, פאָשעטקײַט וו; (*несложность*) אײַנפאכקײַט וו; 2. (*непосредственность*) פאָשטעס וו

простофúля *м и ж разг.* נארישער קאָפ [טראָפ], טאם מ

простра́нный לאנגער°, באריכעסדיקער; (*подробный тж.*) אויספירלעכער

простра́нственный רוימלעכער, רוים־

простра́нств||о *с* 1. רוים מ; воздýшное ~о לופט־רוים מ; космúческое ~о קאָסמישער רוים; 2. (*промежуток*) שטעך מ (מצ. שטאָכים); остáвить ~о мéжду *чем-л.* לאָזן* א שטעך צווישן עפעס, לאָזן* א ליידיק אָרט צווישן עפעס; 3. (*поверхность*) שטעך מ (מצ. שטאָכים); огрóмные ~а גוואלדיקע שטאָכים [טעריטאָריעס]

прострéл *м* (*болезнь*) ליומבאגאָ וו

прострéливать *несов.* 1. *см.* прострелúть; 2. *воен.* (*местность*) באשיסן*, האלטן* אונטערן פײַער; **~ся** *несов.*: дорóга прострéливается דער וועג קען באשאָסן ווערן; (*в настоящий момент*) דער וועג ווערט באשאָסן

прострелúть *сов.* דורכשיסן*

прострочúть *сов.* דורכשטעפן

простýда *ж* פארקילונג וו ־ען, פארקילעכץ ז ־ן

простудúть *сов.* פארקילן, צוקילן; **~ся** *сов.* פארקילן זיך, צוקילן זיך

простýдн||ый: ~ые заболевáния פארקילונגען מצ., פארקילעכץ־קרענק מצ.

простужáть(ся) *несов.*, **простýживать(ся)** *несов. см.* простудúть(ся)

проступáть *несов. см.* проступúть

проступú||ть *сов.* ארויסטרעטן*, באווײַזן* זיך; (*стать более заметным*) אָנזיכטיק ווערן*; пот ~л на лбу א שווייס איז ארויסגעטראָטן אפן שטערן; на щекáх ~л румя́нец אף די באקן האָט זיך באוויזן [איז ארויסגעטראָטן] א רייטלעכקײַט; на стенé ~ли сыры́е пя́тна אף דער וואנט זײַנען אָנזיכטיק געוואָרן פײַכטע פלעקן

простýп||ок *м* פארשולדיקונג וו; *мн.* כאטאָים מצ.; мéлкие ~ки קליינע° כאטאָים

простывáть *несов. см.* простыть

простыня́ *ж* לײַלעך מ ־ער

просты́||ть *сов. разг.* 1. (*остыть*) פארקילט ווערן*, קאלט ווערן*; 2. (*простудиться*) צוקילן זיך, פארקילן זיך; ◇ егó и след ~л דאָס אָרט זײַנס איז פארקילט געוואָרן; גיי זוך אים

просýнуть *сов.* דורכשטופן, דורכרוקן, דורכשטעקן; **~ся** *сов.* דורכשטופן זיך, דורכרוקן זיך

просýшивать(ся) *несов. см.* просушúть(ся)

просушúть *сов.* אויסטריקענען; **~ся** *сов.* אויסטריקענען זיך, טרוקן° ווערן*

просуществовáть *сов.* 1. עקזיסטירן; 2. (*поддержать своё существование*) דורכלעבן זיך

просчёт *м* 1. רעכן־פעלער מ ־ן, טאָעס (מצ. ־ן, טעו-

סים) (אין כעזשבן); 2. (*промах, ошибка*) פעלער מ ־ן; допусти́ть ~ דערלאָזן* א פעלער, האָבן* א טאָעס

просчитáться *несов.* האָבן* א טאָעס אין כעזשבן; נארן זיך

прóсып *м разг.*: спать без ~у שלאָפן* ווי א געהארגעטער

просы́пать *сов.* אויסשיטן*

просыпáть¹ *несов. см.* просы́пать

просыпáть² *несов. см.* проспáть 2

просы́паться *сов.* אויסשיטן* זיך

просыпáться¹ *несов. см.* просы́паться

просыпáться² *несов. см.* проснýться

просыхáть *несов. см.* просóхнуть

прóсьб||а *ж* באקאָשע װ ־ס, ביטע װ; у меня́ к вам ~а כ'האָב צו אײַך א באקאָשע [א ביטע]; по вáшей ~е לויט אײַער באקאָשע; обрати́ться с ~ой о *чём-л.* ווענדן* זיך מיט א באקאָשע [מיט א ביטע] וועגן עפּעס; удовлетвори́ть ~у באפרידיקן די באקאָשע; отказáть в ~е אָפּזאָגן אין דער באקאָשע; ~а не кури́ть! מע בעט ניט רייכערן

просян||óй פּראָסע־, הירזש־, הירזשענער; ~óе пóле פּראָסע־פעלד ז ־ער

протáлкивать(ся) *несов. см.* протолкнýть(ся)

протáпливать *несов. см.* протопи́ть

протáптывать *несов. см.* протоптáть

протарáнить *сов.* טאראנעווען (אף דורך און דורך), דורכברעכן* מיט א טאראן

протáскивать *несов.*, **протащи́ть** *сов.* 1. (*через, сквозь что-л.*) דורכשלעפּן, (*перенести*) דורכטראָגן*; 2. *разг.*: ~ резолю́цию דורכשמוגלען א רעזאָליוציע; ~ кандидáта דורכרוקן א קאנדידאט; 3. *разг.* (*подвергнуть критике*) דורכזייפן

протежé *нескл. м* = פּראָטעזשע מ; *ж* = פּראָטעזשע װ

протéз *м* פּראָטעז מ ־ן; ~и́ст *м* פּראָטעזיסט מ ־ן

протекá||ть *несов.* 1. *см.* протéчь; переговóры ~ли в атмосфéре сердéчности и взаи́много понимáния די אונטערהאנדלונגען זײַנען דורכגעגאנגען אין א הארציקער אטמאָספער פון קעגנזײַטיקער פארשטענדיקונג; 2. (*о реках*) פליסן*

протекторáт *м* פּראָטעקטאָראט מ ־ן

протекциони́зм *м* פּראָטעקציאָניזם מ

протéкци||я *ж* פּראָטעקציע װ ־ס; по ~и מיט [אדאנק] דער פּראָטעקציע

протерéть *сов.* 1. (*насквозь*) אויסרײַבן*; ~ *что-л.* до дыр אויסרײַבן* עפּעס אין לעכער; 2. (*вытереть*) דורכווישן; ~ очки́ דורכווישן די ברילן; 3. (*пропустить сквозь сито и т. п.*) דורכרײַבן*; ◇ ~ глазá דורכרײַבן* די אויגן; ~ся *сов.* אויסרײַבן* זיך

протéст *м* פּראָטעסט מ ־ן; заяви́ть ~ מעלדן* [דערלאנגען] א פּראָטעסט; демонстрáция ~а פּראָטעסט־דעמאָנסטראציע װ ־ס

протестáнт *м* פּראָטעסטאנט מ ־ן; ~ский פּראָטעסטאנטישער; ~ство *с* פּראָטעסטאנטום ז

протестовáть *несов.* (прóтив *род.*) פּראָטעסטירן (קעגן)

протéчь *сов.* 1. (*просочиться*) דורכרינען*, ארײַנרינען*; 2. (*стать проницаемым для жидкости*) רינען*; (*о лодке и т. п.*) זײַן* צעלעכצט; кры́ша протеклá דער דאך רינט [האָט אָנגעהויבן רינען]; 3. (*о событиях, процессах*) דורכגיין*; (*быстро — о времени тж.*) פארבײַלויפן*; э́ти дни протекли́ незамéтно אָט די טעג זײַנען פארבײַגעלאָפן אומבאמערקט

прóтив *предлог с род. п.* 1. קעגן; ~ течéния קעגן שטראָם; борóться ~ фаши́зма קעמפן קעגן פאשיזם; срéдство ~ гри́ппа א מיטל קעגן גריפּ; ~ сóвести קעגן געוויסן; ~ вóли קעגן ווילן; оди́н шанс ~ десяти́ איין שאנס קעגן צען; 2. (*напротив*) (אנט)קעגן, קעגנאיבער; ~ дóма אנטקעגן [קעגנאיבער] דעם הויז; друг ~ дрýга איינער קעגן אנדערן; 3. (*по сравнению*) אנטקעגן, אין פארגלײַך מיט, לעגאבע; рост продýкции ~ прóшлого гóда דער וווקס פון דער פּראָדוקציע אנטקעגן [אין פארגלײַך מיט, לעגאבע] פאראיאָרן; 4. *в знач. сказ.* קעגן; кто ~? ווער איז קעגן?; 5. *в знач. сущ.* קעגן מ; все «за» и «прóтив» אלע «פאר» און «קעגן»

прóтивень *м* בעקן מ ־ס, (באק)בלעך ז

проти́виться *несов.* (*дат.*) קעגנשטעלן זיך (דאט.), ווערן זיך (קעגן)

проти́вник *м* 1. = קעגנער מ; 2. *собир. воен.* קעגנער מ, פײַנט מ, סוינע מ

проти́вно 1. *нареч.* עקלהאפטיק, עקלדיק, מיעס; он ~ хихи́кает ער כיכיקעט מיעס [עקלדיק]; 2. *в знач. сказ. безл.* דערווידער, עקלהאפטיק; ~ смотрéть ס'איז דערווידער צו קוקן, ס'עקלט צו קוקן

проти́вн||ый¹ 1. (*противоположный*) קעגן־; ~ый вéтер קעגנווינט מ; ~ое мнéние א פארקערטע מיינונג; 2. (*враждебный*): ~ая сторонá *юр.* קעגנצאד מ; 3. *в знач. сущ. с*: доказáтельство от ~ого דערווײַז פונעם פארקערטן; ◇ в ~ом слýчае אין קעגנפאל

проти́вный² (*отвратительный*) עקלדיקער, עקלהאפטיקער

противоалкогóльный אנטיאלקאָהאָלישער

противоáтомн||ый: ~ая защи́та קעגנאטאָם־שוץ װ

противовéс *м* קעגנגעוויכט ז; в ~ *чемý-л.* אנטקעגנגעשטעלט (צו) עפּעס

противовоздýшн||ый: ~ая оборóна קעגנלופט־שוץ װ

противогáз *м* גאז־מאסקע װ ־ס

противодéйств||ие *с* קעגנשטעלן זיך דאָס; *физ.* קעגנווירקונג װ; оказáть *чемý-л.* ~ие קעגנשטעלן זיך קעגן עפּעס, ניט דערלאָזן* עפּעס; ~овать *несов.* (*дат.*) קעגנשטעלן זיך (קעגן)

противоестéственный קעגן־נאטירלעכער, אומנאטירלעכער

противозакóнн||ость *ж* קעגנגעזעצלעכקייט װ, אומגעזעצלעכקייט װ; ~ый קעגנגעזעצלעכער, אומגעזעצלעכער

противозачáточн||ый: ~ые срéдства מיטלען קעגן שוואנגערשאפט

противолежáщ||ий *мат.* קעגנליגנדיקער; ~ие углы́ קעגנליגנדיקע ווינקלען

противоми́нн||ый *воен.* קעגנמינען־; ~ая защи́та קעגנמינען־שוץ װ

противообщéственный אנטיגעזעלשאפטלעכער; ~ постýпок אן אנטיגעזעלשאפטלעכער טאט

противопожáрн||ый פײַערשוץ־; ~ые мероприя́тия פײַערשוץ־מאָסמיטלען מצ.

противопокáзанный *мед.* ניט־רעקאָמענדירלעכער, קעגנגעוויזענער; (*вредный*) שעדלעכער, אומגעזונטער

противоположност||ь *ж* 1. (*свойство*) קעגנזעצלעכקייט װ; ~ь мнéний די קעגנזעצלעכקייט פון מיינונגען; ~ интерéсов די קעגנזעצלעכקייט פון די אינטערעסן; 2. (_несходное с другим_) קאָנטראַסט מ, הייפעך מ, קעגנזאַץ מ; он пóлная ~ь своемý брáту ער איז פונקט דער הייפעך פון זיין ברודער; ~и схóдятся קעגנזאַצן [עקסטרעמקייטן] פאַלן (אָפט) צונויף; 3. _филос._ קעגנזאַץ מ ־ן; борьбá ~ей דער קאַמף פון קעגנזאַצן; ◇ в ~ь _комý-л., чемý-л._ אין קעגנזאַץ צו עמעצן, צו עפעס; לעהייפעך צו עמעצן, צו עפעס

противополóжн||ый 1. (_расположенный напротив_) קעגנ'יבערדיקער, אנטקעגנדיקער; ~ый бéрег דער קעגנ'יבערדיקער ברעג; 2. (_противоречащий_) קעגנזעצלעכער, פאַרקערטער; ~ое мнéние א קעגנזעצלעכע מיינונג

противопостáвить _сов._, **противопоставля́ть** _несов._ 1. (_сравнить_) קעגנשטעלן, פאַרגלייכן*; 2. (_направить против_) קעגנשטעלן

противоракéтн||ый קעגנראַקעטן־; ~ое орýжие קעגנראַקעטן־געווער I

противоречи́вость _ж_ II ווידערשפרעכלעכקייט, ווידערשפרעכיקייט II, סטירע(ס)דיקייט II; ~ выскáзываний די ווידערשפרעכלעכקייט [די ווידערשפרעכיקייט, די סטירע(ס)דיקייט] פון די אַרויסזאָגונגען

противоречи́в||ый ווידערשפרעכלעכער, ווידערשפרעכיקער, סטירע(ס)דיקער; ~ые свéдения ווידערשפרעכלעכע [ווידערשפרעכיקע, ווידערשפרעכנדיקע] יעדיעס

противорéч||ие _с_ ווידערשפרוך מ ־ן, סטירע II ־ס; клáссовые ~ия קלאַסן־ווידערשפרוכן מצ.; пóлный ~ий פול מיט ווידערשפרוכן, ווידערשפרוכפולער; находи́ться в ~ии с _чем-л._ זיין* אין ווידערשפרוך [אין סטירע] מיט עפעס; дух ~ия קאַפויר־גייסט מ; צולאָכעס מ

противорéчить _несов._ (_дат._) 1. (_возражать_) דערווידערן (דאַט.); 2. (_не соответствовать_) ווידערשפרעכן* (צו), זיין* אין ווידערשפרוך [אין סטירע] (מיט)

противостоя́ние _с астр._ קעגנזון־שטאַנד מ, קעגנשטיין I (פון א פלאַנעט)

противостоя́ть _несов._ 1. (_сопротивляться_) אַרויסווייזן* [שטעלן] א ווידערשטאַנד, ווערן זיך; 2. (_противополагаться_) זיין* קעגנגעשטעלט

противотáнков||ый קעגנטאַנקען־; ~ое ружьё קעגנטאַנקען־ביקס II ־ן

противоя́дие _с_ קעגנגיפט מ

протирáть(ся) _несов. см._ протерéть(ся)

проти́скивать(ся) _несов. см._ проти́снуть(ся)

проти́снуть _сов._ דורכשפאַרן, דורכשטופן; ~ся _сов._ דורכשפאַרן זיך, דורכשטופן זיך

проткнýть _сов._ דורכשטעכן*

протóк _м_ 1. דורכפלוס מ ־ן; 2. _анат._ קאַנאַל מ ־ן, דורכגאַנג מ (מצ. דורכגענג)

протокóл _м_ פראָטאָקאָל מ ־ן; состáвить ~ מאַכן א פראָטאָקאָל; по ~у _дип._ לויטן פראָטאָקאָל [עטיקעט]

протоколи́ровать _сов. и несов._ פראָטאָקאָלירן, אַרייַנשרייבן* אין פראָטאָקאָל

протокóльный 1. פראָטאָקאָל־; ~ отдéл פראָטאָקאָל־אָפטייל מ ־ן; 2. (_о стиле_) פראָטאָקאָלאַרטיקער

протолкнýть _сов._ 1. (_через что-л._) דורכשטופן; 2. _перен. разг._ א רוק טאָן*; ~ дéло א רוק טאָן* דעם איניען; ~ся _сов._ דורכשטופן זיך, דורכשלאָגן* זיך א וועג

протóн _м физ._ פראָטאָן מ ־ען

протопи́ть _сов._ דורכהייצן, אויסהייצן

протоплáзма _ж биол._ פראָטאָפלאַזמע II

протоптáть _сов._ אויסטרעטן*; ~ дорóжку אויסטרעטן* א סטעזשקע [א שטעגל]

проторённ||ый גלאַטער, איינגעריבענער; _перен._ אויסגעטראָטענער; ◇ идти́ по ~ой дорóжке גיין* מיט אן אויסגעטראָטענער סטעזשקע

прототи́п _м_ פראָטאָטיפ מ ־ן, פאָרבילד I ־ער

протóчн||ый: ~ая водá שטראָמ(ענד)יקע וואַסער; ~ый пруд א סאַזשלקע מיט שטראָמ(ענד)יק וואַסער

протрезви́ться _сов._ אויסניכטערן זיך, ניכטער ווערן*

протруби́ть _сов. см._ труби́ть

протýхнуть _сов._ קאַליע ווערן*

протыкáть _несов. см._ проткнýть

протя́гивать _несов. см._ протянýть; **~ся** _несов. см._ протянýться 1, 2

протяжéни||е _с_ II לענג; (_расстояние_) מעהאַלעך מ; (_площадь_) שעטעך מ; имéть ~е ציִען* זיך; ~е в ширинý II ברייט; на ~и всегó пути́ איבער דער לענג פונעם גאַנצן וועג; на всём ~и от... до... אפן [איבערן] גאַנצן וועג פון... ביז...; ◇ на ~и _чего-л._ אין מעשעך פון עפעס, אין פאַרלויף פון עפעס; на ~и векóв אין מעשעך פון יאָרהונדערטער

протяжённость _ж_ II לענג; ~ пáрка три киломéтра דער פאַרק איז דריי קילאָמעטער די לענג; ~ в ширинý II ברייט

протя́жн||ый צעצויגענער; ~ая пéсня א צעצויגענע ליד

протянýть _сов._ 1. (_натянуть_) דורכציִען*, איבערציִען*; ~ верёвку чéрез двор דורכציִען* [איבערציִען*] א שטריק איבערן הויף; ~ телефóнную ли́нию דורכציִען* א טעלעפאָן־ליניע; 2. (_вытянуть_) אויסציִען*, אויסשטרעקן; (_подать_) דערלאַנגען; ~ рýку за _чем-л._ אויסציִען* [אויסשטרעקן] די האַנט נאָך עפעס, אויסציִען* די האַנט צו נעמען עפעס; ~ _комý-л._ письмó דערלאַנגען עמעצן דעם בריוו; ~ _комý-л._ рýку (_здороваясь и т. п._) אויסשטרעקן [דערלאַנגען] עמעצן די האַנט; ~ _комý-л._ рýку пóмощи אויסציִען* [געבן*] עמעצן א העלפנדיקע [א באַהילפיקע] האַנט; 3. (_предложить_) דערלאַנגען; ~ _комý-л._ портсигáр דערלאַנגען [צעעפענען] עמעצן דעם פאָרטסיגאַר; 4. (_заставить длительно звучать_) אויסציִען*, צעציִען*; (_сказать что-л. протяжно_) אויסציִען* די ווערטער, זאָגן צעצויגן; ~ нóту אויסציִען* [צעציִען*] א נאָטע; 5. _разг._ (_затянуть, задержать_) פאַרציִען*, פאַרשלעפן; ~ дéло פאַרציִען* [פאַרשלעפן] דעם איניען; 6. _разг._: он дóлго не протя́нет ער וועט (שוין) לאַנג° זיך ניט האַלטן אף דער וועלט, ס'איז אים שוין קיין סאך ניט געבליבן; ◇ ~ нóги אויסציִען* די פיס; ~ся _сов._ 1. (_о руках_) אויסציִען* זיך, אויסשטרעקן זיך; 2. (_о пространстве_) אויסשפרייטן זיך, ציִען* זיך; на ты́сячи киломéтров протянýлись лесá אף טויזנטער קילאָמעטער ציִען זיך וועלדער; 3. _разг._ (_продлиться_) ציִען* זיך, (גע)דויערן

проучи́ть _сов._ 1. _разг._ (_наказать_) אָנלערנען; 2. (_учить некоторое время_) (אָפ)לערנען

профáн _м_ פראָפאַן מ ־ען; (_невежда_) אַמאָרעץ מ (מצ. אַמעראַצים); быть ~ом в _чём-л._ גאָרנישט ניט פאַרשטיין* אין עפעס

профбилéт _м_ (профсоюзный билéт) פראָפבילעט מ (מיטגליד־בילעט פון פראָפאַריין)

профбюро́ *с нескл.* (профсоюзное бюро́) פראָפביוראָ ז, וו ־ען (אָרטיקע ביוראָ פון פראָפאריין)

профгру́ппа *ж* (профсоюзная гру́ппа) פראָפגרופע וו ־ס (די גרופע פון פראָפאריין)

профессиона́л *м* פראָפעסיאָנאל מ ־ן

профессиона́льн‖ый פראָפעסיאָנעלער; ~ое образова́ние פראָפעסיאָנעלע בילדונג; ~ый революционе́р א פראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער; ◇ ~ый сою́з פראָפעסיאָנעלער פאריין

профе́ссия *ж* פראָפעסיע וו ־ס

профе́ссор *м* פראָפעסאָר מ ··סאָרן

профессу́ра *ж* 1. פראָפעסור וו; 2. *собир.* פראָפעסור וו, פראָפעסאָרן מצ.

профила́ктика *ж* פראָפילאקטיק וו

профилакти́ческий פראָפילאקטישער

про́филь *м* 1. (*лица; тж. перен.*) פראָפיל מ ־ן; в ~ אין פראָפיל; ~ ву́за דער פראָפיל פון דער הויכשול; 2. *тех.* פראָפיל מ, קווערשניט מ ־ן; ~ доро́ги דער פראָפיל [קווערשניט] פונעם וועג

профильтрова́ть *сов.* דורכפילטרירן

профко́м *м* (профсоюзный комите́т) פראָפקאָם מ ־ען (פראָפאריינישער קאָמיטעט)

профо́рм‖а *ж разг.*: для ~ы פון יויצע וועגן

профсою́з *м* (профессиона́льный сою́з) פראָפאריין מ ־ען (פראָפעסיאָנעלער פאריין); ~ный פראָפאריין=, פראָפאריינישער; ~ное собра́ние א פראָפאריינישע פארזאמלונג; ~ный биле́т א בילעט פון א פראָפאריין־מיטגליד

проха́живаться *несов. см.* пройти́сь

прохвати́ть *сов.*, **прохва́тывать** *несов. разг.* 1. (*о хо́лоде, сырости*) דורכנעמען*; 2. (*раскритиковать*) דורכזייפן

прохла́д‖а *ж* קילע [פרישע] לופט; קיל(בלעכ)קייט וו; повéяло ~ой ס׳האָט א צי [א ווייע] געטאָן א קיל ווינטל

прохла́д‖ец *м*: рабо́тать с ~цем ארבעטן אָן ברען

прохлади́тельн‖ый: ~ые напи́тки קאלטע געטראנקען [מאשקאָעס]

прохлади́ться *сов. разг.* אָפפרישן זיך, אָפקילן זיך

прохла́дн‖о 1. *нареч.* קיל; *перен.* קאלט°, קילבלעך; ~о отнести́сь к *чему-л.* באציען* זיך צו עפעס קאלט [קילבלעך]; 2. *в знач. сказ. безл.* (ס׳)איז קילבלעך; сего́дня ~о הײַנט איז קילבלעך; ему́ бы́ло ~о ס׳איז אים געווען קילבלעך; ~ый 1. קילער, קילבלעכער; פרישער; 2. *перен.* קאלטער°, קילבלעכער

прохлажда́ться *несов.* 1. *см.* прохлади́ться; 2. *разг.* (*бездельничать*) האָבן* א גרינג לעבן; 3. (*неторопливо делать что-л.*) מארודיען

прохо́д *м* 1. (*действие*) דורכגיין ז, דורכגאנג מ; 2. (*место*) דורכגאנג מ (מצ. דורכגענג); ◇ от него́ ~а нет, он мне ~у не даёт ער לאָזט מיך די גאס ניט דורכגיין, ער לאָזט מיך ניט רוען; ни ~а, ни прое́зда ס׳איז ניט דורכצוגיין, ניט דורכצופאָרן

проходи́мец *м разг.* = אפעריסט מ ־ן, שווינדלער מ

проходи́ть *несов.* 1. *см.* пройти́; 2.: доро́га прохо́дит че́рез лес דער וועג גייט [ציט זיך] דורך וואלד

прохо́дка *ж горн.* דורכהאקן ז

проходн‖о́й 1. דורכגאנג=; ~а́я ко́мната דורכגאנג־צימער מ ־ן; ~о́й балл קאָנקורס־דורכגאנגבאל מ ־ן; 2. *в знач. сущ. ж* קאָנטראָל־דורכגאנג מ (מצ. ··דורכגענג); заводска́я ~а́я זאוואָד־טויער מ ־ן; ◇ ~а́я бу́дка קאָנטראָל־בוד(ק)ע וו ־ס; ~о́й двор דורכגאנגהויף מ ־ן

прохо́жий *м* = דורכגייער מ, = פארבײַגייער מ

процвета́ни‖е *с* בליונג וו; (*экономическое тж.*) פראָספעריטי וו *часто ирон.*; пери́од ~я בלי־פעריאָד מ

процвета́ть *несов.* זײַן* אין פולן בלי

процеди́ть *сов.* 1. דורכזײַען; 2.: ~ (сквозь зу́бы) א זאָג טאָן* [א מורמל טאָן*] צווישן די ציין

процеду́р‖а *ж* 1. פראָצעדור וו ־ן; ~а голосова́ния די אָפשטים־פראָצעדור וו ־ן; ~а подписа́ния догово́ра די פראָצעדור פון אונטערשרײַבן דעם אָפמאך; 2. *мед.* פראָצעדור וו ־ן; лече́бные ~ы היילונג־פראָצעדורן מצ.

проце́живать *несов. см.* процеди́ть

проце́нт *м* פראָצענט מ ־ן (*с колич. словами мн.* פראָצענט); сло́жные ~ы *мат.* צוזאמענגעזעצטע פראָצענטן; в ~ах אין פראָצענטן, פראָצענטועל; вы́полнить план на сто ~ов אויספילן דעם פלאן אף הונדערט פראָצענט; ~ы с капита́ла פראָצענט־געלט פונעם קאפיטאל; два ~а годовы́х צוויי פראָצענט יערלעך; то́лько небольшо́й ~ ученико́в не по́льзуется библиоте́кой בלויז א קלײנער° פראָצענט [טייל] שילער נעמט ניט קיין ביכער אין ביבליאָטעק

проце́нтн‖ый 1. (*выраженный в процентах*) פראָצענטועלער, פראָצענט=; ~ая но́рма פראָצענט־נאָרמע וו; ~ый соста́в דער באשטאנד אין פראָצענטן; ~ое содержа́ние желе́за в руде́ דער פראָצענטועלער אנטהאלט פון אײַזן אינעם ערץ; в ~ом отноше́нии פראָצענטועל; 2.: ~ые бума́ги פראָצענט־פאפירן מצ., ווערט־פאפירן מצ.

проце́сс *м* פראָצעס מ ־ן; ~ разви́тия דער פראָצעס פון אנטוויקלונג, אנטוויקלונג(ס)־פראָצעס מ; произво́дственный ~ פראָדוציר־פראָצעס מ; в ~е рабо́ты אין פראָצעס [אין גאנג] פון דער ארבעט; откры́тый суде́бный ~ אָן אָפענער געריכט־פראָצעס; нача́ть ~ про́тив *кого-л.* אָנהייבן* [פארפירן] א פראָצעס קעגן עמעצן; ~ в лёгких א פראָצעס אין די לונגען, לונגען־טובערקוליאָז מ

проце́ссия *ж* פראָצעסיע וו ־ס; похоро́нная ~ לעווײַע וו ־ס

прочеса́ть *сов. прям. и перен.* דורכקעמען; ~ лес דורכקעמען דעם וואלד

проче́сть *сов. см.* прочита́ть

прочёсывать *несов. см.* прочеса́ть

про́ч‖ий 1. איבעריקער, אנדערער; 2. *в знач. сущ. с*: и ~ее (*сокр.* אדג.) און דאָסגלײַכן; поми́мо всего́ ~его כוץ דעם אלעם; 3. *в знач. сущ. мн.* אנדערע; все ~ие אלע איבעריקע

прочи́стить *сов.* דורכרייניקן

прочита́ть *сов.* 1. איבערלייענען, דורכלייענען; ~ статью́ דורכלייענען אן ארטיקל; ~ сло́во по слога́м איבערלייענען דאָס וואָרט טראָפנווײַז; 2. (*устно изложить содержание*) לייענען; ~ докла́д לייענען א פאָרטראָג; 3. (*исполнить литературное произведение*) פאָרלייענען; 4. *перен.* לייענען; в его́ глаза́х мо́жно бы́ло ~ испу́г אין זײַנע אויגן האָט מען געקענט לייענען שרעק

прочища́ть *несов. см.* прочи́стить

про́чн‖о *нареч.* פעסט; стро́ить ~о בויען פעסט; ~о обоснова́ться גוט° [פעסט] אײַנפונדעווען זיך; ~ость *ж*

פעסטקײַט ıı; (длительность) דויערהאפטיקײַט ıı; ~ый 1. פעסטער; (о тканях и т. п.) שטארקער; ~ое здание א פעסטער ביניען; ~ая верёвка א שטארקער שטריק; 2. перен. פעסטער; דויערהאפטיקער; ~ая дружба פעסטע פרײַנטשאפט; ~ый мир דויערהאפטיקער שאָלעם [פרידן]; ~ые знания פעסטע יעדיעס; ~ая семья א געייניקטע פאמיליע

прочу́вствованный הארציקער, מיט געפיל *после сущ.*

прочу́вствовать *сов.* 1. *(воспринять чувствами что-л.)* טיף פילן; 2. *(пережить, испытать)* טיף איבערלעבן

прочь *нареч.:* уйти́ ~ אוועקגיין*; ~ с глаз мои́х! אוועק פון מײַנע אויגן!, פארנעם זיך פונדאנען!; ру́ки ~! אראָפ די הענט (פון עמעצן, פון עפעס)!; אָן הענט!; ◇ не ~ (+ *инф.*) זיך ניט אָפזאָגן, א באלן זײַן*; я не ~ пое́сть איך וואָלט א באלן געווען [איך וואָלט זיך ניט אָפגעזאָגט] עפעס אָפעסן

проше́дш||ий 1. *(минувший)* פאָריקער, פארגאנגענער; 2. *в знач. сущ. с* פארגאנגענהײַט ıı, פארגאנגענע ı; ◇ ~ее **вре́мя** *грам.* פארגאנגענהײַט ıı

проше́стви||е: по ~и го́да אין א יאָר ארום; по ~и сро́ка נאָכן אויסגיין פונעם טערמין

прошиба́ть *несов.*, **прошиби́ть** *сов.* 1. *(выбить)* אויסקלאפן, אויסשלאָגן*; 2. *разг.:* его́ проши́б пот ס'האָט אים באשלאָגן א שווייס; его́ проши́бла слеза́ ס'האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן

прошива́ть *несов. см.* проши́ть

прошипе́ть *сов.* צישען

проши́ть *сов.* דורכנייען; *(прострочить)* אָפשטעפן

прошлого́дний פאראיאָריקער

про́шло||е *с* פארגאנגענהײַט ıı, פארגאנגענע ı; в недалёком ~м ניט לאנג צוריק, מיט א קורצער צײַט צוריק; ◇ отойти́ в ~е אָפלעבן; פעלן זיך

про́шл||ый פאָריקער, פארגאנגענער; ~ый год דאָס פאָריקע יאָר; на ~ой неде́ле יענע וואָך; ◇ де́ло ~ое וואָס געווען איז געווען, וועגן דעם איז שוין ניטאָ וואָס צו רעדן

прошмыгну́ть *сов. разг.* דורכשמוגלען זיך

проштуди́ровать *сов.* דורכשטודירן, דורכארבעטן

проща́й(те)! זײַ(ט) געזונט!

проща́льный געזעגן־; ~ конце́рт געזעגן־קאָנצערט ם; ~ поцелу́й א לעצטער קוש; ~ пода́рок זײַ־געזונט־מאטאָנע ıı ־ס

проща́ние *с* געזעגענונג ıı, דאָס געזעגענען זיך; ◇ на ~ אף זײַ־געזונט; *(в конце)* צום סאָף

проща́ть *несов. см.* прости́ть; **~ся** *несов. см.* прости́ться; уйти́ не проща́ясь אוועקגיין* אָן א זײַ־געזונט

проще́н||ие *с* פארגעבונג ıı, מעכילע ıı; проси́ть ~ия у *кого-л.* בעטן* פארגעבונג [מעכילע] בא עמעצן; прошу́ ~ия! אנטשולדיקט!

проэкзаменова́ть *сов.* עקזאמענירן; פארהערן *уст.*; **~ся** *сов.* עקזאמענירן זיך

прояви́тель *м фото* אנטפלעקער ם ־ס

прояви́ть *сов.* 1. ארויסווײַזן*; ~ сме́лость ארויסווײַזן* דרייסט(קײַט); ~ изобрета́тельность ארויסווײַזן* דערפינדערישקײַט [אײַנפאלערישקײַט]; 2. *фото* אנטפלעקן; ~ плёнку אנטפלעקן די פילמע; ◇ ~ себя́ ארויסווײַזן* זיך; он прояви́л себя́ хоро́шим специали́стом ער האָט ארויסגעוויזן זיך ווי א גוטער° פאכמאן; **~ся** *сов.* 1. אנטפלעקן זיך, ארויסווײַזן* זיך; 2. *фото* אנטפלעקן זיך, אנטפלעקט ווערן*

проявле́ни||е *с* 1. *(действие)* דאָס ארויסווײַזן זיך; *фото* אנטפלעקן ı; 2. *(выражение, воплощение)* אנטפלעקונג ıı ־ען; во всех ~ях אין אלע אנטפלעקונגען; אין אלץ, וואָס אויסערט זיך.

проявля́ть(ся) *несов. см.* прояви́ть(ся)

проясне́ни||е *с* 1. *(погоды)* אויסלײַטערונג ıı; с кратковре́менными ~ями מיט קורצע° אויסלײַטערונגען; 2. *(сознания)* קלאָרקײַט ıı, אויסקלאָרונג ıı

проясни́ться *сов.*, **проясня́ться** *несов.* 1. *(становиться ясным, видимым)* קלאָר(ער) ווערן*; 2. *(о погоде)* אויסלײַטערן זיך; לויטער(ער) ווערן*; не́бо проясни́лось ס'האָט זיך אויסגעלײַטערט; 3. *(становиться понятным)* אויסקלאָרן זיך, קלאָר° ווערן*; положе́ние проясни́лось די לאגע איז קלאָר° געוואָרן; 4. *(о сознании)* קלאָרער ווערן*, לויטערער ווערן*; 5. *(о лице)* אופשײַנען

пруд *м* סאזשלקע ıı ־ס; ◇ хоть ~ пруди́ *чего-л.* אריבער און אריבער; דײַ וועהויסער *уст.;* де́нег у него́ хоть ~ пруди́ ער איז אָנגעשטאָפט מיט געלט

пружи́н||а *ж* 1. פרושינע ıı ־ס; פעדער ıı ־ן; 2. *перен.* טרײַבפעדער ıı ־ן; нажа́ть на все ~ы *разг.* אײַנלייגן [איבערקערן] וועלטן

пружи́нистый עלאסטישער

пружи́нить *несов.* עלאסטיש וויגן זיך

руса́к *м* פרײַס ם ־ן

прут *м* 1. רוט ıı (מצ. ריטער), ריטל ı ־עך; 2. *(металлический)* שטאנג ıı ־ען

пры́галк||а *ж*, **~и** *мн. разг. см.* скака́лка

пры́гать *несов.* שפרינגען*; *(о мяче)* אונטערשפרינגען*; ~ на одно́й но́жке שפרינגען* אף איין פוס; ~ с трампли́на שפרינגען* פונעם טראמפלין; ~ с парашю́том אראָפשפרינגען* מיטן פאראשוט

пры́гнуть *сов. однокр.* א שפרונג טאָן*

прыж||о́к *м* שפרונג ם ־ען; одни́м ~ко́м מיט איין שפרונג; **~ки́ в во́ду** *спорт.* דאָס שפרינגען אין וואסער; *(отдельные выступления)* קאָפשפרונגען מצ.

пры́снуть *сов. разг.:* ~ со́ смеху אויסשיסן* מיט א געלעכטער

пры́ткий *разг.* ספריטנע(ר) *тж. неизм.*, פלינקער

прыть *ж разг.* ספריטנעקײַט ıı; ◇ во всю ~ (ט)שווא־פײַל־אויסן־בויגן, ליאָם

прыщ *м* פרישטש ם ־עס; **~а́вый, ~ева́тый** פרישטשוואטע(ר) *тж. неизм.*

пряде́ние *с* שפינען ı, שפינערײַ ıı

пряди́льн||ый שפין־; ~ая фа́брика שפינפאבריק ıı, שפינערײַ ıı; ~ая маши́на שפינמאשין ıı ־ען

пряди́льщи||к *м* שפינער ם =; **~ца** *ж* שפינערן ıı ־ס

прядь *ж* פאס ם ־ן, פאסמע ıı ־ס; *(вьющихся волос)* קרויז ם ־ן, לאָק ıı ־ן

пря́жа *ж* שפינעכץ ı, גארן מצ.

пря́жка *ж* שפראָנטשעק ם ־עס, שפראָנטשקע ıı ־ס

пря́лка *ж* שפינראָד ıı (מצ. ··רעדער)

прям||а́я *ж* גראָדע ıı =; расстоя́ние по ~о́й דער מעהאלעך לויט דער גראָדער ליניע

прямизна́ *ж* גראָדקײַט ıı

прямико́м *нареч. разг.* גלײַך

пря́мо *нареч.* 1. גלײַך; держа́ться ~ האַלטן* זיך גלײַך; перейдём ~ к де́лу לאָמיר איבערגיין גלײַך צום איניען [צו דער זאַך]; идти́ ~ к це́ли גיין* גלײַך צום ציל; попа́сть ~ в глаз טרעפן* גלײַך [פונקט] אין אויג (אַרײַן); 2. (*откровенно*) אָפן, גלײַך; я вам ~ скажу́ כ׳וועל אײַך זאָגן אָפן [גלײַך]; 3. *в знач. усил. частицы разг.* מאַמעש; ~ у́жас ס׳איז מאַמעש א שרעק; я ~ не зна́ю, что де́лать איך הייב ניט אָן צו וויסן, וואָס מע טוט; ◇ пря́мо-таки *см.* пря́мо 3

прямоду́ш||ие *с* אָפנהאַרציקײַט וו; ~ный אָפנהאַרציקער

прям||о́й 1. גלײַכער, גראָדער; ~а́я ли́ния *мат.* א גראָדע ליניע; ~ые во́лосы גלאַטע האָר; 2. (*обеспечивающий непосредственную связь*) דירעקטער; ~о́е сообще́ние א דירעקטער פאַרקער; говори́ть по ~о́му про́воду רעדן* [טעלעפאָנירן] דורך דער דירעקטער ליניע; 3. (*непосредственный*) דירעקטער; ~ые вы́боры דירעקטע וואַלן; ~ые указа́ния דירעקטע אָנווײַזונגען; э́то его́ ~а́я обя́занность דאָס איז זײַן דירעקטע פליכט; 4. (*откровенный, правдивый*) אָפנהאַרציקער, אָפנטלעכער; (*искренний*) אויפריכטיקער; ~о́й челове́к אן אָפנטלעכער מענטש; ~о́й отве́т א גלײַכער ענטפער; 5. (*явный, открытый*) אָפענער, בעפײרעשער; ~о́й вы́зов אן אָפענער אַרויסרוף; ~о́й обма́н אן אָפענער [בעפײרעשער] שווינדל; 6. (*безусловный, действительный*): ~а́я необходи́мость אן אומבאַדינגטע נויטווענדיקײַט; ~о́й смысл поступи́ть так א בעפײרעשער זין אַזוי צו האַנדלען; ◇ ~о́й во́рот א שטײענדיקער קאָלנער; ~а́я доро́га, ~о́й путь к *чему-л.* א גלײַכער וועג צו עפעס; ~а́я речь *грам.* דירעקטע רייד מצ.; ~о́й у́гол *мат.* א גראָדער ווינקל; ~а́я кишка́ *анат.* די גראָדע [גלײַכע] קישקע; в ~о́м смы́сле сло́ва אין עכטן זין פונעם וואָרט; ~о́е попада́ние (אין ציל) דאָס דירעקטע טרעפן

прямолине́йн||ость *ж прям. и перен.* גראָדליניקײַט וו; ~ый *прям. и перен.* גראָדליניקער

прямот||а́ *ж* אָפנהאַרציקײַט וו, אָפנקײַט וו; со всей ~о́й גאַנץ אָפן

прямоуго́льн||ик *м* גראָדעק מ ־ן; ~ый גראָדעקיקער; ~ый треуго́льник א גראָדווינקלדיקער דרײַעק; ~ый стол א פירעקעכיקער טיש

пря́ник *м* לעקעכל ז ־עך; ◇ поли́тика кнута́ и ~а א פאָליטיק פון בײַטש און צוקערלעקעכל

пря́н||ость *ж* געווירץ ז ־ן; *мн. тж.* בסאָמים מצ.; ~ый געווירצטער, שאַרפער

прясть *несов.* שפינען*

пря́тать *несов.* 1. באַהאַלטן*; (*долго, большое количество*) אויסבאַהאַלטן*; 2. (*скрывать*) פאַרבאָרגן*, פאַרהוילן; ~ся *несов.* זיך באַהאַלטן*; (*долго, о многих*) זיך אויסבאַהאַלטן*

пря́тки *мн.*: игра́ть в ~ שפילן זיך אין באַהעלטערלעך [אין באַהאַלטשינקעס]

пря́ха *ж* שפינערן וו ־ס

псало́м *м* א קאַפיטל טילים

псалты́рь *ж* טילים מ; (*отдельная книга тж.*) טילים־בוך ז, מ (מצ. ...ביכער)

пса́рня *ж* הינט־שטאַל וו ־ן

псевдонау́чный פסעוודאָוויסנשאַפטלעכער

псевдони́м *м* פסעוודאָנים מ ־ען; под ~ом אונטערן פסעוודאָנים

психиа́тр *м* פסיכיאַטער מ ־ס

психиатри́ческ||ий פסיכיאַטרישער; ~ая больни́ца א פסיכיאַטרישער שפיטאָל; מעשוגאָים־הויז ז *разг.*

психиатри́я *ж* פסיכיאַטריע וו

пси́хика *ж* פסיכיק וו

психи́ческ||ий פסיכישער; ~ая боле́знь פסיכישע קראַנקהייט; ~ий больно́й א פסיכיש קראַנקער; ◇ ~ая ата́ка *воен.* א פסיכישע אַטאַקע

психо́з *м* פסיכאָז מ ־ן; вое́нный ~ מילכאָמע־פסיכאָז מ

психо́лог *м* פסיכאָלאָג מ ־ן

психологи́ческ||ий פסיכאָלאָגישער; ~ий рома́н א פסיכאָלאָגישער ראָמאַן; ~ая война́ נערוון־קריג מ

психоло́гия *ж* פסיכאָלאָגיע וו

психоневрологи́ческий פסיכאָנעווראָלאָגישער

психопа́т *м* פסיכאָפאַט מ ־ן, מעטורעף (מצ. מעטוראָפים)

психотерапи́я *ж* פסיכאָטעראַפיע וו

пта́шка *ж разг.* פייגעלע ז ־ך

птене́ц *м* פייגעלע ז ־ך

пти́ца *ж* 1. פויגל מ (מצ. ־ען, פייגל); 2. *собир.* (*домашняя*) אויפעס מצ.

птицево́д *м* אויפעס־ציכטלער מ =; ~ство *с* אויפעס־צוכט וו; ~ческий אויפעסציכטלערישער; פאַר אויפעס־צוכט *после сущ.*

птицело́в *м* פויגלכאַפער מ =

птицефе́рма *ж* אויפעס־פערמע וו ־ס

пти́ч||ий פויגל־, פייגל־; ~ий клюв פויגל־שנאָבל מ ־ען; ~ьи голоса́ פייגל־שטימען מצ.; (*как у птиц*) פייגלשער; ◇ ~ий двор אויפעס־שטאַל וו ־ן

пти́чка *ж* 1. פייגעלע ז ־ך; 2. *разг.* (*знак*) פייגעלע ז ־ך, סימענדל ז ־עך

пти́чн||ик *м* 1. אויפעס־שטאַל וו ־ן; 2. (*работник*) אויפעס־אופזעער מ =; ~ица *ж* אויפעס־אופזעערין וו ־ס

пу́блика *ж* פובליק וו; פובליקום ז *уст.*

публика́ция *ж* 1. (*действие*) פובליקירן ז; פאַרעפנטלעכן ז; 2. (*опубликованный материал*) פובליקאַציע וו ־ס

публикова́ть *несов.* פובליקירן, פאַרעפנטלעכן; (*издавать*) אַרויסגעבן*

публици́ст *м* פובליציסט מ ־ן; ~ика *ж* פובליציסטיק וו; ~и́ческий פובליציסטישער

публи́чно *нареч.* עפנטלעך; (*открыто тж.*) אָפן, פאַר אַלעמען; בעפומבי *уст.*

публи́чн||ый עפנטלעכער; ~ая библиоте́ка א עפנטלעכע ביבליאָטעק; ~ое выступле́ние אן עפנטלעכע אַרויסטרעטונג; ◇ ~ый дом שאַנד־הויז ז (מצ. ...הײַזער)

пу́гало *с* סטראַשידלע וו ־ס; *перен.* שרעקבילד ז

пу́ган||ый איבערגעשראָקענער; ◇ ~ая воро́на и куста́ бо́ится ≅ אַז מע בריט זיך אָפ אף הייסן, בלאָזט מען אף קאַלטן

пуга́ть *несов.* 1. (*вин.*) שרעקן*, וואַרפן* א פאַכעד (אף); 2. (*угрожать*) סטראַשען; ~ся *несов.* (*род.*) שרעקן* זיך (פאַר), מוירע האָבן* (פאַר)

пугли́вый שרעקעוודיקער

пу́говица *ж* קנעפל ז ־עך; (*крупная*) קנאָפ מ (מצ. קנעפ)

пу́говк||а *ж* קנעפעלע ז ־ך; нос ~ой א קליין נעזעלע, א נעזעלע ווי א קנעפעלע

пуд *м* (16,3 *кг*) פּוד מ ־ן (*с колич. словами мн.* פּוד)

пу́динг *м* פּודינג מ ־ען

пу́дра *ж* פּודרע װ, פּודער מ

пу́дреница *ж* פּודרע־שאכטל ז ־עך; פּודרעניצע װ ־ס

пу́дрить *несов.* פּודערן; ~**ся** *несов.* פּודערן זיך

пу́зо *с груб.* טרעלבויך מ

пузырёк *м* 1. בלעזל ז ־עך; בולבעלע ז ־עך *разг.*; 2. (*бутылочка*) פלעשעלע ז ־ך

пузы́рь *м* 1. בלעזל ז ־עך; בולבע װ ־ס *разг.*; мыльный ~ זײפנבלאָז מ ־ן; 2. (*вздутие кожи*) פּוכיר מ ־ן; 3. *анат.* פּענכער מ ־ס; мочево́й ~ אורין־פּענכער מ; 4.: ~ со льдом אײַזפּוכיר מ ־ן

пук *м* בינטל ז ־עך

пулемёт *м* קוילנווארפער מ ־ס; ручно́й ~ א לײַכטער קוילנווארפער, האנט־קוילנווארפער מ ־ס; станко́вый ~ שווערער קוילנווארפער; ~**ный** קוילנווארפער־; ~ная ле́нта קוילנווארפער־לענטע װ ־ס; ~ный ого́нь א פײַער [א שיסערײַ] פון קוילנווארפערס; ~ная ро́та א ראָטע (פון) קוילנווארפלער, קוילנווארפלער־ראָטע װ ־ס; ~**чик** *м* = קוילנווארפלער מ

пуло́вер *м* פּולאָווער מ ־ס

пульвериза́тор *м* פּולוועריזאטאָר מ ־ס

пульс *м* פּולס מ ־ן, דויפּעק מ ־ס; щу́пать ~ טאפּן דעם דויפּעק [פּולס]; ~**и́ровать** *несов.* שלאָגן*, פּולסירן

пульт *м* פּולט מ ־ן; но́тный ~ נאָטן־פּולט מ ־ן; ~ управле́ния רעגוליר־פּולט מ ־ן

пу́ля *ж* קויל װ ־ן

пункт *м* פּונקט מ ־ן; коне́чный ~ ענדפּונקט מ; сбо́рный ~ זאמלפּונקט מ ־ן; перегово́рный ~ טעלעפאָנישער שפּרעכפּונקט; ~ догово́ра א פּונקט פונעם אָפּמאך; ◇ кульминацио́нный ~ קולמיניר־פּונקט מ, קולמינאציע װ; по ~ам פּונקט נאָך פּונקט

пункти́р *м* פּונקטיר מ; ~**ный** פּונקטיר־, פּונקטירטער; ~ная ли́ния פּונקטירטע ליניע, פּונקטיר־ליניע װ ־ס

пунктуа́льн||ость *ж* פּונקטועלקײַט װ; ~**ый** פּינקטלעכער, פּונקטועלער

пунктуа́ция *ж* פּונקטואציע װ ־ס

пунцо́вый פּאָנסענער, פּאָנסעווער

пунш *м* פּונש מ ־ן

пуп *м разг. см.* пупо́к 1; ◇ ~ земли́ *шутл.* מיטלפּונקט פון דער ערד

пупови́на *ж анат.* נאָפּלשנור מ ־ן

пупо́к *м* 1. *анат.* נאָפּל מ ־ען; פּופּיק מ ־עס *разг.*; 2. (*у птиц*) פּופּיק מ ־עס, פּופּיקל ז ־עך

пурга́ *ж* זאווערוכע װ ־ס, זאווייע װ ־ן, שנײשטורעם מ ־ס

пури́зм *м* פּוריזם מ

пу́рпур *м* פּורפּור מ

пурпу́рный פּורפּור־, פּורפּור־רויטער; ~ный цвет פּורפּור־קאָליר מ

пурпу́ровый *см.* пурпу́рный

пуск *м* לאָזן ז; ~ турби́ны דאָס לאָזן אין גאנג א טורבינע

пуска́й *см.* пусть

пуска́ть(ся) *несов. см.* пусти́ть(ся)

пусков||о́й: ~о́й пери́од לאָז־פּעריאָד מ; ~а́я раке́тная устано́вка סטארט־אינסטאליאציע פאר ראקעטן

пусте́ть *несов.* פּוסט ווערן*

пусти́ть *сов.* 1. (*отпустить*) (אָפּ)לאָזן*; (*разрешить*) דערלויבן; ~ на во́лю ארויסלאָזן* אף דער פרײַ; пусти́ (мою́) ру́ку לאָז אָפּ מײַן האנט; ~ ребёнка гуля́ть לאָזן* דאָס קינד אף דער פרײַ; 2. (*впустить*) ארײַנלאָזן*; (*по пропуску*) דורכלאָזן*; ~ жильцо́в ארײַנלאָזן* שכנים; ~ ночева́ть (ארײַנ)לאָזן* נעכטיקן; 3. (*привести в движение*) לאָזן* (אין גאנג); ~ мото́р לאָזן* דעם מאָטאָר (אין גאנג); ~ раке́ту לאָזן* א ראקעטע; (*космическую*) ארויסשיסן* א ראקעטע; 4. (*воду, газ и т.п.*) לאָזן*; (*в дом и т.п. тж.*) געבן*; 5. (*заставить двигаться*) לאָזן*; ~ ло́шадь гало́пом לאָזן* דאָס פערד אין גאלאָפּ; 6. (*бросить*) ווארפן*; ~ ка́мнем в *кого-л.* ווארפן* [א וואָרף טאָן*] א שטיין אף עמעצן; ~ стрелу́ שיקן א פײַל; 7. (*обратить для какой-л. надобности*) לאָזן*; ~ по́ле под пшени́цу לאָזן* דאָס פעלד אף פארזייען ווייץ; ~ в прода́жу לאָזן* אין פארקויף; 8. *разг.* (*распространить*) ארויסלאָזן*; ~ слух ארויסלאָזן* א קלאנג; 9.: ~ ростки́ לאָזן* (פון זיך) שפּראָצונגען, געבן* שפּראָצונגען; ◇ ~ кровь *кому-л.* לאָזן* עמעצן צו דער אָדער; ~ в обраще́ние לאָזן* אין פארקער; ~ на дно [ко дну] דערטרענקען*, לאָזן* אונטערגיין; ~ в ход все сре́дства אָנעמען* [לאָזן* אין גאנג] אלע מיטלען; ~ по́ миру לאָזן* אין איין העמד, מאכן פאר אן אָרעמאן; ~**ся** *сов.* 1. (*отправиться*) לאָזן* זיך; ~ся в путь לאָזן* זיך אין וועג (ארײַן); он пусти́лся бежа́ть ער האָט זיך געלאָזט לויפן; 2. (в *вин.*; *начать что-л.*) ארײַנלאָזן* זיך (אין); ~ся в подро́бности ארײַנלאָזן* זיך אין פּראָטים; ~ся в объясне́ния נעמען* פארענטפערן זיך; ~ся в пляс לאָזן* זיך אין א טאנץ, אוועקגיין* טאנצן; 3. (на *вин.*): ~ся на хи́трость לאָזן* אין גאנג א פּאָרטל [אן איבערשפּיצל]

пу́сто *в знач. сказ.* פּוסט; (*безлюдно*) וויסט; в ко́мнате бы́ло ~ דער צימער איז געווען פּוסט [ליידיק]; в э́тот по́здний час на у́лицах ~ אין אָט דער שפּעטער שאָ זײַנען די גאסן וויסט; на душе́ у него́ бы́ло ~ ס'איז אים געווען פּוסט אפן הארצן

пустова́ть *несов.* פּוסטעווען, שטיין* ליידיק; гости́ница никогда́ не пусту́ет דער האָטעל בלײַבט קיינמאָל ניט אָן אָרחים

пустозво́н *м разг.* שוויצער מ ־ס; ~**ство** *с разг.* שוויצערײַ װ

пуст||о́й 1. (*ничем не заполненный*) ליידיקער, פּוסטער; (*безлюдный*) וויסטער; (*незанятый*) פרײַער; ~а́я коро́бка א ליידיק [פּוסט] קעסטל; ~о́й дом א ליידיקע [פּוסטע] שטוב; ~ы́е у́лицы וויסטע גאסן; на ~о́й желу́док אפן ליידיקן [ניכטערן] מאָגן, אפן ניכטערן הארצן; в за́ле бы́ли ~ы́е места́ אינעם זאל זײַנען געווען (עטלעכע) פרײַע ערטער; 2. *разг.* (*свободный от занятий*) פרײַער; ~о́й уро́к א פרײַער לימעד, א «פענצטער»; 3.: ~о́й чай טיי אָן צוקער; 4. (*несерьёзный, бессодержательный*) פּוסטער; ~о́й челове́к א פּוסטע קיילע; ~ы́е обеща́ния פּוסטע צוזאָגעכצן; ~а́я отгово́рка א פּוסטער טערעץ; א טערעץ פאר די בענטשליכט; 5. (*ничтожный*) נישטיקער, °קליינער; 6. *в знач. сущ.* *с*: ~о́е! פּוסטע מײַסעס; ◇ с ~ы́ми рука́ми מיט ליידיקע הענט

пустоме́ля *м и ж* פּלוידערזאק מ (מצ. ··זעק)

пустосло́в||ие *с* פּוסטע רייד מצ.; ~**ить** *несов. разг.* פאַרנעמען* זיך מיט פּלוידערײַ, פּלוידערן

пустота́ *ж* 1. *прям. и перен.* פּוסטקײַט װ; 2. (*незаполненное пространство*) הוילקײַט װ ־ן, אויסהוילונג װ ־ען; *физ.* וואַקוּום מ

пустоцве́т *м* 1. א פּוסטע [פּרוכטלאָזע] בלום; 2. (*о человеке*) אן אומנוצלעכער פּאַרשוין, א פּוסטע קײַלע

пу́стошь *ж* פּוסטבאָדן מ

пусты́нн||ый 1. מידבער־; ~ые зе́мли מידבאָריעס מצ.; 2. (*необитаемый*) אומבאַפעלקערטער; (*безлюдный*) וויסטער

пусты́ня *ж* 1. מידבער מ (מצ. מידבאָריעס); сне́жная ~ *поэт.* שניי־מידבער מ; 2. (*безлюдное место*) וויסטעניש װ

пусты́рь *м* פּוסטקע װ ־ס, א פּוסטער פּלאַץ

пусты́шка *ж разг.* מיזוקל ז ־עך

пусть 1. *частица в составе повелительного наклонения; передаётся личн. ф. модального гл.* זאָלן* (+ *инф.*) *и* לאָזן* (+ *инф.*) *разг.*; ~ он войдёт זאָל ער אַרײַנגײן; скажи́те им, ~ подожду́т זאָגט זײ, זײ זאָלן צוּוואַרטן; ~ то́лько попро́бует! לאָז ער נאָר א פּרוּוו טאָן!; ~ бу́дет так! זאָל זײַן אַזוי!; 2. *частица* (*так и быть*) זאָל זײַן (אַזוי); ~, я согла́сен — זאָל זײַן אַזוי, איך בין מאַסקים; 3. *союз* זאָל זײַן, מעג זײַן; ~ я не прав, но и вы оши́блись זאָל [מעג] זײַן, אַז איך בין אומגערעכט, נאָר איר האָט אויך געהאַט א טאָעס; прое́кт был его́ пе́рвой, ~ небольшо́й, но самостоя́тельной рабо́той אָט דער פּראָיעקט איז געווען זײַן ערשטע, עמעס [מעג זײַן] ניט־היפּשע, דערפאַר אָבער זעלבשטענדיקע אַרבעט; ни оди́н, ~ са́мый о́пытный, специали́ст не застрахо́ван от оши́бок אי אײנער ניט, אַפילע [מעג זײַן] דער סאַמע דערפאַרנסטער פאַכמאַן איז ניט באַוואָרנט פון פעלערן

пустя́к *м* 1. נאַרישקײַט װ ־ן, קלײניקײַט װ ־ן; занима́ться ~а́ми פאַרנעמען* זיך מיט קלײניקײַטן [מיט נאַרישקײַטן]; ссо́риться из-за ~а́ קריגן זיך איבער א קלײניקײַט; 2. *обыкн. мн.* (*вздор*) נאַרישקײַטן מצ.; говори́ть ~и́ רעדן* נאַרישקײַטן; 3. *обыкн. мн. в знач. сказ.* (*неважно*) קלײניקײַט(ן); ~и́, всё бу́дет хорошо́ ס׳איז א קלײניקײַט, ס׳וועט אַלץ זײַן רעכט; ◇ для него́ э́то па́ра ~о́в בא אים איז דאָס א שפּילכל; ~о́вый אומבאַדײַטנדיקער, נישטיקער

пустя́чный *см.* пустяко́вый

пу́таник *м разг.* פּלאָנטער־קאָפּ מ (מצ. ··קעפּ)

пу́таниц||а *ж* פּלאָנטער מ ־ס; вноси́ть ~у אַרײַנטראָגן* א פּלאָנטער

пу́тан||ый 1. (*запутанный*) פאַרפּלאָנטע(ר)טער; ~ые во́лосы פאַרפּלאָנטע(ר)טע האָר; 2. (*сбивчивый, нелогичный*) געפּלאָנטערטער; ~ая речь געפּלאָנטערטע רייד

пу́та||ть *несов.* 1. (*приводить в беспорядок*) (פאַר)פּלאָנטע(ר)ן; (*бумаги тж.*) איבערמישן; ~ть ни́тки פאַרפּלאָנטע(ר)ן די פעדעם; 2. (*сбивать с толку*) (פאַר)פּלאָנטערן; 3. (*говорить сбивчиво*) פּלאָנטערן; не ~й, говори́ пря́мо! פּלאָנטער ניט, רעד גלײַך!; 4. (*смешивать с кем-л.*) פּלאָנטערן; (*с чем-л. тж.*) פאַרבײַטן*; ~ть имена́ פּלאָנטערן [פאַרבײַטן*] די נעמען; я ~ю вас с ва́шим бра́том איך פּלאָנטער אײַך מיט אײַער ברודער; 5. *разг.* (*вовлекать кого-л. в неприятное дело*) אַרײַנמישן; не ~йте меня́ в э́то де́ло מישט מיך ניט אַרײַן אין דעם דאָזיקן איניען; 6. (*стреножить лошадь*) פּענטען; ~**ться** *несов.* 1. פּלאָנטערן זיך; ни́тки пу́таются די פעדעם פּלאָנטערן זיך; мы́сли пу́таются עס פּלאָנטערן זיך די געדאַנקען; 2. *разг.* (*ошибаться*) פאַרפּלאָנטערן זיך; 3. *разг.* (*вмешиваться*) (אַרײַנ)מישן זיך

путёвк||а *ж* פּוטיאָווקע װ ־ס; ~а в санато́рий א פּוטיאָווקע אין א סאַנאַטאָריע; е́хать на строи́тельство по ~е комсомо́ла פאָרן* אף דער בויונג לויט א פּוטיאָווקע פונעם קאָמיוג; ◇ ~а в жизнь א וועג אין לעבן

путеводи́тель *м* רײַזע־האַנטבוך מ, ז (מצ. ··האַנטביכער); (*по городу, музею и т.п.*) וועגווײַזער מ ־ס

путево́дн||ый: ~ая звезда́ לײַכט־שטערן מ

путев||о́й 1. אײַזנבאַן־; ~о́й сто́рож אײַזנבאַן־וועכטער מ =; 2. (*относящийся к путешествию*) רײַזע־; ~ы́е заме́тки רײַזע־נאָטיצן מצ.

путе́ец *м разг.* 1. (*инженер*) (אײַזנ)באַן־אינזשעניר מ ־ן; 2. (*работник службы пути*) אײַזנבאַן־אַרבעטער מ =

путём[1] *нареч. разг.* רעכט; ווי ס׳דאַרף צו זײַן

путём[2] *предлог с род. п.* (*посредством*) דורך, מיט דער הילף פון

путеше́ственник *м* רײַזנדער מ ··דע

путеше́ствие *с* נעסיע װ ־ס, רײַזע װ ־ס

путеше́ствовать *несов.* מאַכן א רײַזע, אַרומרײַזן; ~ по стране́ מאַכן א רײַזע איבערן לאַנד; ~ вокру́г све́та מאַכן א רײַזע אַרום דער וועלט

пути́на *ж* פישפאַנג־סעזאָן מ ־ען; зи́мняя ~ דער ווינטערדיקער פישפאַנג

сбо́рник *м* (*книга*) זאַמלבוך מ, ז (מצ. ··ביכער); ~ зада́ч אופגעבער מ ־ס

сбо́рн||ый 1. (*о месте*) זאַמל·; ~ый пункт זאַמלפונקט מ ־ן; 2. (*из разных мест*) געמישטער; ~ая кома́нда געזאַמלטע קאָמאַנדע; 3. (*изготовленный путём сборки*) מאָנטירטער; ~ые железобето́нные констру́кции מאָנטירטע אײַזנבעטאָנענע קאָנסטרוקציעס; 4. (*разнородный*) געמישטער; ~ая ме́бель געמישטע מעבל

сбо́рочный: ~ цех מאָנטאַזש־צעך מ ־ן

сбо́рщик *м* 1. (*взносов, подписей и т.п.*) צונויפזאַמלער מ =; (*налогов и т.п.*) אופזאַמלער מ =, אופמאָנער מ =; 2. (*рабочий*) מאָנטירער מ =

сбра́сывать(ся) *несов. см.* сбро́сить(ся)

сбрива́ть *несов.*, **сбрить** *сов.* אָפגאָלן

сброд *м собир. разг.* ערעווראַוו מ, געמיינער האַמוין

сбро́сить *сов.* 1. אראָפוואַרפן*; ~ мешки́ с грузовика́ אראָפוואַרפן* די זעק פונעם לאַסט־אויטאָמאָביל; ло́шадь сбро́сила вса́дника דאָס פערד האָט אראָפגעוואָרפן פון זיך דעם רײַטער; ~ бо́мбы на го́род אראָפוואַרפן* באָמבעס אף א שטאָט; 2. (*ношу*) אָפוואַרפן*; 3. (*свергнуть*) אראָפשלײַדערן, אראָפוואַרפן*; ~ царя́ אראָפשלײַדערן דעם קייסער; ~ и́го אראָפוואַרפן* דעם יאָך; 4. *воен.*: ~ проти́вника в ре́ку אראָפשטופן [אראָפוואַרפן*] דעם קעגנער אין טײַך ארײַן; 5. *разг.* (*снять с себя*) אראָפוואַרפן* (פון זיך); ~ пальто́ אראָפוואַרפן* פון זיך דעם מאַנטל; 6.: я́щерица сбро́сила ко́жу בא דער יאַשטשערקע איז אראָפ די הויט; ◇ ~ со счето́в ניט נעמען* אין אכט; ~ся *сов.* אראָפוואַרפן* זיך

сброшюрова́ть *сов.* אויסבראָשירן

сбру́я *ж* געשפאַן ז ־ען

сбыва́ть *несов. см.* сбыть

сбыва́ться *несов. см.* сбы́ться

сбыт *м* אָפזאַץ מ; ры́нки ~а אָפזאַצמערק מצ.; находи́ть ~ האָבן* אן אָפזאַץ; אָנגיין*, גיין* פון דער האַנט

сбыть *сов.* (*вин.*) 1. (*продать*) אָפזעצן, פארהאַנדלען; 2. *разг.* (*отделаться от чего-л.*) פאָטער ווערן* (פון)

сбы́ться *сов.* (*о предсказаниях*) מעקוים ווערן*; (*о пожеланиях тж.*) אויסגעפילט ווערן*; (*о мечтах, надеждах*) פארווירקלעכט ווערן*

сва́дебный כאַסענע־; ~ пода́рок כאַסענע־מאַטאָנע וו ־ס; (*у евреев тж.*) דראָשע־געשאַנק ז

сва́дьб||а *ж* כאַסענע וו ־ס; справля́ть ~у פראַווען א כאַסענע; ◇ золота́я ~а די גילדענע כאַסענע; сере́бряная ~а די זילבערנע כאַסענע; до ~ы заживёт ביז דער כאַסענע וועט זיך עס פארהיילן

сва́йн||ый פאַליען־; (*на сваях тж.*) אף פאַליעס *после сущ.*; ~ый мо́лот פאַליען־האַמער מ ־ס; ~ые постро́йки פאַליען־געבײַען מצ.

сва́ливать(ся) *несов. см.* свали́ть(ся)

свали́||ть *сов.* 1. אומוואַלגערן, אומוואַרפן*; ве́тер ~л де́рево דער ווינט האָט אומגעוואַלגערט דעם בוים; пу́ля

~ла его́ די קויל האָט אים אוועקגעלייגט (אפן אָרט); 2. (*сбросить что-л. тяжёлое*) אָפּווארפן*, אראָפּוואלגערן; ~ть дрова́ с грузовика́ אראָפּוואלגערן [אָפּווארפן*] דאָס האָלץ פון דער לאסטמאשין; ~ть но́шу с плеч אָפּווארפן* די מאסע פון דער פלייצע; ~ть с себя́ неприя́тную обя́занность אראָפּווארפן* [אראָפּוואלגערן] פון זיך די אומאָנגענעמע פליכט; 3. *разг.* (*переложить на другого*) ארופוואלגערן; (*вину*) ארופווארפן*, ארופלייגן; на меня́ ~ли всю рабо́ту מע האָט אף מיר ארופגעוואלגערט די גאנצע ארבעט; он разби́л стекло́, а ~л на брати́шку ער האָט אליין צעבראָכן די שויב און ארופגעלייגט די שולד אפן ברודערל; 4. (*беспорядочно сложить*) צונויפוואלגערן, צונויפווארפן*; ~ть в ку́чу צונויפוואלגערן אלץ אינײנעם; 5.: ~ть лес אויסהאקן דעם וואלד; ◇ ~ть с больно́й головы́ на здоро́вую ארופלייגן [ארופווארפן*] די באָד אף יענעם

свали́||ться *сов.* 1. (*упасть*) אראָפּוואלגערן זיך, אראָפּפאלן*; (*обрушиться, повалиться*) אומגעוואלגערט ווערן*, אומפאלן*; ~ться с кры́ши אראָפּוואלגערן זיך [אראָפּפאלן*] פונעם דאך; 2. *разг.* (*неожиданно появиться*) אראָפּפאלן*; отку́да ты ~лся? פונוואנען ביסטו אראָפּגעפאלן?; פונוואנען האָט עס דיך אָנגעטראָגן?; 3. *разг.* (*на вин.*) (*достаться*) ארופגעוואלגערט ווערן*; на него́ ~лась вся редакцио́нная рабо́та אף אים איז ארופגעוואלגערט געוואָרן די גאנצע רעדאקציאָנעלע ארבעט; на него́ ~лось несча́стье אף אים איז געקומען אן אומגליק; 4. *разг.* (*заболеть*) אוועקלייגן זיך, פאלן* צו בעט

сва́лка *ж* 1. (*мусора*) מיסטהויפן מ ־ס; (*городская*) מיסטפלאץ מ (מצ. ־פלעצער); 2. (*драка*) געשלעגערײַ ז

сваля́ть *сов.* אויסוואלקן

сваля́ться *сов.* 1. אויסוואלקן זיך; 2. (*о шерсти и т.п.*) צונויפקנײַלן זיך

сва́ривать *несов. см.* свари́ть 2

свари́ть *сов.* 1. אָפּקאָכן; ~ обе́д אָפּקאָכן מיטיק; 2. *тех.* (צונויפ)שווייסן

сва́рка *ж тех.* װ שווייסונג; автоге́нная ~ אווטאָגענישע שווייסונג; га́зовая ~ שווייסונג אף גאז

сварли́вый בייזער; (*любящий ссоры*) מאכלויקעסדיקער

сварн||о́й *тех.* ·שווייס; ~о́й шов שווייסניט מ ־ן; ~ы́е тру́бы געשווייסטע רערן

сва́рочный *тех.* ·שווייס; ~ аппара́т שווייס־אפאראט מ ־ן

сва́рщик *м* שווייסער מ =

сва́стика *ж* האקנקרייץ מ ־ן, סוואסטיק װ ־עס

сват *м* 1. שאדכן מ (מצ. שאדכאָנים); 2. *разг.* (*отец зятя или невестки*) מעכוטן מ (מצ. מעכוטאָנים)

сва́тать *несов.* שאדכענען, רעדן* א שידעך; ему́ сва́тают Ната́шу מע שאדכנט אים [מע רעדט אים פאר א קאלע] נאטאשען; ~ся *несов.* (*к кому-л.*) שאדכענען זיך (צו)

сва́тья *ж* מעכוטענעסטע װ ־ס

сва́ха *ж* שאדכנטע װ ־ס

сва́я *ж* פאליע װ ־ס

све́дени||е *с* 1. *обыкн. мн.* יעדיעס מצ.; (*данные тж.*) אָנגאבן מצ.; достове́рные ~я זיכערע יעדיעס; предста́вить ~я דערלאנגען אָנגאבן; 2. *мн.* (*знания*) יעדיעס מצ., קענטעניש מצ.; элемента́рные ~я עלעמענטארע יעדיעס [קענטעניש]; 3.: приня́ть к ~ю נעמען* צו קענטעניש; довести́ до всео́бщего ~я געבן* אלעמען צו וויסן, מודיע זײַן* אלעמען; довожу́ до ва́шего ~я איך מעלד אײַך; до на́шего ~я дошло́ מיר האָבן זיך דערוווסט, צו אונדז איז דערגאנגען; ◇ к ва́шему ~ю זײַט וויסן; מיט רעספעקט צו מעלדן *ирон.*

сведе́ние *с*: ~ счётов с *кем-л.* דאָס אָפּרעכענען זיך מיט עמעצן

све́дущ||ий באהאוונטער, קאָמפּעטענטער; он о́чень ~ в геогра́фии ער איז א מומכע אין געאָגראפיע

свежева́ть *несов.* שינדן* און אויסטרייבערן

све́жест||ь *ж* 1. װ פרישקײַט; 2. (*прохлада*) קילקײַט װ, א קיל לופטל; ◇ не пе́рвой ~и ניט גאָר פריש(ער); (*об одежде тж.*) ניט גאָר ריינ(ער)

свеж||ий 1. פרישער; ~ее ма́сло פרישע פוטער; ~ий хлеб פריש [ווייך] ברויט; ~ее полоте́нце א פרישער [א ריינער] האנטעך; 2. (*обновленный*) נײַער, באנײַטער, פרישער; со ~ими си́лами מיט באנײַטע [נײַע, פרישע] קויכעס; 3. (*прохладный*) קילער, פרישער; (*холодный*) קאלטער°; ~ий ветеро́к א פריש [א קיל] ווינטל; 4. (*новый*) פרישער, נײַער; ~ая газе́та א פרישע צײַטונג; ◇ (ещё) ~о́ в па́мяти ס'איז (נאָך) פריש אין זיקאָרן, ס'געדענקט זיך (נאָך) גוט

свежо́ 1. *нареч.* פריש; 2. *в знач. сказ. безл.*: ста́ло ~ ס'איז געוואָרן קילבלעך [קאלט°]

свезти́¹ *сов.* 1. (*вниз*) אראָפּפירן; 2. (*в одно место*) צונויפפירן; 3. (*увезти*) אוועקפירן; ~ хлеб с по́ля ארויספירן [אוועקפירן] די טווּע פונעם פעלד; 4. *разг.* (*доставить*) ברענגען* צו פירן; (*кого-л. тж.*) אָפּפירן; его́ свезли́ в больни́цу מע האָט אים אָפּגעפירט אין שפיטאָל

свезти́² *сов. см.* свози́ть

свёкла *ж* (*растение*) בורעק מ ־עס; *собир.* בורעקעס מצ.; кормова́я ~ פיטער־בורעקעס מצ.; са́харная ~ צוקער־בורעקעס מצ.

свеклови́ца *ж собир.* (צוקער־)בורעקעס מצ.

свеклови́чн||ый 1. ·(צוקער־)בורעקעס; ~ый са́хар בורעקעס־צוקער מ; 2.: ~ая планта́ция א פלאנטאציע פון [פאר] צוקער־בורעקעס; ~ый райо́н א ראיאָן פון (צוקער־)בורעקעס־קולטור

свеклово́д||ство *с* װ בורעקעס־צוכט; ~ческий בורעקעס־ציכטלערישער; פאר בורעקעס־צוכט *после сущ.*; ~ческий колхо́з א קאָלווירט פאר בורעקעס־צוכט, א קאָלווירט פון [פאר] בורעקעס־קולטור

свеклоубо́рочн||ый: ~ая маши́на בורעקעס־אראָפּנעם־מאשין װ ־ען, א מאשין אף אראָפּנעמען בורעקעס

свеко́льн||ик *м* 1. *кул.* בורעקעס־באָרשטש מ; 2. *разг.* (*ботва*) באָטווינע װ, בוראטשיניע װ; ~ый ·בורעקעס; פון בורעקעס *после сущ.*; ~ый сок בורעקעס־זאפט מ

свёкор *м* שווער מ ־ן (דעם מאנס פאָטער)

свекро́вь *ж* שוויגער װ ־ס (דעם מאנס מוטער)

сверга́ть *несов.*, **све́ргнуть** *сов.* אראָפּווארפן*, אראָפּשלײַדערן; ~ и́го אראָפּווארפן* דעם יאָך; ~ с престо́ла אראָפּזעצן (פונעם טראָן)

сверже́ние *с* ז אראָפּווארפן, ז אראָפּשלײַדערן

све́рить *сов.* (*сличить*) פארגלײַכן*; (*проверить*) רעווידירן; ~ часы́ אויסגלײַכן* די צײַט אף די זייגערס; ~ ко́пию с оригина́лом פארגלײַכן* די קאָפּיע מיטן אָריגינאל

сверка́||ть *несов.* גלאנצן, בלישטשען; *(о металле и т. п.)* בלאנקען; *(о драгоценностях)* פינקלען; ослепи́тельно ~ть בלענדן (דאָס אויג); его́ глаза́ ~ли от ра́дости זײַנע אויגן האָבן געשײַנט [געלויכטן] פאר פרייד; его́ глаза́ ~ют гне́вом א צאָרן־פײַער לויכט אין זײַנע אויגן; мо́лния ~ет עס בליצט, עס לויכט אויף א בליץ

сверка́ющ||ий *перен.* שײַנענדיקער; לויכטנדיקער; со ~ими глаза́ми מיט שײַנענדיקע [לויכטנדיקע] אויגן

сверкну́||ть *сов. однокр.* 1. א בלישטשע טאָן*, א שײַן טאָן*; *(о молнии)* אויפלויכטן*; он гне́вно ~л глаза́ми א צאָרן־פײַער האָט אויפגעבליצט אין זײַנע אויגן; 2. *(мелькнуть — о мысли)* אויפבליצן

сверли́льный: ~ стано́к בויערונג־ווערקשטעל מ ־ן

сверли́ть *несов.* 1. בויערן, עגבערן; 2. *перен.:* ~ кого́-л. глаза́ми דורכבויערן [דורכדרינגען*] עמעצן מיט די אויגן; 3. *(беспокоить)* עגבערן (דעם מויעך); его́ (мозг) сверли́ла одна́ мысль ס׳האָט געעגבערט [געמאטערט] זײַן מויעך איין געדאנק

сверло́ *с* עגבער מ ־ס

сверля́щий *(о боли и т. п.)* בויערנדיקער

сверну́ть *сов.* 1. *(скатать)* צונויפראָלן, צונויפוויקלען; *(папиросу)* צונויפדרייען, פארוויקלען; *(листья и т. п.)* צונויפקנייטשן; 2. *(сократить)* אײַנשרומפן, פארשמעלערן; ~ произво́дство פארשמעלערן [פארקירצן] די פראָדוקציע; ~ фронт פארשמעלערן [קירצן] דעם פראָנט; 3. *(временно прекратить)* אָפּשטעלן; ~ рабо́ту אָפּשטעלן די ארבעט; ~ го́спиталь אָפּשטעלן די ארבעט פונעם שפיטאָל; 4. *(повернуть в сторону)* אָפּקערעווען; ◇ ~ го́лову, ше́ю кому́-л. מאכן עמעצן מיט א קאָפּ קירצער; ~ себе́ ше́ю ברעכן* רוק־און־לענד; ~ся *сов.* 1. *(скататься)* צונויפראָלן זיך, צונויפוויקלען זיך; 2. *(лечь, согнувшись)* צונויפדרייען זיך; ~ся клубко́м צונויפקנײַלן זיך; ~ся кала́чиком צונויפדרייען זיך ווי א בייגל; 3. *(о молоке)* גערונען ווערן*; *(о крови)* אנ(ט)שטאנען ווערן*; פארבאקן ווערן* *разг.*; 4. *(сократиться)* פארשמעלערן זיך, פארשמעלערט ווערן*, אײַנגעשרומפט ווערן*; *(временно прекратиться)* אָפּשטעלן זיך, אָפּגעשטעלט ווערן*

сверста́ть *сов. полигр.* אויסווערסטעווען

све́рстн||ик *м*, **~ица** *ж:* мы ~ики מיר זײַנען פון איין עלטער [אין איינע יאָרן]; он мой ~ик ער איז מיט מיר פון איין עלטער [אין איינע יאָרן]; она́ моя́ ~ица זי איז מיט מיר פון איין עלטער [אין איינע יאָרן]

свёрток *м* פאקעטל ז ־עך, פעקעלע ז ־ך

свёртывать(ся) *несов. см.* сверну́ть(ся)

сверх *предлог с род. п.* 1. *(поверх чего-л.)* אף; наде́ть ~ пиджака́ плащ אָנטאָן* אפן פידזשאק א רעגנמאנטל; 2. *(помимо, кроме чего-л.)* אויסער, כוץ; ~ всего́ и по́езд опозда́л כוץ אלעם האָט זיך נאָך פארשפעטיקט דער צוג; ~ програ́ммы אויסער דער פראָגראם; 3. *(выше, более чего-л.)* אויסער, איבער, העכער; ~ пла́на איבערן [העכער דעם] פלאן; ~ сро́ка איבערן טערמין; ~ ме́ры איבער דער מאָס; ◇ ~ (вся́кого) ожида́ния אויסער (יעדער) דערווארטונג

сверхзвуков||о́й איבערקלאנגיקער; ~а́я ско́рость איבערקלאנגיקע גיכקייט [שנעלקייט]

сверхмо́щный *тех.* איבערמעכטיקער

сверхни́зк||ий איבערנידעריקער; ~ие температу́ры איבערנידעריקע טעמפעראטורן

сверхпла́нов||ый אויסערפלאנישער, העכערפלאנישער; איבערן [העכער דעם] פלאן *после сущ.*; ~ая добы́ча не́фти אויסערפלאנישער [העכערפלאנישער] ארויסבאקום פון נאפט, דער ארויסבאקום פון נאפט אויסערן [איבערן] פלאן

сверхпри́быль *ж* איבער־רעוועך מ (מצ. ־רעוואָכים)

сверхскоростно́й איבערגעשווינדיקער

сверхсро́чник *м разг.* = איבערטערמינלער מ; сержа́нт-~ א סערזשאנט אין איבערטערמיניקער דינסט, א סערזשאנט, וואָס איז געבליבן דינען נאָכן טערמין

сверхсро́чн||ый 1. איבערטערמיניקער; ~ая слу́жба איבערטערמיניקע (מיליטער־)דינסט; 2. *разг.* *(неотложный)* עקסטרע *неизм.*, דרינגלעכער; в ~ом поря́дке עקסטרע, דרינגלעך

све́рху *нареч.* 1. פון אויבן; ~ хорошо́ ви́дно פון אויבן זעט מען גוט°; засы́пать я́му землёй, а ~ песко́м פארשיטן* די גרוב מיט ערד, און פון אויבן אָנשיטן* זאמד; 2. *(вверху)* אויבן, פון אויבן; сего́дняшняя газе́та лежи́т ~ הײַנטיקע צײַטונג ליגט אויבן; ~ кра́сный, внизу́ бе́лый אויבן [פון אויבן] רויט, אונטן [פון אונטן] ווײַס; 3. *(по поверхности)* אויבנאויף; ~ пла́вали жёлтые ли́стья אויבנאויף זײַנען אומגעשווומען געלע בלעטער; ◇ смотре́ть на *кого-л.* ~ вниз קוקן אף עמעצן פון אויבן אראָפּ; ~ до́низу 1) *(целиком)* פון אויבן ביז אראָפּ; 2) *(по реке)* פון אויבן ביז אונטן, פונעם אויספלוס ביז דער לעפצונג

сверхуро́чн||о *нареч.:* рабо́тать ~о ארבעטן איבערשאָען; ~ый 1. איבערשאָיקער; ~ая рабо́та איבערשאָיקע ארבעט; ~ое вре́мя איבערשאָען מצ.; 2. *в знач. сущ. мн.* איבערארבעט־לוין מ

сверхчелове́к *м* איבערמענטש מ ־ן, אויבערמענטש מ ־ן

сверхчелове́ческ||ий איבערמענטשלעכער; ~ое напряже́ние איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג

сверхчувстви́тельн||ый איבערשפירעוודיקער; ~ые прибо́ры איבערשפירעוודיקע מאכשירים

сверхшта́тный איבערשטאטיקער; איבערשטאטנע(ר) *тж. неизм.*; איבערן שטאט *после сущ.*

сверхъесте́ственный איבערנאטירלעכער

сверчо́к *м* גריל װ ־ן

сверше́ни||я *мн.* *(чьи-л.)* אויפטוען מצ., מײַסים מצ.; год вели́ких ~й א יאָר פון גרויסע פארווירקלעכונגען

сверя́ть *несов. см.* све́рить

све́си||ть *сов.* אראָפּלאָזן*; сиде́ть ~в но́ги זיצן* מיט אראָפּגעלאָזטע פיס

све́ситься *сов.* 1. *(повиснуть)* אראָפּהענגען* זיך; 2. *(наклониться)* אריבערהענגען* זיך (איבער)

свести́[1] *сов.* 1. *(вниз)* אראָפּפירן; ~ *кого-л.* с ле́стницы אראָפּפירן עמעצן פון די טרעפ; 2. *(в одно место)* צונויפפירן; их свёл слу́чай א צופאל האָט זיי צונויפגעפירט; ~ бро́ви צונויפציִען* די ברעמען; 3. *(соединить, обобщить)* פאראייניקן; ~ да́нные в табли́цу פאראייניקן די אָנגאבן אין א טאבעלע; 4.: он свёл руково́дство к го́лому администри́рованию פון אָנפירונג איז בא אים געוואָרן הוילע אדמיניסטרירונג; ~ всё к шу́тке מאכן פון אלץ א שפאס; ~ к ми́нимуму רעדוצירן [צופירן] ביז צו א מינימום; 5. *(удалить — пятно и т. п.)* ארויסנעמען*; 6. *(судорогой)* צונויפקראמפן; у него́ свело́ но́ги ס׳האָט אים פארקראמפט די פיס, ס׳האָט צונויפגעצויגן אין קראמף זײַנע פיס; 7. *разг.* *(рисунок)* אראָפּנעמען*; ◇ ~ концы́ с конца́ми קוים אויסקומען* מיט דער הוי-

צאָע; ~ счёты с *кем-л.* אָפּרעכענען זיך מיט עמעצן; ~ *что-л.* на нет, ~ *что-л.* к нулю́ מאכן עפעס צו נישט; ~ *кого-л.* с ума́ 1) מאכן עמעצן דול און מעשוגע; 2) *(обворожи́ть)* פארדרייען עמעצן דעם קאָפ; она́ его́ с ума́ свела́ זי האָט אים פארדרייט דעם קאָפ, ער ווערט די קאפּאָרע נאָך איר

свести́^{2} *сов. см.* своди́ть^{2}

свести́сь *сов. (к дат.)*: де́ятельность коми́ссии свела́сь к форма́льной прове́рке די ארבעט פון דער קאָמיסיע איז באגרענעצט געווען בלויז מיט פאָרמעלן קאָנטראָל

свет^{1} *м* 1. שײַן II, ליכט I; ~ со́лнца זונליכט I, זונ(ענ)שײַן II; при ~е луны́ בא דער שײַן פון דער לעוואָנע; ~ и тень ליכט און שאָטן; 2. *(освеще́ние)* שײַן II; заже́чь ~ אָנצינדן* די שײַן; дневно́й ~ טאָגליכט I, טאָגשײַן II; электри́ческий ~ עלעקטרישע שײַן; плати́ть за ~ *разг.* צאָלן פאר שײַן; поверну́ться лицо́м к ~у אויסקערעווען זיך מיטן פּנים צו דער שײַן; лицо́ его́ свети́лось каки́м-то вну́тренним ~ом זײַן געזיכט האָט געלויכטן מיט עפעס אן אינערלעך ליכט; 3. *перен.* ליכט I; ~ и́стины דאָס ליכט פון עמעס; стреми́ться к ~у и добру́ שטרעבן צו ליכט און גוטע מײַסים; 4. *физ.* שײַן II; ско́рость ~а די שנעלקײַט פון שײַן; ◇ чуть ~, ни ~ ни заря́ קאיאָר, מיט אָנבראָך אף טאָג, ווען ס'שאריעט אף טאָג; в ~е *чего-л.* אין שײַן פון עפעס; броса́ть ~ на *что-л.* ווארפן* א שײַן אף עפעס; באלויכטן* עפעס; ви́деть *что-л.* в ро́зовом ~е זען* עפעס אין העלע פארבן [אין א ראָזער שײַן]; ви́деть *что-л.* в мра́чном ~е זען* עפעס אין א טונקעלער° שײַן

свет^{2} *м* 1. *(земно́й шар)* וועלט II, ערד II; вокру́г ~а ארום דער וועלט, ארום דער ערד; ча́сти ~а וועלט־טיילן מצ., ערדטיילן מצ.; на всём ~е אף [אין] דער גאנצער וועלט; 2. *(челове́чество)* וועלט II; всему́ ~у изве́стно די גאנצע וועלט ווייס(ט), אלע ווייסן; ◇ (по)яви́ться на ~ 1) *(роди́ться)* קומען* אף דער וועלט, געבוירן ווערן*; 2) *(возни́кнуть)* באווײַזן* זיך אף דער וועלט, אופקומען*; вы́йти в ~ ארויסגיין* פון דרוק, דערשײַנען*; всё на ~е אלצדינג (אין דער וועלט); ни за что на ~е קיינמאָל [פאר קיין זאך] אין דער וועלט; בעשום־אויפן־וועויפן נישט; на том ~е אף יענער־וועלט; сжива́ть *кого-л.* со све́та [со́ ~у] טרײַבן* [פארטרײַבן*] עמעצן אין קייווער ארײַן; руга́ть *кого-л.* на чём ~ стои́т זידלען עמעצן מיט די לעצטע ווערטער, אָנרופן* עמעצן וואָס אין דער קאָרט; его́ уже́ на ~е нет ער איז שוין אוועק(געגאנגען) פון דער וועלט; ער איז שוין אָלעוו־האשאָלעם *уст.*, ער איז שוין אפן אוילעם־האעמעס *уст.*

свет||а́ть *несов. безл.*: ~а́ет עס טאָגט, עס שאריעט אף טאָג

свети́ло *с* 1. הימל־ליכט II ־ער; небе́сное ~ הימלקערפער ם ־ס; 2. *перен.* לײַכטזײַל ם ־ן; ~ нау́ки א לײַכטזײַל אין דער וויסנשאפט

свети́ть *несов.* 1. שײַנען, לײַכטן*; 2. *(кому-л.)* צולײַכטן*; ~**ся** *несов.* 1. *(излуча́ть свет)* לײַכטן*; *(о фо́сфоре и т. п.)* לײַכטן* זיך; 2. *(быть освещённым)*: свети́лось то́лько одно́ окно́ ס'האָט זיך געלײַכט נאָר אין איין פענצטער; 3. *(выделя́ться бе́лым цве́том)* העלן זיך; 4. *(тв.) перен.* (פאר, מיט) לויכטן*; его́ глаза́ свети́лись ра́достью זײַנע אויגן האָבן געלויכטן פאר [מיט] פרייד

светле́ть *несов.* 1. ליכטיק(ער) ווערן*; *(по́сле дождя́ и т. п.)* אויסלײַטערן זיך; 2. *перен.*: взгляд, лицо́ светле́ет דער בליק, דאָס געזיכט ווערט העלער; на душе́ светле́ет ס'ווערט ליכטיק אין די אויגן; 3. *(видне́ться)* העלן זיך

светло́ 1. *нареч.* ליכטיק; ла́мпа гори́т ~ דער לאָמפ ברענט ליכטיק, דער לאָמפ לײַכט העל; 2. *в знач. сказ. безл.* (ס')איז ליכטיק; в ко́мнате ~ אין צימער איז ליכטיק; бы́ло уже́ ~, когда́ он усну́л ס'איז שוין געווען טאָג [ליכטיק], ווען ער איז אנשלאָפן געוואָרן

светловоло́сый בלאָנדער, בלאָנדהאָריקער

светло-голубо́й העל־בלויער

све́тл||ый 1. ליכטיקער, העלער; ~ый день א ליכטיקער [א העלער] טאָג; ~ая ко́мната א ליכטיקער צימער; 2. *(не тёмного цве́та)* העלער, העלפארביקער; *(о волоса́х)* בלאָנדער; ~ые глаза́ העלע אויגן; ~ое пальто́ א העלער [א העלפארביקער] מאנטל; 3. *(чи́стый, прозра́чный)* קלאָרער°; ~ый ручеёк א קלאָר° ריטשקעלע; 4. *(ра́достный, прекра́сный)* ליכטיקער; ~ое бу́дущее די ליכטיקע צוקונפט; ~ые воспомина́ния ליכטיקע דערמאָנונגען [זיכרוינעס]; ~ые сто́роны жи́зни די ליכטיקע זײַטן אין [פון] לעבן; 5. *(я́сный)* קלאָרער°; ~ый ум, ~ая голова́ א קלאָרער° מויעך; 6. *(благоро́дный, чи́стый)* ליכטיקער, לויטערער; ~ые идеа́лы לויטערע [ליכטיקע] אידעאלן; ~ая ли́чность א נאָבעלע פערזענלעכקײַט; א ליכטיקע נעשאָמע

светля́к *м* לײַכט־זשוק ם ־עס

светово́й ליכט־, שײַן־; ~ сигна́л ליכט־סיגנאל ם ־ן; ~ год *астр.* שײַן־יאָר I ־ן

светозащи́тн||ый: ~ые очки́ שוצברילן מצ.

светолече́бница *ж* שײַן־שפיטאָל ם ־ן, עלעקטרע־שפיטאָל ם ־ן

светолече́ние *с* שײַן־טעראפיע II, שײַן־היילונג II, היילונג מיט שײַן

светолюби́вый *бот.* שײַנליב(נד)יקער

светомаскиро́вка *ж* שײַן־פארשטעלונג II, שײַן־מאסקירונג II

светонепроница́емый שײַנפעסטער

светоте́нь *ж жив.* ליכט־און־שאָטן ם

светоте́хника *ж* שײַן־טעכניק II

светофи́льтр *м физ.* שײַן־פילטער ם ־ס

светофо́р *м* פאָטאָפאָר ם ־ן; סוועטאָפאָר ם ־ן *разг.*

све́точ *м* לײַכטזײַל ם ־ן

светочувстви́тельн||ый שײַנשפירעוודיקער; ~ая плёнка שײַנשפירעוודיקע פילמע

све́тск||ий 1. *(и́збранный)* אריסטאָקראטישער, העכערער; ~ое о́бщество די העכערע [די אריסטאָקראטישע] געזעלשאפט; עליטע II; ~ий разгово́р סאלאָן־געשפרעך I ־ן; 2. *(благовоспи́танный)* הײַנטוועלטיקער; *(о мане́рах тж.)* פײַנער; 3. *(не церко́вный)* וועלטלעכער

свеч||а́ *ж* 1. ליכט II, I =; воскова́я ~а́ א וועקסענע ליכט; ла́мпочка в сто ~е́й א לעמפל אף הונדערט ליכט; 2. *тех.* אָנצינדער ם ־ס; 3. *мед.* ליכטל I ־עך

свече́ние *с* לײַכטונג II, לומינעסצירונג II; גלימערונג II; ~ мо́ря יאַם־לײַכטונג II

све́чка *ж* 1. ליכט II, I =, ליכטל I ־עך; 2. *см.* свеча́ 2, 3

све́шать *сов.* אָפוועגן*

свéшивать(ся) *несов. см.* свéсить(ся)

свивáльник *м* וויקלשנור מ ־ן

свивáть(ся) *несов. см.* сви́ть(ся)

свидáни||е *с* 1. טרעפֿונג וו ־ען, אופטרעף מ ־ן; (*влюблённых*) ראנדעוווּ מ ־ען; назнáчить *кому-л.* ~е אָפשטעלן עמעצן א ראנדעוווּ; 2. (*в больнице, тюрьме*) באזוך מ ־ן; ◇ до ~я! אף ווידערזען!, א גוטן טאָג!; (*вечером*) א גוטע נאכט!

свидéтель *м* = איידעס מ; ~ обвинéния דער איידעס מיצאד דער באשולדיקונג; ~ защи́ты דער איידעס מיצאד דער פֿארטיידיקונג; призывáть *кого-л.* в свидéтели ארויסשטעלן עמעצן פֿאר אן איידעס, איידעסן זיך (אף); ~ница *ж* = איידעס מ; איידעסטע וו ־ס *разг.*

свидéтельск||ий: ~ие показáния די באווײַזן פֿון די איידעס

свидéтельств||о *с* 1. (*словесное*) אופֿווײַזן ז; по ~у совремéнников ווי ס׳ווײַזן אוף די מיטצײַטלער; 2. (*подтверждающий факт*) באווײַז מ ־ן; быть, служи́ть ~ом *чего-л.* זאָגן איידעס וועגן עפעס, באווײַזן* עפעס; 3. (*показание*) איידעס־זאָגן ז, באווײַזן מצ.; 4. (*документ*) צײַגעניש וו ־ן, שײַן מ ־ען; ~о о рождéнии די צײַגעניש וועגן געבוירן; מעטריקע וו ־ס *разг.*

свидéтельств||овать *несов.* 1. (*о чём-л.*) באווײַזן* עפעס, זאָגן איידעס (וועגן); нáдписи ~уют, что... די אופֿשריפֿטן זאָגן איידעס (וועגן דעם), אז...; э́то ~ует о егó нахóдчивости דאָס ווײַזט [זאָגט איידעס], אז ער איז האמצאָעדיק; 2. *юр.* זאָגן איידעס, אָפגעבן* גוויעס־איידעס; 3. (*вин.; удостоверять подлинность*) באשײַניקן; ~ пóдпись באשײַניקן די כסימע

свинáр||ка *ж* כאזיירים־אופֿזעערן וו ־ס; ~ник *м* כאזיירים־שטאל וו ־ן

свинéц *м* בלײַ ז

свини́на *ж* כאזער־פֿלייש ז; כאזער ז *разг.*

сви́нка¹ *ж* (*болезнь*) מומס מ; סווינקע וו *разг.*

сви́нка² *ж*: морскáя ~ יאם־כאזערל ז ־עך

свиновóд *м* = כאזיירים־ציכטלער מ; ~ство *с* כאזיירים־צוכט וו; ~ческий כאזיירים־ציכטלערישער; פֿאר כאזיירים־צוכט *после сущ.*

свин||óй כאזער־; ~óе сáло כאזער־שמאלץ וו; סאלע וו *разг.*; ~áя котлéта כאזער־קאָטלעט וו ־ן; ~óй хлев כאזיירים־שטאל וו ־ן; ~ые нóжки כאזערשע פֿיסלעך

свиномáтка *ж* מוטער־כאזער וו (מצ. ־כאזיירים)

свинофéрма *ж* כאזיירים־פֿערמע וו ־ס

сви́нс||кий *разг.* 1. (*грязный*) כאזערשער; (*грубый тж.*) כאמולישער; 2. (*непорядочный*) כאזערשער, שווײַנישער; ~тво *с* 1. (*грязь*) שמוץ מ; 2. (*низость*) כאזערײַ וו, שווײַנערײַ וו

свинцóв||ый 1. בלײַ־; ~ая пыль בלײַשטויב מ; ~ые бели́ла בלײַווײַס מ; 2. (*сделанный из свинца; тж. перен.*) בלײַענער; ~ая пýля א בלײַענע (שיס־)קויל; ~ая головá דער קאָפ איז ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ; ~ая тя́жесть א בלײַענע שווערקײַט; 3. (*о цвете*) בלײַענער; ~ые тýчи בלײַענע כמארעס

свинь||я́ 1. כאזער מ (מצ. כאזיירים); 2. *разг.* (*неопрятный человек*) א שמוציקער פֿארשוין, א שמוציקער כאזער; (*грубиян*) כאמולע מ ־ס; 3. *разг.* (*низкий человек*) כאזער מ (מצ. כאזיירים), שווײַן מ ־ען, דאָוועראכער מ ־ס

свирéль *ж* דודע וו ־ס, פײַפל ז ־עך

свирепéть *несов.* ארײַנפֿאלן* אין (דער) רעציכע; (*о звере*) (שטארק) בײַז [צעבײַזערט] ווערן*

свирéпость *ж* רעציכע וו; (*зверя*) בײַזקײַט וו

свирéпствовать *несов.* 1. ווילדעווען; 2. (*о стихийном бедствии и т. п.*) בושעווען; (*о болезни*) בושעווען, אומגיין*

свирéпый 1. (*о звере*) בלוטדאָרשטיקער, בײַז־ווילדער; 2. (*жестокий*) אכזאָרישער, ראָצכישער, אומבעראכמאָנעסדיקער; *перен.* מוירעדיקער, גרויזאמער; ~ морóз א מוירעדיקער פֿראָסט; ~ взгляд א בײַזער [צאָרנדיקער] בליק

свисáть *несов.* אראָפּהענגען*

свист *м* פײַפן ז, פײַפערײַ וו; (*при помощи губ тж.*) סווישטשען ז, סווישטשערײַ וו; (*единичный*) פײַף מ; (*птиц*) טרילערן ז; ~ вéтра דאָס פײַפן [דאָס הודיען] פֿונעם ווינט; ~ пуль דאָס פײַפן פֿון די (שיס־)קוילן; ◇ худóжественный ~ ארטיסטישע סווישטשערײַ

свистáть *несов.*, **свистéть** *несов.* פײַפן*; (*губами тж.*) סווישטשען; (*о птицах*) טרילערן; вéтер сви́щет עס פײַפט [הודיעט] דער ווינט; свистя́т пýли עס פײַפן די קוילן

сви́стнуть *сов. однокр.* א פײַף טאָן*; (*губами тж.*) א סווישטשע טאָן*

свистóк *м* 1. (*сигнал*) פײַף מ; дать ~ א פײַף טאָן*; געבן* א פײַף; 2. (*инструмент*) פײַפל ז ־עך

свистопля́ска *ж разг.* טאראראם מ

свистя́щий: ~ соглáсный *лингв.* א צישנדיקער קאָנסאָנאנט, ציש־קאָנסאָנאנט מ ־ן

сви́та *ж* סוויטע וו; באגלייטונג וו

сви́тер *м* סוועטער מ ־ס; סוויטער מ ־ס *разг.*

сви́ток *м* רולאָן מ ־ען; (*рукопись на пергаменте*) מעגילע וו ־ס

свить *сов.* 1. (*скручивая, соединить*) צונויפֿדרייען; ~ верёвку צונויפֿדרייען א שטריק; 2. (*сплести*) אויספֿלעכטן*; ~ венóк אויספֿלעכטן* א קראנץ; 3.: ~ гнездó אויסבויען א נעסט; 4. (*свернуть трубкой*) צונויפֿראָלן, צונויפֿוויקלען; ~ся *сов.* צונויפֿראָלן זיך, צונויפֿוויקלען

свихнýться *сов. разг.* 1. (*сойти с ума*) ווערן* גערירט; 2. (*сбиться с правильного пути*) אראָפ¦גיין* פֿונעם דערעך־האיאָשער

свищ *м мед.* פֿיסטול וו ־ן

свобóд||а *ж* פֿרײַהײַט וו; борóться за ~у קעמפֿן פֿאר פֿרײַהײַט; вы́пустить на ~у ארויסלאָזן* אף דער פֿרײַ(הײַט); приговори́ть *кого-л.* к лишéнию ~ы פֿארמישפּטן עמעצן צום אָפנעמען די פֿרײַהײַט; ◇ демократи́ческие ~ы דעמאָקראטישע פֿרײַהײַטן; ~а сóвести פֿרײַהײַט פֿון געוויסן; остáвить за собóй (пóлную) ~у дéйствий לאָזן* פֿאר זיך פֿרײַע הענט; на ~е (*на досуге*) אין א פֿרײַער צײַט [שאָ]

свобóдн||о *нареч.* 1. פֿרײַ; ~о говори́ть по-англи́йски רעדן* פֿרײַ ענגליש; чýвствовать себя́ ~о פֿילן זיך פֿרײַ [אומגעצוווּנגען]; 2. (*просторно*) געראם; плащ сиди́т на нём ~о דער מאנטל ליגט אף אים געראם [פֿרײַ]; 3. *в знач. сказ. безл.:* в вагóне ~о אין וואגאָן איז געראם, ס׳איז דאָ גענוג פֿרײַע ערטער אינעם וואגאָן; ~ый 1. פֿרײַער; ~ые грáждане פֿרײַע בירגער; ~ая мысль דער פֿרײַער געדאנק; ~ый обмéн мнéниями פֿרײַער מיינונגען־

אויסטויש־; в ~ое врéмя אין דער פרײַער צײַט; у негó нет ни однóй ~ой минýты ער האָט ניט קיין פרײַע מינוט; ~ые местá פרײַע ערטער; ~ые дéньги פרײַ געלט; вход ~ый ארײַנגאנג — פרײַ; 2. (*непринуждённый*) פרײַער, אומגעצוווּנגענער; ~ое обращéние א פרײַע [אומגעצוווּנגענע] באנעמונג; 3. (*просторный*) געראמער; (*об одежде тж.*) ברייטער; сесть в бóлее ~ый вагóн זעצן זיך אין א וואגאָן, ווו ס'איז געראמער [ווו ס'איז דאָ מער פרײַע ערטער]; ~ая одéжда געראמע מאלבושים; ◇ ~ые электрóны *физ.* פרײַע עלעקטראָנען; разрешите быть ~ым דערלויבט מיר גיין

свободолюби́вый פרײַהײַטליבנדיקער

свободомы́сл||ие *с* 1. פרײַדענקערײַ וו; ~ящий פרײַדענקענדיקער; 2. *в знач. сущ. м* = פרײַדענקער מ

свод *м* 1. (*текстов*) זאמלונג וו ־ען; (*цифровых данных и т. п.*) אינדעקס מ ־ן; ~ закóнов געזעצבוך מ, ז (מצ. ..ביכער), קאָדעקס מ ־ן; 2. *архит.* געוועלב ז; (*моста*) (בריק־)בויגן מ ־ס, (בריק־)ארקע וו ־ס; 3.: небéсный ~, ~ нéба הימל־געוועלב ז

своди́ть¹ *несов. см.* свести́¹

своди́ть² *сов.* (*вин.; отвести куда-л. и привести обратно*) צוגיין* (מיט); ~ *когó-л.* в цирк צוגיין* מיט עמעצן אין צירק

сво́дка *ж* סאכאקל־יעדיעס מצ., סוואָדקע וו ־ס; (*метеорологическая*) ביולעטען מ ־ען; оперативная ~ אָפּעראטיווע סוואָדקע; ~ погóды וועטער־ביולעטען מ ־ען, וועטער־באריכט מ, דער ביולעטען וועגן וועטער

сво́дник *м разг.* = צופירער מ

сво́дн||ый 1. (*суммирующий*) סאכאקל־, סומארער; ~ый отчёт סאכאקל־באריכט מ ־ן, א סומארער באריכט; 2. (*составленный из разных единиц*) געמישטער; ~ый полк א געמישטער פאָלק; 3. (*о родстве*) שטיף־; ~ый брат שטיפברודער מ (מצ. ..ברידער); ~ая сестрá שטיפשוועסטער וו =

сво́дчатый געוועלבטער, געוועלביקער

своё *см.* свой

своево́льный 1. אייגנוויליקער; 2. (*совершаемый без разрешения*) אומדערלויבטער

своевре́менн||о *нареч.* רעכטצײַטיק, צו דער צײַט; пóмощь пришлá óчень ~о די הילף איז געקומען פונקט ווען מע דארף; ~ый רעכטצײַטיקער; צו דער צײַט *после сущ.*

своекоры́ст||ие *с* אייגננוץ מ; ~ный אייגננוציקער; ~ные цéли אייגננוציקע [עגאָיסטישע] צילן

своенра́в||ие *с* טראָנצעוואטישקײַט וו, פרימכעדיקײַט וו; ~ный טראָנצעוואטע(ר) *тж. неизм.;* מיט פרימכעס *после сущ.*

своеобра́з||ие *с* אייגנארטיקײַט וו; ~ный אייגנארטיקער

свози́ть¹ *несов. см.* свезти́¹

свози́ть² *сов.* (*отвезти и привезти обратно*) צופאָרן* (מיט); ~ дóчку в Москвý צופאָרן* מיט דער טאָכטער קיין מאָסקווע

свои́ *мн. см.* свой

сво||й *м* (своя́ *ж*, своё *с*, свои́ *мн.*) *притяж. мест.* 1. *переводится в зависимости от лица, числа и рода субъекта действия* מײַן; דײַן; זײַן; איר; אונדזער; אײַער; זייער; я ищý ~й ключ איך זוך מײַן שליסל; ты нашёл ~ю кни́гу? דו האָסט געפונען דײַן בוך? он пришёл со ~éй сестрóй ער איז געקומען מיט זײַן שוועסטער; онá уéхала к ~и́м роди́телям זי איז אוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן; *см. тж.* ваш 1; 2. (*своеобразный*) באזונדערער, *иногда + притяж. мест.*; в э́том есть ~я́ прéлесть דאָס האָט א [זײַן] באזונדערן רייץ; 3. (*собственный*) אייגענער *обыкн. + притяж. мест.*; они́ éдут к мóрю на ~éй маши́не זיי פאָרן צום יאם מיט זייער אייגענער מאשין; жить ~и́м умóм לעבן מיט אייגענעם סייכל; 4. *в знач. сущ. с:* ты полýчишь ~ё דו וועסט באקומען דײַנס [דײַן כיילעק, וואָס דיר קומט]; он стои́т на ~ём ער האלט זיך בא זײַניקן; 5. *в знач. сущ. мн.* (*родственники*) *переводится в зависимости от лица, рода и числа* מײַניקע; דײַניקע; זײַניקע; איריקע; אונדזעריקע; אײַעריקע; זייעריקע; я был у ~и́х איך בין געווען בא מײַניקע [בא מײַנע קרויווים]; онá ушлá к ~и́м זי איז אוועק צו איריקע [צו אירע קרויווים]; здесь все ~и́ דאָ זײַנען אלע אייגענע מענטשן; ◇ в ~ё врéмя 1) (*когда-то*) בעשײַטע, זײַנערצײַט; 2) (*своевременно*) אין זײַן צײַט; всё в ~ё врéмя אף יעדער זאך איז דאָ זײַן צײַט; он там ~й человéк ער איז דאָרט אן אייגענער [א היימישער] מענטש; умерéть ~éй смéртью שטארבן* מיטן אייגענעם [נאטירלעכן] טויט; кричáть не ~и́м гóлосом ווילד שרײַען*; в ~ём рóде א באזונדער מין, אף א באזונדערן אויפן; он сам не ~й от *чегó-л.* ער ווייס(ט) ניט אף וועלכער וועלט ער איז איבער [פאר] עפּעס; сказáть ~ё слóво в искýсстве זאָגן אן אייגן וואָרט אין קונסט; рассказáть ~и́ми словáми דערציילן מיט אייגענע ווערטער; гóды берýт ~ё די יאָרן לאָזן זיך פילן; он ~ё возьмёт ער וועט זײַנס אויספירן

сво́йственн||ый (*дат.*) אייגנטימלעכער (דאט.); כאראקטעריסטישער (פאר); со ~ой емý откровéнностью מיט יענער אָפנהארציקײַט, וואָס איז אים אייגנטימלעך [וואָס איז פאר אים כאראקטעריסטיש]; מיט דער אים אייגנטימלעכער [פאר אים כאראקטעריסטישער] אָפנהארציקײַט; э́то емý не ~о דאָס איז פאר אים ניט כאראקטעריסטיש, ער האָט ניט אזא טעווע; человéку ~о ошибáться באגיין* פעלערן איז בעדערעך האטעווע

сво́йств||о *с* אייגנשאפט וו ־ן; полéзные ~а метáллов די נוצלעכע אייגנשאפטן פון מעטאלן; ~о *чьегó-л.* харáктера די אייגנטימלעכקײַט פון עמעצנס כאראקטער

свойств||о́ *с* מעכוטאָנעשאפט וו; быть с *кем-л.* в ~é זײַן* מיט עמעצן קרויווים לויט מעכוטאָנעשאפט, אָנקערן זיך מיט עמעצן א מעכוטן

сво́ра *ж* 1. *охот.* (*ремень*) הונטרימען מ ־ס; 2. (*стая собак*) טיטשקע וו ־ס; 3. *перен.* קנופיע וו ־ס

сворáчивать *несов.* 1. *см.* свороти́ть; 2. *см.* сверну́ть 1, 2, 3

свороти́ть *сов. разг.* 1. (*сдвинуть*) אָפּרוקן, רירן פונעם אָרט; (*свалить*) אומווארפן*, איבערקערן; 2. (*повредить*) אויסקרימען

своя́ *см.* свой

своя́||к *м* שוואָגער מ ־ס (דער מאן פונעם ווײַבס שוועסטער); **~ченица** *ж* שוועגערן וו ־ס (דעם ווײַבס שוועסטער)

свыкáться *сов.*, **свы́кнуться** *несов.* (с *тв.*) צוגעווינען זיך (צו); צוגעווינט ווערן* (צו); (*освоиться тж.*) אײַנגעווינען זיך (מיט)

свысокá *нареч.* פון אויבן אראָפּ; смотрéть на *когó-л.* ~ קוקן אף עמעצן פון אויבן אראָפּ; относи́ться к *комý-л.* ~ באציען* זיך צו עמעצן מיט ביטל

свы́ше 1. *нареч.* פון אויבן; по прика́зу ~ לויט א באפעל פון אויבן; 2. *предлог с род. п.* איבער; (*с колич. числ.*) אריבער, העכער; э́то ~ мои́х сил דאָס איז איבער מײַנע קויכעס; ~ двадцати́ госте́й אריבער [העכער] צוואנציק געסט

свя́занн‖ый 1. (*стеснённый, несвобо́дный*) געצוימטער; ~ые движе́ния געצוימטע באוועגונגען; ~ая речь געצוימטע [האמעטנע] רייד

связа́ть *сов.* 1. (*скрепи́ть концы́*) צונויפבינדן*; (*узло́м*) פארקניפּן, פארבינדן* מיט א קנופּ; 2. (*объедини́ть каки́е-л. предме́ты*) פארבינדן*; ~ всё в у́зел מאכן פון אלע זאכן א פעקל; 3. (*спу́тать, лиша́я свобо́ды*) בינדן*; *перен.* (*инициати́ву и т. п.*) צוימען; אײַנהאלטן*; ~ престу́пника בינדן* דעם פארברעכער; 4. (*обяза́ть*) מעכײַעוו זײַן*; ~ себя́ сло́вом געבן* א נײדער, מיסכײַעוו זײַן* זיך; 5. (*установи́ть сообще́ние*) פארבינדן*, פאראייניקן; желе́зная доро́га связа́ла дере́вню с го́родом די אײַזנבאן האָט פאראייניקט [פארבונדן] דאָס דאָרף מיט דער שטאָט; 6. (*установи́ть связь*) פארבינדן*; ~ *кого́-л.* по телефо́ну с Москво́й פארבינדן* עמעצן דורכן טעלעפאָן מיט מאָסקווע; нача́льник экспеди́ции связа́л корреспонде́нта с гео́логами דער אָנפירער פון דער עקספעדיציע האָט פארבונדן דעם קאָרעספאָנדענט מיט די געאָלאָגן; 7. (*сбли́зить, сдружи́ть*) נאָענט° מאכן, פארבינדן*; их связа́ли о́бщие интере́сы געמיינזאמע אינטערעסן האָבן זיי פארבונדן; их связа́ла судьба́ זיי האָט צונויפגעפירט דער גורל; 8. (*сочета́ть*) פארבינדן*; ~ тео́рию с пра́ктикой פארבינדן* טעאָריע מיט פראקטיק; 9. (*установи́ть зави́симость*): головны́е бо́ли свя́заны с высо́ким кровяны́м давле́нием דער קאָפּווייטיק נעמט זיך פון הויכן° בלוטדרוק; 10.: пое́здка свя́зана с больши́ми расхо́дами די רײַזע איז געבונדן מיט [די רײַזע פאָדערט] גרויסע° הויצאָעס; ◇ ~ по рука́м и нога́м *кого́-л.* פענטען עמעצן בא (די) הענט און (בא די) פיס; ~ себе́ ру́ки בינדן* זיך די הענט; **~ся** *сов.* 1. (*сцепи́ться*) צונויפבינדן* זיך (איינער מיטן אנדערן); 2. (*установи́ть связь с кем-л.*) פארבינדן* זיך (מיט), אײַנשטעלן א פארבידונג (מיט); ~ся с ме́стными краеве́дами פארבינדן* זיך מיט די אָרטיקע קאנטקענער; ~ся *с кем-л.* по телефо́ну פארבינדן* זיך מיט עמעצן דורכן טעלעפאָן, אײַנשטעלן מיט עמעצן א פארבינדונג דורכן טעלעפאָן; 3. *разг.* (*завести́ о́бщие дела́*) האָבן* צו טאָן*, האָבן* מאגע־מאסע; заче́м ты с ним связа́лся? וואָס האָסטו זיך אָנגעהויבן מיט אים?

связи́ст *м* = פארבינדלער מ; **~ка** *ж* פארבינדלערן וו ־ס

свя́зк‖а *ж* 1. בינטל ז ־עך; (*книг, бумаг*) פעקל ז ־עך; 2. *анат.* באנד מ (מצ. בענדער); голосовы́е ~и שטימבענדער מצ.; 3. *грам.* קאָפולע וו ־ס

связн‖о́й 1. פארבינד־; ~о́й самолёт פארבינד־אעראָפלאן מ ־ען; 2. *в знач. сущ. м* = פארבינדלער מ

свя́зн‖ость *ж* געבונדנקײַט וו, בינדיקײַט וו; ~ый געבונדענער, בינדיקער; ~ый расска́з א בינדיקע דערציילונג

связу́ющ‖ий: ~ее звено́ פארבינד־רינג מ ־ען; ~ее вещество́ צונויפבינד־שטאָף מ ־ן, צעמענטיר־שטאָף מ ־ן

свя́зывать(ся) *несов. см.* связа́ть(ся)

связ‖ь *ж* 1. (*взаи́мная зави́симость*) צוזאמענבונד מ; (*смыслова́я*) צוזאמענהאנג מ; ~ь нау́ки с произво́дством דער צוזאמענבונד צווישן דער וויסנשאפט און דער פראָדוקציע; 2. (*у́зы*) פארבינדונג וו; кро́вная ~ь на́шей интеллиге́нции с наро́дом די לײַבלעכע פארבינדונג צווישן אונדזער אינטעליגענץ און דעם פאָלק; 3. (*обще́ние*) פארבינדונג וו ־ען; *мн. тж.* באציונגען מצ.; подде́рживать дру́жественные ~и *с кем-л.* אונטערהאלטן* פרײַנטשאפטלעכע פארבינדונגען [באציונגען] מיט עמעצן; торго́вые ~и האנדלס־פארבינדונגען מצ., האנדלס־באציונגען מצ.; 4. (*сре́дства сообще́ния*) פארבינדונג וו; телефо́нная ~ь טעלעפאָן־פארבינדונג וו; рабо́тник ~и = פארבינדלער מ; отделе́ние ~и פארבינדונגס־אָפּטיילונג וו ־ען; פאָסט־(און טעלעגראָף־)אָפּטיילונג וו ־ען; 5. *мн.* (*проте́кция, знако́мство*) באקאנטשאפט וו, פארבינדונגען מצ.; 6. (*любо́вная*) אן אינטימע פארבינדונג; ◇ в ~и́ *с чем-л.* אין צוזאמענהאנג מיט עפעס; (*по причи́не*) איבער, מאכמעס; в ~и́ с тем, что... אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס···; איבער [מאכמעס] דעם, וואָס···; העיויס···

святи́лище *с* הייכל מ

свя́то *нареч.* הייליק, אכפערדיק; ~ соблюда́ть *что-л.* אכפערדיק אָפּהיטן* עפעס; ~ чтить па́мять геро́ев ערן דעם הייליקן אָנדענק פון די העלדן

свят‖о́й 1. הייליקער; за ~о́е де́ло Револю́ции פאר דער הייליקער זאך פון (דער) רעוואָלוציע; для него́ нет ничего́ ~о́го ער לאכט זיך אויס פון אלץ וואָס הייליק איז; 2. *в знач. сущ. м* הייליקער מ ··קע; ◇ ~а́я ~ы́х קאָדשע־קאָדאָשים ז, דאָס סאמע הייליקע

свя́тость *ж* הייליקײַט וו

святота́тство *с* כילעל־האקוידעש מ, פארשוועכונג וו

свято́ша 1. *м* פרומאק מ ־עס, צוויאק מ, גאָטס גאנעוו מ; 2. *ж* ווייצידקאָסכאָ וו ־ס, צוויאטשקע וו ־ס

святы́ня *ж* הייליקטום ז, הייליקײַט וו

свяще́нник *м* פריסטער מ ־ס, גײַסטלעכער מ ··כע; (*правосла́вный тж.*) גאלעך מ (מצ. גאלאָכים); (*протеста́нтский тж.*) פאסטאָר מ ־ס

священноде́йствовать *несов. ирон.* קישעפן

свяще́нный הייליקער; ~ долг דער הייליקער כויוו

сгиб *м* אויסבייג מ ־ן; (*вогну́тость*) אײַנבייג מ ־ן; ~ ло́ктя עלנבויגן מ ־ס; ~ газе́ты דער קנייטש [דער אײַנבייג] פון דער צײַטונג

сгиба́ть(ся) *несов. см.* согну́ть(ся)

сги́нуть *сов. разг.* אומקומען*, פארפאלן ווערן*; сгинь! אײַנגעזונקען זאָלסטו ווערן!, מײַנע אויגן זאָלן דיך מער ניט אָנקוקן!

сгла́дить *сов.* 1. (*уничто́жить неро́вности*) גלאט מאכן, גלײַך מאכן; צוגלעטן; 2. (*осла́бить, смягчи́ть*) פארגלעטן, פארײַבן*; ~ противоре́чия פארײַבן* די סטירעס; ~ неприя́тное впечатле́ние פארגלעטן דעם ניט־אָנגענעמען אײַנדרוק; **~ся** *сов.* 1. גלאט ווערן*, גלײַך ווערן*, צוגעגלעט ווערן*; 2. *перен.* פארגלעט ווערן*, פאריבן ווערן*

сгла́живать(ся) *несов. см.* сгла́дить(ся)

сгла́зить *сов.* געבן* א גוט־אויג, געבן* אן אײַנ(ה)אָרע

сглупи́ть *сов. разг.* טאָן* א נארישקײַט

сгнить *сов.* פארפוילט ווערן*

сгнои́ть *сов.* לאָזן* פארפוילט ווערן

сгова́риваться *несов. см.* сговори́ться 1

сгóвор *м* (*договорённость*) אָפּרעד מ, העסקעם מ; (*преступное соглашение*) (געהיימער) צונויפרעד; они́ в ~е זיי האָבן זיך צונויפגערעדט

сговори́ться *сов.* 1. (*условиться, договориться*) אָפּרעדן* (צווישן זיך); צונויפרעדן* זיך; 2. (*достигнуть договорённости*) קומען* צו א העסקעם, פארשטענדיקן זיך

сговóрчивый נאָכגיביקער; он ~ человéк ער איז א נאָכגיביקער (פארשוין), מיט אים איז גרינג זיך צונויפרעדן

сгоня́ть *несов.* *см.* согнáть

сгорáни||е *с* אויסברענונג וו; двúгатель внýтреннего ~я פארברען־מאָטאָר, א מאָטאָר פון אינערלעכער ברענונג מ־ן

сгорáть *несов.* 1. *см.* сгорéть 1, 4; 2.: ~ от нетерпéния מאמעש אויסגיין* פאר אומגעדולד; ~ от стыдá פארפלאמט ווערן* פאר בושע

сгóрбить *сов.* אײַנהויקערן, אײַנהאָרבען; ~ся *сов.* אײַנהויקערן זיך, אײַנהאָרבען זיך

сгóрбленный אײַנגעהויקערטער, אײַנגעהאָרבעטער; ~ от стáрости אן אײַנגעהויקערטער פון עלטער

сгорéть *сов.* 1. פארברענט ווערן*, אָפּברענען; (*о дровах и т. п.*) אויסברענען; 2. (*не щадить себя в работе*) אויסגעשעפט ווערן*, פאטערן די קויכעס; 3. (*пересохнуть от зноя — о растительности*) פארסארפעט ווערן*, אויסגעטריקנט ווערן*; 4. (*сгнить, сопреть и т. п.*) צעפריעט ווערן*, צעפוילט ווערן*; 5. *см.* сгорáть 2

сгорячá *нареч.* אף דער הייסער מינוט

сгребáть *несов.*, **сгрести́** *сов.* 1. (*в одно место*) צונויפשארן; 2. (*с поверхности*) אראָפּשארן

сгружáть *несов.*, **сгрузи́ть** *сов.* אויסלאָדן*

сгруппировáть *сов.* צונויפגרופירן; ~ся *сов.* צונויפגרופירן זיך

сгуби́ть *сов. разг.* (*кого-л.*) אוועקהארגענען*; (*что-л.*) פאטערן

сгусти́ть *сов.* געדיכט מאכן, פארגעדיכטערן; קאָנדענסירן; ◇ ~ крáски אויסמאָלן מיט צו געדיכטע פארבן; ~ атмосфéру אָנציען* די אטמאָספער, שאפן* אן אָנגעצויגענע [אן אָנגעשטרענגטע] אטמאָספער; ~ся *сов.* געדיכט(ער) ווערן*, פארגעדיכטערן זיך; קאָנדענסירט ווערן*; темнотá сгусти́лась דאָס כאשכעס איז געדיכטער געוואָרן; ◇ атмосфéра сгусти́лась די אטמאָספער איז געוואָרן אָנגעצויגענער [אָנגעשטרענגטער]

сгýст||ок *м* 1. קאָנדענסאט מ; ~ки крóви (געדיכטע) שטיקער בלוט; 2. *перен.* קאָנצענטראט מ; ~ энéргии א קאָנצענטראט פון ענערגיע

сгущáть(ся) *несов.* *см.* сгусти́ть(ся)

сгущённ||ый: ~ое молокó קאָנדענסירטע מילך

сдавáть *несов.* *см.* сдать

сдавáться¹ *несов.* 1. *см.* сдáться; 2. (*внаём*) פארדינגען* זיך; сдаётся кóмната ס'פארדינגט זיך א צימער

сдавáться² *несов. безл. разг.* דוכטן זיך; мне сдаётся מיר שײַנט, מיר דוכט (זיך)

сдави́||ть *сов.* 1. צונויפקוועטשן, פארקוועטשן; (*о тесной одежде и т. п.*) צונויפציען*; 2. *перен.* פארקלעמען; гóре ~ло её сéрдце דער אומגליק האָט פארקלעמט איר הארץ; страх ~л ей гóрло זי איז געבליבן אָן אָטעם פאר שרעק

сдáвленный (*о голосе, крике*) פארשטיקטער

сдáвливать *несов.* *см.* сдави́ть

сдать *сов.* 1. (*передать*) איבערגעבן*; (*законченную работу*) אָפּגעבן*; ~ дежýрство *кому-л.* איבערגעבן* עמעצן די דעזשורסטווע; ~ делá *кому-л.* איבערגעבן* עמעצן די איניאָנים; ~ в эксплуатáцию אָפּגעבן* אין עקספלואטאציע; 2. (*отдать, поместить куда-л.*) אָפּגעבן*; ~ вéщи в багáж אָפּגעבן* די זאכן אין באגאזש; ~ кровь на анáлиз (אָפּ)געבן* דאָס בלוט אף אנאליז; 3. (*вернуть*) אָפּגעבן*, אומקערן; ~ кни́ги в библиотéку אָפּגעבן* [אומקערן] די ביכלעך אין ביבליאָטעק; 4. *разг.* (*дать сдачу*) ארויסגעבן*, געבן* אויסגאָב; 5. (*отдать внаём*) פארדינגען*; ~ кóмнату פארדינגען* א צימער; ~ *что-л.* в арéнду אָפּגעבן* עפעס אין ארענדע; 6. (*выдержать испытания*) אָפּגעבן*; ~ экзáмены אָפּגעבן* עקזאמענעס; ~ матемáтику אָפּגעבן* (דעם עקזאמען אף) מאטעמאטיק; 7. (*отдать неприятелю*) אָפּגעבן*; ~ гóрод אָפּגעבן* די שטאָט; 8. *разг.*: он си́льно сдал пóсле болéзни ער איז שטארק אראָפּ נאָך דער שלאפקײַט; 9. *разг.* (*испортиться*) קאליע ווערן*; маши́на сдалá די מאשין איז קאליע געוואָרן; ~ся *сов.* 1. אונטערגעבן* זיך; (*об армии, крепости и т. п. тж.*) קאפיטולירן; ~ся в плен איבערגעבן* זיך אין געפאנגענשאפט; гроссмéйстер сдáлся דער גראָסמײַסטער האָט זיך אונטערגעגעבן [האָט אָפּגעגעבן די פארטיע]; 2. (*отступить перед трудностями*) אָפּטרעטן* (קעגן), שרעקן* זיך (פאר); 3.: ~ся на прóсьбы אײַנגיין* אף דער ביטע

сдáч||а *ж* 1. (*действие*) איבערגעבן ז, אָפּגעבן ז; ~а внаём פארדינגען ז; ~а экзáменов דאָס אָפּגעבן עקזאמענעס; ~а крéпости דאָס אָפּגעבן די פעסטונג; 2. (*излишек денег*) אויסגאָב מ; получи́ть ~у נעמען* אויסגאָב; дать ~у געבן* אויסגאָב; ◇ дать *кому-л.* ~и געבן* עמעצן אף צוריק

сдвиг *м* איבערוק מ, דאָס פארוקן זיך; 2. (*изменение*) איבערוק מ־ן

сдвигáть(ся) *несов.* *см.* сдви́нуть(ся)

сдви́нуть *сов.* 1. אָפּרוקן; ~ *что-л.* с мéста רירן עפעס פון אָרט; ~ шáпку на заты́лок פארוקן דאָס היטל אף אהינטער; 2. (*сблизить*) צונויפרוקן; ~ брóви צונויפציען* די ברעמען; ~ся *сов.* 1. (*переместиться*) אָפּרוקן זיך; не ~ся с мéста ניט קיין ריר טאָן* זיך פון אָרט; 2. (*приблизиться друг к другу*) צונויפרוקן זיך

сдéлк||а *ж* 1. (*торговая*) געשעפט ז־ן; (*договор*) אָפּמאך מ־ן; 2. (*полюбовное соглашение*) אויסגלײַך מ; пойти́ на ~у с *кем-л.* אײַנגיין* אף אן אויסגלײַך מיט עמעצן; 3. (*тайный сговор*) אן אָפּמאך הינטן־ארום; ◇ ~а с сóвестью א קאָמפּראָמיס מיטן געוויסן

сдéль||но *нареч.* פונעם שטיק; рабóтать ~но ארבעטן פונעם שטיק; ~ный שטיק-; פונעם שטיק *после сущ.*; ~ная оплáта שטיקלוין מ; ~ная рабóта שטיקארבעט וו, ארבעט מיט געצאָלטס פונעם שטיק; ~щик *м разг.* = שטיקארבעטער מ; ~щина *ж* שטיקארבעט וו

сдёргивать *несов.* *см.* сдёрнуть

сдéржанн||о *нареч.* צוריקגעהאלטן; ~ость *ж* צוריקגעהאלטנקײַט וו; ~ый 1. צוריקגעהאלטענער; ~ый человéк א צוריקגעהאלטענער מענטש; ~ый тон א מעסיקער טאָן; ~ый отвéт א צוריקגעהאלטענער ענטפער; 2. (*подавляемый*) אײַנגעהאלטענער; ~ый смех אן אײַנגעהאלטן [א פארשטיקט] געלעכטער

сдержа́ть *сов.* 1. *(противостоять натиску чего-л.)* אײַנהאלטן*, פארהאלטן*; *(устоять против чего-л.)* בײַשטיין* (קעגן); ~ напо́р воды́ אײַנהאלטן* דעם דרוק פונעם וואסער; ~ на́тиск врага́ פארהאלטן* דעם דרוק פונעם סוינע; בײַשטיין* קעגן דרוק פונעם סוינע; 2. *(остановить)* אײַנהאלטן*, אײַנצוימען; ~ ло́шадь אײַנהאלטן* דאָס פערד; ◇ ~ себя́ באהערשן זיך; האלטן* זיך אין די הענט; ~ сло́во האלטן* וואָרט; ~ся *сов.* באהערשן זיך, האלטן* זיך אין די הענט

сдéрживать(ся) *несов. см.* сдержа́ть(ся)

сдёрнуть *сов.* אראָפרײַסן*, אראָפשלעפן

сдира́ть *несов. см.* содра́ть

сдо́ба *ж* 1. *(в тесте)* פארפראוועכץ ו; פעטס און אייער; 2. *собир.* פוטער־געבעקס ו

сдо́бн||ый: ~ая бу́лка פוטער־בולקע וו ־ס; ~ый ко́ржик אייער־קיכל ו ־עך; ~ое те́сто אייערטייג ו, זיס טייג

сдоброва́ть *сов.*: ему́ не ~ ער וועט מיעס אָפשנײַדן, ס׳וועט האלטן שמאָל מיט אים

сдружи́ться *сов.* באפרײַנדן זיך, אופכאווערן זיך

сду́ру *нареч. разг.* נארישערהייט

сдуть *сов.* אראָפבלאָזן*

сё: ни то ни сё ניט דאָס, ניט יענץ; ניט פליישיק, ניט מילכיק; ни с того́ ни с сего́ אינמיטנד(ע)רינען, אָן א פארווען, אָן א פארוואָס

сеа́нс *м* סעאנס מ ־ן

себе́¹ *см.* себя́

себе́² *частица разг.* זיך; он идёт ~ ער גייט זיך; ◇ ничего́ ~ נישקאָשע; ничего́ ~ мéлочь! *ирон.* דאָס הייסט א קלייניקייט!; так ~ ניט (שטארק) פויגלדיק

себесто́имость *ж* זעלבסטקאָסט מ, קערנקאָסט מ

себ||я́ *возвр. мест.* (*род.*, *вин.* себя́, *дат.*, *предл.* себе́, *тв.* собо́й, собо́ю) זיך; ~я́ я не счита́ю זיך רעכן איך ניט; ~é он взял мéньшую до́лю זיך האָט ער גענומען דעם קלענערן כיילעק; я виню́ самого́ ~я́ איך באשולדיק זיך אליין; он не дово́лен собо́й ער איז מיט זיך ניט צופרידן; о ~é я не говорю́ וועגן זיך רעד איך ניט; к ~é צו זיך; он не стал у́жинать, а сра́зу ушёл к ~é ער האָט זיך אָפגעזאָגט פון דער וועטשערע און איז גלײַך אוועק אין זײַן צימער; к ~é домо́й צו זיך אהיים; у ~я́ בא זיך; дирéктор у ~я́ דער דירעקטאָר איז בא זיך (אין קאבינעט); я у ~я́ посади́л я́блоню איך האָב בא זיך (אין סאָד) פארפלאנצט אן עפלבוים; ◇ он вне ~я́ ער איז אויסער זיך; по ~é 1): он подыска́л рабо́ту по ~é ער האָט צוגעזוכט אן ארבעט פאר זײַנע קויכעס; 2) *(после себя)* נאָך זיך; он оста́вил по ~é до́брую па́мять ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א גוט געדעכעניש; про ~я́ 1) *(шёпотом)* שטילינקערהייט; 2) *(не вслух)* אין זיך; ему́ не по ~é 1) *(нездоровится)* עפעס פילט ער זיך ניט־גוט; 2) *(неловко)* ער פילט זיך עפעס פריקרע; он не в ~é ער איז שטארק צערודערט; она́ хороша́ собо́й זי איז שיין°, זי זעט אויס גאנץ ווויל [גאנץ פײַן]

себялю́бие *с* עגאָיזם מ

сев *м* פארזיי מ; весéнний ~ פרילינג־פארזיי מ

сéвер *м* 1. צאָפן מ; на ~ צאָפן־צו; к ~у от... צאָפן־צו פון...; 2. (С.) *(северные страны, районы)* צאָפן מ; ◇ Кра́йний Сéвер דער ווײַטסטער [עקסטער] צאָפן; ~нее צאָפנדיקער, ווײַטער צאָפן־צו; ~ный 1. צאָפן־, צאָפנדיקער; ~ный вéтер צאָפן־ווינט, א צאָפנדיקער ווינט מ ־ן; 2. *(обращённый к северу)* צאָפן־זײַטיקער

сéверо-восто́||к *м* צאָפן־מיזרעך מ; ~чный צאָפן־מיזרעכדיקער; ~чный вéтер א צאָפן־מיזרעכדיקער ווינט

сéверо-за́пад *м* צאָפן־מײַרעוו מ; ~ный צאָפן־מײַרעווודיקער; ~ный вéтер א צאָפן־מײַרעווודיקער ווינט

северя́нин *м* צאָפן־אײַנוווינער מ =

севооборо́т *м* זיי־פארקער מ

севрю́га *ж* סעווריוגע וו

сегмéнт *м* סעגמענט מ ־ן

сего́дня 1. *нареч.* הײַנט; ~ у́тром הײַנט אינדערפרי; ~ вéчером הײַנט אפדערנאכט; 2. *в знач. сущ. с* הײַנט מ, דער הײַנטיקער טאָג; ◇ не ~-за́втра — ניט הײַנט איז מאָרגן, די נאָענטסטע טעג

сего́дняшн||ий 1. הײַנטיקער; на ~ий день בא הײַנטיקן טאָג, הײַנטצוטאָג; 2. *в знач. сущ. с:* прости́ меня́ за ~ее אנטשולדיק מיר [זײַ מיר מויכל] פאר דעם, וואָס איז הײַנט געשען; ◇ жить ~им днём 1) *(не отставать от жизни)* לעבן מיט די אינטערעסן פון אונדזער צײַט; 2) *(не думать о будущем)* ניט וועלן* וויסן, וואָס מאָרגן וועט זײַן

седа́лищ||е *с* געזעס ו, מ; **~ный**: ~ный нерв היפט־נערוו מ

седéть *несов.* (גרײַז־)גראָ(וו) ווערן*, גרויזן

седéющ||ий גראָוו־ווערנדיקער; *(о человеке тж.)* גרויזנדיקער; ~ие во́лосы גראָוו־ווערנדיקע האָר

седина́ *ж* 1. גראָ(וו)ע האָר; 2. *тк. ед.* *(проседь в мехе)* ווײַס־גרויע הערעלעך; 3. *тк. ед.* *(белый налёт на чём-л.)* אשגרויקייט וו; ◇ дожи́ть до седи́н דערלעבן ביז די גראָ(וו)ע האָר; *(о женщине тж.)* דערלעבן ביז גראָוון צאָפ

седло́ *с* זאָטל מ ־ען

седлови́на *ж* (בארג־)פארטיפונג וו

седоборо́дый גראָוובאָרדיקער; מיט א גראָווער באָרד *после сущ.*

седовла́сый, седоволо́сый גראָ(וו)ער, גראָווהאָריקער; מיט גראָ(וו)ע האָר *после сущ.*

сед||о́й 1. גראָ(וו)ער; *(о человеке тж.)* גראָווהאָריקער; ~ы́е виски́ גראָ(וו)ע שלייפן; ~о́й стари́к א (גרײַז־)גראָ(וו)ער זאָקן; 2. *перен.* גרויער; ~о́й тума́н א גרויער נעפל; ◇ ~а́я старина́ דער טיפער אוראלט; до ~ы́х воло́с ביז די גראָווע האָר

седо́к *м* 1. *(всадник)* רײַטער מ =; *(на велосипеде)* וועלאָסיפעדיסט מ ־ן; *(на мотоцикле)* מאָטאָציקליסט מ ־ן; 2. *(в экипаже)* פאסאזשיר מ ־ן; פארשוין מ ־ען *уст.*

седьм||о́й זיבעטער; ~а́я часть זיבעטל ו, א זיבעטכיילעק; полови́на ~о́го האלב זיבן; ему́ пошёл ~о́й деся́ток ער איז שוין אריבער די שישים; ◇ быть на ~о́м нéбе זײַן* אפן זיבעטן הימל

сезо́н *м* סעזאָן מ ־ען; одéться не по ~у אָנטאָן* זיך ניט לויטן [נאָכן] סעזאָן, ניט־סעזאָניש אָנטאָן* זיך; **~ник** *м* סעזאָן־ארבעטער מ =; **~ный** סעזאָן־; ~ные рабо́ты סעזאָן־ארבעטן מצ.

сей *мест.* דער דאָזיקער, דער, אָט דער; דיזער *уст.*; на ~ раз דאָס מאָל; ◇ до сих пор 1) *(доныне)* אד(ה)יאָם, אד(ה)ײַעם; 2) *(до этого места)* ביזדאָנען, ביז אהער; по сей день ביז הײַנטיקן טאָג, אד(ה)יאָם, אד(ה)ײַעם; сию́ мину́ту באלד, טייקעף, די מינוט

се́йнер *м* *(судно)* סײנער מ ־ס

сейсми́ческий סײסמישער

сейсмо́граф *м* סייסמאָגראף מ ־ן

сейф *м* סייף מ ־ן, זיכער־שאפע װ ־ס, פײַער־קאסע װ ־ס

сейча́с *нареч.* 1. *(в настоящее время)* איצט, אצינד; ~ мне не́когда איצט האָב איך ניט קיין צײַט; 2. *(только что)* נאָרוואָס; я ~ и́з дому איך בין [איך קום] נאָרוואָס פונדערהיים; 3. *(в скором времени)* באלד; я ~ приду́ איך וועל באלד קומען; ~ же באלד טאקע, טייקעף

се́канс *м* *мат.* סעקאנס מ ־ן

секре́т *м* *(тайна)* סעקרעט מ ־ן, סאָד מ (מצ. סוידעס); по ~у בעסאָד; под больши́м ~ом בעסאָד־סוידעס; держа́ть *что-л.* в ~е האלטן* עפעס בעסאָד; вы́дать ~ אויסגעבן* דעם סאָד; не де́лать из *чего-л.* ~а ניט (אויס)באהאלטן* עפעס, ניט מאכן קיין סאָד פון עפעס (פאר קיינעם); ◇ ~ полишине́ля א סאָד אף גאנץ בראָד

секретариа́т *м* סעקרעטאריאט מ ־ן

секрета́р‖ский סעקרעטאר־, סעקרעטארישער; ~ская рабо́та סעקרעטאר־ארבעט װ; ~ские обя́занности סעקרעטארישע פליכטן, פליכטן פון א סעקרעטאר; ~ша *ж* *разг.* סעקרעטארשע װ ־ס, סעקרעטארן װ ־ס

секрета́рь *м* סעקרעטאר מ ־ן; ли́чный ~ פערזענלעכער סעקרעטאר; генера́льный ~ גענעראל־סעקרעטאר מ; ~ собра́ния דער סעקרעטאר פון דער פארזאמלונג; ~ обко́ма דער סעקרעטאר פונעם געגנטקאָם; учёный ~ דער וויסנשאפטלעכער סעקרעטאר; ◇ госуда́рственный ~ *(в США)* שטאט־סעקרעטאר מ, מלוכע־סעקרעטאר מ

секре́тничать *несов.* *разг.* פירן [פראווען] סוידעס, פירן [פראווען] סעקרעטן

секре́тн‖о *нареч.* געהיים; *(доверительно)* קאָנפידענציעל, פארטרוילעך; соверше́нно ~о *(гриф)* פולקום געהיים

секре́тн‖ый 1. געהיימער; ~ое совеща́ние א געהיימע באראטונג; 2. *(с секретом)* סעקרעטנע(ר) *тж.* *неизм.*; ~ый замо́к א שלאָס מיט א סעקרעט, א סעקרעטנע(ר) שלאָס; ~ый вы́ход א באהאלטענער [א סעקרעטנע] ארויסגאנג

секре́ци‖я *ж* *физиол.* סעקרעציע װ, אויסשייד מ; же́лезы вну́тренней ~и דריזן פון אינערלעכער סעקרעציע, דריזן פון אינערלעכן אויסשייד

секс *м* סעקס מ; סעקסועלקייט װ

сексте́т *м* *муз.* סעקסטעט מ

сексуа́льный סעקסועלער, געשלעכטלעכער

секта́нт *м* סעקטאנט מ ־ן; ~ский סעקטאנטישער; ~ство *с* סעקטאנטישקייט װ

се́ктор *м* סעקטאָר מ ־ן, ־ס; *(отдел учреждения тж.)* אָפטייל מ ־ן

секу́нд‖а *ж* סעקונדע װ; רגע װ *разг.*; ◇ в одну́ ~у אין איין רגע; ~а в ~у 1) *(точно в срок)* פונקט; 2) *(одновременно)* פונקט אין דער זעלבער צײַט; одну́ ~у איין מינוט; איין ווײַלינקע *разг.*

секунда́нт *м* סעקונדאנט מ ־ן

секу́ндн‖ый סעקונדן־; ~ая стре́лка סעקונדן־ווײַזער מ ־ס

секу́щая *ж* *мат.* סעקאנטע װ

секцио́нн‖ый 1. פון [אין] די סעקציעס *после сущ.*: ~ые заседа́ния זיצונגען פון [אין] די סעקציעס; 2. *тех.* סעקציאָנעלער; מיט סעקציעס *после сущ.*; ~ая постро́йка א געבײַ מיט סעקציעס, א סעקציאָנעלע קאָנסטרוקציע

се́кция *ж* סעקציע װ

селево́й: ~ пото́к *см.* сель

селёдка *ж* הערינג מ =, ־ן

селёдочн‖ица *ж* הערינג־פאָלומיסעק מ ..סקעס; ~ый הערינג־; פון הערינג *после сущ.*

селезёнка *ж* מילץ װ

се́лезень *м* קאטשער מ ־ס

селекционе́р *м* סעלעקציאָנער מ ־ן

селе́кция *ж* *с.-х.* סעלעקציע װ

селе́ние *с* יישעוו מ (מצ. יישוווים)

сели́тра *ж* *хим.* סעליטרע װ

сели́ться *несов.* באזעצן זיך

сел‖о́ *с* דאָרף ז (מצ. דערפער); на ~е́ אפן דאָרף, אין די דערפער; ◇ ни к ~у́, ни к го́роду ניט צו דער זאך

сель *м* ערד־ און שטיינער־לאווינע װ ־ס

сельдере́й *м* סעלדעריי מ, סעלעריע װ

сельд‖ь *ж* הערינג מ; ◇ как ~и в бо́чке ווי הערינג אין א פאס; א שפילקע־קעפל ניט ארײַנצווארפן

селько́р *м* (се́льский корреспонде́нт) דאָרפקאָר מ ־ן (דאָרפישער קאָרעספאָנדענט)

се́льск‖ий דאָרף(ס)־, דאָרפישער; ~ая ме́стность א דאָרפישע געגנט; ~ая жизнь דאָס לעבן אין דאָרף [אפן דאָרף]; ~ая молодёжь די דאָרפישע יוגנט, דאָרפ(ס)־יוגנט װ; ~ий учи́тель דאָרפ(ס)לערער מ =; ◇ ~ое хозя́йство לאנדווירטשאפט װ

сельскохозя́йственн‖ый לאנדווירטשאפטלעכער; ~ые маши́ны לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען; ~ая вы́ставка א לאנדווירטשאפטלעכע אויסשטעלונג

сельсове́т *м* (се́льский сове́т) דאָרפראט מ ־ן (דאָרפישער ראט), דאָרפסאָוועט מ ־ן (דאָרפישער סאָוועט)

сема́нтика *ж* *лингв.* 1. *(наука)* סעמאנטיק װ, סעמאסיאָלאָגיע װ; 2. *(значение, смысл)* באטײַט מ, סעמאנטיק װ

семафо́р *м* סעמאפאָר מ ־ן
удесятери́ть פארצענפאכן; *(усилия и т. п. тж.)* פארשטארקן; ~ся *сов.* צען מאָל גרעסער [מער] ווערן*; *перен. тж.* פארשטארקט ווערן*, פארשטארקן זיך

удесятеря́ть(ся) *несов. см.* удесятери́ть(ся)

удешеви́ть *сов.* פארבי׳ליקערן, פארווע׳לוועלערן, בי׳ליקער [ווע׳לוועלער] מאכן; ~ся *сов.* ווע׳לוועלער ווערן*, בי׳ליקער ווערן*

удешевлённый פארבי׳ליקטער, פארווע׳לוועלערטער; בי׳ליקערער, וואָלוועלער

удешевля́ть(ся) *несов. см.* удешеви́ть(ся)

удиви́тельн‖о *нареч.* 1. וווּנדערלעך, אויסטערליש; *(очень)* זייער, שטארק; ~о краси́во וווּנדערלעך [אויסטערליש] שיין; ~о вку́сный זייער [שטארק] געשמאקער; 2. *в знач. сказ. безл.:* не ~о ס׳איז קיין כי׳דעש ניט [קיין וווּנדער ניט]; ~о, как я э́того не заме́тил ס׳איז ניט צו פארשטיין, וואָס איך האָב עס ניט באמערקט; ~! וווּנדערלעך!; ~ый 1. *(странный)* כי׳דעשדיקער; מאָדנע(ר) *тж. неизм.*; ~ое совпаде́ние א מאָדנער [א כי׳דעשדיקער] צונויפאל; 2. *(необыкновенный)* וווּנדערלעכער, אויסערגעוויינלעכער; её ~ые глаза́ אירע וווּנדערלעכע אויגן; ~ая красота́ וווּנדערלעכע [אויסערגעוויינלעכע] שיינקייט; 3. *(чрезвычайный)* זעלטענער; прояви́ть ~ую близору́кость ארויסווײַזן* (עפעס) א זעלטענע קורצזיכטיקייט

удиви́‖ть *сов.* פארוווּנדערן, פארכי׳דעשן; *(поразить)* איבעראַשן; меня́ ~ло его́ поведе́ние מיך האָט פארכי׳דעשט [פארוווּנדערט] זײַן האלטונג; он всех ~л свое́й эруди́цией ער האָט אלעמען איבעראַשט מיט זײַן ערודי׳ציע; э́тим тепе́рь никого́ не ~шь דאָס איז שוין איצט א קליינער° כי׳דעש

удиви́‖ться *сов.* פארוווּנדערן זיך, פארכי׳דעשן זיך; *(поразиться)* דערשטוינט ווערן*, ניספּאָעל ווערן*; я ~лся его́ упо́рству איך בין דערשטוינט געוואָרן פון זײַן אקשאָנעס, מיך האָט דערשטוינט זײַן אקשאָנעס

удивле́ни‖е *с* פארוווּנדערונג ‖, דערשטוינונג ‖; к моему́ ~ю צו מײַן פארוווּנדערונג, צו מײַן (דער)שטוינונג; смотре́ть на *кого-л.* с ~ем קוקן אף עמעצן מיט פארוווּנדערונג [מיט שטוינונג]; ◇ на ~е אף כידושים

удивля́‖ть *несов.* וווּנדערן, כי׳דעשן; меня́ ~ет, что... ס׳איז מיר א כי׳דעש, מיך וווּנדערט [מיך כי׳דעשט], וואָס וואָס...; э́то никого́ не должно́ ~ть ס׳דארף קיינעם ניט וווּנדערן; ~ться *несов.* וווּנדערן זיך, כי׳דעשן זיך; *(поражаться)* שטוינען; нельзя́ не ~ться его́ му́жеству מע מוז באוווּנדערן זײַן מוטיקייט

удила́ *мн.* צוימגעביס I

уди́лище *с* ווענטשי׳סקע ‖ ־ס, ווענטקע־רוט ם (מצ. ··ריטער)

уди́льщик *м* = פי׳שכאפער ם

удира́ть *несов. см.* удра́ть

уди́ть *несов.* כאפן פיש (מיט א ווענטקע); ~ щук כאפן העכט

удлине́ние *с* פארלענגערונג ‖, פארלענגערן I

удлини́ть *сов.* 1. *(увеличить в длину)* לענגער מאכן; ~ пла́тье לענגער מאכן דאָס קלייד; 2. *(сделать более длительным)* פארלענגערן; ~ся *сов.* 1. *(увеличиться в длину)* לענגער ווערן*; 2. *(сделаться более длительным)* פארלענגערן זיך, לענגער ווערן*

удлиня́ть(ся) *несов. см.* удлини́ть(ся)

удму́рт *м* אודמורט ם ־ן; ~ка *ж* אודמורטן ‖ ־ס, אודמורטקע ‖ ־ס

удму́ртский אודמורטישער; ~ язы́к די אודמורטישע שפראך, אודמורטיש I

удо́бн‖о *нареч.* 1. באקוועם; ~о усе́сться אוועקזעצן זיך באקוועם; 2. *в знач. сказ. безл.* ס׳איז באקוועם; нам ~о тут рабо́тать אונדז איז באקוועם ארבעטן דאָ; 3. *в знач. сказ. безл. (прилично, уместно)* ס׳איז פאסיק, ס׳פאסט; мне не о́чень ~о говори́ть с ва́ми об э́том מיר פאסט ניט גאָר צו רעדן מיט אײַך וועגן דעם; ~ый 1. באקוועמער; ~ое положе́ние א באקוועמע לאגע; ~ое кре́сло א באקוועמער [א קאָמפאָרטאבעלער] שטול; 2. *(подходящий)* פאסיקער, גי׳נסטיקער; ~ое вре́мя א פאסיקע [א גי׳נסטיקע] צײַט; улучи́ть ~ую мину́ту צוטרעפן* די גי׳נסטיקע מינוט; געפינען* א שאָס־האקוישער

удобопоня́тный גאנץ פארשטענדלעכער

удобочита́емый גאנץ לייענבארער

удобре́ни‖е *с* 1. *(действие)* באגי׳טיקן I, באגי׳טיקונג ‖; *(навозом тж.)* באמי׳סטיקן I, באמי׳סטיקונג ‖; 2. *(вещество)* באגי׳טיקונג ‖ ־ען; внести́ ~я ארײַנגעבן* באגי׳טיקונגען, באגי׳טיקן

удо́брить *сов.*, **удобря́ть** *несов.* באגי׳טיקן; *(навозом тж.)* באמי׳סטיקן

удо́бств‖о *с* 1. *(удобность)* באקוועמקייט ‖; 2. *(что-л. удобное)* באקוועמלעכקייט ‖ ־ן; кварти́ра со все́ми ~ами א וווינונג מיט אלע באקוועמלעכקייטן; он привы́к к ~ам ער איז געוווינט צו קאָמפאָרט [צו באקוועמלעכקייטן]

удовлетворе́ни‖е *с* 1. *(действие)* באפרי׳דיקן I, באפרי׳דיקונג ‖; 2. *(удовольствие)* באפרי׳דיקונג ‖; с чу́вством глубо́кого ~я מיט גרויס° באפרי́דיקונג; он нахо́дит ~е в рабо́те ער פילט אין דער א́רבעט א באפרי́דיקונג; 3. *уст. (возмещение за оскорбление)* סאטיספא́קציע װ

удовлетворённ||ость *ж* באפרי́דיקטקײט װ; **~ый 1.** *(довольный)* באפרי́דיקטער; צופרי́דענער; *(выражающий удовлетворение)* צופרי́דענער; 2. *(утолённый)* באפרי́דיקטער

удовлетвори́тельн||о *нареч.* 1. באפרי́דיקנדיק, נישקאָשעדיק; 2. *в знач. сущ. с нескл. (отметка)* (די אָפּשאצונג) «באפרי́דיקנדיק»; **~ый** 1. באפרי́דיקנדיקער, נישקאָשעדיקער; 2. *(достаточный)* צופרי́דנשטעליקער, גענו́גנדיקער

удовлетвори́ть *сов.* 1. באפרי́דיקן; ~ спрос на това́ры באפרי́דיקן דעם נאָכפרעג אף סכוי́רעס; ~ про́сьбу באפרי́דיקן [אוי́ספילן] די באקאָשע; 2. *(кого-л.)* באפרי́דיקן, צופרי́דנשטעלן; результа́т не удовлетвори́л его́ דער רעזולטאט האָט אים ניט באפרי́דיקט; 3. *см.* удовлетворя́ть 2; 4. *(тв.; снабдить)* באזאָ́רגן; **~ся** *сов. (тв.)* בלײַבן* צופרי́דן (פון), צופרי́דנשטעלן זיך (מיט); *(удовольствоваться)* באנו́ג(ענע)ן זיך (מיט)

удовлетворя́ть *несов.* 1. *см.* удовлетвори́ть; 2. *(дат.; соответствовать)* אנטשפּרע́כן* (צו); ~ санита́рным тре́бованиям אנטשפּרע́כן* צו די סאניטא́רע פאָדערונגען; **~ся** *несов. см.* удовлетвори́ться

удово́льстви||е *с* 1. פארגעני́גן ז; *(духовное наслаждение тж.)* נאכעס־רו́עך מ; с ~ем מיט פארגעני́גן; доставля́ть ~е *кому-л.* פארשא́פן* עמעצן פארגעני́גן; испы́тывать ~е от *чего-л.* האָבן* פארגעני́גן פון עפּעס; 2. *(развлечение)* פארגעני́גן מ ־ס, טײַנעג מ (מצ. טײַנו́גים)

удово́льствоваться *сов.* באנו́ג(ענע)ן זיך

удо́д *м* דו́דל־פויגל מ (מצ. ־פײגל)

удо́||й *м* געמע́לק ז ־ן; су́точный ~й דאָס מעסלע́סיקע געמע́לק; молоко́ у́треннего ~я מילך פו́נעם אינדערפרײַקן געמע́לק; весь ~й די גא́נצע אָנגעמאָ́לקענע מילך

удорожа́ние *с* יא́קרעס מ; ~ това́ров דער יא́קרעס אף סכוי́רעס; ~ жи́зни יא́קרעס מ

удорожа́ть *несов.*, **удорожи́ть** *сов.* פארטײַ́ערן, טײַ́ערער מאכן

удоста́ивать(ся) *несов. см.* удосто́иться

удостовере́ние *с* 1. *(действие)* באשטײַ́ניקן ז, באשטײַ́ניקונג װ; 2. *(документ)* צײַ́געניש װ ־ן, שײַן מ ־ען; ~ ли́чности פערזאָ́ן־שײַן מ ־ען

удостове́рить *сов.* באשטײַ́ניקן; ~ по́дпись באשטײַ́ניקן די כסי́מע

удостове́риться *сов.* איבערצײַ́גן זיך, דערגײן* אף געווי́ס

удостоверя́ть(ся) *несов. см.* удостове́рить(ся)

удосто́ить *сов.* 1. *(вин.)* באע́רן; צוטײלן (דאַט.); *(род.)* באע́רן (מיט); צוטײלן; ~ *кого-л.* зва́ния Геро́я Сове́тского Сою́за צוטײלן עמעצן דעם [באע́רן עמעצן מיטן] טיטל «העלד פו́נעם סאָוועטנפארבאנד [ראטנפארבאנד]»; ~ награ́ды געבן* א באלוי́נונג; 2. *(вин. тв.) часто ирон.* באווי́ליקן (*инф.* + צו); ~ *кого-л.* отве́том באווי́ליקן צו ענטפערן עמעצן; ~ *кого-л:* взгля́дом באווי́ליקן צו ווארפן א בליק אף עמעצן; מעזאָ́קע זײַן* עמעצן מיט א בליק; **~ся** *сов.* 1. *(род.):* ~ся высо́кого зва́ния באע́רט ווערן* מיט דעם ערנטיטל, באקו́מען* דעם ערנטיטל; ~ся награ́ды באקו́מען* א באלוי́נונג; 2. *(род.; + инф.) часто ирон.* זוי́כע זײַן* [האָבן* די זכי́ע] (צו); ~ся *чьей-л.* улы́бки זוי́כע זײַן* [האָבן* די זכי́ע] צו גענײ́סן פון עמעצנס א שמײכל

удосу́живаться *несов.*, **удосу́житься** *сов.* (+ *инф.*) *разг.* אויסקלײַבן* זיך; не ~ ניט געפי́נען* קײן צײַט

удочери́ть *сов.* אדאָפּטי́רן (פאר א טאָכטער)

у́дочк||а *ж* ווע́נטקע װ ־ס; ◇ попа́сться на ~у פאַקן זיך אף דער ווע́נטקע; пойма́ть на ~у כאַפּן אף דער ווע́נטקע

удра́ть *сов. разг.* אנטלוי́פן*, אנטרו́נען ווערן*, מאכן פלײ́טע

удружи́ть *сов.* 1. *(кому-л.) разг.* טאָן* א טויווע (דאַט.), צו́דינען (דאַט.); 2. *ирон.* טאָן* א שײ́נע טויווע (דאַט.); удружи́л, не́чего сказа́ть! אָט דאָס איז אײן מאָל א טויווע!

удруча́||ть *несов. (вин.)* קי́מערן, ע́רגערן; ווירקן דרי́קנדיק (אף); **~ющий** דרי́קנדיקער

удручённ||ый *(о человеке)* דערשלאָ́גענער; ~ое настрое́ние א געדרי́קטע שטי́מונג; у него́ ~ый вид ער זעט אויס דערשלאָ́גן

удручи́ть *сов. (вин.)* דערשלאָ́גן*

удуши́ть *сов. (газами)* דערשטי́קן; *(удавить)* דערוואָ́רגן*, דערדו́שען *разг.*

уду́шлив||ый 1. *прям. и перен.* שטי́קנדיקער; *(с душным воздухом)* דו́שנע(ר) *тж. неизм.*; ~ый дым דער שטי́קנדיקער רויך; ~ая атмосфе́ра א שטי́קנדיקע אטמאָספּע́ר; ~ый ве́чер א דו́שנע(ר) אָוונט; ~ые га́зы שטי́קגאזן מצ.; 2. *(сопровождающийся удушьем)*; ~ый ка́шель קײַך־הוסט מ; קײַכן ז

уду́шье *с* דערשטי́קעניש ז

уедине́ни||е *с* 1. *(пребывание в одиночестве)* אָפּגעזונדערטקײט װ, אײ́נזאמקײט װ, היסבוי́דעדעס ז; жить в ~и לעבן אָפּגעזונדערט [אײ́נזאם]; זײַן* א מיסבוי́דעד *уст.*; 2. *(уединённость)* אָפּגעשלאָסנקײט װ, איזאָלי́רטקײט װ

уединённ||ость *ж* אָפּגעזונדערטקײט װ, אָפּגעשלאָסנקײט װ; איזאָלי́רטקײט װ; **~ый** אָפּגעזונדערטער, אָפּגעשלאָסענער, איזאָלי́רטער

уедини́ться *сов.*, **уединя́ться** *несов.* אָפּזונדערן זיך; *(вести уединённую жизнь)* פרא́ווען היסבוי́דעדעס

уезжа́ть *несов.*, **уе́хать** *сов.* אוועקפאָרן*; он вчера́ уе́хал ער איז נעכטן אוועקגעפאָרן; уе́хать из родно́го го́рода פארלאָ́זן* די הײ́משטאָט; она́ уе́хала в Москву́ учи́ться זי איז (אווע́ק)געפאָרן קײן מאָסקווע לערנען זיך

уж¹ *м зоол.* וואסערשלאנג װ ־ען, נאָטער מ ־ס; אוזשאק מ ־עס *разг.*; извива́ться ~о́м שלע́נגלען זיך; *перен.* קריכן*, (זיך) כאָנפענען*

уж² 1. *нареч. см.* уже́; 2. *усил. частица:* уж я не зна́ю כלעבן כ'ווייס ניט; уж я всё разузна́ю נישקאָשע, כ'וועל שוין אלץ זיך דערווי́סן; уж е́сли так אז ס'איז שוין יאָ אזוי́; уж е́сли он обеща́л... וויבאלד ער האָט שוין צו́געזאָגט...; не так уж пло́хо שוין גאָר ניט אזוי́ שלעכט; уж вы извини́те זײַט, כ'בעט אײַך, מויכל

ужа́л||ить *сов.* טאָן* א ביס; *(о пчеле)* לאָזן* א גיפּט; вскочи́ть как ~енный או́פשפרינגען* ווי א שלאנג וואָלט א ביס געגע́בן

у́жас *м* 1. *(страх)* שרעק מ, פּא́כעד מ, אײ́מע װ, גרויל מ; привести́ в ~ *кого-л.* ארײַנברענגען* אין שרעק [אין גרויל] עמעצן; он пришёл в ~ ס'האָט אים אָנגעכאפּט א גרויל; 2. *(трагичность)* גרוי́ליקײט װ; весь ~ положения די גאַנצע גרויליקײַט פון דער לאַגע; 3. *(ужасное явление)* גרויל מ ־ן; ~ы войны́ די גרוילן פון דער מילכאָמע; 4.: он с ~ом заме́тил ער האָט מיט א געפיל פון שרעק באַמערקט; к ~у ханже́й צום גרויסן שרעק פון די פרומאַקעס; 5. *в знач. нареч. разг.:* ~ как хо́лодно! ס'איז קאַלט — א שרעק!; ~ ско́лько! א שרעק וויפל!; אָן א שי׳ר; ◇ како́й ~! א מין שרעק!

ужаса́ть(ся) *несов. см.* ужасну́ть(ся)

ужаса́ющий שרעקלעכער, מוירעדיקער

ужа́сно *нареч.* 1. שרעקלעך; он ~ вы́глядит ער זעט אויס שרעקלעך, ס'איז א שרעק א קוק צו טאָן* אף אים; 2. *разг. (очень плохо):* он ~ одева́ется ער טוט זיך אָן א שרעק ווי; 3. *разг. (очень)* שרעקלעך, ביז גאָר; ~ смешно́ ביז גאָר קאָמיש; 4. *в знач. сказ. безл.* ס'איז א שרעק; и ду́мать об э́том ~ ס'איז א שרעק אפילע צו טראַכטן דערפון

ужасну́ть *сов.* *(кого-л.)* ארײַנברענגען* אין גרויל [אין שרעק]; **~ся** *сов.* גרוילן; он ужасну́лся ס'האָט אים אָנגעכאַפּט א גרויל

ужа́сн‖ый 1. שרעקלעכער, גרויליקער; ~ая катастро́фа א שרעקלעכע [א גרויליקע] קאַטאַסטראָפע; ~ая весть א שרעקלעכע יעדיע; ~ое преступле́ние א גרויליקער [שרעקלעכער] פאַרברעכ(ן); 2. *разг. (чрезмерный)* שרעקלעכער, מוירעדיקער; גוואַלדאָוונע(ר) *тж. неизм. часто ирон.;* ~ый трус א שרעקלעכער פּאַכדן; ~ая жара́ א שרעקלעכע [א מוירעדיקע] היץ; с ~ой си́лой מיט א גוואַלדאָוונע קראַפט

у́же *сравнит. ст. от* у́зкий *и* у́зко

уже́ 1. *нареч.* שוין; хлеб ~ у́бран די טוווּע איז שוין אַראָפּגענומען; брат ~ верну́лся из а́рмии דער ברודער האָט זיך שוין אומגעקערט פון דער ארמײ; я учи́лся тогда́ ~ не в шко́ле, а в университе́те געלערנט האָב איך זיך דאַן שוין ניט אין שול, נאָר אין אוניווערסיטעט; ~ в октябре́ вы́пал снег שוין אין אָקטיאַבער איז אויסגעפאַלן א שניי; 2. *усил. частица* שוין; ~ давно́ שוין לאַנג; ~ мно́го раз שוין א סאַך מאָל

ужива́ться *несов.* אײַנלעבן זיך; (с *тв.*) הויזן (מיט), אויסקומען* (מיט)

ужи́вчивый לאַגאָדנע(ר) *тж. неизм.;* וואָס קען הויזן [אויסקומען] מיט מענטשן *после сущ.*

ужи́мки *мн.* (*ед.* ужи́мка *ж*) האַווײעס מצ., גרימאַסעס מצ.

у́жин *м* אָוונטברויט ז, וועטשערע װ ־ס; *(торжественный)* אָוונט־מאָלצײַט מ, װ ־ן

у́жинать *несов.* וועטשערע עסן*, אָוונטברויט עסן*

ужи́ться *сов.* אײַנלעבן זיך

узаконе́ние *с* 1. פאַרגעזעצלעכונג װ, פאַרגעזעצלעכן ז; 2. *уст. (постановление)* געזעץ מ ־ן, געזעץ־פאַראָרדענונג װ ־ען

узако́нить *сов.*, **узаконя́ть** *несов.* פאַרגעזעצלעכן

узбе́к *м* אוזבעק מ ־ן; **~ский** אוזבעקישער; **~ский** язы́к די אוזבעקישע שפּראַך, אוזבעקיש ז

узбе́чка *ж* אוזבעקן װ ־ס; אוזבעטשקע װ ־ס *разг.*

узда́ *ж* צום מ, װ ־ען, צײַמל ז ־עך

узде́чка *ж* צײַמל ז ־עך

уздцы́: под ~ פאַרן צײַמל

у́зел¹ *м* 1. *прям. и перен.* קנופּ מ ־ן; *(на верёвке и т. п.)* קניפּל ז ־עך; завяза́ть у́зел מאַכן א קנופּ, פאַרקניפּן; ~ противоре́чий דער קנופּ פון סתירעס [ווידערשפּרוכן]; 2. *(место сосредоточения чего-либо)* קנופּ מ ־ן, צענטער מ ־ס; железнодоро́жный ~ אײַזנבאַן־קנופּ מ ־ן; *(станция)* קנופּ־סטאַנציע װ ־ס; радиотрансляцио́нный ~ ראַדיאָ־טראַנסלירקנופּ מ ־ן; *(крупный)* ראַדיאָ־צענטער מ ־ס; узлы́ оборо́ны *воен.* שוצקנופּן מצ.; 2. *анат.* קניפּל ז ־עך; не́рвные узлы́ נערוון־קניפּלעך מצ., גאַנגליעס מצ.; 3. *тех.* צוזאַמענהעפט מ ־ן, דעטאַלן־קאָמפּלעקס מ ־ן; сбо́рка узло́в комба́йна דער מאָנטאַזש פון די דעטאַלן־קאָמפּלעקסן פון א קאָמבײַן; 4. *(свёрток)* פּעקל ז ־עך, בינטל ז ־עך; стару́шка с тяжёлым узло́м אַן אַלטיטשקע מיט א שווער בינטל; 5. *(волос)* קובליק מ ־עס; ◇ морско́й ~ יאַם־קנופּ מ; санита́рный ~ *стр.* סאַניטאַרע אינסטאַליאַציע; *(помещение)* טואַלעט־צימער מ

у́зел² *м (единица скорости)* קנופּ מ

у́зк‖ий 1. *(неширокий)* שמאָלער°; ~ий коридо́р א שמאָלער° קאָרידאָר; 2. *(тесный)* שמאָלער°, ענגער; брю́ки ему́ узки́ די הויזן זײַנען אף אים שמאָל [ענג]; 3. *перен. (небольшой, ограниченный)* שמאָלער°, ענגער; ~ий круг знако́мых א שמאָלער° [אַן ענגער] קרײַז באַקאַנטע; ~ое совеща́ние א שמאָלע° באַראַטונג; ~ая специа́льность א שמאָלער° פאַך; 4. *перен. (недалёкий, ограниченный)* באַגרענעצטער; ◇ ~ое ме́сто א שוואַך אָרט

узкове́домственн‖ый שמאָל־אַמטלעכער; ~ые це́ли שמאָל־אַמטלעכע צילן

узкоколе́й‖ка *ж ж.-д. разг.* שמאָלע אײַזנבאַן; **~ный:** ~ная желе́зная доро́га א שמאָלע אײַזנבאַן

узколо́бый *перен. разг.* שמאָלקעפּיקער

узкоплёночный: ~ киноаппара́т א שמאָל־לענטעדיקער קינאָ־אַפּאַראַט

узлов‖о́й 1. קנופּ־; ~а́я ста́нция קנופּ־סטאַנציע װ ־ס; 2. *(главный, основной)* גרונטיקער, איקערדיקער; ~ы́е вопро́сы די גרונטיקע [די איקערדיקע] פראַגן

узнава́ть *несов. см.* узна́ть

узна́ть *сов.* 1. *(получить сведения)* דערוויסן* זיך, געוואָר [געווויר] ווערן*; ~ все подро́бности де́ла דערוויסן* זיך אַלע פּראָטים פונעם איניען; я узна́л, куда́ уе́хал брат איך האָב זיך דערוווּסט [איך בין געוואָר געוואָרן], וווּהין דער ברודער איז אַוועקגעפאָרן; ~ из газе́т о собы́тиях דערוויסן* זיך [געוואָר ווערן*] פון צײַטונגען וועגן די געשעענישן; 2. *(о предл.; осведомиться)* אָנפרעגן זיך (וועגן), געוואָר ווערן*; 3. *(обнаружить)* דערוויסן* זיך; е́сли оте́ц узна́ет об э́том… אויב דער פאָטער וועט זיך דערוויסן וועגן אָט דעם…; 4. *(получить истинное представление)* דערקענען (גוט); тепе́рь мы его́ узна́ли как сле́дует איצט האָבן מיר אים גוט° דערקענט, איצט זען מיר, מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן; 5. *(вин.; испытать, пережить)* פילן [פאַרזוכן] דעם טאַם (פון); ~ ра́дость матери́нства פאַרזוכן די פריידן פון מוטערשאַפט; 6. *(опознать)* דערקענען; ~ *кого-л.* по го́лосу דערקענען עמעצן נאָכן קאָל; в нём легко́ бы́ло ~ иностра́нца מע האָט געקענט גלײַך דערזען, אַז ער איז אַן אויסלענדער

у́зник *м* אָסיר מ (מצ. אַסירים)

узо́р *м* אוזאָר מ ־ן; *(на ткани и т. п. тж.)* דעסן מ ־ס, מוסטער מ ־ן; **~чатый** געדעסנטער; *(в цветах)* געקווײַטלטער

у́зость *ж* װ שמאָלקײַט; *(ограниченность тж.)* באגרע́נעצטקײַט װ; ~ кругозо́ра די שמאָלקײַט פונעם האָריזאָנט; ~ взгля́дов די שמאָלקײַט [די באגרע́נעצטקײַט] פון די אָנשויונגען

узурпа́тор *м* אוזורפאטאָר מ ־ס, ־ן; *(род.)* אוזורפי́רער מ = (פון)

узурпи́ровать *сов. и несов.* אוזורפי́רן

у́зы *мн.* 1. *уст.* *(оковы)* פּע́נטעס מצ.; 2. *перен.* בי́נדפעדעם מצ.; ~ дру́жбы די בי́נדפעדעם פון פרײַנטשאפט

уйгу́р *м* אויגו́ר מ; **~ский** אויגו́רישער; ~ский язы́к די אויגו́רישע שפראך; אויגו́ריש ז

у́йма *ж разг.* אָן א שיר, א גוזמע, א יאם; наро́ду — ~ א יאם מיט אוילעם; ~ дел אָן א שיר איניאָנים

уйти́ *сов.* 1. *(отправиться куда-л.)* אווע́קגיין*; бра́та до́ма нет, он ушёл דער ברו́דער איז ניטאָ אינדערהיים, ער איז אווע́קגעגאנגען; ~ на рабо́ту אווע́קגיין* אף דער ארבעט; по́езд то́лько что ушёл דער צוג איז נאָרוואָס אווע́קגעגאנגען [אָפגעפאָרן]; ~ на вёслах אווע́קרודערן; ~ в мо́ре אווע́קלאָזן* זיך אין יאם (ארײַן); 2. (от *род.*; *избегнуть*) אוי́סמײַדן*; *(убежать)* אנטלויפן*; ~ от пого́ни אווע́קקומען* פון די פארפאָלגער; престу́пникам не ~ от отве́та די פארברע́כער וועלן ניט אוי́סמײַדן דין־וועכעשבן; 3. *(перестать заниматься чем-л.)* אווע́קגיין*; *(покинуть тж.)* פארלאָזן*; ~ с рабо́ты אווע́קגיין* פון דער ארבעט; ~ в о́тпуск אווע́קגיין* אין אורלויב; ~ со сце́ны פארלאָזן* די בי́נע; ~ от му́жа פארלאָזן* דעם מאן; אווע́קגיין* פונעם מאן; ~ на пе́нсию אווע́קגיין* אף פּע́נסיע; 4. *(миновать)* פארבײַגיין*, אווע́קגיין*; мо́лодость ушла́ די יונגע יאָרן זײַנען פארבײַ(געגאנגען); вре́мя ещё не ушло́ ס'איז נאָך ניט צו שפּעט; 5. (на *вин.*; *израсходоваться*) אווע́קגיין*; на э́то ушло́ мно́го вре́мени и сил ס'איז אווע́ק(געגאנגען) אף דעם א סאך צײַט און קויכעס; 6.: часы́ ушли́ вперёд דער זייגער לויפט [גייט גיך]; 7. (в *вин.*; *увлечься чем-л.*) ארײַנטאָן* זיך (אין); ~ в нау́ку ארײַנטאָן* זיך אין וויסנשאפט; он с голово́й ушёл в рабо́ту ער האָט זיך אינגאנצן [בערוישוי ווערוווי] ארײַנגעטאָן אין ארבעט; ◇ с э́тим далеко́ не уйдёшь מיט דעם קען מען ווייניק וואָס אופטאָן, מיט דעם קען מען ווײַט ניט פארגיין; ~ ни с чем אווע́קגיין* מיט ליידיקן; ~ в себя́ פארטי́פן זיך אין זיך; ~ вперёд אווע́קגיין* פאָרויס; нау́ка ушла́ вперёд די וויסנשאפט איז אווע́ק פאָרויס; у них по́чва ушла́ из-под ног זיי האָבן פארלוירן דעם באָדן אונטער זייערע פיס, ס'האָט זיך ארויסגעגליטשט דער באָדן פון אונטער זייערע פיס

ука́з *м* אוקא́ז מ ־ן; Ука́з Прези́диума Верхо́вного Сове́та СССР דער אוקא́ז פונעם פרעזי́דיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר; ◇ ты мне не ~ דו האָסט איבער מיר ניט צו שאפן, בא דיר פרעג איך ניט, דו זאָג מיר ניט קיין דייעס

указа́ни‖е *с* אָנווײַז מ ־ן, אָנווײַזונג װ ־ען; дава́ть ~я אָנווײַזונגען געבן*, אָנווײַזן*

ука́занн‖ый אָנגעוויזענער; *(упомянутый тж.)* דערמאָנטער; в ~ое вре́мя אין דער אָנגעוויזענער צײַט; в ~ой статье́ אינעם אָנגעוויזענעם [דערמאָנטן] ארטיקל

указа́тель *м* 1. אָנווײַזער מ ־ס *(дорожный)* ווע́גצייכן מ ־ס; *(стрелка)* ווע́גווײַזער מ ־ס; 2. *(в книге)* אינדעקס מ ־ן, זוכצעטל מ ־ען; 3. *(справочник)*: библиографи́ческий ~ ביבליאָגראפישער האנטבוך; железнодоро́жный ~ באן־וועגווײַזער מ ־ס; 3. *(прибора и т. п.)* אָנווײַזער מ ־ס

указа́тельн‖ый: ~ое местоиме́ние *грам.* אָנווײַזיקער פראָנאָם; ~ая стре́лка (אָנ)ווײַזער מ ־ס; ◇ ~ый па́лец טײַטפינגער מ, ווײַזפינגער מ

указа́ть *сов.* 1. ווײַזן*; ~ *кому-л.* доро́гу ווײַזן* עמעצן דעם וועג; ~ па́льцем на *кого-л.*, на *что-л.* ווײַזן* מיטן פינגער אף עמעצן, אף עפעס; 2. (на *вин.*; *обратить чьё-л. внимание*) אָנווײַזן* (אף); ~ *кому-л.* на недоста́тки אָנווײַזן* עמעצן אף די כעסרוינעס [אף די דעפע́קטן]; 3. (на *вин.*; *сослаться*) פארופן* זיך (אף); 4. *(дать указания)* אָנווײַזן*, אָנווײַזונגען געבן*

ука́зк‖а *ж* 1. *(палочка)* טײַטל מ ־ען; 2. *разг.*: де́йствовать по *чьей-л.* ~е טאָן* וואָס יענער הייסט

ука́зывать *несов. см.* указа́ть

уката́ть *сов.* *(дорогу и т. п.)* אײַנטראמבעווען, אײַנגלעטן

укати́ть *сов.* 1. *(круглый предмет)* פארקײַקלען; 2. *разг.* *(уехать)* אווע́קקאטײַען; **~ся** *сов.* פארקײַקלען זיך

ука́тывать¹ *несов. см.* уката́ть

ука́тывать² *несов. см.* укати́ть 1

укача́‖ть *сов.* 1. *(ребёнка)* אײַנוויגן, פארוויגן; 2. *безл.*: его́ ~ло ער האָט באקומען די יאם־קרענק

ука́чивать *несов. см.* укача́ть

укла́д *м* 1.: ~ жи́зни לע́בנשטייגער מ; 2. *эк.* פאָרמאציע װ ־ס

укла́дка *ж* 1. *(фундамента и т. п.)* לייגן ז; ~ веще́й דאָס צונויפלייגן [דאָס פארפאקעווען] די זאכן; ~ нефтепрово́да דאָס דורכלייגן א נאפטלייטונג; ~ воло́с דאָס אויסלייגן די האָר; 2. *(причёска)* קאלטע גרײַזלונג װ

укла́дывать *несов. см.* уложи́ть 1 — 6

укла́дываться¹ *несов. см.* уложи́ться; ◇ э́то не укла́дывается в мое́й голове́ דאָס פאָטויפעט זיך ניט בא מיר אין קאָפ [אין מויעך]

укла́дываться² *несов. см.* улёчься 1, 2

укле́йка *ж зоол.* אוקלייקע װ ־ס, ווײַספישל ז ־עך

укло́н *м* 1. *(склон)* אָנייג מ ־ן; שיפוי מ (מצ. שיפוים); идти́ под ~ גיין* בארג־אראָפ; 2. *(отклонение — в политике и т. п.)* אָפנייג מ ־ן; ле́вый ~ לינקאטשישער אָפנייג; 3. *(направленность)* (אָפ)נייג מ; шко́ла с гумани́тарным ~ом א שול מיט א הומאניטארן אָפנייג

уклоне́ние *с* *(от курса и т. п.)* אָפנייגונג װ (פון), דאָס אָפנייגן זיך (פון); *(от темы и т. п.)* דאָס אָפווענדן זיך (פון), דאָס אווע́קגיין אין א זײַט (פון); *(от обязанностей и т. п.)* (בעקיוונדיקע) אויסמײַדונג (פון)

уклони́ться *сов.* (от *род.*) 1. *(отодвинуться)* אָפנייגן זיך (אין א זײַט), ארויסדרייען זיך; ~ от уда́ра ארויסדרייען זיך פונעם קלאפ; 2. *(избежать)* אויסמײַדן*; ~ от отве́тственности אויסמײַדן* אכרײַעס; ~ от упла́ты нало́гов אויסמײַדן* (בעקיוונדיק) צאָלן שטײַערן; ~ от объясне́ния с отцо́м אויסמײַדן* אן ערנסטן געשפרעך מיטן פאָטער; 3. *(от направления, курса)* אָפנייגן זיך אין א זײַט; 4. *(отвлечься)* אָפגיין*, אָפווענדן זיך; ~ от те́мы אָפווענדן זיך פון דער טעמע

укло́нчивый אויסמײַדנדיקער, ארויסדרייערישער; ~ отве́т אן אויסמײַדנדיקער [אומבאשטימטער] ענטפער; אן ארויסדרייערישער ענטפער

уклоня́ться *несов. см.* уклони́ться

уклю́чина *ж* רודער־גאָפל מ ־ען

уко́л *м* 1. שטאָך מ; *перен. тж.* שטאָכוואָרט ז (מצ. ...ווערטער); 2. *мед.* איניעקציע וו ־ס, אײַנשפריצונג וו ־ען

уколо́ть *сов.* 1. (*кого-л.*) א שטאָך טאָן*; *перен. тж.* געבן* [דערלאנגען] א שטאָך; 2. (*палец и т. п.*) פארשטעכן* (זיך); ~ся *сов.* פארשטעכן* זיך

укомплектова́ть *сов.* 1. קאָמפלעקטירן; 2. (*заполнить до комплекта*) דערגאנצן, פארפולן

уко́р *м* פאָרוואורף מ ־ן, פירוואָרף מ ־ן, אופוואורף מ ־ן; взгляну́ть с ~ом געבן* א קוק מיט פאָרוואורף אינעם בליק; ◇ сказа́ть не в ~ *кому-л.* זאָגן ניט ליגנט עמעצן

укора́чивать(ся) *несов. см.* укороти́ть(ся)

укорени́ть *сов.* אײַנוואָרצלען; *перен. тж.* פארוואָרצלען, אײַנפלאנצן; ~ся *сов.* אײַנגעוואָרצלט ווערן*; *перен. тж.* פארוואָרצלט ווערן*, אײַנגעפלאנצט ווערן*; укорени́вшаяся привы́чка אן אײַנגעוואָרצלטע געוווינשאפט

укореня́ть(ся) *несов. см.* укорени́ться

укори́зна *ж* פאָרוואורף מ ־ן, פירוואָרף מ ־ן

укори́зненн||о *нареч.* מיט פאָרוואורף, מיט פירוואָרף; ~ый פאָרוואורפספולער, פירווארפנדיקער

укори́ть *сов.* אופווארפן*, פירווארפן*

укороти́ть *сов.* אָפקירצן, קירצער מאכן; (*одежду тж.*) אונטערקירצן; (*срок*) פארקירצן; ~ся *сов.* ווערן* קירצער

укоро́ченный קירצערער, פארקירצטער; ~ рабо́чий день для несовершеннолéтних א קירצערער ארבעטסטאָג פאר מינדעריעריקע

укоря́ть *несов. см.* укори́ть

укра́дкой *нареч.* ביגנייווע, אומבאמערקט

украи́н||ец *м* אוקראינער מ =; ~ка *ж* אוקראינערין מ ־ס

украи́нский אוקראינישער; ~ язы́к די אוקראינישע שפראך, אוקראיניש ז

укра́сить *сов.* באפוצן; (*драгоценностями*) באצירן; *перен.* באשיינען, באצירן; ~ фла́гами и цвета́ми באפוצן מיט פאָנען און בלומען; ~ся *сов.* באפוצט ווערן*; *перен.* באשיינט ווערן*, באצירט ווערן*

укра́сть *сов.* צוגאנווענען*, אוועקגאנווענען*

украша́тельство *с* שיינמאכערײַ וו

украша́ть *несов. см.* укра́сить; ~ся *несов. см.* укра́ситься

украше́ни||е *с* 1. (*действие*) באפוצן ז; 2. (*предмет*) באפוצונג וו, שמוק מ; *мн.* (*драгоценности*) צירונג ז; ёлочные ~я יאָלקע־צאצקעס מצ.; 3. *перен.* צירונג ז; (*гордость*) שײַנדלינג מ ־ען

укрепи́ть *сов.* 1. (*сделать более прочным*) באפעסטיקן; (*сделать устойчивым*) אײַנפעסטיקן; *перен.* פעסטער מאכן, פארשטארקן; ~ дру́жбу פארשטארקן די פרײַנטשאפט; э́то ещё бо́льше укрепи́ло его́ в его́ намéрении דאָס האָט נאָך מער פארשטארקט זײַן קאוואָנע, דאָס האָט נאָך פעסטער געמאכט זײַן פלאן; ~ *чью-л.* уве́ренность в успе́хе פעסטער מאכן [פארשטארקן] עמעצנס זיכערקײַט אין דערפאָלג; 2. (*сделать более выносливым*) דערקרעפטיקן; ~ здоро́вье דערקרעפטיקן דאָס געזונט; 3. (*подбодрить*) דערמוטיקן, דערמונטערן; 4. (*сделать более мощным*) שטארקער מאכן, פארשטארקן; ~ колхо́зы שטארקער מאכן [פארשטארקן] די קאָלווירטן; ~ся *сов.* 1. (*сделаться более прочным*) באפעסטיקט ווערן*; (*сделаться более устойчивым*) אײַנפעסטיקן זיך; *перен.* פעסטער ווערן*, פארשטארקן זיך; 2. (*стать более выносливым*) דערקרעפטיקן זיך, קרעפטיקער ווערן*; 3. (в *предл.*; *стать более уверенным*) פעסטער ווערן*; ~ся в своём стремле́нии... פעסטער ווערן* אין דער שטרעבונג...; 4. (*прочно установиться*) פארפעסטיקט ווערן*, (פעסט) אײַנשטעלן זיך; 5. (*стать более мощным*) שטארקער ווערן*, פארשטארקן זיך; 6. *воен.* באפעסטיקן זיך

укрепле́ние *с* 1. (*действие*) דאָס באפעסטיקן זיך, פארשטארקן ז; (*здоровья, сил*) דערקרעפטיקן ז; *воен.* באפעסטיקן ז; 2. (*оборонительное сооружение*) באפעסטיקונג וו ־ען

укреплённый באפעסטיקטער; ~ райо́н *воен.* א באפעסטיקטער ראיאָן

укрепля́ть(ся) *несов. см.* укрепи́ть(ся)

укро́мн||ый אָפגעלעגענער, אָפגעזונדערטער; ~ое местéчко אן אָפגעזונדערט [א שטיל, א זאטישנע] ווינקעלע

укро́п *м* (או)קראָפ מ, קריפ מ

укроти́тель *м* אײַנצוימער מ =; ~ница *ж* אײַנצוימערין וו ־ס

укроти́ть *сов.*, **укроща́ть** *несов.* 1. אײַנצוימען; אוסמערען *разг.*; (*непокорного человека*) נעמען* אין די הענט ארײַן; 2. (*сдержать*) אײַנהאלטן*, צוימען; ~ гнев צוימען דעם צאָרן

укроще́ние *с* 1. (*зверей*) אײַנצוימען ז; אוסמערען ז *разг.*; 2. (*гнева и т. п.*) אײַנהאלטן ז, צוימען ז

укрупне́ние *с* פארגרײס(יק)ן ז

укрупнённый פארגרײס(יק)טער

укрупни́ть *сов.*, **укрупня́ть** *несов.* פארגרײס(יק)ן

укрыва́тель *м* אויסבאהאלטער מ =; ~ кра́деного אויסבאהאלטער [פארבאהאלטער] פון ג(ע)נייוועס; ~ство *с* אויסבאהאלטן ז, אויסבאהאלטונג וו, פארבאהאלטונג וו

укрыва́ться *несов. см.* укры́ться

укры́тие *с* 1. (*защита*) שוץ וו; 2. (*место*) שוצאָרט ז (מצ. ...ערטער), באהעלטעניש ז, וו ־ן, מאָקעם־מיקלעט מ; *воен.* שוצפונקט מ ־ן

укры́ть *сов.* 1. (*укутать кого-л.*) צודעקן, אײַנדעקן; (*что-л.*) צודעקן, פארדעקן; ~ ребёнка одея́лом צודעקן דאָס קינד מיט א קאָלדרע; 2. (*спрятать*) (אויס)באהאלטן*; (*защитить*) באשיצן; ~ от дождя́ באשיצן פון א רעגן; ~ся *сов.* 1. (*укутаться*) צודעקן זיך, אײַנדעקן זיך; 2. (*спрятаться*) (אויס)באהאלטן* זיך; (*защитить себя*) באשיצן זיך; от него́ ничто́ не укры́лось ס׳איז פאר אים קיין סאָד ניט פארבליבן

у́ксус *м* עסיק מ; ~ный עסיק־; ◇ ~ная кислота́ עסיק־זויערס ז; ~ная эссе́нция עסיק־עסענץ וו; צעטעקע וו *разг.*

уку́с *м* ביס מ ־ן; ~ змей א ביס פון א שלאנג

укуси́||ть *сов.* א ביס טאָן*; (*о пчеле*) לאָזן* א גיפט; ◇ кака́я му́ха его́ ~ла? ≅ פון וועלכער טליע האָט ער זיך אָפגעריסן?

уку́тать *сов.* אײַנוויקלען, ארומוויקלען; ~ся *сов.* אײַנוויקלען זיך, ארומוויקלען זיך

уку́тывать(ся) *несов. см.* уку́тать(ся)

ула́вливать *несов. см.* улови́ть

ула́дить *сов.* אײַנאָרדענען, אײַנלאדיען; (*спор*) אײַנ-

רעגולירן; ~ все дела́ אײַנאָרדענען [אײַנלאדיען] אלע איניאָנים

ула́ди||ться *сов.* אײַנלאדיען זיך, всё ~тся! אלץ וועט זײַן גוט!

ула́живать(ся) *несов. см.* ула́дить(ся)

ула́мывать *несов. разг.* (סטארען זיך) אײַנבעטן* (עמעצן), (סטארען זיך) פויעלן (בא)

у́лей *м* בינשטאָק מ ־ן

улета́ть *несов.*, **улете́ть** *сов.* אוועקפליען*; (*на самолёте тж.*) אוועקפאָרן*, אָפפאָרן*

улету́чиваться *несов.*, **улету́читься** *сов.* 1. אויסוועפן זיך, אויסגעוועפט ווערן*; 2. (*незаметно исчезнуть*) *разг.* אנטרונען ווערן*, (מיטאמאָל) אויסרינען*

уле́чься *сов.* 1. (*для сна, отдыха*) אוועקלייגן זיך; (*уместиться*) אײַנמאָסטען זיך; ~ спать (אוועק)לייגן זיך שלאָפן; 2. (*поместиться — о предметах*) אויסלייגן זיך, אײַנלייגן זיך; 3. (*о пыли и т. п.*) אָפזעצן זיך; 4. (*ослабнуть — о ветре и т. п.*) אײַנגעשטילט ווערן*; (*о чувствах*) געלינדערט ווערן*

улизну́ть *сов. разг.* נעלעם ווערן*, ניט סטײַען

ули́к||а *ж* אופווײַז מ ־ן; ко́свенные ~и אומדירעקטע אופווײַזן; за недоста́тком ~ ווײַל ס׳פעלן (אויס) אופווײַזן; ווײַל ס׳איז פאראן ניט גענוג אופווײַזן

ули́тка *ж* 1. *зоол.* שנעק מ ־ן; 2. *анат.* אויערשנעק מ

у́лиц||а *ж* גאס װ ־ן; на ~е Го́рького אף גאָרקי־גאס; на ~е, на ~у (*вне помещения*) אין דרויסן; идти́ по ~е גיין* מיט דער גאס; на ~е хо́лодно ס׳איז קאלט אין דרויסן

улича́ть *несов.*, **уличи́ть** *сов.* (*кого-л.*) אופווײַזן* עמעצנס שולד; (*в чём-л.*) אופווײַזן* עפעס; כאפן עמעצן (אין) *разг.*; ~ *кого-л.* в подло́ге אופווײַזן* עמעצנס פעלשונג; ~ *кого-л.* во лжи כאפן עמעצן אין א ליגן, אופווײַזן*, אז עמעצער ליגט

у́личн||ый גאס(ן)־; פון [אין] דער גאס *после сущ.*; ~ый шум גאס־גערויש ז, דאָס גערויש פון [אין] דער גאס; ~ое движе́ние גאסן־פארקער מ

уло́в *м* געפאנג ז, פאנג מ

улови́м||ый: едва́ ~ая улы́бка א שמייכל — קוים צו באמערקן; едва́ ~ый стон א קרעכצן — קוים צו דערהערן; едва́ ~ый за́пах א רייעך — קוים אופצוכאפן

улови́||ть *сов.* אופכאפן; ~ть взгляд אופכאפן דעם בליק; ~ть звук אופכאפן דעם קלאנג; ~ть смысл слов אופכאפן [טויפעס זײַן*] דעם זינען פון די ווערטער; при- бо́р ~л незначи́тельное колеба́ние по́чвы דער אפאראט האָט אופגעכאפט א שוואכע וואקלונג פונעם באָדן

уло́вка *ж* דריידל ז ־עך, מאניפאָרגע װ ־ס

уложи́ть *сов.* 1. אוועקלייגן; (*детей*) לייגן שלאָפן; (*устроить на ночлег*) לייגן; ~ ра́неного на крова́ть אוועקלייגן דעם פארווונדעטן אפן בעט; го́стя уложи́ли на дива́н דעם גאסט האָט מען געלייגט (שלאָפן) אפן דיוואן; врач уложи́л его́ в посте́ль דער דאָקטער האָט אים געהייסן ליגן; боле́знь опя́ть уложи́ла его́ в посте́ль די קרענק האָט אים ווידער געצווונגען אוועקלייגן זיך; 2. (*расположить в определённом порядке*) אויסלייגן, צונויפלייגן; 3. (*сделать причёску*) אויסלייגן; ~ во́лосы אויסלייגן די האָר; ~ ко́сы אויסלייגן די צעפ; 4. (*проложить*): ~ ре́льсы לייגן רעלסן; ~ нефтепрово́д דורכלייגן די נאפטלייטונג; 5. (*вещи в дорогу*) אײַנפאק(עווע)ן, פארפאק(עווע)ן; ~ чемода́н פארפאקעווען דעם טשעמאָדאן; 6. *разг.* (*свалить с ног*) אוועקלייגן; 7. *разг.* (*убить*) אוועקלייגן, אוועקהארגענען*; ~**ся** *сов.* 1. *разг.* (*в дорогу*) פארפאקעווען זיך; 2. (*поместиться*) אויסלייגן זיך, אײַנלייגן זיך; (*о написанном*) אויסשטעלן זיך; 3. *перен.* (*успеть*): докла́дчик уложи́лся в оди́н час דעם פאָרטרעגער איז גענוג געווען איין שאָ, דעם פאָרטרעגער האָט געקלעקט איין שאָ; я не уложу́сь в тако́й коро́ткий срок איך וועל ניט באווײַזן אלץ אָפטאָן פאר אזא קורצער° צײַט

улома́ть *сов. разг.* (קוים) אײַנבעטן* (עמעצן), (קוים) פויעלן (בא)

улуча́ть *несов.*, **улучи́ть** *сов.*: ~ моме́нт כאפן דעם גינסטיקן מאָמענט; געפינען* א שאס־האקוישער

улучша́ть(ся) *несов. см.* улу́чшить(ся)

улучше́ние *с* 1. (*действие*) פארבעסערן ז; 2. (*перемена к лучшему*) פארבעסערונג װ ־ען

улу́чшенный פארבעסערטער; (*об издании*) אויסגעבעסערטער

улу́чшить *сов.* פארבעסערן; ~**ся** *сов.* פארבעסערן זיך, בעסער ווערן*

улыба́||ться *несов.* 1. שמייכלען; приве́тливо ~ться פרײַנטלעך שמייכלען; 2. *перен.* צושמייכלען; שײַנען; жизнь ему́ ~ется דאָס לעבן שמייכלט אים צו; דאָס מאָזל שײַנט אים; 3. *разг.*: идти́ туда́ но́чью мне не ~ется גיין* אהין באנאכט האָב איך ניט קיין איבעריקן כיישעק

улы́бка *ж* שמייכל מ ־ען

улыбну́||ться *сов.* 1. א שמייכל טאָן*; 2. *перен.*: сча́стье ему́ ~лось דאָס גליק [דאס מאזל] האָט אים צוגעשמייכלט [צוגעשפילט]

ультимати́вный אולטימאטיווער

ультима́тум *м* אולטימאטום מ ־ס

у́льтра *м нескл. неодобр.* אולטרא מ ־ס, עקסטרעמיסט מ ־ן

ультрамари́н *м* אולטראמארין מ

ультрафиоле́тов||ый אולטראפיאָלעטאָווע(ר) *тж. неизм.*; ~ые лучи́ אולטראפיאָלעטאָווע שטראלן

улюлю́кать *разг.* אוליוליוקען, טיוקען

ум *м* 1. פארשטאנד מ, סייכל מ; (*умственные способности тж.*) קלוגשאפט װ; приро́дный ум דער נאטירלעכער פארשטאנד; свои́м умо́м дойти́ до *чего-л.* דערגיין* עפעס מיטן אייגענעם סייכל; в здра́вом уме́ באם קלאָרן פארשטאנד; не отлича́ться умо́м זײַן* ניט איבעריק קלוג; челове́к большо́го ума́ א גרויסער° כאָכעם, פיקייעך מ (מצ. פיקחים); 2. *часто мн.* (*мыслители*) מויכעס מצ.; лу́чшие умы́ челове́чества די בעסטע מויכעס פון דער מענטשהײַט; ◇ в уме́ אין געדאנק, אין מאכשאָווע; счита́ть в уме́ רעכענען אפן קאָפ; два в уме́ (*при вычислениях*) צוויי געהאלטן; в уме́ ли ты? ביסט מעשוגע צי כאָסערדייע!; быть не в своём уме́ ניט זײַן* באם קלאָרן פארשטאנד, ניט זײַן* בא די געדאנקען; сойти́ с ума́ מעשוגע ווערן*, אראָפ¦גיין* פונעם זינען [פון די געדאנקען]; свести́ с ума́ *кого-л.* דול מאכן עמעצן; (*очаровать*) פארדרייען עמעצן דעם קאָפ; ума́ не приложу́ כ׳הייב ניט אָן צו פארשטיין [צו וויסן]; э́то у меня́ из ума́ нейдёт דאָס גייט בא מיר פונעם קאָפ ניט ארויס; у меня́ э́того и в уме́ не́ было כ׳האָב עס

אפילע אין דער מאכשאָווע ניט געהאט; прийти́ на ум
(ארופֿ)קומען* אפֿן געדאַנק; кому́ придёт на ум וועמען
וועמען וועט עס אײַנפֿאלן, וועט עס קומען אפֿן געדאַנק;
кто зна́ет, что у него́ на уме́ ווער ווייס(ט), וואָס ער האָט
פֿארטראַכט!; у него́ друго́е на уме́ ער האָט גאָר עפּעס
אַנדערש אין זינען; у неё то́лько та́нцы на уме́ איר גייען
[קריכן] אין קאָפּ ארײַן נאָר טענץ; он за́дним умо́м кре́-
пок זײַן כאָכמע קומט דערנאָך, ער איז קלוג דערנאָך;
он себе́ на уме́ ער איז א פּיפּיקער פֿארשויִן; э́то не его́
ума́ де́ло דאָס איז ניט פֿאר זײַן (שוואכן) מויעך [פֿאר זײַן
קלײ-, קומען* צום סייכל (שמאָלן) קאָפּ]; взя́ться за ум
גער ווערן*; вы́жить из ума́ אויסוועערבאָטל ווערן*; что на
уме́, то и на языке́ *погов.* וואָס אף דער לונג, דאָס אף
דער צונג; оди́н ум хорошо́, а два лу́чше *погов.* פֿיר
אויגן זעען מער ווי צוויי

умали́ть *сов.* פֿארמינערן; ~ *чьи-л.* заслу́ги
עמעצנס פֿארדינסטן

умалишённый 1. מעשוגענער; 2. *в знач. сущ. м* מע-
שוגענער מ ··לע, דולער מ, מעטורעף מ (מצ. מעשוגאָים)
(מצ. מעטוראָפֿים)

ума́лчива||ть *несов. см.* умолча́ть; ◇ об э́том исто́рия
~ет וועגן דעם איז אין סייפער־האזיכרוינעס ניט דערמאָנט,
דאָס בלײַבט אן אײביקער סאָד

умаля́ть *несов. см.* умали́ть

уме́лец *м* מ מײַסטערקאָפּ; он настоя́щий ~ ער איז א
מײַסטערקאָפּ, ער האָט גאָלדענע [געבענטש-
טע] הענט [א מײַסטער

уме́л||ый געניטער, בעריעשער; ~ый ма́стер א געניטער
מײַסטער; ~ые ру́ки געניטע [בעריעשע] הענט; ~ое
руково́дство גוטע° אָנפֿירונג

уме́ние *с* I קענען; ~ ориенти́роваться דאָס קענען
[וויסן ווי] זיך אָריענטירן

уменьша́емое *с мат.* I געמינערטע

уменьша́ть(ся) *несов. см.* уме́ньшить(ся)

уменьше́ние *с* I פֿארקלענערן, II פֿארקלענערונג

уменьши́тельн||ый 1. ·פֿארקלענער; ~ое стекло́ פֿאר-
קלענער־גלאָז I; 2. *грам.* ·פֿארקלענער; ~ый су́ффикс
פֿארקלענער־סופֿיקס מ ־ן; ~ое и́мя существи́тельное
דעמינוטיוו מ ־ן, פֿארקלענער־נאָמען מ (מצ. ··נעמען)

уме́ньшить *сов.* פֿארקלענערן, מאכן קלענער; ~ рас-
хо́ды פֿארקלענערן די הויצאָעס; ~ вес די
פֿארקלענערן; ~ ого́нь в ла́мпе מאכן א קלענער פֿײַערל אינעם
לאָמפּ; ~ся *сов.* פֿארקלענערן זיך, קלענער ווערן*; (*о
количестве тж.*) ווייניקער ווערן*; (*о боли*) לינדער
שוואכער ווערן*, ווערן*

уме́ренн||о מעסיק, מיט מאָס; ~ый מעסיקער; ~ая
вла́жность מעסיקע פֿײַכטקײַט; ~ые це́ны א מעסיקע
פּרײַזן [אָנגעמאָסטענע]; ~ые либера́лы מעסיקע ליבעראלן;
◇ ~ый кли́мат א מעסיקער קלימאט

умере́ть *сов.* 1. שטארבן*; ~ сме́ртью геро́я שטארבן*
מיט א העלדנטויט, ווי א העלד; ~ за Ро́дину
אומקומען* פֿארן, אָפּגעבן* דאָס לעבן פֿארן היימלאַנד
היימלאַנד; 2.: мо́жно ~ со́ смеху מע קען פּלאצן לאכנ-
דיק

уме́рить *сов.* פֿארקלענערן, מאכן מעסיקער; ~ боль
פֿארקלענערן [אָפּשוואכן] דעם ווייטיק; ~ тре́бования
ארויסשטעלן מעסיקערע, פֿארקלענערן די פֿאָדערונגען
פֿאָדערונגען; уме́рьте свой пыл! היצט זיך ניט אזוי!

умертви́ть *сов.* טייטן, דערמאָרדן, דערהארגענען*; *перен.*
אָפּטייטן, דערשטיקן

уме́рший *м* פֿארשטאָרבענער מ ··נע

умерщвля́ть *несов. см.* умертви́ть

умеря́ть *несов. см.* уме́рить

умести́ть *сов.* אײַנפּלאצירן; (*расставить*) אויסשטעלן;
(*усадить*) אויסזעצן; (*уложить*) אויסלייגן; (*при письме*)
אויסשטעלן; ~ся *сов.* אײַנפּלאצירן זיך; все на скамье́
не уместя́тся אלע וועלן זיך אף דער באנק ניט אויס-
זעצן; всё умести́лось на одно́й страни́чке אלץ האָט זיך
אויסגעשטעלט אף איין זײַטל; ве́щи в чемода́н не умес-
тя́тся די זאכן וועלן אין טשעמאָדאַן ניט ארײַן

уме́стн||ый פּאסיקער; צום אָרט *после сущ.*; ~ое за-
меча́ние א באמערקונג צום אָרט [צו דער זאך]; счита́ть
~ым רעכענען פֿאר פּאסיק; бы́ло бы ~о ס'וואָלט קעדײַ
געווען, ס'וואָלט געפּאסט; здесь уме́стен вопро́с ס'פֿרעגט
זיך א קאשע, ס'איז קעדײַ צו פֿרעגן

уме́ть *несов.* קענען*; (*обладать искусством*) וויסן*
ווי(אזוי) צו...; де́вочка уже́ уме́ет чита́ть דאָס מיידעלע
קען שוין לייענען; он уме́ет заинтересова́ть чита́телей
ער ווייס(ט) ווי(אזוי) צו פֿארינטערעסירן די לייענער; э́то
на́до де́лать уме́ючи דאָס דארף מען טאָן* מיט געניטשאפֿט
[מיט קענטשאפֿט]

умеща́ть(ся) *несов. см.* умести́ть(ся)

умил||е́ние *с* II גערירטקײַט (צערטלעכע); ~ённый
גערירטער (צערטלעך)

умили́ть *сов.* רירן (צערטלעך); ~ся *сов.* (צערטלעך)
גערירט ווערן*

уми́лостивить *сов.* (*кого-л.*) עמעצנס [ווייך מאכן] רירן
הארץ

уми́льный 1. רירנדיקער(צערטלעך־); 2. (*угодливый*)
זיס־כ(א)ניפֿעדיקער

умиля́ть *несов. см.* умили́ть

умира́ть *несов.* 1. *см.* умере́ть; (*кончаться, агонизи-
ровать*) גויסע(ס)ן, אויסגיין*; 2.: ~ со́ смеху קײַכן פֿאר
געלעכטער; ~ от ску́ки קרעקן פֿאר אומעטיקײַט

умира́ющий *м* גויסעס מ ־ים

умиротвори́ть *сов.* באַרויִקן, אײַנשטילן; ~ вражду́ю-
щих מאכן (א) שאָלעם צווישן די באלע־מאכלויקעס

умне́ть *несов.* קלוג [קליגער] ווערן*

у́мник *м разг.* 1. קאָפּמענטש מ ־ן, כאָכעם מ (מצ.
כאכאָמים), בארדאָס מ ־ן; 2. *ирон.* [גאַנצער] ווילדער
כאָכעם; 3. (*о ребёнке*) יינגעלע [פֿארשטאַנדיק] געשײַט

у́мница 1. *м и ж* (מצ. כאכאָמים) כאָכעם מ, בארדאָס
מ ־ן; он большо́й [больша́я] ~ ער איז א פֿיקײעך;
2. *ж* ס ־ II כאכאָמע, בארדאָס מ ־ן; 3. *м и ж* (*о
ребёнке*) געשײַט [פֿארשטאַנדיק] קינד

у́мничать *несов. разг.* זײַן* צו קלוג

у́мн||о *нареч.* קלוג°, מיט סייכל; он поступи́л ~о ער
האָט געהאַנדלט [געטאָן] קלוג°; ~ый קלוגער°; ~ая же́н-
щина א קלוגע° [א פֿארשטאַנדיקע] פֿרוי; ~ый сове́т א
קלוגע° אייצע; ~ые глаза́ קלוגע° אויגן, אויגן פֿון א כאָ-
כעם; ~ая соба́ка א קלוגער° הונט; ◇ ~ая голова́
באַל־מויעך מ

умножа́ть(ся) *сов. см.* умно́жить(ся)

умноже́ние *с* 1. (*действие*) II פֿארגרעסערונג, פֿאר-
מערן I, גרעסערן I; 2. *мат.* I קייפּלען, קייפּל מ

умно́жить *сов.* 1. פֿארמערן, מאכן מער(ער); ~ дохо́ды

פארגרעסערן [מערער מאכן] די האכנאָסעס; 2. *мат.* קייפלען; ~ся *сов.* פארמערט ווערן*, מער(ער) ווערן*; умнóжились дохóды ס'זײַנען פארגרעסערט געוואָרן די האכנאָסעס

умозаключéние *с* 1. אויספיר(־שלוס) ם ־ן; 2. *лог.* סילאָגיזם ם ־ען

умозри́тельный ספּעקוליאטיווער

умоли́ть *сов.* (*кого-л.*) דערבעטן* זיך (בא), אײַנבעטן*, קוים פּויעלן (בא)

у́молк: без ~у אומאויפהערלעך, אָן אויפהער; ניט אנשוויגן צו ווערן

умолкáть *несов.*, **умóлкнуть** *сов.* 1. (*перестать издавать звуки*) אנשטילט ווערן*, אנשוויגן ווערן*; при егó появлéнии все умóлкли ווען ער האָט זיך באוויזן [געיאוועט], זײַנען אלע אנשוויגן געוואָרן; 2. (*перестать звучать*) אנשטילט ווערן*; не умолкáли раскáты грóма ס'איז ניט אנשטילט געוואָרן דאָס געהילך פונעם דונער, ס'האָט ניט אויפגעהערט הילכן דער דונער

умолчáние *с* פארשווײַגן ז

умолчáть *сов.* (о *предл.*) מאכן א שווײַג (פון), פארשווײַגן*

умоля́‖ть *несов.* 1. (*кого-л.*) בעטן* זיך (ראכמים) (בא); 2.: успокóйтесь, ~ю вас! איך בעט אײַך זײַער, בארויקט זיך!

умопомешáтельство *с* מעשוגאס ז; וואנזין ם *уст.*

умопомрачéни‖е *с уст.* טירוף־האדאס ם; ◇ до ~я ביז מעשוגע צו ווערן*

умопомрачи́тельный *разг.* קאָפּשווינדלדיקער

умори́тельн‖о *нареч.* ביז גאָר קאָמיש, אף צו האלטן זיך בא די זײַטן; ~ый (זײַער) א לעכערלעכער, העכסט קאָמישער

умори́ть *сов. разг.* 1. אומברענגען*; ~ гóлодом לאָזן* אויסגיין פון הונגער; 2. (*утомить*) אויסמאטערן, פארמאטערן; 3.: он их умори́л (сó смеху) זיי האָבן בא אים געקײַכט פון געלעכטער; ~ся *сов. разг.* פארמאטערן זיך, אויסמאטערן זיך, אויסגיין* פון די קויכעס

у́мственн‖ый אינטעלעקטועלער, גײַסטיקער; ~ые спосóбности גײַסטיקע פּעיִקײַטן; ~ый труд אינטעלעקטועלע ארבעט, מויעך־ארבעט וו, קאָפּ־ארבעט וו

умудрённый: ~ óпытом אָנגעלערנט פון דער אייגענער דערפארונג

умудри́ться *сов.*, **умудря́ться** *несов. разг.* באווײַזן* א קונץ [א בעריעשאפט]; он умудри́лся лéтом простуди́ться ער האָט באוויזן א קונץ [א בעריעשאפט] צו פארקילן זיך אינמיטן זומער

умчá‖ть *сов.* געשווינד אוועקטראָגן*; пóезд ~л нас на юг דער צוג האָט אונדז געשווינד אוועקגעטראָגן אפן דאָרעם; ~ться *сов.* 1. אוועקיאָגן; 2. (*о времени*) אוועקפליִען*, איבערפליִען*

умывáльник *м* וואשבעקן ם ־ס

умывáть(ся) *несов. см.* умы́ть(ся)

умыкáть *несов.* **умыкнýть** *сов.*: ~ невéсту ארויסגאנווענען* די קאלע

у́мысел *м* קיוון ם; без у́мысла אָן א (זײַטיקן) מיין, אָן א קיוון; э́то бы́ло сдéлано без злóго у́мысла דאָס איז געטאָן (געוואָרן) אָן בייזע קאוואָנעס

умы́ть *сов.* (*ребёнка и т. п.*) ארומוואשן*; (*лицо и т. п.*) אָפּוואשן*; ◇ ~ ру́ки אָפּוואשן* די הענט פון עפּעס; אויסטאָן* זיך פון עפּעס; ~ся *сов.* ארומוואשן* זיך

умы́шленн‖о *нареч.* אומיסטן, מיט א קיוון, בעקיוונ(דיק); ~ый בעקיוונדיקער

унаслéдовать *сов.* (אָפּ)יארשענען*, באקומען* בעיערושע

унести́ *сов.* 1. אוועקטראָגן*; ~ с собóй פארנעמען* מיט זיך; 2. *разг.* (*украсть*) צושלעפּן; 3. (*увлечь; о течении, о ветре*) אוועקטראָגן*; (*куда-л.*) פארטראָגן*; лóдку унеслó течéнием דער שטראָם האָט אוועקגעטראָגן דאָס שיפּל; 4. (*о мечтах, о мыслях и т. п.*) פארפירן, פארטראָגן*; ◇ éле нóги ~ קוים ארויס א גאנצער; ~сь *сов.* 1. אוועקיאָגן; (*быстро убежать*) *разг.* אָפּטראָגן* זיך, אנטלויפן*; 2. (*о мыслях, о мечтах и т. п.*) פארטראָגן* ווערן*; 3. (*миновать; о времени*) פארבײַלויפן*, איבערפליִען*

универмáг *м* אוניווערמאג ם ־ן (אוניווערסאלער מאגאזין)

универсáльн‖ый אוניווערסאלער; ~ое срéдство אן אוניווערסאל מיטל; ~ый магази́н *см.* универмáг

университéт *м* אוניווערסיטעט ם ־ן; ~ский אוניווערסיטעט־, אוניווערסיטעטישער; ~ские преподавáтели אוניווערסיטעט־לערער מצ.; ~ское образовáние אוניווערסיטעטישע בילדונג; ~ский гóрод א שטאָט מיט אן אוניווערסיטעט

унижáть(ся) *несов. см.* уни́зить(ся)

унижéние *с* דערנידעריקונג וו

уни́женн‖о *нареч.* האכנאָעדיק; ~ый האכנאָעדיקער

унижённый דערנידעריקטער

унизи́тельн‖ый דערנידערנדיקער; ~ое услóвие א דערנידערנדיקער טנײַ; оказáться в ~ом положéнии ארומזען* זיך אין א נידעריקער [אין א שאָפלדיקער] לאגע

уни́зить *сов.* דערנידעריקן; ~ся *сов.* דערנידעריקן זיך

уникáльный אוניקאלער; איינציקער אין דער וועלט

у́никум *м* אוניקום ם ־ס

унимáть(ся) *несов. см.* уня́ть(ся)

унисóн *м*: в ~ אין אוניסאָן, אין אײַנקלאנג

унификáция *ж* אוניפיצירונג וו

унифици́ровать *сов. и несов* אוניפיצירן

уничижи́тельн‖ый פאראכט־, ביטל־; ~ая кли́чка פאראכטלעכער צונאָמען

уничтожáть *несов. см.* уничтóжить

уничтожáющий 1. (*губительный*) פארניכטנדיקער; ~ пулемётный огóнь א (צע)שמעטערנדיק [פארניכטנדיק] קוילנווארפער־פײַער; 2. (*о критике и т. п.*) פארניכטנדיקער; 3. (*выражающий презрение*) פאראכטלעכער, ביטלדיקער; ~ взгляд א פארניכטנדיקער בליק, א פאראכט־פולער [א פאראכטלעכער] בליק

уничтожéние *с* פארניכטונג וו; (*истребление*) אויסראָטונג וו; (*упразднение*) ליקווידירונג וו, אנולירונג וו

уничтóжи‖ть *сов.* 1. פארניכטן; (*истребить*) אויסראָטן*; пожáр ~л библиотéку די סרייפע האָט פארניכט(עט) די ביבליאָטעק; ~ть врагá פארניכטן דעם סוינע; 2. (*ликвидировать*) ליקווידירן; ~ть безрабóтицу ליקווידירן די ארבעטלאָזיקײַט; 3. (*надежды, сомнения и т. п.*) מאכן צו נישט; 4. *разг.* (*съесть без остатка*) אויפעסן*; (*выпить*) אויסזשליאָקען; 5. (*унизить*) פארשפּאָטן, דערנידעריקן

уноси́ть(ся) *несов. см.* унести́(сь)

у́нты *мн.* (*ед.* унт *м*) אונטעס מצ., פוטערנע שטיוול

у́нция *ж* (*мера веса*) אונץ וו ־ן

уныва́||ть *несов.* זײַן* געפאלן בא זיך, זײַן* פארומערט; не ~й! פאל ניט אראָפּ בא זיך!, (נאָר) ניט געדײַגעט!

уны́л||о 1. *нареч.* אומעטיק, טרויעריק; ~о во́ет ве́тер ס׳פײַפט אומעטיק דער ווינט; 2. *в знач. сказ. безл.* (ס׳איז) אומעטיק, (ס׳איז) סומנע; как здесь ~о! ווי טרויעריק איז דאָ!; ~о ста́ло на душе́ ס׳איז געוואָרן טרויעריק [סומנע] אפן הארצן; **~ый** 1. *(испытывающий или выражающий уныние)* פארומערטער, באטריבטער, פארמאָרעשכוירעטער; 2. *(наводящий уныние)* טריבער, מאָרעשכוירעדיקער

уны́ние *с* אומעט ח, מאָרעשכוירע II; впасть в ~ אַרײַנפאלן* אין מאָרעשכוירע, ווערן* געפאלן בא זיך

уня́ть *сов.* 1. *(успокоить)* אײַנשטילן; ~ ребёнка אײַנעמען* [אײַנשטילן] דאָס קינד; ~ шалуно́в אײַנשטילן די שטיפער; 2. *(прекратить, не дать проявиться)* אײַנהאלטן*, אָפּשטעלן; ~ слёзы אײַנהאלטן* די טרערן; ~ кровь אָפּשטעלן דאָס בלוט; 3. *(подавить чувство)* אײַנעמען*, דערשטיקן אין זיך; **~ся** *сов.* 1. *(успокоиться)* אײַנשטילן זיך, בארויקן זיך; *(о непогоде и т. п.)* אײַנשטילן זיך; *(о боли)* אָפּלאָזן*, איבערגײן*; да уйми́тесь же, наконе́ц! בארויקט זיך סאָפּקאָלסאָף!; 2. *(о чувствах)* אופהערן, איבערגײן*

упа́д: смея́ться до ~у פּלאצן פון געלעכטער, בלײַבן* אָן קויכעס לאכנדיק; танцева́ть до ~у פאלן* פון די פיס טאנצנדיק

упа́док *м* פאלן I; יערידע II; экономи́ческий ~ אן עקאָנאָמישע יערידע [דעגראדאציע]; пери́од упа́дка א פּעריאָד פון יערידע; прийти́ в ~ פאלן*, קומען* אין א יערידע־צושטאנד; ~ сил אָפּגעשוואכטקײַט II

упа́дочничество *с* יערידע־שטימונגען מצ., דעקאדאנס ח

упа́дочн||ый יערידע־; *(об искусстве и т. п.)* דעקאדענטער; ~ое настрое́ние יערידע־שטימונג II

упакова́ть *сов.* אײַנפּאַק(עווע)ן, פארפּאַק(עווע)ן

упако́в||ка *ж* 1. *(действие)* פארפּאַק(עווע)ן I, אײַנפּאַק(עווע)ן I; 2. *(материал)* (אײַנ)פּאַקונג II; **~очный** פּאַק־; ~очная бума́га פּאַקפּאַפּיר I; **~щик** *м* אײַנפּאַקער ח =

упако́вывать *несов. см.* упакова́ть

упа́сть *сов.* 1. (אומ)פאלן*; *(сверху)* אראָפּפאלן*; ра́неный упа́л דער פארוואונדעטער איז אומגעפאלן; ~ на коле́ни פאלן* אף די קני; 2. *(свеситься, опуститься)* אראָפּלאָזן* זיך, פאלן*; тяжёлые ко́сы упа́ли на пле́чи די שווערע צעפּ האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אף די פּלײצעס; 3. *(о свете, о тени; тж. перен.)* פאלן*; 4. *(ослабеть, уменьшиться)* פאלן*; температу́ра упа́ла די טעמפּעראטור איז געפאלן; настрое́ние упа́ло די שטימונג איז געפאלן; ◇ ~ в о́бморок פאלן* כאלאָשעס; ~ ду́хом פארלירן* דעם מוט, אראָפּלאָזן* דעם קאָפּ; ~ в чьих-л. глаза́х פארלירן* [אָנווערן*] אין עמעצנס אויגן; *ср. тж.* пасть *и* па́дать

упере́ть *сов.* *(вин. в вин.)* אָנשפּארן (עפּעס — אין); צושפּארן (עפּעס — צו); ~ ру́ки в бока́ אָנשפּארן די הענט אין די זײַטן; ~ весло́ в борт ло́дки צושפּארן דעם רודער צום ווענטל פונעם שיפל; **~ся** *сов.* 1. *(тв. в вин.)* אָנשפּארן זיך (מיט — אין); צושפּארן זיך (מיט — צו); ~ся плечо́м в дверь אָנשפּארן זיך מיט דער פּלײצע אין דער טיר; 2. *разг.*: ~ся глаза́ми, взгля́дом в кого́-л. во что-л. אײַנעסן* זיך מיט די אויגן אין עמעצן, אין עפּעס; 3. *разг.* *(заупрямиться)* אײַנשפּארן זיך, אײַנאַקשענען זיך; 4. (в *вин.*) *разг.* *(подойти вплотную к чему-л.)* אָנשטויסן* זיך (אין), בלײַבן* שטײן (בא); он шёл, пока́ не упёрся в забо́р ער איז געגאנגען, ביזוואנען ער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן אין א פּארקן

упива́ться *несов.* *(тв.)* געניסן*, זעטיקן זיך (מיט), זײַן* בארוישט [פארשיקערט] (פון); ~ красото́й приро́ды געניסן* די שײנקײַט פון דער נאטור

упира́ть *несов.* 1. *см.* упере́ть; 2. (на *вин.*, *подчёркивать*) שטעלן דעם טראָפּ (אף), ארויסהײבן*; **~ся** *несов.* 1. *см.* упере́ться; 2. *разг.* *(упрямиться)* אַקשענען זיך; 3. *разг.*: всё упира́ется в нехва́тку рабо́чих рук די מעניע איז, וואָס ס׳פעלן אויס ארבעטער

упи́сывать *несов.* *разг.* *(есть)* אכלען, ארבעטן מיט די ציין; ~ за о́бе щеки́ אכלען אף בײדע באקן

упи́танн||ость *ж* אײַנגעהאָדעוועטקײַט II; **~ый** אײַנגעהאָדעוועטער; *(о человеке тж.)* באלײַבטער

упла́та *ж* אָפּצאָלן I, אָפּצאָל ח

уплати́ть *сов.*, **упла́чивать** *несов.* אָפּצאָלן, באצאָלן

уплета́ть *несов.* *разг.*: за о́бе щеки́ רײַבן* אף בײדע באקן

уплотне́ние *с* 1. *(действие)* פארשטײַפונג II, פארשטײַפן I, פארהארטונג II; 2. *(более плотное заселение)* קאָמפּאקטירן I; 3. *мед.* פארהארטונג II ־ען

уплотни́ть *сов.* 1. *(сделать более плотным)* פארשטײַפן, שטײַפער מאכן; 2. *(сделать более насыщенным)* פולער מאכן; ~ рабо́чий день מאכן דעם ארבעטסטאָג פולער; ~ сро́ки פארקירצן די טערמינען; 3. *(заселить плотнее)* קאָמפּאקטירן; **~ся** *сов.* 1. *(стать плотнее, твёрже)* שטײַפער ווערן*, פארשטײַפן זיך; 2. *(о рабочем времени)* פולער ווערן*; *(о сроках)* פארקירצט ווערן*

уплотня́ть(ся) *несов. см.* уплотни́ть(ся)

уплыва́ть *несов.*, **уплы́ть** *сов.* 1. אוועקשווימען*; *(слишком далеко)* פארשווימען*; *(о судне)* אוועקגײן*; 2. *(на судне)* אוועקשווימען* [אוועקפאָרן*] (מיט דער שיף); אָפּשיפן; 3. *(об облаках и т. п.)* אוועקשוועבן; 4. *(исчезнуть)* אויסרינען*

упова́ние *с уст.* ביטאָכן ח, האָפענונג II ־ען

упова́ть *несов.* (на *вин.*) *уст.* פארהאָפן (אף), דופען

уподо́бить *сов.* *(дат.)* צוגלײַכן* (צו); **~ся** *сов.* *(дат.)* געגליכן זײַן* (צו), געגליכן ווערן* (צו)

уподобля́ть(ся) *несов. см.* уподо́бить(ся)

упое́ни||е *с* בארוישונג II; быть в ~и זײַן* בארוישט; рабо́тать с ~ем ארבעטן מיט לײַדנשאפט

упои́тельный בארוישנדיקער; מעכײַעדיקער, כעסדיקער

уполза́ть *несов.*, **уползти́** *сов.* אוועקקריכן*; *(по земле тж.)* אוועקפּויזען

уполномо́ченный *м* באפולמעכטיקטער ח ··טע

уполномо́чивать *несов.*, **уполномо́чить** *сов.* באפולמעכטיקן

упомина́ни||е *с* דערמאָנונג II; *(замечание)* אָנווײַז ח ־ן, באמערקונג II ־ען; при ~и אז מע דערמאָנט

упомина́ть *несов. см.* упомяну́ть

упо́мнить *сов. разг.* פארגעדענקען

упомя́нутый דערמאָנטער

упомяну́ть *сов.* *(вин., о предл.)* דערמאָנען; *(заметить тж.)* באמערקן; вскользь ~ אגעוודיק באמערקן

упóр *м* אָנשפאר מ ־ן; ◇ дéлать ~ на *что-л.*, на *чём-л.* שטעלן דעם טראָפ אף עפעס; вы́стрелить в ~ אויסשיסן* גלײַך אין לײַב ארײַן; смотрéть на *кого-л.* в ~ אײַנגראָבן* די אויגן אין עמעצן; сказáть *что-л.* в ~ זאָגן עפעס גלײַך [אָפן], רעדן* אָפענע דיבורים

упóр‖ный אקשאָנעסדיקער, אײַנגעשפארטער; (*о борьбе тж.*) הארטנעקיקער; (*упрямый, неуступчивый*) פאראקשנטער; ~ный труд אײַנגעשפארטע [אקשאָנעסדיקע] ארבעט; ~ное сопротивлéние הארטנעקיקער ווידערשטאנד; ~ство *с* אקשאָנעסדיקײַט וו, אײַנגעשפארטקײַט וו; (*стойкость тж.*) הארטנעקיקײַט וו; (*упрямство, неуступчивость*) פאראקשנטקײַט וו; ~ство в борьбé הארטנעקיקײַט אין קאמף

упóрствовать *несов.* זײַן* אײַנגעשפארט; אקשענען זיך; (*в чём-л.*) בלײַבן* פאראקשנט (אין)

упорхнýть *сов.* אוועקפליען*, אוועקפלאטערן

упоря́дочение *с* דאָס ברענגען אין אָרדענונג

упоря́дочить *сов.* (*вин.*) ברענגען* אין אָרדענונג, אײַנרעגולירן, שאפן* אָרדענונג (אין)

употреби́тельн‖ый געברויכלעכער, אָנגענומענער; ~ые словá גאנגבארע [פארשפרײטע] ווערטער

употреби́ть *сов.* (*вин.*) אויסניצן, באניצן זיך (מיט); (*применить*) אָנווענדן; (*в речи, письме*) ניצן; ~ все усилия אָנווענדן [מאכן] אלע באמיונגען, טאָן* אלץ; ~ на *что-л.* мнóго врéмени פאטערן אף עפעס א סאך צײַט; ◇ ~ во зло *чьё-л.* довéрие אויסניצן לעראָע עמעצנס צוטרוי

употреблéни‖е *с* באניץ מ, באנוץ מ, באניצן ז, געברויך מ; вы́йти из ~я ארויס פונעם געברויך; ניט געניצט ווערן* מער; быть в большóм ~и ברייט געברויכט ווערן*, זײַן* אין מאסנגעברויך; спóсоб ~я אויפן פון באנוץ; перед ~ем פארן באנוץ; (*о лекарстве*) פארן אײַנעמען

употребля́ть *несов. см.* употреби́ть

упрáв‖а *ж*: я найдý на негó ~у ער וועט באקומען בא מיר זײַן ערלעך אויסקומעניש, ס'וועט אים אזוי גלאט ניט אָפגיין; на негó нет ~ы ער הערט קײנעם אין דער וועלט ניט; וואָס ער וויל, טוט ער

управдóм *м* (управля́ющий дóмом, домáми) הויז־פארוואלטער מ =

упрáвиться *сов. разг.* אופאָרען זיך; (с *тв.*) פארטיק ווערן* (מיט), אָפפארטיקן זיך (מיט), ספראווען זיך (מיט)

